ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# שבת

בלשון הקודש ואידיש

**202**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת שבת

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת שבת

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

(ג ע"ב) **א אמר** ליה רב חייא לרב בר פחתי לא אבינא לך כי קאי רבי בהא מסכת לא תשייליה במסכת אחריתי דילמא לאו אדעתיה דאי לאו דרבי גברא רבה הוא כספתיה דמשני לך שנויא דלאו שנויא הוא השתא מיהת שפיר משני לך :

(ט ע"ב) **ב מאימתי** התחלת תספורת אמר רבי אבין משיניח מעפורת של ספרין על כתפיו ומאימתי התחלת מרחץ אמר רבי אבין משיערה מעפרתו הימנו ומאימתי התחלת בורסקי משיקשור בין כתפיו ומאימתי התחלת אכילה רב אמר משיטול ידיו ורבי חנינא אמר משיתיר חגורה ולא פליגי הא לן והא להו :

בר פחתי . בן גדולים: לא תשייליה כלומר שאין לבו למסכת זו שמא יתבייש : מאימתי התחלת תספורת . דאמרינן לעיל אינו מפסיק כדתנן אם התחילו וכו' : מעפורת . סודר ונותנו על ברכיו שלא יפול השער על בגדיו : משיערה מעפרתו הימנו . סודר שהוא ראשון להפשטת בגדיו : משיקשור בין כתפיו . את כתי זרועותיו שקורין בהאלייר"ס בלע"ז הא לן והא להו. בני בבל היו חוגרים את עצמם בהמייך וכשאוכלים צריכים להתירה ובני ארץ ישראל לא היו נוהגים כן בהתרת חגורה קודם נטילת ידים : רמי פוזמקי . מכין אנפילאות המונחים ברגליו ובלע"ז קאלסונין : הכון לקראת אלהיך ישראל. התנאה לפניו : שדי גלימיה . משליך הדרתו מעליו שלא יראה כחשוב : ופכר ידיה תפק ידיו

(דף י) **ג רבא** בר רב הונא רמי פוזמקי ומצלי אמר (עמוס ד) הכון לקראת אלהיך ישראל . רבא שדי גלימא ופכר ידיה ומצלי אמר כעבדא קמי מריה .

אמר

## פרק ראשון

**א** אָמַר . רַבִּי חִיָּא הָט גְזָאגְט צוּ רַב דוּא יַחֲסָן הָאבּ אִיךְ דֶען דִיר נִיט גְזָאגְט ווען רַבִּי לֶערְנְט דִיא מַסֶכֶת זָאלְסְטוּ אִיהם נִיט פְרֶעגְן פוּן קֵיין אַנְדֶער מַסֶכְתָּא . טָאמֶער הָאט נִיט רַבִּי אִין זִינֶען דִיא מַסֶכְתָּא וָואס דוּא פְרֶעגְסְט אִיהם פוּן איר . וָוארוּם וֶוען רַבִּי וָואלְט נִיט גְיוֶוען אַגְרוֹיסֶער לַמְדָן וָואלְסְטוּ אִיהם פַאר שֶׁעמְט . עֶר וָואלְט דִיר גְיֶענְפֶערְט אַזוֹי אַתִּירוּץ וָואס עֶס אִיז נִיט קֵיין תִּירוּץ . וָואלְט מֶען גְזָאגְט אַז רַבִּי וֵויס נִיט צוּ פַאר עֶנְפֶערִין דֵיין קַשְׁיָא . אָבֶּער אִיצְט הָאט עֶר דִיר גוּט גְיֶענְפֶערְט :

**ב** מֵאֵימָתַי . וֶוען אִיז דֶער אָנְהֵייבּ פוּן שֶׁערִין . אַז עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבִּין דַארְף עֶר נִיט מַפְסִיק זַיין אֲפִילוּ צוּם דַאוֶונֶען . הָט רַבִּי אָבִין גְזָאגְט אַז עֶר הָט גִילֵייגְט אוֹיף זַיינֶע אַקְסְלִין דֶעם פַארְטוּךְ פוּן דֶער שֶׁעֶרֶער . דִיא הָאר זָאל נִיט פַאלֶען אוֹיף זַיינֶע קְלֵיידֶער . דַארְף עֶר שׁוֹין נִיט מַפְסִיק זַיין בִּיז נָאךְ דֶעם אָפּ שֶׁערִין . וֶוען אִיז דֶער אָנְהֵייבּ פוּן בָּאדִין זִיךְ . אַז עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען דַארְף עֶר נִיט מַפְסִיק זַיין . הָט רַבִּי אָבִין גְזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט נָאר אַרָאפּ פוּן זִיךְ דָאס אוֹבֶּערְשְׁטֶע קְלֵייד . בֶּארְף עֶר שׁוֹין נִיט מַפְסִיק זַיין בִּיז נָאךְ דֶעם בָּאדִין . וֶוען אִיז דֶער אָנְהֵייבּ אַרְבֶּעט פוּן אַגַארְבֶּער . אַז עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבֶּען דַארְף עֶר נִיט מַפְסִיק זַיין . אַז עֶר בִּינְט אָן דֶעם פַארְטוּךְ אַרוּם דִיא אַקְסְלֶען . עֶר זָאל זִיךְ נֶעמֶען צוּ דִיא אַרְבֶּעט . דַארְף עֶר נִיט מַפְסִיק זַיין בִּיז עֶר עֶנְדִינְט דִי אַרְבֶּעט . וֶוען אִיז דֶער אָנְהֵייבּ פוּן עֶסִין . אַז עֶר הָט אָנְגִיהוֹיבִּין דַארְף עֶר נִיט מַפְסִיק זַיין . רַב זָאגְט אַז עֶר וַואשְׁט דִיא הֶענְט . אוּן רַבִּי חֲנִינָא זָאגְט אַז עֶר בִּינְט אוֹיף דֶעם גַארְטִיל . אוּן זֵייא קְרִיגֶען נִיט . בַּיי אוּנְז וַבַּיי דִיא מֶענְטְשְׁן פוּן בָּבֶל אִיז דֶער מִנְהָג אָפּ צוּ בִּינְדֶען דֶעם גַארְטִיל פַאר דֶעם עֶסִין . אִיז דֶער אָנְהֵייבּ פוּן עֶסִין וֶוען מֶען בִּינְט אָפּ דֶעם גַארְטִיל . אוּן בַּיי זֵייא (בַּייא דִיא מֶענְטְשִׁין פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל) וָואס זֵייא בִּינְדִין נִיט אָפּ דֶעם גַארְטִיל צוּם עֶסִין . אִיז בַּיי זֵיי דֶער אָנְהֵייבּ פוּן עֶסִין . וֶוען מֶען וַואשְׁט דִי הֶענְט :

**ג** רָבָא דֶער זוּהְן פוּן רַב הוּנָא אַז עֶס פְלֶעגְט קוּמֶען דִיא צַייט פוּן דַאוֶונֶען . פְלֶעגְט עֶר אָן טָאהְן שֵׁיינֶע שִׁיךְ אוּן זָאקִין אוּן הָאט גִידַאוֶונְט . עֶר הָאט גְזָאגְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶער נָבִיא הָט גְזָאגְט צוּא דִיא יוּדְען דוּא זָאלְסְט דִיךְ אָן בְּרֵייטִין גֶעגִין גָאט . דוּ זָאלְסְט דִיךְ שֵׁיין אָן טאהְן אַז דוּא גֵייסְט בֶּעטִין פַאר גָאט . רָבָא פְלֶעגְט אַרָאפּ וַוארְפֶען פוּן זִיךְ דֶעם אוֹבֶּערְשְׁטִין מַאנְטִיל . אוּן פְלֶעגְט צוּ זַאמֶען לֵייגֶען דִיא הֶענְט : אוּן הָאט גִידַאוִוינְט . עֶר הָאט

גזאגט

אמר רב אשי חזינא ליה לרב כהנא כי איכא צערא בעלמא שדי גלימיה ופכר ידיה ומצלי אמר כעבדא קמי מריה כי איכא שלמא לביש ומתכסי ומתעטף ומצלי אמר הכון לקראת אלהיך ישראל. רבא חזייה לרב המנונא דקא מאריך בצלותיה אמר מניחין חיי עולם ועוסקים בחיי שעה והוא סבור זמן תפלה לחוד וזמן תורה לחוד. רבי ירמיה הוה יתיב קמי דרבי זירא והוו עסקי בשמעתא נגה לצלויי והוה קא מסרהב רבי ירמיה קרי עליה רבי זירא (משלי כח) מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה:

שאלבעופיו כאדם המפחד מאימת רבו: חיי עולם. תורה ותפלה צורך חיי שעה היא לרפואה לשלום ולמזונות: נגה. איחר: מסרהב. ממהר לעמוד: (מסיר אזנו משמוע תורה. משום שרוצה להתפלל ואעפ"כ תפלתו תועבה. מהרש"א): עמודי. שמליות ב"ה נכון וכשען עליהם: חליש ליבייהו. מצטערים שלא עסקו אותו היום בתורה: תנא להו חייא בר רב. שגדול שכר הדיינים ולא יצטערו ול"נ דאין זה משמעות לשון ליבייהו אלא

**ד** רב אמי ורב אסי הוו יתבי וגרסי ביני עמודי וכל שעתא ושעתא הוו טפחי אעיברא דדשא ואמרי אי איכא דאית ליה דינא ליעול וליתי. רב חסדא ורבה בר רב הונא הוו יתבי בדינא כולי יומא הוה קא חליש ליבייהו תנא להו רב חייא בר רב מדפתי (שמות יח) ויעמוד העם על משה מן הבקר עד הערב וכי תעלה על דעתך שמשה יושב ודן כל היום כולו תורתו מתי נעשית אלא לומר לך כל דיין שדן דין אמת לאמתו אפילו שעה אחת

מעלה

---

גזאגט מען דארף שטיין פאר גאט אזוי ויא אקנעכט שטייט פאר זיין האר: רב אשי האט גזאגט איך האב גיזעהן ויא רב כהנא האט גיטאהן. אז עס איז גיוועזן אצער אויף דיא וועלט. האט ער אראפ גיווארפען פון זיך דעם אובערשטין מאנטיל. אונ פרעגט צו זאמען ליינין די הענט. אונ האט גידאווינט. ער האט גזאגט מען דארף שטיין פאר גאט אזוי ויא אקנעכט שטייט פאר זיין האר. אז עס איז גיוועזן שלום אויף דער וועלט האט ער אן גיטאהן אשיינע קלייד. אונ האט זיך צו גידעקט. אונ האט זיך איינגעהילט אין זיין מאנטיל. אונ האט גידאווינט. ער האט גזאגט דוא ישראל זאלסט דיך אנבערייטען געגין דיין גאט (ויא פריער שטייט). רבא האט גיזעהן אז רב המנונא דאווינט זייער לאנג האט רבא גזאגט זייא לאזין אוועק דאס אייביגע לעבין (תורה לערנען): אונ זארגין פאר דעם לעבין פון דיא וועלט וואס דאס איז נאר אקורצע צייט. דאווענען איז דאך נאר פאר דיא וועלט. פרנסה. רפואה. אונ נאך אזעלכע זאכען. אונ רב המנונא האט גיטראכט דיא צייט פון דאווענען איז בזונדער: אונ דיא צייט פון תורה לערנען איז בזונדער. רבי ירמיה איז גיזעסין פאר רבי זירא אונ זייא האבען גילערנט איז שפעט גיווארין צום דאווענען האט זיך רבי ירמיה גיאיילט צוא גיין דאווענען האט רבי זירא אויף איהם גיזאגט דעם פסוק דער וואס טוט אפ זיין אויער פון צוא הערין תורה. זיין גבעט איז א תועבה. דער וואס וויל ניט לערנען אדער הערין תורה. ווייל ער איילט זיך צו גיין דאווענען איז זיין דאווענען אומווירדיג ונים אנגינומען בייא גאט:

ד רב אמי אונ רב אסי פלעגין זיצען אונ לערנען אין בית המדרש צווישען די זיילען. אונ אלע שעה פלעגין זייא אן קלאפין אויף די טיר אונ זיי האבין גיזאגט ווער עס דארף האבין אדין תורה זאל אריין קומען. רב חסדא אונ רבה בר רב הונא וועגן גיזעסין אגאנצען טאג אונ האבען גיפסקנט דין תורות. איז זיי שוואך גיווארין זייער הארץ. ווייא האבען גיהאט צער פר וואס זיי האבין אגאנצין טאג ניט גילערנט. האט רב חייא בר רב פון דפתי גילערנט צו רב אמי אונ רב אסי. עס שטייט אין פסוק דאס פאלק איז גישטאנען בייא משה פון פריא ביז נאכט וועט דען אויף גיין אויף דיין מיינונג אז משה רבינו איז גיזעסין אונ גישפט דיא יודין אגאנצע טאג פון פריא ביז נאכט ווען איז גימאכט גיווארין די תורה. ווען הט ער גילערנט. נאר באמת הט משה רבינו גמשפט דאס פאלק צוויי אדער דריי שעה אין טאג. וואס דען שטייט אין דיא תורה פון פריא ביז נאכט נאר דיא תורה קומט דיר זאגין יעדער דיין וואס ם משפט אאמתין דין. אפילו עס האט נאר גידויערט אקליינע צייט רעכינט איהם דער

פסוק

טעלה עליו הכתוב כאלו נעשה שותף להקדוש ברוך הוא במעשה בראשית כתיב הכא ויעמוד העם על משה מן הבקר עד הערב וכתיב התם (בראשית א) ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד. עד מתי יושבין בדין. אמר רב ששת עד זמן סעודה. אמר רב חמא מאי קראה דכתיב (קהלת י) אי לך ארץ שמלכך נער ושריך בבקר יאכלו אשריך ארץ שמלכך בן חורין ושריך בעת יאכלו בגבורה ולא בשתי בגבורה של תורה ולא בשתיה של יין. תנו רבנן שעה ראשונה מאכל לודים שניה מאכל לסטים שלישית מאכל יורשים רביעית מאכל כל אדם חמישית מאכל פועלים ששית מאכל ת"ח מכאן ואילך כזורק אבן לחמת

לשון תלת דעתייהו ולשון תלת ניבייהו לשון תענית הוא שגא סעדו כל היום הגא להו חייא בר רב שאין צריכין ליתב ולדון כל היום אלא מקצת היום ומה שאומר מן הבקר עד הערב מדרש הוא שתשוב הדבר כמעשה בראשית שנאמר ערב ובקר: לודים. אומה מקורים קולניי"ם ואוכלי אדם כס וכס רעבתנים: מאכל יורשים. יורשי הון רב שלא טרחו בו ואין עוסקים והולכים לבוט אחר מזונותם ולעסוק במלאכתם: כזורק אבן לחמת. וקשה לגוף ול"נ לא קשה ולא יפה:

---

פסוק גלייך. וויא ער וואלט געווען אשותף צו גאט אין אלין וואס גאט האט בשאפען. דא בייא משפט שטייט דאס פאלק איז געשטאנען בייא משה מן הבקר עד הערב פון פריא ביז נאכט. שטייט דא דיא ווערטער בקר אונ ערב. אונ דארט ווען גאט האט בשאפען די וועלט שטייט אויך ויהי ערב ויהי בקר יום אחד. עס איז געוועזן אבענד אונ פריא דעם ערשטין טאג. אונ אזוי ווייטער אלע טאג ביז דעם זעקסטין טאג. שטייען אויך דיא ווערטער ערב אונ בקר. צו לערנען אונז אז דער וואס משפט אמתין דין איז ער אזוי וויא אשותף צו גאט אין דער וועלט. ווארום גאט האט דיא וועלט בשאפין. אונ ווען עס איז געווען גזלה אויף דער וועלט. האט גאט געבראכט אמבול אונ האט פאר פלייצט דיא וועלט ביז זיא איז וויסט געווארין. אונ אז דער דיין משפט אמתין דין אונ ער זעהט עס זאל ניט זיין קיין גזלה. האלט ער אויף דיא וועלט זיא זאל ניט פאר וויסט ווערין. אפילו דער דיין האלט נאר אפ פון גזלה אין זיין שטאט אליין. איז אויך גינוג דיא וועלט זאל ניט וויסט ווערין. ווארום גאט האט אנדערש ניט גיבראכט אמבול סיידין עס איז געוועזן גזלה אויף די גאנצע וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ותמלא הארץ חמס דיא גאנצע ערד איז פול געווארין מיט רויב. אבער אז עס איז נאר דא איין ארט וואס דארט איז ניטא קיין גזלה. וועט שוין גאט ניט פאר פלייצען דיא וועלט מיט אמבול, האלט דאך דער דיין אויף דיא וועלט. דריבער איז ער אזוי וויא אשותף צו גאט. גאט האט בשאפען. אונ דער דיין האלט איהר אויף. דריבער איז בייא רב אמי אונ רב אסי געוועזן צווייא זאכען. איין מאהל זייא דארפין זיך ניט מצער זיין וואס זייא האבין ניט געלערנט אגאנצין טאג. וואס איז דער חילוק. תורה לערנען האלט אויף דיא וועלט. אונ דין האלט אויף דיא וועלט. אונ דאס אנדערע זייא דארפען ניט זיצען אגאנצין טאג בייא דיא דין תורות. ווארום איין דין תורה אמתה איז אויך גינוג אויף צו האלטין די וועלט. ביז וויא לאנג דארף בית דין זיצען משפטין האט רב ששת גזאגט ביז דיא צייט פון עסין. האט רב חמא גזאגט פון וועלכין פסוק וויסען מיר אז דיא דיינים דארפין משפטין ביז דיא צייט פון עסין. ווארום עס שטייט אין פסוק וויי צו די לאנד וואס דיין קעניג איז יונג אונ דיינע הארין עסין באלד אין דער פריא. וואוהל צו די לאנד וואס דיין קעניג איז פריי פון אלע תאוות. אונ משפט ערליך די מדינה אונ דיינע הארין עסין אין דיא צייט. אין שטארקייט אונ ניט אין טרינקען. זיי פאר נעמען זייער צייט אין די שטארקייט פון דיא תורה אונ ניט אין וויין טרינקען. דיא רבנן האבין גילערנט דיא ערשטע שעה אין טאג עסין דיא לודים (דאס איז אזוי אפאלק וואס עסין מענטשין). די אנדערע שעה אין טאג עסין גזלנים. דיא דריטע שעה אין טאג עסין די מענטשין וואס האבין ירושה געלט. דיא פערטע שעה אין טאג איז די צייט וואס אלע מענטשין עסין. די פינפטע שעה אין טאג עסין ארבעטער. דיא זעקסטע שעה אין טאג עסין דיא מענטשין וואס לערנען אין דער פריא נאך דעם דאווענען אדער אגאנצע טאג. דער וואס עסט

שפעטער

לחכת אמר אביי לא אמרן אלא דלא טעים מידי בצפרא אבל טעים מידי בצפרא לית לן בה :

(ע"ב) ה מסייע ליה לרב הכנונא משמיה דעולא דאמר אסור לאדם שיתן שלום לחבירו בבית המרחץ משום שנאמר (שופטים ו) ויקרא לו ה׳ שלום אלא מעתה היכנותא נמי אסור למימר בבית הכסא דכתיב האל הנאמן וכי תימא הכי נמי והאמר רבא בר מחסיא א"ר חמא בר גוריא א"ר שרי למימר הימנותא בבית הכסא התם שם גופיה לא איקרי הכי דמתרגמינן אלהא מהימנא הכא שם גופיה איקרי שלום דכתיב ויקרא לו ה׳ שלום :

ו אמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב הנותן מתנה להברו צריך להודיעו שנאמר (שמות לא) לדעת כי אני ה׳ מקדשכם . תניא נמי הכי לדעת כי אני ה׳ מקדשכם אמר ליה הקדוש ברוך הוא למשה מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש

ויקרא לו . גרעין לסקב"ה ה׳ שלום : הימנותא . להזכיר אמונה בב"כ :

צריך להודיעו . מתן סלוני אתן לך והוא דרך כבוד דבמה יתביים לקבלה ומתוך כך מתכלים בדברים ואינו בוש בדבר וכן אם נתנה בביתו בלא מידיעתו צריך להודיעו במידו באה לו שמתוך כך יבא אוהבו . לדעת כי אני ה׳ וגו׳ . להודיעם אני

---

שפעטער נאך די וועקסטע שעה . דאס עסן וואס ער לייגט אריין אין בויך . איז גלייך ווי מען ווארפט אריין אשטיין אין אקאניל . הט אביי גזאגט ווען טויג ניט דאס עסן וואס מען עסט נאך די זעקסטע שעה . נאר אז ער האט נאך גאר ניט פאר זוכט קיין עסן דעם טאג . אבער אז ער האט נאר עפעס פאר זוכט אין דער פריא שאדט שוין ניט וואס ער עסט נאך די זעקסטע שעה :

ה מסייע . איז אראיה צו רב המנונא וואס ער האט גזאגט פון עולא וועגין . ווא־רום עולא האט גזאגט אמענטש טאר ניט געבין שלום צו זיין חבר אין אבאד . ווייל עס שטייט אין פסוק גדעון האט גירופען צו גאט ה׳ שלום איז דאך שלום דער נאמען פון גאט . דריבער טאר מען ניט זאגין דעם ווארט שלום אין אבאד . פרעגט די גמרא דארף מען דאך ניט טארין זאגין דעם ווארט אמונה אין בית הכסא . ווארום עס שטייט אין פסוק דער בגלויבטער גאט . אפשר וועסטו וועלין זאגין עס איז טאקי אזוי . מען טאר טאקי ניט זאגין דעם ווארט אמונה אין בית הכסא . רבא בר מחסיא הט דאך גזאגט . רב חמא בר גוריא הט גזאגט פון רבם וועגין מען מעג זאגין דעם ווארט אמונה אין בית הכסא . ענטפערט די גמרא ביי דעם ווארט אמונה : איז אנדערש . דער נאמען פון גאט ווערט ניט גירופן אמונה . ווארום דער תרגום טייטשט דעם האל הנאמן . אלהא מהימנא . אבגלויבטער גאט . אבער דא ביי דעם ווארט שלום . דער נאמען פון גאט ווערט גירופען שלום . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גדעון האט גירופען צוא גאט ה׳ שלום :

ו אמר . רבא בר מחסיא הט גזאגט רב חמא בר גוריא הט גזאגט פון רבם וועגין אז איינער וויל שיינקען אמתנה צו זיין חבר . דארף ער איהם פריער זאגין איך וויל דיר שיינקען די זאך . אונ אז ער פאר לאנגט די מתנה זאל ער זי אים געבין . ווארום אז ער וועט אים ניט זאגין פריער . נאר ער וועט קומען מיט די מתנה צו זיין חבר . טאמער וויל ניט דער חבר נעמען מתנות . וועט ער פר שעמט ווערין . אדער ער וועט אין כעס ווערין אויף די מתנה : אונ אויב איינער הט גיבראכט אמתנה צו זיין חבר אין שטוב . אונ דער חבר איז ניט גיוועזן אין שטוב ווען מען הט גיבראכט די מתנה . וועט ער גאר ניט וויסען ווער עס האט איהם די זאך גישיינקט . זאל ער איהם זאגין צווישען זיך איך האב דיר גיבראכט אהיים די מתנה . וועט ער איהם זיין אגוטער פריינד . ברייננט די גמרא צוויי ראיות אז מען דארף אזוי טאהן : אויף די ערשטע זאך ברייננט די גמרא אראיה פון גאט . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מען זאל וויסען אז איך האב אייך גיהייליגט . מיר האבען אויך אזוי גילערנט . עס שטייט אין פסוק מען זאל וויסען אז איך גאט האב אייך גיהייליגט גאט הט גזאגט צו משה איך האב אגוטע

מבקש ליתנה לישראל לך והודיעם כבאן אמר רבי שמעון בן גמליאל הנותן פת לתינוק צריך להודיע לאמו מאי עביד ליה אמר אביי שאיף ליה משחא ומלי ליה כוחלא. והאידנא דחיישינן לכשפים מאי. אמר רב פפא שאיף ליה מאותו המין. איני והאמר רבי חמא בר חנינא הנותן מתנה לחבירו אין צריך להודיעו שנאמר (שם לד) ומשה לא ידע כי קרן עור פניו בדברו אתו לא קשיא הא במילתא דעבידא לאגלויי הא במילתא דלא עבידא לאגלויי והא שבת דעבידא לגלויי מתן שכרה לא עבידא לאגלויי:

כל שאני רוצה לקדשה: שאיף ליה משחא. ישמשמנו כשמן בין עיניו דבר הנראה שהשאלנו אותו מי עשה כן ויאמר לה התינוק פלוני עשה וגם פת נתן לי: ומלי ליה כוחלא. מתן כחול סביב עיניו וכן לשון בתלמוד: לכשפים. שהשהדנו שכשפו: לאגלויי. מי נתנו לו: מתן שכרה וכו'. והא הודיעה על ידי משה בעל פה מה שכרה:

רב

---

מתנה אין מיינע אוצרות די מתנה הייסט שבת אונ איך וויל גיבן די מתנה צו די יודן גיי זאג צו די יודן אז איך וועל זיי געבין די מתנה. נאיז מען גיגאנגען פריער פרעגין אויב מען וויל נעמען דיא מתנה. אונ צוא דיא אנדערע זאך ברייגנט די גמרא אראיה פון רבן שמעון בן גמליאל פון דאנען הט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט אז איינער גיט אשטיקל ברויט צוא אקינד דארף ער זאגין דיא מוטער זיינע. וואס זאל ער טאהן צו דעם קינד אז דיא מוטער זאל וויסען אז ער הט איהם גיגעבין אשטיקל ברויט: הט אביי גזאגט ער זאל איהם בשמירען מיט אייל צווישען די אויגען. אונ זאל איהם בשמירען מיט פארב ארום די אויגען. וועט איהם דיא מוטער פרעגין ווער דאס האט איהם גיטאהן וועט דער קינד זאגין דער מענטש האט מיר אזוי גיטאהן. אונ ער האט מיר גיגעבין ברויט צו עסין. פרעגט דיא גמרא איצטיגע ציימען אז מען הט מורא פאר כישוף. וויזט נאך די מוטער זאגען אז מען האט גימאהט כישוף דעם קינד. וואס פאר אמימן זאל מען מאכען דעם קינד. הט רב פפא גזאגט ער זאל בשמירען דעם קינד זיין פנים מיט די זעלביגע זאך וואס ער האט איהם גיגעבין צו עסין. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי רבי חמא בר חנינא הט דאך גזאגט אז איינער גיט אמתנה צו זיין חבר. אונ דער חבר וויים ניט ווער עס הט איהם די מתנה גיגעבין. דארף ער איהם ניט זאגען איך האב דיר גיגעבין דיא מתנה. ווארום עס שטייט אין פסוק משה רבינו הט ניט געוואוסט אז ווען גאט הט מיט איהם גירעט. הט גישיינט דיא הויט פון זיין פנים. אונ גאט הט איהם ניט גזאגט אז זיין פנים שיינט ווייל ער הט גירעט מיט איהם. ענטפערט דיא גמרא דס איז ניט קיין קשיא. ביא אזוי אזאך וואס דער מענטש וועט אליין וויסען ווער דאס האט איהם גיגעבין. דארף ער איהם ניט זאגין אז ער הט דם איהם גיגעבין אונ משה רבינו וועט אליין וויסען אז זיין פנים לייכט. אונ ער וועט וויסען אז גאט הט דאס איהם גיגעבין. דריבער האט איהם גאט גאר ניט גזאגט. אבער ביי אזוי אזאך וואס דער מענטש אליין וועט ניט וויסען ווער דאס הט איהם גיגעבין. דארף ער איהם זאגין אז ער הט איהם דיא מתנה גיגעבין. פרעגט דיא גמרא שבת וואלטען דאך אויך דיא יודען אליין וויסען ווער זיי הט גיגעבען. ווארום די תורה הט דאך שוין עטליכע מאהל גזאגט אז יודען זאלען רוהען שבת. צו וואס הט מען זייא גידארפט זאגין נאך אמאהל דער נאך וויא מען הט זייא שוין גיגעבין דעם שבת) אז גאט הט זיי גיגעבין דעם שבת. ענטפערט די גמרא דיא יודען האבען פריער געוואוסט אז גאט הייסט זייא זאלען רוהען שבת. האבען זיי גימיינט אז דאס איז נאר דער גוף זאל רוהען. ווייל ער האט זעקס טאג גיארבעט. דארף מען ניט געבין קיין עולם הבא פאר שבת. אבער אז דורך דעם רוהען יום שבת ווערין די יודין הייליג אונ מען וועט זייא געבין שכר. דס האבען זייא ניט געוואוסט. האט זייא גאט גזאגט דורך משה רבינו לדעת כי אני ה' מקדשכם איר זאלט וויסען אז דער רוהונג אום שבת הייליגט אייך אונ איר וועט האבען עולם הבא פר וואס איר רוהט שבת. ווארום דער רוהונג פון שבת איז ניט גיגעבין גיווארין פר דעם גוף. נאר פר די נשמה. דער מענטש זאל וויסען אז גאט האט בשאפען דיא וועלט. זוג ער האט אונז ארויס גינומען פון מצרים. אונ ע־

ז רב חסדא הוה נקיט בידיה תרתי מתנתא דתורא אמר כל מאן דאתי ואמר לי שמעתתא חדתא משמיה דרב יהיבנא להו ניהליה אמר ליה רבא בר מחסיא הכי אמר רב הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו שנאמר (שמות לא) לדעת כי אני ה' מקדשכם . יהבה ניהליה. אמר חביבין עלך שמעתתא דרב כולי האי אמר ליה אין אמר ליה היינו דאמר רב מילתא אלבישייהו יקירא . אמר ליה אמר רב הכי בתרייתא עדיפא לי מקמייתא ואי הוה נקיטנא אחריתא יהיבנא לך . ואמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב לעולם אל ישנה אדם בנו בין הבנים שבשביל משקל ב' סלעים מילת שנתן יעקב ליוסף יותר משאר בניו נתקנאו בו אחיו ונתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים . ואמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב לעולם יחזור אדם וישב בעיר שישיבתה קרובה שמתוך שישיבתה

רב חסדא : כהן הוה כדאמרינן גבי עיר אחת היתה בארץ ישראל ובה פ' זוגות אחים כהנים הנשואים פ' זוגות אחיות כהנות ובדקו מסורא ועד נהרדעא ולא אשכחו ראה תרתי בנתיה דרב חסדא והוו נסיבו לרמי בר חמא ולמר עוקבא בר חמא : הוי נקיט תרתי מתנתא דתורא . זוג של זרוע לחיים וקיבה שנתנו לו ורצה להאכילן לישראל ואף על גב דרב חסדא כהן הוה לא ילפינן מהכא דמתנות נוהגות בזמן הזה דהלידנא נהוג עלמא כתלתא הני כרבי יאשיה בכלאים וכרבי יהודה בטבילת בעלי קריין לתלמוד תורה וכרבי אלעאי בראשית הגז שהיה אומר אינו נוהג אלא בארץ וכן מתנות גם בימי רב חסדא אכתי לא נהוג כרבי אלעאי ובימי רב נחמן נהוג כוותיה בראשית הגז ולא במתנות והשתא קא חזינא דנהוג אף במתנות וכי היכי דאחזו במנהג ראשית הגז בימי רב נחמן ולא מחיק בהו ונהגו כולם כוותיה השתא דנהוג אף במתנות לא מבטלינא מנהגא : חדתא . חדשה שלא שמעתיה : מילתא אלבישייהו יקירא . מעיל דאיו יקרים למי שרגיל ללובשו כלומר לפי שאתה תלמידו של רב ורגיל בשמועותיו אתה מהדר אחריהם: משקל ב' סלעים . לאו דוקא נקט . בתלמידי רבינו יצחק הלוי מצאתי כתונת פסים כתיב פס ידו נתן מילת ולא כל הכתונת : בישיבתה קרובה. שהיבנה

---

װעט לֶערְנֶען תּוֹרָה אום שַׁבָּת . פַאר דֶעם װעט ער הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא [עיין בהכותב ובהרי״ף ובמהרש״א] :

ז רַב חִסְדָא הָט גִיהַאלְטֶען אִין הַאנְט צְװֵיי מַתָּנוֹת פוּן אָקְס װָער דִין אִיז אַז מֶען שֶׁעכְט אַבְּהֵמָה דַארְף מֶען גֶעבִּין צום כֹּהֵן דִי פָאדֶערְשְׁטֶע פוס אונ דִי בַּאקִין אונ דֶעם מָאגִין . דָס הֵייסְט מַתָּנָה . רַב חִסְדָא אִיז גִיוָועז אַכֹּהֵן דָט ער גִיהַאט צְװֵיי מַתָּנוֹת . צְװֵיי פָאדֶערְשְׁטֶע פִים אונ צְװֵיי פָאר בַּאקִין אונ צְװֵיי מָאגִינְס וָואס מֶען הָט אִיהם גִיגֶעבִּין פוּן צְװֵייא אָקְסִין) : אונ ער הָט גְזָאגְט װֶער עֶס װֶעט קוּמֶעז אונ װֶעט מִיר זָאגֶען אַנַייעֶם דִין װָס אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִיט גִיהֶערְט) פוּן רַבְּם װֶעגִין װָעל אִיךְ אִיהם גֶעבִּין דִיא מַתָּנוֹת . הָאט רָבָא בַּר מַחְסְיָא גְזָאגְט צוּ רַב חִסְדָא אַזוֹי הָט רַב גְזָאגְט אַז אֵיינֶער גִיט אַמַתָּנָה צוּ זַיין חָבֵר : דַארְף ער אִיהם אָן זָאגֶען . אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מֶען זָאל וִויסֶען אַז אִיךְ גָאט הָאבּ אַייךְ גִיהֵיילִיגְט . הָאט רַב חִסְדָא גִיגֶעבִּין צוּ רָבָא בַּר מַחְסְיָא דִי מַתָּנוֹת . הָט רָבָא בַּר מַחְסְיָא גְזָאגְט צוּא רַב חִסְדָא אַזוֹי לִיבּ אִיז בַּיי דִיר דִי דִינִים װָס רַב זָאגְט . הָט רַב חִסְדָא גְזָאגְט צוּ רָבָא בַּר מַחְסְיָא . יָא זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר לִיבּ . הָט רָבָא בַּר מַחְסְיָא גְזָאגְט צוּ רַב חִסְדָא אִיצְט אִיז רֶעכְט װָס רַב הָאט גְזָאגְט . דֶער מֶענְטְשׁ װָס אִיז גִיוָוינְט צוּ גֵיין אִין זַיידֶענֶע קְלֵיידֶער . אִיז בַּיי אִיהם טַייעֶר אַזֵיידֶענֶע קְלֵייד . ער װֵייס וִויא צוּ שַׁאצֶען דִי טַייעֶרְקֵייט פוּן דִי קְלֵייד . אַזוֹי דוּא וָואס דוּא בִּיסְט אַתַּלְמִיד פוּן רַב . אונ בִּיסְט גִיוָוינְט צוּ הֶערִין זַיינֶע לֶערְנוּנְג . אִיז בַּיי דִיר טַייעֶר זַיינֶע דִינִים . הָאט רַב חִסְדָא גְזָאגְט צוּ רָבָא בַּר מַחְסְיָא הָט רַב אַזוֹי גְזָאגְט . הָט דִיא לֶעצְטֶע זַאךְ אִיז בַּיי מִיר בֶּעסֶער וִויא דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דוּא הָאסְט מִיר גְזָאגְט פוּן רַבְּם װֶעגִין : אַז אִיךְ וָואלְט הַאלְטֶען נָאךְ אַמַתָּנָה וָואלְט אִיךְ זִי דִיר גִיגֶעבִּין :

ח וְאָמַר . נָאךְ הָט גְזָאגְט רָבָא בַּר מַחְסְיָא רַב חָמָא בַּר גוּרְיָא הָט גְזָאגְט פוּן רַבְּם װֶעגִין אַמֶענְטְשׁ זָאל נִיט עֶנְדֶערִין אֵיין קִינְד פוּן אַלֶע קִינְדֶער . נָאר אַלֶע קִינְדֶער זָאלֶען בַּיי אִים זַיין גְלַייךְ װָארוּם װַייל יַעֲקֹב הָט גִיגֶעבִּין צוּ יוֹסֵף אַזֵיידֶענֶע הֶעמְדִיל װָס קָאסְט צְװֵיי טָאלֶער . אונ צוּ דִיא אִיבֶּערִיגֶע קִינְדֶער הָט ער דָאס נִיט גִיגֶעבֶּען הָאבֶּען אִיהם דִיא בְּרִידֶער מְקַנֵּא גִיוֶועז . אונ הָאבֶּען אִיהם פַיינְט גִיהַאט . דוּרךְ דִיא סִיבָּה זֶענֶען דִיא יוּדֶען גִיקוּמֶען אִין מִצְרַיִם :

ט וְאָמַר . נָאךְ הָט גְזָאגְט רָבָא בַּר מַחְסְיָא רַב חָמָא בַּר גוּרְיָא הָאט גְזָאגְט פוּן רַבְּ׳ס

וועגין

שישיבתה קרובה עונותיה מועטים שנאמר הנה נא העיר הזאת קרובה לנוס שמה והיא מצער מאי קרובה אילימא דמיקרבא וזוטא והא קא חזו לה למה ליה למימר הבי אלא מתוך שישיבתה קרובה עונותיה מוצערין אמר רבי אבין מאי קראה דכתיב (בראשית יט) אמלטה נא שמה נ"א בגימטריא חמשין וחד הוו ושל סדום נ"ב ושלותה כ"ו דכתיב (שם) שתים עשרה שנה עבדו את כדרלעומר ושלש עשרה שנה מרדו ובארבע עשרה שנה בא כדרלעומר וגו':

(דף יא) **ח ואמר** רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב כל עיר שגגותיה גבוהים מבית הכנסת לסוף חרבה שנאמר (עזרא ה) לרומם את בית אלהינו ולהעמיד את חרבותיו והני מילי בבתי אבל בקשקושי ואברורי לית לן בה. אמר רב אשי אנא עבדא למתא מחסיא דלא חרבה והא חרבה מאותו

**פירוש**

מקרוב כלומר עיר חדשה: דמיקרבא. לנוס שם: וזוטא. ולא לריכא אתה להקפיד על קיומה: הא קא חזו לה למה ליה למימר להו אלא מתוך שישיבתה קרובה. שנה אחת קדמה לה סדום כדמפרש: ושל סדום נ"ב. דעל כרחך כולי מגדל בארץ שנער היו ולא היה ישוב בעולם אלא באותו בקעה כדכתיב ויהי כל הארץ שפה אחת ודברים אחדים ויהי בנסעם מקדם ומשם נפוצו למקומותם אחרים כשנתפלגו ובנו להם עיירות ומשנתפלגו עד שנהפכה סדום אינו אלא נ"ב שנה שהרי בסוף ימי פלג נתפלגו הארצות כדתניא בסדר עולם והאריך בזה וכן כתב בפירש"י לתורה: ושלותה. שאמורה בה גאון שבעת לחם ושלות השקט היה לה וגו' וכתיב נתיב לא ידעו עיט ולא הדריכוהו וגו': כ"ו. דכתיב שתים עשרה שנה עבדו ואין זו שלוה: וי"ג מרדו. אין זו שלוה שהיו בהן מלחמות הרי כ"ה שנים ושנת כ"ו נהרג כדרלעומר והיתה בשלום כ"ו כמתרים מנ"ב:

לרומם את בית אלהינו. ועל ידי כן זכינו לתת לנו גדר ביהודה: קשקושי ואברורי. בירניות ומגדלים. רב אשי ראש ישיבה היה במתא מחסיא ומנעם מלהגביה ביתם יותר מבית הכנסת:

---

ווענין אמענטש זאל זעהן אז ער זאל וואוהנען אין אנייע שטאט וואס זי איז ניט לאנג בזעצט געווארין מיט מענטשין. ווארום ווייל זיא איז ניט לאנג באוואוהנט געווארין זענען דיא עבירות פון דיא שטאט ווייניג. ווארום עס שטייט אין פסוק. לוט האט גזאגט צו דעם מלאך די שטאט איז נאנט מען זאל דארט אנטלויפען אונ זיא איז ווינציג. וואס האט לוט גימיינט דער מיט וואס ער האט גזאגט זיא איז נאנט. זאלען מיר זאגען ער האט גימיינט דיא שטאט איז נאנט אונ זיא איז קליין. דיא מלאכים האבען דאך גיזעהן דיא שטאט. ווייסען זייא דאך אז זי איז נאנט אונ קליין. צו וואס האט לוט גידארפט דאס זאגין. נאר אזוי האט לוט גימיינט ווייל די שטאט איז ניט לאנג בזעצט געווארין. זענען אירע עבירות ווייניג. האט רבי אבין גזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס אז צוער איז בזעצט געווארין שפעטער וויא סדום. ווארום עס שטייט אין פסוק. לוט האט גזאגט אמלטה נא שמה איך וועל אנטרונען ווערין דארטען אין די שטאט צוער. צו וואס דארף שטיין דער ווארט נא. ענטפערט די גמרא דער ווארט נא בטרעפט איין אונ פופציג. עס איז איין אונ פופציג יאהר וויא דיא שטאט צוער איז בזעצט געווארין. אונ אז די שטאט סדום איז בזעצט געווארין. איז צוויי אונ פופציג יאהר. איז סדום בזעצט געווארין מיט איין יאהר פריער ווי צוער. אונ זעקס אונ צוואנציג יאהר איז דיא שטאט סדום גיזעסען פרייליך: ווארום עס שטייט אין פסוק צוועלף יאהר האבען דיא מענטשין פון סדום געדינט דעם מלך כדרלעומר אונ דרייצעהן יאהר האבען זיי מורד גיוועזן. אונ האבען ניט גיוואלט דינען דעם מלך כדרלעומר. אונ דעם פערצעהנטין יאהר איז כדרלעומר גיקומען אונ האט מלחמה גיהאלטען מיט סדום נצוועלף אונ פערצעהן אונ זעקס אונ צוואנציג. איז צוויי אונ פופציג. דער נאך איז סדום איבער גיקערט געווארין:

י ואמר. נאך האט גזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא האט גזאגט פון רבס וועגין יעדער שטאט וואס די דעכער זענען העכער וויא די שוהל וועט די שטאט ווערין וויסט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מען זאל בא הויכען די שטוב פון גאט ווען בית המקדשו גאנץ הויך העכער ווי אלע הייזער פון די שטאט. אויף צו האלטען די שטאט זיא זאל ניט וויסט ווערין. נאר די שטובין וואס מען וואוהנט אין זיי טארען ניט זיין העכער וויא די שוהל אבער דיא טורעכם אונ פאלאצין מעגין זיין העכער ווי די שוהל. רב אשי האט גזאגט איך האב גימאכט אז די שטאט מתחסיא זאל ניט וויסט ווערין. איך האב זיי גזאגט זיי זאלען מאכען זייערע הייזער נידעריגער

מאותו עון לא חרבה :

ט ואמר רבא בר מחסיא א"ר חמא בר גוריא אמר רב תחת ישמעאל ולא תחת עובד כוכבים. תחת עובד כוכבים ולא תחת חבר. תחת חבר ולא תחת תלמיד חכם. תחת ת"ח ולא תחת יתום ואלמנה :

י ואמר רבא בר מחסיא א"ר חמא בר גוריא א"ר כל חולי ולא חולי מעים. כל כאב ולא כאב לב. כל מיחוש ולא מיחוש ראש. כל רעה ולא אשה רעה :

יא ואמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב אם יהיו כל הימים דיו ואגמים קולמוסים ושמים יריעות וכל בני אדם לבלרין אין מספיקין לכתוב חללה של רשות מאי קראה אמר רב משרשיא (משלי כה) שמים לרום וארץ לעומק ולב מלכים אין חקר :

יב רבי יהושע בריה דרב אידי איקלע לבי רב אשי עבדו ליה עגלא תלתא אמרו ליה ליטעום מר מידי אמר להו בתעניתא יתיבנא אמר ליה ולא סבר ליה מר להא דרב יהודה

תחת ישמעאל. לבעלה : חבר. אומה מבני פרסיים: תלמיד חכם. אם יקניטנו יעניטנו וכן יתום ואלמנה מפני שדמעתם מצויה :
חולי. הוא חולי צריך המגונה והולך ומתיש כח כגון אבהא וחולי הראש : כאב. הוא הולך והא כגון כאב בן כאב מכה : מיחוש. חששא בעלמא לפי שעה וקל :
אלא של רשות. עומק לבם שהוא צריך להיות לו לב לכמה מדינות למס הקצב ולכמה מלחמות ולכמה משפטים והכל ביום אחד :
עגלא תלתא. שליש לבטן שהוא משובח מפני שבהמה בקטנותה אינה עדיין בכחה והולד ראשון ושני אינו בריא :

---

נידעריגער ווי די שוהל. פרעגט די גמרא די שטאט מחסיא איז דאך ווייסט געווארין. ענטפערט די גמרא פון די עבירה איז זיא ניט וויסט געווארין :

יא ואמר. נאך הט גזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא האט גזאגט פון רבה וועגין עס איז בעסער מען זאל וואוהנען מיט אטערק. איידער מען זאל וואוהנען מיט די מענטשין וואס דינען צו די שטערין. עס איז בעסער מען זאל וואוהנען מיט די מענטשין וואס דינען צו די שטערין. איידער מען זאל וואוהנען מיט די פערסיאנער. עס איז בעסער מען זאל וואוהנען מיט די פערסיאנער. איידער מען זאל וואוהנען מיט אלמדן. טאמער וועט ער דעם למדן דער צערינען וועט ער גישטראפט ווערין. עס איז בעסער מען זאל וואוהנען מיט אלמדן. איידער מען זאל וואוהנען מיט איתום אדער מיט אלמנה. דורך זיי קען מען גיכער גישטראפט ווערין :

יב ואמר. נאך הט גזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא הט גזאגט פון רבס וועגין אלע קריינק זענען נים אזוי שלעכט. וויא די קריינק פון דיא גידערים. אלע שמערצין זענען נים אזוי שלעכט, ווי דיא שמערצין פון הארצען. אז די הארץ איז קראנק. אלע גרינגע קראנקייט איז נים אזוי שלעכט וויא פון קאפ. די גרינגסטע קראנקייט פון קאפ איז אויך שלעכט. אלע שלעכץ איז נים אזוי שלעכט. ווי אשלעכטע ווייב :

יג נאך האט גזאגט רבא בר מחסיא רב חמא בר גוריא הט גזאגט פון רבס וועגין אויב אלע ימים וואלטען גיוועזן טינט. אונ אלע גראז וואלט גיוועזן פעדערס. אונ דיא הימלען וואלטען גיוועזן פאפיר. אונ אלע מענטשין וואלטען גיוועזן שרייבערס. וואלטען זייא אויך נים גיקענט בעשרייבען די פיל זאכען וואס די הארץ פון קיסר דארף אלץ טראכטען. כון וועלכען פסוק ווייסען מיר דאס. הט רב משרשיא גזאגט. עס שטייט אין פסוק צו דיא הייך פון הימל אונ צו די טיף פון די ערד אונ צו דיא הארץ פון די מלכים איז ניטא קיין פארשונג. קיין מענטש קען נים דער קענען וואס דיא הארץ פון מלך טראכט :

יב רבי יהושע דער זוהן פון רב אידי איז אמאהל גיקומען צו רב אשי הט מען גימאכט פון דינעט וועגין אקאלב. וואס זיא איז דיא דריטע קאלב וואס דיא בהמה האט גיבאהרין. הט מען גזאגט צו רבי יהושע ער זאל עפעס עסין פון דיא קאלב. הט רבי יהושע צו זייא גזאגט איך פאסט היינט. האבען זייא גזאגט צו רבי יהושע האלט דען נים דער רבי וואס רב יהודה הט גזאגט וואס רב יהודה הט גזאגט אמענטש מעג בארגין אתענית אונ בצאהלען. אז איינער האט

יהודה דאמר רב יהודה לוה אדם תעניתו ופורע אמר להו תענית חלום הוא ואמר רבא בר כהסיא אמר רב המא בר גוריא אמר רב יפה תענית לחלום כאש לנעורת ואמר רב חסדא ובו ביום ואמר רב יוסף ואפילו בשבת:

(דף יב) **יג אמר** רבה בר רב הונא חייב אדם למשמש בתפילין כל שעה ושעה ק"ו מציץ מה ציץ שאין בו אלא אזכרה אחת אמרה תורה (שמות כח) והיה על מצחו תמיד שלא יסיח דעתו ממנו תפילין שיש בהם אזכרות הרבה על אחת כמה וכמה הילכך מידכר דכיר להו. תניא חנניה אומר חייב אדם למשמש בבגדו ערב שבת עם השיכה אמר רב יוסף הלכתא רבתי לשבתא:

**יד תנו** רבנן הנכנס לבקר את החולה בשבת אומר שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבא. ורבי מאיר אומר יכולה היא שתרחם רבי יהודה אומר המקום ירחם עליך

והיה על מצחו תמיד: קרא יתירא הוא לאו דרשא דהא כבר קבע ליה מקום והיה על מצחו אחרת: למשמש בבגדו. שלא יהא כרוך בתוכו דבר פן יוליכנו: הלכתא רבתי. דבר גדול יש כאן להפרישו מאיסור שבת: שבת היא מלזעוק. צריך לנחם דעתם בתנחומים שלא יצטערו: יכולה היא שתרחם. שם

---

גיטאהן אנדער ער זאל אטאג פאסטען. אונ ער הט אנגיהויבען צו פאסטען. אונ ער האט חרטה אונ ער וויל היינט עסין. מעג ער בארגען דעם תענית. אונ עסין היינט. אונ ער וועט בצאלען ער וועט פאסטען איין אנדער טאג. הט רבי יהושע צו זייא גזאגט איך האב ניהאט די נאכט אשלעכטין חלום. דריבער פאסט איך היינט. אונ רבא בר מחסיא האט גזאגט רב חמא בר גוריא הט גזאגט פון רבס וועגין אתענית איז גוט מבטל צו זיין די שרעקין פון חלום. אזוי ווי דער פייער פר לענדט די פלאקס אונ עס בלייבט גאר ניט פון די פלאקס. אזוי אז מען זעהט אשלעכטין חלום אונ מען פאסט ווערט בטל דער חלום אין גאנצען אונ דיא שרעקין קומט ניט: הט רב חסדא גזאגט נאר מען זאל פאסטען דעם זעלבינגען טאג נאך דיא נאכט פון חלום: הט רב יוסף גזאגט אפילו אום שבת זאל מען אויך פאסטען:

יג אמר. רבה בר רב הונא הט גזאגט אמענטש דארף אן רירען די תפילין אלע מאהל ווען ער דער מאנט זיך אן די תפילין. דאס לערנען מיר אפ מיט אקל וחומר פון דעם ציץ וואס איז גיוועזן אויף דעם שטערין פון כהן גדול. מאדאך דער ציץ וואס אויף אים איז געשריבן גאר איין שם. הט די תורה גזאגט דער ציץ זאל זיין אייביג אויף דעם שטערין פון כהן גדול. די תורה מיינט צו זאגען אז ווען דער ציץ איז אויף זיין שטערין. זאל ער ניט טראכטען אין קיין אנדער זאך. נאר ער זאל אין זינען האבען דעם שם וואס איז געשריבען אויף דעם ציץ. תפילין וואס אין זיי איז געשריבען פיל שמות. איז געווים אז ווען דער מענטש טראגט אויף זיך דיא תפילין. זאל ער ניט האבען אין זינען קיין אנדער זאך נאר די שמות וואס אין די תפילין. דריבער דארף אמענטש אייביג גידיינקען די תפילין:

יד תניא: מיר האבען גילערנט חנניה זאגט אז עס קומט ערב שבת נאנט צו נאכט: דארף אמענטש זוכען אין זיינע קליידער טאמער ליגט אין די קעשענעס אזוי אזאך וואס מען טאר ניט טראגען אום שבת. וועט ער ארוים נעמען. הט רב יוסף גזאגט דס איז אגרויסער דין אויף שבת. מען זאל ניט טאהן קיין עבירה אום שבת צוא טראגען וואס מען טאר ניט:

יד תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אז אייגער גייט אריין צו אקראנקין אום שבת ווערט וואס ער מאכט זאל ער זאגען עס איז היינט שבת מען טאר ניט שרייען אונ וויינען. אונ די רפואה וועט געשווינט קומען. אונ רבי מאיר זאגט מען זאל אזוי זאגען אויב איר וועט זיין פריילאך אונ איר וועט ניט פר שטערין שבת. דער זכות פון שבת וועט אויף אייך רחמנות האבען. דער קראנקער זאל גיזונד ווערין. רבי יהודה זאגט מען זאל אזוי זאגען

עליך ועל חולי ישראל. רבי יוסי אומר המקום ירחם עליך בתוך חולי ישראל. שבנא איש ירושלים בכניסתו אומר שלום וביציאתו אומר שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבא ורחמיו מרובים ושבתו בשלום. כמאן אזלא הא דאמר רבי חנינא מי שיש לו חולה בתוך ביתו צריך שיערבנו בתוך חולי ישראל כמאן כרבי יוסי ואמר רבי חנינא בקושי התירו לנחם אבלים ולבקר חולים בשבת. אמר רבה בר בר חנה כי הוה אזלינן בתריה דרבי אליעזר לשיולי בתפיחא זמנין אמר ליה המקום יפקדך לשלום וזימנין אמר ליה רחמנא ידכרינך לשלם. היכי עביד הכי והאמר רב יהודה לעולם אל ישאל אדם צרכיו בלשון ארמי ואמר רבי יוחנן כל השואל צרכיו בלשון ארמי אין מלאכי השרת נזקקין לו שאין מלאכי השרת מכירין בלשון ארמי שאני חולה דשכינה עמו דאמר רב ענן אמר רב מנין ששכינה סועד את החולה שנאמר (תהלים מא) ה' יסעדנו על ערש דוי. תניא נמי הכי הנכנס לבקר את החולה לא ישב על גבי המטה ולא על גבי כסא אלא מתעטף ויושב לפניו מפני שהשכינה למעלה

פירוש

המגדוה מגלגלטער כה: בתוך חולי ישראל. שמתוך שכוללו עם האחרים תפלתו נשמעת בזכותן כל רבים: שבנא. אדם גדול היה בירושלים ושמו שבנא: רחמיו. של הקב"ה מרובין: שבתו בשלום. נוהו בשבתכם בשלום: בקושי התירו. מפני שמצטער: בתפיחא. בחולה: זמנין אמר ליה. בלשון הקדש וזמנין אמר ליה בלשון ארמי והא לאו לענין שבת נקט: דשכינה עמו. ואין המתפלל צריך שיזדקקו לו מה"ש להכניס תפלתו לפנים מן הפרגוד: סועד. סומך תשות כחו ומשום רבינו יעקב סועד תרגום של פוקד כלומר מבקר כמו והא אהיך תפקוד לשלום ומתרגמינן תסער לשלם ולהך לישנא גרסינן הכי סקדי יסעדנו הלא יסעדנו: מתעטף. מפני אימת שכינה כאדם היושב באימה ואין פונה לצדדין

נאט זאל רחמנות האבען אויף דיר אונ אויף אלע קראנקע יודען. רבי יוסי זאגט מען זאל אזוי זאגען גאט זאל רחמנות האבען אויף דיר צווישען אלע קראנקע יודען. שבנא פון ירושלים אז ער פלעגט אריין גיין שבת צו אקראנקען. פלעגט ער זאגען שלום צו אייך. אונ אז ער פלעגט ארויס גיין פון דעם קראנקען פלעגט ער זאגען עס איז היינט שבת מען טאר ניט שרייען אונ וויינען. אונ די רפואה וועט געשווינד קומען. אונ די רחמנות פון גאט איז גאנץ פיל. אונ איר זאלט רוהען בשלום. איר זאלט אייך ניט מצער זיין: זאגט די גמרא ווי וועלכער תנא האט רבי חנינא גזאגט אז איינער האט אקראנקען ביי זיך אין שטוב אז מען בעט פון זיינעט וועגין דארף מען איהם אריין מישען צווישען אלע קראנקע יודען. וויא ווער איז דאס. אזוי וויא רבי יוסי. דאס יער זאגט מען זאל זאגען. גאט זאל רחמנות האבען אויף אלע קראנקע יודען אונ אויף דעם קראנקען אויך. נאך האט רבי חנינא גזאגט עס איז שווער אן גיקומען ביז מען האט מתיר גיוועזען מען זאל גיין טרייסטען אאבל אום שבת. אונ מען זאל גיין צו אקראנקען אום שבת זעהן וואס ער מאכט:

אמר. רבה בר בר חנה האט גזאגט אז מיר פלעגין גיין נאך רבי אליעזר צוא אקראנקען פרעגין וואס ער מאכט. אמאהל האט רבי אליעזר גזאגט צוא דעם קראנקען אויף לשון קודש המקום יפקדך לשלום. גאט זאל דיך גידיינקין צו שלום. אונ אמאהל האט רבי אליעזר גזאגט צו דעם קראנקין אויף לשון ארמית רחמנא ידכרינך לשלם גאט זאל דיך גידיינקין צו שלום. פרעגט די גמרא ווי אזוי האט רבי אליעזר אזוי גיטאהן: רב יהודה האט דאך גזאגט אמענטש זאל ניט בעטין זיין בדערפעניש פון גאט מיט די ארמישע שפראך. אונ רבי יוחנן האט גזאגט דער וואס בעט זיין בדער פעניש מיט די ארמישע שפראך נעמען ניט צוא די מלאכים זיין תפלה. וואראום די מלאכים קענען ניט די ארמישע שפראך. ענטפערט דיא גמרא אז מען שטייט ביי אקראנקין אונ מען בעט פון זיינעט וועגין איז אנדערש וואראום גאט איז מיט דעם קראנקין. אונ גאט אליין פר נעמט די תפלה אויף וועלכע שפראך מען בעט. וואראום רב ענן האט גזאגט פון רבס וועגין פון וואנען ווייסען מיר אז גאט לענט אונטער ווער שטארקט דעם קראנקין. וואראום עס שטייט אין פסוק גאט לענט אונטער ווער שטארקט דעם מענטשין ווען ער ליגט אויף זיין קראנקין בעט. מיר האבען אויך אזוי גילערונט אז איינער גייט אריין צו אקראנקין זעהן וואס ער מאכט זאל ער ניט זיצען אויף אבעט. אונ ניט אויף

אשמוהל

למעלה מראשותיו של חולה שנאמר ה' יסעדנו על ערש דוי : מגן ה"א . להסגיז כתימום כמכנה וקנעמיס

(ע"ב) טו מיתיבי לא יקרא לאור הנר שמא יטה אמר רבי ישמעאל בן אלישע אני אקרא ולא אטה פעם אחת קרא ובקש להטות אמר כמה גדולים דברי חכמים שהיו אומרים לא יקרא לאור הנר רבי נתן אומר קרא והטה וכתב על פנקסו אני קריתי והטיתי נר בשבת לכשיבנה בית המקדש אביא חטאת שמנה אמר רבי אבא שאני ר"י בן אלישע הואיל ומשים עצמו על ד"ת כהדיוט :

(דף יג) טז תנא דבי אליהו מעשה בתלמיד אחד ששנה הרבה וקרא הרבה ושמש ת"ח הרבה ומת בהצי ימיו והיתה אשתו נוטלת תפיליו ומחזרת בבתי כנסיות ובבתי מדרשות ואמרה להם כתיב בתורה (דברים ל) כי הוא חייך ואורך ימיך בעלי ששנה הרבה וקרא הרבה ושמש תלמידי חכמים הרבה מפני מה מת כחצי ימיו ולא היה אדם מחזירה דבר . פעם אחת נתארחתי אצלה והיתה מסיחה כל אותו

מאורע

---

שטוהל נאר ער זאל זיך בדעקין מיט זיין קלייד אונ זאל זיצען פאר דעם קראנקין ווייל גאט איז ביא דעם קראנקין צוא קאפין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ה' יסעדנו על ערש דוי :

טו מיתיבי . איך וועל דיך אקשיא פרעגין מיר האבען גילערנט מען טאר ניט לערנען שבת ביי נאכט פר אליכט אדער פר אלאמפ טאמער וועט ער איינבייגען ופר בעסערין) די ליכט אדער דעם לאמפ עס זאל בעסער ברענען . רבי ישמעאל בן אלישע הט גזאגט איך וועל לערנען פר אליכט שבת ביי נאכט אונ איך וועל ניט איינבייגען די ליכט . אמאהל האט רבי ישמעאל גילערנט פר אליכט שבת ביי נאכט אונ ער הט גיוואלט איינבייגען די ליכט . ווייל ער הט פר געסין אז עס איז שבת . נאר איידער ער הט איינגיבויגען די ליכט הט ער זיך דער מאנט אז עס איז שבת האט רבי ישמעאל גזאגט ווי גרוים זענען די רייד פון די חכמים וואס זיי האבען גזאגט מען טאר ניט לערנען שבת ביי נאכט פר אליכט . רבי נתן זאגט רבי ישמעאל הט גילערנט שבת ביי נאכט פר אליכט . אונ ער הט איינגיבויגען די ליכט אונ רבי ישמעאל הט אויף געשריבען אויף זיין בוך איך האב גילערנט שבת ביי נאכט פאר אליכט . אונ האב דיא ליכט איינגיבויגען . אז דער בית המקדש וועט גיבויט ווערין וועל איך ברייננגען אפעטע בהמה פר אקרבן חטאת . הט רבי אבא גזאגט רבי ישמעאל בן אלישע איז אנדערש וויא אנדערע תלמידי חכמים ווייל ווען ער לערנט איז ער ביי זיך גאנץ פראסט . אזוי ווי אלע אנדערע מענטשין . אונ אז מען דארף פר בעסערין די ליכט נאום דער וואכען פאר בעסערט ער אליין . דריבער הט ער ניט גיטארט לערנען פר אליכט אום שבת . אבער איין אנדער תלמיד חכם וואס פר בעסערט ניט אליין די ליכט אום דער וואכען . מעג ער לערנען פאר אליכט אום שבת . ווארום אליין וועט ער ניט פר בעסערין : נאר ער וועט זאגען איין אנדערין דער ווייל וועט מען זיך דער מאנען אז עס איז שבת :

טז אין תנא דבי אליהו שטייט עס איז אמאהל גיוועזן אתלמיד וואס ער הט גילערנט פיל משניות . אונ פיל תורה נביאים כתובים . אונ ער הט בדינט פיל תלמידי חכמים ודאס מיינט מען ער הט גילערנט פיל גמרא) אונ ער איז גישטארבען יונג אין זיינע העלפט יאהרין . די ווייב זיינע הט גענומען זיינע תפילין אונ איז גיגאנגען מיט זייא אין דיא שולען אונ אין די בתי מדרשים אונ זי הט גזאגט צו די מענטשין עס שטייט אין די תורה זיא איז דיין לעבין אונ דיינע לאנגע טעג . מיין מאן וואס ער הט גילערנט פיל משניות אונ פיל תנ"ך . אונ ער הט בדינט תלמידי חכמים זייער פיל פר וואס איז ער גישטארבען אין זיינע העלפט יאהרין . הט איר קיין מענטש ניט געוואוסט צו ענטפערין זאגט אליהו הנביא אמאהל האב איך מיך פר

שטעלט

מאי שנא ואמרתי לה בתי בימי נדותיך מהו אצלך אמרה לי ח"ו אפילו באצבע קטנה לא נגע בי . בימי לבוניך מהו אצלך אכל עמי ושתה עמי וישן עמי בקירוב בשר ולא עלתה דעתו על דבר אחר ואמרתי לה ברוך המקום שהרגו שלא נשא פנים לתורה שהרי התורה אמרה (ויקרא יח) ואל אשה בנדת טמאתה לא תקרב כי אתא רב דימי אמר מטה חדא הויא . במערבא אמרי א"ר יצחק בר יוסף סינר מפסיק בינו לבינה :

(ע"ב) **יז תנו** רבנן מי כתב מגלת תענית אמרו חנניה וסיעתו שהיו מחבבין את הצרות . אמר רבי שמעון בן גמליאל אף אנו מחבבין את הצרות אבל מה נעשה שאם באנו לכתוב אין אנו מספיקין . ד"א אין שוטה נפגע . דבר אחר אין בשר המת מרגיש באיזמל . איני והאמר רב יצחק קשה רמה למת כמחט בבשר החי

**פירוש**

אשה סכנה גמורה : בימי נדותיך . כל שבעה של ראיה לאחריה : לבונך . כגון זבה בספירת ז' נקיים משפסקה וצריכה להיות לובשת לבנים לבדוק שמא פוסקת ותסתור ספירתה : בנדת טומאתה . ועד שתבא במים לטבילה היא בטומאתה דמרבינן טמאה בהוייתה תהא עד שתבא במים בהוסת כבים : מטה הדא הויא . רחבה ולא קירוב בשר הויא וסבר דשרי בהכי : סינר . פורצינ"ש שהיא חוגרת בו ומגיע ממתנים ולמטה : מגלת תענית . לפי שאלו כל משנה וברייתא לא היו כתובים דאסור לכתבן וזה נכתבה לזכרון לדעת ימים שאסורים בתענית לכך נקראת מגלה שכתוב במגלת ספר : מחבבין את הצרות . בגאולתן שבא עליהם לזכירו לשבחו של הקב"ה ועשו ימי הנס לעשותם י"ט כגון אלין יומיא דלא להתענאה בהון וכו' : אין אנו מספיקין . לפי שהן מרובות . ל"א אין אנו מספיקין מלעשות י"ט בכל יום : אין שוטה נפגע . אין פגע רע בא עליו כלומר אינו מכיר בפגעיו כך כמה נסים באים לנו ואין אנו מכירים בהם : בשר המת בחי . הגדל באדם כמו מחמת מכה או מחמת כויה: אינו מרגיש

---

שטעלט פר איין אורח אונ בין געקומען צו איר : אונ זיא האט מיר דער ציילט וואס איר האט גימראפען . האב איך גזאגט צו איר . מיין טאכטער זאג מיר וויא האט זיך דיין מאן מיט דיר געפירט ווען דוא ביסט גיוועזן א נדה . האט זי גזאגט צו מיר חס ושלום אפילו מיט זיין קלענסטין פינגער האט ער מיך ניט אן גערירט . ווען דוא האסט גיציילט די זיבען ריינע טעג וויא האט זיך דיין מאן מיט דיר געפירט . האט זיא גיענטפערט ער האט גיגעסן מיט מיר אונ ער האט גיטרונקען מיט מיר . מיר זענען צו זאמען גישלאפען אין איין בעט . אונ אונזערע לייבער האבן אנגערירט איינע די אנדערע . נאר אויף קיין אנדער זאך [ווער זאל מיך בווער זיין] האט ער נאר ניט אין זינען גיהאט . האב איך גזאגט צו איר גלויבט איז גאט וואס ער האט אים גיהרגעט דאס האט ניט גיחנפת זיין תורה וואס ער האט גילערנט . וואורום דיא תורה האט גזאגט דו זאלסט ניט גינענען צו אשה ווען זיא איז א נדה . אונ ביז זיא איז זיך טובל הייסט זיא א נדה צוא אלע זאכען . אז רב דימי איז גיקומען פון ארץ ישראל האט ער דער ציילט . דיא אשה האט נאר גיזאגט אז דער מאן איז גישלאפען מיט איר אין איין בעט . אונ דיא בעט איז גיוועזן אברייטע . אונ זייא האבען זיך ניט אנגערירט . אונ ער האט גימיינט אז אזוי מעג מען . אין ארץ ישראל האט מען גזאגט . רבי יצחק בר יוסף האט דער ציילט . אזוי האט דיא אשה גזאגט ווען ער איז גילעגין מיט איר אין בעט איז זיא גילעגין מיט אפארטוך [אין אספארניצע] אונ זיי האבען זיך ניט אנגערירט :

**יז תנו רבנן** . די רבנן האבען גילערנט ווער האט פר שריבען די אלע טעג וואס מען מאר ניט פאסטען . ווייל אין דיא טעג איז גיטאהן גיווארין נסים [אונ דאס איז גיוועזן געשריבען וויא א מגילה] . מען האט גזאגט חנניה מיט זיינע מענטשין האבען געשריבען די מגילה . ווייל זייא האבען ליב גיהאט די נסים וואס איז גיטאהן גיווארין אויף די צרות . צו לויבען גאט . אמר רבן שמעון בן גמליאל האט גזאגט מיר האבען אויך ליב דיא נסים וואס ווערט גיטאהן אויף דיא צרות . אבער וואס זאלען מיר טאהן אויב מיר ווילין קומען אלץ פר שרייבען וועלין מיר ניט קענען מאכען אזוי פיל ימים טובים . וואורום אלע טאג איז דא אנדערע צרות מיט אנדערע נסים וועט דארפען זיין אלע טאג יום טוב . נאך אזאך האט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט אויף א נאר קומט ניט קיין שרעקן . ווייל ער פר שטייט ניט וועלכעם איז שרעקט . מיר זענען אויך אזוי מיר האבען אלע טאג אנדערע צרות מיט אנדערע נסים . נאר מיר פר שטייען ניט די צרות אונ מיר פר שטייען ניט די נסים . נאך אזאך האט רבן שמעון בן גמליאל גזאגט

ההי. שנאמר (איוב ד) אך בשרו עליו יכאב. אימא אין בשר המת שבחי מרגיש באיזמל. אמר רב יהודה אמר רב ברם זכור האיש ההוא לטוב וחנניה בן חזקיה שמו שאלמלא הוא נגנז ספר יחזקאל שהיו דבריו סותרין דברי תורה מה עשה העלו לו שלש מאות גרבי שמן וישב בעליה ודרשן:

(דף טו) **יח אמר** רב כהנא כשחלה רבי ישמעאל ברבי יוסי שלחו לו רבי אמור לנו שנים או שלשה דברים שאמרת לנו משום אביך שלח להם כך אמר אבא ק"פ שנה עד שלא חרב הבית פשטה מלכות ארם על ישראל שמונים שנה עד שלא חרב הבית גזרו טומאה על ארץ העמים ועל כלי זכוכית ארבעים שנה עד שלא חרב הבית גלתה לה סנהדרין וישבה לה בחנויות למאי הלכתא אמר רבי יצחק בר אבדימי לומר שלא דנו דיני קנסות כ"ד אלא אימא שלא דנו דיני נפשות. הלל ושמעון

באיזמל. כשחותכין אותו: דברי תורה. כגון נבלה וטרפה וגו' לא יאכלו הכהנים הא ישראל אוכלין וכגון וכן תעשה בשבעה בחדש דיכן גרמז קרבן זה בתורה: גרבי. למאור ולמזונות: ודרשן. כדדרשי' להני קראי במנחות דמי' וכו' דאיסתרי מליקה בחטאת העוף גבייהו הולך להזהירן על מליקת חולין דהוי נבלה:

מלכות ארם פשטה. והתחילו לגזור: הלל ושמעון. ר"ש בנו של הלל היה ור"ג הזה ר"ג הזקן ושמעון הוא ר"ש בנו של ר"ג עם הרוגי מלכות והוא היה אביו של ר"ג דלעיל דרבי יהושע בן חנניה ובעשה מחלוקת עם רבי אליעזר בן הורקנוס: בפני הבית.

---

דיא פלייש פון אטויטען פילט ניט דעם מעסער. אז מען שנייט אטויטען מענטש מיט אמעסער הט ער ניט קיין שמערצין. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. רב יצחק האט דאך געזאגט אז אווארעם בייסט דעם מת איז אידם אזוי שלעכט: וויא שלעכט עס איז דעם לעבעדיגען מענטש אז מען שטעכט אידם מיט אנאדיל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאר זיין לייב ופון דעם מת) שמערצט אידם. פון דיא ווערים וואס שטעכין אידם. ענטפערט די גמרא אזוי זאג. אז אלעבעדיגער מענטש הט אויף זיין לייב טויטע פלייש (ווילד פלייש) אז מען שנייט די פלייש מיט אמעסער פילט ער גאר ניט. ואזוי ביי אונז איז אויך אונזער לייב ווי טויטע פלייש. דריבער פילען מיר ניט די צרות וואס מען טוהט אונז:

אמר. רב יהודה הט געזאגט פון רבם ווענין באמת דארפין מיר דער מאנען דעם מענטשין צו גוטען דער מענטש הייסט חנניה בן חזקיה ווען ניט ער וואלט מען בעהאלטען דעם ספר יחזקאל ווייל זיינע רייד זענען אנדערש וויא די תורה זאגט. וואס הט חנניה גיטאהן מען הט ארויף גיבראכט אויף אבוידים פון זיינעט ווענין דריי הונדערט מאס אייל. צום עסין אונ צום בעלייכטען. אונ ער איז גיזעסען אויף דעם בוידים אונ ער הט גיקלערט אין דיא פסוקים ביז ער הט זיי פר גלייכט מיט די רייד פון די תורה:

**יח** אמר. רב כהנא הט גזאגט אז רבי ישמעאל ברבי יוסי איז קראנק גיווארין הט מען געשיקט צו אידם רבי זאג אונז צוויי אדער דריי זאכען וואס דו האסט אונז אמאהל גזאגט פון דיין פאטערס ווענין. הט ער זיי צוריק געשיקט אזוי הט מיין פאטער גזאגט הונדערט מיט אכציג יאהר פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב גיווארין. האט זיך פאר שפרייט די מלוכה פון ארם אויף דיא יודען. אכציג יאהר פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב גיווארין הט מען גוזר גיוועזן אויף אלע לענדער אויסער ארץ ישראל זיי זאלען זיין טמא. אונ אגלעזערנע כלי וואס איז טמא. אז מען הט איר גישמאלצען אונ גימאכט פון איר אנייע כלי. איז דיא נייע כלי טמא די זעלביגע טומאה וואס פריער איז גיוועזן. פערציג יאהר פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב גיווארין זענען דיא סנהדרין פר טריבען גיווארין פון ירושלים אונ זענען גיזעסען אין דעם ארט חנויות. צו וועלכין דין דארפען מיר דס וויסען. הט רבי יצחק בר אבדימי גזאגט צו זאגען אז דיא אלע דינים וואס זענען צוא קנסן האבען שוין דיא סנהדרין ניט געמשפט. פרעגט די גמרא וויא אזוי קענסטו זאגין אז מען הט ניט געמשפט דיא דינים פון קנס. פר וואס זאל מען ניט משפטן די דינים פון קנס. נאר זאג זייא האבען ניט געמשפט די דינים צו הרגן מענטשין. ווייל זייא זענען שוין גיוועזן אונטער די מלוכה פון רוים

בפני הבית קיים: מאה שנה. האחרונים שלפני החורבן שהתחיל בימיו של הלל ופרנסו את אלו ד' דורות ק' שנה אלמא הלל קודם לחורבן ק' שנה: שלמה תקן כו'. דכתיב אזן וחקר שעשה אזנים לתורה כלומר סייג והרחקה כאפיפה זו שמשלין אותה באזנים ואין נוגעין בה עירובין אזנים לשבת שהאסור להוציא מרשותו לרשות חברו ואע"פ ששניהם רשות היחיד: ס"ת ערום. אלא ע"י מטפחת ע"כ:

מפני מה בוצרין בטהרה. מפני מה אתה מצריך לבצור בכלים טהורים דקאמרת הבוצר לגת ואין אתה מצריך למסוק זיתים בכלים טהורים: יכנס. לב"ה: והיוצא אל יצא. לפי שהיו רוצים לעמוד במנין: קשה. לפי שהלל נשיא ונעשה וגזור שמאי והלל ולא קבלו מינייהו ואתו תלמידייהו וקבלו מינייהו:

ושמעון גמליאל ושמעון נהגו נשיאותן מאה שנה וכו':

(דף יד ע"ב) **יתיב אמר** רב יהודה אמר שמואל בשעה שתקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצתה בת קול ואמרה (משלי כג) בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני (שם כז) חכם בני ושמח לבי ואשיבה חורפי דבר אמר רבי פרנך אמר רבי יוחנן האוחז ס"ת ערום נקבר ערום ס"ד אלא אמר רבי זירא ערום בלא מצות בלא מצות סלקא דעתך אלא ערום בלא אותה מצוה:

(דף יז) **כי אמר** ליה הלל לשמאי מפני מה בוצרין בטהרה ואין מוסקין בטהרה אמר ליה אם תקניטני גוזרני טומאה אף על המסיקה נעצו חרב בבה"מ אמרו הנכנס יכנס והיוצא אל יצא ואותו היום היה הלל כפוף ויושב לפני שמאי כאחד מן התלמידים והיה קשה לישראל כיום שנעשה בו העגל וגזור שמאי והלל ולא קבלו מהם ואתו תלמידייהו וגזור וקבלו מינייהו:

תניא

---

רוים. הלל אונ שמעון גמליאל אונ שמעון זענען געוועזן נשיאים די לעצטע הונדערט יאהר פאר דעם חורבן בית המקדש:

**יתיב** אמר. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגן ווען שלמה המלך האט געמאכט התקנה מען זאל מאכען אעירוב. מען זאל מעגין טראגען. אונ מען זאל וואשען די הענט צום עסין. איז ארויס געגאנגען אקול פון הימעל אונ האט געזאגט מיין זוהן אויב דיין הארץ איז קלוג פרייט זיך מיין הארץ אויך. קליג דיך מיין זוהן אונ ערפריי מיין הארץ. ווער איך קענען ענטפערין די וואס פר שעמען מיך:

אמר. רבי פרנך האט געזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגן אז איינער האלט אספר תורה נאקעט. ער האלט דעם בלויזן פארמעט. ווערט ער בגראבען נאקעט. פרעגט די גמרא פאר וואס ווערט ער בגראבען נאקעט. האט רבי זירא געזאגט אזוי מיינט מען ער ווערט בגראבען נאקעט אן מצות. פרעגט די גמרא פר וואס אן מצות. פאר וואס זאל ער פארלירען אלע מצות וואס ער האט גיטאהן. נאר אזוי מיינט מען ער ווערט בגראבען נאקעט פון דיא מצוה. למשל איינער איז גלילה אונ ער רירט מיט דיא בלויזע הענט דיא ספר תורה. פאר לירט ער דיא מצוה פון גלילה:

**כ** אמר. הלל האט געזאגט צו שמאי פר וואס אז מען שניידט וויינטרויבען טוט מען זייא שניידען מיט מעסערס וואס זענען טהור. אונ אז מען שניידט איילבירטען מעג מען זיי שניידין מיט מעסערס וואס זענען טמא. האט שמאי געזאגט צו הלל אויב דו וועסט מיך דער צערענען וועל איך גוזר זיין אויף איילבירטען אויך אז זייא ווערין טמא. אונ מען מוז זייא שניידען נאר מיט מעסערס וואס זענען טהור. האט מען אריין גישטעקט אשווערד אין בית המדרש אונ מען האט געזאגט ווער עס וויל אריין גיין אין בית המדרש. מעג ער אריין גיין. אונ קיינער זאל ניט ארויס גיין פון בית המדרש. דעם טאג איז הלל גיזעסין איינגיבויגען פר שמאי אזוי וויא איינער פון דיא תלמידים אונ דער טאג איז שלעכט גיוועזן ביי דיא יודין. אזוי וויא דער טאג וואס מען האט גימאכט דעם עגל. שמאי אונ הלל האבען גוזר גיוועזן האט מען ניט אן גינומען פון זייא די גזרה דער נאך זענען גיקומען זייערע תלמידים אונ האבען גוזר גיוועזן. פון זיי האט מען יא אן גינומען זייער גזרה:

(דף יט) **כא תניא** אמר רבי צדוק כך היה מנהגו של בית רבן גמליאל שהיו נותנין כלי לבן לכובס שלשה ימים קודם לשבת וצבועין אפילו בערב שבת ומדבריהם למדנו שהלבנים קשים לכבסן יותר מן הצבועין אביי הוה יהיב ליה ההוא מנא דצביע לקצרא אמר ליה כמה בעית עלויה אמר ליה כדהיורא א"ל כבר קדמוך רבנן. אמר אביי האי מאן דיהיב מנא לקצרא במשחא ניתיב ליה ובמשחא לישקול מיניה דאי טפי אפסדיה דמתחיה ואי בציר אפסדיה דכווציה:

(פ"ג) **כב ההוא** תלמידא דאורי בחרתא דארגיז כרבי שמעון שמתיה רב המנונא והא כר"ש סבירא לן באתריה דרב הוה ולא איבעי ליה למיטר הכי:

(דף כ) **כג ומאחיזין** את האור במדורת בית המוקד. טנא הני מילי אמר רב הונא (שמות לה) לא תבערו אש בכל מושבותיכם. בכל מושבותיכם אי

ומדבריהם למדנו כו'. וכ"ת לככר שכובס: לקמיה. כובס: כמה בעית עלויה. בשכר כבוס: ככר קדמוך רבנן. שלמדונו שהלבנים קשים לכבסן יותר מן הצבועים: במשחא. במדה ימדדנו בנתינתו ובחזירתו: דכוותי. כזותמים: חרתא. שם מקום: ארגיז. אדם אחד היה אמגוזי שבנאה לאותה העיר וכל האמונה דר שם ועדיין קבורתו קיימת שם כך מצאתי בתשובה: והא כרבי שמעון סבירא לן. כדלקמן ולמאי שמתיה:

---

**כא** תניא. מיר האבען גיהערט רבי צדוק זאגט דיא מענטשין וואס זענען גיוועזן ביי רבן גמליאל אין שטוב האבען זיך אזוי געפירט. דריי טעג פאר שבת פלעגין זייא געבין ווייסע קליידער אונ העמדער צו אוועשער אזוי ער זאל דאס וואשען. וייל דאס קען גיוואשין ווערין ביז שבת. אונ גיפארבטע קליידער פלעגין זייא געבין צום וועשער אפילו ערב שבת. וייל דאס קען אויך גיוואשין ווערין ביז שבת. פון זייערע רייד לערנען מיר אז ווייסע קליידער איז שווערער צו וואשין וויא גיפארבטע. אביי האט גיגעבין אגיפארבטע קלייד צוא אוועשער. זאגט אביי צום וועשער וויא פיל ווילסטו וועש געלט פאר דיא קלייד. זאגט דער וועשער צוא אביי אזוי וויא פאר אווייסע קלייד. זאגט אביי צום וועשער. דיא רבנן האבען אונז שוין פריער גיזאגט אז אווייסע קלייד איז שווערער צו וואשין וויא אגיפארבטע. אביי האט גיזאגט אז איינער גיט אקלייד צו אוועשער זאל ער מעסטין דיא קלייד ווען ער גיט זיא צום וועשער. אונ ער זאל מעסטין דיא קלייד ווען ער נעמט זיא צוריק פון וועשער. אויב דיא קלייד איז גרעסער גיווארין האט ער זיא איהם שאדין גימאכט. וייל ער האט זיא אויס גיצויגען. אונ אויב די קלייד איז קלענער גיווארין. הט ער זי אים שאדין גימאכט. וייל ער הט זי איינגיצויגען. ער הט זי גיוואשען אין שטארק הייסע וואסער איז זי איינגיצויגין גיווארין:

**כב** ההוא. אתלמיד האט גיפסקת אין דיא שטאט חרתא דארגיז אזוי וויא רבי שמעון האט רב המנונא מחרים גיוועזן דעם תלמיד. פרעגט דיא גמרא מיר האלטען דאך אויך אזוי וויא רבי שמעון. ענטפערט דיא גמרא חרתא דארגיז איז דער ארט פון רב. רב וואוהנט אין חרתא דארגיז. אונ רב פסקת אזוי וויא רבי יהודה. הט דער תלמיד ניט גידארפט פסקנן אין די שטאט אזוי וויא רבי שמעון. אנדערש ווי רב פסקת:

**כג** ומאחיזין. דער דין איז אז מען וויל איין הייצין ערב שבת פארין נאכט אהויבין. דיא האלץ זאל ברענען אום שבת. מוז מען אן צינדען דיא האלץ אזוי פריה. אז דיא מערסטע האלץ זאל ברענען איידער עס ווערט נאכט. ווארום אז עס וועט זיין שפעט אונ ער וועט נאר אצינד אונטער געבין. טאמער וועט דער פייאר פאר לאשין ווערין. אונ ער וויל דאך הייצין וועט ער פאר בעסערין דעם פייאר ווען עס וועט שוין זיין שבת. זאגט דיא גמרא אבער אין דעם בית המוקד האט מען אן גיצונדען דעם פייאר אין דיא האלץ ערב שבת שפעט. אפילו עס איז ניט גיוועזן צייט די האלץ זאל גוט ברענען איידער עס ווערט נאכט. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען מעג. האט רב הונא גיזאגט. עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט ברענען פייאר אין אלע ערטער וואו איר וועט וואוהנען. אין אייערע וואוהנונגען זאלט איר ניט

אי אתה מבעיר אבל אתה מבעיר במדורת בית המוקד. מתקיף לה רב חסדא אי הכי אפילו בשבת נמי. אלא אמר רב חסדא קרא כי אתא למישרי איברים ופדרים הוא דאתא וכהנים זריזין הם:

## במה מדליקין פרק שני

(דף כא) **א** ולא בשמן קיק. מאי שמן קיק אמר שמואל שאילתינהו לכל נחותי ימא ואמרו לי עוף אחד יש בכרכי הים וקיק שמו רב יצחק בריה דרב יהודה אמר משחא דקאזא ריש לקיש אמר קיקיון דיונה אמר רבה בר בר חנה לדידי חזי לי קיקיון דיונה ולצלוליבא דמי ומדפשקי רבי ועל פום חנוותא מדלן יתיה ומפרצידוהי עבדי משחא ובענפוהי נייחן כל בריחי דמערבא:

**ב** תני רמי בר חמא פתילות ושמנים שאמרו חכמים אין מדליקין בהן בשבת אין מדליקין בהן במקדש משום שנאמר (שמות כז) להעלות נר תמיד.

הוא

אברים ופדרים הוא דאתא: להתיר את הקטרתן כל הלילה אבל מדורת בית המוקד שאינה צורך גבוה אלא צורך כהנים לא הותרה וסמוך לחשכה היינו טעמא דלא גזר משום דכהנים זריזים הם שכולם היו בני תורה וחרדין ונזכרין ולא אתו לחתויי מספקא:

כשמן קיק. שמן של עוף אחד ומגין בנר ודולק: משחא דקאזא. שמן שעושים מגרעיני צמר גפן קוטו"ן: קיקיון. כעין אותה של יונה: לדידי חזי לי. מין קיקיון של יונה: ומדפשקי רבי. בגלעי שמים הוא גדל: ועל פום חנוותא מדלן יתיה. ועל פי החנויות מדלין אותו לצל ולריח טוב: ומפרצידוהי. מגרעיניו: נייחן. שוכבין. בריחי. חולין:

---

ברענגען פייער אום שבת. אבער אין בית המוקד מעגט איר ברענגען פייער אום שבת. האט רב חסדא אקשיא גיפרעגט אויב אזוי דארף מען דאך מעגין ברענגען פייער אין בית המוקד אפילו אום שבת. האט רב חסדא גזאגט דער פסוק בכל מושבותיכם קומט מתיר זיין אז מען מעג פאר ברענגען אום שבת דיא חלב מיט די שטיקער פלייש פון די קרבנות אויף דעם מזבח: אבער אין בית המוקד טאר מען ניט אן צינדען פייער אום שבת. נאר פר וואס מעג מען אן צינדען פייער פרייטאג שפעט פארן נאכט. ווייל די כהנים זענען געווען אפ געהיט פון אעבירה. אז זייא וועלין זעהן דער פייער איז פאר לאשין געווארין אונ עס איז שוין שבת. וועלין זייא ניט אן ריהרען דעם פייער ובית המוקד איז אשטוב אין די עזרה וואו דארט האט אייביג געברענט פייער די כהנים זאל זיך ווארעמען. ווייל זיי פלעגין גיין בארוועס אויף די שטיינערנע פאדלאגע:

## פרק שני

**א** ולא: שבת ביי נאכט טאר מען ניט ברענגען אייל פון קיק פרעגט די גמרא וואס איז דאס אייל פון קיק: האט שמואל גזאגט איך האב גיפרעגט אלע מענטשין וואס שיפען אויף דעם ים האבען זיי מיר גזאגט אין די שטעט פון ים איז דא איין פויגיל וואס הייסט קיק. אונ זיינע פעטס לייגט מען אריין אין אלאמפ אונ מען צינדט אן. רב יצחק בריה דרב יהודה זאגט די אייל וואס מען מאכט פון דיא קערנער פון באוווייל הייסט קיק. ריש לקיש זאגט דיא אייל וואס מען מאכט פון דעם מין בלעטער וואס זענען גיוועזן בדעקט אויף דעם קאפ פון יונה אזוי וויא עס שטייט אין ספר יונהו הייסט קיק. אמר. רבה בר בר חנה האט גזאגט איך האב גיזעהן דעם מין בלעטער וואס זענען גיוועזן בדעקט אויף דעם קאפ פון יונה אונ די בלעטער וועהן אויס אזוי וויא צלוליבא דאס איז גאנץ גרויסע בלעטער. אונ זייא וואקסען אין דיא זומפיקע ערטער. אונ די בלעטער אייננט מען אויף אין די קראמען עס זאל שמעקין. אונ פון די קערנער מאכט מען אייל. אונ אין ארץ ישראל לייגט מען די בלעטער נעבין אקראנקין האט ער הנאה פון דעם ריח:

**ב** רמי בר חמא האט גילערונט דיא קנייטלאך אונ דיא אייל וואס דיא חכמים האבען גזאגט מען טאר זיי ניט אן צינדען אויף שבת טאר מען זיי ניט אן צינדען אין בית המקדש, ווייל עס שטייט אין פסוק מען זאל אן צינדען די מנורה אייביג. רמי בר חמא האט גילערונט

דעם

הוא תני לה והוא אמר לה כדי שתהא שלהבת עולה מאיליה ולא שתהא עולה על ידי דבר אחר . תנן מבלאי מכנסי כהנים ומהמייניהם היו מפקיעין ומהן מדליקין שמחת בית השואבה שאני :

ג כשבאו בגמרא לפרש שמנים ופתילות דמתניתין הזכירוה לענין חנוכה ואמר רב מדליקין בהן אמר רבי ירמיה מאי טעמא דרב קסבר כבתה אין זקוק לה וכו' אמרוה רבנן קמיה דאביי משמיה דרבי ירמיה ולא קבלה כי אתא רבין אמרוה רבנן קמיה דאביי משמיה דרבי יוחנן וקבלה אמר אי זכאי גמירתה לשמעתא מעיקרא והא גמרה נפקא מיניה לגרסא דינקותא :

והוא אמר לה . מפרש מאי תלמודא והיכי משמע מהאי קרא : ולא שתהא עולה . שתהא צריכין תיקון והטיה : מבלאי מכנסי הכהנים . ממכנסי הכהנים הבלויין : היו מפקיעין . קורעין ועושין פתילות בשמחת בית השואבה שהיא בעזרה נמיס : המיימיהם . של כלאים הם דכתיב ואת האבנט שש משזר ותכלת וארגמן וקי"ל תכלת עמרא היא והכיא לעיל לענין שבת הוסיפו עליהן של אמר לפסול וקתני מדליקין בהן במקדש : שמחת בית השואבה . דלא כתיב בהן להעלות ולאו דאורייתא היא :

ולא קבלה . שלא תשבה לסמוך על דבריו : אי זכאי . אילו הייתי זוכה ללמדה הייתי גורסה כשמעתיה ראשונה : גרסא דינקותא . מתקיימת יותר משל זקנה :

נר איש וביתו . נר אחד בכל לילה ואיש וכל בני ביתו סגי בנר אחד והמהדרין במצוה עושין נר

(ע"ב) ד תנו רבנן מצות חנוכה נר איש וביתו והמהדרין נר לכל אחד ואחד והמהדרין מן המהדרין בית שמאי אומרים יום ראשון מדליק שמונה מכאן ואילך פוחת והולך

---

דעם דין . אונ ער הט גזאגט וויא אזוי ווייס מען פון דעם פסוק אז מען טאר ניט אן צינדען דיא אייל מיט די קנייטלאך אין בית המקדש . ווייל אין פסוק שטייט דער ווארט להעלות אויף ברייננגען . אונ עס שטייט ניט להדליק אן צינדען : מיינט דער פסוק דער קנייטעל מיט די אייל זאלען זיין פון אזוי אזאך אז מען וועט דאס אן צינדען וועט דער פלאם אויף גיין פון זיך אליין . אבער ניט דער פלאם זאל אויף גיין דורך אנדערע זאכען . ווייל מען וועט דאס אלע מאהל פאר בעסערין אונ אלע מאהל איינבייגין . אונ דיא קנייטלאך אונ אייל וואס מען טאר ניט אן צינדען אויף שבת ברענגען ניט פון זיך אליין נאר מען מוז זייא אלע מאהל פאר בעסערין . דהיינו טאר מען זייא ניט אן צינדען אין בית המקדש . פרעגט דיא גמרא מיר האבין דאך גילערונט דיא אלטע הויזין פון דיא כהנים אונ זייערע גארטלען האט מען צעריסען . אונ מען האט גימאכט פון זייא קנייטלאך אונ מען האט זייא אן גיצונדען אין בית המקדש . אונ דיא גארטלען פון דיא כהנים זענען דאך פון פלאקס מיט וואל . אונ אקנייטיל פון וואל טאר מען דאך ניט אן צינדען אויף שבת . פאר וואס מעג מען אן צינדען אין בית המקדש . ענטפערט די גמרא דיא בלייכטונג וואס איז גיוועזן צו שמחת בית השואבה איז אנדערש . דאס האט גימעגט זיין פון וואלענע קנייטלאך אויך :

ג כשבאו : אז דיא גמרא קומט אויס רעכענען דיא אייל אונ דיא קנייטלאך פון דיא משנה וואס זענען פסול צו שבת האט מען דער מאנט צו פרעגין אויב זייא זענען כשר צוא חנוכה : האט רב גזאגט מען מעג זייא אן צינדען צו חנוכה . האט רבי ירמיה גזאגט פר וואס זאגט רב אז מען מעג זייא אן צינדען צוא חנוכה ווייל רב האלט אז דיא חנוכה ליכט ווערט אויס גילאשין ופאר אהאלבע שעה) דארף מען ניט צוריק אן צינדען . דיא רבנן האבין גזאגט דעם דין פאר אביי פון רבי ירמיהם וועגין . הט אביי ניט אן גינומען דעם דין . אז רבין איז גיקומען האבען דיא רבנן גזאגט דעם דין פאר אביי פון רבי יוחנן וועגין : הט שוין אביי אן גינומען דעם דין . הט אביי גזאגט אז איך וואלט זוכה גיוועזן וואלט איך דעם דין פריער גילערונט . פרעגט דיא גמרא ער הט דאך דעם דין גילערונט . וואס איז דער אונטערשייד פריער צו שפעטער . ענטפערט די גמרא דער אונטערשייד איז אז מען לערונט אזאך אין דער יוגענד גידיינקט מען בעסער וויא מען לערונט אין די עלטערע יאהרין :

ד תנו רבנן . דיא רבנן האבין גילערונט דיא מצוה פון חנוכה ליכט איז . דער בעל הבית זאל אן צינדען אלע נאכט איין ליכט פאר אלע מענטשין פון שטוב אונ דיא מענטשין וואס

זוכען

אחד בכל לילה לכל אחד ואחד מבני הבית: כנגד ימים הנכנסים. העתידין לבא: ימים היוצאים. שעברו. בכל יום וזה הבא עומד בו מונה עם היוצאים: פרי החג. מתמעטים והולכים בקרבנות דפרים: מעלין בקדש ואין מורידין. מקרא ילפינן לה במנחות פרק שתי הלחם:

מאי

והולך. ובה"א יום ראשון מדליק אחד מכאן ואילך מוסיף והולך. אמר עולא פליגי בה תרי אמוראי במערבא רבי יוסי בר אבין ורבי יוסי בר זבידא חד אמר טעמא דב"ש כנגד ימים הנכנסין וטעמא דבית הלל כנגד ימים היוצאין וחד אמר טעמא דבית שמאי כנגד פרי החג וטעמא דב"ה דמעלין בקדש ואין מורידין אמר רבה בר בר חנה אמר רבי יוחנן ב' זקנים היו בצידן אחד עשה כב"ש ואחד עשה כב"ה זה נותן טעם לדבריו כנגד פ"י החג וזה נותן טעם לדבריו דמעלין בקדש ואין מורידין:

**ה מאי** חנוכה דתנו רבנן בכ"ה בכסליו יומי דחנוכה תמניא אינון דלא למספד בהון ודלא להתענות בהון שכשנכנסו עובדי כוכבים להיכל טמאו כל השמנים שבהיכל וכשגברה

---

זוכען צו טאהן א מצוה בעסער וויא דער דין איז. אלע נאכט דארף יעדער מענטש וואס אין שטוב אן צינדען איין ליכט. אונ די מענטשין וואס זוכען נאך שטארקער צו טאן א מצוה בעסער וויא דער דין איז. בית שמאי זאגין די ערשטע נאכט חנוכה זאל יעדער מענטש פון שטוב אן צינדען אכט ליכט. פון די ערשטע נאכט אונ ווייטער. זאל מען יעדער נאכט אן צינדען איין ליכט ווייניגער. אונ בית הלל זאגין די ערשטע נאכט חנוכה זאל יעדער מענטש פון שטוב אן צינדען איין ליכט, פון די ערשטע נאכט אונ ווייטער. זאל מען יעדער נאכט אן צינדען איין ליכט מער. האט עולא גזאגט אין ארץ ישראל קריגען אין דעם זאך צוויי אמוראים. רבי יוסי בר אבין. אונ רבי יוסי בר זבידא. איינער זאגט דער טעם פון בית שמאי וואס ער זאגט אז אלע נאכט זאל מען אן צינדען איין ליכט ווייניגער. דאס איז געגין די טעג חנוכה וואס דארפין אריין גיין. אלע טאג איז דא א טאג ווייניגער אן צו קומען. די ערשטע נאכט חנוכה זאל מען צינדען אכט ליכט. ווייל עס דארף נאך קומען אכט טאג חנוכה. די אנדערע נאכט זיבען ליכט ווייל עס דארף נאך קומען זיבען טעג חנוכה. אונ אזוי ווייטער. אונ דער טעם פון בית הלל וואס ער זאגט אז אלע נאכט זאל מען אן צינדען איין ליכט מעהר. דאס איז געגין די טעג חנוכה וואס זענען אוועק געגאנגען. אלע טאג איז א טאג מער אוועק געגאנגען די ערשטע נאכט חנוכה זאל מען צינדען איין ליכט. ווייל איין טאג חנוכה גייט אוועק. די אנדערע נאכט צוויי ליכט. ווייל צוויא טעג חנוכה גייען אוועק. אונ אזוי ווייטער. אונ איינער זאגט דער טעם פון בית שמאי איז געגין די פרים וואס מען איז מקריב אום סוכות. אזוי וויא מיר געפינען ביי די פרים פון סוכות. דעם ערשטין טאג איז מען מקריב דרייצעהן פרים. דער נאך איז מען מקריב אלע טאג איין פר ווייניגער אזוי ביי חנוכה זאל מען אויך אן צינדען די ערשטע נאכט אכט ליכט. אונ אלע נאכט מיט איינע ווייניגער. אונ דער טעם פון בית הלל איז ווייל ביי אלע היילינע זאכין דארף מען גיין אלע מאהל העכער ניט נידעריגער. דריבער דארף מען אלע נאכט אן צינדען מער. ניט ווייניגער. רבה בר בר חנא הט גזאגט פון רבי יוחנן ווענין אין די שטאט צידן זענען גיוועז צוויי אלטע מענטשין. איינער הט גיטאהן אזוי וויא בית שמאי. די ערשטע נאכט חנוכה הט ער אן גיצונדען אכט ליכט. אונ אלע נאכט מיט איינע ווייניגער. אונ איינער האט גיטאהן אזוי וויא בית הלל. די ערשטע נאכט חנוכה הט ער גיצונדען איין ליכט אונ אלע נאכט מיט איינער מער. דער וואס האט גיטאהן וויא בית שמאי האט גיגעבין א טעם צו זיינע רייד. מען דארף טאהן וויא די פרים פון סוכות. אונ דער וואס הט גיטאהן וויא בית הלל. האט גיגעבין א טעם צו זיינע רייד ביי אלע היילינע זאכין דארף מען גיין העכער ניט ניך ריגער:

ה מאי. וואס איז גיוועזן דער נס פון חנוכה די רבנן הבן גילערנט פינף אונ צוואנציג טעג אין כסלו הייבין זיך אן די טעג פון חנוכה די טעג פון חנוכה זענען אכט מען טאר גיט

זאגין

וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהיה מונח בחותמו של כהן הגדול ולא היה בו אלא להדליק יום אחד נעשה בו נס והדליקו ממנו שמונה ימים לשנה אחרת קבעום ועשאום ימים טובים בהלל והודאה:

מאי חנוכה: על איזה נס קבעוה: בחותמו של כ"ג. במונח וחתום בטבעתו והכירו שלא נגעו בו: ה"ג ועשאום ימים טובים בהלל והודאה לא שאסורים במלאכה שלא נקבעו אלא לקרות הלל ולומר על הנסים בהודאה:
להרצות. למנות: במה ששפך. ביד ששפך בו ולא ברגלו.

(דף כב) ו אמר רב כהנא דרש רב נתן בר מניומי משמיה דרבי תנחום מאי דכתיב (בראשית לז) והבור רק אין בו מים ממשמע שנאמר והבור רק איני יודע שאין בו מים אלא מה תלמוד לומר אין בו מים מים אין בו אבל נחשים ועקרבים יש בו:

ז אמר רב יהודה אמר רב אשי (אסי) אמר רב אסור להרצות מעות כנגד נר חנוכה כי אמריתה קמיה דשמואל אמר לי וכי נר קדושה יש בה מתקיף לה רב יוסף וכי דם קדושה יש בו דתניא ושפך וכסה במה ששפך יכסה שלא יכסנו ברגל שלא יהו מצות בזויות עליו הכי נמי שלא יהו מצות בזויות עליו:

(ע"ב) ח מתיב רב ששת (שמות כז) מחוץ לפרוכת העדות יערוך וכי לאורה הוא צריך והלא כל ארבעים שנה שהלכו בני ישראל במדבר לא הלכו אלא לאורו

---

זאגין קיין הספד אונ מען טאר ניט פאסטען אין דיא טעג. ווען דיא גוים זיינען ארייַן געגאנגען אין בית המקדש האבען זייא מטמא געוועזען אלע אייל וואס אין בית המקדש אונ אז די מלוכה פון חשמונאי מיט זיינע קינדער האט זיך געשטארקט. אונ זייא האבען איין גענומען דיא גוים. האבען זייא געזוכט אין בית המקדש אונ האבען ניט מער געפונען נאר איין קריגעל אייל וואס ער איז געלעגען פאר חתמת מיט דיא חתימה פון כהן גדול. אונ מיט דיא בוימאייל האט מען נאר געקענט ברענען אין דיא מנורה איין טאג. איז געשעהן געווארין א נס אונ מען האט געברענט מיט דיא בוימאייל אכט טאג: אויף דעם אנדערין יאהר אין די צייט האט מען געמאכט דיא אכט טאג זאל זיין יום טוב אלע יאהר. מען זאל זאגין הלל אונ מען זאל לויבין גאט. מען זאל זאגין על הנסים אין דאוונען אונ אין בענטשין. רב כהנא האט געזאגט רב נתן בר מניומי האט גידרשת פון רבי תנחום וועגין וואס מיינט דער פסוק דיא גרוב איז ליידיג עס איז ניטא אין איר קיין וואסער אז דער פסוק זאגט דיא גרוב איז ליידיג: ווייסען מיר דאך אז אין איר איז ניטא קיין וואסער נאר וואס דען זאגט דער פסוק אז אין די גרוב איז ניטא קיין וואסער. וואסער איז ניטא אין די גרוב אבער שלאנגען אונ עקדיסין איז יא דא אין די גרוב:

ז רב יהודה האט געזאגט רב אסי האט געזאגט פון רב'ס וועגין מען טאר ניט ציילין געלט ביי די ליכטיגקייט פון די חנוכה ליכט. אז איך האב געזאגט דעם דין פאר שמואל. האט שמואל צו מיר געזאגט איז דען דא אהייליגקייט אין די ליכט. האט רב יוסף א קשיא געפרעגט איז דען דא אהייליגקייט אין בלוט. אונ מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק ער זאל פר גיסען די בלוט אונ זאל זיי צו דעקין מיט וואס ער האט פאר גאסען די בלוט זאל ער זייא צוא דעקין ער האט פאר גאסען דיא בלוט פון דער חיה אונ פון דעם עוף מיט די הענט. ער זאל זייא צו דעקין מיט די הענט. ער זאל ניט צו דעקין דיא בלוט מיט דיא פים די מצות זאלען ניט זיין פר מיאוס. נאר ער זאל דיא מצות בשיינען אונ ער זאל זייא האלטען מיט כבוד. דא בייא דיא חנוכה ליכט איז אויך אזוי. ער זאל ניט ניצען מיט דיא חנוכה ליכט. דיא מצות זאלען ניט זיין פאר שעמט. נאר ער זאל זייא האלטען מיט כבוד:

ח מתיב. האט רב ששת א קשיא געפרעגט. עס שטייט אין פסוק מען זאל שטעלין די מנורה פאר דעם פרוכת וואס איינגט פאר דעם ארון הקודש. באדרף דען גאט די ליכטיגקייט פון דיא מנורה. די גאנצע פערציג יאהר וואס דיא יודען זענען געגאנגען אין דער מדבר. זענען זייא דאך געגאנגען פאר דיא ליכטיגקייט פון גאט. נאר דיא מנורה איז געווען אעדות צו די

אלא עדות היא לבאי עולם שהשכינה שורה בישראל. מאי עדות אמר רב זו נר מערבי שנותן בה שמן כמדת חברותיה וממנה היה מדליק ובה היה מסיים: (דף כג) **מט אמר** רבי יהושע בן לוי כל השמנים יפים לדיו ושמן זית מן המובחר. איבעיא להו לגבל או לעשן ת"ש דתני רב שמואל בר זוטרא כל השמנים יפים לדיו בין לגבל בין לעשן ושמן זית מן המובחר רב שמואל בר זוטרא מתני לה הכי כל השמנים יפים לדיו ושמן זית מן המובחר אמר רב הונא כל השרפים יפים לדיו ושרף קטף יפה מכלם:

מאי

**נר מערבי.** למ"ד במנחות מזרח ומערב מונחים סדר הקנים קרי מערבי נר שני שבצד הראשון שהוא במזרח ולמ"ד צפון ודרום מונחים אמצעי קרי מערבי על שם שהיה פיו כנגד מערב וכל האחר הנרות כלפי האמצעי דכתיב אל מול פני המנורה דהיינו אמצעי יאירו וגו' של צפון היו פונות לדרום ושל דרום היו פונות לצפון נרות אלו שהן של זהב שנותנים להיכה שמן ופתילה כמדת חברותיה וממנה היה מדליק ראוי לוג שיערו בה לליל תקופת טבת הגדולים ואם ידליק ביום ובלילה בלילות הקצרים ידלק אבל פחות לא שלא יכבה בטבת בלילה והתורה אמרה מערב עד בקר: **וממנה היה מדליק.** את המנורה בין הערבים: ובה היה מסיים. הטבת הנרות שדלקו כל היום ואינו מטיבו עד הערב ומטבה זו בח"כ שמיה וס"ל דמזרח ומערב מונחים והכי תני לעיל ניניה להעלות נר תמיד שתהא נר מערבי תמיד שממנו יהא מתחיל ובו יהא מסיים ונדלא כתיב להעלות נרות שמע מינה הוקבע נר אחד להתחיל בו בכל יום והיינו נר מערבי השני של מזרח והכי תנן נכנס ומצא נר מזרחית דולקת מדשן המזרחי ומניח המערבי דולק שממנו מדליק את המנורה בין הערבים מצאו שכבה כגון מטבת שמעון הצדיק מדליק ממזבח העולה. ונראה בעיני דהאמור רבנן קביעותא בנר שני משום דאין מעבירין על המצות וכי יעייל בהיכל בקמא פגע בריישא והיה לא מצי לאתחולי דכתיב יערוך אותו לפני ה' צריך שיהא אחד הוגה לו דחזי לה לא קרינן ביה לפני ה' והכי אמרינן במנחות דכתיב בנר מערבי לפני ה' מכלל דכולהו לאו לפני ה' וכו' ובה היה מסיים הטבה נפי שבשחר היה מטיב שחרית וזו מטיב בין הערבים ואותו היטבה בידו או מניחה בכלי עד שנותן שמן ופתילה ומדליקה ומדליק ממנה את השאר והא דאמרינן בסדר יומא הטבת ה' נרות קודמת להטבת ב' נרות משמע כולהו היה מטיב שחרית ויליף לה מקראי היינו כשלא היה הנס מתקיים והיה מוצאו שכבה דלא כמך קרא איכא וכל זמן שהיו ישראל חביבין היה דולק כל היום והיינו עדות:

**לגבל.** מצאתי בתשובת הגאונים שמעשנים כלי זכוכית בעשן ש"ן זית עד שמשחיר וגורד אותו השחרורית ונותן בו שמן קימעא ומגבל בו ומייבשו בחמה וממחה אותו להיות כדיו לעשן נמי כדפרישית: ש"ף. גימ"א: קטף. פרוזיי"ל של יער כמו שאנו עושים משל ערף:

והיכן

---

גאנצע וועלט אז די שכינה רוהט צווישען דיא יודען. וויא אזוי איז דיא מנורה געוועזען אעדות אז די שכינה רוהט צווישען דיא יודען. הט רב גזאגט דאס מיינט מען די רער וואס האט געברענט אין מערב זייט פון דיא מנורה. ער הט אריין געגאסען בוימאייל אין דיא רער אזוי ווי אין אלע רערין פון דיא רער הט ער אן געצונדען פארין נאכט אלע רערין, אונ בייא דיא רער הט ער אויס געלאזען ריין צו מאכען. אלע רערין האט ער אויס געלאשין אין דער פריה אונ דאס זיי באלד ריין גימאכט. אונ די רער הט געברענט אגאנצען טאג. אונ פארין נאכט האט ער פון איר אן געצונדען אלע רערין. דער נאך האט ער זיא אויס געלאשין. אונ האט איר ריין גימאכט. אונ האט אן גיגאסען אנדערע בוימאייל אזוי פיל וויא אלע רערין. אונ עס האט ווייטער געברענט ביז מארגין פארין נאכט. אונ דורך דעם גם הט מען געוואוסט אז די שכינה רוהט צווישען די יודען:

**מט אמר.** רבי יהושע בן לוי האט גזאגט אלע אייל איז גוט צו טינט. אונ בוימאייל איז דאס בעסטע צו טינט. האבען דיא תלמידים געקלערט די אייל איז גוט צו קנעטין אדער צום רייכערין נפאר צייטען האט מען אזוי גימאכט טינט. מען האט אריין גילייגט אקנויט אין בוימאייל. אונ מען האט אן געצונדען דעם קנויט. פון הויבין הט מען גיהאלטען אגלאז: אונ דער רויך איז גיגאנגען אויף דיא גלאז ביז זיא איז שווארץ גיווארין. דער נאך האט מען אפ גיקראצט דיא סאזע אונ מען האט דאס גיקנעטין מיט בוימאייל. אונ געטריקנט אויף די זוהן. אונ פון דיא געטריקנטע סאזע הט מען גימאכט טינט. ענפערט דיא גמרא איך וועל דיר ענפערין. רב שמואל בר זוטרא הט גילערנט אלע אייל זענען גוט צו טינט. סיי צום קנעטין סיי צום רייכערין. אונ בוימאייל איז צום בעסטין. רב שמואל בר זוטרא האט אזוי גילערנט אלע אייל איז גוט צו טינט אונ בוימאייל איז צים בעסטין. רב הונא הט גזאגט די זאפט פון אלע בוימער זענען גוט צוא טינט אונ דיא זאפט פון דעם בוים קטף איז בעסער צו טינט ווי אלע זאפטין:

מאי

י מאי מברך מברך אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה והיכן צונו רב אויא אמר (דברים יז) מלא תסור רב נחמיה אמר (שם לב) שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך :

יא תניא אמר רבי שמעון בשביל ארבעה דברים אמרה תורה להניח פאה בסוף שדהו מפני גזל עניים ומפני בטול עניים ומפני החשד ומשום בל הכלה מפני גזל עניים שלא יראה בעל הבית שעה פנויה

והיכן צונו . הא לאו דאורייתא היא אלא מדרבנן מנא תסור מן הדבר אשר יגידו לך : בסוף שדהו . לגמר קצירו כדכתיב לא תכלה משמע בשעת כילוי ולא שיקצר אותה קודם לכן : מפני בטול עניים . וכולהו מפרש לקמן : שעה פנויה שאין עניים אלו ויאמר לקרובו עני מהר וטול כאן עד שלא יבואו אחרים אבל עכשיו שמניחה בגמר קציר השדה העניים רואים ובאים : מפני בטול עניים . שלא יהיו יודעים מתי יקצור אותה : מפני

---

י מאי . וויא מאכט מען א ברכה אויף חנוכה ליכט . ער זאל זאגן אשר קדשנו במצותיו וצונו להדליק נר של חנוכה וגילויבט בִיסטו גאט וואס ער האט אונז געהייליגט מיט זיינע מצות אונ ער האט אונז געבאטען מיר זאלען אן צינדען די ליכט פון חנוכה . וואו האט אונז גאט געבאטען מיר זאלען אן צינדען חנוכה ליכט . די חכמים האבען דאך געהייסען אן צינדען חנוכה ליכט . רב אויא זאגט די תורה האט גזאגט דו זאלסט ניט אפ קערין פון די רייד וואס די סנהדרין (די חכמים) וועלין דיר זאגען . רב נחמיה זאגט דיא תורה האט גזאגט פרעג ביין פאטער וועט ער דיר זאגען פרעג דיינע אלטע לייט וועלין זיי דיר זאגען . האט דיא תורה געבאטען מיר זאלען טאהן אלץ וואס די חכמים וועלין אונז זאגען :

יא תניא : מיר האבען געלערנט רבי שמעון האט גזאגט פון וועגין פיר זאכען האט דיא תורה געהייסען (אין די סדרה קדושים) מען זאל לאזען פּאה אין עק פעלד (ניט אין מיטען פעלד) ווען מען שניידט אפ די גאנצע תבואה פון פעלד . דיא לעצטע ביסל תבואה וואס אין עק פעלד זאל מען לאזין שטיין פאר ארעמע לייט . ער זאל ניט גזלנען דיא ארעמע לייט . ער זאל ניט מבטל זיין די ארעמע לייט פון זייערע ארבעט . מען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער האט ניט געגעבען פּאה . אונ ווייל דיא תורה האט גזאגט מען זאל ניט אפ שניידען די תבואה פון גאנצען פעלד . נאר אין עק פעלד זאל מען לאזען שטיין א ביסל תבואה פאר ארעמע לייט . פרעגט די גמרא ווי אזוי וועט מען גזלנען די ארעמע לייט . ענטפערט דיא גמרא אז דער בעל הבית וועט מעגין געבין פּאה ווען ער וועט וועלין . אפילו אין מיטען שניידען אויך . אז דער בעל הבית וועט זעהן אליידיגע צייט ווען ארעמע לייט זענען ניטא : וועט ער זאגען צו זיין ארעמען קרוב דיא ביסל תבואה זאל זיין פּאה : נעם זיא דיר : אונ די ארעמע לייט וואס זייערע קרובים האבען ניט קיין פעלדער . וועלין קיין מאהל ניט האבען פּאה : אבער אז מען גיט נאר פּאה אין עק פעלד . וועלען דיא ארעמע לייט זעהן וועלכע פעלד עס איז באלד צום סוף שניט . וועלין זיא היטען די פּאה . די ארעמע לייט זאלען ניט מבטל זיין פון זייער ארבעט . אז דער בעל הבית וועט מעגין געבין פּאה ווען ער וועט וועלין . אפילו אין מיטען שניידען אויך . אז די ארעמע לייט וועלין זעהן א פעלד וואס מען שניידט איצט תבואה . וועלין זייא שוין מוזען זיצען אין פעלד אונ היטען די פּאה . ווארום זייא וועלין מורא האבען אוועק צו גיין טאמער איצט גיט דער בעל הבית פּאה . וועלין זיי דאך ניט קענען ארבעטין . אבער אז מען גיט פּאה נאר אין עק פעלד . אז די ארעמע לייט וועלין זעהן עס איז צום סוף שניט . וועלין זיי היטען די פּאה נאר א קורצע צייט . אונ מען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער האט ניט געגעבין קיין פּאה . דיא מענטשין וואס גייען אין וועג זאלען ניט זאגין אפלוכונג זאל קומען אויף דעם מענטשין וואס האט ניט גילאזין פּאה אין זיין פעלד . ווייל זייא וועלין זעהן ער שניידט אפ דיא גאנצע תבואה . אונ זייא וועלין ניט וויסען אז ער האט שוין געגעבין פּאה אין מיטען שניידען . דריבער האט די תורה גזאגט אז אלע זאלען געבין פּאה אין עק פעלד צום סוף שניט אונ דריבער מוז מען לאזין פּאה אין עק פעלד . ווייל דיא תורה האט גזאגט לא תכלה פאת שדך דו זאלסט ניט

פאר

פנויה ויאמר לקיבו עני הרי ז׳ פאה. ומפני בטול עניים שלא יהיו עניים יושבין ומשמרין עכשיו מניח בעל הבית פאה ומפני החשד שלא יהו עוברים ושבים אומרים תבא מארה על אדם שלא הניח פאה בשדהו. ומשום בל תכלה אטו כולהו לאו משום בל תכלה נינהו אמר רבא מפני הרמאין:

(ע"ב) **יב אמר** רב הונא הרגיל בנר חנוכה הויין ליה בנים תלמידי חכמים הזהיר במזוזה זוכה לדירה נאה הזהיר בציצית זוכה לטלית נאה הזהיר בקדוש היום זוכה וממלא גרבי יין רב הונא היה רגיל דהוה חליף ותני אפיתחא דרבי אבין נגרא חזי דהוה רגיל בשרגא טובא אמר תרי גברי רברבי נפקי מהכא נפקי מינייהו רב אידי בר אבין ורב חייא בר אבין רב חסדא הוה רגיל דהוה חליף ותנא אפיתחא דבי נשא דרב שיזבי חזא דהוה רגיל בשרגא טובא אמר גברא רבה נפק מהכא נפק מינייהו רב שיזבי. דביתהו דרב יוסף הות מאחרה ומדלקה לה אמר לה רב יוסף תניא מלמד (שמות יג) לא ימיש עמוד הענן יומם ועמוד האש לילה

השד. שהעוברים רואים נגחל קצירו: שלא מכ׳ ם את הכל ולא ידעו שהניח כבר: ומשום בל תכלה. דמשמע בשעת כלוי. אטו כולהו (כלא) [הכי] דאמרן לא טעמא דלא תכלה קא מפרש ומאי שנא שעת כלוי: אמר רבא מפני הרמאין. השוברים על לא תכלה ואומרים כבר הנחנוס:

נזיר ת"ח. דכתיב כי נר מצוה ותורה אור על ידי נר מצוה דשבת והנוכה בא אור דתורה:

נגרא. חרש עצים: בשרגא. דשבת: חליף ותני. עובר ושונה כלומר עובר תמיד: וכתבו בתוספות פ"נ דהוו רגילי בשרגא פי׳ הבעל והאשה לכך אמר תרי גברי רברבי נפקי ולקמן הואיל דהוה׳ רג לה כאשה, לבדה לכך קאמר דנפיק חד גברא רבה מכותה ע"כ: דבי נשא. אביו ואיכא דאמרי חמיו: נפק מינייהו. דהתם כהנו: מאחרה וידלקה. נר של שבת סמוך לחשכה: לא ימיש. קרא יתירה הוא לכך דרשה (דהא כתיב וכ׳ הולך

---

פאר לענדין דיין עק פעלד. דו זאלסט ניט אפ שניידען די תבואה פון דיין עק פעלד. נאר דוא זאלסט לאזין דיא תבואה פון דיין פעלד פאר די ארעמע לייט: פרענט די גמרא די אלע זאכען וואס מיר האבען גזאגט מפני גזל עניים. מפני בטול עניים. מפני החשד. דאס הט מען דאך ארץ גיגעבין אטעם פאר וואס הט די תורה ג זאגט מען זאל געבין פאה אין עק פעלד. ווס דעם זאגט די גמרא נאך אמאהל משום בל תכלה. מען שמועסט דאך נאר פון בל תכלה. הט רבא גזאגט אז מען וועט מעגין געבין פאה אין מיטען פעלד אויך. וועלין זיך געפינען פארשע מענטשין וואס וועלין ניט געבין פאה. אונ אז מען וועט פרעגין אויב ער האט גיגעבין פאה. וועט ער זאגין ער האט גיגעבין: אונ קיינער וועט ניט וויסען דעם אמת. דריבער הט דיא תורה גזאגט מען זאל געבין פאה אין עק פעלד. וועלין אלע זעהן אויב ער ניט פאה אדער ניין. אונ ער וועט ניט קענען נארין:

**יב** אמר. רב הונא הט גזאגט דער וואס איז גיוואוהנט אן צו צינדען חנוכה ליכט וועט ער האבען קינדער תלמידי חכמים. דער וואס איז אפ געהיט צו האבען אשיינע מזוזה אבשרה. איז ער זוכה צו האבען אשיינע וואוהנונג. דער וואס איז אפ געהיט צוא האבען שיינע ציצית איז ער זוכה צו האבען אשיינעם טלית. דער וואס איז אפ געהיט צוא מאכען קידוש כשרה. איז ער זוכה צו האבען פיל קעלערם וויין. רב הונא איז גיוועזן גיוואוהנט אלע שבת אויף וויין איז ער זוכה צו האבען פיל קעלערם וויין. הט ער גיזעהן אז רבי אבין אונ צו גיין אלע מאהל פאר דיא טיר פון דעם סטאלער רבי אבין. הט ער גיזעהן אז רבי אבין זיין ווייב זענען גיוועזן גיוואוהנט אן צו צינדען פיל ליכט אויף שבת. הט רב הונא גזאגט פון דיא מענטשין וועלין גיבאהרין ווערין צוויי גרויסע תלמידי חכמים. איז גיבארין גיווארין פון זייא. רב אידי בר אבין אונ רב חייא בר אבין. רב חסדא איז גיוועזן גיוואוהנט צו גיין אלע מאהל פאר די טיר פון דעם פאטער פון רב שיזבי הט ער גיזעהן אז דער פאטער איז גיוואוהנט אן צו צינדען פיל ליכט אויף שבת. הט רב חסדא גזאגט פון דעם מענטשין וועט גיבארין ווערין אגרויסער תלמיד חכם איז פון זייא גיבארין גיווארין רב שיזבי. די ווייב פון רב יוסף פלעגט אן צינדען די ליכט ערב שבת שפעט פארין נאכט. הט רב יוסף צו איר גזאגט מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דער עמוד הענן איז ניט אפ גיטאהן גיווארין בייא טאג אונ דער עמוד האש איז ניט אפ גיטאהן גיווארין פון דיא יודען ביינאכט. דער פסוק לערנט אונז אז דער עמוד הענן הט אויס גילאזין זיין ליכטיגקייט צום עמוד האש. אונ דער עמוד האש האט אויס גילאזין זיין ליכטיגקייט צום עמוד הענן.

טלמד שעמוד הענן משלים לעמוד האש ועמוד האש משלים לעמוד הענן סברוה לאקדומה אמר לה ההוא סבא תניגא ובלבד שלא יקדים ובלבד שלא יאחר. אמר רבא דרחים רבנן הוו ליה בנין רבנן. דמוקיר רבנן הוו ליה חתנוותא רבנן. דדחיל מרבנן הוא גופיה הוה צורבא מרבנן. ואי לאו בר הכי הוא משתמען מליה כצורבא מרבנן:

(דף ל) יג **שאול** שאלתא זו לעילא מרבי תנחום דמן נוי מהו לכבויי בוצינא דנורא מקמיה באישא בשבתא פתח ואמר אנת שלמה מלכא אן חכמתך אן סוכלתנותך לא דייך שדבריך סותרים דברי דוד אביך אלא שדבריך סותרין זה את זה. דוד אביך אמר (תהלים קטו) לא המתים יהללו יה ואת אמרת (קהלת ד) ושבח אני את המתים שכבר מתו. וחזרת ואמרת (שם ט) כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. לא קשיא הא דקאמר דוד לא המתים יהללו יה הכי קאמר לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות קודם שימות שכיון שמת בטל מן התורה ומן המצות ואין להקב"ה שבח בו והיינו דאמר רבי יוחנן מאי דכתיב במתים

לפניהם יומם) : עמוד הענן. של יום : מש"י. אירו : לעמוד האש. שהיה עמוד האש בא ופורש מיסקע (עמוד) הענן שמא לא תהא תרעא כהכי : לאקדומה. כבוד היום גדול : תניגא. שונה אני : שלא יקדים. דלא מנכרא (מילתא) שהיא של ערב : דרחים. אוהב : הוו ליה בנין רבנן. והשכתו עליהם כתב על בן · ואי לאו בר הכי הוא. שאינו רגיל לעסוק בתורה :

שאול שאלתא. שאלו שאלה : לעילא מרבי תנחום. לפניו וכן לשון הגמרא והמקרא שרפים עומדים ממעל לו על שם שיראים להתקרב לפניו עומדים מרחוק : דמן מי. מקום : באישא. חולה תרגום של רעה בישתא : פתח ואמר. כך היו רגילין לפתוח באגדה תחלה והיה דומה לשאלה ודרש : אן היא. אנה הלכה : וחזרת ואמרת. לסתור דברי עצמך : כי לכלב חי. כלומר גדולים חיים והפסוק נסב : לא קשיא. איהו גופיה הוא מפרש לה : דאמר רבי יוחנן. קרא קא דריש במתים חפשי

---

אײדער דער עמוד האש איז אװעק געגאנגען איז אן געקומען דער עמוד הענן. אונ אײדער דער עמוד הענן איז אװעק געגאנגען איז אן געקומען דער עמוד האש. זעהן מיר אז אײנער איז אן געקומען װען דער אנדערער איז נאך געװען. אזוי דארף אן קומען די ליכט פון שבת װען די ליכטיגקײט פון ערב שבת איז נאך דא. האט זיא געװאלט צינדען ליכט גאר פריה װען עס איז נאך גרויסער טאג. האט איין אלטער מאן געזאגט צו איר. מיר האבען געלערנט מען זאל ניט צינדען די ליכט צו פריה אונ ניט צו שפעט. רבא האט געזאגט דער װאס האט ליב תלמידי חכמים. װעט ער זוכה זיין צו האבען זיהן תלמידי חכמים. דער װאס גיט כבוד צו תלמידי חכמים אונ זיא זענען בײא איהם טײער: װעט ער זוכה זיין צוא האבען אײדימס תלמידי חכמים. דער װאס האט מורא פר תלמידי חכמים װעט ער זוכה זיין ער זאל אליין אויך װערין א תלמיד חכם. אויב ער איז ניט אזוי א מענטש ער זאל קענען װערין א תלמיד חכם. ער לערנט ניט. װעלין געהערט װערין זיינע רײד אזוי װיא ער װאלט געװען א תלמיד חכם:

יג שאול. דיא שאלה האט מען געפרעגט בײא רבי תנחום פון די שטאט נוי אויב מען מעג פאר לעשין א ליכט פאר א קראנקינס װעגין אום שבת. האט רבי תנחום אן געהויבען צוא זאגין דו שלמה המלך װאו איז דיין חכמה ניט גינוג װאס דײנע רײד צו װארפען די רײד פון דיין פאטער דוד. נאר דײנע אײגענע רײד צו װארפען אויך אײגענע די אנדערע. דיין פאטער דוד האט געזאגט די געשטארבענע לויבין ניט גאט. איז דאך דער מענטש נאר חשוב װען ער לעבט. אבער אז ער איז געשטארבען איז ער שוין גאר בטל געװארין. אונ דוא זאגסט אויך לויב דיא מתים װאס זענען שוין לאנג געשטארבין. מער װיא דיא לעבעדיגע װאס לעבין נאך איצט אויך. דער נאך האסטו געזאגט דעם לעבעדיגען הונט איז בעסער װיא דעם טויטען לײב. דער נאך האט רבי תנחום געענטפערט די רײד פון שלמה המלך עס איז ניט קיין קשיא דאס װאס דוד המלך האט געזאגט די מתים לויבין ניט גאט. אזוי האט דוד געמײנט א מענטש זאל לערנען פיל תורה אונ טאהן פיל מצות. װען ער לעבט נאך. אײדער ער שטארבט. װארום אז ער שטארבט איז ער שוין פרײ אונ לײדיג פון תורה אונ פון מצות. אונ גאט האט שוין ניט פון איהם קיין לויב. אונ דאס איז דיא זעלביגע זאך װאס רבי יוחנן האט געזאגט װאס מײנט דער פסוק

ער

(תהלים פח) במתים חפשי כיון שמת אדם נעשה חפשי מן התורה ומן המצות ודקאמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתי שכשחטאו ישראל במדבר עמד משה לפני הקדוש ברוך הוא ואמר כמה תפלות ותחנונים לפניו ולא נענה וכשאמר (שמות לב) זכור לאברהם ליצחק ולישראל עבדיך מיד נענה ולא יפה אמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתו. ד"א מנהגו של עולם מלך גוזר גזירה ספק מקיימין אותה ספק אין מקיימין אותה ואת"ל מקיימין אותה בחייו מקיימין אותה במותו אין מקיימין אותה ואילו משה רבינו גזר כמה גזירות ותקן כמה תקנות וקיימות הן לעולם ולעולמי עולמים ולא יפה אמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתו. דבר אחר ושבח אני וגו' כדרב יהודה אמר רב דאמר רב יהודה אמר רב מאי דכתיב (תהלים פו) עשה עמי אות לטובה ויראו שונאי ויבושו אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע מחול לי על אותו עון אמר לו מחול לך אמר לו עשה עמי אות בחיי אמר לו בחייך איני מודיע בחיי שלמה בנך אני מודיע כשבנה שלמה את בה"מ בקשו להכניס ארון לבית קדשי הקדשים דבקו שערים זה בזה אמר שלמה עשרים וארבע רננות ולא נענה פתח ואמר (שם כד)

שאו

ושבח אני את המתים שעסקו בחייהם בתורה ובמצות ומתו ראויים לשבחם אפילו מצדיקים חיים שגדולים הן במיתתן מבחייהם: עמד משה. ואין לך צדיק ממנו ולא נענה בזכותו: ד"ה ושבח אני את המתים. הראשונים מן החיים של עכשיו שהראשונים טובים מאלה. תדע שמתקיימות גזרותיו של משה ואין מתקיימות גזירות של אחרים: ותקן כמה תקנות. כי הביא דתניא במגילה משה תקן להם לישראל שיהו שואלין ודורשין בענינו של יום: על אותו עון. דבת שבע: דבקו שערים. של בית קדשי הקדשים: כ"ד רננות. כנה תפלה תחנה כתובים בתפלת שלמה עד כ"ד

---

ער איז פריי מיט מתים. אז אמענטש שטארבט ווערט ער פריי פון תורה און פון מצות. און וואס שלמה זאגט איך לויב די מתים וואס זענען שוין לאנג געשטארבין. מער ווי די לעבעדיגע וואס לעבין נאך איצט אויך. ווען דיא יודען האבין געזינדיגט אין דער מדבר האט זיך משה רבינו געשטעלט פאר גאט און ער האט פיל געבעטין פאר גאט און ער איז ניט געענטפערט געווארין און אז משה רבינו האט גזאגט פאר גאט גידיינק צו דיינע קנעכט אברהם יצחק ישראל איז ער באלד גיענטפערט גיווארין. האט דען שלמה ניט גוט גזאגט איך לויב די טויטע וואס זענען שוין לאנג געשטארבען. מער וויא דיא לעבעדיגע. נאך אזאך האט שלמה המלך גימיינט מיט דעם פסוק ושבח אני את המתים דער פירוש פון דיא ווערט איז. אז איינער איז גוזר אגזרה וייס מען ניט אויב דיא ווערט וועט האלטען זיין גזרה. אדער זיי וועלין ניט האלטען זיין גזרה. און אויב דוא ווייסט זאגין מען וועט האלטין זיין גזרה ווען ער לעבט וועט מען האלטען דיא גזרה. אבער אז ער וועט שטארבין וועט מען שוין ניט האלטין זיין גזרה. אבער משה רבינו האט גוזר גיוועזן אזוי פיל גזרות. און האט געמאכט אזוי פיל תקנות. און זיי זענען געבליבען אויף אייביג. משה רבינו איז געשטארבין און זיין תורה (אפילו די זאכין וואס ער האט גיבאטין פון זיך אליין) איז געבליבען אויף אייביג. האט דען שלמה ניט גוט גזאגט איך לויב דיא טויטע וואס זענען שוין לאנג געשטארבין. מער וויא דיא לעבעדיגע. נאך אזאך האט שלמה המלך גימיינט מיט דעם פסוק ושבח אני את המתים אזוי וויא רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין וואס מיינט דער פסוק וואס דוד המלך האט גזאגט דוא זאלסט טאהן פון מיינעט וועגין אצייכין צום גוטען: מיינע שונאים זאלן זעהן און וועלין זיך שעמען: דוד המלך האט גזאגט פאר גאט. רבונו של עולם זיי מיר מוחל די עבירה. האט גאט גזאגט צו דוד איך בין דיר מוחל. האט דוד גזאגט פאר גאט טוה פון מיינעט וועגין אצייכין ביי מיין לעבין אז אלע זאלין וויסען אז דוא ביסט מיר מוחל דיא עבירה. האט גאט גזאגט צו דוד ביי דיין לעבין וועל איך ניט מאכין וויסען ביי דעם לעבין פון דיין זוהן שלמה. וועל איך מאכין וויסען אז איך בין דיר מוחל דיין עבירה. אז שלמה האט גיבאהט דעם בית המקדש האט מען גיוואלט אריין טראגין דעם ארון אין קדשי קדשים. האבין זיך די טויערין פון קדשי קדשים פאר מאכט. האט שלמה גזאגט פיר און צוואנציג תפלות און ער איז

ניט

שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד רהטו בתריה למבלעיה אמרו מי (הוא) זה מלך הכבוד אמר להו ה' עזוז וגבור חזר ואמר שאו שערים ראשיכם ושאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד מי הוא זה מלך הכבוד ה' צבאות הוא מלך הכבוד סלה ולא נענה כיון שאמר (ד"ה ב) ה' אלהים אל תשב פני משיחך זכרה לחסדי דוד עבדך מיד נענה באותה שעה נהפכו פני כל שונאי דוד כשולי קדירה וידעו כל העם וכל ישראל שמחל לו הקב"ה על אותו עון ולא יפה אמר שלמה ושבח אני את המתים שכבר מתו. והיינו דכתיב (מלכים א ח) ביום השמיני שלח את העם ויברכו את המלך וילכו לאהליהם שמחים וטובי לב על כל הטובה אשר עשה ה' לדוד עבדו ולישראל עמו. וילכו לאהליהם שמחים שמצאו נשותיהם בטהרה. דבר אחר שמחים שנהנו מזיו השכינה. וטובי לב שנתעברו נשותיהן של כל אחד ואחד וילדה זכר. על כל הטובה אשר עשה ה' לדוד עבדו שמחל לו על אותו עון. ולישראל עמו דאחיל להו עון יום כפורים. ודקאמר שלמה כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת כדרב יהודה אמר רב דאמר ר"י א"ר מאי דכתיב (תהלים לט) הודיעני ה' קצי ומדת ימי מה היא אדעה

י"א כ"ד ברכות דתענית וג"נ: רהטו שערים בתריה למבלעיה. סברי דעל עצמו אמר מלך הכבוד אמרו ליה שערים מי הוא זה מלך הכבוד אמר איהו ה' עזוז וגבור: שונאי דוד משפחת שמעי וכיוצא בו: דיום הכפורים. שאכלו ושתו בחנוכת הבית כדכתיב את חג ז' ימים ושבעת ימים כדאמרינן במ"ק: ודקאמר שלמה כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. לאו לענין חשיבותא אמרה אלא לענין הלכות שבת ו'ו"ע: קי. סעתידות

---

נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין. הָאט עֶר אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ זָאגִין אִיר טוֹיעֶרִין הֵייבְּט אוֹיף אַייעֶרֶע קֶעפּ. אוּנ עֶס זָאל אוֹיף גִיהוֹיבִּין וֶוערִין דִיא אַייבִּיגֶע טִירֶען: אוּנ עֶס זָאל אַרַיין קוּמֶען דֶער מֶלֶךְ וָואס צוּ אִיהם גִיהֶער דֶער כָּבוֹד. זֶענֶען דִיא טוֹיעֶרִין גִיְלָאפִין אִיהם אַיין צוּ שְׁלִינְגֶען. דִי טוֹיעֶרִין הָאבִּין גִיזָאגְט וֶוער אִיז דֶער מֶלֶךְ וָואס צוּ אִים אִיז דֶער כָּבוֹד. הָאט שְׁלֹמֹה צוּ זֵייא גִיזָאגְט גָאט וָואס עֶר אִיז דֶער שְׁטַארְקֶער. צוּ אִיהם אִיז דֶער כָּבוֹד. הָאט שְׁלֹמֹה נָאךְ אַמָאהל גִיזָאגְט אִיר טוֹיעֶרִין הֵייבְּט אוֹיף אַייעֶרֶע קֶעפּ. אוּנ עֶס זָאל אוֹיף גִיהוֹיבִּין וֶוערִין דִיא אַייבִּיגֶע טִירֶען. אוּנ עֶס זָאל אַרַיין קוּמֶען דֶער מֶלֶךְ וָואס צוּ אִיהם גִיהֶער דֶער כָּבוֹד [אוּנ עֶר הָאט בַּאלְד גִיזָאגְט]. וֶוער אִיז דֶער מֶלֶךְ וָואס צוּ אִים אִיז דֶער כָּבוֹד. דָס אִיז גָאט פוּן אַלֶע הֶערְשַׁאפְט. עֶר אִיז דֶער מֶלֶךְ וָוס צוּ אִיהם אִיז דֶער כָּבוֹד אֵייבִּיג. אוּנ עֶר אִיז נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין. אַז שְׁלֹמֹה הָט נָאר גִיזָאגְט גָאט זָאלְסְט נִיט צוּרִיק קֶערִין דֶעם פָּנִים פוּן דַיין גִיזַאלְבְּטִין. גִידֵיינְק דִיא חֲסָדִים פוּן דַיין קְנֶעכְט דָוִד. אִיז עֶר בַּאלְד גִיעֶנְטְפֶערְט גִיוָוארִין. אִין דִיא צַייט אִיז גִיוָוארִין דֶער פָּנִים פוּן אַלֶע שׂוֹנְאִים פוּן דָוִד שְׁוַוארְץ וִויא דֶער הֶעק פוּן אַטָאפּ. הָאבִּין אַלֶע יוּדִין גִיווּאוּסְט אַז גָאט הָט מוֹחֵל גִיוֶועזִין צוּ דָוִד דִיא עֲבֵירָה. הָאט דֶען שְׁלֹמֹה נִיט גוּט גִיזָאגְט אִיךְ לוֹיבּ דִיא מֵתִים וָוס זֶענֶען שׁוֹין לַאנְג גִישְׁטָארְבִּין מֶער וִויא דִיא לֶעבֶּעדִיגֶע. דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דֶעם אַכְטִין טָאג הָאט שְׁלֹמֹה אַוֶועק גֶעשִׁיקְט דָאס פָאלְק. אוּנ זֵייא הָאבִּין גִיבֶּענְטְשְׁט דֶעם מֶלֶךְ אוּנ זֵייא זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַהֵיים פְרֵייְלַאךְ מִיט אַגוּטֶע הַארְץ אוֹיף דִיא אַלֶע טוֹבוֹת וָואס גָאט הָט גִיטָאהְן צוּ זַיין קְנֶעכְט דָוִד אוּנ צוּ זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל. זֵייא זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַהֵיים פְרֵייְלַאךְ וַוייל זֵיי הָאבִּין גִיפוּנֶען זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער טָהוֹר. נָאךְ אַזוֹי קֶען מֶען זָאגִין דְרִיבֶּער זֶענֶען זֵייא גִיוֶועזִין פְרֵייְלַאךְ וַוייל זֵייא הָאבֶּען הֲנָאָה גִיהַאט פוּן דִיא שֵׁיינְקֵייט פוּן דִיא שְׁכִינָה. אוּנ זֵייא זֶענֶען גִיוֶועזִין מִיט גוּטֶע הֶערְצֶער: אַלֶע וַוייבֶּער זֶענֶען מְעוּבֶּרֶת גִיוָוארִין אוּנ הָאבִּין גִיבָּארִין זְכָרִים. אוֹיף אַלֶע טוֹבוֹת וָואס גָאט הָאט גִיטָאהְן צוּ זַיין קְנֶעכְט דָוִד וָוס עֶר הָאט אִיהם מוֹחֵל גִיוֶועזִין דִיא עֲבֵירָה. אוּנ דִיא טוֹבָה וָואס עֶר הָאט גִיטָאהְן צוּ זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל עֶר הָט זֵייא מוֹחֵל גִיוֶועזִין דִי עֲבֵירָה. וָואס זֵייא הָאבִּין נִיט גִיפַאסְט יוֹם כִּפּוּר. אוּנ וָוס שְׁלֹמֹה הָט גִיזָאגְט דֶעם לֶעבֶּעדִיגֶען הוּנְט אִיז בֶּעסֶער וִויא דֶעם טוֹיטֶען לֵייבּ: הָאט עֶר גִימֵיינְט אַזוֹי וִויא רַב יְהוּדָה הָט גִיזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגִין וָוארוּם רַב יְהוּדָה הָאט גִיזָאגְט פוּן רַבְּס וֶועגִין וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק הוֹדִיעֵנִי ה' קִצִּי וּמִדַּת יָמַי מַה הִיא אֵדְעָה מֶה חָדֵל אָנִי. דָוִד הַמֶּלֶךְ הָט גִיזָאגְט פַר גָאט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מַאךְ

מיך

אדעה מה חדל אני אמר דוד לפני הקב"ה רבש"ע הודיעני ה' קצי א"ל גזרה היא מלפני שאין מודיעין קצו של בשר ודם ומדת ימי מה היא גזירה היא מלפני שאין מודיעין מדת ימיו של אדם אדעה מה חדל אני א"ל בשבת תמות אמות באחד בשבת אמר ליה כבר הגיע מלכות שלמה בנך ואין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא אמות בע"ש אמר ליה (תהלים פד) כי טוב יום בחצריך מאלף טוב לי יום אחד שאתה יושב ועוסק בתורה מאלף עולות שעתיד שלמה בנך להקריב לפני על גבי המזבח כל יומא דשבתא הוה יתיב וגרים כולה יומא ההוא יומא דבעי למינח נפשיה קם מלאך המות קמיה ולא יכיל ליה דלא הוה פסיק פומיה מגירסא אמר מה אעביד ליה הוה ליה בוסתנא אחורי ביתיה אתא מלאך המות סליק ובחיש באילני נפק למיחזי הוה סליק בדרגא איפחות דרגא מתותיה אישתיק ונח נפשיה. שלח שלמה לבי מדרשא אבא מת מוטל בחמה וכלבים של בית אבא רעבים מה אעשה שלחו ליה חתוך נבלה והנח לפני הכלבים ואביך הנח עליו ככר או תינוק וטלטלו. ולא יפה אמר שלמה

פירוש

נצא עלי [נ"א קצי מכין שנותי. מ"ת ימי כלו זה יום בשנה לדעת מכין ימי שאני מתקיים בשנה התרוכה]: מדת ימי. כמה ימי חיי: מה חדל אני באיזה יום אני חדל ובטל מן העולם: תמות באחד בשבת שיוכל לעסוק בו ובהספדו: כי טוב יום בחצריך. כלומר כבר אמרת לפני טוב יום שאתה עומד בחצרי ועוסק בתורה מאלף עולות שעתיד (להקריב) בנך שלמה כדכתיב אלף עולות יעלה שלמה וגו': כל יומא דשבתא. של כל שבתות השנה: הוה יתיב וגרים. שלא יקרב מלאך המות אליו שהתורה מגינה ממות כדאמרינן בסוטה: סליק יתיב באילנא. מנענע המלאך באילנות להשמיע קול המה: וכלבים של בית אבא רעבים. לבי שאלות כלבו הולך: ולא יפה אמר כו'. שלחתיכת הכלבים לא הצריכוהו לפנות עלטול נבלה ולא

---

מיך וויסען מיין סוף. זאג מיר וואס מיט מיר וועט זיין. האט גאט גזאגט צו דוד עס איז א גזרה פון מיר אז מען זאל ניט זאגן דעם מענטשין ווס מיט איהם וועט זיין. דוד המלך הט גיבעטין ביי גאט. מען זאל איהם זאגין די מאס פון זיינע טעג. וויא פיל יאהר ער וועט לעבין אויף דיא וועלט. הט גאט גיענפערט צו דוד עס איז א גזרה פון מיר אז מען זאל ניט זאגין דעם מענטשין וויא לאנג ער וועט לעבין אויף דיא וועלט. דוד המלך הט גיבעטין ביי גאט. מען זאל איהם זאגין וועלכין טאג אין וואך ער וועט שטארבין. הט גאט גזאגט צוא דוד דוא וועסט שטארבין שבת. הט דוד המלך גיבעטין איך וויל שטארבין זונטאג. מען זאל מיך קענען מספיד זיין. הט גאט גזאגט צו דוד עס איז שוין גיקומען די צייט אז דיין זוהן שלמה זאל זיין המלך אונ איין מלוכה רירט ניט אן די אנדערע מלוכה אפילו איין האר אויך ניט. הט דוד המלך גיבעטין איך וויל שטארבין פרייטאג. הט גאט גזאגט צוא דוד דוא האסט אליין גזאגט פאר מיר אז עס איז בעסער איין טאג אין דעם הויף פון גאט וויא טויזענד. עס איז ביי מיר בעסער איין טאג וואס דוא לערנסט תורה מער וויא דיא טויזענד עולות וואס דיין זוהן שלמה וועט מקריב זיין פאר מיר אויף דעם מזבח. אלע שבת פלעגט דוד לערנען אגאנצען טאג. דעם שבת וואס דוד האט גידארפט שטארבין האט זיך דער מלאך המות גישטעלט פאר איהם אונ ער הט ניט גיקענט נעמען ביי דוד דיא נשמה ווייל דיא מויל זיינע האט ניט אויף גיהערט צו לערנען. הט דער מלאך המות גזאגט וואס זאל איך טאהן מיט איהם. דוד האט גיהאט אבוים גארטען אינטער זיין שטוב איז דער מלאך המות גיקומען אין בוים גארטען. אונ איז ארויף גיגאנגען אויף דיא בוימער. אונ הט גישאקלט אלע צווייגען פון דיא בוימער. איז גיווארין א גרויסער שטורעם איז דוד ארויס גיגאנגען זעהן פר וואס עס איז אזוי א שטורעם איז ער ארויף גיגאנגען אויף א טרעפ איז צו בראכין גיווארין דער טרעפ אונטער איהם איז ער שטיל גיווארין פון לערנען אונ ער איז גישטארבין. האט שלמה געשיקט פרעגין אין בית המדרש דער טאטע איז גישטארבען אונ ליגט אויף דיא זוהן. אונ די הינט פון טאטין זענען הונגעריג ווס זאל איך טאהן. האבען די חכמים איהם געשיקט זאגין צו שנייד א נבלה אונ לייג זיא פר דיא הינט אונ וועגין דיין טאטען לייג אויף איהם א ברויט אדער א קינד אונ טראג איהם פון דיא זוהן אויף א קיהלען ארט (ועיין בספר יערות דבש) האט דען שלמה ניט גוט גזאגט דעם לעבעדיגען

שלמה (קהלת ט) כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת. ולענין שאלה דשאילנא קדמיכון נר קרויה נר ונשמתו של אדם קרויה נר מוטב תכבה נר של בשר ודם מפני נרו של הקב"ה:

(דף כה ע"ב) **יד כתיב** (איכה ג) ותזנח משלום נפשי. אמר רבי אבהו זו הדלקת נר בשבת. נשיתי טובה אמר רבי ירמיה זו בית המרחץ. רבי יוחנן אמר זו רחיצת ידים ורגלים בחמין. רבי יצחק נפחא אמר זו מטה (נאה וכלים נאים שעליה רבי אבא אמר זו מטה) מוצעת ואשה מקושטת לת"ח אמר רב יהודה אמר רב כך היה מנהגו של רבי יהודה בר אלעאי ע"ש מביאין לו עריבה מלאה חמין ורוחץ פניו ידיו ורגליו ומתעטף ויושב בסדינין המצוייצין ודומה למלאך ה' צבאות. תנו רבנן איזהו עשיר כל שיש לו נחת רוח בעשרו דברי רבי מאיר רבי טרפון אומר כל שיש לו מאה כרמים ומאה שדות ומאה עבדים שעובדין בהן ר"ע אומר כל שיש לו אשה נאה במעשיה רבי יוסי אומר כל שיש לו בית הכסא סמוך לשלחנו:

ההוא

האריה המת אסרו לנוטל אלא ע"י ככר או תינוק ל"א שהקדימו תשובת הכלב לתשובת האריה לשון רבותי: ולענין שאילתא דמהו לכבויי דשאילנא קדמיכון דרך ענוה אמר דהל"ל דשאילתון (קמן) וקדמיו: קרויה נר. נר אלהים נשמת אדם: מוטב תכבה נרו וכו'. לא מהכא יליף חלול שבת דפקוח נפש יליף לן מוחי בהם ולא שימות בהם אלא לסמעימן הדבר באגדה המושכת את הלב לפי שהיו באים לשמוע הדרשה נשים ועמי הארץ והיו צריכים הדרשנים למשוך את לבם:

הדלקת נר בשבת. שלא היה לו ממה להדליק ובמקום שאין נר אין שלום שהולך ונכשל ואוכל באפילה: בסדינין המצויינין. סדינין של פשתן ובהם ציצית תכלת והוא כלאים אלא שמותר מן התורה דדרשינן סמוכים וכו': איזהו עשיר. ל"מ למיטרח לאהדורי אמילתא: נחת רוח בעושרו. שמח בחלקו אם מעט ואם הרבה: שעובדין בהן. בשדות עבודה הצריכה להם:

לעבעדיגען הונט איז בעסער וויא דעם טויטען לייב ווייל מען האט גזאָרגט פאר דיא הינט מער וויא פאר דוד. מען האט גיהייסען פריער זאל מען געבין עסין דיא הינט. דער נאך זאל מען צו נעמען דוד פון דיא זונן. האט רבי תנחום גזאגט אונ וועגין דיא שאלה וואס איך האב גיפרעגט פר אייך. אויב מען מעג אויס לעשין אליכט אום שבת פאר אקראנקינס וועגין. אליכט ווערט גירופען אליכט אונ די נשמה פון אמענטשין ווערט אויך גירופען אליכט איז בעסער עס זאל אויס גילאָשען ווערין דיא ליכט וואס אמענטש האט אן גיצונדען. איידער עס זאל אויס גיראשען ווערין די ליכט וואס גאט האט אן גיצונדען:

יד כתיב. עס שטייט אין פסוק. ירמיה הנביא האט גזאגט ווען דער בית המקדש איז חרוב גיווארען האבען דיא יודען גיקלאגט אונ האבען גזאגט. איך בין פאר לאזען גיווארין פון שלום. האט רבי אבהו גזאגט זייא זענען גיוועזען אזוי אָרעם אז זייא האבען ניט גיהאט אויף אליכט אן צו צינדען אויף שבת. אונ אז אין שטוב איז פינסטער איז ניט שלום. ווייל מען קען אשאדין טאהן: איך האב פאר געסען דיא גוטס האט רבי ירמיה גזאגט דאס מיינט מען מיר האבען אפילו קיין באד ניט. רבי יוחנן זאגט. דאס מיינט מען מיר האבען ניט אפילו אביסול װאַרעמע װאַסער צו װאַשען דיא הענט מיט די פיס. רבי יצחק נפחא זאגט גוטס מיינט מען אשיינע בעט מיט שיינע בעטגיוואנט. דער פון האט אמענטש הנאה ווען ער גייט שלאפען אפ צו רוהען פון זיין ארבעט. רבי אבא זאגט גוטס מיינט מען אשיינע בעט אויף ניבעט מיט שיינע בעט גיוואנט. אונ דיא ווייב גייט גציירט. נאר ניט ווי די פרוצות גייען. נאר וויא עס פאסט פאר אווייב פון אתלמיד חכם. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין. אזוי איז גיוועזען דער פירונג פון רבי יהודה בר אלעאי. ערב שבת האט מען גיבראכט פאר איהם אמולטער פול מיט וואַרעמע וואַסער. אונ ער האט גיוואשען זיין פנים אונ זיינע הענט אונ זיינע פיס. אונ ער האט זיך איינגעוויקולט אין אליילאך מיט ציצית אונ איז גיזעסען. אונ ער האט אויס גיזעהן אזוי וויא אמלאך פון גאט. דיא רבנן האבען גילערנט וועלכער מענטש הייסט רייך דער וואס האט פר גענינגען פון זיין רייכקייט אזוי זאגט רבי מאיר. רבי טרפון זאגט דער וואס האט הונדערט ווייגערטנער אונ הונדערט פעלדער. אונ הונדערט קנעכט וואס ארבעטין אין דיא פעלדער מיט די וויין גערטנער דער הייסט רייך. רבי עקיבא זאגט דער ווס האט אווייב מיט

גוטע

חמתא. חמותה: איתלי שרגא. הדלק את הנר: עד רמתא. שם מקום: לכורמים [לשון] מאספים כמו כורמים עליו את הכלים לקמן בפרק ר"ע: וליוגבים [לשון יקבים] מעודרים וסופנים את הגזוזן לבודית דמו כדאמרינן בפ' כלל גדול והכימס נבוזראדן ללבושי המלך: סולמות דציד מעלה הר וקלים סמכלה וגבוהה וקורין אותה פויילא"ה:

אין לך אלא מה שאמרו חכמים אין מדליקין בהם. כגון פסולי שמנים דמתניתין:

תאי כוס עלה דתתם. הואיל ולרב יוסף לאו לענין מלאכת המשכן איתמר לא איפכיט בעיין:

(דף כו) **טו ההוא** חמתא דהות סניאה לה לכלתה אמרה לה זיל איקשיט במשחא דאפרסמא אזלא איקשיט כי אתאי אמרה לה זיל איתלי שרגא אזלא איתלא שרגא אינפח בה נורא ואכלתה:

(ירמיה כב) **טז ומדלות** הארץ השאיר נבוזראדן רב טבחים לכורמים וליוגבים.

כורמים תני רב יוסף אלו מלקטי אפ־סמן מעין גדי ועד רמתא יוגבים אלו ציידי חלזון מסולמות של צור עד חיפה:

**יז רבי** טרפון אומר אין מדליקין אלא בשמן זית בלבד עמד רבי יוחנן בן נורי על רגליו ואמר מה יעשו אנשי בבל שאין להם אלא שמן שומשמין ומה יעשו אנשי מדי שאין להם אלא שמן אגוזים ומה יעשו אנשי אלכסנדריאה שאין להם אלא שמן צנונות ומה יעשו אנשי קפוטקיא שאין להם לא כך ולא כך אלא נפט אלא אין לך אלא מה שאמרו חכמים אין מדליקין:

(דף כח ע"ב) **יח מאי** הוי עלה דתוחש שהיה בימי משה אמר רבי אילעא אמר

---

נוטע מדות. דער הייסט רייך. רבי יוסי זאגט דער וואס האט אבית הכסא נאנט צוא זיין טיש. דער מענטש הייסט רייך ווייל אלע קראנקייט קומט נאר וואס אמענטש ריינינגט זיך נים צו דער צייט. אונ אז ער האט אבית הכסא נאנט. ריינינגט ער זיך צו דער צייט ווס ער דארף. איז ער געזונד. אונ אז אמענטש איז געזונד דאס איז די בעסטע רייכקייט:

**טו** ההוא. עס איז געווען אשוויגער ווס האט פיינט געהאט איר שנור הט די שוויגער געזאגט צו די שנור גיי ציהר דיך אן [שמיר דיך אויס] מיט אפרסמון בוימאייל. איז זיא געגאנגען אונ הט זיך אויס געשמירט מיט דעם אפרסמון בוימאייל. אז זיא איז צוריק געקומען צוא דיא שוויגער הט די שוויגער געזאגט צו דיא שנור גיי צינד אן אליכט. איז דיא שנור געגאנגען אן צינדען אליכט האט דיא שוויגער אזוי געטאהן אויף איר דיא פייער: איז זיא פאר ברענט געווארין:

**טז** ומדלות. נבוזראדן רב טבחים ווען ער הט פאר טריבען דיא יודען אין גלות. האט ער געלאזען די ארעמע לייט אין ארץ ישראל זיי זאלען זיין כורמים אונ יוגבים. ווס איז כורמים הט רב יוסף געלערנט דאס זענען דיא מענטשין ווס פלעגין איין זאמלען די אפרסמון אייל וואס וואקסט פון עין גדי ביז רמתא. ווס איז יוגבים דס זענען די מענטשין ווס פלעגין פאנגען דעם ווארעם חלזון. ווס ער ווערט געפונען פון דיא בערג ווס אין צור ביז דעם ארט חיפה. אונ דס איז תכלת וואס עס שטייט אין דיא תורה] ס איז דיא בלוט פון חלזון איז געווען אטייערע פארב:

**יז** רבי טרפון זאגט מען טאר נים אן צינדען אויף שבת מיט קיין אנדער אייל. נאר מיט דיא אייל פון איילבירטען. הט זיך רבי יוחנן בן נורי געשטעלט אויף זיינע פיס אונ ער הט געזאגט וואס זאלען טאהן דיא מענטשין פון בבל וואס זיי האבען נים קיין אנדערע אייל נאר פון מאן. אונ וואס זאלען טאהן דיא מענטשין פון מדי ווס זיי האבען נים קיין אנדערע אייל נאר פון נים. אונ וואס זאלען טאהן דיא מענטשין פון אלכסנדריאה ווס זייא האבען נים קיין אנדערע אייל נאר פון צנון. אונ וואס זאלען טאהן דיא מענטשין פון קפוטקיא ווס זיי האבען אזעלכע אייל אויך נים. זייא האבען נאר נפט. נאר דוא קענסט נים מער אסרין. נאר דיא אייל ווס די חכמים האבען גזאגט מען טאר נים אן צינדען מיט זיי אויף שבת. אונ אויסער די זענען אלע אייל כשר אן צו צינדען אויף שבת:

**יח** מאי דער תחש וואס איז געווען אין די צייטען פון משה רבינו: וואס איז ער געווען

רבי

מקרין תרתי משמע דמשמע מקרין כל קרניו: תחלתו וסופו וכ"ש ס"ס (לו) עוד כימהייס: קודם השמש. לא יעמול בתורה שקדמה לשמש יש

דבי שמעון בן לקיש אומר היה רבי מאיר תחש שהיה בימי משה בריה בפני עצמה היה ולא הכריעו בו חכמים אם מין חיה הוא אם מין בהמה הוא וקרן אחת היתה לו במצחו ולפי שעה נזדמן לו למשה ועשה ממנו משכן ונגנז. מדקאמר קרן אחת היה לו במצחו שמע מינה טהור היה דאמר רב יהודה שור שהקריב אדם הראשון קרן אחת היתה לו במצחו שנאמר (תה׳ סט) ותיטב לה׳ משור פר מקרין מפרים מקרין תרתי משמע. אמר רב נחמן (בר יצחק) מקרן כתיב. וליפשוט מינה דמין בהמה הוא. כיון דאיכא קרש דמין חיה הוא ולית ליה אלא חד קרנא איכא למימר מין חיה הוא:

(דף ל ע"ב) **יתי אמר** רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמיה דרב בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת מפני שדבריו סותרין זה את זה ומפני מה לא גנזוהו מפני שתחלתו דברי תורה וסופו דברי תורה. תחלתו דברי תורה דכתיב (קהלת א) מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש ואמרי דבי רבי ינאי תחת השמש הוא דאין לו קודם השמש יש לו. סופו דברי תורה דכתיב (שם יב) סוף דבר הכל נשמע את

---

רבי אילעא האט געזאגט רבי שמעון בן לקיש האט געזאגט פון רבי מאיר וועגין דער תחש וואס איז געוועזן אין דיא צייט פון משה רבינו. איז געוועזן אבזונדער בשעפעניש אונ דיא חכמים האבען ניט געקענט וויסען וואס ער איז. אויב ער איז אחיה אדער אבהמה אויף זיין שטערין איז געוועזן איין הארין אונ משה רבינו הט איהם נאר געטראפען דיא צייט וואס ער האט איהם געדארפט צום משכן. אונ פריער האט ער איהם גאר ניט געזעהן. אונ וויא ער הט נאר געמאכט פון איהם דעם משכן. איז ער באלד בעהאלטען געווארין אונ מען האט איהם שוין ניט מעהר געזעהן. זאגט דיא גמרא וייל מען זאגט אז דער תחש הט געהאט איין הארין אויף זיין שטערין. ווייסען מיר אז מען האט אים גימעגט עסין. וואָרום רב יהודה האט געזאגט דער אקס וואס אדם הראשון האט איהם מקריב געווען פר אקרבן. האט נאר געהאט איין הארין אויף זיין שטערין. ווארום עס שטייט אין פסוק ותיטב לה׳ משור פר מקרין ומפרים דוד המלך הט געזאגט מיין תפלה זאל זיין פאר גאט בעסער וויא דער אקס מיטן הארין אונ מיט קלאהען וואס אדם הראשון האט איהם מקריב געווען: פרעגט דיא גמרא מקרין מיינט מען דאך צוויי הערנער. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט עס שטייט אין פסוק מקרן מיינט מען איין הארין. דוד המלך האט געזאגט מיין תפלה זאל זיין פאר גאט בעסער וויא דער אקס מיט איין הארין אונ מיט קלאהען וואס אדם הראשון האט איהם מקריב געווען (ועיין בגמרא): פרעגט די גמרא וייל דער תחש הט געהאט אהארין. איז דאך געוויס אז ער איז געוועזן אבהמה. ניט אחיה. ענטפערט דיא גמרא. וייל עס איז דא אקרש וואס ער איז אחיה אונ ער הט נאר איין הארין קען מען זאגען אויף דעם תחש אויך אפילו ער הט איין הארין פון דעסטוועגין איז ער אחיה:

יתי רב יהודה דער זוהן פון רב שמואל בר שילת האט געזאגט פון רבם וועגין די חכמים האבען געוואלט בעהאלטען דעם ספר קהלת וייל זיינע רייד צו ווארפען איינע דיא אנדערע. אונ פאר וואס הט מען איהם ניט בעהאלטען. וייל דער אנהייב ספר לויבט דיא מענטשין וואס לערנען תורה. אונ דער סוף ספר לויבט אויך דיא מענטשין וואס לערנען תורה. דער אנהייב ספר לויבט דיא מענטשין וואס לערנען תורה ווארום עס שטייט אין פסוק וואס פר איבעריגט דער מענטש פון זיין גאנצע ארבעט וואס ער ארבעט אונטער די זוהן. די תלמידים פון רבי ינאי האבען געזאגט אז ער מאטערט זיך אין אזעלכע זאכען וואס זענען בשאפען געווארין נאך דיא זוהן. אין אמלאכה אדער אין אהאנדיל. דער פון פאר איבעריגט דער מענטש גאר ניט. אבער אז ער מאטערט זיך אין דיא תורה. וואס זיא איז בשאפען געווארין פאר דיא זוהן. פר איבעריגט ער יא. דער סוף ספר לויבט אויך דיא מענטשין וואס לערנען תורה

ווארום

את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם מאי כי זה כל האדם אמר רבי אלעזר כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה. רבי אבא בר כהנא אמר שקול זה כנגד כל העולם כולו. שמעון בן עזאי אומר ואמרי לה שמעון בן זומא אומר לא נברא כל העולם בולו אלא לצוות לזה. ומאי דבריו סותרין זה את זה כתיב (שם ז) טוב כעס משחוק וכתיב (שם ב) לשחוק אמרתי מהולל כתיב (שם ח) (ושבחתי) אני את השמחה וכתיב (שם ב) ולשמחה מה זו עושה לא קשיא טוב כעס משחוק טוב כעס שכועס הקדוש ברוך הוא על הצדיקים בעולם הזה משחוק שמשחק הקדוש ברוך הוא עם הרשעים בעולם הזה ולשחוק אמרתי מהולל זה שחוק שמשחק הקדוש ברוך הוא עם הצדיקים בעולם הבא. (ושבהתי) אני את השמחה זו שמחה של מצוה ולשמחה מה זו עושה זו שמחה שאינה של מצוה ללמדך שאין שכינה שורה לא מתוך עצלות ולא מתוך עצבות ולא מתוך שחוק ולא מתוך קלות ראש ולא מתוך שיחה ולא מתוך דברים בטלים אלא מתוך דבר שמחה של מצוה שנאמר (מלכים ב ג) ועתה קחו לי וגו'. אמר רב

יהודה

יהלין: לצוות. ללוות אצלו: מהולל. משובח: משחק. משחק עם הרשעים. שמשחק להם בעה"ז כדי להאכילן חלקם ולטורדן מעוה"ב: שמחה של מצוה. כגון הכנסת כלה: שחוק. שחוק שאין דעת שוחק מיושבת ואפילו אינה כל כך מ"מ אין בו ישוב: קלות ראש. לצון: קחו לי מנגן. שהיה בא לשרות עליו שכינה: לדבר הלכה

---

ווארום עס שטייט אין פסוק דער סוף פון דיא זאך איז אלץ ווערט געהערט. זאלסטו מורא האבען פאר גאט. אונ זאלסט היטען זיין געבאט. ווארום דער איז אלע מענטשען. וואס מיינט מען דער איז אלע מענטשען האט רבי אלעזר געזאגט דיא גאנצע וועלט איז ניט מער בשאפען געווארין גאר פון וועגין דעם צדיק. רבי אבא בר כהנא זאגט דער צדיק איז געוואוגין געגין די גאנצע וועלט. שמעון בן עזאי זאגט אונ אנדערע זאגין שמעון בן זומא זאגט דיא גאנצע וועלט איז ניט מער בשאפען געווארין. נאר דיא אלע מענטשען זאלען זיין אקאמפאניע מיט דעם צדיק. ער זאל ניט זיין אליין. וואס מיינט מען דיא רייד פון שלמה צו ווארפען איינע דיא אנדערע. אין איין פסוק שטייט כעס איז בעסער וויא פרייד. אונ אין איין פסוק שטייט איך האב געזאגט דאס פרייליכקייט איז געלויבט. אין איין פסוק שטייט איך האב געלויבט די שמחה אונ אין איין פסוק שטייט וואס טוהט דיא שמחה: צו וואס דארף מען דיא שמחה. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא וואס שלמה המלך האט געזאגט כעס איז בעסער וויא פרייד. האט ער אזוי געמיינט וואס גאט איז אין כעס אויף דיא צדיקים אונ ער שטראפט זייא פאר זייער ביסול עבירות. אויף דיא וועלט. דאס איז בעסער וויא דיא פרייליכקייט וואס גאט ניט צו דיא רשעים אויף דיא וועלט פאר זייער ביסול מצות וואס זיי טוהען: אונ וואס שלמה המלך האט געזאגט פרייליכקייט איז געלויבט. האט ער אזוי געמיינט דיא פרייליכקייט וואס גאט פרייט זיך מיט דיא צדיקים אויף עולם הבא. דאס איז געלויבט. ווייל דאס איז אאמת'ה שמחה. וואס שלמה המלך האט געזאגט איך האב געלויבט דיא שמחה דאס מיינט מען א שמחה פון אמצוה. אונ וואס שלמה המלך האט געזאגט וואס טוהט דיא שמחה. צו וואס דארף מען די שמחה. אז ניט פון אמצוה איז ניטא וואס פרייליך צו זיין. שלמה המלך קומט דיך לערנען אז דיא שכינה רוהט ניט אויף אמענטשען ניט ווען דער מענטש איז פויל אונ ניט ווען דער מענטש איז טרויריג אונ ניט ווען דער מענטש לאכט אונ ניט ווען דער מענטש האט אגרינגע קאפ ווען ער איז גרויס ביי זיך אונ ניט ווען ער שמועסט אונ ניט ווען דער מענטש רעט ליידיגע רייד נאר ווען דער מענטש איז פרייליך פון אמצוה וואס ער האט געטאהן. רוהט אויף איהם דיא שכינה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אלישע הנביא האט געזאגט מען זאל ברענגען פאר איהם אשפילער. אונ אז דער שפילער האט געשפילט אונ אלישע איז פרייליך געווארין. איז צו איהם געקומען די נבואה פון גאט. האט רב יהודה געזאגט אז מען וויל לערנען

אדין

יהודה וכן לדבר הלכה אמר רבא וכן לחלום טוב איני והאמר רב גידל אמר רב כל תלמיד חכם שיושב לפני רבו ואין שפתותיו נוטפות מר תכוינה שנאמר (שה"ש ה) שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר אל תקרי מור עובר אלא מר עובר אל תקרי שושנים אלא ששונים לא קשיא אלא ברבה הא בתלמידא ואי בעית אימא הא והא ברבה ולא קשיא הא מקמי דליפתח הא לבתר ד פתח כי הא דרבה מקמיה דפתח להו לרבנן אמר מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן לסוף יתיב באימתא ופתח בשמעתא :

צריך לפתוח במילי דבדיחותא ברישא: לחלום טוב. אם בא לישן מתוך שמחה מראין לו חלום טוב: נוטפות מר. מרירות מחמת אימה: ובדחי רבנן - נפתח לבם מחמת השמחה: ע"כ :

ב ואף ספר משלי בקשו לגנוז שהיו דבריו סותרין זה את זה . ומפני מה לא גנזוהו אמרי ספר קהלת עיינינן ואשכחינן טעמא הכא נמי ליעיינין . ומאי דבריו סותרין זה את זה כתיב (משלי כו) אל תען כסיל כאולתו וכתיב (שם) ענה כסיל כאולתו לא קשיא הא בדברי תורה הא במילי דעלמא כי הא דההוא דאתא לקמיה דרבי אמר ליה אשתך אשתי ובניך בני אמר ליה רצונך שתשתה כוס של יין שתה ופקע . ההוא דאתא לקמיה דרבי חייא

---

אדין (גמרא אדער פוסקים) דארף מען פריער ווערין פרייליך. האט רבא גזאגט אז איינער ווערט אנטשלאפען פרייליך. זעהט ער אגוטען חלום. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי. מען טאר דאך ניט זיצען פרייליך ווען מען לערנט. נאר מען מוז זיצען מיט מורא. ווארום רב גידל האט גזאגט פון רבס וועגין דער תלמיד וואס זיצט פאר זיין רבי און זיינע לעפצין טריפען ניט (ביטערקייט) פון מורא. זאלען זייא פאר ברענט ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר זאגט דיא גמרא (שושנים איז דער טייטש רויזין מור בשמים) זאלסט ניט לייענען מור עובר נאר מען זאל לייענען מר עובר (ביטערקייט זאל פאר ביי זיין). זאלסט ניט לייענען שושנים נאר מען זאל לייענען ששונים זייא לערנען (דיא לעפצין וואס לערנען זאל פון זייא טריפען ביטערקייט). ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא דער רבי ווען ער זיצט און לערנט זאל ער זיין פרייליך. און דיא תלמידים זאלען זיצען מיט מורא. אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען. ביידע שמועסין ביי דעם רבי אליין. און עס איז ניט קיין קשיא איידער ער הייבט אן צו לערנען מיט דיא תלמידים זאל ער זיין פרייליך: דער נאך אז ער האט שוין אן גיהויבען צו לערנען: זאל ער זיצען מיט מורא. רבה איידער ער האט אן גיהויבען צו לערנען מיט די תלמידים. האט ער גזאגט פאר זייא אפרייליכע זאך האבען דיא רבנן גילאכט. דער נאך איז ער גיזעסען מיט מורא און האט אן גיהויבען צו לערנען :

ב ואף. דעם ספר משלי האט מען אויך גיוואלט בעהאלטען ווייל זיינע רייד צו ווארפען איינע דיא אנדערע. און פאר וואס האט מען אים ניט בעהאלטען מען האט גזאגט ביי דעם ספר קהלת האבען מיר גיקלערט און מיר האבען גיפונען צו זאגען אז זיינע רייד זענען רעכט: און זייא צו ווארפען ניט איינע די אנדערע. וועלין מיר דא ביי דעם ספר משלי אויך קלערין טאמער וועלין מיר געפינען אז דיא רייד זענען אויך רעכט און צוא ווארפען ניט איינע דיא אנדערע. ומאי דבריו סותרין זה את זה. וועלכע רייד צוא ווארפען איינע דיא אנדערע אין איין פסוק שטייט דוא זאלסט ניט ענטפערין דעם נאר אזוי וויא זיינע נארעשקייט: און אין איין פסוק שטייט דו זאלסט ענטפערין דעם נאר אזוי וויא זיינע נארעשקייט. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא אז דער נאר פרעגט אויף אזאך פון די תורה. אפילו דאס איז אנארעשקייט. זאל מען איהם ענטפערין און מען זאל איהם זאגען דעם ריכטיגען אמת וואס דיא תורה מיינט. און אז דער נאר פרעגט אנארעשקייט אין וועלטליכע זאכען. דארף מען איהם ניט ענטפערין. איינער איז אמאהל גיקומען פאר רבי און ער האט גזאגט צו רבי דיין ווייב איז מיין

ווייב

(חייא) אמר ליה אמך אשתי ואתה בני אמר ליה רצ נף שתשתה כוס של יין שתה ופקע. אמר רבי חייא אהניא ליה צלותיה לרבי דלא לישויה (בני) ממזרא דרבי כי הוה מצלי אמר יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתצילני היום מעזי פנים ומעזות פנים. בדברי תורה מאי היא כי הא דיתיב רבן גמליאל וקדריש עתידה אשה שתלד בכל יום שנאמר (ירמיה לא) הרה ויולדת יחדו. לגלג עליו אותו תלמיד אמר (קהלת א) אין כל חדש תחת השמש. אמר ליה בא ואראך דוגמתו בעולם הזה נפק אחוי ליה תרנגולת. ותו יתיב רבן גמליאל וקדריש עתידין אילנות שמוציאין פירות בכל יום שנא' (יחזקאל יז) ונשא ענף ועשה פרי מה ענף בכל יום אף פרי בכל יום לגלג עליו אותו תלמיד אמר והכתיב אין כל חדש תחת השמש אמר ליה בא ואראך דוגמתן בעולם הזה נפק אחוי ליה צלף. ותו יתיב רבן גמליאל וקדריש

עתידה

מעזי פנים. שלא יזיקוני: ומעזות פנים. שלא יגלו עלי שם ממזרות דהוא עז פנים: כד"ת. פותר לממה כתוגתו: הרה ויולדת יחדו. כיום שהרה זו יולדת ולד אחר כמו תרנגולת וכיון שמתעברת בכל יום נמצאת יולדת בכל יום דהכי משמע קרא בכל עת שהיא מתעברת יולדת שמתברכת לגמור צורת הולד לזמן מועט: בא ואראך. צרת לענותו כלומר כדי להעמיד ד"ת על מכונה: לגלג. זו אוכם: צלף. מין אילן הטוען שלשה מיני פירות

---

ווייב. און דיינע קינדער זענען מיינע קינדער. דיין ווייב האט מיט מיר מזנה געווען און די קינדער זענען מיינע. האט רבי צו איהם געזאגט ווילסט טרינקען אגלאז וויין. (אבער אויף דער זאך וואס דער מענטש האט געזאגט האט איהם רבי ניט געענפערט). האט ער געטרונקען דיא וויין און דער בויך איז איהם צוא שפאלטען געווארין: ווייל ער איז אמאהל געקומען פאר רבי און ער האט געזאגט צו רבי דיין מוטער איז מיין ווייב. זיא האט מיט מיר מזנה געווען. און דוא ביסט מיין זוהן. האט רבי צו איהם געזאגט ווילסט טרינקען אגלאז וויין. (אויף דער זאך האט איהם אויך רבי ניט געענטפערט) האט ער געטרונקען די וויין און דער בויך איז איהם צו שפאלטען געווארין. האט רבי חייא געזאגט. צו רבי האט געהאלפען זיין תפלה מען זאל ניט מאכען איהם מיט זיינע קינדער פאר ממזרים. ווען רבי פלעגט דאווענען האט ער געזאגט עס זאל זיין דער ווילען פאר דיר גאט אונזער גאט דוא זאלסט מיך מציל זיין (רעטען) היינט פון אמענטשין וואס ער איז אעז פנים. און מען זאל ניט זאגען אויף מיר אז איך בין אעז פנים. וואס מיינט מען אויב דער נאר פרעגט אויף אזאך פון די תורה דארף מען איהם ענטפערין. ווארום רבן גמליאל איז אמאל געזעסען און האט גידרשת עס וועט אמאהל קומען אצייט אז אאשה וועט אלע טאג געבאהרין אקינד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא וועט טראגין ווערין און וועט געבארען דאס קינד אין איין טאג. האט אתלמיד געלאכט פון רבן גמליאל ער האט געזאגט עס איז ניטא קיין נייס אונטער א זוהן. וואס עס איז ניט געווען ביז איצט. וועט שפעטער אויך ניט זיין. האט רבן גמליאל געזאגט צו דעם תלמיד קום וועל איך דיר ווייזען אזוי אגלייכען איצט אויף די וועלט. איז רבן גמליאל ארויס געגאנגען מיט דעם תלמיד און האט איהם געוויזען אז א הון געבארט אאיי דעם זעלביגען טאג וואס זיא ווערט טראגען. רבן גמליאל איז געזעסען און האט נאך גידרשת עס וועט אמאהל קומען אצייט אז עס וועט וואקסען אויף דיא בוימער אלע טאג נייע פירות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער בוים וועט טראגען צווייגען און עס וועט וואקסען פירות. אזוי וויא דער צווייג איז דא אויף דעם בוים אלע טאג. אזוי וועט זיין נייע פירות אויף דעם בוים אלע טאג. האט אתלמיד געלאכט פון רבן גמליאל ער האט געזאגט עס שטייט דאך אין פסוק עס איז ניטא קיין נייס אונטער די זון. וואס עס איז ניט געווען ביז איצט. וועט שפעטער אויך ניט זיין. האט רבן גמליאל געזאגט צו דעם תלמיד קום וועל איך דיר ווייזען אזוי אגלייכען איצט אויף די וועלט. איז רבן גמליאל ארויס געגאנגען מיט דעם תלמיד און האט איהם געוויזען דעם בוים צלף. וואס אויף איהם וואקסט יעדער יאהר דריי ערליי פירות איינע נאך די אנדערע. פריער וואקסט אביונות: אז די אביונות פאלען אראפ. וואקסט קפריסין. אז דיא קפריסין פאלען אראפ וואקסט קיבבן. און אז משיח וועט קומען וועלין אויף אלע בוימער

וואקסען

עתידה ארץ ישראל שתוציא גלוסקאות וכלי מילת שנאמר (תהלים עב) יהי פסת בר בארץ לגלג עליו אותו תלמיד ואמר אין כל חדש תחת השמש נפק אחזי ליה כמהין ופטריות ואכלי מילת נברא בר קורא:

(דף לא) **כא תנו רבנן** לעולם יהא אדם ענוותן כהלל ואל יהא קפדן כשמאי מעשה בשני בני אדם שהמרו זה עם זה אמרו כל מי שילך ויקניט את הלל יטול ארבע מאות זוז אמר אחד מהם אני אקניטנו אותו היום ערב שבת היה והלל חופף ראשו הלך ועבר על פתח ביתו אמר מי כאן הלל מי כאן הלל נתעטף ויצא לקראתו אמר ליה בני מה אתה מבקש אמר לו שאלה יש לי לשאול אמר ליה שאל בני שאל מפני מה ראשיהם של בבליים סגלגלות אמר ליה בני שאלה גדולה שאלת מפני שאין להם חיות פקחות הלך והמתין שעה אחת הזר ואמר מי כאן הלל מי כאן הלל נתעטף ויצא לקראתו אמר ליה בני מה אתה מבקש אמר ליה שאלה יש לי לשאול אמר ליה שאל בני שאל מפני מה עיניהן של תרמודיין טרוטות. אמר ליה בני שאלה גדולה שאלת מפני שדרין בין החולות.

אביונות וקפריסין ולולבין וכי איתא להאי לידים לאי כדאמר בגיס תוקת כבשים: פסת בר. משמע גלוסקאות שרחבין כמין פס יד ומשמע כלי מילת כמו כתונת פסים. בר כמו לשבור בר ולעבין כלי מילת בר נקי כמו ברה כחמה: כמהין ופטריות. פיונאין כמוס שבן בלילה אתת ורחבין ועגולין כגלוסקאות: נברא בר קורא. סיב כמין לבוש מלויר גדל סביבות העור של דקל כשהוא רך. קור ענף האילן כשהוא רך יוצא בכל שנה קודם שיתקשה קרוי קור: פסמנו. נתערבו כמו שממרין את סוסים דסנהדרין: מי כאן הלל. כלום כאן הלל ולשון גנאי לנשיא ישראל: מפני מה ראשיהן של בבליים כגלגל עגול: טרוטות. רכות: שדרים בין החולות. וכרות טפנת ונכנס בתוך עיניהם

---

וואקסען אלע טאג נייע פירות. רבן גמליאל איז געזעסען אונ האט נאך געדרשת עס וועט קומען אמאהל אצייט אז אין ארץ ישראל וועט וואקסען פון די ערד פערטיגע קיכלאך אונ זיידענע קליידער פערטיגע אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פסת אונ בר וועט וואקסען פון דיא ערד. פסת איז טייטש זיידענע קליידער. בר איז טייטש קארין (ברויט). האט א תלמיד געלאכט פון רבן גמליאל ער האט געזאגט עס איז ניטא קיין נייס אונטער דיא זוהן. וואס עס איז ניט געווען ביז איצט. וועט שפעטער אויך ניט זיין. איז רבן גמליאל ארויס געגאנגען מיט דעם תלמיד אונ האט איהם געוויזען דיא שוואמען וואס וואקסען ארויס פון דיא ערד גרויס אונ פערטיג אין איין נאכט. אונ אויף די זיידענע קליידער האט ער איהם געוויזען די קארע וואס וואקסט אויף אבוים. געמאלט מיט קאלארין. אונ דאס איז אויף דעם בוים אזוי ווי אקלייד:

**כא** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אמענטש זאל אייביג זיין ביי זיך קליין אונ גידעריג. אזוי וויא הלל איז געווען. אונ ער זאל ניט זיין אבעסן אזוי ווי שמאי איז געווען. עס האט אמאהל געטראפען צוויי מענטשין האבען זיך געוועט: זייא האבען געזאגט ווער עס וועט קענען דער צערינען הלל. זאל ער נעמען פיר הונדערט גילדען. האט איינער פון זייא געזאגט איך וועל איהם דער צערינען: דער טאג איז געווען פרייטאג: אונ הלל האט געקעמט זיין קאפ. איז דער מענטש געגאנגען פאר די טיר פון הללס שטוב אונ האט געזאגט הלל איז דא אין שטוב. הלל איז דא אין שטוב. האט זיך הלל איינגעוויקעלט אין זיין קלייד אונ איז געגאנגען אנטקעגין דעם מענטש האט הלל געזאגט צו דעם מענטש. מיין זוהן וואס פארלאנגסטו האט דער מענטש געזאגט צו הלל איך האב צו פרעגן ביי דיר אשאלה. האט הלל געזאגט צו דעם מענטש פרעג מיין זוהן פרעג. האט דער מענטש געפרעגט פאר וואס זענען די קעפ פון די בבליים קיילעדיג. האט הלל געזאגט צו דעם מענטש מיין זוהן דוא האסט געפרעגט אגרויסע שאלה. ווייל זייא האבען ניט קיין קלוגע הייבאמס. ווייסען זייא ניט וויא אזוי צו גלייכען דעם קאפ פון קינד ווען ער ווערט געבאהרין. איז דער מענטש אוועק געגאנגען אונ האט געוואַרט אשעה דער נאך איז ער צוריק געקומען פאר דיא טיר פון הלל. אונ האט געזאגט. הלל איז דא אין שטוב. הלל איז דא אין שטוב: האט זיך הלל איינגעוויקעלט אין זיין קלייד אונ איז געגאנגען אנטקעגין דעם מענטש. האט הלל געזאגט צו דעם מענטש. מיין זוהן וואס פארלאנגסטו האט דער מענטש געזאגט צו הלל איך האב צו פרעגן ביי דיר אשאלה. האט הלל געזאגט צו דעם מענטש פרעג

הלך והמתין שעה אחת חזר ואמר מי כאן הלל מי כאן הלל נתעטף ויצא לקראתו . אמר ליה בני מה אתה מבקש אמר ליה שאלה יש לי לשאול אמר ליה שאל בני שאל מפני מה רגליהם של אפריקיים רחבות אמר ליה בני שאלה גדולה שאלת מפני שדרין בין בצעי המים . אמר ליה שאלות הרבה יש לי לשאול ומתיירא אני שמא תכעוס נתעטף וישב לפניו אמר ליה כל שאלות שיש לך לשאול שאל . אמר ליה אתה הוא הלל שקורין אותך נשיא ישראל אמר ליה הן אמר ליה אם אתה הוא לא ירבו כמותך בישראל אמר ליה בני מפני מה אמר ליה מפני שאבדתי על ידך ארבע מאות זוז אמר ליה הוי זהיר ברוחך כדאי הוא הלל שתאבד על ידו ארבע מאות זוז וארבע מאות זוז והלל לא יקפיד :

**תנו** רבנן מעשה בעובד כוכבים אחד שבא לפני שמאי אמר ליה כמה תורות יש לכם אמר ליה שתים תורה שבכתב ותורה שבעל פה . אמר ליה שבכתב אני מאמינך ושבעל פה איני מאמינך גיירני על מנת שתלמדני תורה שבכתב . גער בו והוציאו בנזיפה בא

אפרקים לאתר מארם מרוטה לשון עגולות בית מגגב שלהן ולף כאן אני אומר כן ומפני שדרים בין בהולות שיהא אוהב המקום שלא יהא בדק של עיניהם ארוך כשלנו ויכנס בו החול וכן רגליהם של אפרקיים רחבות שלא ישקעו בבצעי המים ורבותינו פירשו שדרים בין בצעי המים והולכין יחפים ומתפשטים רגליהם לפי שבמנעל דוחק הרגל ומעמידו על דפוס שלו : כאותי הלל . יהא לך : כזוזיתו בנזיפה . דהמא כבא לקבל דברי הגרות

---

מיין זוהן פרעג . הט דער מענטש גיפרעגט פר וואס האבען די מענטשין פון תרמוד שרעכטע אויגען . הט הלל גזאגט צו דעם מענטש מיין זוהן דוא האסט גיפרעגט א גרויסע שאלה . ווייל זיי וואוהנען צווישען זאמד . דער ווינט בלאזט דיא זאמד אויף זייערע אויגען . דריבער האבען דיא שלעכטע אויגען . איז דער מענטש אוועק גיגאנגען אונ הט גיווארט א שעה דער נאך איז ער צוריק גיקומען פר די טיר פון הלל . אונ הט גיזאגט . הלל איז דא אין שטוב . הלל איז דא אין שטוב האט זיך הלל איינגעוויקלט אין זיין קלייד אונ איז גיגאנגען אנטקעגין דעם מענטש . הט הלל גזאגט צו דעם מענטש . מיין זוהן וואס פאר לאנגסטו . האט דער מענטש גזאגט צו הלל איך האב צו פרעגין ביי דיר א שאלה . הט הלל גזאגט צוא דעם מענטש פרעג מיין זוהן פרעג . הט דער מענטש גיפרעגט פאר וואס האבען די מענטשין פון אפריקי ברייטע פים האט הלל גזאגט צוא דעם מענטש מיין זוהן דוא האסט גיפרעגט א גרויסע שאלה . ווייל דיא וואוהנען אין זומפיגע ערטער . אונ זייא גייען בארוועס אין וואסער . ווערין דיא טריט זייערע ברייט . הט דער מענטש גזאגט איך האב פיל שאלות צו פרעגין נאר איך האב מורא טאמער וועסטו אין כעס ווערין אויף מיר . האט זיך הלל איינגעוויקלט אין זיין קלייד אונ הט זיך גיזעצט פאר דעם מענטש הט הלל גזאגט צו אים אלע שאלות וואס דוא האסט צו פרעגין . פרעג . האט דער מענטש גזאגט צו הלל דוא ביסט דער הלל וואס מען רופט דיך דער נשיא פון יודען . האט הלל גזאגט צו דעם מענטש יא איך בין הלל דער נשיא פון יודען . זאגט דער מענטש צו הלל אויב דוא ביסט דאס . זאל נאר ניט זיין צווישען יודען פיל מענטשין . אזעלכע ווייא דוא ביסט . הט הלל גזאגט צו דעם מענטש . מיין זוהן : פר וואס . הט דער מענטש גזאגט צו הלל ווייל דורך דיר האב איך פאר לארען פיר הונדערט גילדען . האט הלל גזאגט צוא דעם מענטש דו זאלסט דיך היטען אונ זאלסט ניט אזוי זאגין . הלל איז ווערט דוא זאלסט פערליערען דורך איהם פיר הונדערט גילדען אונ נאך אמאהל פיר הונדערט גילדען . אונ הלל וועט ניט אין כעס ווערין :

תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט עס הט אמאהל גיטראפען אגוי א שטערין דינער איז גיקומען פאר שמאי אונ ער הט גיפרעגט ביי שמאי וויא פיל תורות איז דא ביי אייך . האט שמאי גזאגט צום גוי מיר האבען צוויי תורות . איינע אנגעשריבענע . אונ איינע לערנען מיר אויס ווייניג . הט דער גוי גזאגט צו שמאי די געשריבענע תורה גלויב איך דיר אונ דיא אויס ווייניגסטע תורה גלויב איך דיר ניט . גיירני על מנת שתלמדני תורה שבכתב . דו זאלסט מיך מגייר זיין אויף דעם תנאי . דוא זאלסט מיך אויס לערנען די געשריבענע תורה . אונ דיא

לפני הלל גיידיה. יומא כמא אמר ליה א"ב ג"ד למרר אפיך ליה אמר ליה ודהא אהמול לא אמרת לי הכי אמר ליה לאו עלי דידי קא סמכת ד״׳ פה נמי סמוך עלי. שוב מעשה בעובד כוכבים אחד שבא לפני שמאי. אמר ליה גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת. דחפו באמת הבנין שבידו. בא לפני הלל גייריה אמר ליה דעלך סני לחברך לא תעביד זו היא כל התורה כולה ואידך פירושא היא זיל גמור. שוב מעשה בעובד כוכבים אחד שהיה עובר אחורי בית הכנסת ושמע קול סופר שהיה אומר (שמות כה) ואלה הבגדים אשר יעשו חשן ואפוד אמר הללו למי אמר ליה לכהן גדול אמר אותו עובד כוכבים בעצמו אלך ואתגייר בשביל שישימוני כהן גדול בא לפני שמאי אמר ליה גיירני על מנת שתשימני כהן גדול דחפו באמת הבנין שבידו. בא לפני הלל גייריה אמר ליה כלום מעמידין מלך אלא מי שיודע טכסיסי מלכות לך למוד

ר ; מדבר אחד וכן גר כבא להתגייר וקבל עליו ד"ה ה ז מדבר אחד אין מקבלין אותו : גיירי׳. סמך כל חכמתו בסופו שירגילנו לקבל עליו דלא דמיא הא לחוץ מדבר אחד שלא היה כופר בתורה בבעל פה אלא שלא היה מאמין בכולה מפי הגבורה והלל היבטח שאחר שילמדנו יסמוך עליו : אפיך ליה. כגון תשר"ק : לאו עלי קא סמכת. מנין אתה יודע שזה אל"ף וזו בי"ת אלא שלמדתיך וסמכת עלי דע"פ נמי סמוך על דברי : אמת הבנין. מקל שבידו אמה הרוך ומודדין בו אורך הבנין שהיו קוצצים פס האומנים כך וכך אמה נכך וכך דמים : דעלך סני לחברך לא תעביד. ריעך וריע אביך אל תעזוב זה הקב"ה אל תעבור על דבריו שהרי עליך שנאוי שיעבור חברך על דבריך. נ"א חברך ממש כגון גזלה גנבה ניאוף ורוב המצות : ואידך. שאר דברי תורה : פירושא. דהא מילתא הוא לדעת איזה דבר שנוי : זיל גמור. והדע : סופר. מלמד תינוקות : טכסיסי. תיקוני

---

אוים ווייניגסטע תורה. ווייל איך ניט לערנען. האט שמאי אנישריי געטאהן אויף דעם גוי און האט איהם געהייסען ארויס גיין פון שטוב. איז דער גוי געקומען פאר הלל און דאס געזאגט פאר איהם אזוי וויא ער האט געזאגט פאר שמאי. און הלל האט איהם מגייר געוועזען. דעם ערשטין טאג האט הלל געלערנט מיט דעם גר א ב ג ד ביז ת. מארגין דעם אנדערין טאג האט הלל געלערנט מיט דעם גר פארקערט. פון ת ביז א. האט דער גר געזאגט צוא הלל נעכטין האסטו דאך מיר ניט אזוי געזאגט. האט הלל געזאגט צום גר פון וואנען ווייסטו אז דאס איז אַלֶף און דאס איז בֵּית. געוויס נאר ווייל איך האב דיך געלערנט. און דוא גלויבסט מיר אז עס איז אזוי פאר לאזטו דיך דאך אויף מיר. ווס איך האב דיר געזאגט אז עס איז דא נאך א תורה חס זי ווערט געלערנט אויס ווייניג. זאלסטו דיך אויך פאר לאזען אויף מיר. אז די תורה איז אמת. נאך האט א מאהל געטראפען אז אגוי א שטערין דינער איז געקומען פאר שמאי. האט דער גוי געזאגט צו שמאי זייא מיך מגייר אויף דעם תנאי דוא זאלסט מיך אויס לערנען די גאנצע תורה ווען איך וועל שטיין אויף איין פוס. האט שמאי אוועק געשמיסען דעם גוי מיט דעם שטעקיל וואס מען מעסט מיט איהם דיא הייזער. וואס ער האט געהאלטען אין האנט. איז דער גוי געקומען פאר הלל. און האט געזאגט פאר איהם אזוי וויא ער האט געזאגט פאר שמאי. און הלל האט איהם מגייר געוועזען. האט הלל געזאגט צום גר וואס דו האסט פיינט מען זאל דיר דאס טאהן זאלסטו ניט טאהן צו דיין חבר דס איז די גאנצע תורה. און די איבעריגע תורה לערנט אונז וועלכע זאכען אמענטש האט פיינט מען זאל איהם טאהן גייא לערין וועסטו וויסען. נאך אזאך דאס געטראפען ביי אגוי א שטערין דינער דער גוי איז געגאנגען אינטער די וואנט פון שוהל און ער האט געהערט ווי א מלמד זאגט צו זיינע תלמידים דעם פסוק דם זענען די קליידער וואס זיי זאלען מאכען א חשן און אפוד. האט דער גוי געפרעגט פאר וועמען זאל מען מאכען די קליידער. האט מען געזאגט צום גוי די קליידער מאכט מען פאר דעם כהן גדול. האט דער גוי געטראכט ביי זיך איך וועל מיך מגייר זיין מען זאל מיך מאכען פאר א כהן גדול. איז דער גוי געקומען פאר שמאי און האט געזאגט צו איהם זיי מיך מגייר נאר אויף דעם תנאי מען זאל מיך מאכען פאר א כהן גדול. האט שמאי אוועק געשטויסען דעם גוי מיט דעם שטעקיל וואס מען מעסט מיט איהם דיא הייזער. וואס ער האט געהאלטען אין האנט. איז דער גוי געקומען פאר הלל. און האט געזאגט פאר איהם אזוי וויא ער האט געזאגט פאר שמאי. און הלל האט איהם מגייר געוועזען. האט הלל געזאגט צום

כמלך (פי' כככ"ד: שלטון. מגרים כלג ע"ז: סדר זרעים. שעל אמונת כלהים סומכין ל פרים מעשרותיו מלוף: חוסן. לשון יורשין ועל ידי שבט מולדו יורשין: סדר נזיקין. מושיען שמזהיר לפרוע מזיק ומשתייב ממון: (אמונת זו סדר זרעים. מפרש בירושלמי שמאמין בחיי העולמים

למור טכסיסי מלכות הלך וקרא כיון שהגיע (במדבר ג) לוהזר הקרב יומת אמר ליה מקרא זה על מי נאמר אמר ליה אפילו על דוד מלך ישראל נשא אותו גר קל וחומר בעצמו ומה ישראל שנקראו בנים למקום ומתוך אהבה שאהבם קרא להם (שמות ד) בני בכורי ישראל כתיב עליהם והזר הקרב יומת גר הקל שבא במקלו ובתרמילו על אחת כמה וכמה. בא לפני שמאי אמר ליה כלום ראוי אני להיות כהן גדול והלא כתיב בתורה והזר הקרב יומת בא לפני הלל א"ל ענוותן הלל ינוחו לך ברכות על ראשך שהקרבתני תחת כנפי השכינה לימים נזדווגו שלשתן למקום אחד אמרו קפדנותו של שמאי בקשה לטורדנו מן העולם ענותנותו של הלל קירבנו תחת כנפי השכינה:

**כב אמר** ריש לקיש מאי דכתיב (ישעיה לג) והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת ודעת וגו'. אמונת זה סדר זרעים עתיך זה סדר מועד. חוסן זה

---

גר מען מאכט ניט פר אמלך נאר אזעלכין וואס ווייס די פירונג פון אמלך. גיי לערין דיך די פירונג פון אמלך ודו קענסט אנדערש ניט זיין אכהן גדול. סיידין דו זאלסט וויסען אלע דינים פון אכהן גדול) איז דער גר געגאנגען לערנען אין די תורה די דינים פון כהן גדול. אז דער גר איז גיקומען צו דעם פסוק אז אפרעמדער וועט גינגען צום בית המקדש וועט ער שטארבען הט דער גר גזאגט צו הלל אויף וועמען איז גזאגט גיווארין דער פסוק. ווער הי יסט אפרעמדער. הט הלל גזאגט צום גר אפילו דוד דער מלך פון דיא יודען אז ער וועט גינגען צום בית המקדש וועט איהם אויך קומע, מיתה. ווארום דער מענטש וואס איז ניט גיבאהרין פון כהנים טאר ניט צו גיין צום בית המקדש. הט דר גר גינומען אקל וחומר אויף זיך מאדאך די יודען וואס זיי ווערין גירופען קינדער צו גאט. אונ פון די ליבשאפט וואס ער הט זיי ליב. האט ער זיי גירופען מיין ערשט גיבארענער זוהן ישראל. שטייט אויף זיי געשריבען אין די תורה. אז איוד אפרעמדער (ניט אכהן) וועט גינגען צום בית המקדש קומט איהם מיתה. דער גר וואס ער איז גרינג. וואס ער איז אין גאנצען גיוועז פרעמד פון גאט אונ פון די יודען. נאר איצט איז ער גיקומען מיט זיין שטעקין אונ מיט זיין טארבע ער וואל זיך בהעפטין צו גאט אונ צו יודען. איז געוויס אז ער וועט גינגען צום בית המקדש וועט אים קומען מיתה. איז דער גר גיקומען פאר שמאי אונ הט גזאגט צו איהם מעג איך זיין אכהן גדול עס שטייט דאך אין די תורה אז אפרעמדער וועט גינגען צום בית המקדש וועט ער שטארבען. דער נאך איז דער גר גיקומען פר הלל אונ הט גזאגט צו איהם הלל וואס דו ביסט נידעריג ביי זיך ברכות זאלען רוהען אויף דיין קאפ דו האסט מיך גיבראכט אונטער די פליגעל פון גאט. אמאהל האט גיטראפען אז אלע דריי גרים זענען גיקומען צו זאמען אוף איין ארט. האבען זיי גזאגט דער כעס פון שמאי הט אונז גיוואלט פר טרייבען פון עולם הבא. דיא נידעריגקייט פון הלל האט אונז גיבראכט אונטער דיא פליגעל פון גאט:

**כב** אמר. הט ריש לקיש גזאגט וואס מיינט דער פסוק והיה אמונת עתיך חוסן ישועות חכמת ודעת וגו'. אמונת מיינט מען דעם סדר זרעים. וואס ער הייסט אמונה. ווארום דער מענטש גיט פאה אונ תרומה אונ מעשר אונ נאך אנדערע זאכען. ווייל ער גלויבט אז גאט וועט איהם בצאהלען אויף דיא וועלט אדער אויף יענע וועלט. עתיך מיינט מען דעם סדר מועד. וואס ער הייסט עתיך (ציינע צייטען) ווייל יעדער יום טוב האט אאוים גיזעצטע צייט אין יאהר. חוסן מיינט מען דעם סדר נשים. וואס ער הייסט חוסן (חוסן איז טייטש ירושה. אז מען נעמט אווייב אונ מען הט מיט איר קינדער. זענען די קינדער יורשים). ישועות מיינט מען דעם סדר נזיקין. וואס ער הייסט ישועות ווייל דיא דינים העלפין דעם מענטש אונ לערנען

זה סדר נשים. ישועות זה סדר נזיקין. חכמת זה סדר
קדשים. ודעת זה סדר טהרות. ואפילו הכי יראת ה'
היא אוצרו. אמר רב (רבא) בשעה שמכניסין אדם לדין
אומרים לו נשאת ונתת באמונה. קבעת עתים לתורה.
עסקת בפריה ורביה. צפית לישועה. פלפלת בחכמה.
הבנת דבר מתוך דבר. ואפילו הכי אי יראת ה' היא
אוצרו אין אי לא לא משל לאדם שאמר לשלוחו העלה
לי כור חטין לעלייה הלך והעלה לו אמר ליה עירבת בהן קב חומטין אמר ליה לאו אמר
ליה מוטב אם לא העלית. תני דבי רבי ישמעאל מערב אדם קב חומטין בכור של תבואה
ואינו חושש. אמר רבה בר רב הונא כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים דומה
לגזבר

(וזורע): דעת. מדיף מחכמה: היא אוצרו: הוא עיקר החשוב בעיניו לאצור ולעשות סגולה לזכרון: קבעת עתים. לפי שאדם צריך להתעסק בד"א שאם אין ד"א אין תורה צריך לקבוע עתים לתורה דבר קבוע שלא יפסק כל היום לד"א: בפריה ורביה. היינו חוסן: צפית לישועה. לדברי הנביאים: הבנת דבר מתוך דבר. היינו דעת: קב חומטין. ארץ מלחה ומשמרת את הפירות מהתליע: ואינו חושש. למוכרה בדמי חטין דלאו אונאה היא שהרי שמירתן בכך: יראת שמים. דומה לפתחים חיצונים

---

לערנען איהם וויא אזוי ער זאל זיך דער וויטערין פון אשאדין צו טאהן. ער זאל ניט דארפן
בצאהלען אונ עס זאל ניט זיין קיין קריג. חכמת מיינט מען דעם סדר קדשים. ווייל דיא
קרבנות מקריב זיין איז ניט דער עיקר דער קרבן. נאר דער עיקר איז דיא מחשבה וואס דער
בעל הבית מיט דעם כהן טראכטען ביי דעם קרבן. אונ דיא מחשבה פון מענטש איז אחכמה.
וויא קלוג ער איז אזוי איז זיין חכמה. דעת מיינט מען דעם סדר טהרות. ווייל אפ שיידין
טהור פון טמא דארף מען נאך אגרעסערע חכמה. אפילו ער האט גילערנט דיא אלע זעקס
סדרים משניות. פון דעסטוועגין איז נאר דער עיקר אויב ער איז פרום אונ ער האט מורא
פאר גאט. אונ אויב ער איז ניט פרום איז זיין לערנען גאר ניט ווערט. רבא האט גזאגט
ווען מען ברייגנט אריין דעם מענטשין צום משפט זאגט מען צו איהם האסטו גיהאנדילט ערליך
האסטו דיר אויס גיזעצט צייטען אין טאג צום לערנען. האסטו גינומען אווייב דוא זאלסט
מיט איר האבען קינדער. האסטו גיהאפט צו דיא צייט פון משיח אז מען זאל גיהאלפען ווערין
אזוי וויא דיא נביאים האבען גזאגט. האסטו גיקלערט אין דיא חכמה פון דיא תורה. האסטו
פאר שטאנען אין דיא תורה איין זאך פון די אנדערע זאך. אונ אפילו ער הט אלץ אזוי גיטאהן.
אויב ער איז גיוועזן פרום אונ דער עיקר איז ביי איהם גיוועזן די מורא פון גאט. איז גוט. אונ
אויב ער איז ניט פרום גיוועזן אונ הט ניט מורא גיהאט פאר גאט. איז זיין לערנען מיט זיינע
גוטע מעשים גאר ניט ווערט. למשל אמענטש האט גזאגט צו זיין בעדינטען טראג ארויף אכור
ווייץ אויף דעם בוידים. האט דער בעדינטער ארויף גיטראגען. הט דער בעל הבית גזאגט
צו זיין בדינטען. האסטו אריין געמישט אין די ווייץ אביסל גיזאלצענע ערד. הט דער בעדינטער
גזאגט צום בעל הבית ניין. איך האב ניט אריין געמישט. האט דער בעל הבית גזאגט צו דעם
בעדינטען עס וואלט בעסער גיוועזן אז דוא וואלסט דיא ווייץ ניט ארויף גיטראגען אויף דעם
בוידים. ווארום אן דיא ערד וועט דיא ווייץ קאליע ווערין [אויב אמענטש האט אין זיך אאוצר
מיט תורה אונ מצות. ער האט פיל תורה גילערנט אונ פיל מצות גיטאהן: אויב אין די תורה
אונ מצות איז אריין געמישט יראת שמים [פרומקייט]. איז גוט. וועלין בלייבען דיא תורה אונ
מצות אויף עולם הבא ער זאל פאר זייא נעמען שכר. אונ אויב אין דיא תורה אונ מצות
איז ניט אריין געמישט יראת שמים [פרומקייט]. וועט פון זיינע תורה אונ מצות גאר ניט
ווערין]. דיא תלמידים פון רבי ישמעאל האבען גילערנט אמענטש מעג אפ מעסטין תבואה
אכור ווייטיגער אקב. אונ אריין מישען אקב ערד. אונ ער מעג נעמען געלט פאר אגאנצען
עור תבואה. אפילו עס פעלט אקב תבואה. ווארום דער קב ערד היט דעם גאנצען כור
תבואה ער זאל ניט קאליע ווערין:

אמר. רבה בר רב הונא הט גזאגט דער מענטש וואס איז אלמדן ער לערנט תורה אונ
איז ניט פרום איז ער גליך צו אגבאי וואס מען האט איהם גיגעבין די שליסלען פון דיא

אינ ו יניגסטע

דרך להם נכנסין לפנימים כך אם יראת שמים הוא נזהר לשמור ולעשות טוב ואם לאו אינו חש להזהר: בהי עייל. באיזה פתח נכנס לפנימיות הפנימיים: אמינא לך אנא. כלומר אתה מיעטת בשבחו. הן יראת ה'. יחידה היא חכמה בעולם:

מי שאכל שום וריחו נודף וכו'. פירושא הוא כלו' ה"ק קרא אם רשעת מעט אל תוסיף על רשעך דמי שאכל שום וריחו נודף כבר לחבירו כלום

לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות ומפתחות החיצוניות לא מסרו לו בהי עייל. מכריז רבי ינאי חבל על דלית ליה דרתא ותרעא לדרתא עביד. גם במסכת יומא פרק בא לו אמר רב יהודה לא ברא הקדוש ברוך הוא את עולמו אלא כדי שייראו מלפניו שנאמר (קהלת ג) והאלהים עשה שייראו מלפניו. רבי סימון ורבי (אליעזר) [אלעזר] הוו יתבי חליף ואזיל רבי יעקב בר אחא אמר ליה חד לחבריה ניקום מקמיה דגבר דחיל חטאין הוא. אמר ליה אידך ניקום מקמיה דגבר בר אוריין הוא. אמר ליה אמינא לך אנא דגבר דחיל חטאין הוא ואמרת לי את דגבר בר אוריין הוא תסתיים דרבי (אליעזר) [אלעזר] הוא דאמר דגבר דחיל חטאין הוא דאמר רבי יוחנן משום רבי (אליעזר) [אלעזר] אין לו להקב"ה בעולמו אלא יראת שמים בלבד שנאמר (דברים י) ועתה ישראל מה ה' אלהיך שואל מעמך כי אם ליראה וגו' וכתיב (איוב כח) ויאמר לאדם הן יראת ה' היא חכמה וגו'. שכן בלשון יוני קורין לאחת הן תסתיים:

(ע"ב) **כג דרש** רב עולא מאי דכתיב (קהלת ז) אל תרשע הרבה וגו' הרבה הוא דלא לרשע הא מעט לרשע. אלא מי שאכל שום וריחו נודף יחזור ויאכל שום אחר

---

אינווייניגסטע שטובען און דיא שליסלען פון די אויסווייניגסטע שטובען האט מען איהם ניט געגעבן וויא אזוי וועט ער אריין גיין אין די אינווייניגסטע שטובען. רבי ינאי האט אויס גערופען וויי צו דעם מענטש וואס האט ניט קיין שטוב. און מאכט אטויער צוא א שטוב. רב יהודה האט געזאגט גאט האט נאר באשאפען דיא וועלט מען זאל מורא האבען פאר איהם; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געמאכט די וועלט מען זאל פאר איהם מורא האבען. רבי סימון און רבי אלעזר זענען געזעסען איז פאר ביי געגאנגען רבי יעקב בר אחא. האט איינער געזאגט צו זיין חבר מיר דארפין אויף שטיין פאר רבי יעקב בר אחא ווארום ער איז א מענטש וואס האט מורא צו טאהן אעבירה. האט דער אנדערער צו איהם געזאגט מיר דארפען אויף שטיין פאר רבי יעקב בר אחא ווארום ער איז א מענטש וואס קען לערנען. האט זיין חבר צו איהם געזאגט איך זאג דיר אז ער איז א מענטש וואס האט מורא אעבירה צו טאהן. און דוא זאגסט צו מיר אז ער איז א מענטש וואס קען לערנען. איך האב דאך איהם מער געלויבט וויא דוא. זאגט דיא גמרא עס איז געווים אז דער וואס האט געזאגט אויף רבי יעקב בר אחא ער האט מורא צו טאהן אעבירה. איז דאס רבי אלעזר. ווארום רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי אלעזרס וועגין גאט האט ניט מער אויף דיא וועלט. נאר מען זאל פאר איהם מורא האבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹהֶיךָ שׁוֹאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה. און איצט יודען וואס פאר־לאנגט גאט פון דיר נאר מען זאל פאר איהם מורא האבען. און נאך א פסוק זאגט וַיֹּאמֶר לָאָדָם הֵן יִרְאַת ה' הִיא חָכְמָה. ער האט געזאגט צום מענטש מורא האבען פאר גאט דאס איז איין חכמה. ווארום אויף דיא גריכישע שפראכע רופט מען אויף איינס הן. האב איך דיר געוויזען אז רבי אלעזר האט געזאגט אויף רבי יעקב בר אחא ער האט מורא צוא טאן עבירות:

**כג דרש.** רב עולא האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק זאלסט ניט פיל זינדיגען. פיל זאל מען ניט זינדיגען אבער ווייניג מעג מען זינדיגען. אויב איינער האט גיגעסען קנאביל און עס שטינקט איהם פון מויל. וועט ער דען זאגין ווייל איך האב ניגעסין אביסל קנאביל און עס שטינקט נאר אביסל פון מויל. וועל איך עסין נאך פיל קנאביל עס זאל מער שטינקען: געוויס וועט א מענטש ניט אזוי טאהן. אזוי מיינט שלמה המלך אויך. אויב דוא האסט

אחר ויהא ריחו נודף. דרש רבא בר רב עולא מאי דכתיב (תהלים עג) כי אין חרצובות למותם ובריא אולם אמר הקדוש ברוך הוא לא דיין לרשעים שאינן הרדין ועצבין מיום המיתה. אלא שלבם בריא להן כאולם. והיינו דאמר רבה מאי דכתיב (שם מט) זה דרכם כסל למו יודעין רשעים שדרכם למיתה ויש להם חלב על כסלם שמא תאמר שכוחה היא מהן תלמוד לומר (שם) ואחריהם בפיהם ירצו סלה:

כד **על** שלש עבירות נשים מתות בשעת לידתן על שאינן זהירות בנדה ובחלה ובהדלקת הנר:

**גמ'**. על שלש עבירות וכו' נדה מאי טעמא אמר רבי יצחק היא קלקלה בחדרי בטנה לפיכך תלקה בחדרי בטנה תינח נדה חלה והדלקת הנר מאי איכא למימר כדדרש ההוא גלילאה עליה דרב חסדא אמר הקב"ה רביעית דם נתתי בכם על עסקי דם הזהרתי אתכם (דף לב) ראשית קראתי את כם על עסקי ראשית הזהרתי אתכם

יחזור ויאכל עוד שום אחר ויהי נודף יהי' ריחו אחר: חרדין ועצבין. מטריקין: חרצובות: קשרים. שפתחו פתוח ורחב: זה דרכם. לעיל מיניה כתיב קרבם בתימו לעולם דהיינו קבורה והדר כתיב זה דרכם כסל למו כלומר יודעים הם שזה דרכם אבל כסל למו כליותיהם מתוספים בחלבם הכתיב אל כליותיהם מהבבת פיפם ובמה שאמר מרמה בהלב שכחו והרי הם שוגגין תלמוד לומר ואחריהם את כעתיד לבא לנפשם אחרי אובדם בפיהם ירצו סלה ויספרו תמיד ועכ"ז אינם חוזרין:

כ"ג. בנדה מאי טעמא: בחדרי בטנה. מקיל דמהו: קלקלה. מרדה: רביעית דם. חיי אדם תלויין בה: ראשית קראתי אתכם. ראשית הנזהרין עסקי ראשית. ראשית עריסותיכם: הריני נוטל נשמתכם. והאבד רביעית דמכם ויכבה נרכם ויבטל בם ראשיתכם וכשם נלטוו על כך כי אמרינן בבראשית רבה היא אבדה חלתו של עולם כפי ידה נטרד אדם הראשון שנקרא חלה וכבתה נרו

---

געזינדיגט אביסול. זאלסטו דיך היטען דוא זאלסט ניט מער זינדיגען. דרש: רבא בר רב עולא האט גידרשת וואס מיינט דער פסוק כי אין חרצובות למותם ובריא אולם. דאס זאגט ניט גינוג חס די רשעים האבען ניט מורא אונ זענען ניט טרויעריג פר דעם טויט. נאר זייער הארץ איז זיי גיזונד אונ שטארק אונ ברייט אזוי ווי די טיר פון אולם. (דיא שטוב וואס פר דעם היכל הייסט אולם). דס איז דיא זעלביגע זאך וואס רבה האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק זה דרכם כסל למו. דיא רשעים ווייסען אז זייער וועג איז צום שטארבען. פון דעסטוועגען האבען זייא פעטס אויף זייערע פלאנקען. ווייל זייא עסין אונ טרינקען אונ זארגין גאר ניט אויף דעם טויט. טאמער וועסטו זאגען זיי האבען פר געסין אז זייא בדארפין שטארבען; זאגט דער פסוק וואס נאך זיי וועט זיין. אז זיי ווערין שטארבען אונ ווערין גישטראפט ווערין נאך דעם טויט. דאס ריידען זיי אייביג מיט זייער מויל. פון דעסטוועגין זינדיגען זייא:

**כד** על. אויף דריי עבירות שטארבען ווייבער ווען זייא גיבאהרין אקינד. ווייל זייא היטען ניט די דינים פון נדה. אונ ניט די דינים פון חלה. אונ זיי צינדען ליכט ערב שבת שפעט נאנט צו נאכט:

(גמרא על שלש עבירות וכו'). אז אאשה היט ניט די דינים פון נדה פר וואס שטארבט זיא ווען זיא גיבארט אקינד האט רבי יצחק גזאגט זיא האט געזינדיגט מיט דיא בלוט וואס איז איר בויך דריבער ווערט זיא גישטראפט מיט דעם קינד וואס אין איר בויך. פרעגט די גמרא דס איז רעכט אויף די עבירה פון נדה. אבער אז אאשה היט ניט דיא דינים פון חלה. אדער זי צינדט ליכט פרייטאג שפעט. וואס קענען מיר זאגין. פר וואס שטארבט זיא ווען זי גיבארט אקינד. ענטפערט די גמרא אזוי ווי איינער פון גליל האט גידרשת פר רב חסדא. גאט האט גזאגט איך האב גיגעבין אין אייך אקוואטירול בלוט ווארום אז אמענטש האט אין זיך ווייניגער ווי א אקוואטירול בלוט קען ער ניט לעבין אונ איך האב אייך אן גזאגט וועגין בלוט. די דינים פון נדה. איך האב אייך גירופען איר זענט ביי מיר די ערשטע. וועגין חוה נעמען פון טייג וואס דס ווערט גירופען דס ערשטע (וראשית עריסותיכם) האב איך אייך פר זאגט. די נשמה וואס איך האב גיגעבין אין אייך ווערט גירופען נר. וועגין ליכט צינדען ערב שבת פארין נאכט (ניט שפעט) האב איך אייך פר זאגט. אויב איר וועט מקיים זיין דיא דריי מצות. איך וועט אייך דער ווייטערין פון אייערע סאגען ווען איר וועט זיין גדות. אונ איר יעם נעמען

הלה

אתכם נשמה שנתתי בכם קרויה נר על עסקי נר הוהרתי אתכם אם אתם מקיימים אותם מוטב ואם לאו הריני נוטל נשמתכם מכם ומאי שנא בשעת לידתן אמר רבה נפל תורא חדיד לסכינא אביי אמר תפוש תירוס אמתא בחד מחטרא ליהוי רב חסדא אמר שבקיה לרויא דמנפשיה נפל מר עוקבא אמר רעיא חגרא ועיזי ריהטן אבב חוטרא מילי ואבי דרי חושבנא. רב פפא אמר אבב חנואתה נפישי אחי ומרחמי אבב בזיוני לא אחי ולא מרחמי וגברי היכא מיבדקי אמר ריש לקיש

של עולם ובשבת דמו ועוד שארבי בבית אלהין כו': כפל תורה. נתרעה בהוא עומד לפתיחה הכל אומרים הדדו לסכינא עד שלא יקום ויכה עורח להצילו כך בוא' ואיתרע מזלה מזומנת פורענות נגה: תפוש תירוס אמתא. תרנס שעים השפחה וכילן הלקה בחנטה אחת: תפוש. תרנס: תירוב. פשע והכרסה: מחטרא. בטרוד בלע"ז כגומר אשה עומדת ליסורי לידה על עונשה של חוה ומצטרפין לה עונין הרבה לאותה מלקות: שבקיה לרויא. לשכור אינו צריך להפילו שהוא יפול מאליו כך האשה עומדת לילד משנתעברה והיא צריכה לבקש להקדוש ברוך הוא לפתוח רחמה והיא נמנעת והיא מתה מאליה כל כני מבל הדיוט גינהו: רעיא חגרא ועיזי ריהטן. קלה לרוץ ואינו יכול להגיעה ולהלקותה על סרחונה: אבב חוטרא מילי. כשהיא באה לפני גדרה אלן שם הוא מדבר עמה להלקותה על פשעה: ואבי דרי. לבית הדיר של צאן כאן לחשבון גדרוה לה מתרגמינן הוגרין דען כלומר האשה כשהיא בבריאותה פעמים שזכיותיה הולין ואין כח במקטרג להזכיר עונה אבל משהגיעה לפתח סכנה וצריכה לנביש שם מזכירין עונותיה ומעשיה אם ראויה היא לנס אם לאו: אבב חנואתא נפישי אחי ומרחמי. כפתח החנות שמחלקים בו מזונות יש שם עושר הרבה אחים והרבה אוהבים יש הכל נעשים אוהבים: רחמי. אוהבים: אבב בזיוני. במקום שיש הפסד ועוני: לא אחי ולא מרחמי. כך בשעת הסכנה הורע מזלה ותשיבותיה ומדלו פרקליטין כלה: וגברי היכא

---

חלה פון טייג. און איר וועט צינדען ליכט פרייטאג פארן נאכט ניט שפעט. איז גוט. און אויב איר וועט ניט האלטען די דריי מצות. וועל איך צו נעמען פון אייך אייערע נשמות. פאר וואס שטארבען זייא ווען זייא געבארין אקינד. ניט אין איין אנדער צייט. האט רבה געזאגט אאקס וואס מען דארף איהם שעכטען. און ער איז געפאלען. זאל מען געשווינט שארפען דעם מעסער און מען זאל איהם שעכטען. איידער ער הייבט זיך אויף. ווארום דער נאך וועט שווער זיין מען זאל איהם אומווארפען. אזוי וויא ביי דיא אשה ווייל זיא איז אין אסכנה ביי דעם קינד געבארין. איז גרינג אז דורך די עבירות זאל זיא שטארבען. אביי זאגט דיא ווערט זאגט זאל דיא דינסט מערין זינד. זאל זיא זינדיגען וויא פיל זיא וויל. מיט איין שטעקין ניט איין קלאפ ווערט מען איר שלאגען אויף אלע זינד. אזוי ביי דיא אשה ווייל מען שלאגט איר שוין מיט יסורים ביי דעם קינד האבען. גיט מען איר נאך אקלאפ (שטארקערע יסורים) אויף דיא עבירות אויך. און דורך דיא שטארקערע יסורים שטארבט זיא. רב חסדא זאגט אז אשכור גייט אין גאס דארף מען איהם ניט אומוואפען. נאר מען זאל איהם לאזין גיין. און ער וועט שוין אליין פאלען. אזוי די אשה וואס איז מעוברת און זיא גייט ארום מיט עבירות. דארף מען איר ניט אומווארפען זיא זאל קראנק ווערין און שטארבען. זיא וועט אליין אומפאלען ביי דעם קינד געבארין. און גאט וועט איר גאר ניט העלפען. וועט זיא שוין שטארבען. מר עוקבא זאגט אויב דער פאסטוך איז לאם (הינקעדיג). און דיא ציגען לויפען. דער פאסטוך קען זייא ניט חאפען ער זאל זייא שלאגען אויף זייערע זינד. אז דיא ציגען קומען ביי די טיר פון שטאל. דארט רעט דער פאסטוך מיט זייא און ער שלאגט זייא אויף זייערע זינד. אז דיא ציגען קומען ביי די טיר פון שטאל. דארט האט דער פאסטוך אראבענונג מיט זיי אויף זייערע זינד. אזוי ביי די אשה ווען זיא איז געזונד האט ניט קיין כח דער מקטרג צוא דער מאנען אירע עבירות מען זאל זיא קראנק מאכען זיא זאל שטארבען. אבער אז זיא דארף געבאהרין דאס קינד. ווייל זיא איז שוין אין אסכנה. און זיא דארף מען זאל איר טאהן אנס. דא טרעפט שוין דער מקטרג צו זאגען אירע עבירות. אז זיא איז ניט ווערט מען זאל איהר טאהן אנס. און אז מען טוהט איהר ניט קיין נס שטארבט זיא. רב פפא זאגט ביי אקראם וואס מען טיילט דארטען שפייז ודאס מיינט מען ביי אראייכען מענטשן זענען דא פיל ברידער און פיל גוטע פריינד. וואו עס איז ארעם וביי דעם ארעמאן איז ניטא קיין ברידער און ניט קיין גוטע פריינד. אזוי ביי די אשה ווען זיא איז געזונד. האט זיא פיל מלאכים גוטע פריינד וואס זיי זאגען פאר איר אגוטס זי זאל נאך לעבען. און אז זי קומט צו געבארין אקינד וואס זיא איז אין אסכנה.

איז

לקיש בשעה שעוברים על הגשר גשר ותו לא איכא כעין גשר. רב לא עבר במברא דאית ביה עובד כוכבים אמר דילמא מיפקד ליה דינא עליה ומתפיסנא בהדיה שמואל לא עבר אלא במברא דאית ביה עובד כוכבים אמר שטנא בתרי אומי לא שליט רבי ינאי בדיק ועבר רבי ינאי לטעמיה דאמר לעולם אל יעמוד אדם במקום סכנה לומר שעושין לו נס שמא אין עושין לו נס ואם עושין לו נס מנכין לו מזכיותיו אמר רבי חנין מ"ק (בראשית לב) קטנתי מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך רבי זירא ביומא דשותא לא נפיק לביני דיקלי. ת"ר על שלש עבירות נשים מתות יולדות ר"א אומר נשים מתות ילדות. רבי אחא אומר בעון שמכבסות צואת בניהן בשבת. וי"א על שקורין לארון הקדש ארנא. תניא רבי ישמעאל בן אלעזר אומר בעון שני דברים עמי הארץ מתים על שקורין לארון הקודש ארנא ועל שקורין לבה"כ בית עם. תניא רבי יוסי אומר שלשה בדקי מיתה נבראו באשה ואמרי לה שלשה

היכא מבדקי. מתי שלהם להזכיר עונם וזכותם: כעין גשר. כל מקום סכנה כגון. קיר נטוי ויולך לדרך: דילמא מיפקיד. עובד כוכבים דינא על חטאיו ומתפיסנא בהדיה: (אמר הכותב ראוי לפרש שהטעם בגלל קיום אחת מז' מצות בני נח שנצטוו עליהם ע"כ): מברא. ספינה שעוברין בה את הנהר: בדיק. הספינה שלא יהא בה נקב: מנכין. פוחתין: קטנתי. נוקטני ונתמעטו זכיותי בשביל החסדים אשר עשית וגו': יומא דשותא. במערבת בו הרוח דרומית חזקה שמפלת חומות ומזקרת אילנות: לביני דיקלי. שלא יפיל הרוח דקל עליו: יולדות. בשעת לידתן: בשב עבירות. הנך דמתניתין: ילדות. בחורות ואפילו שלא בשעת לידה: רבי אחא אומר. שילדות מתות על עון שמכבסות: ארנא. כך היו קורין מגדלות שלהם: בית עם. לשון ביזוי שמתקבלין בו הכל: בדקי. עונות שבודקין אותן בהן בשעת הסכנה כרבן

---

איז שוין ניטא קיין גוטער פריינד וואס זאל זוכען פר איר אזכות. קען זיא שטארבען. אונ ווען זוכט מען די עבירות פון דיא מאנען (זכרים). האט ריש לקיש געזאגט ווען זייא גייען אויף אבריק. פרעגט דיא גמרא נאר ביי אבריק זוכט מען זייערע עבירות. אונ ביי קיין אנדער ארט ניט. ענפערט די גמרא מען מיינט אויף אלע ערטער וואו עס איז אסכנה אזוי וויא אויף אבריק. דארט זוכט מען נאך זיינע עבירות. רב פלעגט זיך ניט שיפען אין אשיף וואס דארט איז דא אשמעדין דינער. רב האט געזאגט טאמער וועט מען גידיינקען זיינע עבירות אונ מען וועט איהם משפטין. ער זאל דער טרונקען ווערין קען איך אויך דער טרונקען ווערין דורך איהם. שמואל האט זיך אנדערש ניט געשיפט נאר אין אזוי אשיף ווס אין איר איז דא אשמעדין דינער. ער האט געזאגט דער שטן געוועלטיגט ניט אויף צווייא אומות מיט איין מאהל. או רבי ינאי האט בקוקט פריער די שיף אויב זיא איז גאנץ. בעטפט גיין אין אשיף אויף אמאל. רבי ינאי האט זיין טעם ביי דער זאך: ווארום רבי ינאי זאגט אמענטש זאל קיין מאהל ניט שטיין אויף אארט ווס עס איז אסכנה. אונ ער זאל ניט זאגין מען וועט איהם טאהן אנס. טאמער וועט מען איהם ניט טאהן אנס. אונ אויב מען וועט איהם טאהן אנס. וועט מען אים אפ רעכענען פון דעם שכר ווס ער הט פר זיינע מצות. האט רבי חנין געזאגט פון וועלכן פסוק ווייסען מיר דאס. ענפערט דיא גמרא ווייל מיר געפינען יעקב אבינו האט געזאגט פר גאט איך בין קליין געווארין פון מיין שכר דורך דיא חסדים וואס דוא האסט געטאהן מיט דיין קנעכט. אין דעם טאג וואס איז געוועזען אשטארקער שטורעם ווינד פון דרום זייט איז רבי זירא ניט גיגאנגען צווישען בוימער. טאמער וועט דער ווינט אומווארפען אבוים אויף איהם. דיא רבנן האבען גילערנט אויף דריי עבירות שטארבען ווייבער ווען זייא גיבארין אקינד (אזוי וויא עס שטייט פריער). רבי אלעזר זאגט אויף די דריי עבירות שטארבען ווייבער ווען זייא זענען יונג. אפילו ניט ווען זייא גיבארין אקינד. רבי אחא זאגט ווייבער שטארבען יונג פר דא עבירה ווס זייא וואשען דיא צואה פון זייערע קינדער אום שבת. אונ אנדערע זאגין דריבער שטארבען די ווייבער יונג. ווייל זיי רופען דעם ארון קודש ארנא. מיר האבען גילערנט רבי ישמעאל בן אלעזר הט געזאגט פר צוויי עבירות שטארבען די עמי הארצים. ווייל זייא רופען דעם ארון קודש ארנא אונ ווייל זיי רופען די שוהל ווס מען דאווינט אין איר בית עם די שטיב ווס דיא פאלק (יודען) הערין דארט פאר זאמלט. מיר האבען גילערנט דרייא

זאכען

שלשה דבקי מיתה נדה חלה והדלקת הנר תהא כרבי אליעזר וחדא כרבנן :

**כה אמר** רב יצחק בריה דרב יהודה לעולם יבקש אדם רחמים שלא יחלה שאם יחלה אומרים לו הבא זכות והפטר . אמר מר עוקבא מאי קראה (דברים כב) כי יפול הנופל ממנו . ממנו להביא ראיה . תני דבי רבי ישמעאל כי יפול הנופל ממנו ראוי זה ליפול מששת ימי בראשית שהרי לא נפל והכתוב קראו נופל אלא שמגלגלין זכות על ידי זכאי וחובה על ידי חייב . תנו רבנן מי שחלה ונטה למות אומרים לו התודה שכן כל המומתין מתודין אדם יוצא לשוק יהי דומה בעיניו כמי שנמסר לסרדיוט חש בראשו יהי דומה בעיניו כמי שנתנוהו בקולר עלה למטה ונפל יהי דומה בעיניו

דאמרי יולדות : דבקי . שמדבקין ומקרבין מיתה לפני זמנה כמאן דאמר דבני יולדות : ממנו להביא ראיה . מאחר שהוא משל צריך למצוא תמנו ומתמעטי ראיה לזכות : מששת ימי בראשית דכתיב קורא בדורות מראש שנגלוה לפני כדוריה ומעשיהם וזמן פורענותם שהרי כשנאמרה תורה עדיין לא נפל זה והכתוב קראו נופל: ע"י חייב . בעל הבית זה שלא קיים מצות מעקה: הומריה כעומדים שם : שכן דרך כל המומתים מתודין . כדתנן בסנהדרין שכל המתודין יש להן חלק לעוה"ב שכן מצינו בעכן שאמר לו יהושע וכו' נפסק עמו הדין : לשוק . מלוין שם בעלי מריבה ובעלי דין עובדי כוכבים וישראלים : כמי שנמסר לסרדיוט . להוליכו לפני השופט : חש בראשו . שהשה בעלמא מיחוש קל : שנתנוהו בקולר . הוי דומה כמי שנמסר לסרדיוט וגרוע מעולה לגרדום שאין דנין שם אלא להריגה ועל כרחך תמור וצריך פרקליטין גדולים: עלה למטה . שחלה הרבה שצריך

---

זאכען איז דא ביי א אשה . אויב די אשה איז זיי ניט מקיים . אז זיא קומט צו א סכנה . ווען זיא דארף געבארין א קינד . ווערין דיא עבירות נאך געזוכט זיא זאל דורך זיי שטארבען . אונ אנדערע זאגין די דריי עבירות בהעפטין זיך אן דיא אשה זי זאל שטארבען יונג . די דריי עבירות זענען נדה חלה והדלקת הנר איינער זאגט אזוי וויא רבי אליעזר אז פר דיא דרייא עבירה שטארבען ווייבער יונג ודאס איז דבקי מיתה . אונ איינער זאגט אזוי וויא דיא רבנן אז פאר דיא דרייא עבירות שטארבען ווייבער ווען זייא געבארין א קינד ודאס איז בדקי מיתה :

**כה** רב . יצחק בריה דרב יהודה האט געזאגט א מענטש דארף אייביג מתפלל זיין ער זאל ניט קראנק ווערין ווארום אז ער וועט קראנק ווערין זאגט מען צוא איהם ברייגג דייגע מצות אונ מעשים טובים וואס דו האסט געטאהן וועסטו געזונד ווערין . מר עוקבא האט געזאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס . עס שטייט אין פסוק כי יפול הנופל אז איינער וועט פאלען אין א קראנקהייט . דארף מען פון איהם האבען א בעווייזונג אז ער האט געטאהן מצות אונ מעשים טובים וועט ער געזונד ווערין . דבי ישמעאל האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק כי יפול הנופל ממנו ווארום עס וועט פאלען דער געפאלענער פון איהם [פון דאך] . דער מענטש איז אן געברייט געווען ער זאל אראפ פאלען פון דאך . נאך איידער דיא וועלט איז בשאפען געווארין . ווארום ווען די תורה איז געגעבין געווארין איז דאך דער מענטש נאך ניט געפאלען אונ די תורה זאגט דער געפאלענער . איז דאך דיא קשיא אויב דער מענטש האט געדארפט פאלען . פר וואס זאל דער בעל הבית פון דאך געשטראפט ווערין . נאר דורך א פרומען מענטש ווערט געטאהן א גוטע זאך . אונ דורך א שלעכטין מענטש ווערט געטאהן א שלעכטע זאך . אונ ווייל דער בעל הבית האט ניט געוואלט טאהן די מצוה צו מאכען א מעקה אויף זיין דאך . דריבער איז דער מענטש אראפ געפאלען פון זיין דאך :

תנו רבנן . די רבנן האבען געלערנט ווען איינער איז קראנק אונ מען זעהט אז ער וועט שטארבען . זאגט מען צו איהם ער זאל זאגען ווידוי . ווארום אפילו דיא מענטשין וואס ווערין געהרגת פון בית דין פאר זייערע עבירות . זאגען אויך ווידוי פאר זייער טויט . אונ זייא האבען עולם הבא . אז א מענטש גייט ארוים אין גאס זאל ביי איהם גלייך זיין וויא מען וואלט איהם געפירט צום משפט . ווארום א מענטש ווייס ניט וואס עס קען איהם טרעפען אין גאס . אז א מענטשין טוהט וויי דער קאפ זאל ביי איהם גלייך זיין ווי מען וואלט איהם געבונדען מיט קייטען . אז איינער ווערט קראנק אונ מוז ליגען אויף דעם בעט . זאל ביי איהם גלייך

בעיניו כמי שהעלוהו לגרדום לידון שכל העולה לגרדום לידון אם יש לו פרקליטין גדולים נצול ואם לאו אינו נצול . ואלו הן פרקליטין של אדם תשובה ומע"ט ואפ' תתקצ"ט מלמדים עליו חובה וא' מלמד עליו זכות נצול שנאמר (איוב לג) אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף להגיד לאדם ישרו ויחננו ויאמר פדעהו מרדת שחת וגו' . רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אומר אפילו תשע מאות ותשעים ותשעה באותו מלאך לחובה ואחד לזכות נצול שנא' אחד מני אלף :

כו תניא רבן שמעון בן גמליאל אומר הלכות הקדש תרומות ומעשרות הן הן גופי תורה ונמסרו לעמי הארץ . תניא רבי נתן אומר בעון נדרים מתה אשתו של אדם שנאמר (משלי כב) אם אין לך לשלם למה יקח משכבך מתחתיך . רבי אומר בעון נדרים בנים מתים כשהן קטנים שנאמר (קהלת ה) אל תתן את פיך להחטיא את בשרך וגו' למה יקצוף האלהים על קולך וחבל

לעלות וליפול למטה : ואלו הן פרקליטין . פי' רשי לב"ד של מעלה התשובה ומעשים טובים : בהיות מלאך . במליץ עליו זכות והוא אחד מני אלף אפילו הוא עצמו מעיד עליו חובה ניצל בשביל כל זכות : שנאמר מליץ אחד מני אלף . במליצתו של מלאך אין אלא אחד מני אלף להגיד ישרו ומשמע נמי שהמלאך המליץ הוא אחד מני אלף דהא מלאך כתיב מכלל דהשאר מגידים עליו חובה מדלא כתיב אם יש עליו מליץ מלאך אחד מני אלף איכא למידרש יש רמלאך והמליצה :

ונמסרו לעמי הארץ. בלא נמסרו לב"ד למנות שומרים לדבר והאמינה תורה את כל אדם עליהן :

וכן הן גופי תורה . , שחברים אוכלין מהן וסומכין שנטלו ממנו חלה ותרומה ומעשרות והקדש נמי מסור לכל אדם להקדיש ואל הקדש ע"פ כל אדם וכן גופי תורה שהיינו צריכים לחוש במטלטלין שמא הקדישו וחזר בו ואע"ג דתיקון רבנן דמהני מ"מ תורה האמינתו : אם אין לך לשלם . עולות והקדשות שתדור : משכבך . אשתך : אל תתן את פיך . בנדרים לחטיא את בשרך . להייב את בניך : לפני המלאך . גזבר של הקדש : כי שגגה . בשוגג קטנתי לגדול

---

זיין ווי מען וואלט איהם געפירט צום משפט מען זאל איהם הרגענען . ווארום דער מענטש וואס מען פירט איהם צום משפט מען זאל איהם הרגענען : אויב ער האט גרויסע מליצים ווערט ער פריי פון טויט . און אויב ער האט ניט קיין גרויסע מליצים ווערט ער ניט פריי פון טויט . דאס זענען די מליצים פון מענטשן זייא זאגען איהם גיזונד מאכען פון זיין קרייענק . תשובה און מעשים טובים . און אפילו ניין הונדערט ניין און ניינציג מלאכים זאגען זיינע עבירות אז ער דארף שטארבען . און איין מלאך זאגט זיינע מצות אז ער דארף לעבען . בלייבט ער לעבען : אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אויב עס איז דא א מלאך אפילו ער איז איינער פון טויזענד און ער זאגט דיא מצות פון דעם מענטש . און ער בעט מען זאל דעם מענטש אויס לייזען פון טויט . בלייבט דער מענטש לעבען . רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי זאגט אפילו דער איין מלאך זאגט אויך אויף דעם מענטש ניין הונדערט ניין און ניינציג עבירות און איין מצוה . פון דעסטוועגען בלייבט ער לעבען . ווארום עס שטייט אין פסוק איינער פון טויזענד . מיינט מען איין מלאך פון טויזענד מלאכים זאגט גוטעס אויף דעם מענטש . און דיא ניין הונדערט ניין און ניינציג זאגען אויף איהם שלעכטס . און דער איין מלאך וואס זאגט אויף איהם גוטעס . זאגט אויך אויף איהם ניין הונדערט ניין און ניינציג מאהל שלעכט און איין מאהל גוטס :

כו מיר האבען גילערנט רבן שמעון בן גמליאל זאגט די דינים פון די זאכען וואס מען הייליגט צום בית המקדש . און דיא דינים פון תרומה און פון מעשר דיא דינים שטייען אין די תורה און מען האט אויף זיי גיגלויבט אלע מענטשען אפילו דיא וואס קענען ניט לערנען אויך : מיר האבען גילערנט רבי נתן זאגט אז איינער טוהט א נדר און איז איהם ניט מקיים . שטארבט ביי איהם זיין ווייב . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אויב דוא האסט ניט צו בצאהלען דעם נדר . פאר וואס האסטו א נדר גיטאהן מען זאל נעמען צו נעמען דיין גילעגער (דיין ווייב) פון אונטער דיר . רבי זאגט אז איינער איז ניט מקיים זיין נדר . שטארבען זיינע קליינע קינדער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא זאלסט ניט געבען דיין מויל צו ברידען א נדר דורך דעם זאלסטו מאכען פעלען דיינע קינדער וואס זיי זענען דיין פלייש . פר וואס זאל גאט זיין אין בעס אויף דיין קול (וואס דו האסט גירעדט דעם נדר און האסט איהם ניט מקיים גיוועזן) . און ער וועט פאר דארבען די מעשים פון דיינע הענט וואס דו האסט באשאפען אויף דער וועלט :

וחבל את מעשה ידיך אי זה הן מעשה ידיו של אדם הוי אומר בניו ובנותיו של אדם :

תנו רבנן בעון נדרים בנים מתים דברי רבי אליעזר בר"ש רבי יהודה הנשיא אומר בעון ביטול תורה מאי קראה דכתיב (ירמיה ב) לשוא הכיתי את בניכם מוסר לא לקחו רב נחמן בר יצחק אמר למאן דאמר בעון נדרים נמי מהכא לשוא הכיתי את בניכם על עסקי שוא . סברי רבי יהודה הנשיא היינו רבי ורבי בעון נדרים קאמר בתר דשמעה כרבי אליעזר ברבי שמעון . פליגי בה רבי חייא בר אבא ורבי יוסי חד אמר בעון מזוזה וחד אמר בעון ביטול תורה למאן דאמר בעון מזוזה מקרא נדרש לפניו ולא לפני פניו ולמאן דאמר בעון ביטול תורה מקרא נדרש לפניו ולפני פניו . פליגי בה רבי יהודה ורבי מאיר חד אמר בעון מזוזה וחד

והד

פירוש

ולא תחבל : על קולך . ... קוי נדריך : לבזות כפיהי . בתמיה וכי נתגם הכיתים אינו אלא בשביל שמוסר דסיים תורה : לא לקחו . לא למדו לשון לקח : על עסקי שוא . שפקרו בנדריהם דדמי לשבועה : יהא בעון נדרים . אמר בברייתא קמייתא ומבני הכא קמייתא בתר הך לא אמר דמעיקרא אמר בעון בטול תורה ובתר דשמע מר"ה דשמע מרבי שמעון אבוה דהוה רביה דרבי בעון נדרים אמר איהו נמי הכי : מקרא נדרש . למען ירבו ימיכם וימי בניכם נדרש לפניו קאי אקרא לקמיה דמכתבי במזוזה : ולא לפני פניו . ולמדרש איהם את בניכם : ולפני פניו . ואף בעון ביטול

---

דָס זָענֶען דִי זִיהן אונ דִי טָעכטָער פון מֶענְטשׁ:

תָּנוּ רַבָּנָן · דיא רבנן האבען געלערנט פר די עבירה וואס מען איז ניט מקיים אנדר שטארבען די קינדער · אזוי זאגט רבי אליעזר ברבי שמעון · רבי יהודה הנשיא זאגט פאר דיא עבירה וואס מען לערונט ניט די תורה שטארבען די קינדער · פרעגט די גמרא דער וואס זאגט אז פאר די זינד פון נדרים שטארבען קינדער · ווייס ער פון דעם פסוק פון קהלת · וויא עס שטייט פריער · נאר דער וואס זאגט אז פאר די עבירה פון ניט לערנען תורה שטארבען דיא קינדער · פון וועלכען פסוק ווייס ער דאס · ווארום עס שטייט אין פסוק · האב איך דען אומזיסט גישלאגען אייערע קינדער · וייל די פאטערס האבען ניט גילערנט תורה · דריבער האב איך גישלאגען זייערע קינדער · רב נחמן בר יצחק זאגט דער וואס זאגט אז פאר די זינד פון נדרים שטארבען די קינדער · לערנט ער אויך אפ פון דעם פסוק פון וועגין פאלשקייט · וייל זיי האבען ניט מקיים גיוועזן זייערע נדרים · דריבער האב איך גישלאגען זייערע קינדער · פרעגט דיא גמרא רבי יהודה הנשיא איז דאך רבי · אונ רבי זאגט אין יענע ברייתא אז קינדער שטארבען פאר נדרים · אונ אין די ברייתא זאגט ער אז קינדער שטארבען פאר תורה ; ענטפערט די גמרא פריער הט רבי גזאגט אז קינדער שטארבען פר תורה דער נאך וויא רבי הט גיהערט פון רבי אליעזר אז ער זאגט קינדער שטארבען וועגין נדרים · האט ער חרטה גיהאט פון זיינע רייד אונ ער זאגט אויך אז קינדער שטארבען וועגין נדרים · אונ די ברייתא פון רבי נתן איז גילערנט גיווארין שפעטער וויא די ברייתא פון רבי אליעזר ברבי שמעון · אין די זאך קריגען רבי חייא בר אבא אונ רבי יוסי · איינער זאגט וייל מען מאכט ניט א מזוזה שטארבען דיא קינדער · אונ איינער זאגט די קינדער שטארבען פר די עבירה וואס מען לערנט ניט תורה ; דער וואס זאגט אז קינדער שטארבען וייל מען מאכט ניט א מזוזה · האלט ער · דער פסוק למען ירבו ימיכם וימי בניכם ווערט גידרשת אויף די זאך וואס שטייט פריער ודס איז אויף מזוזה ; אויב איר וועט מאכען א מזוזה וועלין אייערע קינדער לאנג לעבין · אבער אז איר וועט ניט מאכען א מזוזה וועלין דיא קינדער ניט לאנג לעבין · אונ דער פסוק למען ירבו ווערט ניט גידרשת אויף דעם פסוק וואס שטייט נאך פריער ודאס איז אויף התורה לערנען) · אונ דער וואס זאגט אז קינדער שטארבען וייל מען לערנט ניט די התורה · האלט ער דער פסוק למען ירבו ווערט גידרשת אויף דיא זאך וואס שטייט פריער ודאס איז מזוזה) · אונ אויף די זאך וואס שטייט נאך פריער ודס איז אויף תורה לערנען) · אויב איר וועט מאכען א מזוזה אונ לערנען תורה וועלין דיא קינדער לאנג לעבין , אונ אויב איר וועט ניט מאכען א מזוזה · אדער איר וועט ניט לערנען תורה ; וועלין דיא קינדער ניט לאנג לעבין · אין די זאך קריגען רבי יהודה אונ רבי מאיר · איינער זאגט די קינדער

שטארבען

זחד אמר בעון ציצית בשלמא למאן דאמר בעון מזוזה דכתיב (דברים יא) וכתבתם על מזוזות ביתך וכתיב בתריה (שם) למען ירבו ימיכם וימי בניכם אלא למ"ד בעון ציצית מאי טעמא א"ר כהנא (ואיתימא שילא מרי) דכתיב (ירמיה ב) גם בכנפיך נמצאו דם נפשות אביונים נקיים לא במחתרת מצאתים רב נחמן בר יצחק אמר למ"ד בעון מזוזה נמי מהכא שעשו פתחים במחתרת: אמר ריש לקיש כל הזהיר בציצית זוכה ומשמשין לו ב' אלפים ות"ת עבדים שנאמר (זכריה ח) כה אמר ה' (צבאות) בימים ההמה אשר יחזיקו עשרה אנשים מכל לשונות הגוים (והחזיקו) בכנף איש יהודי לאמר נלכה עמכם וגו' תניא רבי נחמיה אומר בעון שנאת חנם מריבה רבה בתוך ביתו של אדם ואשתו מפלת נפלים ובניו ובנותיו של אדם מתים כשהם קטנים. ר"א (אלעזר בר יהודה) אומר בעון חלה אין ברכה במכונס ומארה משתלחת בשערים וזורעין זרעים ואחרים אוכלין שנא' (ויקרא כו) אף אני אעשה זאת

תורה קאמר: גם בכנפיך. בשביל כנפין שבטלתם מלהטיל עליך חובת דם נפשות: אביונים נקיים. בנים קטנים שלא חטאו: במחתרת אחיך לא פלימין וה"ק קרא לא במחתרת פלימיה ן מצאתים שלמים במזוזתי כי על כל אלה כליהם וכא ק פ בזו לבוא ספיתי את בניכם כתיב: בכנף איש יהודי. בספר הספר יחזיקו בכנף עשרה אנשים וכל לשון הרי שבע מאות לשבעים לשון וא"נע כנ.ו יש לו הרי אלפים ושמונה מאות: שנאת חנם. שלא ראה בו דבר עבירה שיהא מותר לשנאותו ושנאו: מריבה רבה. מדה כנגד מדה: ובניו קטנים מתים. אסכרה ניטלת ממנו הייגו כמי נמדד: במכינם. בה לרות יין ושמן ומתוך כך בצאם

---

שטארבען ווייל מען מאכט ניט אמזוזה און איינער זאגט די קינדער שטארבען ווייל מען גייט ניט מיט ציצית. פרעגט די גמרא דאס איז רעכט דער וואס זאגט אז די קינדער שטארבען ווייל מען מאכט ניט אמזוזה. לערנט ער פון דעם פסוק. ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט שרייבען מזוזות אויף די טירען פון דיין שטוב. דער נאך שטייט פון וועגין עס זאל גימערט ווערין אייערע טעג און די טעג פון אייערע קינדער. ווייסען מיר אבער אז מען מאכט ניט אמזוזה שטארבען די קינדער. נאר דער וואס זאגט אז דיא קינדער שטארבען ווייל מען גייט ניט מיט ציצית. און פון וואנען ווייס ער אז עס איז אזוי. האט רב כהנא גזאגט ווארום עס שטייט אין פסוק וועגין דיינע העקין קליידער וואס דו האסט ניט גימאכט אין זייא ציצית. איז גיפונען גיווארין די בלוט פון די קליינע קינדער וואס זענען גישטארבען ארעם פון מצות און ריין פון עבירות. איך האב ניט גיפונען דיא קינדער בעהאלטען אין קעלערס. נאר זייא זענען גיוועזען טייערע קינדער ביי זייערע פאטערס. רב נחמן בר יצחק זאגט דער וואס זאגט אז קינדער שטארבען ווייל מען מאכט ניט אמזוזה. לערנט ער אויך אפ פון דעם פסוק ווייל זיי האבען גימאכט די טירען אין קעלערס זיי זאלען ניט בדארפין מאכען קיין מוזזה. דריבער זענען גישטארבען זייערע קינדער. ריש לקיש האט גזאגט דער וואס איז געהיט צו גיין מיט כשרה ציצית וועט ער זוכה זיין עס זאלען איהם בדינען צוויי טויזענד מיט אכט הונדערט קנעכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט. אין די טעג ווען משיח וועט קימען. וועלין אן נעמען צעהן מענטשין פון יעדער אומה דעם עק קלייד פון אייד. און זייא וועלין זאגין צו איהם מיר וועלין גיין מיט אייך און מיר וועלין אייך בדינען: און עס זענען דא זיבעציג אומות. צעהן מאהל זיבעציג. איז זיבען הונדערט. און עס איז דא פיר עקין צו פיר ציצית. פיר מאהל זיבען הונדערט. איז צוויי טויזענד מיט אכט הונדערט:

מיר האבען גילערונט רבי נחמיה זאגט פר די עבירה וואס ער האט פיינט מענטשין אומזיסט איז פיל קריג ביי איהם אין שטוב. און זיין ווייב איז מפיל אירע קינדער. און זיינע זיהן און זיינע טעכטער שטארבען ווען זייא זענען קליין. רבי אליעזר בר יהודה זאגט פר די עבירה וואס מען נעמט ניט חלה פון טייג איז ניטא קיין ברכה אין די שפייכלערס תבואה. און אויף דעם מארק וואו מען פר קויפט די תבואה איז אקללה. ווייל מען פר קויפט טייער. אז מען פאר זייט אין פעלד. און די תבואה וואקסט אויף. קומען פרעמדע און עסין דיא תבואה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט און איך וועל אייך דס טאה. וה קרתי עליכם בהלה איך וועל אייך

מאבען

מאחר שמונעין נייקר : בהלה . בעון חלה : והפקדתי . כמו ולא נפקד ממנו איש לשון חסרון את שה שעליכם בכנסה ככר : השמים כעלים . שתוך שאין גשמים היוקר הוה : והשכר אבד . שכר ריוח : ציה גם חום . ציה כמו בשביל דברים שצויתי אתכם בשעת החום היינו תרומות ומעשרות : דאכלן ולא עבדן . ומאכלת בגזלות אלה בעליהן ועוד ריסוק שמלומדות במאכל ובמשתה גורמות לבעליהם לגזול : וכתיב . בההוא פרשה בנבואת עמוס הכיתי

זאת לכם והפקדתי עליכם בהלה את השחפת ואת הקדחת מכלות עינים ומדיבות נפש וזרעתם לריק זרעכם ואכלוהו אויביכם אל תקרי בהלה אלא בחלה ואם נותנין מתברכין שנאמר (יחזקאל מד) ראשית עריסותיכם תתנו לכהן להניח ברכה אל ביתך . בעון ביטול תרומות ומעשרות שמים נעצרים מלהוריד טל ומטר והיוקר הווה והשכר אבד ובני אדם רצין אחר פרנסתן ואין מגיעים שנאמר (איוב כד) ציה גם חום יגזלו מימי שלג שאול חטאו . מאי משמע תנא דבי רבי ישמעאל בשביל דברים שצויתי אתכם בימות החמה ולא עשיתם יגזלו מכם מימי שלג בימות הגשמים . ואם נותנין מתברכין שנאמר (מלאכי ג) הביאו את כל המעשר אל בית האוצר ויהי טרף בביתי ובחנוני נא בזאת אמר ה' צבאות אם לא אפתח לכם את ארובות השמים והריקותי לכם ברכה עד בלי די מאי עד בלי די אמר רמי בר רב (רבא בר חמא) אמר רב עד שיבלו שפתותיכם מלומר די . בעון גזל הגובאי עולה והרעב הווה ובני אדם אוכלין בשר בניהם שנאמר (עמוס ד) שמעו הדבר הזה פרות הבשן אשר בהרי שומרון העושקות דלים הרוצצות אביונים אמר רבא כגון הני נשי דמחוזא (דף לג) דאכלן ולא עבדן וכתיב הכיתי אתכם

בשרפון

---

מאכען פערין וואס איר האט איין גיזאמלט . און איר וועט גישוואלען ווערין . און איר וועט האבען אהיין קראנקייט . עס וועט פר לענדין אייערע אויגען . און איר וועט האבען שמערצין . און איר וועט פאר זייען אומזיסט . וואר ווס עס וועט אויף וואקסען וועלין אייערע פיינד אויף עסין . זאלסט ניט לייענען בהלה . נאר בחלה . דער שטראף וועט אויף אייך קומען ווייל איר נעמט ניט חלה פון אייער טייג . און אויב מען גיט חלה פון טייג . ווערט מען גיבענשט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא ערשטע פון אייערע טייג זאלט איר געבין צום כהן וועט רוהען דיא ברכה אין דיין שטוב . פאר דיא עבירה וואס מען גיט ניט תרומה מיט מעשר ווערין די הימעל אויף גיהאלטען און גיבען ניט טאוי און רעגין . און תבואה ווערט טייער . און דיא פאר דינסט ווערט פאר לארין . מענטשין פאר דינען ניט . און מענטשין לויפען נאך פרנסה . און בעקומען ניט ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ציה גם חום יגזלו מימי שלג שאול חטאו . פרעגט די גמרא וואס ווייסען מיר פון דעם פסוק . דיא תלמידים פון רבי ישמעאל האבען גילערנט . אזוי מיינט דער פסוק ציה גם חום ווס איך האב גיבאטען זומער ווענין די זאכין ווס איך האב אייך גיבאטען איר זאלט טאהן זומער . איר זאלט געבין תרומה און מעשר . און איר הט ניט גיגעבין . וועט פון אייך אוועק גינומען ווערין דער רעגין אין די צייט ווען מען וועט באדארפין דעם רעגין . און אויב מען גיט יא תרומה און מעשר ווערט מען גיבענשט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ברענגט אלע מעשרות אין דעם שפייכלער פון גאט . אין מיין שטוב זאל זיין שפייז פר די כהנים און לוים . גאט זאגט פרובט מיך מיט דיא זאך (מיט דעם מעשר) . וועט איר זעהן אויב איך וועל ניט עפענען פון אייערט וועגין דיא פענסטער פון הימעל . און איך וועל ארויף גיסען אויף אייך ברכות ביז בלי די . פרעגט די גמרא וואס מיינט מען ביז בלי די . הט רמי בר רב גזאגט פון רבה וועגין ביז אייערע לעפצין וועלין מיד ווערין צו זאגען מיר האבען שוין גינוג ברכות . פאר די עבירה פון גזלה קומט אהיישעריק און עסט אויף דיא תבואה פון פעלד און עס ווערט אהונגער און מענטשין ווערין עסין די פלייש פון זייערע קינדער . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק הערט די זאך איר קיה פון בשן (די שטארקע מענטשין פון בשן) . וואס זענען אויף די בערג פון שומרון . וואס זיי גזלנן ארעמע לייט . און צו ברעכין זייא . רבא הט גזאגט דיא ווייבער פון מחוזא זייא עסין ביי זייערע מאנען און ארבעטין ניט . הייסען ויי אויך גזלנים . זיי גזלנן זייערע מאנען . און עס שטייט אין פסוק נאך זאגט וועיי

בשרפין ובירקון (וגו׳) תאניכם וזיתיכם יאכל הגזם. (יואל א) יתר הגזם אכל הארבה ויתר הא בה אכל הילק ויתר הילק אכל החסיל. וכתיב (ישעיה ט) ויגזור על ימין ורעב ויאכל על שמאל ולא שבעו איש בשר זרועו יאכלו אל הקרי בשר זרועו אלא בשר זרעו. בעון עינוי הדין ועוות הדין וקלקול הדין וביטול תורה חרב וביזה רבה ודבר ובצורת בא ובני אדם אוכלין ואינן שבעים ואוכלין לחמם במשקל דכתיב (ויקרא כו) והבאתי עליכם חרב נוקמת נקם ברית וכתיב (שם) בשברי לכם מטה לחם ואפו עשר נשים וגו׳. ואין ברית אלא תורה שנאמר (ירמיה לג) אם לא בריתי יומם ולילה וגו׳. וכתיב (ויקרא ט) יען וביען במשפטי מאסו. בעון שבועות שוא ושבועות

אתכם בשדפון וסיפא דקרא כרמיכם וזיתיכם יאכל הגזם וכתיב ביואל יתר הגזם דמשמע שהגזם א׳ מ׳ אלא תחילה מכה ואחריה באים ארבה ותם ל אלמא גובאי עולה בעון גזל וכיון דמיני גובאי עולים רעב אם וכיון דרעב הוה כתיב בישעיה ויגזור על ימין ורעב וגומר וסיפיה דקרא איש בשר זרועו יאכלו: עינוי הדין. שמאחרין הדיינין לדונו ולא לשם שמים אלא לאחר שהוברר להם הדין מבהין אותו: עוות הדין. שמעוותים אותו מזידין: קלקול הדין. שלא היו מתונים בדין לעיין כל צרכן ונתקלקל מאליו: חרב וביזה רבה דכתיב נקם ברית. ואין ברית אלא תורה דכתיב אם לא בריתי יומם ולילה חוקות שמים וארץ לא שמתי וכתיב והגית בו יומם ולילה וכתיב חרב ועל ידי חרב דהיינו מלחמה גירוי מלחמה הביזה באה וכתיב ושלחתי דבר בתוככם הרי דבר וכתיב שם בשברי לכם מטה לחם הרי בצורת וכתיב בסוף כל הקללות יען וביען במשפטי מאסו הרי עינוי וקלקול ועוות בכלל: שבועת

איר גזלת. דריבער ווער איך איך שלאגין. אז דיא תבואה אייערע וועט אוים גיקלאפט ווערין נ. יא קערנער וועלין ארוים פאלען פון די זאנגען. אונ זייא וועלין געל ווערין. אייערע פייגען אונ איילבירטען וועט אויף עסין דער היישעריק וואס הייסט גזם. אונ נאך שטייט אין פסוק וואס דער היישעריק גזם וועט ניט אויף עסין. וועט אויף עסין דער היישעריק וואס הייסט ארבה. אונ וואס דער היישעריק ארבה וועט ניט אויף עסין. וועט אויף עסין דער היישעריק וואס הייסט ילק. אונ וואס דער היישעריק ילק וועט ניט אויף עסין: וועט אויף עסין דער היישעריק וואס הייסט חסיל. אונ עס שטייט אין פסוק ער וועט פאר שניידין דיא פיינט וואס זענען אויף זיין רעכטע זייט. אונ ער וועט זיין הונגעריג. אונ ער וועט עסין די פיינט וואס זענען אויף זיין לינקע זייט. אונ ער וועט ניט זאט ווערין. יעדער מענטש וועט עסין דיא פלייש פון זרועו. זאלסט ניט לייענען דיא פלייש פון זרועו. נאר דיא פלייש פון זרעו: יעדער וועט עסין דיא פלייש פון זיינע קינדער. ווייל עס וועט זיין א גרויסער הונגער. פאר די עבירה וואס מען פיינט דעם דין. דס מיינט מען אויב צווייא מענטשין האבען א דין תורה. אונ די דיינים ווייסען שוין דעם דין ווער עס איז גירעכט. אונ זייא ווילען ניט זאגין. אונ אויב דיא דיינים ווייסען דעם דין אונ זייא פסקנען פאלש. אונ אויב דיא דיינים האבען ניט גיוואלט קלערין דעם דין. האבען זיי ניט גיוואוסט וויא דער דין איז. אונ דורך דעם האבען זייא פאלש גיפסקנט. אונ ווייל מען לערנט ניט תורה. אויף דיא אלע עבירות קומט א שווערד אונ פיל רויב אונ עס קומט א מגפה אונ א הונגער אונ מענטשין עסין אונ ווערין ניט זאט אונ זייא עסין זייער ברויט מיט דיא וואג. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל אויף אייך ברייגגען א שווערד. וואס זיא וועט אייך שטראפין פאר וואס איר האלט ניט דעם ברית. אונ די פיינט וואס וועלין אויף אייך קומען מיט דיא שווערד. וועלין רויבין אייער פאר מעגין. אונ נאך שטייט אין פסוק ושלחתי דבר בתוככם איך וועל שיקען א מגפה. אונ נאך שטייט אין פסוק איך וועל צו ברעכין אייערע שטיצונג פון ברויט. אונ צעהן ווייבער וועלין באקין זייער ברויט אין איין הויבין. אונ וועלין צו טיילען דיא ברויט מיט דיא וואג. אונ ברית מיינט מען דיא תורה. מען וועט אייך שטראפין פאר וואס איר לערנט ניט דיא תורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ווען ניט דיא תורה וואס מען לערנט טאג אונ נאכט. וואלט איך דיא וועלט ניט בשאפען. אונ עס שטייט אין פסוק ווייל איר האט פאר מיאוסט מיינע דינים. אונ איר האט ניט גיפסקנט וויא דיא תורה הייסט. דריבער וועט אויף אייך קומען דער שטראף פון די קללות:

בעון. פאר דיא עבירה פון אומזיסטן שבועות. אונ פאלשע שבועות. אונ אז מען פאר

ושבועות שקר וחלול השם וחלול שבת חיה רעה רבה ובהמה כלה ובני אדם מתמעטין והדרכים משתוממין שנאמר (שם) ואם באלה לא תוסרו לי אל תקרי באלה אלא באלה וכתיב (שם) והשלחתי בכם את חית השדה וגו׳ . וכתיב בשבועת שקר (שם יט) ולא השבעו בשמי לשקר וחללת את שם אלהיך ובחלול השם כתיב (שם כב) ולא תחללו את שם קדשי ובחלול שבת כתיב (שמות לא) מחלליה מות יומת ויליף חלול חלול משבועת שקר .

שוא : כל המשנה את הידוע רגון על אית שהוא אבם : שבועת שקר . באין בדאותו ניכר ומאמין שקר לבריות : והדרכים משתוממין . מאין עובר : אלא באלה . ויש במשמעה בין שוא בין שקר וכתיב בשבועת שקר וחללת ובשבת וכחילול השם כתיב חלול וגמרינן משבועה : חלול השם . אדם גדול שבני אדם למדין ממנו ואינו מסר במעשיו נמלאו הקטנים מזלזלים בתורה על ידו ואומרים זה מבין באין ממש בתורה ובמלות וכאלה השם מתי לו ונעשו דבריו חולין : אין אני שוכן . תרבן הבית במשמע באין משכני בתוכם: כי את כל התועבות.

בעון שפיכות דמים בית המקדש חרב ושכינה מסתלקת מישראל שנאמר (במדבר ל״ה) ולא תחניפו וגו׳ ולא תטמאו את הארץ אשר אתם יושבים בה אשר אני שוכן בתוכה הא אם אתם מטמאין אותה אינכם יושבים בה ואיני שוכן בתוכה . בעון גלוי עריות ועבודת כוכבים והשכמת שמיטין ויובלות גלות בא לעולם ומגלין אותם ובאין אחרים ויושבין במקומן שנאמר (ויקרא יח) כי את כל התועבות האל עשו אנשי הארץ וגו׳ . וכתיב ותטמא הארץ ואפקוד עונה עליה וגו׳ . וכתיב (שם) ולא תקיא הארץ

---

שעמט דעם נאמען פון גאט . און אז מען טוהט מלאכה אום שבת קומען פיל שלעכטע חיות און די בהמות ווערין פאר לענדט און מענטשין ווערין ווייניג . ווארום די שלעכטע חיות הרגנען די בהמות מיט די מענטשין . און די וועגין ווערין וויסט . ווייל מענטשין האבען מורא צו גיין אין וועג דורך די שלעכטע חיות . ווארום עס שטייט אין פסוק ואם באלה לא תוסרו לי זאלסט ניט לייענען באלה . נאר באלה . אלה איז טייטש פאלשע שבועות . זאגט דער פסוק אויב איר וועט ניט נעמען אמוסר איר זאלט ניט שווערין פאלשע שבועות . שטייט אין פסוק איך וועל שיקען אויף אייך די חיות פון פעלד און ביי פאלשע שבועות שטייט איר זאלט ניט שווערין פאלש ביי מיין נאמען . ווארום דוא וועסט פאר שעמען דעם נאמען פון גאט . און ביי פאר שעמען דעם נאמען פון גאט שטייט אין פסוק איר זאלט ניט פאר שעמען מיין הייליגען נאמען . און אז מען פאר שעמט שבת (מען טוהט מלאכה אום שבת) שטייט אין פסוק ווער עס וועט פאר שעמען שבת (ער וועט טאהן מלאכה אום שבת) קומט אידם מיתה . לערנען מיר אפ דעם פאר שעמונג פון דעם נאמען פון גאט און דעם פאר שעמונג פון שבת . פון פאלשע שבועות . אזוי וויא אויף די עבירה פון פאלשע שבועות קומען חיות רעות אויף מענטשין און אויף בהמות . אזוי אויף די עבירה פון חלול השם און פון חלול שבת קומען אויך חיות רעות אויף מענטשין און אויך בהמות . פאר די עבירה וואס מען הרגעט אונשולדיגע מענטשין . איז דער בית המקדש חרוב געווארין און די שכינה איז אפ גימאהן געווארין פון די יודין . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט פר גיסען קיין בלוט (איר זאלט ניט הרגנען קיין מענטשין) . און איר זאלט ניט מטמא זיין די לאנד וואס איר זיצט אין איר . וואס איך רוה אין איר ; אבער אז איר וועט מטמא זיין די לאנד . (איר וועט הרגנען אומשולדיגע מענטשין) וועט איר ניט זיצען אין אייער לאנד און איך וועל ניט רוהען אין די לאנד :

בעון . פאר די עבירה פון זנות . און עבירה זרה . און ווייל מען האלט ניט די דינים פון שמטה און פון יובל קומט גלות אויף די יודין : און מען פאר טרייבט זייא פון זייער לאנד און אנדערע אומות קומען און זיצען אין זייער לאנד . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די אלע מיאוסע זאכען האבען גיטאהן די מענטשין פון די לאנד . נאך א פסוק שטייט די לאנד איז טמא געווארין (פון דעם זנות) האב איך גפעלט אויף איר אירע זינד . נאך א פסוק שטייט איר זאלט זעהן די לאנד זאל אייך אויך ניט אוס שפייען (ארויס טרייבען) אז איר וועט איר מטמא זיין . זעהט איר אז דורך די עבירה פון זנות ווערט מען פאר טריבען פון ארץ ישראל . ביי

עבודה

הארץ אתכם בטמאכם אותה בעבודת כוכבים כתיב (שם כו) ונתתי את פגריכם וגו' וכתיב (שם) והשימותי את מקדשיכם וגו' ואתכם אזרה בגוים ובשמיטין וביובלות כתיב (שם) אז תרצה הארץ את שבתותיה כל ימי השמה ואתם בארץ אויביכם וגו' וכתיב כל ימי השמה תשבות:

**כז בעון** נבלות הפה צרות רבות וגזרות קשות מתחדשות ובחורי שונאי ישראל מתים יתומים ואלמנות צועקים ואינם נענים שנאמר (ישעיה ט) על כן על בחוריו לא ישמח ה' ואת יתומיו ואת אלמנותיו לא ירחם כי כלו חנף ומרע וכל פה דובר נבלה בכל זאת לא שב אפו ועוד ידו נטויה מאי ועוד ידו נטויה אמר רב חנן בר רבא הכל יודעין כלה למה נכנסה לחופה אלא כל המנבל פיו אפי' חותמין עליו גזר דין של שבעים שנה לטובה הופכין עליו לרעה. אמר רבה בר שילא אמר רב חסדא כל המנבל [את] פיו מעמיקין לו גיהנם שנאמר (משלי כב) שוחה עמוקה פי זרות. רב נחמן בר יצחק אמר אף השומע ושותק שנאמר (שם) זעום ה' יפל שם. אמר רבי אושעיא כל המסרק את עצמו לעבירה חבורות ופצעים יוצאין בו שנא' (שם כ) חבורות פצע תמרוק

בה שם עריות כתיב: ונתתי את פגריכם על פגרי גלוליכם. דהיינו עבודת כוכבים וכתיב בתריה ואתכם אזרה בגוים וכתיב ושממו עליה אויביכם היושבים בה כלומר שהם גולין ואויביכם יושבים במקומם: (שבתותיה. שמיטין: ואתם בארץ אויביכם. ולעיל מינה כתיב ושממו עליה אויביכם):

לא ישמח. הרי צרות וגזרות: ואת יתומיו ואת אלמנותיו לא ירחם. הרי צועקין ואין נענין בעון מה כי כלו חנף ומרע וכל פה דובר נבלה; ועוד לשון ועוד כל שנותיו של אדם הכן ע' שנה יד הדין נטויה עליו לבטל זכיותיו בעון זה: הכל יודעין כו'. ולא סולקך להדיא לפרש למה נכנסה והמנבל פיו בכך אפילו וכו': שוחה עמוקה. מוכנת לפי זרות. למי שפיו זר: זעום ה' יפל שם. זעם של הקב"ה היא בזמן גם אלא פי זרות היוצא אלו ושומע קרוי זעמו של הקב"ה: הממרק עצמו. נוהגים כנו לכך ממרק עצמו מאחר עסקיו להתעסק בעבירות: תמרוק ברע. הממרק ברע:

---

עבודה זרה שטייט איך וועל געבין אייערע טויטע קערפער אויף דיא טויטע בילדער וואס איר דינט צו זייא. אונ עס שטייט אין פסוק איך וועל וויסט מאכען אייער בית המקדש אונ אייך וועל איך פאר שפרייטין צווישען די פעלקער. ביי שמטה אונ ביי יובל שטייט דאמאלס וועט דיא ערד בווילליגען אירע שמטות אלע טאג וואס זיא וועט זיין וויסט אונ איר וועט זיין אין די לאנד פון אייערע פיינד אונ עס שטייט אין פסוק אלע טעג וואס די לאנד וועט זיין וויסט וועט זי רוהען שמטה אונ יובל:

**כז** בעון. פאר דיא עבירה וואס מען רעט מיאוסע רייד. קומען פיל צרות. אונ שלעכטע גזרות. אונ מענטשין שטארבען יונג. יתומים אונ אלמנות שרייען אונ מען ענטפערט זייא ניט. אזוי וויא ישעיה הנביא האט געזאגט. גאט וועט זיך ניט פרייען מיט די יונגע לייט. אויף דיא יתומים מיט דיא אלמנות וועט ער ניט רחמנות האבען. ווייל אלע זענען שמייכלער אונ שלעכטע. אונ אלע מיילער רעדען מיאוסע רייד. פון דעסטוועגען איז נאך ניט געשטילט געווארין דער כעס פון גאט. אונ זיין האנט איז גענייגט נאך ווייטער צו שטראפין. פרעגט די גמרא אויף וועלכע זאכען וועט גאט ווייטער שטראפין. האט רב חנין בר רבא געזאגט אלע ווייסען צו וואס א כלה גייט צו דיא חופה. נאר דער וואס פאר מיאוסט זיין מויל. אונ רעט מיאוסע רייד. אפילו עס איז געוועזן גיחתמת אין הימעל אויף איהם צו גוטען אויף דיא גאנצע זיבעציג יאהר. פאר קערט מען דס צו שלעכטין. רבה בר שילא האט געזאגט פון רב חסדא וועגין. דער וואס פאר מיאוסט זיין מויל צו רעדין מיאוסע רייד. קומט ער אריין אין טיפען גיהנם. אזוי וויא שלמה המלך האט געזאגט דער וואס רעט פרעמדע רייד וועט ער קומען אין טיפען גיהנם. רב נחמן בר יצחק זאגט אפילו דער וואס הערט דיא מיאוסע רייד אונ שווייגט: קומט אויך אין גיהנם. אזוי וויא שלמה המלך האט געזאגט דער כעס פון גאט וועט רוהען דארט אויף דעם ארט וואו מען רעט מיאוסע רייד. רבי אושעיא זאגט דער מענטש וואס קערט אפ פון אלע גישעפטין ער זאל טאהן עבירות. שטראפט איהם גאט מיט מכות אונ מיט קראנקייט. אזוי וויא שלמה המלך האט געזאגט וואונדין מיט מכות וועט קומען אויף דעם מענטש וואס קערט אפ פון זיינע גישעפטין ער זאל טאהן עבירות. אונ ער ווערט נאך גישטראפט מיט די קראנקייט

תמרוק ברע ולא עוד אלא שנדון בהדרוקן שנא׳ ״יסב)
ומכות חדרי בטן אמר ר״נ בר יצחק סימן לעבירה
הדרוקן:

(ע״ב) **כח תנו** רבנן ג׳ מיני הדרוקן הן של עבירה
עבה ושל רעב תפוח ושל כשפים
דק שמואל הקטן חש ביה אמר רבונו של עולם מי מפיס
איתסי אביי חש ביה אמר רבה (רבא) ידענא ביה
בנחמני דמכפין נפשיה. רבא חש ביה והא רבא הוא
דאמר נפישי קטילי קדר מן פיתי כפן. שאני רבא דאנסי
ליה רבנן בעידניה בעל כרחיה. תנו רבנן ד׳ סימנין
הן. סימן לעבירה הדרוקן. סימן לשנאת חנם ירקון
סימן לגסות הרוח עניות סימן ללשון הרע אסכרה. ת״ר
אסכרה בא לעולם על המעשר (ע״ב) ר״א ברבי יוסי
אומר על לה״ר אמר רבה (רבא) ואיתימא ריב״ל מאי
קראה

הדרוקן. חולי הוא:
של עבירה. כלומר בשביל עבירה: עבה. בשרו
מתקשה ועב ונפוח בעיני: תפוח. סימו״ס
שפח עורו על בשרו ופים בינתיים נראים ונראה]
כזכוכית: דק. בשרו דק וכחוש: מי מפיס.
מי מטיל גורל לכהנין ולהודיעו שאינו של עבירה
שבניו יאמרו אבי עבר על דת ואין הכל יודעים
ג׳ סימנים שאמרנו וסבורים שמשתכין: ידענא
ביה. שמחמת רעב בא לו ואין צריך לחשדו: והא
רבא דאמר. כלומר למה חש בו הא לא הרעיב
את עצמו מדקאמר ידענא ביה בנחמני מכלל
דהרעיב עצמו רע בעיניו ואי משום שהיה מבסה
נקביו ומאריך [בבכורות דף מד] אלא רבה
הדרוקן רבה בעל שהיית נקבים הוא בא: הא איהו
אמר נפישי קטילי קדר. יבם הרוגי נקבים
מתוסי הדרוקן של רעב: קדר נתון קדרה על אש
שבופף כקדרה: דאנסי ליה רבנן בעדניה.
התלמידים הקובעים להם עת לפניו אונסים אותו
לכבוש נקביו: סימן לגסות הרוח עניות. בפרק
כאים מקדש מפרש נאי עניות עניות דתורה:
אסכרה [חולי] המתחיל במעיים וגומר בגרון
שנקרא בינמלא״ל: על המעשר. האוכל פירותיו

קראנקייט וואס הייסט הדרוקן. דאס איז אזוי א קראנקייט אין בויך. רב נחמן בר יצחק זאגט
אז איינער איז מזנה ווערט ער אויך געשטראפט מיט די קריינק הדרוקן:

**כח** תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט דריי ערליי מינים הדרוקן איז דא. דיא
קראנקייט הדרוקן וואס קומט פאר זנות. ווערט דאס פלייש פון לייב הארט אונ גראב אונ
געשוואלין. אונ דיא קראנקייט הדרוקן וואס קומט פון הונגער. ווערט די הויט אויף געבלאזין
אונ אונטער דיא הויט איז וואסער. אונ דיא הויט זעהט אויס וויא גלאז: אונ דיא קראנקייט
הדרוקן וואס קומט פון כישוף. ווערט דער מענטש דין אונ מאגער. שמואל הקטן איז
קראנק געווארין אויף דיא קריינק הדרוקן. האט ער געזאגט רבונו של עולם ווער וועט ווארפען
גורל ער זאל וויסען פון וואס דיא קראנקייט איז צו מיר געקומען. טאמער וועט מען זאגין
איך האב געטאהן א עבירה. ווייל ניט אלע מענטשין ווייסען דיא סימנים פון דיא קראנקייט
וויא פריער שטייט). איז שמואל הקטן געזונד געווארין. אביי איז קראנק געווארין אויף הדרוקן.
האט רבא געזאגט איך ווייס אז דאס איז איהם געקומען פון הונגער. רבא איז קראנק געווארין
אויף הדרוקן. פרעגט דיא גמרא פון וואס איז רבא קראנק געווארין. פון הונגער קען ניט זיין.
ווארום רבא אליין האט דאך געזעהן אז אביי איז קראנק געווארין פון הונגער. מען זאל
זאגין ער איז קראנק געווארין ווייל ער פלעגט ניט ארויס גיין צו דער צייט. קען אויך ניט
זיין. ווארום רבא אליין זאגט דאך מען ווערט מער קראנק ווייל מען גייט ניט ארויס צוא
דער צייט. וויא מען ווערט קראנק פון הונגער. געוויס האט זיך דאך רבא געהיט פון ביידע
זאכען. ענטפערט דיא גמרא רבא איז טאקי קראנק געווארין ווייל ער איז ניט ארויס געגאנגען
צו דער צייט ווען ער האט געברויכט ארויס צו גיין. ווארום דיא תלמידים זיינע פלעגין אים
נייטין צום לערנען מיט זיי. פלעגט ער ניט קענען ארויס גיין צו דער צייט:

תנו רבנן. די רבנן האבע געלערנט פיר צייכונס זענען דא אויף פיר ערליי עבירות.
אז איינער איז מזנה ווערט ער קראנק דיא קריינק וואס הייסט הדרוקן. אז איינער האט פיינט
מענטשין אומזיסט. ווערט איהם געל זיין פנים אז איינער איז גרויס ביי זיך. ווערט ער ארעם
פון דיא תורה. אז איינער רעט לשון הרע ווערט ער קראנק די קריינק וואס הייסט אסכרה.
תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט אסכרה קומט אויף דיא מענטשין וואס עסין תבואה
אונ פירות וואס מען האט ניט געגעבין פון זייא מעשר. רבי אליעזר ברבי יוסי זאגט אסכרה
קומט אויף דיא מענטשין וואס רעדין לשון הרע. רבה אדער רבי יהושע ב׳ לוי זאגט פון

וועלכין

קראה (תהלים סג) והמלך ישמח באלהים יתהלל כל הנשבע בו כי יסכר פי דוברי שקר. איבעיא להו ר"א ברבי יוסי על לשון הרע קאמר או דילמא אף על לשון הרע נמי קאמר. ת"ש כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה היו שם רבי יהודה ור"א ברבי יוסי ור"ש נשאלה שאלה זו בפניהם מכה זו מפני מה מתחלת בבני מעים וגומרת בפה נענה רבי יהודה בר אלעאי ראש המדברים בכל מקום ואמר אף על פי שכליות יועצות ולב מבין ולשון מחתך פה גומר נענה ר"א ברבי יוסי ואמר מפני שאוכלין בה דברים טמאים. (דברים) טמאים ס"ד אלא שאוכלין בה דברים שאינן מתוקנים נענה רבי שמעון ואמר בעון ביטול תורה אמרו לו נשים יוכיחו שמבטלות את בעליהן עובדי כוכבים יוכיחו שמבטלין את ישראל תינוקות יוכיחו שמבטלים את אביהם. תינוקות של

בית

טחול וזהו במיתה בידי שמים והוא מיתה רעה במים שהלך גרונו נכנס במעיו: יסכר. יסתם: לכרם. זה ב"ה שיושבין שורות שורות ככרם כך מפורש בירושלמי [בברכות]: מכה זו. אסכרה: ראש המדברים. בכל מקום (נזכר) שגור עליו לדבר תחלה בכל מקום כדלקמן: פה גומר. לשון הרע והיא באה על כך לפיכך מתחלת במעים ומסיים בפה שהלב מבין לספר לשון הרע ובפה הדברים מלבו: פה גומר. הקול יוצא מן הגרון: דברים טמאים ס"ד. וכי עונשן מיתה דבשלמא לשון הרע עונשו מיתה דכתיב מלשני בסתר רעהו אותו אצמית: מתוקנין. מעושרים שהאוכל במיתה בידי שמים כדיליף באלו הן הנשרפים: בעון ביטול תורה. דעונש מיתה כדאמרינן מקרא כדרש לפני פניו למען ירבו ימיכם הא אם לא תלמדו יתמעטו: נשים יוכיחו. שאינם מצוות על דברי תורה דכתיב ולמדתם אותם את בניכם ולא בנותיכם ומתות באסכרה אמר להם אף הן מבטלות את בעליהן: תינוקות. שאינם בני לימוד: אמר להם. אף הם בעון שמבטלים את אביהם להוליכם לאמה וגגל ולפייסם באגוזים: של בית

---

וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס. אין תהלים שטייט דער מלך וועט זיך פרייען מיט גאט. דער וואס וועט שווערין בייא גאט וועט ווערין גילויבט. אונ דיא מויל וואס וועט ריידען פאלשקייט וועט פאר מאכט ווערין דורך אסכרה. האבען דיא תלמידים גיפרעגט זייא האט רבי אלעזר ברבי יוסי גזאגט. נאר אויף לשון הרע קומט אסכרה: אבער אז מען עסט אומגימעשרת קומט ניט אסכרה. אדער ער האט גזאגט אויף לשון הרע קומט אויך אסכרה: אונ אז מען עסט אומגימעשרת קומט אויך אסכרה. זאגט די גמרא ווען דיא רבנן זענען אריין גיגאנגען אין וויין גארטין (אין בית המדרש) אין דיא שטאט יבנה. איז דארט גיוועזען רבי יהודה אונ רבי אלעזר ברבי יוסי אונ רבי שמעון: האט מען פאר זייא גיפרעגט די שאלה. דיא מכה אסכרה פאר וואס איז איר אנהייב אין דיא גידערים אונ צום סוף איז זיא אין מויל. האט גיענפערט רבי יהודה בר אלעאי וואס ער איז אויף יעדער ארט דער ערשטער צום ריידין. אונ ער האט גזאגט. ווייל דיא נירען געבען דיא עצה צו ריידען לשון הרע. אונ דיא הארץ פאר שטייט וואס צו ריידין. אונ דער צונג רעט דיא לשון הרע. אונ דיא לשון הרע גייט ארויס פון מויל. דריבער הייבט זיך אן דיא אסכרה אין בויך אין די נירען. אונ פון דיא נירען קומט זי אין הארץ. אונ פון הארץ קומט זיא אין מויל. אונ דער מענטש שטארבט. רבי אלעזר ברבי יוסי האט גיענפערט ווייל מען עסט אזעלכע עסין וואס זענען טמא. דריבער קומט אסכרה: פרעגט דיא גמרא צו מען עסט אזעלכע עסין וואס זענען טמא קומט דאך ניט קיין מיתה: ענפערט די גמרא אזוי מיינט מען: אז מען עסט אזעלכע עסין וואס מען האט ניט גינומען פון זייא תרומה אונ מעשר. קומט אסכרה. אזוי וויא דאס עסין איז גיקומען אין מויל אונ פון מויל אין בויך: אזוי קומט אסכרה אין בויך אונ פון בויך אין מויל. אונ דער מענטש שטארבט. רבי שמעון האט גיענפערט אסכרה קומט ווייל מען לערנט ניט די תורה. האבין זייא גזאגט צו רבי שמעון פאר וואס שטארבען ווייבער דורך אסכרה: זיי זענען דאך ניט פאר באטין צו לערנען תורה. האט רבי שמעון גיענפערט. ווייל זייא לאזין ניט דיא מאנען זאלען לערנען תורה. האבען זייא גיפרעגט פאר וואס שטארבען גוים דורך אסכרה. האט רבי שמעון גיענפערט. ווייל זייא לאזין ניט דיא יודין זאלין לערנען תורה: האבען זייא גיפרעגט פאר וואס שטארבען קינדער דורך אסכרה. האט רבי שמעון גיענפערט: ווייל זייא לאזין ניט דיא פאטערס זאלין לערנען תורה. האבען זיי גיפרעגט דיא קינדער וואס גייען אין חדר אונ

לערנען

דף . לא כתיב ולא מבטליט : אם לא תדעי לך . לשמור מ נותי אלי לך ונקט רחמים כזכות עקבי הצאן תכות הלשונים הבית רגלי הצאן והחזקן ורעי בזכותן את גדייתיך תינוקות שלך שלא יתפסו על משכנות הרועים רועי הדור ופרנסיו : אע"מ אף על לשון הרע . ולא פליג במעשר דהא קאמר הכא נמי אומלים דברים שאינם מהוגנים : בן גרים . בן גר וגיורת היה : של אומה זו . הרמיים : שווקים . סדר מושב שווקי עיירות ומלוכותיהם : וסיפר דבריהם . לתלמידיהם לא להבין ולא להשמיע למלכות ונשמעו על ידו למלכות : יתעלה . להיות ראש המדברים : איברי

בית רבן יוכיחו התם כדרבי גוריון דאמר רבי גוריון ואיתימא רב יוסף בר שמעיה בזמן שהצדיקים בדור צדיקים נתפסים על הדור אין צדיקים בדור תינוקות של בית רבן נתפסים על הדור . אמר ר' יצחק בר זעירי ואמרי לה אמר רבי שמעון בר נזירא מאי קראה (שיר א) אם לא תדעי לך היפה בנשים צאי לך בעקבי הצאן וגו' ואמרינן גדיים הממושכנים על הרועים . שמע מינה אף על לשון הרע קאמר שמע מינה . ואמאי קרו ליה ראש המדברים בכל מקום דיתבי רבי יהודה ורבי יוסי ורבי שמעון ויתיב יהודה בן גרים גביהו פתח רבי יהודה ואמר כמה נאים מעשיהם של אומה זו תקנו שווקים תקנו גשרים תקנו מרחצאות רבי יוסי שתק . נענה רבי שמעון (בן יוחאי) ואמר כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמן תקנו שווקים להושיב בהם זונות . מרחצאות לעדן בהם עצמן . גשרים ליטול מהם מכסים . הלך יהודה בן גרים וספר (דברים) [דבריהם] ונשמעו למלכות אמרו יהודה שעילה יתעלה . יוסי ששתק יגלה לצפורי . שמעון שגינה יהרג אזל הוא ובריה טשו בי מדרשא . כל יומא הוות מיתי להו דביתהו ריפתא

---

דערגען הורה . פאר וואס שטארבען זייא פון אסכרה . ענטפערט דיא גמרא רבי גוריון אדער רבי יוסף בר שמעיה האט געזאגט אז דיא יודין זענען זינדיג . אויב עס איז דא צדיקים . שטארבען דיא צדיקים . אונ אויב עס איז גיטא קיין צדיקים . שטארבען דיא קליינע קינדער וואס גייען אין חדר . רבי יצחק בר זעירי אדער רבי שמעון בר נזירא זאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר דאס . וואררום שלמה המלך האט געזאגט דו שענסטע פון די ווייבער . אויב דוא ווייסט ניט צוא פיטערין דיינע שעפסין . גיי אין דיא טריט פון דיא שעפסין אונ פיטער דיינע יונגע שעפסן ביי דיא רוהונג פון דיא פאסטוכער (שלמה המלך מיינט דיא יודין וואס זענען דיא שענסטע פון אלע פעלקער . אויב זייא ווייסען ניט צו היטען דיא תורה אונ מצות . זאלין זייא פיטערין זייערע קינדער אין דעם זכות פון דיא אבות (זייא זאלין בעטין ביי גאט אז דיא קינדער זאלען לעבין אין דעם זכות פון דיא אבות) אונ גאט זאל זייא ניט נעמען אמשכון פאר דיא זינד פון דיא גרויסע מענטשין) . זעהן מיר אז רבי אלעזר ברבי יוסי מיינט אפילו אויף לשון הרע קומט אויך אסכרה . אונ אז מען עסט אומגעמעשרתע קומט אויך אסכרה ; פאר וואס האט מען גירופען רבי יהודה איז דער ערשטער צום ריידין אויף יעדער ארט . זאגט די גמרא ווארום אמאהל איז געזעסין רבי יהודה אונ רבי יוסי אונ רבי שמעון ; אונ יהודה בן גרים איז אויך געזעסין געבין זייא . האט רבי יהודה געזאגט וואס פר אשיינע זאכען האט דיא אומה (דיא רומים) געמאהט . זייא האבין גימאכט גאסען . בריקען אויף דיא טייכען . זייא האבין גימאכט בעדער . רבי יוסי האט געשוויגען . האט רבי שמעון געענטפערט : אלין וואס זייא האבין גימאכט האבין זייא נאר גימאכט פר זיך . זייא האבען גימאכט גאסען . דארט זאלין זיצען זונות . זייא האבען גימאכט בעדער . זייא זאלין האבען פערגעניגען . זייא האבען גימאכט בריקען . זייא זאלען נעמען פון זייא פאראטקעס . איז געגאנגען יהודה בן גרים אונ האט דער ציילט זייערע רייד פאר אנדערע מענטשין . אונ דיא רייד איז דער ציילט געווארין צום מלך . האט מען אזוי געזאגט . יהודה וואס ער האט געלויבט דיא רומים . זאל ער גרויס ווערין . אונ ער זאל זיין אויף יעדער ארט דער ערשטער צום ריידין . יוסי וואס ער האט געשוויגען . זאל ער פר טריבין ווערין אין דיא שטאט צפורי . שמעון וואס ער האט פר מיאוס'ט דיא רומים . זאל ער גיהרגט ווערין . איז געגאנגען רבי שמעון מיט זיין זוהן אונ האבען זיך בעהאלטין אין בית המדרש . אלע טאג פלעגט דיא ווייב פון רבי שמעון זייא ברענגען ברויט מיט אקריגעל וואסער אונ

ריפתא וכחא דמיא וכרכי. כי תקיף גזירתא א"ל לבריה נשים דעתן קלה עליהם דילמא מצערי לה ומגליא לן אזלו טשו במערתא אתרחיש ניסא איברי להו חרובא ועינא דמיא (והוו יתבי) והוו משלחי מנייהו והוו יתבי עד צוארייהו בחלא כולי יומא גרסי בעידן צלויי לבשו מיכסו ומצלו והדר משלחי מנייהו כי היכי דלא ליבלו. איתיבו תריסר שני במערתא אתא אליהו וקם אפתחא דמערתא אמר מאן לודעיה לבר יוחאי דמית קיסר ובטיל גזירתיה נפקו חזו אינשי דקא כרבי וזרעי אמר מניחין חיי עולם ועוסקין בחיי שעה כ"ם שנותנין עיניהם מיד נשרף יצתה בת קול ואמרה להם להחריב עולמי יצאתם חזרו למערתכם הדור אזול איתיבו תריסר ירחי שתא אמרי משפט רשעים בגיהנם י"ב חדש יצתה בת קול ואמרה צאו ממערתכם נפקו כל היכא דהוה מחי רבי אלעזר הוי מסי רבי שמעון א"ל בני די לעולם אני ואתה בהדי פניא דמעלי שבתא חזו ההוא סבא דהוה נקיט תרי מדאני אסא ורהיט בין השמשות אמרו ליה הני למה לך אמר להו לכבוד שבת ותסגי לך בחד חד כנגד זכור וחד כנגד שמור אמר ליה לבריה חזי כמה חביבין

מצות

להו חרובא. נאכול פירותיו : ועינא דמיא. לשתות : בחלא. בחול שהיו פושטין בגדיהם שלא יבלו ומכסין ערומן בחול : כרבי. חורשים : ועוסקין בחיי שעה. דהפסד על ידי עובדי כוכבים והקב"ה מחלק מזון וכיות לעושי רצונו : משפט רשעים בגיהנם י"ב חודש. שנאמר ואשם לא תכבה והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבא כל בשר אף הגיהנם בו כמשמע ומה שבתות למימי שלהם אף חדשים למימי שלהם ושלו ודאי כפושעי גיהנם משתעי דכתיב לעיל ויצאו וראו בפגרי האנשים הפושעים בי הכי שני לה בס"ע : די לעולם. בעוסקי תורה אני ואתה : תרי מדאני.

---

זייא האבין גיגעסין. אז דיא גזרה האט זיך גישטארקט. מען זאל זוכען וואו רבי שמעון איז. האט רבי שמעון גזאגט צו זיין זוהן. ווייבער האבען אגרינגען שכל. טאמער וועט מען איר פייניגען וועט זיא זאגין וואו מיר זענען. זענען זייא גיגאנגען אונ האבען זיך בעהאלטען אין א קעלער. איז גיווארין א נס אונ עס איז בשאפען גיווארין אין קעלער א בוים מיט באקסין אונ א קוואל וואסער. אונ זייא האבען אראפ גינומען פון זיך זייערע קליידער. אונ זייא זענען גיזעסין אין זאמד ביז צום האלדז. אגאנצין טאג האבין זייא גילערנט. אז עס איז גיקומען דיא צייט צום דאווענען. האבען זיי אן גיטאהן זייערע קליידער אונ האבין גידאווענט. נאך דעם דאווענען האבען זיי אראפ גינומען פון זיך זייערע קליידער אונ האבין זייא אוועק גילייגט. דיא קליידער זאלין ניט צוריסען ווערין. צוועלף יאהר זענען זייא גיזעסין אין דעם קעלער. נאך דיא צוועלף יאהר איז גיקומען אליהו הנביא אונ האט זיך גישטעלט ביי די טיר פון קעלער. אונ האט גזאגט. ווער וועט זאגין צו רבי שמעון דער זוהן פון יוחאי אז דער קיסר איז גישטארבין. אונ זיין גזרה איז בטל גיווארין. אונ רבי שמעון מיט זיין זוהן זענען ארויס גיגאנגען פון דעם קעלער. אונ זייא האבען גיזעהן מענטשין האקערין אונ זייען. האט רבי שמעון גזאגט דיא מענטשין לאזין אוועק דאס אייביגע לעבין. אונ זיי ארבעטין פאר אזוי אלעבין וואס איז נאר אויף אקורצע צייט. די אלע ארטער וואו רבי שמעון מיט זיין זוהן האבען אקוק גיטאהן. זענען זייא באלד פאר ברענט גיווארין. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל. אונ האט גזאגט צוא זייא. איר זענט ארויס גיגאנגען וויסט צו מאכען מיין וועלט. גייט אריין צוריק אין אייער קעלער: זענען זייא צוריק אריין גיגאנגען אין קעלער. אונ זענען דארט גיזעסען צוועלף חדשים. אונ זיי האבען גזאגט רשעים אין גיהנם זיצען אויך נאר צוועלף חדשים: איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל. אונ האט גזאגט צו זייא. גייט ארויס פון אייער קעלער. זענען זיי ארויס גיגאנגען. וועמען רבי אלעזר האט גשלאגין. האט רבי שמעון גיהיילט. האט רבי שמעון גזאגט צו זיין זוהן. עס איז גנוג פאר די וועלט איך אונ דו. אז מיר ביידע וועלין לערנען תורה. וועט דיא גאנצע וועלט קענען גישפייזט ווערין אין אונזער זכות. ערב שבת פארין נאכט האבין זייא גיזעהן אז אאלטער מאן האלט צוויי הדסים אונ לויפט מיט זייא. האבען זייא גזאגט צו איהם וואס דארפסטו די הדסים. האט דער אלטער גזאגט צו זייא. דיא הדסים טראג איך אויף שבת. האבין זייא גזאגט צוא איהם. זוא האסט דאך גינוג איין הדס. האט דער אלטער גזאגט. איין הדס איז געגין זכור,

אונ

מצות על ישראל יתיב דעתייהו. שמע רבי פנחס בן יאיר חתניה נפק לאפיה עייליה לבי בני' הוה קא אריך ליה לבישריה חזא דהוו ביה פילי בגופיה הוה קא בכי וקא נתרן דמעת עיניה וקמצווח ליה. אמר ליה אוי לי שראיתיך בכך אמר ליה אשריך שראיתני בכך שאלמלא לא ראיתני בכך לא מצאת בי כך. דמעיקרא כי הוה מקשי רבי שמעון בן יוחאי קושיא הוה מפרק ליה רבי פנחס בן יאיר תריסר פירוקי. לסוף כי מקשי רבי פנחס בן יאיר קושיא הוה מפרק ליה רשב"י כ"ד פירוקי אמר הואיל ואתרחיש ניסא איזיל אתקין מילתא דכתיב (בראשית לג) ויבא יעקב שלם וא"ר שלם בגופו שלם בממונו שלם בתורתו (שם) ויחן את פני העיר א"ר מטבע תקן להם ושמואל אמר שווקים תקן להם ורי"א מרחצאות תקן להם אמר איכא מילתא דבעי לתקוני א"ל איכא דוכתא דאית ביה ספק טומאה (דף לד) ואית להו צערא לכהני לאקופי אמר איכא איניש דידע דאתחזק הכא טהרה. אמר ליה ההוא סבא כאן קצץ בן זכאי תורמסי תרומה עבד איהו נמי הכי כל היכא דהוה קשי

טהריה

חבילות של הדס לכבוד שבת : מדלמי . כמו מעדנות כימה : אריך . מחקן ומחליק : פילי . בקעים וסדקים מחמת החולי · וקמצווח ליה . לר"ש שבדמעות מלוחין ומכאיבין את המכה בתחלתן : להקן מלאכה. כדרך שעשה יעקב כשניצל מיד עשו : שלם בגופו . שנתרפא מצלעתו : שלם בתורתו . שלא שכח למודו מפני טורח הדרך : תקן להם . דבר חן והנייה ולי נראה מתקן את חלקת השדה נמון היקון : ואית להו לערא לאקופי . שהיה אותו בוק שנספק בו מקום מעבר העיר לרבים והכהנים לא היו יכולים ליכנס שם מפני טומאה וצריך להקיף דרך הסר הרוך : איכא דידע דאתחזק טהרה . כהאי בוק מימיו שלא היה בית הקברות גמור ולא ניהן לספקו : כאן קיצץ בן זכאי . שהלך ועיקרן לאחר גידונן : תורמסי תרומה . כגריגרין לטומאה נטהרה וגם הוא היה כהן : עבד איהו נמי הכי . היה מקלין תורמסים ומשליכן שם ונטמא גם ונף המת במקום שהוא שם ולייטו במקום הקבר

אונ אַיין הָ"ס אִיז גֶעוֶוען שָׁמוֹד · הָט רַבִּי שִׁמְעוֹן גֶזָאגְט צוּ זַיין זוּהן זֶעה וִויא יוּדִין הָאבֶּען לִיבּ דִי מִצְוֹת · אִיז גֶעשְׁטִילְט גִיוָוארִין זַייעֶר דֵעה · רַבִּי פִּינְחָס בֶּן יָאִיר דֶער אֵיידִים פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן · הָט גִיהֶערְט אַז זַיין שְׁוֶוער אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם קֶעלֶער · אִיז עֶר אִיהם גִיגַאנְגֶען אַנְטְקֶעגִין · אוּנ הָט אִיהם גִיבְּרַאכְט אִין בָּאד · אוּנ עֶר הָט אִיהם גִיוַואשְׁעֶן דָס לֵייבּ · הָאט רַבִּי פִּינְחָס גִיזֶעהְן אַז דָס לֵייבּ פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז צוּ שְׁפָּאלְטֶען · הָאט רַבִּי פִּינְחָס גִיוֵויינְט · אוּנ דִיא טְרֶערִין פוּן זַיינֶע אוֹיגִין זֶענֶען גִיפַאלֶען אוֹיף דָס לֵייבּ פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן · הָט רַבִּי שִׁמְעוֹן גִיהַאט שְׁמֶערְצִין · הָט רַבִּי פִּינְחָס גֶזָאגְט צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן וֵויי צוּ מִיר אַז אִיךְ זֶעה דִיךְ אַזוֹי . הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן גֶזָאגְט צוּ רַבִּי פִּינְחָס וואוֹהל צוּ דִיר וָוס דוּא זֶעהְסְט מִיךְ אַזוֹי · וֶוען דוּא וָאלְסְט מִיךְ נִיט גִיזֶעהְן אַזוֹי · וָואלְסְטוּ אִין מִיר נִיט גִיפוּנֶען אַזוֹי · פְרִיעֶר פְלֶעגְט זַיין אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי הָט גִיפְרֶעגְט אַ קַשְׁיָא · הָט רַבִּי פִּינְחָס בֶּן יָאִיר גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִי קַשְׁיָא צְוֶועלְף תֵּירוּצִים · דֶער נָאךְ וִויא רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם קֶעלֶער · אַז רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר הָאט גִיפְרֶעגְט אַ קַשְׁיָא · הָט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיף דִיא קַשְׁיָא פִיר אוּנ צְוַואנְצִיג תֵּירוּצִים . הָט רַבִּי שִׁמְעוֹן גֶזָאגְט וַוייל מִיר הָאט גִיטְרָאפִין אַנֵס · וֶועל אִיךְ גֵיין עֶפֶּעס פַארִיכְטִין אִין שְׁטָאט · אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם · יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גִיקוּמֶען גַאנְץ · הָט רַב גֶזָאגְט · זַיין גוּף אִיז גִיוֶוען גַאנְץ · זַיין פוּס אִיז גִיהֵיילְט גִיוָוארִין · זַיין גֶעלְט אִיז גִיוֶוען אִין גַאנְצִין · עֶס אִיז נִיט גֶעמִינֶערְט גִיוָוארִין דוּרְךְ דִיא הוֹצָאָה פוּן וֶועג · זַיין תּוֹרָה אִיז גִיוֶוען אִין גַאנְצִין · עֶר הָט נִיט פַר גֶעסִין זַיין לֶערְנֶען · דֶער פָּסוּק זָאגְט יַעֲקֹב הָט גִירוּהט פַאר דִי שְׁטָאט שְׁכֶם · רַב זָאגְט עֶר הָט זַייא גִילֶערְנְט דִיא חָכְמָה זַייא זָאלִין מַאכֶען מַטְבְּעוֹת · אוּנ שְׁמוּאֵל זָאגְט עֶר הָט זַייא גִילֶערְנְט זַייא זָאלִין מַאכֶען גַאסֶען · רַב יְהוּדָה זָאגְט עֶר הָט זַייא גִילֶערְנְט זַייא זָאלֶען מַאכֶען בֶּעדֶער · הָאט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט טָאמֶער דַארְף מֶען דָא אוֹיךְ מַאכֶען אַפַארְבֶּעסֶערוּנְג אִין דִיא שְׁטָאט · הָאבֶּען זַייא גֶזָאגְט צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן עֶס אִיז דָא אַ אָרְט וָוס מֶען וַוייס נִיט אוֹיבּ עֶר אִיז טָמֵא אָדֶער טָהוֹר · אוּנ דִי כֹּהֲנִים הָאבֶּען צַעַר אוּם צוּ מַיידִין דֶעם אָרְט אוּנ צוּ גֵיין אַרוּם · הָט רַבִּי שִׁמְעוֹן גֶזָאגְט טָאמֶער אִיז דָא אַמֶענְטְשׁ וָואס וַוייס אַז דֶער אָרְט אִיז אַמָאהל גִיוֶוען גָאר טָהוֹר · הָט אֵיין אַלְטֶער מַאן גֶזָאגְט צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיךְ גִידֵיינְק אַז בֶּן זַכַּאי וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ כֹּהֵן הָט גִיפְלַאנְצְט אוֹיף דֶעם אָרְט

תורמסים

טהריה וכל היכא דהוה רפי ציינה. אמר ההוא סבא טיהר בן יוחאי בית הקברות אמר ליה (אלמלא) [אלמלי] לא היית עמנו ואפילו היית עמנו ולא נמנית עמנו יפה אתה אומר עכשיו שהיית עמנו ונמנית עמנו יאמרו זונות מפרכסות זו את זו ת"ח לא כל שכן יהב ביה עיניה ונח נפשיה נפק לשוקא חזיא ליהודה בן גרים אמר עדיין יש לזה בעולם נתן בו עיניו ועשאו גל (של) עצמות:

הכי מפרש בפסיקתא דפרשת העומר ובסדר זרעים ירושלמי: היית. במעמד: ונמנית. הסכמת לדעתנו להיות מן המנין: מפרכסות זו את זו. את שער הבנות להיות נאה: גל של עצמות. כמת שנרקב בשרו ונפל מזמן הרבה: עם חשיכה. כאשר ימהר להזכירם מבעוד יום ישמעו ויאמרו עדיין יש שהות:

כט **שלשה** דברים צריך אדם לומר בתוך ביתו ערב שבת עם חשיכה וכו'. מנה"מ אריב"ל (אמר קרא) (איוב ה) וידעת כי שלום אהלך ופקדת נוך ולא תחטא:

ל **אמר** רבה בר רב הונא אע"ג דאמור רבנן שלשה דברים צריך אדם לומר וכו' צריך למימרינהו בניחותא כי היכי דליקבלינהו מיניה א"ר אשי אנא לא שמיע לי הא דאמר רבה בר ר"ה וקיימתיה מסברא:

איזהו

---

הורמסים פון הרוכה. און אז זייא זענען אויף גיוואקסען האט ער זייא אויס געריסען. איז דאך געוויס אז דער ארט איז אמאהל גיוועזען טהור. האט רבי שמעון אויך אזוי גיטאהן. ער האט אפ גיהאקט תורמוסים און האט זייא גיווארפען אויף דעם ארט וואו דער ספק איז גיוועזען. איז גיווארין אנגם און דער מת איז ארויף גיקומען: און דיא אלע ארטער ווס דיא ערד איז גיוועזען הארט. האט רבי שמעון גזאגט זייא זענען טהור. ווייל זייא גיהערין ניט צום קבר. און די אלע ארטער וואס דיא ערד איז גיוועזען ווייך: האט רבי שמעון גזאגט זייא זענען טמא. און ער האט זייא בעצייכונט אז אכהן זאל ניט גיין אויף דיא ארטער. דער נאך האט דער אלטער מאן גזאגט. דער זוהן פון יוחאי האט גימאכט טהור אבית הקברות: האט רבי שמעון בן יוחאי גזאגט צו דעם אלטין מאן. ווען דוא וואלסט דא ניט גיוועזען מיט אונז און אפילו ווען דוא וואלסט יא גיוועזען. נאר דוא וואלסט דיך ניט גיציילט מיט אונז ודוא וואלסט ניט גיהאלפען מטהר צו זיין דיא ארטער ווס מיר האבען מטהר גיוועזען וואלסטו טאקי גיקענט זאגין אז מיר האבען שלעכט גיטאהן: אבער איצט אז דוא ביסט גיוועזען מיט אונז. און דוא האסט דיך גיציילט מיט אונז ודוא האסט אונז גיהאלפען מטהר צו זיין דעם ארטו וויא אזוי קענסטו איצט קריגען אויף אונז. און זאגין אז מיר האבען מטהר גיוועזען ווס עס איז טמא. מען וועט דאך זאגין זונות צירען איינע די אנדערע דארפען דאך תלמידי חכמים געוויס בשיינען איינער דעם אנדערין. און דוא פאר שעמסט אונז און זאגסט אז מיר האבען שלעכט מטהר גיוועזען. האט רבי שמעון אקוק גיטאהן אויף דעם אלטען מאן. איז ער באלד גישטארבען. דער נאך איז רבי שמעון גיגאנגען אין גאס. האט ער גיזעהן דעם יהודה בן גרים. האט רבי שמעון גזאגט דער מענטש איז נאך דא אויף דער וועלט. האט רבי שמעון אקוק גיטאהן אויף איהם. איז פון אים גיווארען אבארג ביינער:

כט **שלשה דברים.** דריי זאכען דארף אמענטש זאגין צוא זיינע שטוב מענטשין ערב שבת פארין נאכט. ער זאל זייא פרעגין אויב זייא האבען גיגעבין מעשר פון די זאכען וואס זייא וועלין עסין שבת. און אויב זייא האבען גימאכט אעירוב. און זייא זאלין צינדען ליכט: פרעגט דיא גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף אזוי זאגען. האט רבי יהושע בן לוי גזאגט עס שטייט אין פסוק דוא וועסט וויסען אז עס איז שלום אין דיין גיצעלט. עס זאל ניט זיין פינסטער. און דוא וועסט דער מאנען דיא מענטשין פון דיין וואוהנונג צו מאכין עירובי חצרות. און דוא וועסט ניט זינדיגען צו עסין אומגימעשרת:

ל **רבה בר רב הונא** זאגט די דריי זאכען וואס די רבנן האבען גזאגט אז אמענטש דארף זייא זאגין צו זיינע שטוב מענטשין. דארף ער זייא זאגען רוהיג. ניט גיבייזערט. די שטוב

מענטשין

(ע"ב) **לא** **איזהו** בין השמשות משתשקע החמה וכל זמן שפני מזרח מאדימין. הכסיף התחתון ולא הכסיף העליון בין השמשות הכסיף העליון והשוה לתחתון זהו לילה דברי רבי יהודה רבי נחמיה אומר כדי שיהלך אדם משתשקע החמה חצי מיל רבי יוסי אומר בין השמשות כהרף עין זה נכנס וזה יוצא ואי אפשר לעמוד עליו:

(דף לה) **לב** **אמר** רבי חייא הרוצה לראות בארה של מרים יעלה לראש הכרמל ויצפה ויראה כמין כברה בים וזו היא בארה של מרים. אמר רב מעין המיטלטל טהור וזו היא בארה של מרים:

**לג** **אמר** רבי יוסי (בן) [בר] זבידא העושה מלאכה בשני בין השמשות חייב חטאת ממה נפשך

א"ל

מאדימין. שנראה אדמומית מחמה בעבים: הכסיף. כשהיר: התחתון. התחתון של כיפת הרקיע הסמוכה לארץ: עליון. גובהה של כיפה אינה ממהרת להכסיף ולקמן פריך [מאי קאמר] דקאי סיפא ארישא: חצי מיל. זהו שיעור הלוך בין השמשות ולאחר חצי מיל הוי לילה: כהרף עין. כשיעור קריצה עין ברפיון ולא בחוזקה: זה נכנס. הלילה נכנס והיום יוצא יציאת זה עם כניסת זה כשהן מתפרשין קרי בין השמשות וכל דמקמי הכי הוי יום מעליא:

כמין כברה. כלע עגול ודומה ככברה: זהו בארה של מרים. שהיה מתגלגל עם ישראל [במדבר] בזכותה של מרים דכתיב ותמת שם מרים וסמיך ליה ולא היה מים לעדה: טהור. מלקבל טומאה ומוכלין בו ולאו ככלי דמי להיות המים המטבילים ממנו כשאובין ואין לך מעין מיטלטל אלא בארה של מרים:

בשני בין השמשות. ע"ש ומוצאי שבת בהעלם א' ואין כאן עוד אשם תלוי אלא חטאת:

ממה נפשך. אי לילה הוא חייב על ע"ש ושל מוצאי שבת אינו כלום ואי יממא הוא חייב על

מענטשין זאלען אן נעמען זייגע רייד אונ זאלען אים פאלגין. רב אשי זאגט איך האב דאס ניט געהערט פון רבה בר רב הונא. נאר מיט מיין שכל האב איך אזוי גיטאהן. אונ פרעג מיך ניט ביזעריין אויף מיינע שטוב מענטשין. נאר איך פרעג מיט זייא ריידען גאנץ שטיל אונ רוהיג:

**לא** איזהו. וועלכע צייט הייסט בין השמשות [צווישען טאג אונ נאכט]. זאגט די גמרא אז דיא זוהן גייט אונטער. אונ דער הימעל וואס אין מזרח זייט איז רויט פון דיא זוהן. איז נאך טאג. אונ אז דער הימעל וואס איז אראפ גיבויגען נאנט צו דיא ערד איז שוין שווארץ [פינסטער] אונ דער הימעל וואס איז הויך פון דיא ערד איז נאך ניט שווארץ [פינסטער] דאס איז בין השמשות [צווישען טאג אונ נאכט]. אונ אז דער הימעל וואס איז הויך פון דיא ערד איז אויך שווארץ [פינסטער] אזוי וויא דיא אונטערשטע הימעל. דאס איז נאכט. אזוי זאגט רבי יהודה רבי נחמיה זאגט פון די מנוט וואס די זוהן גייט אונטער ביז מען קען גיין אהאלבין תחום שבת ולמשל צו גיין אהאלבין תחום שבת דויערט אפערטיל שעה. דיא פערטיל שעה פון נאך די זוהן אונטער גאנג דאס הייסט בין השמשות. אונ נאך דיא פערטיל שעה הייסט שוין נאכט. רבי יוסי זאגט בין השמשות דויערט אזוי וויא מען גיט אמאך מיט דיא אויג. די נאכט גייט אריין אונ דער טאג גייט ארויס. אונ ביז דיא זוהן גייט ארויס הייסט טאג. אונ וויא דיא נאכט גייט נאר אריין הייסט שוין נאכט אונ דיא סעקונדע וואס זייא שיידין זיך אפ איינער פון אנדערין דאס הייסט בין השמשות. אונ מען קען גאר ניט באמערקין ווען דאס איז:

**לב** אמר. רבי חייא האט גזאגט דער וואס וויל זעהן דעם ברונען פון מרים וואס איז דער שטיין וואס דיא יודין האבען פון איהם גיטרונקען וואסער אין דער מדבר. זאל ער ארויף גיין אויף דעם בארג כרמל. אונ ער זאל קוקען אויף דעם ים. וועט ער זעהן עס שווימט אין ים אקיילעכדיקער שטיין אונ ער זעהט אויס אזוי וויא אזיפ. דאס איז דער ברונען פון מרים. רב זאגט אקוואל וואסער וואס מען קען איהם טראגין פון איין ארט צום אנדערין. ווערט ער ניט טמא. אונ מען מעג אין איהם טובל זיין. וועלכין קוואל וואסער קען מען טראגין פון איין ארט צום אנדערין. דאס איז דער ברונען פון מרים:

**לג** אמר. רבי יוסי בר זבידא האט גזאגט אז איינער האט גיטאהן אמלאכה ואארבעטן פרייטאג פארין נאכט בין השמשות: אונ שבת צו נאכט בין השמשות. [אונ ער האט ניט גיוואוסט אז מען טאר ניט טאהן די ארבעט. ביז נאך די ארבעט פון שבת צו נאכטן מוז ער ברייגגן אקרבן חטאת. וואריום אוב בין השמשות איז טאג. דארף ער ברייגגען אחטאת פאר

א"ל רבא לשמעיה אתן דלא קים לכו בשיעורא דרבנן אדשימשא אריש דיקלי אתלו שרגא ביום המעונן (מאי) במתי חזי תרנגולא בדברא חזי עורבא אי נמי אדאני :

# כירה פרק שלישי

(דף מא) א רבי זירא הוה משתמיט מרב יהודה דבעי למיסק לארעא דישראל דאמר רב יהודה כל העולה מבבל לא"י עובר בעשה שנאמר (ירמיה כז) בבלה יובאו ושמה יהיו עד יום פקדי וגו' :

ב תניא אכל ולא שתה אכילתו דם וזהו תחלת חולי מעים אכל ולא הלך ארבע אמות אכילתו מרקבת וזהו תחלת ריח רע הנצרך לנקביו ואכל דומה להגור שהסיקוהו ע"ג אפרו וזהו תחלת ריח זוהמא רחץ בחמין



מ"ש ואין של ע"ש כלום וכגון דעבד לפני כל בין השמשות דלכא לספוקי להאי בתחלתו ולבאי בסופו : בשיעורא דרבנן . בין השמשות : אתלו : כדליקו את הנר מבע"י : חזי תרנגולים . סוחבים על הקירות מבע"י ובין העורבים (בשדה) : אדאני . עבב בקרוי מאלו"ש ועלין שלו נוטין לצד מזרח מבריח בפוסין נגזרת ובהאי היום זקופין ולערב כפופין מאד למערב :

משתמיט . היה ירא לראות לו משום דהוה בעי רבי זירא למיסק לארעא דישראל ורב יהודה לא ס"ל והיה ירא פן יגזור עליו מליך . ורבי זירא סבירא ליה דהאי קרא בכלי שרת כתיב כדאמריך בכתובות : (ולא הלך ד' אמות קודם שישן) :

מרקבת . אינה מתעכלת לעשות זבל : ריח רע . ריח הפה : ריח זוהמא . כל גופו מאוס

---

די אַרבֶּעט פון דעם בֵּין הַשְׁמָשׁוֹת פון שַׁבָּת צו נַאכט . אונ אויב בֵּין הַשְׁמָשׁוֹת איז נַאכט דארף ער ברֵיינגען אַחַטָּאת פַר די אַרבֶּעט פון דעם בֵּין הַשְׁמָשׁוֹת פון פרַייטָאג פַארין נַאכט . רָבָא הָט גְזָאגט צו זַיין דינֶער . ווייל איר ווייסט נִיט ווען עס איז בֵּין הַשְׁמָשׁוֹת . אַז דיא זוּהן ווֶעט זַיין פרַייטָאג פַארין נַאכט אויף די שְׁפִּיץ בּוֹימֶער . זָאלט איר צִינדֶען ליכט . אונ אַז פרַייטָאג ווֶעט זַיין אַוואָלְקֶענדִיגֶער טָאג וויא אַזוי ווֶעט מען ווִיסֶען ווען מען זָאל צִינדֶען ליכט . הָט רָבָא גְזָאגט די מֶענְטְשִׁין ווָס וואוֹהנֶען אין שְׁטָאט אַז מֶען ווֶעט זֶעהן די הִינֶער זֶעצִין זִיךְ אין די הֵייךְ אויף די בֶּעלְקֶעס . זָאל מֶען צִינדֶען ליכט . אונ דיא מֶענְטְשִׁין ווָס וואוֹהנֶען אין פֶעלְד . אַז מֶען ווֶעט זֶעהן די קְרָאהֶען זֶעצִין זִיךְ אויף דיא הוֹיכֶע עֶרְטֶער . אָדֶער מֶען ווֶעט זֶעהן די בְּלֶעטֶער ווָס הֵייסֶען אַדָאנִי זֶענֶען שְׁטַארְק פַר בּוֹיגִין צוּא מַעֲרָב זַייט . זָאל מֶען צִינדֶען ליכט . ווֵייל די בְּלֶעטֶער ווָס הֵייסֶען אַדָאנִי אין דֶער פְרִיה זֶענֶען זֵיי פַר בּוֹיגִין צו מִזְרָח זַייט . הַאלְבִּין טָאג שְׁטֵייֶען זֵיי גְלֵייךְ . אונ פַארין נַאכט זֶענֶען זֵיי פַאר בּוֹיגִין צו מַעֲרָב זַייט . ווייל די בְּלֶעטֶער צִיהֶען זִיךְ צו די זוּהן :

## פרק שלישי

א רַבִּי זֵירָא פְלֶעגְט זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען פַר רַב יְהוּדָה . וָוארוּם רַבִּי זֵירָא הָאט גִיוָואלְט גֵיין אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . אונ רַב יְהוּדָה הָט גְזָאגְט ווער עס גֵייט פון בָּבֶל אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . איז ער נִיט מְקַיֵּים דיא מִצְוַת עֲשֵׂה . אַזוי וויא יִרְמְיָה הַנָּבִיא הָט גְזָאגְט . זֵיי ווֶעלִין קוּמֶען אין בָּבֶל אונ דָארְט זָאלֶען זֵייא זַיין בִּיז איך ווֶעל זֵייא גִידֵיינְקֶען . הָאט רַבִּי זֵירָא מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער ווֶעט רַב יְהוּדָה אויף אִיהם גוֹזֵר זַיין ער זָאל נִיט גֵיין אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . וָוארוּם רַבִּי זֵירָא זָאגְט אַז יִרְמְיָה הָט נִיט גִימֵיינְט אויף די יוּדִין . נָאר אויף די כֵּלִים פון בֵּית הַמִּקְדָּשׁ . אַז די כֵּלִים זָאלֶען נִיט גִיבְּרַאכְט ווֶערִין פון בָּבֶל צוּרִיק אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל . בִּיז גָאט ווֶעט הֵייסֶען זֵיי צוּרִיק בְּרֵיינְגֶען . אָבֶער מֶענְטְשִׁין מֶעגִין צוּרִיק גֵיין ווען זֵייא ווִילֶען :

ב תַּנְיָא . מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט אַז מֶען עֶסְט אונ מֶען טְרִינְקְט נִיט נָאךְ דֶעם עֶסִין . ווֶערְט פון דֶעם עֶסִין בְּלוּט . אונ פון דֶעם הֵייבִּין אָן קְרַאנְק צו ווֶערִין די גִידֶערִים . אַז אֵיינֶער הָאט גִיגֶעסֶען . אונ ער איז נִיט גִיגַאנְגֶען נָאךְ דֶעם עֶסִין פִיר אֵיילֶען . נָאר ער איז בַּאלְד גִישְׁלָאפֶען . ווֶערְט דָס עֶסִין פַר פוֹילְט אין בּוֹיךְ . אונ פון דֶעם הֵייבְּט אָן צוּא גֵיין אַשְׁלֶעכְטֶער רֵיחַ פון מוֹיל . אַז אֵיינֶער דַארְף אַרוֹיס גֵיין אונ ער עֶסְט . איז גְלֵייךְ ווִי מֶען הֵייצְט אין אַהוֹיבִין אויף דִ"יא אַשׁ . קֶען נִיט בְּרֶענֶען אונ עס ווֶערְט נִיט וַוארֶעם . אונ פון דֶעם הֵייבְּט אָן צוּא

בחמין ולא שתה בהם דומה לתנור שהסיקוהו מבחוץ ולא הסיקוהו מבפנים. רחץ בחמין ולא נשתטף בצונן דומה לברזל שהכניסוהו לאור ולא הכניסוהו לצונן רחץ ולא סך דומה למים ע"ג חבית:

מיחם תמיד: ולא הסיקוהו מבפנים. שאינו מטיל לפלוס: ולא הכניסוהו לצונן. שהם מחזקים את הברזל: למים ע"ג הבית. על גוליו ולדדין שאינם נכנסים לתוכו:

כנגד מי. דהרבה מלאכות יש דדמיין להדדי והוי לן למחשבינהו כלן כאחד כדפריך (בפרק כלל גדול) היינו זורה היינו בורר וכו' ומשום חלוק מועט שביניהם לא הוו מחלקים להו אי לאו דקים להו דל"ט מלאכות כנגד שום דבר לכך בעי כנגד מי: כנגד עבודות המשכן. אותן המנויות שם בפרק כלל גדול היו צריכין למשכן ופ' שבת נסמכה לפ' מלאכת המשכן ללמוד הימנה: שבתורה. שבכתובים

## במה טומנין פרק רביעי

(דף מט) **א אמר** רבי ינאי תפילין צריכין גוף נקי כאלישע בעל כנפים וכו' ואמאי קרי ליה בעל כנפים שפעם אחת גזרה מלכות ארם וכו'. יתיב רבי יונתן בן עכינאי ורבי יונתן וכו' וקמבעיא להו הא דתנן (ע"ג) אבות מלאכות ארבעים חסר אחת כנגד מי א"ל רבי חנינא בר חמא כנגד עבודות המשכן. א"ל רבי יונתן ברבי אלעזר כך אמר ר"ש ברבי יוסי בן לקוניא כנגד מלאכה מלאכות ומלאכתו שבתורה ארבעים

---

גײן אַשְׁלֶעכטֶער רֵיחַ פון גאַנצֶען גוף. אַז אײנֶער האָט זיך גיוואַשֶׁען ואין אַבָּאד אָדֶער אין אַוואַנֶע מיט וואַרעמֶע וואַסֶער אונ ער הָט ניט גיטרונקען קײן וואַרעמֶע וואַסֶער. איז ער גלײך וויא מען וואָלט גיהייצט אַהױבּין אױסוועניג אונ ניט אינוועניג. אַז אײנֶער האָט זיך גיוואַשֶׁען מיט וואַרעמֶע וואַסֶער. אונ ער הָט זיך ניט אָפּ גישווײנקט מיט קאַלטֶע וואַסֶער. איז גלײך ווי מען בּרֶענט אַאײזין אין פײַער. אונ מען בּגיסט איהם ניט מיט קאַלטֶע וואַסֶער. וואָרום דיא קאַלטֶע וואַסער שׁטאַרקין דעם הײסען אײזין אונ דעם וואַרעמען גוף. אַז אײנֶער הָט זיך גיוואַשֶׁען ואין אַבָּאד אָדֶער אין אַוואַנֶע. אונ הָט ניט גֶעשמירט דָם לײב מיט בּוימאײל. איז גלײך וויא מען גיסט וואַסֶער אױף דעם דעק פון אַפאַס אונ אױף דיא ווענט פון פאַס אױס ווייניג. אונ די וואַסער קומט ניט אַרײן אינוועניג. אַזוי קומט ניט אַרײן דיא וואַסער אין לײב אויב ער הָט ניט גֶעשמירט דָם לײב מיט בּוימאײל נאָך דעם וואַשֶׁען

## פרק רביעי

**א** רַבִּי יַנַּאי זאָגט ווען אַמענטש גײט מיט תְּפִילִין מוז זײן גוף זײן רײן: אַזוי ווי רײן עס איז גיווען דער גוף פון אֱלִישָׁע בַּעַל כְּנָפַיִם. פַר וואָס הָט מען איהם גירופען אֱלִישָׁע בַּעַל כְּנָפַיִם. וואָרום אַמאָהל איז גיוועזן אַגְזֵירָה אַז יודען זאָלען ניט לײגען תְּפִילִין. אונ אֱלִישָׁע הָט גילײגט תְּפִילִין. הָט אַשַׂר גיזעהן וויא אֱלִישָׁע גײט מיט תְּפִילִין. איז אֱלִישָׁע אַנטלאָפען אונ הָט אַראָפּ גינומען דיא תְּפִילִין פון קאָפּ אונ פון האַנט אונ הָט זײ גיהאַלטען אין האַנט. ווי דער שַׂר הָט נאָך גיאָגט אֱלִישָׁע אונ הָט איהם גיחאַפּט. פרעגט דער שַׂר בּײַ אֱלִישָׁע וואָס ער האַלט אין האַנט. ענטפערט אֱלִישָׁע ער הָט אין האַנט טױבען מיט פליגעל. איז גיוואָרין אַנס אַז פון די תְּפִילִין איז גיוואָרין טױבען מיט פליגעל. דריבער הָט מען גירופען אֱלִישָׁען בַּעַל כְּנָפַיִם די טױבען פליגעל:

**ב** רַבִּי יוֹנָתָן בֶּן עַכִינַאי אונ רַבִּי יוֹנָתָן זענען גיזעסען אין בּײַ זײ גיווען אַסְפֵק מען הָט גילערנט אַז בּײַ שַׁבָּת איז אָסוּר נײַן אונ דרײסיג מְלָאכוֹת. נֶעגין וואָס איז דער חֶשְׁבּוֹן פון נײַן אונ דרײסיג. הָט רַבִּי חֲנִינָא בַּר חָמָא גזאָגט גֶעגין די אַרבּעט וואָס איז גיווען אין מִשְׁכָּן. ווײל שַׁבָּת שטײט אין די תּוֹרָה גֶעבּין מִשְׁכָּן. די מְלָאכוֹת וואָס זענען גיווען אין מִשְׁכָּן זענען אָסוּר צו טאָהן אום שַׁבָּת. אונ אין מִשְׁכָּן איז גיווען נײַן אונ דרײסיג מְלָאכוֹת. דיא נײַן אונ דרײסיג מְלָאכוֹת זענען אָסוּר צו טאָהן אום שַׁבָּת: רַבִּי יוֹנָתָן בְּרַבִּי אֶלְעָזָר הָט גזאָגט אַזוי האָט גזאָגט רַבִּי שִׁמְעוֹן בְּרַבִּי יוֹסִי בֶּן לָקוּנְיָא ווײל אין די תּוֹרָה שטײט מְלָאכָה אונ מְלָאכוֹת אונ מְלַאכְתּוֹ. דריבער האָבען די רַבָּנָן גיצײלט מְלָאכוֹת אום שַׁבָּת אױך בּיז נײַן אונ

דרייסיג

ארבעים חסר אחת בעי רב יוסף (גרסינן לקמן) ויבא הביתה לעשות מלאכתו ממנינא הוא או לא א"ל אביי וליתי ס"ת ולימני מי לא (אמר רבה בר בר חנה) א"ר יוחנן לא זזו משם עד שהביאו ס"ת ומנאום. א"ל כי קא מספקא לי משום דכתיב (שמות לו) והמלאכה היתה דים ממנינא הוא והא כמ"ד לעשות צרכיו נכנס או דילמא ויבא הביתה לעשות מלאכתו ממנינא הוא והאי והמלאכה היתה דים ה"ק דשלים ליה עבידתא תיקו:

(דף ג ע"ב) **ב אמימר** ומר זוטרא ורב אשי הוו יתבי בסעודה אייתו לקמייהו ברדא

אמימר ורב אשי משו ידייהו מר זוטרא לא משי ידיה אמרי ליה לא סבר לה מר להא דאמר רב ששת ברדא שרי אמר ליה (להו) רב מרדכי בר טוביה דמר דאפילו בחול

בכל התורה וה"ק קרא לא תעשה כל מלאכה כמנין כל מלאכה שבתורה: לא זזו משם וכו'. קדושין פ"ק א' לענין וי"ו דגחון: והמלאכה היתה דים ממנינא הוא. ואי מנינא לתרוייהו הוו ארבעין ומדחסר אבות מלאכות מ' חסר אחת איכא חד דלא למנינא והכי פריך (חד) דאיכא למימר דלאו מלאכה נינהו ולא ידענא הי מינייהו נפקא והכי קא מיבעיא ליה והמלאכה היתה דים ממנינא היא ומלאכה ממש היא כגון רדודי טסין לצפוי בין מרדדין אותם כפי דים לא פחות מן הצורך ולא יותר. והאי לעשות מלאכתו הוא דמפיק ומסייע למאן דאמר במסכת סוטה: לעשות צרכיו נכנס. לשכב עמה אלא שנראתה לו דמות אביו וכו' או הא האי מלאכתו ממש הוא ומסייע לה לאידך. והאי והמלאכה היתה דים לאו מנינא היא אלא כדמשמע קרא בסכבת נדבה: דשלים עבידתא. וכל מידי דרמי עליה אינים קרי ליה עבידתא כדאמרינן בסוטה בטליה עבידתא דאמר שמה לאיתויי לאיכלה ואינו אלא נגה מלחמה להקריב (להקריב) ע"כ:

ברדא: לכהון סניו וכוא הלכה אלא שם עשא ותלתה אלא הדם ותלתה סיגלי ויש בו ג' עלין וקורין לה ויאולי"ס: מהו. רתמו: ליפוה

---

דרייסיג. האט רב יוסף געפרעגט עס שטייט אין פסוק ויבא הביתה לעשות מלאכתו. אויב מיט דעם מלאכתו איז ניין און דרייסיג. אדער אן דעם מלאכתו איז ניין און דרייסיג. האט אביי געזאגט צו רב יוסף זאל מען ברענגען א ספר תורה און מען זאל ציילען ווי פיל מאהל עס שטייט מלאכה און מלאכות און מלאכתו. וועט מען זעהן אויב מיט דעם מלאכתו איז ניין און דרייסיג. אדער אן דעם מלאכתו איז ניין און דרייסיג. האט דען רבה בר בר חנה ניט געזאגט פון רבי יוחנן וועגן עס האט שוין אמאהל געטראפען אז מען האט ניט געוואוסט אזוי. האט מען זיך ניט געריהרט פון ארט ביז מען האט געבראכט א ספר תורה און מען האט געציילט. זאל מען איצט אויך אזוי טאהן. האט רב יוסף געזאגט ווייל עס שטייט אין פסוק והמלאכה היתה דים: און אז מען וועט ציילען דעם מלאכתו פון ויבא הביתה. און דעם והמלאכה היתה דים. וועט זיין פערציג. איז מיר גאר א ספק. וועלכין מען זאל ציילען און וועלכין ניט אויב דער והמלאכה היתה דים איז פון די ניין און דרייסיג. און דער מלאכתו פון ויבא הביתה מיינט מען ניט מלאכתו זיין ארבעט. נאר מען מיינט וויא דער וואס זאגט אז יוסף איז אריין געקומען אין שטוב מזנה זיין מיט פוטיפרס ווייב. דריבער איז דער מלאכתו ניט פון דיא ניין און דרייסיג. אדער פארקערט. טאמער איז דער מלאכתו פון ויבא הביתה פון דיא ניין און דרייסיג. ווארום מען מיינט יוסף איז אריין געקומען טאהן זיין ארבעט. און דער והמלאכה היתה דים איז ניט פון דיא ניין און דרייסיג. ווארום מען מיינט ניט דיא ארבעט פון משכן האט מען געארבעט ביז גענוג. נאר מען מיינט דיא נדבות ברענגען האט זיך אויך געלאזט. מען האט אויף געהערט צו ברענגען נדבות ווייל עס איז שוין געוועזן גענוג:

ב אמימר און מר זוטרא און רב אשי זענען געזעסען ביי א סעודה אום שבת האט מען געבראכט פאר זיי ברדא ודם איז אזוי א וואסער וואס מען האט אין איר געווייקט דרייא ערליי מינים בשמים ואהלא און הדס און סיגלין. און די וואסער שמעקט. אמימר און רב אשי האבען געוואשען זייערע הענט מיט די וואסער. און מר זוטרא האט ניט געוואלט וואשען זיינע הענט מיט די וואסער. האט אמימר און רב אשי געזאגט צו מר זוטרא האלט דען ניט דער רבי וואס רב ששת האט געזאגט אז מען מעג וואשען די הענט אום שבת מיט ברדא. האט רב מרדכי געזאגט צו זיי. דער רבי מר זוטרא אפילו אום דער וואכען וואשט ער אויך ניט די הענט מיט ברדא. ווייל ער האלט ווי דער תנא. ווארום מיר האבען געלערנט אמענטש מעג אפ רייבע

בחול נמי לא ס"ל דסבר לה כי האי תנא דתניא מגרר אדם גלדי צואה וגלדי מכה מעל בשרו בשביל צערו ואם בשביל ליפות עצמו אסור ואינהו כמאן סברוה כי הא דתניא רוחץ אדם פניו ידיו ורגליו בכל יום בשביל כבוד קונו משום שנאמר (משלי טז) כל פעל ה' למענהו: (דף נא) אמר ר"ה אמר רבי אסור להטמין את הצונן והתנן רבי התיר להטמין את הצונן לא קשיא הא מקמי דלשמעיה מרבי ישמעאל ברבי יוסי הא לבתר דלשמעיה כי הא דרבי אמר אסור להטמין את הצונן אמר לפניו רבי ישמעאל ברבי יוסי אבא התיר להטמין את הצונן אמר כבר הורה זקן. אמר רב פפא בא וראה כמה מחבבין זה את זה שאילו רבי יוסי קיים היה כפוף ויושב לפני רבי דהא רבי ישמעאל ברבי יוסי ממלא מקום אבותיו הוה וכפוף ויושב לפני רבי וקאמר כבר הורה זקן א"ל ר"נ לדרי עבדיה אטמין לי צונן ואייתי לי מיא דאחים קפילא ארמאה שמע רבי אמי איקפד

א"ר

ליפות עצמו אסור. משום לא ילבש גבר שמלת אשה: בשביל כבוד קונו. דכתיב כי בצלם אלהים עשה את האדם ועוד דכרואה בזיון צלמו אומר ברוך שככה לו בעולמו: כל פעל. הכל ברא לכבודו: מותר להטמין את הצונן. מפני החמה שלא יחמו ולא גזרינן הטו הטמנה כדי שיחמו: זקן. רבי יוסי: ממלא מקום אבותיו. גדול כאביו: היה כפוף ויושב לפני רבי. מפני כבוד הנשיאות ולא היה מורה לפניו ואע"פ שגדול הימנו: כבר הורה זקן. גדלו ורבהו עליו: אטמין לי צונן. בשבת: ואייתי לי מיא וכו'. שהחם נתחום עובד כוכבים ובחול ואשמעינן דאין בהם משום בישולי עובד כוכבים:

---

פון זיין לייב די פר טריקנטע מאטעריע פון אמכה. אויב ער האט צער אז זיי ווענען אן גיקלעבט צום לייב. אבער אז ער מיינט זיך שיין צו מאכען. טאר מען ניט. ווארום אזכר טאר זיך ניט צירען. אונ אמימר מיט רב אשי האלטען אזוי וויא מיר האבען גילערנט. אמענטש דארף וואשען אלע טאג זיין פנים מיט זיינע הענט אונ זיינע פיס. ער זאל זיין שיין פאר גאט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אלץ האט גאט גימאכט פון זיין כבוד וועגין. אונ אז אמענטש וועהט אוים שיין איז אכבוד פר גאט:

רב הונא האט גזאגט רבי זאגט מען טאר ניט שבת בעהאלטען קאלטע עסין זייא זאלען ניט ווארעם ווערין פון די זוהן. פרעגט די גמרא מיר האבען דאך גילערנט אז רבי זאגט מען מעג שבת בעהאלטען קאלטע עסין זיי זאלען ניט ווארעם ווערין פון די זוהן. ענטפערט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. איידער רבי האט גיהערט פון רבי ישמעאל ברבי יוסי. האט ער גזאגט מען טאר ניט. דער נאך ווי ער האט גיהערט פון רבי ישמעאל ברבי יוסי. זאגט ער מען מעג. ווארום מיר האבען גילערנט. רבי זאגט מען טאר ניט שבת בעהאלטען קאלטע עסין זיי זאלען ניט ווארעם ווערין פון דיא זוהן. האט רבי ישמעאל ברבי יוסי גזאגט פר רבי מיין פאטער (רבי יוסי) האט גזאגט מען מעג שבת בעהאלטען קאלטע עסין זיי זאלען ניט ווארעם ווערין פון די זוהן. האט רבי גזאגט אז דער אלטער זאגט מען מעג, וועל איך ניט זאגען מען טאר ניט. פון דער צייט אן זאגט רבי אויך מען מעג. האט רב פפא גזאגט זעה ווי ליב דיא חכמים האבען איינער דעם אנדערין. ווען רבי יוסי וואלט גילעבט וואלט ער גיזעסען איינגיבויגן (אונטערטעניג) פר רבי. ווייל רבי איז גיוועזן גרעסער וויא רבי יוסי. ווארום רבי ישמעאל דער זוהן פון רבי יוסי האט דער פילט דעם ארט פון זיין פאטער (רבי ישמעאל איז גיוועזן גרוים אין לערנען אזוי וויא זיין פאטער רבי יוסי) אונ רבי ישמעאל איז גיזעסען איינגיבויגען (אונטערטעניג) פר רבי. וואלט דאך רבי יוסי אויך גיזעסען אונטערטעניג פאר רבי. פון דעסטוועגין האט רבי גזאגט אויף רבי יוסי ווייל דער אלטער האט אזוי גיפסקנט וועל איך ניט פסקנ'ן אנדערש. רב נחמן האט גזאגט צו זיין קנעכט דרי דו מעגסט שבת בעהאלטען די קאלטע עסין זיי זאלין ניט ווארעם ווערין פון דיא זוהן. אונ אוך דער וואכען מעגסטו מיר בריינגען ווארעמע וואסער וואס אקוכאר אגוי האט גיווארעמט. וויא רבי אמי האט דם גיהערט איז ער אין כעס גיווארין אויף רב נחמן. האט רב יוסף גזאגט צו רבי אמי פר וואס ביסטו אין כעס. רב נחמן האט גיטאהן אזוי ווי צוויי גרויסע לייט. איינס האט ער גיטאן אזוי וויא רב. אונ איינס אזוי ווי שמואל. שמואל זאגט מען מעג שבת בעהאלטען קאלטע עסין זיי זאלען ניט ווארעם ווערין פון די זוהן.

אונ

א"ר יוסף ס"מ איקפד כרבוותא עבד חדא כרב וחדא כשמואל דאמר (רב יהודה אדר) שמואל מותר להטמין את הצונן וכרב דאמר (רב שמואל בר רב יצחק אמר רב) כל שהוא נאכל כמ"ת שהוא חי אין בו משום בשולי עובדי כוכבים והוא סבר אדם חשוב שאני :

כרבוותא . ככר"מיו : אדם חשוב שאני . שהרואה אותו שהוא מיקל עומד ומיקל יותר : שמואל קרי אריוך ע"ש שהיה בקי בדינים ושופט כמלך השופט על הארץ לשון ריכא מ"ך : והא רב נמי אמ"ה דכיון דהוי כפרסקל ל"ש (נמי) מרדעת : שנשתנו עליו . ולא זכה ליפתח לו בעלי

## במה בהמה פרק חמישי

(דף נג) **א כי** סליק רבי זירא אשכחיה לרבי בנימין בר יפת דיתיב וקאמר ליה משמיה דרבי יוחנן נותנים מרדעת ע"ג חמור בשבת אמר ליה יישר וכן תרגמה אריוך בבבל אריוך מנו שמואל והא רב נמי אמרו אלא שמעיה דהוה כסיים ביה ואין תולין פרסקל בשבת א"ל יישר וכן תרגמה אריוך בבבל :

(ע"ב) **ב תנו** רבנן מעשה באחד שמתה אשתו והניחה בן לינק ולא היה לו שכר מניקת ליתן ונעשה לו נס ונפתחו לו דדין כב' דדי אשה והניק את בנו א"ר יוסף בא וראה כמה גדול אדם זה שנעשה לו נס כזה אמר ליה אביי אדרבה כמה גריע אדם זה שנשתנו לו סדרי (מעשה) בראשית אמר רב יהודה בא וראה כמה קשין מזונותיו של אדם שנשתנו עליו

---

אונ רב זאגט די זאך וואס ווערט גיגעסין רוי : אונ אגוי האט איר גיקאכט . איז דיא זאך ניט אסור ווייל דער גוי האט איר גיקאכט . אונ וואסער טרינקט מען דאך רוי . אונ רבי אמי זאגט אלפרן דארף ניט אזוי טאהן . ווייל איינר ועט זעהן אז רב נחמן טרינקט וואכר וואס אגוי האט גיקאכט . וועט ער מיינען אז ארץ וואס אגוי קאכט מעג מען עסין . אונ ער וועט ניט וויסען דעם אונטערשייד פון די זאך וואס ווערט גיגעסין רוי . צו די זאך וואס ווערט ניט גיגעסין רוי . ער וועט מיינען אלץ מעג מען :

## פרק חמישי

**א** כי סליק רבי זירא . אז רבי זירא איז גיקומען אין ארץ ישראל האט ער גיפונען רבי בנימין בר יפת זיצט אונ זאגט אדין פון רבי יוחנן ווענין מען מעג שבת ארויף לייגען אזאטיל אויף אאייזיל . האט רבי זירא גיזאגט צו רבי בנימין דער דין איז ריכטיג אזוי . אונ אזוי האט אריוך גזאגט אין בבל . פרעגט די גמרא אריוך איז דאך שמואל . רב זאגט דאך אויך אזוי : ענטפערט די גמרא רבי זירא האט גיהערט אז רבי בנימין לאזט אויס אבער אקארב מיט עסין טאר מען ניט אויף איינגען אויף דעם אייזיל אום שבת . האט רבי זירא גזאגט דער דין איז ריכטיג . אונ אזוי זאגט אריוך (שמואל) אין בבל . אבער רב האלט ניט אזוי . ווארום רב זאגט אז אקארב מיט עסין מעג מען אויך אויף איינגען אויף אאייזיל אום שבת :

**ב** תנו רבנן . עס איז אמאהל גישטארבען אווייב ביי אמאן אונ זיא האט גילאזין אקינד וואס האט נאך גידארפט זייגין . אונ דער מאן האט ניט גיהאט קיין געלט צוא באצאהלען פאר דעם זייגין . איז גיווארין אנס עס האבען זיך גיעפינט ביי איהם צווי בריסט אזוי ווי ביי אנקבה אונ ער האט גיזייגט זיין קינד . האט רב יוסף גיזאגט מיר קענגען זעהן ווייא גרוס דער מענטש איז אז גאט האט איהם גיטאהן אזוי אגרויסען נס . האט אביי גיזאגט צו רב יוסף פאר קערט וויא שלעכט איז דער מענטש אז מען האט גיענדערט ביי דעם מענטש די נאטור וואס איז באשאפען גיווארין אין דיא ערשטע זעקס טעג פון דער וועלט . אונ ער האט ניט זוכה גיווען ער זאל פר דינגען ער זאל קענען צאהלען אאשה זיא זאל זייגין דם קינד : האט רב יהודה גזאגט זעה ווי שווער עס איז צו געבין אמענטשין זיין שפייז . עס איז גיענדערט גיווארין בייא דעם מענטש די נאטור וואס איז באשאפען גיווארין אין די ערשטע זעקס טעג פון דער וועלט .

פתח : תדע . דקתין : דמתרתיש ניסא . מן השמים לכמה בגלות לנפשות אדם : ולא איברי מזוני . אין נס זה רגיל ביברכאו מזונות לצדיקים בביתם שימלאו חטין גדלים באוצרותיהם . : גדמת . ידה קטועה : דרכה בכך . נכבוש כל אשה עצמה וכ"ש זו בסיתה אריפה לכך ע"כ · שמכבלין . לשון כבלי ברזל שקושרין : ויקרא להן . בכ"ב עיר שנהן בלמה למירם משתעי קרא : שמכובלין . מעוטפין ומקישרין : עבידתא . מגריה של מלך : חומטין . מלחה ומתכקעת דמשתרגת בה כרעא . טובעת בה הרגל : עד כבלא . פרק התחתון פקורין קויל"א :

עליו סדרי בראשית . אמר רב נחמן תדע דמתרחיש ניסא ולא איברי מזוני . ת"ר מעשה באדם אחד שנשא אשה גדמת ולא הכיר בה עד יום מותה א"ר יוסף בא וראה כמה צנועה אשה זו שלא הכיר בה בעלה א"ל רבי חייא זו דרכה בכך אלא כמה צנוע אדם זה שלא הכיר באשתו :

(דף נד) **ג הרחלים** יוצאות כבולות מאי כבילות שמכבלים אליה שלהן למטה כדי שלא יעלו הזכרים על הנקבות מאי משמע דהאי כבול לישנא דלא עביד פרי הוה דכתיב (מלכים א ט) מה הערים האלה אשר נתת לי אחי ויקרא להם ארץ כבול עד היום הזה מאי ארץ כבול שהיו בה בני אדם שמכובלין בכסף ובזהב . א"ל רבא א"ה היינו דכתיב (שם) ולא ישרו בעיניו מפני שמכובלים בכסף וזהב לא ישרו בעיניו א"ל אין כיון דעתירי (ומפנקי) לא עבדי עבידתא ר"נ בר יצחק אמר ארץ חומטין היתה ואמאי קרו לה כבול דמשתרגא בה כרעא עד כבלא ואמרי אינשי ארעא מכבלא דלא עביד פירי :

פרתו

---

און מען האט איהם ניט געגעבן ער זאל פר דינען צו שפייזן זיין קינד דורך איין אשה זי זאל איהם זייגן . אזוי ווי די גאנצע וועלט טוהט . רב נחמן זאגט מיר זעהן אז עס איז שווער די שפייז ביי אמענטשן . וואריום ווי פיל נסים עס טרעפט צו מענטשן . און דער גם טרעפט ניט אז עס זאל בשאפען ווערין שפייז ביי דעם צדיק אין שטוב :

תנו רבנן . די רבנן האבען גירעדט עס האט אמאהל גיטראפען איינער האט גענומען אהייב וואס זי האט גיהאט נאר איין האנט . די אנדערע האנט איז גיוועזן אפ גיהאקט . און דער מאן האט ניט געוואוסט אז איר פעלט אהאנט . ביז זי איז גישטארבען . האט רב יוסף גזאגט זעה ווי פרום דיא ווייב איז גיוועזן אז דער מאן האט ניט געוואוסט אז איר פעלט אהאנט . האט רבי חייא גזאגט צו רב יוסף . דס איז נאר ניט קיין בעווייזונג אז זי איז גיוועזן פרום . וואריום זי האט גימוזט אזוי טאהן זיא זאל זיך פר דעקין פר איר מאן . ער זאל ניט זעהן אז איר פעלט אהאנט . נאר ווי פרום איז דער מאן גיוועזן און ווי ווייניג האט ער גיקוקט אפילו אויף זיין אייגענע ווייב אז ער האט ניט געוואוסט אז איר פעלט אהאנט :

ג הרחלים יוצאות כבולות . שעפסין נקבות מעגין ארויס גיין שבת כבולות . וואס איז כבולות . זאגט די גמרא מען ציהט אראפ זייער וויידיל צו די פיס . און מען בינדט אים צו די פיס . דיא שעפסין זכרים זאלען ניט מזווג זיין מיט די שעפסין נקבות . זיי זאלען ניט מעוברת ווערין . פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז אזוי אזאך וואס פון איר ווערט ניט זיין קיין פירות (אדער קינדער) הייסט כבול . ענפערט די גמרא וואריום עס שטייט אין פסוק חירם דער מלך פון צור האט גזאגט צו שלמה המלך וואס זענען די שטעט וואס דוא האסט מיר גיגעבין מיין ברודער . און ער האט גירופען די שטעט ביז היינטיגען טאג ארץ כבול . פרעגט די גמרא וואס מיינט מען ארץ כבול . זאגט דיא גמרא ווייל דיא מענטשין פון דיא שטעט זענען גיוועזן בדעקט מיט זילבער און גאלד . האט רבא גיפרעגט פר וואס שטייט אין פסוק אז דיא שטעט זענען ניט גיפעלין צו חירם . ווייל דיא מענטשין זענען גיוועזן בדעקט מיט זילבער און גאלד דריבער זענען זיי איהם ניט גיפעלין . זאגט די גמרא יא עס איז אזוי . ווייל זיי זענען גיוועזן רייך און איידיל האבען זיי ניט גיוואלט ארבעטין די פעלדער און ניט די קעניגליכע ארבעט . רב נחמן בר יצחק זאגט די ערד פון די שטעט איז גיוועזן גיזאלצען און ליים . און פאר וואס רופט מען די ערד כבול . ווייל אז מען האט גיטרעטין אויף די ערד פלעגט די פוס ארין אין

די

(ע"ב) ד' משנה פרתו של רבי אלעזר בן עזריה היתה יוצאת ברצועה שבין קרניה שלא ברצון חכמים: גמ' וחדא פרה הוה ליה והא אמר רב יהודה אמר רב תריסר אלפי עגלי הוה מעשר רבי אלעזר בן עזריה מעדריה כל שתא ושתא תנא לא שלו היתה אלא של שכנתו היתה ומתוך שלא מיחה בה נקראת על שמו. רב ורבי חנינא ורבי יוחנן ורב חביבא מתנו בכולי סדר מועד כל כי האי זוגא חלופי רבי יוחנן ומעיילי רבי יונתן כל (מי) שאפשר למחות באנשי ביתו ולא מיחה נתפס על אנשי ביתו באנשי עירו נתפס על אנשי עירו בכל העולם (כולו) נתפס על כל העולם כולו אמר רב פפא והני דבי ריש גלותא נתפסים על כולי עלמא (אמר) [כי הא דאמר] רבי חנינא מאי דכתיב (ישעיה ג) ה' במשפט יבא עם זקני עמו ושריו אם שרים חטאו (דף נה) זקנים מה חטאו אלא אימא על זקנים שלא מיחו בשרים. רב יהודה הוה יתיב קמיה דשמואל אתאי ההיא אתתא קא צווחת קמיה ולא הוה משגח בה אמר ליה לא סבר ליה מר (משלי כא) אוטם אזנו מזעקת דל גם הוא יקרא ולא יענה אמר ליה שיננא רישך בקרירי רישא דרישך בחמימי הא יתיב

מתני בכולי סדר מועד כל כי האי זוגא. מרכעה יחד: חלופי רבי יוחנן. יש שמחליפים רבי יוחנן ומעיילי רבי יונתן: נתפס. נענש על עבירות שבידו: בכל העולם. אכל ישראל כגון במלך ונשיא שאפשר לו למחות שיראין מפניו ומקיימין דבריו: זקנים. סנהדרין: רישך בקרירי.

---

די ערד ביז די קניא. און מענטשן פלעגן רופען די ערד ארעא מבבלא אערד וואס עס וואקסט ניט פון איר קיין פירות:

ד' משנה די קוה פון רבי אלעזר בן עזריה פלעגט ארויס גיין שבת מיט א פאס פאר פלאכטען צווישען די הערנער. דס איז גיוועזן ניט מיט דעם ווילען פון דיא חכמים: ווארום די חכמים זאגען אז א בהמה טאר ניט אזוי גיין אום שבת. פרעגט דיא גמרא האט דען רבי אלעזר בן עזריה גיהאט נאר איין קוה: רב האט דאך גזאגט צוועלף טויזענד קעלבער פלעגט רבי אלעזר בן עזריה געבין מעשר פון זיינע סטאדעס יעדער יאהר. ענטפערט די גמרא די קוה איז ניט גיוועזן פון רבי אלעזר בן עזריה נאר פון זיין שכנה. און וויל רבי אלעזר בן עזריה האט איר ניט גישטערט. ווערט גירופען די קוה אויף זיין נאמען:

רב און רבי חנינא און רבי יוחנן און רב חביבא האבין גילערנט [דיא זאך וואס שטייט ווייטער]. זאגט דיא גמרא אין דעם גאנצען סדר מועד וואו עס שטייט דיא פאר. נעמט מען ארויס רבי יוחנן. און מען שטעלט אריין רבי יונתן. וואס האבין זייא גילערנט: ווער עס קען שטערין זיינע שטוב מענטשין זייא זאלין ניט טאהן קיין עבירות. און ער שטערט זייא ניט. ווערט ער גישטראפט פאר די עבירות וואס זיינע שטוב מענטשין טוהען: און דער וואס קען שטערין דיא מענטשין פון זיין גאנצע שטאט זייא זאלין ניט טאהן קיין עבירות. און ער שטערט זיי ניט. ווערט ער גישטראפט פאר דיא עבירות פון דיא גאנצע שטאט. און דער וואס קען שטערין די מענטשין פון די גאנצע וועלט זייא זאלין ניט טאהן קיין עבירות. און ער שטערט זייא ניט. ווערט ער גישטראפט פאר דיא עבירות פון דיא גאנצע וועלט. רב פפא זאגט דיא מענטשין פון ריש גלותא וועלין גישטראפט ווערין פאר דיא עבירות פון דיא גאנצע וועלט פון אלע יודען). רבי חנינא זאגט וואס מיינט דער פסוק גאט וועט האבין א משפט מיט דיא אלטע לייט פון זיין פאלק און מיט די שרים. אויב דיא שרים האבין גזינדיגט וואס האבין גזינדיגט דיא אלטע לייט. נאר דיא אלטע לייט האבין גזינדיגט פאר וואס זייא האבין ניט גישטראפט די שרים זייא זאלען ניט זינדיגען: רב יהודה איז גיזעסין פאר שמואל איז גיקומען א אשה און האט געשריגען פאר אים. און ער האט ניט גיוואלט הערין וואס זיא שרייט. האט רב יהודה גיזאגט צו שמואל האלסטו דען ניט דעם פסוק אז איינער פארמאכט זיין אויער ער זאל ניט הערין די געשרייא פון ארעם מאן. אז ער וועט רופין צוא גאט. וועט גאט אים אויך ניט ענטפערין. האט שמואל גיזאגט צוא רב יהודה, דוא למדן. דיין רבי וועט ניט אפ געברית ווערין

יתיב מר עוקבא אב בית דין דכתיב (ירמיה כא) בית דוד כה אמר ה' דינו לבקר משפט והצילו וגו' אמר ליה רבי זירא לרבי סימון לוכחינהו מר להני דבי ריש גלותא אמר ליה לא מקבלי מינאי. אמר ליה אף על גב דלא מקבלי לוכחינהו מר דאמר רבי אחא ברבי חנינא מעולם לא יצתה מדה טובה מפי הקב"ה וחזר בה לרעה חוץ מדבר זה דכתיב (יחזקאל ט) ויאמר ה' אלי עבור בתוך העיר והתוית תיו על מצחות האנשים הנאנחים והנאנקים על כל התועבות הנעשות וגו' אמר לו הקב"ה לגבריאל לך ורשום על מצחן של צדיקים תיו של דיו שלא ישלטו בהם מלאכי חבלה ועל מצחם של רשעים תיו של דם כדי שישלטו בהם מלאכי חבלה אמרה מדת הדין לפני הקב"ה רבונו של עולם מה נשתנו אלו מאלו אמר לה הללו צדיקים גמורים והללו רשעים גמורים אמרה לפניו רבונו של עולם היה בידם למחות ולא מיחו. אמר לה גלוי וידוע לפני שאם מיחו בהם לא יקבלו מהם. אמרה לפניו רבונו של עולם אם לפניך גלוי

להם

אני באני רבך אימי נכוה אבל מר עוקבא שהיה ראש
בית דין אב ב"ד יכוה בחמין: דכתיב בית דוד
וגו'. לא ענש אלא מי שבידו לשפוט: חוץ מדבר
זה. שנאמר במקרא זה שיצאה דבור לטובה
ומפי עליון הוכח חזר בו: והתוית תיו על מצחות
האנשים הנאנחים והנאנקים על כל התועבות
הנעשות בתוכה. אלו צדיקים: שלא ישלטו בהם
מלאכי חבלה. שאני רוצה לבלות בעיר: כיון
דכתיב. מעיקרא ועל כל איש אשר עליו התיו אל

---

-יערין. אזוי וויא מען ווערט ניט אפ געבריט פון קאלטע וואסר. אבער דער רבי פון דיין רבי וועט אפ געבריט ווערען אזוי וויא מען ווערט אפ געבריט פון הייסע וואסער. דאס מיינט מען איך וועל ניט געשטראפט ווערין. נאר מיין רבי וועט יא געשטראפט ווערין. מיין רבי מר עוקבא וואס ער איז דער גרעסטער פון בית דין זיצט דאך אויך דא. אינ ער הערט וויא דיא אשה שרייט. פאר וואס ענטפערט ער איר ניט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. גאט האט גיזאגט צו די משפחה פון דוד המלך אלע פריה מארגען זאלט איר משפטין דאס פאלק. האט גאט נאר גיבאטין אויף דעם משפט צו דיא גרויסע דיינים. אבער ניט צו די קליינע דיינים: רבי זירא האט גיזאגט צוא רבי סימון ער זאל שטראפען דיא מענטשין פון ריש גלותא. האט רבי סימון גיזאגט זייא וועלען ניט אן נעמען מיינע שטראפונג. האט רבי זירא גיזאגט אפילו זייא וועלען ניט אן נעמען דיא שטראפונג פון דעסט וועגען זאלסטו זייא שטראפען. ווארום רבי אחא ברבי חנינא האט גיזאגט עס האט קיין מאהל ניט גיטראפען אז גאט זאל צוא זאגין איינעם גוטס צו טאהן. אונ דער נאך זאל ער חרטה האבין אונ ער זאל אים שלעכטס טאהן. נאר אויף די עבירה וואס איינער שטראפט ניט דעם אנדערין. אפילו גאט האט דעם מענטשין צו גיזאגט גוטס צו טאהן. האט גאט חרטה אונ ער טוהט אים שלעכטס; ווארום עס שטייט אין פסוק. גאט האט גיזאגט צו מיר גייא דורך אין דיא שטאט אונ זאלסט מאכען אצייכען אויף דיא שטערינס פון דיא מענטשען וואס זיפצען אונ שרייען אויף דיא אלע מיאוסע זאכין וואס עס ווערט גיטאהן. גאט האט גיזאגט צום מלאך גבריאל גייא אונ שרייב אצייכען אויף די שטערינס פון דיא צדיקים. אתיו מיט טינט. אז דיא מלאכי חבלה זאלין ניט גיוועלטיגען אויף זייא צוא שטראפען זייא; אונ אויף דיא שטערינס פון דיא רשעים זאל ער שרייבין אתיו מיט בלוט. די מלאכי חבלה זאלען אויף זייא יא גיוועלטיגען צו שטראפען זייא. האט דער מדת הדין גיזאגט פאר גאט. רבונו של עולם פאר וואס זאלען זיין גיענדערט די מענטשין פון די מענטשין. פאר וואס זאלין דיא מענטשין גישטראפט ווערין אונ די מענטשין זאלין ניט גישטראפט ווערין. האט גאט גיזאגט צוא דעם מדת הדין. דיא זענען ריכטיגע צדיקים. אונ די זענען ריכטיגע רשעים. האט דער מדת הדין גיזאגט פאר גאט. רבונו של עולם. די האר פון דיא גאנצע וועלט. דיא צדיקים האבין גידארפט שטראפין דיא רשעים. אונ זייא האבין ניט גישטראפט. האט גאט גיזאגט צום מדת הדין איך ווייס אז אפילו דיא צדיקים וואלטין זייא גישטראפט. וואלטין זייא ניט אן גינומען דיא שטראף. אונ זייא וואלטען ניט בעסר גיווארען. האט דער מדת הדין גיזאגט פאר גאט. רבונו של עולם. דוא ווייסט טאקי אז דיא רשעים וואלטען ניט

אן

להם מי גלוי והיינו דכתיב (שם) זקן בחור ובתולה טף ונשים תהרגו למשחית ועל כל איש אשר עליו התי"ו אל תגשו וממקדשי תחלו וכתיב (שם) ויחלו באנשים הזקנים אשר לפני הבית תני רב יוסף אל תקרי ממקדשי אלא ממקודשי. אלו בני אדם שקיימו את התורה מאל"ף ועד תי"ו ומיד והנה ששה אנשים באים מדרך (שער) העליון אשר מפנה צפונה ואיש כלי מפצו בידו ואיש אחד בתוכם לבוש הבדים וקסת הסופר במתניו ויבאו ויעמדו אצל מזבח הנחשת. מזבח הנחשת מי הוה אמר לו הקב"ה התחילו ממקום שאומרים שירה לפני. ומאן נינהו ששה אנשים אמר רב חסדא קצף אף וחמה ומשחית ומשבר ומכלה ומאי שנא תיו (א"ר) תיו תחיה תיו תמות ושמואל אמר תמה זכות אבות ורבי יוחנן אמר תחון זכות אבות. ור"ל אמר תיו סוף חותמו של הקב"ה דאמר רבי חנינא חותמו של הקב"ה אמת (אמר) רבי שמואל בר נחמני אלו בני אדם שקיימו כל התורה כולה מאל"ף ועד תי"ו. כאימתי תמה זכות אבות. אמר רב מימות הושע בן בארי. שנאמר (הושע ב)
אגלה

הגשו ולבסוף וממקדשי תחלו : ממקודשי. שאדם לקטרוג מדת הדין וחזר בו מן הטוב : מי הוה. מזבח הנחשת בימי יחזקאל והלא שלמה גנזו ועשה מזבח האבנים של ל"ב אמה דכתיב כי מזבח הנחשת אשר לפני ה' קטן מהכיל כאדם האומר לחבירו ננס פלוני ופסול לעבודה : ממקום שאומרים שירה. מן הלוים שאומרים שיר בכלי נחשת : תי"ו המנוה לרשעים : חותמו של הקב"ה אמת. אמצעית לאותיות ולהם ; ואחרון על שם אני ראשון ואני אחרון ומבלעדי כוה : אלו בני אדם וכו'. ותי"ו סימן להשקיימו

---

אין גינומען דיא שטראף פון דיא צדיקים. אָבער דיא צדיקים ווייסין דאס ניט. האבין זייא גידארפט טאהן וואס צו זייא גיהער אונ שטראפען. איצט איז רעכט וואס אין פסוק שטייט אַאַלטין אונ איונגען אונ אַבתולה אונ קליינע קינדר אונ ווייבער אַלע זאלט איר הרגנן צום פארדארבין. אונ דיא אלע מענטשין וואס אויף זייא איז דער צייכין פון לעבען. צו זייא זאלט איר ניט גינעגען. זייא זאלט איר ניט הרגנן. דאס איז גיוועזן פריער איידער דער מדת הדין האט מקטרג גיוועזן. דער נאך שטייט אין פסוק וממקדשי תחלו. נאך שטייט אין פסוק זייא האבען אן גיהויבען צו הרגנן דיא אלטע מענטשין וואס זענען גישטאנען פאר דעם בית המקדש. אונ רב יוסף האט גילערונט זאלסט ניט לייענען "ממקדשי תחלו" נאר זאלסט לייענען ממקודשי תחלו. פון מיינע היילינע זאלט איר אן הייבען צו הרגנן. דאס מיינט מען די מענטשין וואס האבען מקיים גיוועזן די גאנצע תורה פון אלף ביז תיו. אונ באלד זענען גיקומען זעקס מענטשין פון די וועג וואס מען גייט צום אויבערשטען טויער וואס ער איז אין צפון זייט. אונ יעדער מענטש פון די זעקס מענטשין האט גיהאלטען אין האנט כלים צום הרגנן. אונ איין מענטש איז גיוועזן צווישען זייא גיקליידעט אין לייניוואנדענע קליידער. אונ אפעדער פון אשרייבער האט גישטעקט אין זיינע לענדען. אונ זייא זענען גיקומען אונ האבען זיך גישטעלט בייא דעם קופערנעם מזבח. פרעגט די גמרא אין די צייט פון יחזקאל הנביא איז דאך ניט גיוועזן קיין קופערנער מזבח. ענטפערט דיא גמרא גאט האט גיזאגט צו דעם מענטש איר זאלט אנהייבין הרגנן פון דיא מענטשין וואס שטייען אויף דעם ארט וואס מען זאגט פאר מיר שירה וואס מען שפילט מיט קופערנע כלים. זאגט די גמרא ווער זענען די זעקס מענטשין. האט רב חסדא גיזאגט דאס זענען זייא. קצף אף חמה משחית משבר מכלה. דער נעם פון גאט וואס ער פארדארבט אונ צוברעכט אונ פארלענדט. פרעגט דיא גמרא פאר וואס האט מען געשריבען צה"יו. האט רב גיזאגט ת מאכט תחיה. אונ ת מאכט תמות. אונ שמואל זאגט ת מאכט "תמה זכות אבות". זכות אבות האט זיך אויסגילאזט. אונ רבי יוחנן זאגט ת מאכט "תחון זכות אבות" גאט וועט אויף אייך רחמנות האבען דורך דעם זכות פון דיא אבות. אונ ריש לקיש זאגט דער לעצטער אות פון דיא חתימה פון גאט. איז אמת. ווארום רבי חנינא האט גיזאגט דיא חתימה פון גאט איז. אמת. רבי שמואל בר נחמני זאגט דער ת איז אסימן אז דיא מענטשין האבען מקיים גיוועזן דיא גאנצע תורה פון א ביז ת. פרעגט דיא גמרא ווען האט זיך אויס גילאזט דער זכות פון די אבות. רב זאגט אין די צייט פון הושע בן בארי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק.
גאט

אגלה את נבלותה לעיני מאהביה ואיש לא יצילנה מידי. ושמואל אמר מימי חזאל שנאמר (מלכים ב יג) וחזאל מלך ארם לחץ את ישראל כל ימי יהואחז וכתיב (שם) ויחן ה' אותם וירחמם ויפן אליהם למען בריתו את אברהם יצחק ויעקב ולא אבה השחיתם ולא השליכם מעל פניו עד עתה ור"י בן לוי אמר מימי אליהו שנאמר (שם א יח) ויהי בעלות המנחה ויגש אליהו הנביא ויאמר ה' אלהי אברהם יצחק וישראל היום יודע וגו'. ורבי יוחנן אמר מימי חזקיהו שנאמר למרבה המשרה ולשלום אין קץ על כסא דוד ועל ממלכתו להכין אותה ולסעדה במשפט ובצדקה מעתה ועד עולם קנאת ה' צבאות תעשה זאת (ישעיה ט):

**ה אמר** רבי אמי אין מיתה בלא חטא ואין יסורין בלא עון. אין מיתה בלא חטא דכתיב (יחזקאל יח) הנפש החוטאת היא תמות. אין יסורין בלא עון דכתיב (תהלים פט) ופקדתי בשבט פשעם ובנגעים עונם

פירוש

אם בשורה מראש ועד סוף: ואיש לא יצילנה. שאין עוד זכות לאבות שתכלום: ויפן אליהם למען בריתו את אברהם וגו'. ולא השליכם מעל פניו עד עתה. אבל מכאן והילך השליכם ולא פנה אל זכות ברית אבות: אלהי אברהם יצחק וישראל היום יודע. שאתה זוכר ברית אברהם יצחק וישראל מדקאמר היום יודע ותו לא מכלל דתמה וע"י תמים הוזכרה להם בימי חזאל: בימי חזקיהו. וכתיב מעתה ועד עולם קנאת ה' צבאות תעשה זאת ולא זכות אבות:
בלא חטא. החטא של אדם גורם לו מיתה: בשבט ובנגעים. היינו יסורין ודקאמר שאין באין אלא

---

גאט זאגט: איך וועל אויפדעקן איר שאנד פאר די אויגען פון די מענטשען וואס זיא האט זייא ליב געהאט; אונ קיין מענטש (אפילו די אבות) וועלין איר ניט מציל זיין פון מיין האנט. אונ שמואל זאגט אין די צייט פון חזאל האט זיך אויס געלאזין דער זכות פון די אבות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק: חזאל דער מלך פון ארם האט צו נעדריקט די יודען אין די גאנצע צייט וואס יהואחז איז געוועזן מלך. אונ נאך שטייט אין פסוק גאט האט רחמנות געהאט אויף דיא יודען. אונ ער האט זיך געקערט צו זיי. פון וועגין דעם ברית (דעם פערבינדונג) וואס ער האט געהאט מיט אברהם אונ יצחק אונ יעקב. אונ ער האט זיי ניט געוואלט פארדארבען; אונ ער האט זיי ניט אוועק געווארפען פון זיך ביז איצט. (אבער פון איצט אונ ווייטער האט זיך אויס געלאזט דער זכות פון די אבות. אונ ער וועט זייא אוועק ווארפען. ביז זייא וועלין האבען זייער אייגענעם זכות). רבי יהושע בן לוי זאגט אין די צייט פון אליהו הנביא האט זיך אויס געלאזין דער זכות פון די אבות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק: אז דיא מנחה איז אויף געגאנגען האט אליהו הנביא גענענט אונ האט געזאגט גאט פון אברהם אונ יצחק אונ יעקב היינט זאל דער וואוסט ווערין אז דוא ביסט א גאט ביי דיא יודען (ווייל ער האט געבעטין היינט זאל דער וואוסט ווערין. פאר שטייט מען אז דער זכות אבות האט זיך שוין אויס געלאזט. נאר אליהו הנביא האט תפלה געטאהן אז דאס איינע מאהל זאל נאך גאט דער מאנען דעם זכות פון דיא אבות): רבי יוחנן זאגט אין דיא צייט פון חזקיהו המלך האט זיך אויס געלאזט דער זכות פון די אבות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. צו מערין דיא געוועלטיגקייט אונ דעם שלום אן אסוף. אויף דיא שטוהל פון דוד אונ אויף זיין קעניגרייך. אז צו בפעסטען זיא אונ צו שטיצען איר מיט משפט אונ מיט צדקה. פון איצט ביז אייביג וועט דאס טאהן דיא קנאה פון גאט. אבער ניט דער זכות פון דיא אבות. (ווארום דער זכות פון דיא אבות האט זיך שוין אויס געלאזין):

**ה** רבי אמי זאגט א מענטש שטארבט ניט אז ער האט ניט קיין חטא. אונ עס קומט ניט יסורים אויף א מענטש אז ער האט ניט קיין עון (אז מען טוהט אעבירה אומגערין. הייסט חטא. אונ אז מען טוהט אעבירה מיט דעם גאנצען ווילען. הייסט עון); פון וואנען ווייסען מיר אז מען שטארבט ניט אן א חטא. ווארום עס שטייט אין פסוק די נשמה וואס וועט האבען א חטא זיא וועט זינדיגען בשוגג (אומגערין) זיא וועט שטארבען. (אבער אז זיא וועט ניט זינדיגען וועט זי ניט שטארבען). אונ פון וואנען ווייסען מיר אז עס קומט ניט יסורים אן א עון. ווארום עס שטייט אין פסוק איך וועל זיי שטראפען מיט א רוט אויף זייערע פשעים. אונ יעל זייא

שטראפען

עונם (ע"ב) מיתיבי אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבש"ע מפני מה קנסת מיתה על אדם הראשון אמר להם מצוה קלה צויתיו ועבר עליה. (אמרו ליה) והלא משה ואהרן שקיימו כל התורה כולה ומתו אמר להם (קהלת ט) מקרה אחד לצדיק ולרשע לטוב וגו'. הוא דאמר כי האי תנא דתניא ר"ש בן אלעזר אומר אף משה ואהרן בחטאם מתו שנאמר (במדבר כ) יען לא האמנתם בי הא האמנתם בי עדיין לא הגיע זמנכם ליפטר מן העולם מיתיבי ד' מתו בעטיו של נחש ואלו הן בנימין בן יעקב ועמרם אבי משה וישי אבי דוד וכלאב בן דוד וכלהו גמרא לבר מישי אבי דוד דמפרש ביה קרא דכתיב (שמואל ב' י"ז) ואת עמשא שם אבשלום תחת יואב על הצבא ועמשא בן איש ושמו יתרא הישראלי אשר בא אל אביגיל בת נחש אחות צרויה אם יואב וכי בת נחש הואי והלא בת ישי הואי דכתיב (ד"ה א) ואחיותיהם צרויה ואביגיל אלא בת מי שמת בעטיו של נחש מני אילימא תנא דמלאכי השרת והלא איכא משה ואהרן. אלא

מ"ס פקידת עון: בעטיו של נחש. בעצתו של נחש שהסית לחוה ולא בחטא אחרת אלא חטא זה. בעטו. כמו עיטא וטעם: ואחיותיהם. בנות ישי

שטראפען מיט נגעים אויף זייערע עונות וארום מיט נגעים מיינט מען יסורים). אבער אז מען זועט ניט האבען קיין פעהלער מיט עונות. וועט מען ניט האבען קיין יסורים. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט. די מלאכים האבען געזאגט פאר גאט. רבונו של עולם פאר וואס האסטו געקנסט מיתה אויף אדם הראשון. האט גאט געזאגט צו די מלאכים איך האב אים געבאטען אגרינגע מצוה. און ער האט ניט געהאלטען די מצוה. האבען די מלאכים געזאגט פאר גאט משה און אהרן האבען דאך מקיים געוועזען די גאנצע תורה. פאר וואס זענען זיי געשטארבען. האט גאט געזאגט צו די מלאכים. עס איז איין טרעפונג צום צדיק און צום רשע. בייידע מוזען שטארבען. זעהן מיר דאך אז אן אחטא שטארבט מען אויך. איז דאך אקשיא אויף רבי אמי. ענטפערט די גמרא רבי אמי זאגט וויא דער תנא. ווארום מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט משה און אהרן זענען אויך געשטארבען פאר זייער חטא. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ווייל איר האט מיר ניט געגלויבט צו הייליגען מיך ביי די וואסער. דריבער וועט איר שטארבען אבער אז איר וואלט מיר יא געגלויבט וואלט נאך ניט געקומען אייער צייט איר זאלט אוועק גיין פון דער וועלט. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט פיר מענטשין זענען געשטארבען אן אעבירה. נאר דורך די עצה פון שלאנג וואס ער האט אן גירעט חוה זיא זאל עסין פון עץ הדעת. האט גאט גוזר געוועזען אויף אלע מענטשין זיי זאלען שטארבען. דאס זענען דיא פיר מענטשין בנימין בן יעקב. און עמרם דער פאטער פון משה רבינו. און ישי דער פאטער פון דוד המלך. און כלאב דער זוהן פון דוד המלך. דיא אלע דריי מענטשין האבען מיר געלערנט אויס וויינג אז זיי זענען געשטארבען אן אעבירה. אויסער ישי דער פאטער פון דוד שטייט אין פסוק אז ער איז געשטארבען אן אעבירה. ווארום עס שטייט אין פסוק אבשלום האט געמאכט עמשא זאל זיין אעלצטער איבער דעם חיל. אויף דעם ארט פון יואב און עמשא איז געוועזען דער זוהן פון אמענטש וואס האט געהייסען יתרא הישראלי וואס ער איז געוועזען ביי אביגיל דיא טאכטער פון נחש די שוועסטער פון צרויה די מוטער פון יואב. פרעגט דיא גמרא איז דען אביגיל געוועזען דיא טאכטער פון נחש. זיא איז דאך געוועזען די טאכטער פון ישי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די שוועסטער (די טעכטער פון ישי) זענען געוועזען צרויה און אביגיל. נאר אזוי מיינט מען אביגיל איז געוועזען די טאכטער פון דעם מענטש וואס ער איז געשטארבען דורך די עצה פון נחש. פרעגט די גמרא וועער האט געלערנט די ברייתא וואס פיר זענען געשטארבען אן אעבירה). זאלען מיר זאגען דער תנא וואס האט געלערנט דיא רייד פון דיא מלאכים (וויא פריער שטייט). דער תנא זאגט דאך אז משה און אהרן זענען אז די געשטארבען אן אעבירה. דארף מען דאך רעכענען זעקס מענטשין זענען געשטארבען אן אעבירה

אעבירה

מסייעי: אלא לאו רבי שמעון בן אלעזר. דאמר משה ואהרן בחטאם מתו ומודה נמי: כל האומר ראובן חטא. במעשה בלהה: דכתיב. בסמוך קרא ויהיו בני יעקב וגו' להודיע שכלן שלא חטאו: ויבא חטא זה לידו. ויגזור הקב"ה שיהו בניו מן המקללים. כיון הרב לדקדק עד מפיקי: אחת של שכינה. כך היה יעקב עושה בכל אהלי נשיו מעמיד מטה לשכינה ובאותו אהל שהוא רואה בו שכינה הוה בא וגן אותו הלילה: אצלה. אותו שם שעלה על יצועי דהיינו שכינה מדלא כתיב יצועי עלית. עשה אחר עד שלא נכנס אחר:

אלא לאו רבי שמעון בן אלעזר היא וש"מ יש מיתה בלא חטא ויש יסורין בלא עון ותיובתא דרבי אמי תיובתא:

ו **אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל האומר ראובן חטא אינו אלא טועה שנאמר (בראשית לה) ויהיו בני יעקב שנים עשר מלמד ששקולים כאחד אלא מה אני מקיים (שם) וישכב את בלהה פילגש אביו מלמד שבלבל מצעו של אביו ומעלה עליו הכתוב כאילו שכב את בלהה. תני רשב"א אומר מוצל אותו צדיק מאותו עון ולא בא מעשה זה לידו אפשר עתיד זרעו לעמוד על הר עיבל ולומר (דברים כז) ארור שוכב עם אשת אביו ויבא חטא זה לידו אלא כה אני מקיים וישכב את בלהה פילגש אביו עלבון אמו תבע אמר אם אחות אמי היתה צרה לאמי שפחת אחות אמי תהא צרה לאמי עמד ובלבל את מצעה. אחרים אומרים ב' מצעות בלבל אחד (אחת) של שכינה וא' (ואחת) של אביו. והיינו דכתיב (שם מט) אז חללת יצועי עלה א"ת

יצועי

---

אַעֲבֵירָה. נאר געווים האט דאס גילערונט רבי שמעון בן אלעזר וואס ער זאגט אז משה אונ אהרן זענען אויך געשטארבען פאר אַעֲבֵירָה. אָבער דיא פיר זענען געווים געשטארבען אן אַעֲבֵירָה. זעהן מיר דאך אז אן אחטא שטארבט מען אויך. אונ אן אַעון קומט אויך יסורים. איז דאך אַקשיא אויף רבי אמי. בלייבט אַקשיא:

ו רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגען דער וואס זאגט ראובן האט געזינדיגט מיט בלהה האט ער אַטעות. ווארום אין פסוק שטייט דיא קינדער פון יעקב זענען גיוועזן צוועלף. דער פסוק לערונט אונז אז אלע קינדער זענען גיוועזן גלייך. אלע האבען ניט געזינדיגט. נאר וואס דען שטייט אין פסוק אויף ראובן אז ער איז גילעגין מיט בלהה די פילגש פון זיין פאטער. מען מיינט ער האט צו מישט דעם גילעגער פון זיין פאטער ווארום די בעט פון יעקב איז אייביג געשטאנען אין דעם גיצעלט פון רחל. אונ אז רחל איז געשטארבען האט יעקב גישטעלט זיין בעט אין דעם גיצעלט פון בלהה. האט ראובן גזאגט די דינסט פון מיין מוטערס שוועסטער זאל זיין בעסער וויא מיין מוטער. האט ער גענומען די בעט פון יעקב אונ האט איר גישטעלט אין דעם גיצעלט פון זיין מוטער לאה. רעכנט איהם דער פסוק אז די עבירה איז אזוי גרויס גלייך ווי ער האט גילעגין מיט בלהה. מיר האבען גילערונט רבי שמעון בן אלעזר זאגט דער צדיק (ראובן) איז ריין פון דיא עבירה. אונ דיא מעשה איז נאר ניט גיקומען צו איהם. ווארום איז דען מעגליך זיינע קינדער זענען גיוועזן אן גיבערייט צו שטיין אויף דעם בארג עיבל אונ זאגען פארפלוכט זאל זיין דער וואס וועט ליגען מיט זיין פאטערס ווייב. וועט ער מאכן אזוי אַעֲבֵירָה. נאר וואס דען שטייט אין פסוק ער איז גילעגין מיט בלהה דיא פילגש פון זיין פאטער. נאר מען מיינט ער האט גימאנט דיא חרפה פון זיין מוטער. אונ ער האט גזאגט אויב די שוועסטער פון מיין מוטער איז גיוועזן אַצָרָה צו מיין מוטער. די דינסט פון מיין מוטערס שוועסטער זאל אויך זיין אַצָרָה צו מיין מוטער. איז ער גיגאנגען אונ האט צו מישט די גילעגערס ווער האט אריין גישטעלט דיא בעט פון יעקב אין דעם גיצעלט פון זיין מוטער לאה. אנדערע זאגען צוויי בעטין האט ראובן פאר מישט איין בעט פון די שכינה אונ איין בעט פון זיין פאטער ווארום יעקב אבינו האט גיהאט פיר גיצעלטין צו זיינע פיר ווייבער. אונ אין יעדער גיצעלט האט ער גישטעלט אַבעט פאר דיא שכינה. אונ אין דעם גיצעלט וואס ער האט גיזעהן דיא שכינה אויף דעם בעט. אין דעם גיצעלט האט ער גינעכטיגט דיא נאכט. דריבער איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק דוא האסט פאר שעמט יצועי עלה. זאלסט ניט לייענען יצועי. מיין בעט. נאר זאלסט לייענען יצועי. מיינע צוויי בעטין. די בעט פון

יצועי אלא יצועיי. כתנאי (שם) פחז כמים אל תותר ר"א אומר פזת חבת זלת. ר' יהושע אומר פסעת על דת חטאת זנית ר"ג אומר פללת חלת זרחה תפלתך. אר"ג עדיין צריכין אנו למודעי ר"א המודעי אומר הפוך את התיבה ודורשה זעזעת הרתעת פרחה חטא מסך רבא אמר ואמרי לה רבי ירמיה בר אבא זכרת עונשו של דבר חלית עצמך חולי גדול פירשת מלחטוא:

ז **אמר** ר' שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל האומר בני עלי חטאו אינו אלא טועה שנאמר (שמואל א א) ושם שני בני עלי חפני ופנחס כהנים לה'. סבר לה כרב דאמר פנחס לא חטא מקיש חפני לפנחס מה פנחס לא חטא אף חפני לא חטא. אלא מה אני מקיים (שם ב) אשר ישכבון את הנשים מתוך ששהו את קיניהן שלא הלכו אצל בעליהן מעלה עליהם הכתוב כאילו שכבום. גופא אמר רב פנחס לא חטא שנאמר (שם יד) ואחיה בן אחיטוב אחי אי כבוד בן פנחס בן עלי כהן ה' וגו' אפשר חטא

בא

מיעד היתה שכינה מצויה באהלו לדיקה: פחז. נוטריקון: כזת. לשון עמא פזיזא: פזת. פבאית בעצמך וחטאת: זלת. זלזלת: פללת. להגלל מן החטא: חלת. (כמו) ויחל משה: ועזעת. יראת להטא לר"א ורבי יהושע חטא לרבן גמליאל ולמודעי נקט להטא ולא חטא: חלית חולי גדול. להתאפק לכפות (לכבוש) יצרך:

כל האומר בני עלי חטאו. באשה איש: אינו אלא טועה. ומיהו בבזיון קדשים חטאו: דאמר רב. לקמן במעתין פנחס לא חטא וילף לה מקרא ורבי יונתן יליף לה להפני מהאי קרא דמקיש חפני לפנחס: ששהו את קיניהן. שהיו מסרבין להקריב בום קרבן אלא בקושי וכשבאות הזבות והיולדות להקריב את קיניהן והם היו משהין מלהקריבם והנשים לא היו יכולות לבתוך עליהם מיקריבום והיו שוהות שם ולא היו חוזרות אצל בעליהן עד (שהרהו) [שראו] קיניהן קרבין והיו טהורות לקדשים וליכנס לעזרה לפיכך מעלה עליהם כאילו שכבום שהיו מונעין אותן מפריה ורביה: פנחס לא חטא. באשת איש דאשר ישכבון את הנשים אינו אלא חפני לבדו: ואחיה בן אחיטוב ונומר כהן ה'. בשילה נושא אפוד הרי שמייחסו לגנאי ומזכיר עליו שם פנחס אבי אביו: אפשר בא

די שכינה אונ די בעט פון יעקב. זאגט דיא גמרא תנאים קריגען אין די זאך. עס שטייט אין פסוק פחז כמים אל תותר. רבי אליעזר זאגט דער ווארט פחז מאכט פזת דוא האסט גיאיילט חבת דוא האסט פר שולדיגט זלת דוא האסט פאר שעמט. רבי יהושע זאגט דער ווארט פחז מאכט פסעת על דת דוא האסט איבער גיטרעטין דעם דין חטאת האסט געזינדיגט זנית דוא האסט מזנה גיוועזן. רבן גמליאל זאגט דער ווארט פחז מאכט פללת דוא האסט גיטראכט דוא זאלסט אפ געהיט ווערין פון דיא עבירה חלת דוא האסט גימאהט תפלה צוא גאט זרחה תפלתך דיין תפלה האט גישיינט. זיא איז אן גינומען גיווארין. רבן גמליאל האט גיזאגט מיר דארפן נאך הערין וואס רבי אליעזר המודעי זאגט. רבי אליעזר המודעי זאגט דעם ווארט פחז זאלסטו דרשנן פאר קערט. פריער די ז. דער נאך דיא פ. דער נאך דיא ח. זעזעת הרתעת: דו האסט געציטערט צו טאהן אעבירה פרחה חטא ממך איז אוועק גיפלויגען דיא עבירה פון דיר. רבא האט גיזאגט. אונ אנדערע זאגען רבי ירמיה בר אבא האט גיזאגט דער ווארט פחז מאכט זכרת עונשו של דבר דוא האסט דיך דער מאנט דעם שטראף פון דיא עבירה חלית עצמך חולי גדול האסטו דיך שטארק קראנק גימאכט איין צו האלטען דעם יצר הרע פירשת מלחטוא אונ דוא האסט דיך אפ גישיידט פון צו זינדיגען:

ז רבי שמואל בר נחמני האט גיזאגט פון רבי יונתן'ס וועגין דער וואס זאגט די קינדער פון עלי האבען געזינדיגט האט ער אטעות. ווארום עס שטייט אין פסוק דארט זענען גיוועזן דיא צוויי קינדער פון עלי חפני אונ פינחס זייא זענען גיוועזן כהנים צו גאט. אונ ער האלט אזוי וויא רב. וואס רב זאגט פינחס האט ניט געזינדיגט. אונ מיר גלייכען חפני צו פנחס. אזוי ווי פינחס האט ניט געזינדיגט. אזוי האט חפני אויך ניט געזינדיגט. פרעגט דיא גמרא אין פסוק שטייט דאך אז זייא פלעגין ליגען מיט די ווייבער וועלכע פלעגין ברייגען זייערע קרבנות אין משכן. ענטפערט דיא גמרא ווייל זיי פלעגין אויף האלטען די קרבנות וואס די ווייבער האבען גיבראכט. אונ זייא האבען דיא קרבנות ניט מקריב גיוועזן דעם זעלבינגען טאג. נאר אויף מארגין. דער ווייל האבען דיא ווייבער ניט גיקענט גיין די נאכט צו זייערע מאנען. רעכינט אויף זיי דער פסוק די עבירה גלייך וויא זייא וואלטען גילעגין מיט די ווייבער. זאגט דיא גמרא פריער איז גישמועסן רב זאגט פנחס האט ניט געזינדיגט. ווארום עס שטייט אין פסוק ואחיה בן אחיטוב אחי אי כבוד בן

פנחס

בא לידו והכתוב מיחסו והלא כבר נאמר (מלאכי ב) יכרית ה' לאיש אשר יעשנה (וגו' לא יהיה לו) ער ועונה מאהלי יעקב ומגיש מנחה לה' צבאות אם ישראל היא לא יהיה לו ער בחכמים ולא עונה בתלמידים ואם כהן הוא לא יהיה לו בן מגיש מנחה. אלא לאו ש"מ פנחס לא חטא אלא הא כתיב (שמואל א ב) אשר ישכבון ישכבן כתיב. והכתיב (שם) אל בני כי לא טובה השמועה. אמר ר"נ בר יצחק בני כתיב. והכתיב מעבירים. א"ר הונא בריה דרב יהושע מעבירם כתיב. והכתיב (שם) בני עלי בני בליעל מתוך שהיה לו לפנחס למחות בחפני ולא מיחה מעלה עליו הכתוב כאילו חטא:

(דף נו) **ה אמר** ר"ש בר נחמני אמר רבי יונתן כל האומר בני שמואל חטאו אינו אלא טועה שנאמר (שמואל א ח) ויהי כאשר זקן שמואל וגו' ולא הלכו

לתאניהם

הטא לידו והכתוב מיחסו. לשנא ואת בן נמ מיחסו לאחריו: והכתיב גבי עבירה דמלאכים: יכרת ה' לאיש וגו'. והאי קרא נבא על הכותית ועל כהונה משתעי כדדרשינן ליה באלו הן הנשרפים דכתיב לעיל מיניה כי חלל יהודה קדש ה' אשר אהב ובעל בת אל נכר ודרשינן כי חלל יהודה קדש ה' זה כהן וכן הוא אומר לא תביא קדשה וגו': ער. חריף להבין ולהורות בין התלמידים כדאמרינן בעירובין אהרמת ארמית: ואם כהן הוא וכו'. וכאן מיהם כהן מגיש מנחה אחר פנחס: והכתיב אל נא כי לא טובה השמועה אשר אנכי שומע מעבירים עם ה'. אביהם היה מוכיחם: והא כתיב מעבירים אמר רב הונא בריה דרב יהושע מעבירים כתיב. קשה בעיני שם התלמיד המוכר כאן כי אומר אני שטעות גדול הוא ולא גרס לה לאי מילתא שהרי בספרים מוגהים כתיב מעבירים וגם במסורה הגדולה במקום שמונין שם כל סמיכות (שכתוב כתן יו"ד דלא קריין) [דלא כתיב כתן יו"ד וקריין] ולא נמנה זה והסם מנויין על פי המסורת וזו הינה קריאה דהאי מעבירים לאו לשון עבירה היא אלא מלשון ויעבירו קול במחנה והכי קאמר לכו לא טובה השמועה אשר אנכי שומע את עם ה' מעבירין ומכריזין וקובלים עליכם והאי מעבירין לשון רבים הוא ואהם כי קאי ולא אבני עלי שהרי הם היו עוברים ולא היו מעבירים את המים:

בני שמואל חטאו. במקח שוחד והטיית דין:

---

פנחס בן עלי כהן ה'. אויב פינחס האט געזינדיגט וואלט דער פסוק ניט גישריבען פינחס אין דעם יחוס פון אחיטוב. וואָרום עס שטייט אין פסוק גאט וועט פאר שניידען צו דעם מענטש וואס ער וועט סנא זיין. אז ער וועט ניט האבען קיין ער ועונה אין די געצעלטין פון יעקב. און ער וועט ניט האבען ווער עס זאל מקריב זיין א מנחה צו גאט. אויב דער וואס האט מזנה געווען איז א ישראל וועט ער ניט האבען קיין ער ווער וועט גיט זיין קיין חריף צו פסקנ'ן דינים צווישען די חכמים. און ער וועט ניט האבען קיין צייט צוא לערנען מיט תלמידים. און אויב ער איז א כהן וועט ער ניט האבען קיין זוהן זאל מקריב זיין קרבנות פאר גאט. און אז מיר וועלין זאגען אז פינחס האט מזנה געווען. וואלט דאך פון איהם ניט ארויס גיקומען אחיטוב ער זאל טראגען אפוד און זאל מקריב זיין קרבנות פאר גאט. נאר עס איז געווים אז פינחס האט ניט געזינדיגט. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אשר ישכבון. וואס זייא פלעגען ליגען מיט די ווייבער. מיינט מען דאך חפני און פינחס. ענטפערט די גמרא ישכבן כתיב. ער פלעגט ליגע. שטייט. מיינט מען נאר חפני. אבער ניט פינחס. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אל בני כי לא טובה השמועה. עלי האט גזאגט ניט מייגע קינדער עס איז ניט גוט די הערונג וואס איך הער אויף אייך. אז ער האט גזאגט מייגע קינדער. האט ער דאך גימיינט ביידע חפני און פינחס. האבען דאך ביידע געזינדיגט. האט רב נחמן בר יצחק גזאגט בני כתיב. מיין קינד שטייט. צו איינעם האט עלי אזוי גזאגט. נאר צו חפני אבער ניט צו פינחס. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק מעבירים. זייא טוהען עבירות. מיינט מען דאך ביידע חפני און פינחס. האט רב הונא בריה דרב יהושע גזאגט מעבירם כתיב. ער טוהט עבירות. איינער. נאר חפני ניט פינחס (עיין רש"י). פרעגט די גמרא עס שטייט דאך בני עלי בני בליעל. די קינדער פון עלי זענען געווען שלעכטע. מיינט מען דאך ביידע קינדער חפני און פינחס. ענטפערט די גמרא ווייל פינחס האט גידארפט שטראפען צו חפני. און ער האט איהם ניט געשטראפט. רעכענט אויף איהם דער פסוק גלייך ווי ער אליין וואלט אויך געטאהן די זעלביגע עבירות וואס חפני האט געטאהן:

ה רבי שמואל בר נחמני זאגט פון רבי יונתן וועגען דער וואס זאגט די קינדער פון שמואל הנביא האבען געזינדיגט. האט ער א טעות. וואָרום עס שטייט אין פסוק אז שמואל

איז

הלכו בניו בדרכיו הוא דלא הלכו מחטא נמי לא חטאו אלא מה אני מקיים (שם) ויטו אחרי הבצע שלא עשו כמעשה אביהם שהיה שמואל הצדיק מחזר בכל מקומות ישראל ודן אותם בעריהם שנאמר (שם ז) והלך מדי שנה בשנה וסבב בית אל והגלגל והמצפה ושפט את ישראל והם לא עשו כן אלא ישבו בעריהם כדי להרבות שכר לחזניהם ולסופריהם. כתנאי ויטו אחרי הבצע ר"מ אומר חלקם שאלו בפיהם רבי יהודה אומר מלאי הטילו על בעלי בתים רבי עקיבא אומר קופה יתירה של מעשר נטלו בזרוע ר' יוסי אומר מתנות נטלו בזרוע:

לחזניהם ממציהם משוכרין אותם לילך ולהזהיר את הנקראים לדין: ולסופריהם. לכתוב גזרים ולאגרות שום: מלאי הטילו על בעלי בתים. נותנים להם פרקמטיא לעסוק בה ולתת להם השכר ומתוך כך היה נמשך לבם להטות דין כשבאים לפניהם לדון והייני חטאו: חלקם שאלו בפיהם. מעשר הראוין להלוי להם (שלוים היו) היו שואלים בפיהם ומתוך שהיו גדולי הדור ושופטים לא היו מונעים מהם ושאר לוים עניים מלמטברים לרבי מאיר לא חטאו בהטיית משפט: קופה יתירה. יותר מן הראוי: מתנות. זרוע לחיים וקיבה והם לא היו כהנים. נ"א מתנות לויה כגון מעשר וקרא כתיב ונתן לכהן ודרשינן ולא שיטול מעצמו בשחיטת חולין פרק הזרוע והוא הדין לכל מתנות כהונה ולויה: דוד חטא. בבת שבע קודם שקבלה גט נגר.

ט אמר רבי שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה שנאמר (שמואל א יח) ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וה' עמו אפשר חטא בא לידו ושכינה עמו אלא מה אני מקיים (שם ב יב) מדוע בזית

---

איז אלץ געווארין זענען זיינע קינדער ניט געגאנגען אין זיינע וועגין. אין די וועגין פון זייער פאטער זענען זייא ניט געגאנגען. זייא זענען ניט געווען אזוי פרום וויא זייער פאטער שמואל הנביא איז געווען. אבער געזינדיגט האבען זייא אויך ניט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק זייא האבען גינייגט נאך געלט. ענטפערט דיא גמרא אזוי מיינט מען. זייא האבען ניט געטאהן וויא זייער פאטער פלעגט טאהן; זייער פאטער שמואל הצדיק פלעגט גיין אין אלע שטעט וואו יודען האבען געוואוינט. אונ דארט אין זייערע שטעט האט ער זיי געמשפט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שמואל פלעגט גיין פון יאהר צו יאהר אין בית אל אונ אין גלגל אונ אין מצפה אונ אז צווייא מענטשין פלעגין האבען קריג צווישען זיך. פלעגט ער זייא משפטין. אונ זיינע קינדער האבען ניט געטאהן אזוי. נאר זייא זענען געזעסען אין זייערע שטעט. אונ ווער עס האט געהאט א משפט פלעגט קומען צו זייא. ווייל זייא האבען געוואלט דיא שמשים אונ דיא שרייבערס זאלען פאר דינען. זאגט די גמרא תנאים קריגען אין דיא זאך. עס שטייט אין פסוק דיא קינדער פון שמואל האבען גינייגט נאך געלט. רבי מאיר זאגט זייא פלעגין ריידען מיט זייער מויל מען זאל זייא געבין מעשר וואדרום זייא זענען געווען לוים. פלעגין זייא צו נעמען אלע מעשר. אונ אנדערע ארעמע לוים פלעגין ניט האבען קיין מעשר. דאס איז געווען זייער עבירה. רבי יהודה זאגט זייא פלעגין געבין סחורה צו בעלי בתים. דיא בעלי בתים זאלען האנדלען פון זייערט וועגין. אונ דער פארדינסט זאל געהערין צו זייא. אונ אז דיא בעלי בתים האבען געהאט א משפט מיט איינעם פאר דיא קינדער פון שמואל. פלעגט שוין נייגין זייער הארץ אז דיא בעלי בתים זאלען געווינען דעם משפט. דאס איז געווען זייער עבירה. רבי עקיבא זאגט זיי פלעגין נעמען מעשר מעהר וויא א צעהנטיל. אונ אז מען האט זייא ניט געוואלט געבין מיט דעם גוטען ווילען האבען זייא גינומען מען זאל זייא געבין. רבי יוסי זאגט זייא האבען גינומען דיא מענטשין מען זאל זייא געבין די מתנות ואז מען שעכט א בהמה גיט מען צום כהן איין פאדערשטע פוס אונ דיא באקין אונ דעם מאגין. דס הייסט מתנות אונ זיי זענען ניט געווען קיין כהנים אונ זיי האבען גינומען מען זאל זיי געבין די מתנות. האבען זייא גיגזלת דיא כהנים:

ט רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין דער וואס זאגט דוד האט געזינדיגט האט ער א טעות. ווארום עס שטייט אין פסוק דוד האט בגליקט אין זיינע אלע וועגין אונ גאט איז געווען מיט איהם. איז דאס מעגליך דוד זאל האבען געזינדיגט אונ דיא שכינה זאל זיין מיט איהם איז געוויס אז דוד האט ניט געזינדיגט. נאר פאר וואס רעדט שטייט אין פסוק

פחות הפירוש נכתובות (דף ט) ; שבקה . לבכר עמה קידם . שגגלב גט שהיה כעלה שולח לה מן המלחמה שאם ימות לא תיזקק ליבום או שאם יהרג ואין מעיד עליו ותתעגן אשתו או שמא ישה שבוי כדאמרינן לקמן כל היוצא למלחמת בית דוד וכו' : משונה רעה זו . בכתיבתה ובנגונה : שהיה לך לדונו . על שמרד במלכות כדלקמן : לקוחין יש לך בה . קדושין תופסין בה שהיתה אשת איש כדשמואל כו' : גט כריתות . על תנאי שאם ימות תהא מגורשת מעכשיו ופעמים שהוא עירוד כלאתו ונשלחו מן המלחמה : בחרב בני עמון . כשהם שהורגים בני עמון שלא מדעתם : ואדוני יואב . שלא הוכת הדעת לקבל עליו מרות אהרים בפני המלך : רק בדבר אוריה . מקרא כתוב רק בדבר אוריה נגרם לו שיכרע אבל בבת שבע לא חטא :

בזית את דבר ה' לעשות הרע שביקש לעשות ולא עשה אמר רב רבי דאתי מדוד מהפך ודריש בזכותיה דדוד מדוע בזית את דבר ה' לעשות הרע רבי אומר משונה רעה זו מכל רעות שבתורה שכל רעות שבתורה כתיב בהו ויעש וכאן כתיב לעשות שביקש לעשות ולא עשה (שם) את אוריה החתי הכית בחרב שהיה לך לדונו בסנהדרין ולא דנתו ואת אשתו לקחת לך לאשה לקוחין יש לך בה דא"ר שמואל בר נחמני א"ר יונתן כל היוצא למלחמת ב"ד כותב ספר כריתות לאשתו וכו'. ואותו הרגת בחרב בני עמון מה חרב בני עמון אי אתה נענש עליו אף אוריה החתי אי אתה נענש עליו מ"ט מורד במלכות הוה דא"ל (שם יא) ואדוני יואב ועבדי אדוני על פני השדה חונים א"ר מי מעיינת ביה בדוד לא משכחת ביה בר מדאוריה דכתיב (מלכים א טו) רק בדבר אוריה החתי אביי קשישא רמי דרב אדרב מי א"ר הכי והא"ר קבל דוד לה"ר קשיא גופא א"ר קבל דוד לה"ר דכתיב (שמואל ב ט) ויאמר לו המלך איפוא הוא ויאמר ציבא אל המלך הנה הוא בית

מכיר

---

נתן הנביא הט גזאגט צוא דוד ווארום האסטו פאר שעמט דיא רייד פון גאט צוא טאהן שלעכטס . ענטפערט דיא גמרא ער האט געוואלט טאהן אעבירה אבער ער האט ניט גיטאהן . רב זאגט רבי וואס ער קומט ארויס פון דוד זוכט ער צו דרשנן דעם זכות פון דוד . אין פסוק שטייט ווארום האסטו פר שעמט דיא רייד פון גאט צו טאהן שלעכטס רבי זאגט די שלעכטס איז גיענדערט פון אלע שלעכטס וואס שטייט אין דיא תורה . אלע שלעכטס וואס שטייט אין דיא תורה . שטייט ביא זייא ויעש ער האט גיטאהן . אונ דא שטייט לעשות צו טאהן . צוא ווייזען ער האט גיוואלט טאהן שלעכטס . אבער ער האט ניט גיטאהן . אין פסוק שטייט אוריה החתי האסטו גישלאגען מיט דעם שווערד . האט דאך דוד גיטאהן אעבירה . ענטפערט דיא גמרא דוד האט בדארפט משפטן אוריה דורך דיא סנהדרין . אונ ער האט איהם אליין געמשפט אן סנהדרין . דאס איז גיוועזן דיא עבירה . אבער הרגנן אוריה האט מען גידארפט . אין פסוק שטייט דיא ווייב פון אוריה האסטו דיר גענומען פאר אווייב . האסטו איר גימענם גענומען . ווארום רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין דיא אלע מענטשין וואס זענען גיגאנגען אין דיא מלחמות פון דוד . פלעגין זייא פריער געבן זייערע ווייבער . אין פסוק שטייט איהם (ואותו) האסטו גיהרגת מיט דעם שווערד בני עמון . אזוי וויא דוא וועסט ניט גישטראפט ווערין אויף דעם שווערד וום דוא האסט מיט איהם גיהרגת דיא בני עמון . אזוי וועסטו ניט גישטראפט ווערין אויף דעם וואס דו האסט גיהרגת אוריה החתי . ווארום ער הט ניט גענומען אויף זיך דיא מלוכה פון דוד . ווארום אוריה האט גזאגט צו דוד מיין העער יואב אונ דיא קנעכט פון מיין העער רוהען אויף דעם פעלד . פאר דעם מלך דוד הט ער ניט גידארפט זאגען אויף קיין אנדערין מיין העער . ווארום אלע זענען קנעכט צום מלך . רב זאגט אז דוא וועסט נאך קלערין די זאכען פון דוד וועסטו ניט געפינען ביי איהם קיין עבירה . נאר דיא עבירה פון אוריה החתי . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נאר אין די זאך פון אוריה החתי האסטו געזינדיגט . אביי קשישא הט גיפרעגט אקשיא פון רב אויף רב . האט דען רב אזוי גזאגט אז דוד הט ניט מער געזינדיגט נאר מיט אוריה החתי . רב זאגט דאך גזאגט דוד הט פאר נומען לשון הרע . בלייבט אקשיא פון רב אויף רב זאגט דיא גמרא מיר האבען גילערונט רב הט גזאגט דוד הט פר נומען לשון הרע . ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך (דוד) האט גזאגט צו ציבא וואו איז ער (מפיבשת) האט ציבא גזאגט

צום

מכיר בן עמיאל בלא (בלו) דבר וכתיב (שם ט) וישלח המלך דוד ויקחהו מבית מכיר בן עמיאל מלא (מלו) דבר מכדי חזייה דשקרא הוא כי הדר אלשין עליה מ"ט קבלה מיניה דכתיב (שם טז) ויאמר המלך ·אל ציבא ואיה בן ארוניך ויאמר ציבא אל המלך הנה יושב בירושלים וגו'. מנ"ל דקבל מיניה דכתיב (שם) ויאמר המלך לציבא הנה לך כל אשר למפיבושת ויאמר ציבא השתחויתי אמצא חן בעיניך ארוני המלך ושמואל אמר לא קבל דוד לשון תרע דברים הניכרים חזא ביה דכתיב (שם יט) ומפיבושת בן שאול ירד לקראת המלך לא עשה רגליו ולא עשה שפמו ואת בגדיו לא כבס וגו' וכתיב ויהי כי בא ירושלים לקראת המלך · ויאמר לו המלך למה לא הלכת עמי מפיבושת ויאמר ארוני המלך עבדי רמני כי אמר עבדך אחבשה לי התמור וארכב עליה ואלך את המלך כי פסח (ע"ב) עבדך וירגל בעבדך אל ארוני המלך וארוני המלך כמלאך האלהים ועשה הטוב בעיניך וגו' ויאמר לו המלך למה תדבר עוד דבריך אמרתי אתה וציבא תחלקו את השדה ויאמר מפיבושת אל המלך גם את הכל

לשון הרע. לקמן מפרש: בלא דבר. אינו תורה בתורה והוא מגלו מלא דבר ותורה בתורה: הוייה דשקרא הוא. מתלה מלאו שקין בכך: כי הדר אלשין עליה. ציבא על מפיבושת בשעה שברח דוד מפני אבשלום מ"ט קביל מיניה: והלא בן אדוניך ויאמר הנה יושב בירושלים. כי אמר היום ישיבו לי (בית ישראל) את ממלכת אבי: דברים הניכרים חזא ביה. במפיבושת כשנהרג אבשלום וחזר דוד למלכותו ובא לפניו: לא עשה רגליו ולא עשה שפמו. כשחזר דוד שניכרים דברי ציבא שנצטער על שחזר דוד ולא קשט עצמו ועוד היה מצפה שכשיושיבוהו במלכות יתנאה ויסתפר לכך לא קבל דבריו ואמר לו אתה וציבא תחלקו את השדה והוא השיבו קצה אין לי לצעוק אלא על מי שהביאך שלום הנה נצטער על שבו ואם לא שראה בו דברים הניכרים היה חוזר בו ממה שאמר הנה לך כל אשר למפיבושת ואע"פ שמיסר ואמר לו מתחלה הנה לך כל אשר למפיבשת א'

---

צום מלך. ער איז אין שטוב פון מכיר בן עמיאל. אונ ער איז בלא דבר אן אזאך וואר איז ניט קיין חכם אין דיא תורה. אונ עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט געשיקט אונ מען האט איהם (מפיבושת) גענומען פון דיא שטוב פון מכיר בן עמיאל. אונ ער איז געוועזען מלא דבר פול אין דיא זאך. וואר איז געוועזען א חכם אין די תורה. פרעגט דיא גמרא אז דוד האט געזעהן ציבא איז א ליגנער. אז ציבא האט נאך אמאהל גימסרת אויף מפיבושת. פאר וואס האט דאס דוד פאר נומען. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד האט גזאגט צו ציבא וואו איז דער זוהן פון דיין הער נפון שאול. האט ציבא גזאגט צום מלך ער זיצט אין ירושלים ואונ ער זאגט היינט וועט מען מיר געבין דיא מלוכה פון דיא יודען. אונ פון וואנגע ווייסען מיר אז דוד האט גיגלייבט צו ציבא אז מפיבושת האט אזוי גזאגט. ווארום עס שטייט אין פסוק דער מלך האט גזאגט צו ציבא צו דיר זאל גיהערין דאס פאר מעגין פון מפיבושת. האט ציבא גזאגט איך בוק מיך פאר דיר ואונ איך דאנק דיר) איך וויל געפינען חן אין דיינע אויגען מיין הער קעניג. שמואל זאגט דוד האט ניט פאר נומען לשון הרע. נאר ער האט גיזעהן אויף מפיבושת קענטליכע זאכען אז עס איז אמת וואס ציבא האט גזאגט. ווארום עס שטייט אין פסוק מפיבושת דער זוהן פון שאול האט געגנידערט געגין קעניג דוד. אונ ער האט ניט ריין גימאכט זיינע פיס. אונ ער האט ניט ריין גימאכט זיין בארד. אונ ער האט ניט גיוואשען זיינע קליידער נהאט דוד גיזעהן אז מפיבושת האט צער פאר וואס דוד קומט צוריק צו זיין מלוכה. דריבער האט ער זיך ניט גיוואלט צירען. אונ עס שטייט אין פסוק אונ עס איז גיוועזען אז מפיבושת איז גיקומען אין ירושלים געגין דעם מלך דוד. האט דער מלך גזאגט צו איהם. מפיבושת פאר וואס ביסטו ניט גיגאנגען מיט מיר. האט מפיבושת גזאגט מיין הער קעניג מיין קנעכט האט מיך גינארט. ווארום דיין קנעכט האט גזאגט איך וועל זאטלען מיין איזיל אונ איך וועל רייטען אויף איר צום קעניג. ווארום דיין קנעכט איז לאם נהינקעדיג אונ ער קען ניט גיין. אונ ציבא האט גזאגט רכילות אויף דיין קנעכט צו מיין הער קעניג אונ מיין הער קעניג איז קלוג אזוי וויא א מלאך פון גאט. אונ טוה וואס עס איז גוט אין דיינע אויגען. האט דער מלך גזאגט צו מפיבושת. ווארום זאגסטו נאך מיינע רייד. איך האב איין מאהל גזאגט אז דוא מיט ציבא זאלט איר צו טיילען דיא פעלד. דוא זאלסט נעמען א האלבע

פעלד

הכל יקח אחרי אשר בא אדוני המלך בשלום אל ביתו א"ל אני אמרתי מתי תבא בשלום ואתה עושה לי כך לא עליך יש לי תרעומות אלא על מי שהביאך בשלום היינו דכתיב (ד"ה א ט) ובן יהונתן מריב בעל וכי מריב בעל שמו והלא מפיבושת שמו אלא מתוך שעשה מריבה עם בעליו יצתה בת קול ואמרה לו נצא בר נצא. נצא הא דאמרן. בר נצא דכתיב (שמואל א טו) ויבא שאול עד עיר עמלק וירב בנחל. אמר רבי מני על עסקי נחל. אמר רב יהודה אמר (שמואל) [רב] בשעה שאמר דוד למפיבושת אתה וציבא תחלקו את השדה יצתה בת קול ואמרה לו רחבעם וירבעם יחלקו את המלוכה אמר רב יהודה אמר רב אלמלי לא קבל דוד לשון הרע לא נחלקה מלכות בית דוד ולא עבדו ישראל עכו"ם ולא גלינו מארצנו:

אמר ר' שמואל בר נחמני אמר ר' יונתן כל האומר שלמה חטא אינו אלא טועה שנאמר (מלכים א יא) ולא היה לבבו שלם עם ה' אלהיו כלבב דוד אביו. כלבב דוד אביו הוא דלא הוה כחטא נמי לא חטא אלא מה אני מקיים (שם) ויהי לעת זקנת שלמה

**פירוש**

קבלה כי כל זמן שלא היה דוד שב למלכותו יודע היה שאין מתנתו מתנה ולא אמר לו אלא על תנאי אם יהיה אמת כדבריו: על עסקי נחל. אמר על נפש אחת אמרה תורה הבא עגלה ערופה בנחל נפשות הללו על אחת כמה וכמה אם גדולים חטאו קטנים מה חטאו: ולא עבדו ישראל עכו"ם. שעל ידי שנחלקה המלכות העמיד ירבעם עגלים שלא יעלו ישראל לירושלים לממשלתו של רחבעם:

---

פעלד. אונ ציבא זאל נעמן אהאלבע פעלד. האט מפיבושת גזאגט צום מלך זאל ציבא נעמן די גאנצע פעלד. ווייל מיין הער קעניג איז גקומן מיט פרידן צו זיין היים. מפיבושת האט גזאגט צו דוד איך האב גוואַרט ווען וועסטו קומן בשלום אהיים. אונ דו טוהסט מיר אזוי. ניט אויף דיר פאר דריסט מיך. נאר מיך פאר דריסט אויף דעם וואס האט דיך גיבראכט מיט שלום אהיים. זאגט די גמרא איצט איז רעכט וואס עס שטייט אין פסוק דער זוהן פון יהונתן האט גיהייסען מריב בעל. איז דאך אקשיא האט ער דען גיהייסען מריב בעל. ער האט דאך גיהייסען מפיבושת. נאר ווייל ער האט געקריגט מיט זיין בעל הבית. מיט דוד. דריבער האט מען איהם גירופען מריב בעל. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט צוא מפיבושת קריגער דער זוהן פון אקריגער. מפיבושת הייסט קריגער. אזוי וויא מיר האבען דא גזאגט. אונ ער איז דער זוהן פון אקריגער. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שאול איז גיקומען צוא דיא שטאט פון עמלק אונ ער האט געקריגט אין טאהל. האט רבי מני גזאגט פון וועגין טאהל נאראך אז מען געפינט איין מענטש אגיהרגט דארף מען ברייגגען אעגלה ערופה אין אטאהל (אזוי וויא עס שטייט אין דיא סדרה שופטים). וויא אזוי מעג מען הרגנן אזוי פיל מענטשין אונ קליינע קינדער וואס האבען גאר ניט געזינדיגט. רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין ווען דוד האט גזאגט צו מפיבושת דוא אונ ציבא זאלט איר צו טיילען דיא פעלד. איז ארויס גיגאנגען אקול פון הימעל אונ האט גזאגט צו דוד. רחבעם אונ ירבעם וועלען צוא טיילען דיא מלוכה. רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין ווען דוד וואלט ניט פאר נומען דיא לשון הרע פון ציבא. וואלט ניט צו טיילט געווארען דיא מלוכה פון דוד. אונ די יודען וואלטען ניט געדינט עבודה זרה. אונ מיר וואלטען ניט פאר טריבען געווארין פון אונזער לאנד:

רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתנ'ס וועגין: דער וואס זאגט שלמה המלך האט געזינדיגט. האט ער אטעות. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא הארץ פון שלמה איז ניט גיוועזען גאנץ מיט גאט אזוי וויא דיא הארץ פון זיין פאטער דוד. אזוי וויא דיא הארץ פון זיין פאטער דוד איז ער ניט גיוועזען. אבער געזינדיגט האט ער אויך ניט. פרעגט די גמרא נאר וואס דען שטייט אין פסוק אז עס איז גיוועזען צו דיא צייט וואס שלמה איז אלט געווארין. האבען זיינע ווייבער אפ גינייגט זיין הארץ צו גיין נאך פרעמדע געטער. ענטפערט די גמרא דאס איז אזוי וויא רבי נתן זאגט. ווארום רבי נתן האט גיפרעגט. עס שטייט אין פסוק ווען שלמה איז אלט געווארין האבען זיינע ווייבער אפ גינייגט זיין הארץ. אונ עס שטייט אין פסוק

שלמה נשיו הטו את לבבו ההיא כרבי נתן דר' נתן רמי כתיב ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו וגו' והכתיב כלבב דוד אביו כלבב דוד אביו הוא דלא הוה מחטא נמי לא חטא. ה"ק ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו את לבבו ללכת אחרי אלהים אחרים ולא הלך. והכתיב (שם) אז יבנה שלמה במה לכמוש שקץ מואב שבקש לבנות ולא בנה אלא מעתה (יהושע ח) אז יבנה יהושע מזבח לה' שבקש לבנות ולא בנה אלא דבנה ה"נ דבנה אלא כדתניא רבי יוסי אומר (מלכים ב כג) ואת הבמות אשר על פני ירושלים אשר מימין להר המשחית אשר בנה שלמה מלך ישראל לעשתרות שקוץ צדונים וגו' אפשר בא אסא ולא ביערם יהושפט ולא ביערם עד שבא יאשיה וביערם הלא כל עבודות כוכבים שבארץ ישראל אסא ויהושפט ביערום אלא מקיש ראשונים לאחרונים מה אחרונים לא עשו ותלה בהן לשבח אף ראשונים לא עשו ותלה בהן לגנאי והכתיב (שם א יא) ויעש שלמה הרע בעיני ה' אלא מפני שהיה לו למחות בנשיו ולא מיחה מעלה עליו הכתוב כאילו חטא

שלמה חטא. בעבודת כוכבים: כרבי נתן. דאמר קרא הטו ללכת והוא לא הלך: הכא נמי דבנה. קושיא היא: אלא מבנה. תילף דלא בנה כדתניא רבי יוסי אומר כו': להר המשחה לשון שמן דמתרגמינן משחא והוא הר הזיתים: מקיש ראשונים. מקיש את בנינו של שלמה לביעורו של יאשיהו מה יאשיהו לא עשה ביעור זה והלא כבר פנו הבמים לבנה הואיל וביער האחר שנמצא מאסא ויהושפט אף שלמה לא עשה בנין זה ותלו בו לגנות

---

אז דיא הארץ פון שלמה איז ניט גיוועזן וויא דיא הארץ פון זיין פאטער דוד · וויא דיא הארץ פון זיין פאטער איז ער ניט גיוועזן · אבער געזינדיגט האט ער אויך ניט. נאר אזוי מיינט דער פסוק ווען שלמה איז אלט גיווארין האבען זיינע ווייבער אפ גינייגט זיין הארץ ער זאל גיין נאך פרעמדע גאטער · ער איז אבער ניט גיגאנגען. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק שלמה וועט בויען אבמה צו כמוש דיא עבודה זרה פון מואב. ענטפערט די גמרא ער האט גיוואלט בויען. ער האט אבער ניט געבויט. פרעגט דיא גמרא עס שטייט אין פסוק יהושע וועט בויען אמזבח צו גאט. וועסטו אויך זאגען אז מען מיינט ער האט גיוואלט בויען · אונ ער הט ניט געבויט. נאר ער האט טאקי גיבויאהט. אזוי בייא שלמה מיינט מען אויך ער הט גיבויאהט. האט דאך שלמה געזינדיגט. זאגט דיא גמרא נאר דער תירוץ איז אזוי וויא מיר האבען גילערנט. רבי יוסי זאגט עס שטייט אין פסוק דיא במות וואס זענען גיוועזן פאר ירושלים אין דיא רעכטע זייט פון הר המשחה וואס שלמה מלך ישראל הט גיבויאהט צו עשתרות דיא עבודה זרה פון דיא צדונים. האט זייא יאשיהו אויס גיראהמט אונ פאר ברענט. פרעגט דיא גמרא איז דאס מעגליך דער מלך אסא האט ניט אויס גיראמט דיא במות. אונ דער מלך יהושפט האט ניט אויס גיראמט דיא במות. ביז דער מלך יאשיהו איז גיקומען אונ האט זיי אויס גיראמט. אלע עבודות זרות פון גאנץ ארץ ישראל האט אסא אונ יהושפט אויס גיראמט פאר וואס האבען זייא ניט אויס גיראמט דיא במות. נאר מיר גלייכען דיא ערשטע מענטשין (שלמה המלך) צו דיא שפעטערדיגע מענטשין (יאשיהו המלך). אזוי ווי דיא שפעטערדיגע מענטשין יאשיהו המלך האט ניט גיטאהן דיא זאך ווער האט ניט אויס גיראמט דיא במות פון שלמה) אונ דער פסוק איינגט אן דיא לויב אויף איהם. ער הט זייא אויס גיראמט. ווייל זיין הארץ איז גיוועזן גוט צוא גאט. אז ער וואלט געפינען דיא במות וואלט ער זייא אויס גיראמט. אזוי דיא ערשטע מענטשין (שלמה המלך) ער האט ניט גיטאהן דיא זאך ווער האט ניט גיבויאהט די במות) אונ דער פסוק איינגט אן דיא שאנד אויף איהם. ער האט זייא גיבויאהט. ווייל ער האט ניט גישטערט דיא ווייבער זיינע. אונ ער האט זייא גילאזט באהען דיא במות. פרעגט דיא גמרא עס שטייט דאך אין פסוק שלמה הט גיטאן וואס עס איז שלעכט אין דיא אויגען פון גאט. האט דאך שלמה געזינדיגט. ענטפערט די גמרא שלמה אליין האט ניט געזינדיגט. נאר ווייל ער האט גידארפט שטערין זיינע ווייבער זיי זאלען אויך ניט זינדיגען. אונ ער האט זייא ניט גישטערט. רעכונט אויף איהם דער פסוק גלייך ווי

חטא. אמר ר"י אמר שמואל נוח לו לאותו צדיק שיהא שמש לדבר אחר ולא יכתב בו ויעש הרע בעיני ה'. אמר רב יהודה אמר שמואל בשעה שנשא שלמה את בת פרעה הכניסה לו אלף מיני זמר ואמרה ליה כך עושין לעבודת כוכבים פלונית וכך עושין לעבודת כוכבים פלונית ולא מיחה בה. א"ר יהודה אמר שמואל בשעה שנשא שלמה את בת פרעה ירד גבריאל ונעץ קנה בים ועלה בו שרטון ועליו נבנה כרך גדול. במתניתא תנא אותו היום שהכניס ירבעם שני עגלי זהב אחד בבית אל ואחד בדן נבנה צריף אחד וזהו איטליאה של יון. אמר ר' שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל האומר יאשיהו חטא אינו אלא טועה שנאמר (מ"ב כב) ויעש הישר בעיני ה' וילך בכל דרך דוד אביו אלא מה אני מקיים (שם כג) וכמוהו לא היה לפניו מלך אשר שב וגו' שכל דין שדן מבן ח' עד י"ח החזירן להם שמא תאמר נטל מזה ונתן לזה תלמוד לומר בכל מאודו שנתן להם

אינו אלא מיחה בידיו: שמש. לחטוב עצים ולשאוב מים בשכר לעבודת כוכבים: ולא יכתב בו דבר זה. ללמדך שקשה הוכחה במי שבידו למחות: מיני זמר. כלי שיר: נעץ קנה. ושרטון מדובק בו עד שנוסף והולך וגדל שרטון חול ורפש וטיט שהים גורש: כרך גדול. שהוא מיצר לישראל וזהו איטליאה של יון במסכת מגילה: ביום שהעמיד ירבעם את העגלים. נבנה צריף אחד בלוותי שרטון שנגדל שם בימי שלמה: צריף. כוך קטן מלוידין שעושין מן קנים ומן ערבה ומאז נתוספו בתים על בתים: איטליאה שם העיר והיא ממדינת יון ובשעלה הרס מלכות יון לבזוזו ונהפך להם: יאשיהו חטא. דכתיב אשר שב אל ה' משמע דחטא מעיקרא: מבן ח'. שישב על כסא מלכותו דכתיב בן ח' וגו': עד בן י"ח. במצא חלקיה את הספר ועיין ודקדק בתורה (ועדיים) [ובדיניו] בכתב ובעל פה והבין במה טעה בדינא: נטל מזה. ממי שנתן לו מתנה. כ"ג ואמרי לה אתא אמוה דאבא

---

ער אליין וואלט געזינדיגט. רב יהודה הט גזאגט פון שמואלס וועגן. עס וואלט בעסער געוועזן דעם צדיק (שלמה) ער זאל זיין אבדינער צו די עבודה זרה. אונ עס זאל ניט געשריבען ווערין אויף איהם ער האט גיטאהן וואס עס איז שלעכט אין דיא אויגען פון גאט. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין ווען שלמה האט חתונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון פרעה. האט זיא גיבראכט צו איהם טויזענד ערלייא כלים צו שפילען אויף זייא. אונ זיא האט גזאגט צו שלמה אזוי שפילט מען צו דיא עבודה זרה. אונ אזוי שפילט מען צו די עבודה זרה. אונ ער האט איר ניט גישטערט. רב יהודה האט גזאגט פון שמואלס וועגין ווען שלמה האט חתונה גיהאט מיט דיא טאכטער פון פרעה. איז דער מלאך גבריאל אראפ גיגאנגען פון הימעל אונ האט אריין גישטעקט א שטעקין אין ים. אונ ביי דעם שטעקין איז צוא גיקלעבט גיווארין זאמד אונ בלאטע ביז עס איז גיווארין אאינזיל. אונ אויף דעם אינזיל איז גיבאהט גיווארין אגרויסע שטאט. וואס זיא הט חרוב גימאכט דעם בית המקדש:

במתניתא תנא. אין אברייתא האבען מיר גיהערט אין דעם טאג ווען ירבעם הט גיבראכט דיא צוויי גאלדענע קעלבער איינעם אין בית אל אונ איינעם אין דן. איז גיבאהט גיווארען אבייהעל אויף דעם אינזיל (וואס פריער שטייט). דער נאך איז גיבאהט גיווארען אשטוב נעבין אשטוב. ביז עס איז גיבאהט גיווארין דיא שטאט איטליאה וואס זיא גיהער צוא דיא יונים:

יא רבי שמואל בר נחמני הט גזאגט פון רבי יונתנס וועגין: דער ווס זאגט דער מלך יאשיהו הט געזינדיגט האט ער אטעות. ווארום עס שטייט אין פסוק ער הט גיטאהן וואס עס איז גוט גיוועזן אין דיא אויגען פון גאט: אונ ער איז גיגאנגען אין דיא אלע וועגין פון זיין פאטער דוד. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק אזוי וויא יאשיהו איז ניט גיוועזן אמלך ווס ער הט תשובה גיטאהן מיט זיין גאנצען הארץ: אז מען זאגט יאשיהו האט תשובה גיטאהן. האט ער דאך פריער געזינדיגט. נאר דיא אלע דינים וואס ער הט געמשפט פון אכט יאהר וואס ער איז גיווארען אמלך) ביז אכטצעהן יאהר. ווען ער האט פריער פאר שולדיגט ער זאל בצאהלען. הט ער איהם היינט צוריק גיגעבען זיין געלט. טאמער וועסטו זאגען יאשיהו הט צוריק גענומען דיא געלט פון ווען ער האט פריער גיגעבען. אונ הט צוריק גיגעבען פון זיינס ער האט גענומען. שטייט אין פסוק מיט זיין געלט. ווען ער האט פריער גיגעבען

ביי

להם משלו ופלינא דרב דאמר רב אין לך גדול בבעלי תשובה יותר מיאשיהו בדורו ואחד בדורנו ומנו אבא אבוה דרבי ירמיה בר אבא ואמרי לה אחא אחוה דאבא אבוה דרב ירמיה בר אבא דאמר מר אבא ואחא אחי הוו אמר רב יוסף ועוד אחד בדורנו ומנו עוקבן בר נחמיה ריש גלותא והיינו נתן דצוציתא אמר רב יוסף הוה יתיבנא בפירקא והוה קא מנמנם וחזאי בחלמא דקא פשט ידיה וקבליה :

אבוה דרב ירמיה בר אבא : נתן דצוציתא . של שם ניצוצים דנור שהמלאך פשט את ידו וקבל תשובתו . ל"א על שאחזו המלאך בציציה : אבו : (תוספות) ור"ת אומר דאמרי' במדרש שהיה נר דולק על ראשו :

כדעבד ליה רבי עקיבא לדביתהו . במסכת נדרים : גברא רבה אריכא ומטלע . לוי אישתמע דמהוי קידם קמיה דרבי : נח נפשיה דרבי אפס . במסכת כתובות בהנושא מפרש דכי שכיב רבי אמר חנינא בר חמא ישב בראש ולא קבל עליו רבי חנינא שהיה רבי אפס גדול ממנו ב' שנים ויתיב רבי אפס ברישא ומתוך שהיה רבי חנינא חשוב לא נכנס לבית מדרשו והיה יושב בחוץ ומשום כבודו ישב לוי אצלו : וקאתי להכא . שלא היה רבי חנינא גדול ממנו לא בתורה ולא בשנים ולא מיקפד ליה

# במה אשה פרק ששי

(דף נט) **א ולא** בעיר של זהב . מאי בעיר של זהב ירושלים דדהבא כדעבד ליה ר"ע לדביתהו :

(ע"ב) **ב אמרו** ליה לרב אתא גברא רבה אריכא לנהרדעא ומטלע ודרש כלילא שרי . אמר מאן גברא רבה אריכא לוי ש"מ נח נפשיה דרבי אפס ויתיב רבי חנינא ברישא ולא הוה ליה איניש ללוי למיתב גביה וקאתי להכא . ודלמא נח נפשיה דר"ח ורבי אפס כדקאי קאי ולא הוה ליה איניש ללוי למיתב גביה וקאתי להכא . אם איתא דר"ח שכב לוי לרבי

---

ביי דעם איז דאס געלט געבליבען . נאר ער האט גיגעבען זיין געלט צו דיא מענטשין וואס דיא האבען פריער בצאהלט . ווייל ער האט מורא גיהאט מאמער האט ער שלעכט גיפסקנט . אונ ער האט גיהייסען בצאהלען געלט אומזיסט . דאס איז גיוועזען דיא תשובה פון יאשיהו המלך . זאגט די גמרא רבי שמואל בר נחמני קריגט אויף רב . וואראום רב האט גיזאגט עס איז ניטא קיין גרעסערע בעלי תשובות מער וויא יאשיהו אין זיין צייט אונ איינער אין אונזער צייט : ווער איז דער איינער . אבא דער פאטער פון רבי ירמיה בר אבא . אונ אנדערע זאגען דאס איז אחא דער ברודער פון אבא דער פאטער פון רב ירמיה בר אבא : וואראום דער רבי האט גיזאגט אבא אונ אחא זענען גיוועזען ברידער . רב יוסף זאגט נאך אבער תשובה איז דא אין אונזער צייט . דאס איז עוקבן בר נחמיה ריש גלותא . דאס איז נתן דצוציתא . רב יוסף זאגט איך בין אמאהל גיזעסען אונ גילערנט אונ איך בין אנטשלאפען גיווארען האב איך גיזעהן אין חלום וויא אמלאך האט אויס גיצויגען זיין האנט אונ האט צוא גענומען דיא תשובה פון נתן דצוציתא :

## פרק ששי

**א** ולא בעיר של זהב . אאשה טאר ניט ארויס גיין שבת נאך שטוב איז נאס זאל זיא טראגען מיט אשטאט פון גאלד . פרעגט דיא גמרא וואס מיינט מען אשטאט פון גאלד . זאגט דיא גמרא אויף אשטיק גאלד איז גיוועזען גימאכט דיא שטאט ירושלים : אונ דאס טראגען ווייבער פאר אצירונג . אזוי וויא רבי עקיבא האט געמאכט פאר זיין ווייב :

**ב** אמרו ליה לרב . מען האט גיזאגט צוא רב עס איז גיקומען אגרויסער צדיק אין נהרדעא . ער איז אלאנגער אונ איז לאם געהינקעדיג . אונ ער האט גידרשת אז אאשה מעג ארויס גיין פון שטוב אין גאס מיט דעם צירונג וואס הייסט כלילא . האט רב גיזאגט ווער איז אגרויסער למדן אונ אלאנגער . געווים לוי . איז געווים אז רבי אפס איז גישטארבען . אונ רבי חנינא איז גיווארען ראש ישיבה : האט ניט לוי געבין וועמען צו זיצען . איז ער גיקומען אין נהרדעא . פרעגט דיא גמרא טאמער איז רבי חנינא גישטארבען . אונ רבי אפס איז ראש ישיבה אזוי וויא ער איז גיוועזען . האט ניט לוי געבין וועמען צו זיצען איז ער גיקומען אין

לרבי אפס מיכף הוה כייף ליה ותו דר"ח לא סגי דלא מליך דכי הוה קא ניחא נפשיה דרבי אמר חנינא בר חמא יתיב בראש וכתיב בהו בצדיקים (איוב כב) ותגזר אומר ויקם לך וגו':

(דף ס) **ג סנדל** המסומר מ"ט אמר שמואל שלפי השמד היו והיו נחבאים במערות אמרו הנכנס יכנס והיוצא אל יצא נהפך סנדלו של א' מהם כסבורים הם א' מהן יצא וראוהו אויבים ועכשיו באין עליהם דחקו זה בזה והרגו זה את זה יותר ממה שהרגו בהם האויבים ר' אילעאי בר אלעזר אומר במערה היו יושבין ושמעו קול מעל גבי המערה (כסבורין היו שבאו עליהם אויבים) דחקו זה בזה והרגו זה את זה יותר ממה שהרגו בהן האויבים רמי בר יחזקאל אמר בבית המדרש היו יושבין ושמעו קול מאחורי בה"מ כסבורים היו שבאו עליהם אויבים דחקו זה בזה והרגו זה את זה

יותר

**לוי נכלן**: לוי גרבי אפס מיכף הוה כייף ליה. שהי זקן ממנו: **משמד** השמד היו. בני אדם הנשמטים מן השמד היו: **הנכנס** יכנס. הרוצה ליכנס יכנס שהנכנס יראה שהלה שאין אדם רואה: **והיוצא אל יצא**. שמא יש אויבים מבחוץ והוא לא ידע ויראוהו אויבים שאנו כאן: **נהפך** סנדלו. שיש לו שתי פיות **ונועלו** מב' צדדים אבל ניכר מי הוא לפנים **ומי הוא** לאחור ונעלו זה הפוך נראה הנכנס **כאלו הוא** יוצא וניכר מקומו בקרקע: והרגו זה **את זה**. כדמפרש והיו סנדליהן מסומרים כעין **אותם** שעושים לרגלי הסוסים להביטה עגים:

---

גהרגע. זאגט דיא גמרא אויב רבי חנינא וואלט גישטארבען וואלט לוי גיזעסען ביי די ישיבה פון רבי אפס. אונ נאך אבעוועווּנג איז אז רבי אפס איז גישטארבען אונ רבי חנינא איז אַראש ישיבה גיווארען. ווארום עס קען ניט זיין אז רבי חנינא זאל ניט זיין אַראש ישיבה. ווארום אייטער רבי איז גישטארבען האט ער גיזאגט חנינא בר חמא זאל זיין אַראש ישיבה. אונ עס שטייט ביא דיא צדיקים אז דוא ווערסט עפעס גוזר זיין ווערט גאט מקיים זיין דיינע רייד:

**ג** סנדל המסומר מאי טעמא. פאר וואס טאר מען ניט גיין שבת אין שוך מיט טשוועקעס. דאס שמואל גיזאגט. עס זענען גיווען טעגטיין וואס זענען אנטלאפען פון שמד. מען האט זייא גיוואלט שמדין. האבען זייא זיך בעהאלטען אין קעלערס. אונ זייא האבען גיזאגט ווער עס וויל אריין גיין אין דעם קעלער מעג אריין גיין. ווארום ער ווערט אכטונג געבין קיינער זאל איהם ניט זעהן אריין גייענדיג. אבער ארויס גיין זאל קיינער ניט פון דעם קעלער. ווארום עס קען זיין איינער פון דיא גוים ווערט איהם זעהן ארויס גייענדיג פון קעלער. ווערט ער וויסען אז אין דעם קעלער זענען בעהאלטען יודען. אמאהל האט גיטראפען אז עס איז פאר דרייט גיווארען דער שוך פון איינעם. ווארום דיא שוך פלעגט מען קענען אן טאהן פון ביידע זייטען. פון פארנט אויף אינטען אונ פון אינטען אויף פארינט. נאר מען האט דער קענט וועלכע זייט איז פארנט אונ וועלכע זייט איז אינטען. אונ אז ער האט אן גיטאהן דעם שוך פון פארנט אויף אינטען. אונ ער איז אריין גיגאנגען אין קעלער. האט אויס גיזעהן דער טריט אין זאמד אזוי ווי מען וואלט ארויס גיגאנגען. האבען זייא גימיינט איינער פון זייא א־ ארויס גיגאנגען. אונ די גוים האבען איהם גיזעהן. אונ זייא וועלען געוויס קומען צוא אונז אין דעם קעלער. האבען זייא גישטויסען איינער דעם אנדערין. אונ זייא האבען גיהרגת איינער דעם אנדערין מער ווי דיא גוים האבען פון זיי גיהרגת. רבי אילעאי בר אלעזר זאגט אזוי איז גיווען דיא מעשה. דיא יודען זענען גיזעסען אין אקעלער. אונ זיי האבען גיהערט א גישריי אויף דעם קעלער. האבען זייא גימיינט דיא גוים קומען צו זייא. האבען זייא גישטויסען איינער דעם אנדערין אונ זיי האבען גיהרגת איינר דעם אנדערין מער ווי די גוים האבן פון זיי גיהרגת. רמי בר יחזקאל זאגט. זייא זענען גיזעסען אין בית המדרש. אונ זיי האבען גיהערט א גישריי אינטער דעם בית המדרש. האבען זיי גימיינט די גוים קומען צו זיי. האבען זיי גישטויסען איינער דעם אנדערין. אונ זייא האבען גיהרגת איינער דעם אנדערין מער ווי דיא גוים האבען פון זייא גיהרגת. אונ וויל זיי האבען גיהרגת איינער דעם אנדערין מיט אזעלכע

שיך

יותר ממה שהרגו בהם אויבים באותה שעה אמרו אל יצא אדם בסנדל המסומר אי הכי בחול נמי ליתסר מעשה כי הוה בשבת הוה :

(דף סא) **ד** **ת"ר** כשהוא נועל נועל של ימין ואח"כ נועל של שמאל וכשהוא חולץ חולץ של שמאל ואח"כ חולץ של ימין כשהוא רוחץ רוחץ של ימין ואח"כ של שמאל כשהוא סך סך של ימין ואחר כך של שמאל והרוצה לסוך כל גופו סך ראשו תחלה מפני שהוא מלך על כל איבריו :

(דף סב) **ה** **הרי** תפילין דמחופה עור ותניא הנכנס לבית הכסא חולץ תפילין ברחוק ד' אמות ונכנס התם משום שי"ן דאמר אביי ש' של תפילין הלכה למשה מסיני ואמר אביי ד' של תפילין הלכה למשה מסיני ואמר אביי יו"ד של תפילין הלכה למשה מסיני :

(פ"ג) **ו** **השוכבים** על מטות שן וסרוחים על ערשותם (עמוס ו) אמר רבי יוסי בר חנינא מלמד שהיו משתינים מים בפני מטותיהן ערומים מגדף בה רבי אבהו אי הכי היינו דכתיב (שם) לכן עתה יגלו בראש גולים משום דמשתינין מים בפני מטותיהן

אל יצא אדם . בסנדל המסומר לצ"מ דבשבת מיס מעשה וכעין המאורע אסרו :
חולץ של שמאל . דזהו כבודו של ימין כמוהו גרסי' של ימין כרי"א מין פ"לן :
כתם משום שי"ן . שעשוי מעור ההיון עלמו קומט בו ג' קמטים כעין ש"ן של שדי והדל"ת והיו"ד עשויס בקשר שקושר הרלועה אחת לגסין וההם למזרח ורלועה קטנה הלויה בו ואין בה אלא כפיסה כמין יו"ד וכיפסה בעוד סעור לה והיא כפיסה לעולם :

---

שיך וואס אין זיי איז גיוועזן טשוועקעס . דריבער האט מען גזאגט איוד זאל ניט גיין אין שיך מיט טשוועקים . פרעגט די גמרא אויב אזוי איז . זאל מען אום דער וואכען אויך ניט טארין גיין אין שיך מיט טשוועקים . ענטפערט די גמרא ווייל די מעשה איז גיוועזן אום שבה . דריבער האט מען נאר גיאסרת אום שבת :

**ד** תנו רבנן . די רבנן האבען גילערונט אז מען טוהט אן דיא שיך . זאל מען פריער אן טאהן אויף דיא רעכטע פוס . דער נאך זאל מען אן טאהן אויף דיא לינקע פוס . אונ אז מען טוהט אויס דיא שיך . זאל מען פריער אויס טאהן פון דיא לינקע פוס . דער נאך זאל מען אויס טאהן פון דיא רעכטע פוס . אונ אז מען וואשט דיא הענט . זאל מען פריער וואשען דיא רעכטע האנט . דער נאך זאל מען וואשען דיא לינקע האנט . אונ אז מען שמירט דיא הענט מיט בוימאייל . זאל מען פריער שמירען דיא רעכטע האנט : דער נאך זאל מען שמירען די לינקע האנט . אונ אז מען וויל שמירען דאס גאנצע לייב . זאל מען פריער שמירען דעם קאפ . ווייל ער איז דער מלך אויף אלע גלידער :

**ה** הרי תפילין דמחופה עור . דיא פרשיות פון תפילין זענען דאך בדעקט מיט אפעל . אונ מיר האבען גילערונט אז איינער דארף אריין גיין אין בית הכסא . זאל ער אויס טאהן דיא תפילין פיר איילען ווייט פון בית הכסא אונ ער גייט אריין אין בית הכסא : זאגט דיא גמרא דריבער טאר מען ניט אריין גיין מיט תפילין אין בית הכסא . ווייל אויף די תפילין איז דא אשי"ן . ווארום אביי האט גזאגט דער שי"ן פון תפילין איז גזאגט גיווארען צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני . נאך האט אביי גזאגט דער ד פון תפילין איז גזאגט גיווארען צו משה רבינו אויף דעם בארג סיני . נאך האט אביי גזאגט דער יו"ד פון תפילין איז גזאגט גיווארען צוא משה רבינו אויף דעם בארג סיני :

**ו** השוכבים על מטות שן . אין פסוק שטייט דער נביא האט גישטראפט דיא יודען . דיא ליגען אויף בעטין פון עלפאנדביין אונ זייא שטינקען אויף זייערע בעטין . האט רבי יוסי בר חנינא גזאגט דער פסוק לערונט אונז זייא פלעגין משתין זיין נאקעט פאר זייערע בעטין . האט רבי אבהו גילאכט דער פון . אויב אזוי מיינט דער פסוק . פאר וואס שטייט אין אנדערין פסוק דריבער וועלין זייא איצט פאר טריבען ווערין דיא ערשטע אין גלות . ווייל זייא זענען

משתין

מטותירן ערומים יגלו בראש גולים . אלא א"ר אבהו אלו בני אדם שהיו אוכלים ושותים זה עם זה ודובקים מטותיהן זו בזו ומחלפין נשותיהן זה עם זה ומסריחין עדסותיהם בשכבת זרע שאינו שלהם אמר ר' אבהו ואמרי לה במתניתא תנא שלשה דברים מביאין את האדם לידי עניות ואלו הן המשתין מים בפני מטתו ערום והמזלזל בנטילת ידים ושאשתו מקללתו בפניו המשתין מים בפני מטתו ערום אמר רבא לא אמרן אלא דמהדר אפיה לפוריא אבל לבראי לית לן בה ומהדר אפיה לפוריא נמי לא אמרן אלא בארעא אבל במנא לית לן בה ומזלזל בנטילת ידים לא אמרן אלא דלא משא ידיה כלל אבל משא ולא משא לית לן בה ולאו מילתא היא דאמר רב חסדא אנא משאי מלא חפנאי מיא ויהבו לי מלא חפנאי טיבותא . ושאשתו מקללתו בפניו אמר רבא על עסקי תכשיטין וה"מ הוא דאית ליה ולא עביד :

ז דרש רבה (רבא) בריה דרב עילאי מאי דכתיב (ישעיה ג) ויאמר ה' יען כי גבהו בנות ציון שהיו מהלכות בקומה זקופה ותלכנה נטויות גרון שהיו מהלכות עקב בצד גודל ומשקרות עינים דהוו מלאן כוחלא לעינייהו ומרמזן (סס) הלוך וטפוף תלכנה שהיו מהלכות

פירוש

מטותיהן דייק מכרותים : לידי עניות . דאמ"יק (ככל הכשר) [בע"פ קי"א] כל העניות בגיל במיה ונביל קרי ליה ואוהב מקום מיאוס ומשתין מים בפני מטתו היינו מיאוס : ערום . אורחא דמילתא נקט אתוך שהוא ערום אינו יוצא לחוץ להשתין דטורח הוא ללבוש ולצאת : אבל לבראי לית לן בה . בהקילות ארוך וניהו למרחוק : משא ולא משא . שאינו רוחץ ומשפשף יפה אלא מעט מים כמו רביעית מצומצם : על עסקי תכשיטים . שאינו רוצה לקנות לה' :

גבהו . היינו קומה זקופה : ותלכנה נטויות גרון שהיו הולכות עקב בצד גודל . למען בהגוכן שיהו מסתכלין בה והיא שוכה בפסיעותיה ודרך נוטים גרון לילך בנחת לפי שאינו רואה לרגליו : ומשקרות עיניכ דמליין כוחלא לשון סיקרא : מרמזין . את הבחורים סקור לשון רמז : הלוך וטפוף שהיו מהלכות ארוכה בצד קצרה . בתרתם לבם על ראש הבריתה והוא טי לה ונמצאת כין

משתין נאקעט פאר זייערע בעטן · דריבער וועלן זיי גיין די ערשטע אין גלות · אז מען איז משתין נאקעט פארן בעט איז נאר ניט אזוי אגרויסע עבירה · נאר רבי אבהו זאגט דער פסוק מיינט דיא מענטשן וואס זייא פלעגן עסן אונ טרינקען איינער מיט דעם אנדערן · אונ זייא פלעגן בהעפטן זייערע בעטן איינע נעבן דיא אנדערע · אונ זייא פלעגן מאהשין זייערע ווייבער איינער מיט דעם אנדערן · אונ זייא פלעגן פאר שטינקען זייערע בעטן מיט שכבת זרע וואס ניט זייערע · רבי אבהו האט גזאגט אונ אנדערע זאגן מיר האבען אזוי גילערנט אין אברייתא · דרייא זאכען ברייגגען דעם מענטשן צו ארעמקייט · אונ דס זענען דיא דריי זאכען · אז איינער איז משתין נאקעט פאר זיין בעט · אונ אז איינער וואשט זיינע הענט מיט ווייניג וואסער צום עסן · אונ אז זיין ווייב פלוכט איהם אונ ער הערט · זאגט די גמרא אז איינער איז משתין נאקעט פאר זיין בעט קומט ער צו ארעמקייט · האט רבא גזאגט דאס איז נאר גזאגט גיווארען אז ער שטייט מיט דעם פנים צום בעט אונ איז משתין · ווערט ער ארעם · אבער אז ער שטייט מיט דעם פנים צום שטוב אונ איז משתין נעבן בעט · ווערט ער ניט ארעם ווערין · אונ אז ער שטייט מיט דעם פנים צום בעט אונ איז משתין אין אכלי · ווערט ער ניט ארעם ווערין · אונ דער וואס וואשט ניט די הענט צום עסן ווערט ער ארעם · דאס איז נאר אז ער הט גאר ניט גיוואשען · אבער אז ער וואשט אונ וואשט ניט , (ער וואשט מיט אביסול וואסער) ווערט ער ניט ארעם זאגט דיא גמרא עס איז ניט אזוי , נאר אז ער וואשט דיא הענט מיט ווייניג וואסער ווערט ער אויך ארעם · תארום רב חסדא הט גזאגט איך האב גיוואשען מיינע הענט מיט פיל וואסער האט מען מיר גיגעבען פיל גוטיץ · אונ אז דיא ווייב פלוכט איהם אונ ער הערט · ווערט ער ארעם · הט רבא גזאגט דס איז נאר אז זיא פלוכט אים ער זאל איר קויפען צירונג אונ ער וויל ניט קויפען · אונ נאר אז ער קען קויפן אונ ער וויל ניט · ווערט ער ארעם :

ז דרש רבה בריה דרב עילאי · רבה דער זוהן פון רב עילאי הט גידרשת · עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט ווייל דיא טעכטער פון ציון זענען גרויס ביי זיך · וואס מיינט מען

מהלכות ארוכה בצד קצרה (שם) וברגליהם תעכסנה אמר רבי יצחק דבי רבי אמי מלמד שמטילות מור ואפרסמון במנעליהן ומהלכות בשוקי ירושלים וכיון שמגיעות אצל בחורי ישראל בועטות בקרקע ומתיזות עליהם ומכניסות יצה"ר בהם כארס בכעוס מאי פורענותהון כדדריש רבא (רבה) בר עולא (שם) והיה תחת בושם מק יהיה מקום שהיו מתבשמות בו נעשה נמקים נמקים ותחת חגורה נקפה מקום שהיו חגורות בצלצול נעשה נקפים נקפים (שם) ותחת מעשה מקשה קרחה מקום שהיו מתקשטות בו נעשה קרחים קרחים ותחת פתיגיל מחגורת שק פתחים המביאים לידי גילה יהיו למחגורת שק. כי תחת יופי אמר רבא היינו דאמרי אינשי הלופ שופרא כיבא. (שם) ושפח ה' קדקד בנות ציון א"ר יוסי ב"ח מלמד שפרחה בהן צרעת כתיב הכא ושפח וכתיב התם (ויקרא יד) ולשאת ולספחת. וה' פתהן יערה רב ושמואל חד אמר שנשפכו כקיתון וחד

לפיכך מספר בגנותן : וספיף . כמו על הספף לסטוף : העכסנה . כמו וכעכס אל מוסר אויל והוא ארס של נחש וקרי ליה עכס ע"ש שאינו מסילו אלא על ידי כעס : בכעוס . נחש כעוס : נמקים . כמו המק בשרו : נלמל . בנדי"ל נאה : נקפים . חגורות לשון המנקף רגליו וניקף סבכי כיער : מתקשטות . היינו שער בסולקו : ומפרכסות : מתקשטות דומה למקשה כעין נוטריקון : פתיגיל . נוטריקון פתח גילה אותו מקום : כי תחת יופי . כי כל אלה יבאו לך תחת יפיך : כיבא . קוסטה ליהה כמו שיהנה וכיבי דקדושין דסלימו : פתהן . כמו פתחיהן : שנשפכות כקיתון שופכות דם

זייא זענען גיגאנגען אויף גישטערט דעם גוף) אונ זייא זענען גיגאנגען אויס גינייגט די האלדז אונ אויף גיהויבען דעם קאפ (דאס מיינט מען זיי זענען גיגאנגען פאמעלאך · אטרים בייא אטרים די זכרים זאלען קענען קוקען אויף זיין) · אונ זיי האבען געווינקט מיט זייערע אויגען (זייא פלעגין פארבען די אויגען אונ פלעגין ווינקען צו דיא זכרים) זיי זענען גיגאנגען אונ האבען גישוועבט (דאס מיינט מען זיי זענען גיגאנגען אהויכע מיט אגירעריגע בעזאמען) · האט אויס גיזעהן דיא הויכע וויא זיא שוועבט איבער די נידעריגע) אונ אויף זייערע פיס איז גיזען גיפט האט רבי יצחק גזאגט די תלמידים פון רבי אמי האבען גילערנט זיי פלעגין אריין לייגען אין זייערע שיך בשמים מיט שמעקידיקע בוימאייל · אונ זענען גיגאנגען אין די גאסען פון ירושלים · אז זייא פלעגין קומען נעבין איונגען מאן האבען זייא אטרעט גיטאהן מיט דעם פוס אויף די ערד · פלעגט די בוימאייל אשפריץ טאהן אויף דעם יונגען מאן · אונ זייא פלעגין אריין ברייגען דעם יצר הרע אין דעם יונגען מאן אונ ער פלעגט ברענען אין איהם · אזוי וויא דער גיפט אין אשלאנג וואס איז בייז · פרעגט דיא גמרא וואס האט זייא גאט בצאהלט פאר דיא עבירות · ענטפערט דיא גמרא אזוי וויא רבה בר עולא האט גידרשנט · עס שטייט אין פסוק אונטער דיא בשמים וועט זיין פאר פוילט · (אויף די ארטער וואס זיי פלעגין שמירען זייער לייב מיט בשמים · וועט זיין פאר פוילט) · אונטער דעם גארטיל וועט זיין צו שניטען (אויף דעם ארט וואס זיי זענען גיווען גיגארטעלט מיט אברייטין גארטעל · וועט זיין די לייב צו האקט מיט וואונדען אונ מכות) אונטער די פיין גלעטע האר וועט זיין גאל (די ארטער פון קאפ וואס זייא פלעגין צירען אונ קעמען די האר זאל זיין גלאט אונ שיין · וועט זיין גאל · די האר וועט ארויס פאלען) אונ אונטער דעם פתיגיל וועט זיין אזאק (דאס ווארט פתיגיל איז טייטש גלייך וויא עס וואלט גישטאנען פתח גילה די טיר פון פרייד · דאס מיינט מען די ערוה · זאגט דער פסוק דיא טירען וואס פלעגין ברייגען צו פרייד · די ערוה · וועט זיין ארומגיגארטעלט מיט אזאק · מען וועט זייא טרייבען נאקעט אין גלות) · דאס אלץ וועט אויף דיר קומען פאר דיין שיינקייט (וואס דוא האסט דיך שיין גימאכט צו מנוה זיין) · רבא זאגט דאס איז וואס מענטשין זאגען אויף דעם ארט פון שיינקייט קומט מכות (אז איינער וויל זיך שיין מאכען צו מזנה זיין · שיקט גאט אויף איהם מכות ער זאל פאר מיאוסט ווערין) · אין פסוק שטייט ושפח ה' קדקד בנות ציון · האט רבי יוסי בר חנינא גזאגט דער פסוק לערנט אונז · אז זייערע קעפ זענען בעוואקסין גיווארין מיט קרעץ · דא שטייט דער ווארט ושפח · אונ דארט שטייט ולשאת ולספחת · אזוי וויא ספחת איז טייטש קרעץ · אזוי ושפח מיינט מען אויך קרעץ · אין פסוק שטייט וה' פתהן יערה

פתיה: יפיה. כ"ן וחסר כדס: אנשי שהן. מדברים בלשון גאוה ולשון נפה: סעדה. הכמים ההדרי כיוול דומים לגלס ולא תשבתי לכתנס כאן: דצמצמי מלכתא. כך שמה: דכשיא תרבוסס. ו"י תכשיטין נינהו לא יכו בטנים לעתיד: מרגא בטיהרא. כי כלאהרים מתוך כלים צריך אינו נאה אבל כזמן פ"ה שהוא עת מלחמות תכשיט הוא: ופליגא. הא דקתני בטלין לימות המשיח פליג אדשמואל דאמר אין בטלין

וחד אמר שנעשו פתחיהן כיער אמ־ רב יהודה אמר רב אנשי ירושלים אנשי שחץ היו. אדם אומר לחבירו במה סעדת היום וכו':

(דן פ:) **ח אמר** רחבה אמר רב יהודה עצי ירושלים של קנמון היו ובשעה שהיו מסיקין מהן ריחן נודף בבל ארץ ישראל ומשחרבה ירושלים נגנזו ולא נשתייר אלא כשעורה ומשתכת בגזאי דצמצמאי מלכתא:

**ט משנה** לא יצא האיש לא בסיף ולא בקשת וכו' ר' אליעזר אומר תכשיטין הן לו וחכמים אומרים אינן אלא לגנאי שנא' (מיכה ד) וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למזמרות וגו' ולא ילמדו עוד מלחמה: **גמ'** תניא אמרו לו לרבי אליעזר וכי מאחר דתכשיטין הן לו כפני מה הן בטלים לימות המשיח אמר להם לפי שאינן צריכין שנאמר (שם) לא ישא גוי אל גוי חרב. והיהוי לנוי בעלמא. אמר אביי מידי דהוה אשרגא בטיהרא. ופליגא

רשמואל

---

יערה. רב און שמואל קריגען איינער זאגט עס האט זיך גיגאסען פון זייא בלוט אזוי וויא פון אקרוג (פתחהן). איז טייטש אזוי וויא פתחן. זייער טיר. זייער ערוה. און יערה. איז טייטש (גיסען). און איינער זאגט זייערע טירען זייער ערוה איז בעוואקסען גיווארין מיט האר אזוי וויא אוואלד. זייא זאלען פאר מיאוסט ווערין יערה איז טייטש אזוי וויא יער. אוואלד): רב יהודה האט גיזאגט פון רבס וועגין דיא מענטשין פון ירושלים זענען ביי זיך גרוים גיוועזן. איינער האט גיפרעגט דעם אנדערין מיט וואס האסטו היינט גיגעסען ומיט וועלכע אשה האסטו היינט מזנה גיוועזן:

**ח** אמר רחבה אמר רבי יהודה. רחבה האט גיזאגט פון רבי יהודהס וועגין. דיא האלץ פון ירושלים זענען גיוועזן קנמון (בשמים האלץ). און אז מען פלעגט הייצען מיט דיא האלץ. האט דער ריח גישמעקט אין גאנץ ארץ ישראל. און אז ירושלים איז וויסט גיווארין איז דיא האלץ בעהאלטען גיווארין. און עס איז ניט מער געבליבען פון דיא האלץ: נאר איין שטיקל גרוים וויא אגערשט: און דאס ווערט גיפונען אין דיא אוצרות פון דיא קעניגין צמצמאי:

**ט** משנה לא יצא האיש. אמענטש טאר ניט ארוים גיין אום שבת מיט אשווערד. און ניט מיט אפיילע בויגען. רבי אליעזר זאגט גיווער איז ביי אמענטשין אצירונג. און די חכמים זאגען גיווער איז ביי אמענטשין אשענדליכע זאך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. אז משיח וועט קומען וועלין זיי צו שמויסען זייערע שווערדין צו האקערין מיט זיי. און פון זייערע שפיזען וועלין זייא מאכען מעסערס צו שניידען תבואה. און מען וועט שוין ניט לערנען וויא אזוי צו פירען אמלחמה. אז די גיווער וואלט גיוועזן אצירונג וואלט מען דאך דם ניט צו ברעכין אפילו ווען משיח וועט קומען:

גמרא תניא. מיר האבען גילערנט די חכמים האבען גיזאגט צו רבי אליעזר אז גיווער איז אצירונג צו אמענטשין. פאר וואס וועט דם בטל ווערין ווען משיח וועט קומען. האט רבי אליעזר גיזאגט צו די חכמים ווייל מען וועט זיי ניט בדארפען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איין פאלק צום אנדערין פאלק וועט ניט אויף הייבען קיין שווערד. פרעגט די גמרא זאל זיין די גיווער צו שיינקייט. פאר אצירונג. האט אביי גיזאגט אזוי ווי אליכט אין מיטען טאג. ווייל מען בדארף זיא ניט איז דם ניט שיין ואבער ביי נאכט ווען מען בדארף די ליכט איז זיא שיין. אזוי דם גיווער איז נאר שיין ווען מען בדארף זיי. ווען עס איז מלחמות. אבער אז משיח וועט קומען און מלחמות וועט ניט זיין. איז דיא גיווער ניט שיין. און דער תנא וואם זאגט אז אלע גיווער

וועליי

דשמואל דאמר שמואל אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד גליות בלבד שנאמר (דברים טו) כי לא יחדל אביון מקרב הארץ. מסייע ליה לרבי חייא בר אבא דאמר רבי חייא בר אבא כל הנביאים לא נתנבאו אלא לימות המשיח אבל לעוה"ב (ישעיה סד) עין לא ראתה אלהים זולתך ואיכא דאמרי אמרו ליה לר"א וכי מאחר דתכשיטין הן לו מפני מה הן בטלים לימות המשיח א"ל אף לימות המשיח אינן בטלים היינו דשמואל ופליגא דרבי חייא בר אבא א"ל אביי לרב דימי ואמרי לה לרב אויא (ואמרי לה רב יוסף לרב דימי ואמרי לה לרב אויא ואמרי לה אביי לרב יוסף) מ"ט דר"א דאמר תכשיטין הן לו. דכתיב (תהלים מה) חגור חרבך על ירך גבור הודך והדרך. א"ל רב כהנא למר בריה דרבינא האי בדברי תורה כתיב. א"ל אין מקרא יוצא מידי פשוטו לעולם:

אמר

לימות המשיח: לא יחדל. משמע לעולם לא יפסקו יש עניים ב"נ להמות שנתנבאו הנביאים ולא יוסיף כנעני עוד לא לימות המשיח נתנבאו אבל מן העולם הזה שאין כל חדל אך אביון: מסייע ליה. ברייתא דקתני בטלים לימות המשיח לר' חייא בר אבא: לא נתנבאו. דברי נחמות שלהן: עין לא ראתה. עין של נביא לא שלט בראותה: כדברי תורה כתיב. הוי זהיר לחזור על משנתך שתהא מזומנת לך בשעת הדין להביא ראיה כחרב על ירך גבור נוצח במלחמה והוא הודך והדרך:

---

וועלין בטל ווערן ווען משיח וועט קומען. קריגט ער אויף שמואל. ווארום שמואל האט גזאגט צווישען דיא וועלט און די צייט ווען משיח וועט קומען איז ניט מער קיין אונטער שייד נאר אין דעם גלות. היינט איז מען אין גלות. און אז משיח וועט קומען וועט מען אויס גילייזט ווערין פון גלות. ווארום עס שטייט אין פסוק עס וועט ניט פאר מיטען ווערין קיין ארעם מאן פון דער וועלט. אפילו ווען משיח וועט קומען וועלין אויך זיין ארעמע לייט. און עס וועט זיין מלחמות. וועט מען בדארפין גיוועהר שווערדין און ביקסען. פון דעם תנא וואס זאגט אז אלע גיוועהר וועלין בטל ווערין ווען משיח וועט קומען. וועט זיין א ראיה צו רבי חייא בר אבא. ווארום רבי חייא בר אבא האט גזאגט אלע נביאים האבען נאר נביאות גזאגט אויף דיא צייט ווען משיח וועט קומען. אבער וואס צו עולם הבא וועט זיין האט קיין אויג ניט גיזעהן. נאר גאט אליין ווייס. זעהן מיר דאך אז צו דיא צייט ווען משיח וועט קומען וועט שוין מקוים ווערין אלע טובות וואס די נביאים האבען גזאגט. עס וועט שוין ניט זיין קיין ארעם מאן און עס וועט ניט זיין קיין מלחמות און מען וועט ניט בדארפין קיין גיוועהר. אנדערע זאגען די חכמים האבען גזאגט צו רבי אליעזר אז גיוועהר איז א צירונג צו א מענטשין. פאר וואס וועט דאס בטל ווערין ווען משיח וועט קומען. האט רבי אליעזר גזאגט צו די חכמים: זייא וועלען טאקי ניט בטל ווערין אפילו ווען משיח וועט קומען. און דאס איז אזוי וויא שמואל האט גזאגט. אז ווען משיח וועט קומען וועט אויך זיין מלחמות. און רבי אליעזר קריגט אויף רבי חייא בר אבא וואס ער זאגט אז ווען משיח וועט קומען וועט שוין ניט זיין קיין מלחמות נאזוי וויא פריער שטייט. אביי האט גזאגט צו רב דימי. און אנדערע זאגען אביי האט גזאגט צו רב אויא. פון וואנען ווייס רבי אליעזר צו זאגען אז גיוועהר איז א צירונג צו א מענטשין. ווארום עס שטייט אין פסוק דוא שטארקער העלד בינד אן דיין שווערד אויף דיין זייט. דאס איז דיין שיינקייט. האט רב כהנא גזאגט צו מר בריה דרבינא דער פסוק שטועסט נאר פון דיא תורה. דיא תורה זאל זיין אן גיבונדען אין דיין הארץ. ווען מען וועט דיר פרעגין א דין זאלסטו שוין וויסען צו ענטפערין. אזוי וויא עס איז אן גיבונדען דער שווערד ביי א גבור אויף זיין זייט ווען ער דארף מלחמה האלטען דאס ער שוין דעם שווערד געבין זיך. און דאס איז דיין שיינקייט. האט מר בריה דרבינא גזאגט צו רב כהנא דער פסוק גייט קיין מאהל ניט ארויס פון זיין פראסטען פשט. דער פסוק מיינט ביידע זאכען: דער שווערד איז ביי דעם גבור זיין צירונג. און דער פסוק מיינט דיא תורה אויך. דיא תורה זאל זיין אן גיבונדען אין דיא הארץ פון א מענטש. אזוי וויא דער שווערד איז אן גיבונדען אויף די זייט פון דעם גבור ווי פריער שטייט:

י **אמר** רב כהנא כד הוינא בר תמני סרי שנין הות גמירנא ליה לכולי גמרא ולא הוה ידענא דאין מקרא יוצא מידי פשוטו עד השתא מאי קא משמע לן דליגמר איניש והדר ליסבר. אמר רבי ירמיה אמר ר' אלעזר שני ת"ח דמחדדין זה לזה בהלכה הקב"ה מצליח להם שנאמר (תהלים מה) והדרך אל תקרי והדרך אלא וחדדך ולא עוד אלא שעולין לגדולה שנאמר (שם) צלח רכב יכול אפילו שלא לשמה ת"ל על דבר אמת. יכול אם הגים דעתו ת"ל וענוה צדק. ואם עושים כן זוכין לתורה שניתנה בימין שנאמר ותורך נוראות ימינך. רב נחמן בר יצחק אמר זוכין לדברים שנאמר בימינה של תורה דאמר רבא בר שילא ואיתימא רב יוסף בר חמא אמר רב ששת מאי דכתיב (משלי ג) אורך ימים בימינה בשמאלה עושר וכבוד אלא בימינה אורך ימים איכא עושר וכבוד ליכא אלא למיימינים בה אורך ימים איכא וכל שכן עושר וכבוד למשמאילים

דליגמר איניש. ליגרוס במשנה תחלה ואע"ג דלא ידע לכולהו טעמי: והדר ליסבר. טעמי דמה קבס. לרב כהנא ולא הוה ידע להאי טעמא ותלמידים סוה קיס ליה מדכוה בר תמני כני: שמחדדים. שואלין ומשיבין ולא לקפח אלא להתחדד: והדרך. כמו והדרך: וחודך. והלמדך: למיימינים. של תורה שמשמשין טעמיהן בדיוקין ובכוונין כימין המיומנת למלאכה: עושר וכבוד ליכא. נתמיה כיון דאיכא אורך ימים כ"ש עושר וכבוד: למשמאילים בה. שאין יגעין בה כל צרכן א"נ

י אמר רב כהנא. רב כהנא האט געזאגט ווען איך בין אלט געווען אכטצעהן יאהר האב איך שוין געהאט אויס געלערנט די גאנצע גמרא. אונ איך האב ניט געוואוסט אז דער פסוק גייט ניט ארויס פון זיין פראסטען פשט. ביז איצט וואס מיר דארפן פרעגט די גמרא וואס דער צוילט אונז רב כהנא. ענטפערט די גמרא מען זאל וויסען אז פריער זאל א מענטש לערנען די גאנצע תורה אונ די גאנצע גמרא מיט דעם פראסטען פשט. דער נאך וועט ער לערנען דעם דרש פון די חכמים. רבי ירמיה האט געזאגט פון רבי אלעזר ווענן צווייי תלמידי חכמים וואס פרעגין קשיות איינער דעם אנדערין: אונ זייא מיינען ניט צוא דער צעריגען איינער דעם אנדערין. נאר זייא מיינען צו שארפען דעם שכל מען זאל בעסער פאר שטיין דיא תורה. איז זייא גאט מצליח זייא זאלען קענען גוט פאר שטיין דיא תורה. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק והדרך. זאלסט ניט לייענען והדרך. נאר וחדדך. דיא זאלסט דיר שארפען דיין שכל אין דיא תורה. נאך מער זענען זייא זוכה. זייא ווערין גרויסע ליים אויף דער וועלט. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק דוא וועסט בגליקען אונ וועסט גרויס ווערין. איך וואלט וועלין מיינען אפילו זייא לערנען ניט צום אמת פון דיא תורה. ווענן זייא אויך מצליח. שטייט אין פסוק על דבר אמת. אויב זיי לערנען פון וועגין דעם אמת. ווייל גאט האט גיהייסען תורה לערנען בגליקען זיי. אבער אז זיי לערנען ניט צום אמת פון דיא תורה בגליקען זיי ניט. איך וואלט וועלין מיינען אפילו ער איז גרוים ביי זיך מיט זיין לערנען. איז ער אויך מצליח. שטייט אין פסוק וענוה צדק. ער זאל זיין ביי זיך נידעריג אונ פרום. אונ אויב זייא טוהען אזוי זענען זיי זוכה צוא קענען די חכמה פון דיא תורה וואס זיא איז גיגעבען גיווארין פון דיא רעכטע האנט פון גאט. אזוי וויא עם שטייט אין פסוק ותורך נוראות ימינך. דיא תורה וואס איז גיגעבען גיווארין פון דיא רעכטע האנט פון גאט. וועט דיך לערנען פורכטבארע זאכען. רב נחמן בר יצחק זאגט זיי זענען זוכה צו דיא זאכען וואס זענען גוזאגט גיווארין אין דיא רעכטע האנט פון דיא תורה. ווארום רבא בר שילא האט גזאגט אין פסוק שטייט לאנגע טעג (לאנג לעבין) איז אין דיא רעכטע האנט פון דיא תורה. אונ אין די לינקע האנט פון דיא תורה איז דא רייכקייט אונ כבוד. איז דאך דיא קשיא אין דיא רעכטע האנט פון דיא תורה איז נאר דא לאנגע טעג (לאנג לעבין) אבער רייכקייט אונ כבוד איז ניטא. נאר אזוי מיינט דער פסוק די מענטשין וואס דיא תורה איז ביי זיי דער עיקר. אזוי וויא די רעכטע האנט איז ביי א מענטשין דער עיקר צו זיין ארבעט. וועט ער לאנג לעבין אונ רייכקייט מיט כבוד וועט ער געווים אויך האבען. אבער דיא מענטשין וואס די תורה איז ביי זיי ניט דער עיקר. די תורה

אין

למשמאילים בה עושר וכבוד איכא אורך ימים ליכא. אמר רבי ירמיה אר"ש בן לקיש שני תלמידי חכמים הנוחים זה לזה בהלכה הקב"ה מקשיב להם שנאמר (מלאכי ג) אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו וגו'. אין דבור אלא נחת שנאמר (תהלים מז) ידבר עמים תחתינו מאי ולחושבי שמו אמר רבי אסי (אמי) אפילו חישב לעשות מצוה ונאנס ולא עשאה מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה.

אמר רב חיננא (בר אידי) כל העושה מצוה כמאמרה אין מבשרין אותו בשורות רעות שנאמר (קהלת ח) שומר מצוה לא ידע דבר רע אמר רבי אמי ואיתימא רבי חנינא אפילו הקב"ה גוזר גזרה הוא מבטלה שנא' (קהלת ח) באשר דבר מלך שלטון ומי יאמר לו מה תעשה וסמיך ליה שומר מצוה לא ידע דבר רע. אמר רבי אבא אר"ש בן לקיש ב' ת"ח המקשיבים זה לזה בהלכה הקב"ה שומע לקולם שנאמר (שיר ח) היושבת בגנים חברים מקשיבים לקולך השמיעני ואם אין עושין כן גורמין לשכינה שתסתלק מישראל שנאמר (שם) ברח דודי

מיימינים בה עוסקים לשמה. משמאילין שלא לשמה: שמאזין זה לזה. נושאין ונותנין בה בנחת רוח ומתעסקים כדי שילמדו זה מזה: ידבר עמים תחתינו. ינהיגם וכל ספלות בנחת. לשון אחר כמתין מנהיגים זה את זה לכוונתה של הלכה כמו לך נחה. ידבר תרגום של ינהג: ומי יאמר לו מה תעשה. שומר מצוה יכול לומר לו: המקשיבים. תלמידים זה את זה ומיימינים זה מזה ולישנא דקרא נקט: בגנים. בתי מדרשות: חברים מקשיבים.

---

איז בייא זיי נאר אזוי ווי די לינקע האנט ביי א מענטשין. ווענ ער נאר האבען רייכקייט אונ כבוד. אבער לאנג לעבען ניט. רבי ירמיה האט גזאגט פון רבי שמעון בן לקיש ווענין צווייא תלמידי חכמים וואס לערנען צו זאמען דיא דינים פון דיא תורה. אונ זייא דינר צערענען ניט איינער דעם אנדערין. נאר דער נעמט אן די רייד פון דעם: אונ דער נעמט אן די רייד פון דעם. פר נעמט גאט זייערע רייד. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע. אז די מענטשין וואס האבען מורא פאר גאט האבען גירעט איינער צום אנדערין דיא דינים פון די תורה. האט גאט פאר נומען זייערע רייד. איין דבור אלא נחת: דעם ווארט דבור מיינט מען אז מען רעדט פאמעליך מיט אנידערינע שטימע. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. ידבר עמים תחתינו. גאט וועט גידעריג מאכען דיא פעלקער אז זייא וועלין רייִדען צו אונז פאמעליך אונ מיט אנידעריגע שטימע. וואס מיינט דער פסוק ולחושבי שמו. די וואס טראכטען זיין נאמען. האט רבי אסי גזאגט אויב איינער האט גיטראכט צו טאהן א מצוה. אונ עס האט איהם גיטראפען אסבה. אונ ער האט ניט גיקענט טאהן דיא מצוה. רעכונט איהם דער פסוק גלייך וויא ער וואלט דיא מצוה גיטאהן. רב חיננא בר אידי זאגט דער וואס טוהט א מצוה אזוי וויא זיא איז גזאגט גיווארין אין דיא תורה. וועט מען איהם קיין מאהל ניט זאגען קיין שלעכטע בשורה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער וואס היט די מצות וועט ניט וויסען פון קיין שלעכטע זאך. רבי אמי האט גזאגט. אונ אנדערע זאגען רבי חנינא האט גזאגט אפילו גאט איז גוזר א שלעכטע גזרה. קען ער מבטל זיין די גזרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק די רייד פון מלך איז די גיוועלטיקייט וואס גאט דער מלך פון דער וועלט איז גוזר ווערט מקוים. אונ ווער קען זאגען צו איהם וואס טוהסטו. באלד דער נאך זאגט דער פסוק אבער דער וואס היט די מצות וועט ניט וויסען פון קיין שלעכטע זאך. ווייל ער קען מבטל זיין די שלעכטע גזרות. רבי אבא האט גזאגט פון רבי שמעון בן לקיש ווענין צוויי תלמידי חכמים וואס פר נעמען איינער פון אנדערין די דינים פון די תורה. הערט גאט דעם קול פון זייער לערנען: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק היושבת בגנים די תלמידי חכמים וואס זיצען אין דיא גערטנער (אין בית המדרש) חברים מקשיבים. אונ זייא זענען חברים וואס פר נעמען איינער פון אנדערין די דינים פון די תורה. זאגט גאט צו זיי לקולך השמיעני מאך מיך הערין דיין קול פון דיין תורה לערנען. אונ אויב זייא טוהען ניט אזוי. זייא ווילען ניט פאר נעמען איינער פון דעם אנדערין. דיא רייד פון דיא תורה. ברענגען זיי דער צו. אז דיא שכינה זאל אפ ניטאהן ווערין פון דיא יודען. אז ווי עס

שטייט

דודי וגו'. אמר רבי אבא אמר רבי שמעון בן לקיש ב' ת"ח המדגילין זה לזה בהלכה הקב"ה אוהבן שנאמר (שם) ודגלו עלי אהבה אמר רבא והוא דידעי צורתא דשמעתא והוא דלית להו רבה במתא למגמר מיניה:

יא ואמר רבי אבא אמר רשב"ל גדול המלוה יותר מן העושה צדקה ומטיל בכיס יותר מכולם

אמר ר"א ארשב"ל אם ת"ח נוקם ונוטר כנחש הוא חגרהו על מתניך אם עם הארץ הוא חסיד אל תדור בשכונהו אמר רב כהנא (אמר רבי שמעון בן לקיש ואמרי לה אמר רב אסי אמר רשב"ל) ואמרי לה א"ר אבא אר"ש בן לקיש כל המגדל כלב בתוך ביתו מונע חסד מתוך ביתו שנאמר (איוב ו) למס מרעהו חסד שכן בלשון יונית קורין לכלב למס. ורב נחמן בר יצחק אמר אף פורק ממנו יראת שמים שנאמר (שם) ויראת שדי יעזוב. ההיא אתתא דעיילא לההוא ביתא לטיפא נבח בה כלבא איתעקר ולדה א"ל מרא דביתא לא תדחלי

פירש"י

ברח דודי. בה"ה כתיב: המדגילים. מלמדין זה את זה ואומרים בא ונלמוד (בא) ונבין בין שניגו כותיל ואין לנו רב ללמדנו: צורתא. שורש הדבר קלת למדו מרבם:

גדול המלוה. לפי שאין העני בוש בדבר: ומטיל בכיס. מעות ומלאי להשתכר בהם למחצית השכר והיינו דאיירי רבי אבא אר"ל נקט כל הני מילי דאגדתא דאמר להו רבי אבא משמיה:

חגרהו. הדבק בו שסופך ליהנות מתלמודו: אל תדור בשכונתו. שאינו יודע בדקדוקי מצות ואין חסידותו כלום וסופך ללמוד ממנו: מונע חסד. שאינו מניח העניים לבא לפתחו: למס. דהיינו כלב: מרעהו מונע חסד ואע"ג דלא כתיב מונע מדיליה משמע שכל היכא שכתבה מ"ם משמעת נטילה כמו ויקח מידם אבדו גוים מארצו: למיפא לאפות עיסה שבשאיל ב"ב תנינו:

שטייט אין פסוק ברח דודי אנטלויף מיין פריינד. רבי אבא האט געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגן צוויי תלמידי חכמים וואס פערזאמלען איינער דעם אנדערן. זייא זאלען גיין ביידע לערנען דיא דינים פון דיא תורה. האט זייא גאט ליב. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ודגלו עלי אהבה דיא פערזאמלונג פון דיא תלמידי חכמים איז ביי מיר ליב. האט רבא געזאגט דאס איז נאר אז זייא ווייסען וויא צוא לערנען. אונ נאר אז זייא האבען ניט קיין רבי אין שטאט צוא לערנען פון איהם. אבער אז זייא האבען א רבי מוזען זייא גיין צום רבי צו לערנען פון איהם:

יא ואמר רבי אבא. נאך האט רבי אבא געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגן דיזער וואס פאר בארגט געלט צו א אָרעם מאן. איז מער מצוה וויא ער גיט איהם צדקה. ווייל דער אָרעם מאן שעמט זיך ניט צו נעמען. אונ דער וואס פער באָרגט געלט אָדער סחורה צוא א אָרעם מאן ער זאל האנדלען מיט זייא. איז די מצוה נאך גרעסער פון דיא אלע זאכען. רבי אלעזר האט געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגן אפילו א תלמיד חכם וואס ער איז [illegible] אונ אז איינער טוהט איהם שלעכץ זוכט ער צו האבען א נקמה פון איהם אונ ער היט די פיינדשאפט ביי זיך אין הארץ אזוי וויא א שלאנג. פון דעסטוועגן זאלסטו איהם אן גורטען אויף דיינע לענדין אונ דוא זאלסט דיך בהעפטן מיט איהם. ווארום דער סוף וועט זיין דו וועסט הנאה האבען פון זיין תורה. אויב א עם הארץ איז א חסיד זאלסטו ניט וואוהנען נאנט פון איהם. רב כהנא האט געזאגט אונ אנדערע זאגען רבי אבא האט געזאגט פון רבי שמעון בן לקיש וועגן דער וואס אנערוועט א הונט ביי זיך אין שטוב. פאר מיידט ער חסד פון זיין שטוב. ווארום אָרעמע לייט האבען מורא אריין צו גיין אין שטוב פאר דעם הונט. דער ווייל גיט ער ניט קיין צדקה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק למס מרעהו חסד. אונ אויף גריכיש רופט מען א הונט למס. זאגט דער פסוק ווער עס האט אין שטוב למס. א הונט. פאר מיידט ער פון זיין שטוב חסד. אונ רב נחמן בר יצחק זאגט דער מענטש נעמט ארויס פון זיך די מורא פון גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער פאר לאזט די מורא פון גאט. עס האט אמאהל גיטראפען א אשה איז אריין גיגאנגען אין א שטוב צו אבעקיר באקין איר טייג. ואונ דיא אשה איז גיוועזן מעוברת. האט דער הונט פון שטוב א גישריי גיטאהן אויף די אשה. איז די אשה דער שראקין גיווארין. אונ דאס קינד וואס ביי איר אין בויך איז אפ געריסען גיווארין פון זיין ארט. האט דער בעל הבית פון שטוב געזאגט צו דיא אשה זאלסט ניט מורא האבען פאר דעם הונט.

ווארום

תדהלי דשקילי ניביה ושקילין טופריה . אמרה ליה שקילא טיבותיך ושדיא אח זרי בבר נר ולד , אמר רב הונא מאי דכתיב (קהלת יא) שמח בחור בילדותך ויטיבך וגו' יביאך האלהים במשפט ע"כ דברי יצר הרע מכאן ואילך דברי יצר הטוב ר"ל אמר ע"כ לדברי תורה מכאן ואילך למעשים טובים :

(פ"ג) **יב תניא** ציץ כמין טס של זהב ורחבו שתי אצבעות מוקף מאוזן לאוזן וכתוב עליו בב' שיטין יו"ד ה"א מלמעלה וקדש למ"ד למטה אמר רבי אליעזר בר' יוסי אני ראיתיו ברומי וכתוב קדש לה' בשיטה אחת :

(דף כד) **יג ונקרב** את קרבן ה' איש וגו' טבעת עגיל וכומז (במדבר לא) א"ר אלעזר עגיל זה דפוס של דדין . כומז זה דפוס של בית הרחם אמר רב יוסף אי הכי היינו דמתרגמינן מחוך דבר המביא לידי גיחוך אמר ליה רבא מגופיה דקרא שמע מינה כומז כאן מקום זמה . (שם) ויקצוף משה על פקודי החיל אמר ר"נ

שקלי ניביה . כשולה ד' שיני שבות מוך בבם ורתם שנים קרי ניבי כדי נעליק בגמ' פרס ה בגמ' ניבי היה ליה : שקלי טופריה . נט נוה לספרים מלסרוט: שקילא. נטולה טיבתך ומוטנת על הקילים פיבותך טיבת סגלה נהמתך כמו ם זיק טובה גורי"א בלע"ז : ע"כ . עד ודע כי על כל אלה וגו' : ע"כ לתורה . שמח בהלמודך למוד מש בחס ומטוב לב והלך בדרכי לבך להבין מה בלבך לפי מלות עיניך : מכאן ואילך למעשים טובים . ודע כי על כל אלה . על כל מה בלמדת פוסק ליתן לא הדין אם לא תקיים :

יו"ד ה"א מל מעלה קדש למ"ד מלמטה . כלומר השם שלם בשיטה עליונה וקדש למ"ד בשיטה התחתונה ש"א להקדים שלא אותיות מלמעלה מן השם מאחר בב' ביטין היו ורבינו כלוי שורה קדש מלמטה (לה' מלמעלה) וסיא היא : אני ראיתיו ברומי . שנכנס לאוצר המלך ליטול מה שירצה כמסכת מעילה דף טו במעשה בן תלמיון :

דפוס של דדין . שמונחות בו דדין : גיחוך . ליצנות:

---

וואָרום מען האָט אַרוּס גינומען זיינע פֿאַרשטעכטע ציין ער זאָל ניט קענען בייסען . און מען האָט אַראָפּ גינומען זיינע נעגיל . האָט די אשה גזאָגט צום בעל הבית נעם דיין טובה און וואַרף זיא אויף די דערנער . דאָס קינד האָט זיך שוין געדירט פֿון זיין אָרט . רב הונא זאָגט וואָס מיינט דער פּסוק וואָס ער זאָגט דו בחור זאָלסט דיך פֿרייען אין דיין יוגענד . און דוא זאָלסט בגיטיגען דיין האַרץ אין דיין יוגענד . ודע און וויס אַז אויף די אַלע זאַכען וועט גאָט דיך ברייננגען צום משפט . ביז ודע זאָגט דער יצר הרע . ער הייסט דעם מענטשין ער זאָל פֿרייליך לעבען . און פֿון ודע און ווייטער זאָגט דער יצר טוב . דוא זאָלסט ניט פֿריילאך לעבען גאַר זאָלסט זאָרגין פֿאַר דעם משפט פֿון גאָט . ריש לקיש זאָגט ביז ודע מיינט מען צו די תורה . דוא זאָלסט אין דיין יוגענד לערנען תורה מיט שמחה . און מיט דיין גוטען האַרץ . און פֿון ודע און ווייטער מיינט מען צו גוטע מעשים . דוא זאָלסט מקיים זיין וואָס דוא האָסט גילערנט . וואָרום אַז דוא וועסט ניט מקיים זיין וועט דיך גאָט שטראָפֿין :

יב תניא . מיר האָבען גילערנט דער ציץ פֿון כהן גדול איז גיוועזן אַזוי ווי אַ גאָלדענע בלעך . ער איז גיוועזן ברייט ווי צוויי פֿינגער . און ער איז גילעגין אויף דעם גאַנצען שטערין פֿון איין אויער צום אַנדערין אויער . און אויף איהם איז גיוועזן געשריבען צוויי שורות אין דיא אויבערשטע שורה איז גיוועזן געשריבען דער שם יו"ד ה"א . און אין די אונטערשטע שורה איז גיוועזן געשריבען קדש למ"ד . רבי אליעזר בר' יוסי זאָגט איך האָב גיזעהן דעם ציץ אין רוים איז גיוועזן אויף איהם געשריבען קדש לה אין איין שורה :

יג ונקרב את קרבן ה' . דיא יודען וואָס זענען גיקומען פֿון דיא מלחמה פֿון מדין האָבען גזאָגט מיר האָבען גיבראַכט אַ קרבן צו גאָט . יעדער מענטש וואָס ער האָט גיפֿונען ביי זיך צירונג טבעת עגיל וכומז . האָט רבי אלעזר גזאָגט עגיל איז גיוועזן אַ גאָלדענער פֿאָרעם וואָס די בריסט פֿון דיא אשה איז גילעגין איננווייניג . כומז איז גיוועזן אַ פֿאָרעם צו דיא ערוה : האָט רב יוסף גזאָגט דריבער איז רעכט וואָס דער תרגום טייטשט כומז . מחוך . וואָרום מחוך איז טייטש צו לאַכען . ווייל דער כומז איז גיוועזן אַ צירונג צו אַזוי אַזאַך וואָס עס ברייננגט דעם מענטש צום לאַכען . האָט רבא גזאָגט צו רב יוסף פֿון פּסוק אַליין אָן דעם תרגום ווייסע מיר אויך וואָס כומז איז . וואָרום כומז איז דריי ווערטער כאן מקום זמה דאָ איז דער אָרט פֿון זנות . אין פּסוק

**פירוש**

לקלקולכם . כל מעשה שטים לזנות אל בנות מואב שמא כך עשיתם במדין לכך אתם צריכין קרבן : לא נפקד . לא נחסר מדת יהודים : שזנו . לשון מזון שהנו במראית העין : תכשיטין שבחוץ . אצעדה : תכשיטין שבפנים . כומז : לומר לך המסתכל באצבע . שהוא מקום צנוע כמסתכל במקום כומז (שהרי כפרה זו על שנסתכלו בה) : אלא בזוג אע"פ שהוא פקוק . ואינו מוליד קול לא תצא בהמה בו וטעמא פרישנא בפ' במה בהמה משום דמיחזי כאזיל לחינגא : מטייל עמה בחצר . שהוא מופרש מן הרבים אלא כדברי רב והיינו תנאי היא :

ר"נ אמר רבה בר אבוה אמר (לו) [להן] משה לישראל שמא חזרתם לקלקולכם הראשון אמרו לא נפקד ממנו איש אמר להם א"כ כפרה למה א"ל אם מידי עבירה יצאנו מידי הרהור לא יצאנו מיד ונקרב את קרבן ה'. תנא דבי רבי ישמעאל מפני מה הוצרכו ישראל שבאותו הדור כפרה מפני שזנו עיניהם מן הערוה . אמר רב ששת מפני מה מנה הכתוב תכשיטין שבחוץ עם תכשיטין שבפנים . לומר לך כל המסתכל באצבע קטנה של אשה כאילו מסתכל במקום התורפה . א"ר יהודה אמר רב כל מקום שאסרו חכמים מפני מראית העין אפילו בחדרי חדרים אסור . תנן ולא בזוג אע"פ שפקוק ותניא אידך פוקק לה זוג בצוארה ומטייל עמה בחצר תנאי היא וכו'.

אמר

---

שטייט משה האט געצערנט אויף די ערצטע פון דעם חיל. האט רב נחמן געזאגט פון רבה בר אבוהם ווענין משה רבינו האט געזאגט צו די יודען טאמער האט איר אייך אומגעקערט צוא אייער ערשטע עבירה פון זנות. האבען די יודען געזאגט צו משה עס פעלט ניט פון אונז איין מענטש. מיר זענען אלע פרומע יודען. האט משה געזאגט צו די יודען אויב איר זענט אלע פרום צו וואס ווילט איר ברייגען א קרבן. האבען די יודען געזאגט צו משה אמת מיר האבען ניט געטאהן קיין עבירה. אבער טאמער האבען מיר געטראכט פון א עבירה. באלד נאך די רייד האבען זייא מקריב געוועזן א קרבן צו גאט. דיא תלמידים פון רבי ישמעאל האבען געלערנט פר וואס האבען די יודען פון דעם דור וואס זענען געוועזן אין די מלחמה פון מדין געדארפט ברייגען א קרבן כפרה צו זיין אויף זייא. ענטפערט דיא גמרא. ווייל זייא האבען געשפייזט זייערע אויגען פון דיא זונות [זייא האבען געקוקט מיט זייערע אויגען אויף דיא נקבות פון מדין]. רב ששת זאגט פר וואס רעכענט דער פסוק דיא אויסווייניגסטע צירונג ודי פינגערלאך. [וואס מען גייט אויף דיא פינגער] צו זאמען מיט דיא אינווייניגסטע צירונג ודעם כומז [וואס ער איז אויף דיא ערוה]. צו זאגען דיר דער וואס קוקט אפילו אויף דעם קליינעם פינגער פון א אשה. איז גלייך וויא ער קוקט אויף דיא ערוה פון א אשה. דריבער האבען זיי געבראכט דיא פינגערלאך מיט דעם כומז פאר א קרבן. ווייל זייא האבען געקוקט אויף דיא פינגערלאך מיט דיא פינגער פון דיא נקבות. אונ דיא עבירה איז גלייך מיט דיא עבירה וואס זייא האבען געקוקט אויף דעם כומז מיט די ערוה:

אמר רב יהודה אמר רב. רב יהודה האט געזאגט פון רבס ווענין אזוי אזאך וואס אין אמת מעג מען איר טאהן. נאר דיא חכמים האבען געאסרת דיא זאך צו טאהן ווייל אז מען וועט זעהן וועט מען מיינען ער טוהט א עבירה טאר מען שוין ניט טאהן די זאך אפילו אין א שטוב וואו קיינער זעהט ניט. פרעגט דיא גמרא מיר האבען דאך געלערנט א בהמה טאר ניט ארויס גיין מיט א גלעקיל אויף איר האלדז. אפילו דער גלעקיל איז פאר שטאפט אונ ער קען ניט קלינגען. ווייל דער וואס וועט זעהן וועט זאגען מען פירט דיא בהמה צום פר קויפען. אונ נאך אין א ברייתא האבען מיר געלערנט מען מעג אויף איינגען א גלעקיל ביי א בהמה אויף איר האלדז. נאר דער גלעקיל זאל זיין פאר שטאפט עס זאל ניט קלינגען. אונ מען מעג ארום גיין מיט די בהמה אין הויף. ווייל אין הויף זעהט קיינער ניט. וועט מען ניט זאגען ער פירט דיא בהמה צום פאר קויפען. זעהן מיר דאך אז די זאך וואס אין אמת איז זיא מותר. אונ דיא חכמים האבען געאסרת ווייל מען וועט זעהן וועט מען מיינען ער טוהט א עבירה. אבער אז קיינער זעהט ניט מעג מען טאהן דיא זאך. ענטפערט דיא גמרא תנאים קריגען אין דעם דין:

(פ"ג) יד אמר עולא כדי שלא תתגנה על בעלה כדתניא (ויקרא טו) והדוה בנדתה זקנים הראשונים אמרו שלא תכחול ולא תפקוס ולא תתקשט בבגדי צבעונין עד שבא רבי עקיבא ולימד אם כן אתה מגנה על בעלה ונמצא בעלה מגרשה ואלא מת"ל והדוה בנדתה. בנדתה תהא עד שתבא במים:

(דף סז) מו אמר ר' יוחנן לאישתא צמירתא לשקול סכינא דכולא פרזלא וליזיל להיכא דאיכא ורדינא וליקטר ביה נירא ברקא יומא קמא ליחדוק ביה פורתא ולימא (שמות ג) וירא מלאך ה' אליו וגו'. למחר ליחדוק ביה פורתא ולימא (שם) ויאמר משה אסורה נא ואראה. למחר ליחדוק ביה פורתא ולימא (שם) וירא ה' כי סר לראות וגו' אמר ליה רב אהא בריה (דרב אשי) [דרבא לרב אשי] ולימא ויאמר אל תקרב הלום וגו'. אלא ליומא קמא לימא וירא מלאך ה' ויאמר משה. למחר לימא (ויאמר משה) וירא ה' כי סר לראות. לבתר ויאמר (ה') אל תקרב הלום. וכי פסקת ליה ליתתיה

כדי שלא תתגנה. שתהא לה קנה קישוטים נאים בימי נדותה. דתנו רבנן להכי: בנדתה. היו דורשים הראשונים כמשמעו כדבר המנודה (והרחקוה) [ומרחיקה] מבעלה: שלא תכחול עיניה, ולא תפקוס. פרק על פניה סיקרא"ה בלע"ז והוא אודם: תהא בנדתה. בטומאתה: עד שתבא במים. לטבול ואע"פ שעברו ז' ימים ופסק מעיינה: לאשתא צמירתא. חולי שמחממת וקודחת את הגוף: ורדינא. סנה: ליחדוק. ליקרמי"ר בלע"ז דמיבלע מידקייהו דהנהו עלפות: ויאמר משה. משום ה פיה מדוע לא יבער הסנה: כי סר. שיסור הכאב: אל תקרב הלום. שלא יקרב החום.

---

יד אמר עולא. עולא זאגט מען האט מתיר געווען א אשה זאל גיין אין אביסעל צירונג אום שבת. זיא זאל ניט פאר מיאוסת ווערין אויף איר מאן. אזוי ווי מיר האבען גילערנט. עס שטייט אין פסוק והדוה בנדתה. דיא ערשטע זקנים האבען גיזאגט מען מיינט אנדה זאל זיין דער ווייטערט פון איר מאן. זיא זאל ניט פארבען אירע אויגען. זיא זאל ניט קעמען אירע האר. און זי זאל זיך ניט ציערען מיט גיפארבטע קליידער. ביז רבי עקיבא איז גיקומען און האט גילערנט. אויב עס וועט אזוי זיין. וועסטו דאך פאר מיאוסען די ווייב אויף איר מאן. און דער מאן וועט איר געבין. נאר וויא דען מיינט מען והדוה בנדתה. זיא זאל זיין אנדה ביז זיא וועט זיך טובל זיין אין מקוה:

מו אמר רבי יוחנן. רבי יוחנן האט גזאגט אז איינער האט א היץ קראנקייט. זאל ער נעמען א מעסער וואס ער איז אין גאנצען פון אייזין. און ער זאל גיין מיט דעם מעסער צו א דארין. און ער זאל אן בינדען אויף דעם דארין א שטיקול קארע. דעם ערשטין טאג זאל ער איין שניידען אביסעל אין דעם דארין. און זאל זאגען דעם פסוק וירא מלאך ה' אליו וגו'. אויף מארגין ווידער אנדערין טאג זאל ער אויך איין שניידען אביסעל אין דעם בוים. און זאל זאגין דעם פסוק ויאמר משה אסורה נא ואראה. אויף מארגען ווידעם דריטען טאג זאל ער אויך איין שניידען אביסעל אין דעם בוים. און זאל זאגען דעם פסוק וירא ה' כי סר לראות וגו'. רב אחא בריה דרבא האט גזאגט צו רב אשי זאל ער זאגען דעם פסוק ויאמר אל תקרב הלום וגו'. נאר אזוי זאל זיין. דעם ערשטין טאג זאל ער זאגען דעם פסוק וירא מלאך ה' ויאמר משה. אויף מארגין ווידעם אנדערין טאג זאל ער זאגען דעם פסוק וירא ה' כי סר לראות. אויף מארגין ווידעם דריטען טאג זאל ער זאגען דעם פסוק ויאמר אל תקרב הלום. און אז דוא וועסט אפ האקין דעם דארין. זאלסטו איהם אפ האקין ביז צו דיא ערד. און ער זאל אזוי זאגין. דארין דארין ניט ווייל דוא ביסט העכער ווי אלע בוימער האט גאט גימאכט רוהען זיין שכינה אויף דיר. נאר ווייל דוא ביסט נידעריגער פון אלע בוימער האט גאט גימאכט רוהען זיין שכינה אויף דיר. און אזוי וויא דער פייער האט דער זעהן דיא דריי מענטשין חנניה מישאל ועזריה און ער אנטלאפען פאר זיי. אזוי אז דער פייער וועט דער זעהן דעם מענטשין דער זוהן פון די אשה ווער זאל ארויס ריידען זייערע געמען זאל ער אנטלויפען פאר איהם. אז איינער האט שחין זאל ער אזוי זאגען בזבזייה מססיה כסכסיה שרלאי ואמרלאי. דאס זענען דיא מלאכים וואס זענען געשיקט גיווארין פון די לאנד סדום צו היילין די שמערצין פון דעם שחין

ליתיה וליפסקיה וליימא הכי הסנה הסנה לאו משום דגביהת מכל אילני אשרי הקב"ה שכינתיה עלך אלא משום דמייכת מכל אילני אשרי הקב"ה שכינתיה עלך. וכי היכי דחמיתיה אישתא לחנניה מישאל ועזריה ועריקת מן קדמוהי כן תחמיניה אישתא לפלוני בר פלונית ותיערוק מן קדמוהי. לסימטא לימא הכי בזבוייה מסמסייה כסכסייה שרלאי ואמרלאי אלין מלאכי דאשתלחו מארעא דסדום לאסאה שחינא כאיבין בזך בזיך בזבזיך מסמסמך כמון כמין עיניך ביך עינוך ביך אתריך ביך זרעיך כקלוט וכפרדה דלא פרה ולא רביא כך לא תפ־ה ולא תרבה בגופיה דפלוני בר פלונית. (ועוד דברים ולחישות אחרים לחלאים ולא חששתי להעתיקם). אביי ורבא דאמרי תרווייהו כל דבר שיש בו משום רפואה אין בו משום דרכי האמורי הא אין בו משום רפואה יש בו משום דרכי האמורי והתניא אילן שמשיר פירותיו סוקרו וצובע אותו בסיקרא וטוענו באבנים בשלמא טוענו באבנים כי היכי דליכחוש חיליה אלא סוקרו בסיקרא מאי רפואה קעביד. כי היכי דליחזיוה אינשי וליבעי עליה רחמי כדתניא (ויקרא יג) וטמא טמא יקרא צריך להודיע צערו לרבים ורבים יבקשו עליו רחמים:

האומר

אלא ז׳ לימחיה ולפסקיה סמוך לקיקלא ליתביה. וליפסיל: דמייכת. כלומר כפל: דהמיכה אמירה. שכינתיה עלך: לסימטא. בחין קלע"ג בלע"ז: בזבוייה מסמסייה כסכסייה. בשמות המלאכים ע"ש שקורעין וממסמסים ומכסכסים אותו: בו. לבון בזעא: מארעא דסדום. כך כוה כלתם ולא אמרום כלו: בך בזיך. אין לו משמעות אלא כך כוח הלחש: עיניך ביך. מראיך ביך שלא תולדים יותר: אתריך ביך. שלא תתפשט: כקלוט. שנקלט זרעו בבירי בטן שלא יוליד: יש בו משום רפואה. שנראית רפואתו כגון שתיית כוס ותחבושת מכה: ופרכינן. הא אין בו. כגון לחש שאין ניכר שיהא רפואה: יש בו משום דרכי האמורי. בהמיה: דליכחוש חיליה. שעל ידי שבוא שמן וכחו רב פירותיו נושרין: דליחזיוה אינשי. ולבעיא עלוי ליה לאודועי דמשיר פירותיו: טמא טמא. כלא טמא הוא אומר טמא נקי מעלי:

---

אונ נאך זאל ער זאגין. בזך בזיך בזבזיך מסמסמיך כמון כמין. עיניך ביך עינך ביך ווער קאלאר זאל אזוי בלייבען. עס זאל ניט רויטער ווערין אתריך ביך ודיין ארט זאל אזוי בלייבען. עס זאל ניט גרעסער ווערין זרעיך בקלוט וכפרדה דלא פרה ולא רביא אזוי ווייא דיא בהמה וואס איהרע זרע איז איין גיזאפט אין איהרע גלידער אונ אזוי וויא דיא פרדה. וואס זיי קענען ניט פרוכטבארין אונ קענען ניט גימערט ווערין. אזוי זאל זיך ניט פרוכטבארין אונ ניט מערין דער שחין אין דעם גוף פון דעם מענטשין דער זוהן פון דיא אשה ווער זאל ארוים ריידען זייערע נעמען. אביי אונ רבא זאגין ביידע אלע זאכען וואס עס איז ארפואה מען זעהט אז מען ווערט גיהיילט פון די זאך. אזוי ווי אמעדיצין אפילו די אמוריים היילין זיך אויך מיט די זאך. פון דעסטוועגין מעג איעד אויך אזוי טאהן: פרעגט דיא גמרא אבער די זאכען וואס מען זעהט ניט דיא רפואה אזוי וויא אקמיע. וואס מען דער קענט ניט אז דאס איז ארפואה אונ דיא אמוריים טוהען אויך אזוי: טאר ניט איעד אזוי טאהן. מיר האבען דאך אנגבערש גילערנט: אז איינער האט אבוים וואס די פירות פאלען ארא פון איהם פאר דיא צייט. איידער זייא ווערין צייטיג. מעג מען איהם באשמירען מיט פארב. אונ מען לייגט ארויף שטיינער אויף די ווארצלען (אונ די אמוריים טוהען אויך אזוי). פרעגט די גמרא ארויף לייגען שטיינער אויף דיא ווארצלען איז רעכט וואס מען מעג. ווייל די רפואה זעהט מען. דער בוים וועט מאגער ווערין וועלין זיך האלטען אויף איהם די פירות ווארום אויף אפעטין בוים קענען זיך ניט האלטען די פירות. אבער אז מען באשמירט דעם בוים מיט פארב. וואס פאר ארפואה איז דאס. זעהט מען דאך ניט דיא רפואה. אונ די אמוריים טוהען אויך אזוי. דארף דאך איעד ניט טארין אזוי טאהן. ענטפערט די גמרא דאס טוהט מען ניט פון וועגין רפואה. נאר פון וועגין אסימן. מענטשין זאלין זעהן דעם שאדין פון דעם בעל הבית וועלין זיי מתפלל זיין פון זיינעט וועגין אז דער בוים זאל געבין זיין פרוכט אין דער צייט. אזוי וויא מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק דער מצורע זאל רופען אויף זיך אז ער איז טמא. ער זאל באגען וויסען זיין צער צו פיל מענטשין. זיי זאלען מתפלל זיין פון זיינעט וועגין ער זאל גיזונד ווערין:

(פ"י) **טז** **האומר** גד גדי וסנוק לא אשכי ובושכי יש בו משום דרכי האמורי. רבי יהודה אומר גד אינו אלא לשון עבודת כוכבים שנאמר (ישעיה סה) העורכים לגד שלחן. הוא בשמה והיא בשמו יש בו משום דרכי האמורי. דוני דני יש בו מד"ה. רבי יהודה אומר אין דן אלא לשון עבודת כוכבים שנאמר (עמוס ח) הנשבעים באשמת שומרון ואמרו חי אלהיך דן. האומר לעורב שרק ולעורבת שריקי והחזיר לי זנביך לטובה יש בו מד"ה. האומר שחטו תרנגול זה שקרא ערבית ותרנגולת שקראה גברית יש בו מד"ה. האומר אשתה ואותיר יש בו מד"ה. המבקעת ביצים בכותל והטח בפני האפרוחים יש בו מד"ה. והכונס בפני האפרוחים יש בו מד"ה. המרקדת והמונה ע"א אפרוחים בשביל שלא יכותו יש בו מד"ה. המרקדת לכותח והמשתקת

האומר גד גדי. כלומר גד מזלי: וסנוק לא. עיף אל תהי: אשכי ובושכי. יום ולילה יש בו משום דרכי האמורי וכן בכולם עד סוף פרקא גרסינן כרי זה מדרכי האמורי וה"ג בתוס': הוא בשמה והיא בשמו. הוא והיא מחליפין שמותיהן זה בזה ויש בה משום ניחוש: דוני דני. התחזקו חביותי: דן. אינו חוק האמורי אלא עבודת כוכבים ממש וחייב משום קורא בשם עבודת כוכבים: האומר לעורב שרק. כשהוא קורא אומר לו כן מפני שהוא מבשר בשורה ונותן לו לתת זה: שקרא ערבית. איחר יותר משאר חביריו ול"נ שקרא כעורב: שקראת גברית. כתרנגול כמו קרא גבר: אשתה ואותיר. כדי שתהיה ברכה מצויה ביינו: המבקעת ביצים בכותל. אית דגרסי (בילים) מקבעת לאחר שילאו האפרוחים מהן הקליפות במקל וקובעתן בכותל לפניהם והן לגמרי שלא ימותו: המרקדת לכותח. כשעושה כותח מרקדת לפניו והוא ניחוש שיתחזק: המשתקת לעדשים. כשמבשלת בקדרה משתקת את

---

יז האומר. אז איינער זאגט גד גדי. מיין מזל זאל זיך מזכן. און ער זאל ניט מיד ווערין טאג און נאכט. דאס זענען דיא וועגין פון די אמוריים. די אמוריים זאגען אויך אזוי. און איזד טאר ניט אזוי זאגען: רבי יהודה זאגט גד איז א נאמען פון עבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק העורכים לגד שלחן. זיי בגרייטען פאר אטיש מיט עסין צו די עבודה זרה גד. און מען טאר ניט דער מאנען דעם נאמען פון אעבודה זרה. אויב א מאן מיט אווייב האבען גיטאהשט זייערע נעמען. זיא זאל איהם רופען (משה) רחל. און ער זאל זיא רופען (משה) שמואל. דאס זענען די וועגין פון די אמוריים. די אמוריים טוהען אזוי. און איזד טאר ניט אזוי טאהן: אז איינער זאגט דוני דני. מיינע פעסער זאלין גישטארקט ווערין. טאר מען ניט. ווייל די אמוריים זאגין אזוי. רבי יהודה זאגט דן איז א נאמען פון אעבודה זרה. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיי שווערין ביי די עבודה זרה פון שומרון און זיי זאגען אזוי וויא עס לעבט דער גאט דן. און מען טאר ניט דער מאנען דעם נאמען פון אעבודה זרה. אז איינער זאגט צו אקרא א זכר שרק. און צו אקרא א נקבה זאגט ער שריקי. און קער אום דיין וויידיל צו מיר צו גוטען ואז אקרא שרייט מאכט ער שרק שרקו. טאר מען ניט. ווייל די אמוריים זאגין אזוי: אז איינער זאגט מען זאל שעכטין דעם האן ווייל ער האט גיקרייעט אזוי וויא אקרא. אדער ער זאגט מען זאל שעכטין דיא הון ווייל זי האט גיקרייעט אזוי וויא אהאן. טאר מען ניט. ווייל די אמוריים זאגען אזוי. אז איינער זאגט איך וועל טרינקען דעם כוס וויין און וועל א ביסול איבער לאזין. ווייל דורך דעם וועט זיין א ברכה אין מיינע וויין. טאר מען ניט. ווייל די אמוריים זאגין אזוי. אז איינער האט גיהאט אייער אויס גיזעסענע וואס פון זיי איז ארוים גיגאנגען הינדלאך. האט ער דער נאך גינומען די שאלאכין פון די אייער און האט זיי גיווארפען אין די וואנט. אדער ער ווארפט די שאלאכין אויף דיא ערד פאר דיא יונגע הינדלאך. דאס טאר מען ניט. ווייל דיא אמוריים טוהען אזוי. אז איינער מישט דיא שאלאכין פון די אייער פאר די יונגע הינדלאך. דאס טאר מען ניט. ווייל דיא אמוריים טוהען אזוי. אז איינער שפרינגט פאר די יונגע הינדלאך. אדער ער ציילט איין און זיבעציג הינדלאך. דם איז אזוי א כישוף די הינדלאך זאלען ניט פייגערין. דם טאר מען ניט טאהן. ווייל די אמוריים טוהען אויך אזוי. אז אאשה מאכט כותח און זיא שפרינגט פאר דעם כותח. אדער ווען זיא גיסט אריין לינזען אין אטאפ צום קאכען. הייסט זיא אלע מענטשין וואס זענען אין די שטוב זאלען זיין שטיל. אדער ווען זיא קאכט גריסין הייסט זיא אלע מענטשין וואס זענען אין

והמשתקת לערשים והמצוותת לגריסין יש בו משום דרכי האמורי. המשתנת בפני קדרתה כדי שתתבשל מהרה יש בו משום דרכי האמורי:

יז (תנו רבנן) [אבל] נותנים קיסם של תות ושברי זכוכית בקדרה כדי שתתבשל מהרה וחכמים אוסרים בשברי זכוכית מפני הסכנה. ת״ר נותנים בול של מלח לתוך הנר בשביל שתאיר ותדליק ונותנים טיט וחרסית תחת הנר בשביל שתמתין ותדליק. אמר מר זוטרא האי מאן דמכסי שרגא דמשחא ומגלי נפטא קעבר משום בל תשחית:

יח מעשה בר״ע שעשה משתה לבנו ועל כל כוס וכוס שהביא אמר חמרא וחיי לפום רבוי' חיי וחמרא לפום רבנן ולפום תלמידיהון:

על מעומדים כדי שיתבשלו ולגריסין מצוה: הכי גרסינן. אבל מתנין קיסם של תות. מורי״ל שחזק הוא כהומן ומועיל לבשל ואין זה לניחוש: הכי גרסינן אבל אסרו חכמים בשברי זכוכית אע״פ שמשום דרכי האמורי אין בו אסרו חכמים מפני סכנה שלא יבלע: בול של מלח. (מלח) הגרוף מלח בשביל שתאיר והדליק שאין זה ניחוש אלא מסייע ממש שמתלת נולל את השמן וימשך אחר הפתילה: טיט והרסית. מצנין (מצננין) את השמן ואינו דולק מהר: דמכסי שרגא דמשחא. שעושה לו כסוי למעלה וממהר לידלק: נפטא. כשמגלין אותו כאור נמשך והולך אליו ומבעיר:

חמרא וחיי. כשמוזגין ומתקנין כוס אומר כן לברכה בעלמא:

שמר שבת. מיום שנשא אל לבו שנתעו ומשמר בו׳: משמר יום אחד ומונה ו׳ ימים. וכל שעה אל לבו היום משמר דשמא עשה מלאכה

# כלל גדול פרק שביעי

(דף סט ע״ב) א אמר רב הונא היה מהלך בדרך או במדבר ואינו יודע אימתי שבת מונה ששה ימים ומשמר יום אחד. חייא בר רב אמר משמר יום אחד

---

משום זאלען שרייען. די אלע דריי זאכען טאר מען ניט. ווייל די אמוריים טוהען אויך אזוי. אויב אאשה האט גישטעלט אטאפ עסין צום קאכען. און זיא איז משתין פאר דעם טאפ. עס זאל געשווינד קאכען. טאר מען ניט. ווייל די אמוריים טוהען אויך אזוי. אבער זי מעג אריין לייגען אין טאפ אשפענדיל פון אהאלץ וואס הייסט תות. ווייל דער האלץ איז שטארק וואהעט קאכט דער טאפ געשווינד. און זיא מעג אריין לייגען אין טאפ שטיקער גלאז. דער טאפ זאל געשווינד קאכען. און די חכמים זאגען מען טאר ניט אריין לייגען אין אטאפ שטיקער גלאז. ווייל עס איז אסכנה. טאמער וועט בלייבען אשטיקול גלאז אין דיא עסין. און מען וועט אראפ שלינגען:

תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט מען מעג אריין שיטען אפוילע האנט זאלץ אין אלאמפ מיט אייל. עס זאל ליכטיגער ברענען. און מען מעג געבין ליים און שארבינס אונטער אלאמפ עס זאל פאמעלאך ברענען. מר זוטרא זאגט דער וואס דעקט צו אלאמפ מיט אייל. און ער דעקט אף אלאמפ מיט נאפט: איז ער עובר אויף אלאו בל תשחית: זאלסט ניט פארדארבען. זאלסט ניט קאליע מאכען. און אז מען דעקט צו אלאמפ מיט אייל. פלאמט אויס די אייל. און אז מען דעקט אף אלאמפ מיט נאפט. פלאמט אויס די נאפט:

מעשה. רבי עקיבא האט אמאהל גימאכט אסעודה פאר זיין זוהן. צו יעדער כוס וויין וואס מען האט גיבראכט פאר איהם ער זאל טרינקען. האט ער גזאגט וויין און לעבין זאל זיין צו דיא רבנן. לעבין און וויין זאל זיין צו די רבנן און צו זייערע תלמידים:

## פרק שביעי

א אמר רב הונא. רב הונא האט גזאגט אז איינער איז גיגאנגען אין וועג אדער אין דער מדבר. און ער ווייס ניט ווען עס איז שבת: זאל ער ציילען פון דעם טאג וואס ער האט זיך דער מאנט. זעקס טעג. און דעם זיבעטין טאג זאל ער היטען אזוי וויא שבת. דער נאך זאל ער ווייטער ציילען זעקס טעג. און דער זיבעטער טאג זאל ביי איהם זיין שבת. און אזוי זאל ער טאהן ביז ער וועט קומען אין אשטאט און ער וועט וויסען ווען דער אמת׳ר שבת איז וועט ער היטען שבת מיט אלע יודין. חייא בר רב אגט דעם טאג וואס ער האט זיך דער מאנט

זאל

ומונה ו' ימים במאי קמיפלגי מר סבר כברייתו של עולם ומר סבר כאדם הראשון:

(דף עד) ב בי אתא רב דימי אמר שבתא דרב ביבי הואי ואיקלעו רבי אמי ורבי אסי שדא קמייהו בלכלה דפירי ולא ידענא אי משום דסבר אוכל מתוך פסולת אסור אי משום עין יפה הוא דמכוין:

(ע"ב) ג הקושר והמתיר קשירה במשכן היכא הואי אמר רבא שכן קושרים ביתדות אהלים (אמר ליה אביי קושרים) ההוא קשר על מנת להתיר הוא אלא אמר אביי שכן אורגי יריעות שנפסק להם נימא קושרין אותה אמר ליה רבא תירצת קושר מתיר

אבל יום השבת משמר: כברייתו של עולם. ימי החול נמנו תחלה: כאדם הראשון. שנברא בערב שבת ויום ראשון למנינו שבת היה:

שבתא דרב ביבי סעודה. הגיע יומו לבוא עומד ומכבד על התלמידים: ושדא קמייהו. ולא רצו לברור מתוך האוכל (הפסולת ולאת לפני כל א' וא') אלא בטעון והם נוטלים ואוכלים ובכשת זה נפרד האוכל מאליו:

ביתדות אהלים. מעלים יתדות בקרקע כדכתיב יתדות המשכן וקושרים היריעות בהן במיתריהן: קושר ע"מ להתיר הוא. וכי סלקי בחנה פטרינן ליה לקמן דפטר של ... שאינו של

זאל ער טאהן א מלאכה ביז נאכט. און די נאכט מיט מארגענדיגען טאג זאל ער רוהען אזוי ווי שבת. דער נאך זאל ער ציילען זעקס טעג. און דער זיבעטער טאג זאל ביי איהם זיין שבת. און אזוי זאל ער טאהן ביז ער וועט וויסען ווען דער אמת'ר שבת איז. פרעגט די גמרא אין וואס קריגען זיי. ענטפערט די גמרא רב הונא האלט מען דארף טאהן אזוי ווי די באשאפונג פון די וועלט איז געווען. פריער האט מען געציילט זעקס טעג דער נאך איז געווען שבת. און חייא בר רב האלט מען דארף טאהן אזוי ווי אדם הראשון האט געטאהן. פריער האט ער געהיט שבת. דער נאך האט ער געציילט זעקס טעג. וואָרום ער איז באשאפען געוואָרען פרייטאג:

ב כי אתא רב דימי אמר: אז רב דימי איז געקומען האט ער געזאגט עס איז געווען דער שבת פון רב ביבי רב ביבי האט באדארפט בעדיגען דעם שבת דיא תלמידים. און עס האט געטראפען אז רבי אמי און רבי אסי זענען געקומען אויף דעם שבת אין שטאט. האט רבי ביבי זיי אויך באדארפט בעדינען. און עס איז געווען א קארב מיט פירות. און צווישען דיא פירות איז געווען בלעטער. האט רב ביבי אויס געשאטען פאר זיי די פירות פון קארב מיט די בלעטער. האט רב דימי געזאגט און איך וייס ניט פאר וואס רב ביבי האט אזוי געטאהן: אויב ווייל ער האלט מען טאר ניט אויס קלייבען אום שבת עסינווארג פון פסולת. דריבער האט ער ניט געוואלט ארויס נעמען די פירות פון די בלעטער. נאר ער האט אויס געשאטען אין גאנצען: און ארויס פאלינדיג: זענען געווארין דיא פירות באזונדער און דיא בלעטער באזונדער: אדער ווייל ער האט זייא געוואלט געבין מיט אגוטע אויג. זיי זאלין עסין וויא פיל זיי ווילען:

ג הקושר והמתיר. מען טאר ניט פאר קניפען און מען טאר ניט אויף קניפען אום שבת. ווייל די מלאכה וואס מען האט געטאהן אין משכן טאר מען ניט טאהן אום שבת: פרעגט די גמרא וואו איז געווען אין משכן דיא מלאכה פון צו קניפען. האט רבא געזאגט ארום משכן אין די ערד האט געשטעקט פלעקער: און אין די יריעות וואס האט גיהאנגען אויף דיא ווענט פון משכן איז געווען אונטען אן גיבונדען שטריקלאך. און די שטריקלאך האט מען צו געקניפט צו די פלעקער. דיא יריעות זאלען זיך ניט שאקלען פון ווינט. פרעגט דיא גמרא דיא קניפ זענען דאך צו געקניפט געווארין ניט אויף אייביג. נאר מען זאל זייא אויף קניפען ווען מען וועט צו נעמען דעם משכן. און א קניפ וואס ער איז ניט אויף אייביג. איז מען ניט חייב חטאת און ניט א קרבן. האט אביי געזאגט נאך ערליי קניפ זענען געווען אין משכן. דיא וואס האבען געוועבט די יריעות אויב א פאדים איז איבער געריסען געווארין האט מען איהם צו געקניפט. דער קניפ איז שוין געווען אויף אייביג. האט רבא געזאגט צו אביי דו האסט שוין פאר ...

מתיר מאי איכא למימר וכי תימא דאי מתרשי ליה תרי חוטי קשרי בהדי הדדי שרי חד וקטר חד השתא לפני מלך בשר ודם אין עושים כן לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא עושים אלא אמר רבא ואיתימא רבי אלעאי שכן צדי חלזון קושרים ומתירים:

(דף פב) **ד' אמר** רב זוטרא בר טוביה אמר רב המותח חוט של תפירה בשבת חייב חטאת והלומד דבר אחד מן האמגוש חייב מיתה והיודע לחשוב תקופות ומזלות ואינו חושב אסור לספר הימנו. מגושתא (אמגושא) רב ושמואל חד אמר חרשי וחד אמר גדופי תסתיים דרב אמר גדופי דאמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב הלומד דבר אחד מן האמגוש חייב מיתה דאי סלקא דעתך חרשי והכתיב (דברים יח) לא

תלמד

קיימא. אין חוזרין עליו: בהדי הדדי. כבני היטין אם אלא זה: ברי הד. אלמר אריגתן מתיר הא׳ ספני במולטים ונראים: וקטר הד. כלומר הניח ספני שבוא: סבתא וכו׳ אין עושין. כשמתירים היה כנקב בירועה בהמוטים סיז כפ ליש סבב ויז נסיב ומתחלה סוי זריזין בכך וכי מתני נבי הני קטרי קושרין כא׳ ותקין בחוט הכ׳ מלנבם ולמעלה ומסיקין (ומספקין) בחוט ארוך וקוברין למעלה ולמטה ואין שם שני קשרים במוכים: צדי חלזון. לצבוע התכלת בדמו וכוה׳ ממין דג קטן ועולה אחד לע׳ שנה: קושרין ומתירין. שכל רשתות פשויים קשרים קשרים וכן קשרים קיימים ופעמים בנריך ליטול חוטין מרשת זו ולהוסיף על זו ומתיר מכאן וקושר מכאן:

המותח חוט של תפירה. כנגד התפור ועומד וכנים כחוט ארוך ונתפרדו מפני התיכוס כנגד זו מזו במקלת וחוט התפירות משכין ומותח אלא כדי פחות להדק ונמצא זו היא תפירתו וחייב: והלומד דבר אחד מן האמגוש. מין הממשיכו לעבודת כוכבים. אפי׳ דבר תורה אסור ללמוד ממנו: והיודע וכו׳. כמו הלא שמעתא שמעינהו מר (רב) זוטרא מרב כי הדדי וגרסינהו: אמגושא. דאמרי׳ בכל דוכתא רב ושמואל פליגי ביה: ח״א חרשי. מכשף: וחד אמר גדופי. מין המדוק בעבודת כוכבים ומגדף תמיד את השם ומכיח אחרים לעבודת כוכבים: דהוי כ״ד הרבי. וטעמא משום דכתיב לא ימצא בך וגומר וקא חייב מכשף: והא כתיב. לעיל מיניה: לא תלמד לעשות. כדי שהעשה

---

צו קניפן. אז אין משכן איז געווען אזעלכע קניפ וואס מען האט זיי צו געקניפט אויף איביג. וואס וועסטו זאגן אויף אפ קניפן. וואו געפינט מען אין משכן אז מען האט אויף געקניפט. וועסטו אפשר וועלין זאגן אויב עס האט גיטראפען מען האט גיזעהן נאך דעם וועבין אז צווייא פעדים זענען פאר קניפט איינער געבין אנדערין. האט מען איינעם אויף געקניפט. און איינעם האט מען גיצאוין ער זאל בלייבען פאר קניפט. דאס קען ניט זיין. ווארום מאראך פר א מלך וואס ער איז נאר א מענטש טוהט מען ניט אזוי. ווארום אז מען רייסט אפ א קנופ פון אידיעה נאך דעם וועבין. ווערט דאך אלאך אין די ידיעה. וועט מען פאר גאנץ געווים ניט אזוי טאהן. נאר רבא אונ אנדערע זאגען רבי אלעאי האבען אזוי גיענטפערט די מענטשען וואס האבען געפאנגען דעם חלזון מיט אנעץ גיפלאכטען פון פעדים. אמאהל פלעגין זיי דארפען צו קניפען די פעדים. און אמאהל פלעגין זיי דארפין אויף קניפען די פעדים. ווייל דער חלזון וועהט אויס אזוי ווי א קליינער פיש. און מיט זיין בלוט האט מען גיפארבט דעם תכלת. און איין מאהל אין זיבעציג יאהר געפינט מען אים אין ים:

ד׳ אמר רב זוטרא בר טוביה אמר רב אויב איינער האט אגינייטע קלייד און דיא נעט האבען זיך אפ גיצויגען. און עס איז גיהאנגען אשטיקעל פאדים. האט ער אן גינומען דעם עק פאדים און האט צו גיצויגען די נעט אום שבת. איז גלייך ווי ער וואלט דאס גינייט אום שבת. און אויב ער האט גיט געוואוסט אז מען טאר ניט. דארף ער ברייגגען אקרבן חטאת. נאך אדין האט רב זוטרא גיזאגט אז מען לערונט פון אמגוש. אפילו נאר איין זאך. און אפילו די זאך איז תורה, קומט איהם מיתה. נאך אזאך האט רב זוטרא גיזאגט דער וואס ווייס צו רעכענען די תקופות און דיא מזלות. און ער רעכענט ניט. טאר מען ניט שמועסין פון דעם מענטש. זאגט דיא גמרא וואס איז אמגוש. וואס מען טאר ניט לערנען פון איהם. אין דעם קריגט רב און שמואל. איינער זאגט מגוש מיינט מען אמכשף. און איינער זאגט מגוש מיינט מען אאפיקורוס וואס ער לעסטערט גאט און רעדט אן מענטשין זייא זאלען דינען עבודה זרה. זאגט די גמרא עס איז געווים אז רב זאגט מגוש איז אאפיקורוס. ווארום רב זוטרא בר טוביה האט גזאגט פון רבס וועגין אז מען לערונט איין זאך פון אמגוש איז מען חייב מיתה. אז מען וועט זאגען אמגוש איז אמכשף עס שטייט דאך אין פסוק דוא זאלסט ניט לערנען כישוף דו זאלסט טאהן כישוף. אבער דוא מעגסט לערנען כישוף דוא זאלסט וויסען וואס איז

כישוף

תלמד לעשות אבל אתה למד להבין ולהורות תסתיים :

ה אמר רבי שמעון בן פזי אמר רבי יהושע בן לוי משום בר קפרא כל היודע לחשוב בתקופות ומזלות ואינו חושב עליו הכתוב אומר (ישעיה ה) ואת פועל ה' לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו . א"ר שמואל בר נחמני (אמר רבי יונתן) מנין שמצוה על אדם לחשב תקופות ומזלות שנאמר (דברים ד) ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים אי זו היא חכמה ובינה שהיא לעיני העמים הוי אומר זה החושב תקופות ומזלות :

## המוציא פרק שמיני

(דף עז ע"ב) א אמר רב יהודה אמר רב כל מה שברא הקדוש ברוך הוא בעולמו לא ברא דבר אחד לבטלה ברא שבלול לכתיתא ברא זבוב לצרעא יתוש לנחש ונחש לחפפית וסממית לעקרב היכי עביד ליה מייתי חדא אוכמא וחדא חיורא ושלקי ליה ושייפי ליה :

שתעשה : להבין . שתוכל לעמוד בהם ואם יעשה נביא שקר לפניך שתבין שהוא מכשף : תסתיים . דגדפי הוא הולך כל דבריו מינות ותסתלק מעליו שלא ימשכך :

לעיני העמים . שהחכמה הניכרת היא במראה להם סימן לדבריו כהילוך החמה והמזלות שמעידין כדבריו שאומר שנה זו גשומה והיא כן שנה זו שחונה והיא כן שהכל העתים לפי (הילוך) החמה במזלותיה ומולדותיה במזל (תלוי) והכל לפי השעה המתחלת ליום שנכנסה החמה באותו מזל . (ואין זה צריך כתבה ; הלבנה שאינו אלא לקביעת המועד יש אלא כפי' רש"י שאומר שנה זו כו' שזה תלוי לפי שינוי ד' תקופות ומזלות ויליף מקרא דכפל לבונן יביטו וראו כי תלוי בראיה שכלית גם בראיית החוש בכלים מיוחדים שעושים התוכניים לראות ע"י מהלך החמה והמזלות . ואמר חכמה ובינה לעיני העמים שאין כאם הכמת התורה רק חכמה זו יודעים ובחכמה זו נאמר לשון בינה שנאמר יודעי בינה לעתים . מהרש"א) :

שבלול . לימצ"א : לכתיתא . מניחה עליו : זבוב לצרעה . למי שעקצו צרעה כותש זבוב ומניחה עליו : לחפפית . מין שחין : סממית . איירניי"ש בלע"ז : לעקרב . עקיצת עקרב כותש סממית ומניחה עליו : ושייף . ומושח :

כישוף . דו זאלסט קענען פסקנ'ן דעם דין פון אמכשף . זעהן מיר דאך אז מען מעג לערנען פון אכבשף . פר וואס דען זאגט רב אז מען מאר ניט לערנען פון אמגוש . נאר אמגוש איז ניט אמכשף נאר אאפיקורוס :

ה אמר רבי שמעון בן פזי . אמר רבי יהושע בן לוי משום בר קפרא . דער וואס ווייס צוא רעכענען די תקופות אונ די מזלות . אונ ער רעכונט ניט . אויף איהם זאגט דער פסוק ואת פועל ה' לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו (אויף די ווערק פון גאט וועלען זייא ניט קוקען . אונ וואס די הענט פון גאט האבען געמאכט וועלען זייא ניט זעהן) . רבי שמואל בר נחמני זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז אמצוה אויף אמענטשין ער זאל רעכענען דיא תקופות אונ דיא מזלות . ווארום עס שטייט אין פסוק איר זאלט היטען אונ איר זאלט טאהן ווארום דס איז אייער חכמה אונ אייער פאר שטאנד פאר די אויגען פון דיא פעלקער . וועלכע חכמה אונ פאר שטאנדיגקייט קען מען וויזען פאר די אויגען פון די פעלקער . די פעלקער זאלען מודה זיין אז דאס איז אחכמה . דס איז נאר אז מען קען רעכענען דיא תקופות אונ מזלות . אונ מען ווייס צו זאגען פאר אוים וואס פאר אזאהר עס וועט זיין :

## פרק שמיני

א אמר רב יהודה אמר רב . אלץ וואס גאט הט בשאפען אויף דער וועלט . הט ער ניט בשאפען איין זאך אומזיסט . נאר אלץ דארף מען . ער האט בשאפען דעם שבלול . דארף מען איהם צו ארפואה . אז אקעמיל הט אמכה . צו שטויסט מען דעם שבלול אונ מען לייגט אים אויף די מכה . ווערט דער קעמיל געזונד . ער הט בשאפען די פליג . דארף מען איהם אויך צו ארפואה . אז אצרעה הט געביסען אמענטשין . צו שטויסט מען אפליג אונ מען לייגט אים אויף די מכה . ווערט מען געזונד . אז אשלאנג הט געביסען אמענטשין . צו שטויסט מען איתוש אונ מען לייגט איהם אויף די מכה ווערט מען געזונד . אז איינער הט שחין (אפארך) . לייגט מען אטויטען שלאנג אויף דעם שחין . ווערט געהיילט דער שחין . אז אעקרים הט געביסען אמענטשין היילט מען דס מיט אסממית . ווי אזוי היילט מען דאס מען ברייגט איין סממית אשווארצין אונ

**תנו** רבנן חמשה אימות הן אימת חלש על גבור. אימת מפגיע על ארי. אימת יתוש על הפיל. אימת סממית על עקרב. אימת סנונית על הנשר. אימת כילבית על לויתן. אמר רב יהודה אמר רב מאי קראה. (עמוס ה) המבליג שוד על עז. רבי זירא אשכח לרב יהודה דהוה קאי אפיתחא דבי חמוה וחזיה דהות בדיחא דעתיה ואי בעי מיניה כל חללי עלמא הוה א״ל. א״ל מ״ט עזי מסגן ברישא והדר אימרי. אמר ליה כברייתו של עולם דברישא חשוכא והדר נהורא. מ״ט הני מיכסיין והני מיגליין הני דמכסיין (דמכסינן) מינייהו מכסיין והני דלא מכסיין (מכסינן) מינייהו מיגליין. מ״ט גמלא זוטרא גנובתיה משום דאכל כיסי מאי טעמא הורא אריכא גנובתיה משום דדייר באגמי ובעי לכרכושי בקי. מאי טעמא קרנא דקמצא רכיכא משום דדיירא בחילפי:

מפגיע. חיה קטנה וקולה גדול וכשומע אריה מזעזע בריה גדולה וזורח: יתוש. נכנס לפיל בחוטמו וכן סממית לעקרב נכנס לו באזנו: סנונית. אלונדרי״ל נכנס תחת כנפי הנשר ומעכבו מפרוש כנפיו: כילבית. שרץ קטן ונכנס לדג גדול באזנו: המבליג. שוד על עז. המחזיק שדוד על הגבור: כל חללי עלמא. פירוש דברים הנעשים בכל חלל העולם: מסגין בריש עדרא. מהלכות בראש העדר: ברישא חשוכא. תחלה עזים שחורות ואחר כך לבנות: מיכסיין. בזנב: והני מיגליין. שעזים אין להם אליה: הני דמכסינהו מינייהו. להלים שאנחנו מתכסים מצמרן גם הם מכוסות: דאכלי כיסי. קוצים לפיכך זנבו קצר כדי שלא ידבקו בו הקוצים: ובעי לכרכושי בקי. להבריח היתושים: קמצא. ארבה ול״נ קמצא שבלול [נמלה]:

---

איין סממית אנווייסען. און מען קאכט זיי און מען בשמירט מיט די צוויי סממית אויף דיא מכה. ווערט געהיילט די מכה:

**תנו רבנן.** דיא רבנן האבען געלערנט פינף ערלײ מוראס זענען דא. וואס דער שטארקער הט מורא פאר דעם שוואכען: דער לייב הט מורא פאר דעם מפגיע והער מפגיע איז אקליינע חיה. און זיא שרייט זייער שטארק. אז דער לייב הערט איר קול דער שרעקט ער). דער עלפאנד הט מורא פר דעם יתוש. ווייל דער יתוש גייט אריין צו איהם אין נאז. דער ענדעם הט מורא פר דעם סממית. ווייל דער סממית גייט אריין צו איהם אין אויער. דער אדלער האט מורא פר דעם סנונית. ווייל דער סנונית גייט אריין צום אדלער אונטער דיא פליגעל. קען ער ניט פליהען. דער לויתן הט מורא פר דעם כילבית: ווייל דער כילבית גייט אריין צוא איהם אין אויער. רב יהודה זאגט פון רבס וועגין פון וועלכין פסוק ווייסען מיר אז עס איז אזוי. עס שטייט המבליג שוד על עז. גאט הט געשטארקט דעם געראבטען אויף דעם שטארקין. רבי זירא הט געטראפען רב יהודה ווען ער איז געשטאנען ביי די טיר פון זיין שווער. און רבי זירא הט געזעהן אז רב יהודה איז פרייליך. און אז ער וואלט פון איהם געפרעגט אויף אלע זאכען וואס אין דער וועלט איז. וואלט ער איהם געזאגט. הט רבי זירא געזאגט צו רב יהודה. פר וואס אז עס גייען אסטאדע ציגען מיט שעפסין. גייען פריער די ציגען און אינטער זיי גייען די שעפסין. הט רב יהודה געזאגט צו רבי זירא. אזוי וויא די בשאפונג פון דער וועלט איז געוועזען. פריער פינסטער דער נאך ליכטיג. און די מערסטע ציגען זענען שווארץ. און דיא מערסטע שעפסין זענען ווייס. גייען פריער דיא ציגען וואס זייא זענען שווארצע דער נאך די שעפסין וום זייא זענען ווייסע. נאך הט רבי זירא געפרעגט צו רב יהודה פר וום די ערוה פון אשעפס איז צוא געדעקט מיט דעם וויידול. און די ערוה פון אציג איז אויך געדעקט. ווייל אציג הט ניט קיין וויידול) הט רב יהודה געזאגט צו רבי זירא דיא שעפסין ווייל מיר דעקין אונז צו מיט זייערע וואל. איז זייער ערוה צו געדעקט. און דיא ציגען וואס מיר דעקין אונז ניט צוא מיט זייערע וואל. איז זייער ערוה אויף געדעקט. נאך הט רבי זירא געפרעגט צו רב יהודה פר וום הט אקעמיל אקליינעם וויידול. הט רב יהודה געענפערט ווייל ער עסט דערנער. טוז ער גיין צווישען די דערנער. אז דער וויידול וואלט געוועזען לאנג וואלט ער פאר טשעפעט געווארין צווישען די דערנער. נאך האט רבי זירא געפרעגט צו רב יהודה פר וום הט אאקס אלאנגען וויידיל. האט רב יהודה געענפערט ווייל דער אקס איז אגאנצען טאג אויף דעם גראז. קומען אויף איהם פליגען און בייסען איהם. דארף ער האבען אלאנגען וויידול ער זאל מיט איהם אראפ טרייבען די פליגען. נאך האט רבי זירא געפרעגט

בחילפי ואי קשיא נדייה ומהעורא דאמר שמואל האי מאן דבעי לסמיה לקמצא לשלפינהו לקרנא . מ"ט האי תימרא דתרנגולא מדלי לעילא דדיירי אדפי . ואי עייל קטרא מתעוורא . דשא דרך שם . דרגא דרך גג . מתכולתא אימתי (מתי) תכלה דא . ביתא בא ואיתיב (בהו) [בה]. ביקתא בי עקתא . כופתא כוף ותיב . לבני, לבני בני . הוצא חציצה . חצבא שחוצב מים מן הנהר . כוזא כזה. שוטיתא שטותא. משיכלא מאשי כולא

הילפי . ערבה : ואי קשיא נדייה ומהעוורא . ולא כיתה קשה הג"ד ושעקר בהלכה בעל"ס . ומתעוורא יסתמו עיניה שמרתיה עיניה תלויה בה כל מוהל : תימרא דתרנגולא מדלי לעילא . ריש של עין התחתון כשעולה עיניו עולה למעלה מן הכלונס ונאמר כי בריות העליון רוכב על התחתון : משום דדייר אדפי . שעולה בלילות על הקרשים וקורות צריך שיעלה התחתון על שמליו מפני שעשן שלא יכנס בעיניו : מתכולתא . דבר שמטבילין בו כגון כותח או שאר ליפתן : מהי תכלה דא . לכשיכלה מה נאכל ול"נ מתי תכלה דא לפי שהיא כלה עד זמן ארוך שאין נאכל אלא מעט מעט : ביתא בא ואיתיב . שדרך ליכנס בבית : בקתא . בית צר וקטן : בי עקתא . בית צר : כופתא . מכתשת ל"א מדה לחטין ול"נ כמין גולם עץ עשוי לישיבה כדתניא בפסחים (כופת שאור שיחדה לישיבה) . כוף תיב כפוף אותו ושב עליו : לבני לבני בני . מתקיים לדורות הרבה : הוצא . גדר קוצים או טלבים : חציצה . אינו דבר קיימא אלא מחיצה בעלמא : כוזא . כלי חרס קטן : כזה . כלומר דבר מועט וקל כמות זה מהו תבוע למלאותו לי מייך במתנה : שוטיתא . בד של הדס שמרקדין בו לפני הכלה : שטותא . נראה כמרקד כשוטה : משיכלא . ספל גדול שהכל רוחצים ידיהם ורגליהם ממנו : מאשי כולא

---

צו רב יהודה פר וואס זעגען די הערנער פון אאיישעריק וויך . האט רב יהודה געענטפערט ווייל זיא וואוהנען צווישען ריטער . אז דיא הערנער וואלטען געווען הארט וואלטען דיא הערנער פאר טשעפעט געווארין צווישען די ריטער אונד זיי וואלטען ארויס געצויגען געווארין וואלטען זיי בלינד געווארין . ווארום שמואל האט געזאגט דער וואס וויל בלינד מאכען א איישעריק . זאל ער ארויס ציהען זיינע הערנער פון קאפ וועט ער בלינד ווערין . נאך האט רבי זירא געפרעגט צו רב יהודה פר וואס אז אהון פר מאכט די אויגען פאר דעקט דיא אונטערשטע ברעם אויף דיא אובערשטע . האט רב יהודה געענטפערט ווייל די הינער זיצען ביי נאכט אויף די הויכע ארטער [אויף ברעטער אדער אויף אנדערע זאכען וואס אין שטוב] אז עס וועט זיין ארויף וועט אריין גיין דער רויך אין זייערע אויגען וועלין זיי בלינד ווערין . דריבער פר דעקט דיא אונטערשטע ברעם דער רויך זאל ניט אריין קומען אין די אויגען . נאך האט רבי זירא געפרעגט צו רב יהודה עטליכע זאכען . פר וואס רופט מען אטיר דשא . ווייל דס מאכט דרך שם . דארט אין די וועג אריין צו גיין אין שטוב . פר וואס רופט מען אלייטער דרגא . ווייל דאס מאכט דרך גג . דורך דעם לייטער גייט מען ארויף אויפען דאך . פר וואס רופט מען די משקה וואס מען טונקט איין אין איר מתכולתא . ווייל דס מאכט מתי תכלה דא . ווען וועט זיך דס אויס לאזין . ווייל די משקה איז גיבאכט געווארין נאר מען זאל אין איר איין טונקען . דארט אלאנגע צייט ביז מען טונקט אויס די גאנצע משקה . פר וואס רופט מען א שטוב ביתא . ווייל דאס מאכט בא ואיתיב בה . קום זיץ אין איר . פר וואס רופט מען אקליינע שטוב ביקתא . ווייל דס מאכט בי עקתא . אהיינגע שטוב . פר וואס רופט מען א הילצערנעם שטויס [אסטעמפע] כופתא ווייל דס מאכט כוף ותיב . בייג דס איין מיט דעם מויל אראפ וועט מען זיצען אויף דעם . פאר וואס רופט מען ציגעל לבני . ווייל דס מאכט לבני בני . צוא קינדערס קינדער . אז מען מאכט א שטוב פון ציגעל שטייט די שטוב אויף לאנגע יאהרין צו קינדערס קינדער . פר וואס רופט מען דיא וואנט וואס איז גימאכטען פון ריטער אדער פון דינע ברעטער הוצא . ווייל דאס איז ניט קיין וואנט נאר חציצה . אפארשטעלונג . פר וואס רופט מען אקרוג חצבא . שחוצב מים מן הנהר . ווייל ער האקט אויס [ער שעפט אויס] דיא וואסער פון טייך . פאר וואס רופט מען אקליינעם קריגעל כוזא . ווייל דס מאכט כזה . אזוי אקליינעם קריגעל ווייזן ווי דער איז . דארף ביי דיר נאר ניט זיין גירעכנט . שיינק דס מיר . פר וואס רופט מען דעם הדס וואס מען טאנצט מיט איהם פר אכלה . שוטיתא . ווייל דס מאכט שטותא . נארעשקייט . דער וואס טאנצט מיט דעם הדס פר אכלה . זעהט ער אויס ווי א נאר . פר וואס רופט מען א בעקין משיכלא . ווייל דאס מאכט מאשי כולה . אלע וואשען זיך אין דעם בעקין . פר וואס רופט מען אקליינעם

בעסין

כולא. משכילתא משיא כלתא. אסיתא חסירתא. בוכנא בא ואבנה. לבושא לא בושה. גלימא שנעשה בו כגולם. גלתא גלי ואתיב. פוריא שפרין ורבין עליה. בור זנקיא בור זה נקי. סודרא סוד ה' ליראיו. אפדנא אפיתחא דין. ת"ר ג' כ"ז שמזקינין מוסיפין גבורה ואלו הן דג ונחש וחזיר:

(דף סח) ב רבי שמעון בן אלעזר אומר דם כדי לכחול עין אחת שכן כוחלין לברקית ומאי ניהו דמא דתרנגולא ברא רשב"ג אומר דם כדי לכחול בו עין אחת שכן כוחלין ליארוד ומאי ניהו דמא דכרושתינא

כולא. רוחץ את הכל: משכילתא. ספל קטן ונאה: משיא כלתא. מיוחד לחשובים כמו כלה ואשה חשובה לרחוץ ממנו: אסיתא. מורטייר"ל: חסירתא. בחסר הקיקה מכפניס: בוכנא. עלי שכותשין בו: לבושא. חלוק העליון שקוראין סרוק: לא בושה. למנוע הבושה שמתכסה כל החלוקים התחתונים הקרועים ורעים: כגולם. שאין לו תמוך איברים: גולתא. מקטורין וזה (תרגום של בגד גלתא רוצה לומר בגד הזוב): גלי ותיב. כשהוא יושב מגלה עצמו שלא ישב עליו שלא ילכלכו ולא ישופשו בקרקע ויסיר שערו ויקרע ויכלה: בור זינקא. בור שיבשו מימיו קורין כך: נקי. חסר מימיו: סודרא. דרך תלמיד חכם לעטוף סודר: אפדנא. טרקלין של מלכים: אפיתחא. אל פתח זה יבאו הכל אם למשפט אם לשרת המלך: שכן כוחלין לברקית. מיול"א שבולטת בעין: ומאי ניהו. מאיזה דם כוחלין אותו: ליארוד:

---

בעקין א שיינעם משכילתא. ווייל דם מאכט משיא כלתא. א כלה וואשט זיך אין דעם בעקין. פר ווס רופט מען א מערזער (אסטעמפע) אסיתא. ווייל דאס מאכט חסירתא. עס פעלט פון אינווייניג. פר ווס רופט מען דעם הארץ אדער דעם אייזין ווס מען שטויסט מיט אים בוכנא. ווייל דאס מאכט בא ואבנה. קום איך וועל שלאגין מיט איר. פר ווס רופט מען א קלייד לבושא. ווייל דם מאכט לא בושה. די קלייד טוהט אפ די שאנד פון מענטשין. פר וואס רופט מען א אובערשטין מאנטיל ווס אן ארבעל גלימא. שנעשה בו כגולם. ווייל מען זעהט אוים אזוי ווי א גולם. א מענטש אן גלידער. פאר ווס רופט מען א שיינע קלייד גולתא. ווייל דם מאכט גלי ואתיב. דעק אפ די קלייד און זיץ: מען זיצט ניט אויף דיא קלייד מען זאל איר ניט צו קנייטשין. פאר ווס רופט מען א בעט פוריא. שפרין ורבין עליה. מענטשין פרוכטבארין און מערין זיך אויף די בעט. ווייל מען איז משמש דמטה אויף איר. פאר ווס רופט מען א ליידיגע ברונען בור זינקא. ווייל דם מאכט בור זה נקי. דער ברונען איז ריין ליידיג אן וואסער. פר ווס רופט מען דעם מאנטיל פון א תלמיד חכם סודרא. ווייל דם מאכט סוד ה' ליראיו. גאט זאגט אוים זיינע סודות צו די מענטשין ווס האבען מורא פאר איהם. פר ווס רופט מען דעם פאלאץ פון א מלך אפדנא. ווייל דם מאכט אפיתחא דין. צו דער טיר קומט מען צום משפט פאר דעם מלך:

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערונט דריי זאכען זענען דא אז זייא ווערין עלטער ווערין זיי שטארקער. און דם זענען זיי. א פיש און א שלאנג און א חזיר:

ב רבי שמעון בן אלעזר זאגט אז מען טראגט ארוים אום שבת בלוט. אפילו נאר צו בשמירען מיט דעם בלוט איין אויג ניט מער. איז מען חייב א חטאת אדער כרת. ווארום אז איינער הט א ברקית אויף א אויג בשמירט מען מיט די בלוט איז א רפואה. זאגט דיא גמרא וועלכע בלוט איז א רפואה צו א ברקית ווס מען זאל חייב זיין אז מען טראגט ארוים אום שבת א ביסיל בלוט ווס נאר גינוג צו איין אויג. דם איז די בלוט פון א ווילדען האן. רבן שמעון בן גמליאל זאגט אז מען טראגט ארוים אום שבת בלוט. אפילו נאר צו בשמירען מיט דעם בלוט איין אויג ניט מער. איז מען חייב א חטאת אדער כרת. ווארום אז איינער הט א יארוד אויף א אויג בשמירט מען מיט דיא בלוט איז א רפואה. זאגט די גמרא וועלכע בלוט איז א רפואה צו א יארוד ווס מען זאל חייב זיין אז מען טראגט ארוים אום שבת א ביסול בלוט ווס נאר גינוג צו איין אויג. דם איז די בלוט פון (א ברושתינא) א פלעדער מויז. דער סימן איז אינווייניג צו אינווייניג. דיא בלוט פון א פלעדער מויז וואס זיא אדערוועט זיך אינווייניג אין שטאט צווישען מענטשין. איז א רפואה צים יארוד. ווס דם איז א פעדער אינווייניג אין אויג. און אוים ווייניג צוא אוים ווייניג: דיא בלוט פון א ווילדען האן וואס ער אדערוועט זיך

אוים

דברושתינא וסימניך גוא לגוא וברא לברא:

(דף פ ע"ב) גסיד כדי לסוד תנא כדי לסוד אצבע קטנה שבבנות. אמר רב יהודה אמר רב בנות ישראל שהגיעו לפרקן ולא הגיעו לשנים בנות עניים טופלות אותן בסיד. בנות עשירים טופלות אותן בסולת. בנות מלכים טופלות אותן בשמן המור שנאמר (אסתר ב) ששה חדשים בשמן המור. מאי שמן המור. רב הונא בר חייא אמר סטכת רב ירמיה בר אבא אמר שמן זית שלא הביאה שליש. תניא ר"י אומר אנפיקנון שמן זית שלא הביאה שליש ולמה סכין אותו שמשיר את השער ומעדן את הבשר. רב ביבי הוה ליה ברתא טפלה אבר אבר שקל בה ד' מאות זוזי הוה ההוא עובד כוכבים בשבבותיה הויא ליה ברתא טפלת בחד זימנא ומתה אמר קטל רב ביבי לברתי. אמר רב נחמן רב ביבי דשתא שיכרא בעין בנתיה

פלול ובתוס' רליי"י למירוד והם עיפות דקות של לובן הנולדות בעין דתנן בבכורות גבי מומין: דמאל דכלושתינא. עטלף שקורין טלפ"א: גוא. כרושתינא מלוי בתוך סיסוב בהוא ליאריד טמאה שוקע בתוך העין: ברא. דמאי דתרגוננא ברא: לברא. לברקית שהיא בולטת:

אצבע קטנה. דרכן לסוד את כל הגוף להאדים שהגיעו לפרקן ולא הגיעו לשנים. שהגיעו ב' שערות ולא באו לכלל שנים הראויים לכך ומתביישי בדבר: טופלות. מושחות: אנפיקנון. דתנן במנחות אין מביאין אנפיקנון הוא שמן זית שלא הביא שליש: ולמה סכין אותו. דהיינו שמן המור: טפלה בסיד. שקל בה ארבע מאות זוזי שנתייפתה וקפצו עליה שמהוגנין לה ונתנו (לה)

---

אוים ווייניג אויסער די שטאט. איז ארפואה צום ברקית וואס דס איז אפעקער אוים ווייניג אויף דעם אויג:

גסיד כדי לסוד. אז איינער טראגט ארויס וואפנע אום שבת. אויב מען קען מיט דיא וואפנע בשמירען. ווערען בשמירען. זאגט די גמרא מיר האבען גילערונט אויב מען קען מיט די וואפנע בשמירען דעם קלענסטין פינגער פון אקליינע מיידול. איז מען חייב אחטאת אדער כרת. רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין די יודישע טעכטער וואס זענען נאך יונגע. אונ זיי האבען בעקומען האר אויף די ערוה. פאר די צייט. עס איז נאך ניט זייערע יאהרין דער צו. אונ זיי שעמען זיך. די ארעמע טעכטער בשמירען מיט וואפנע די האר זאל אראפ פאלען. אונ די רייכע טעכטער בשמירען מיט פיינע ווייצין מעהל. אונ קעניגליכע טעכטער בשמירען מיט שמן המור. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דיא ווייבער פון אחשורוש האבען זיך געשמירט זעקס חדשים מיט שמן המור. פרעגט די גמרא וואס איז שמן המור. רב הונא בר חייא זאגט סטכת. דס איז אזוי אמין בוימאייל. רב ירמיה בר אבא זאגט בוימאייל וואס זענען גימאכט פון אומצייטיגע איילבירטען וואס זענען נאך ניט אויף גיוואקסען אדריטול חי זיי דארפין וואקסען. דיא בוימאייל הייסט שמן המור. מיר האבען גילערנט רבי יהודה זאגט בוימאייל וואס זענען גימאכט פון אומצייטיגע איילבירטען וואס זענען נאך ניט אויף גיוואקסען אדריטול וויא זיי דארפען וואקסין. די בוימאייל הייסט אנפיקנין. צו וואס שמירט מען דס לייב מיט די בוימאייל (שמן המור) ווייל די בוימאייל ווארפט אראפ די האר פון לייב. אונ זי מאכט איידיל דס לייב. רב ביבי הט גיהאט אטאכטער הט ער איר בשמירט מיט וואפנע גלידער ווייז, אמאהל אהאנט אמאהל אפוס. הט רב ביבי פאר איר גינומען פיר הונדערט גילדין. ואויסער דעם נדן וואס מען הט איר גיגעבין. ווייל זיא איז זייער שיין גיווארין. אגוי הט גיוואוהנט נאנט פון רבי ביבי. אונ ער הט גיזעהן אז רב ביבים טאכטער הט גינומען אזוי פיל גדן. אונ רב ביבי אליין הט אויך גינומען פיר הונדערט גילדין ווייל זי איז שיין גיווארין פון דעם וואפנע. ער הט אבער ניט געוואוסט אז רב ביבי הט איר געשמירט ביסלאכווייז. אונ ער הט אויך גיהאט אטאכטער הט ער איר בשמירט מיט דעם וואפנע אין גאנצען מיט איין מאהל. איז זיא גישטארבען. הט דער גוי גזאגט רב ביבי האט גיהרגת מיין טאכטער: רב נחמן זאגט ווייל רב ביבי הט גיטרונקען פיל ביר. זענען זיינע קינדער גיווען שווארץ. דארפין זיינע טעכטער שמירען זייער לייב מיט וואפנע זייא זאלין ווייס ווערין: אבער מיר טרינקען ניט קיין ביר.

בנתיה טפלא אנן דלא שהינן שי־רא לא בעין בנתן טפלא :

ד כי הא דההוא בר גלילא דאמרו ליה קום דרוש לנו במעשה מרכבה אמר להו אידרוש לכו כדדרש רבי נחמיה להבריה ונפקת ערעיתא מן כותלא מחתיה באנדיפי (ומית) אמר ליה מן דיליה דא ליה :

ה אמר ליה מר בריה דרבינא לבריה מי שמיע לך ביצה קלה מאי היא אמר ליה ביעתא דצלצלא כאי טעמא משום דזוטרא . אימא דציפרתא אישתיק א"ל מידי שמיע לך בהא (א"ל הכי) אמר רב ששת ביצת תרנגולת ואמאי קרו לה ביצה קלה . שיעורו חכמים אין לך ביצה קלה לבשל יותר מביצת תרנגולת :

(דף פב) ו עשרה דברים מביאין את האדם לידי החתוניות ואלו הן האוכל עלי קנים ועלי גפנים ולולבי גפנים ומוריגי בהמה בלא מלח ושדרו של דג ודג מליח שלא בישל כל צרכו והשותה שמרי יין והמקנח בסיד ובחרסית . (והמקנח) ובצרור שקנח בו חבירו וי"א אף התולה עצמו בבית הכסא :

רב

פירוש

[ה'] תמון : סכר . מתחיל ומרנס כער : צרשיתא . לנעה : כאנדיפי . פדחתו : מן דיליה דא ליה . מידו היתה זאת לו שלא היה לו לדרוש במרכבה :

דצלצלא . עוף קטן : החתוניות . פו"ם : לולבי גפנים . רוחם פיטלים כגילים בגפן וקורין וודיל"ש : מוריגי בהמה . כל בשר שיש בבהמה הפנוי כמורג שאוש פגום ותרוקה כמורג הרוץ חדש (כלומר) כל מקום בהן סבר חלק כגון קליפה הלבין וכגון כחיך בית ע כמין קוליס (וכפגימות ביח) [וכפגימות צנים] כמוכות : בקינח בו חבירו . חביר ומתרפים נמי קאי : סתולה. שאינו יושב :

---

דארפן נים אונזערע מעכטער שמירען זייער לייב מים וואפנע , זייא זענען אן וואפנע אויך שיין :

ד כי הא דההוא בר גלילא . מען האט אמאהל געזאגט צוא איינעם פון גליל זאג אונז אדרשה פון מעשה מרכבה . האט דער מענטש פון גליל געענטפערט איך וועל פאר אייך דרשנן אזוי וויא רבי נחמיה האט גידרשנט פאר זיין חבר . איז ארויס געגאנגען אצרעה פון וואנט אונ האט איהם גיגעבין אקלאפ אין שטערין ; איז ער גישטארבין . האט מען גזאגט פון איהם איז דס איהם גיקומען . ער האט אליין גיבראכט אויף זיך דעם טויט . ער האט נים גידארפט דרשנן מעשה מרכבה :

ה אמר ליה . מר דער זוהן פון רבינא האט גזאגט צו זיין זוהן ; טאמער האסטו גיהערט וואס מיינט מען אגרינגע איי . האט דער זוהן גזאגט צום פאטער . די איי פון דעם פויגיל וואס הייסט צלצלא . איז אגרינגע איי . ווייל זי איז קליין . האט דער פאטער גזאגט צום זוהן טאמער מיינט מען די איי פון דעם פויגיל וואס הייסט צפרתא . זיא איז נאך קלענער . האט דער זוהן געשוויגען . האט דער זוהן גזאגט צום פאטער . טאמער ווייסטו וואס מיינט מען אגרינגע איי . האט דער פאטער גזאגט . אזוי האט גזאגט רב ששת . אגרינגע איי מיינט מען אאיי פון אהון . פר וואס הייסט זי אגרינגע איי . ווייל די חכמים האבען בערעכענט עס איז נישטא קיין גרינגערע איי צום קאכין ווי די איי פון אהון :

ו עשרה דברים . צעהן זאכען ברייננגען דעם מענטשין צו דיא מרידען קראנקייט . אונ דס זענען די צעהן זאכען : אז מען עסט בלעטער פון די ראר שטעקלאך . אדער בלעטער פון וויין שטאקין . אדער די לאנגע בלעטער פון דיא וויין שטאקין . אדער מען עסט פלייש פון אבהמה אזעלכע וואס זענען נים גלאט . דהיינו ער עסט דיא הויט פון צונג אדער דעם גומען אין מויל . אדער ער עסט דעם רוקען פון אפיש . אדער ער עסט אגיזאלצענעם פיש וואס די פלייש פון איהם איז נאך רוי . אדער ער טרינקט הייזון פון וויין . אדער ער ווישט אפ דעם ארט ווען ער איז ארויס גיין מיט וואפנע אדער מיט אשארבין אדער מיט אשטיקיל האליץ . וואס זיין חבר האט זיך אפ גיווישט פריער מיט דיא זעלבינע זאך ; אונ אנדערע זאגין אז מען זעצט זיך נים אויף דעם ברעטיל פון בית הכסא אזוי וויא מען זיצט אויף אשטוהל . בעקוקט מען מערידען :

(ע"ב) ז רב חסדא ורבה בר רב הונא הוו קאזלי בארבא אמרה להו ההוא מטרוניתא אותבן בהדייכו ולא אותבוה אמרה איהי מילתא אסרתה לארבא אמרו אינהו מילתא שריוה . אמרה להו מאי אעביד לכו דלא מקנח לכו בחספא ולא קטיל לכו כנה אמנייכו ולא שליף לכו ירקא ואכיל לכו מכישא דאסיר גינאה:

(דף סב) ח א"ל רב הונא לרבא (לרבה) בריה מ"ט לא שכיחת קמיה דרב חסדא דמחדדן שמעתיה אמר ליה מאי איזיל לגביה דכי אזילנא לגביה מותיב לי במילי דעלמא אמר לי מאן דעייל לבית הכסא לא ליתיב בהדיא ולא ליטרח טפי דהאי ברכשתא אתלת שיני יתיב דלמא משמטי שיני דברכשתא ואתא לידי סכנה אמר ליה הוא עסיק בחיי דברייתא ואת אמרת במילי דעלמא כ"ש זיל לגביה:

מטרוניתא. ארמית זקנה: אמרה מילתא. דכשפים: ואסרתה לארבא. ולא זזה ממקומה: אמרי אינהו מילתא. על ידי שם טהרה: דלא מקנח לכו בחספא. מלאכול לעשות לכם כשפים: ולא קטיל לכו וכו'. ואין אתם הורגים כנה בבגדיכם: ולא אכיל לכו ירקא מכישא דאסיר גינאה. אין אתם מוציאים שום וכרישה וכגל מאגודה שאוגדים הגננים ואוכלים אלא אתם מתירין האגודה תחלה שע"י כל הני קשה לכשפים:

מותיב לי במילי דעלמא. מושיבני לפניו בדברי תהם שאינם של תורה: לא ליתיב בהדיא. במכרס בחוזק לפי שנפתח הכרס בחזקה וניתוקין שיני הכרכשתא ויוצאת: ולא ליטרח טפי. פריישע"ר בלע"ז:

א"ר עקיבא מנין וכו'. משום דבעי למיתני בסיפא מנין שמרחיצין את המילה כייל להו לכל הנך דדמיין לה: במשא. אדם הנושאה: תזרם כמו

## רבי עקיבא פרק תשיעי

א מתני' אמר רבי עקיבא מנין לעבודת כוכבים שמטמאה במשא כנדה שנאמר (ישעיה ל) תזרם כמו דוה צא תאמר לו מה נדה מטמאה במשא אף עבודת כוכבים

---

ז רַב חִסְדָא אוּנ רַבָּה בַּר רַב הוּנָא זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אִין אַשִׁיף . הָט אַגוֹיָה גִזָאגְט צוּ זֵייא אִיךְ וִויל אוֹיךְ זִיצֶען אִין דִי שִׁיף מִיט אֵייךְ . הָאבֶּען זֵיי נִיט גִיוָואלְט . הָט דִי גוֹיָה גִזָאגְט עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער כִּישׁוּף . הָט זִיא גִיבּוּנְדֶען דִי שִׁיף זִיא זָאל נִיט קֶענֶען אַוֶועק גֵיין פוּן דֶעם אָרְט . הָאבֶּען זֵיי גִזָאגְט עֶטְלִיכֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער . הָאבֶּען זֵיי אוֹיף גִיבּוּנְדֶען דִיא שִׁיף . הָט דִיא גוֹיָה גִזָאגְט צוּ זֵייא . וָואס קֶען אִיךְ אֵייךְ טָאהן . אַז אִיר ווִישְׁט נִיט אָפּ דֶעם אָרְט מִיט קֵיין שֶׁארְבִּין . אוּנ אִיר הַרְגְ'ת נִיט קֵיין כִּנָּה אוֹיף אַייעֶרֶע קְלֵיידֶער . אוּנ אַז אִיר קוֹיפְט אַבִּינְטוּל יָרָק וְוִעטְשֶׁעכְלַאךְ . צִיבֶּעלֶע . אָדֶער אַנְדֶערֶע זַאכֶען) וָואס דֶער גֶערְטְנֶער הָט דָס פַר בּוּנְדֶען . צִיהְט אִיר נִיט אַרוֹיס דִיא יָרָק אֵיינְצִיג וַוייז פוּן בִּינְטוּל אוּנ עֶסְט . נָאר פְרִיעֶר בִּינְט אִיר אוֹיף דֶעם בִּינְטוּל ; דֶער נָאךְ עֶסְט אִיר . וַוייל אִיר טוּהְט נִיט דִיא דְרַייא זַאכֶען קֶען מֶען אֵייךְ נִיט טָאהן קֵיין כִּישׁוּף ;

ח אָמַר לֵיהּ . רַב הוּנָא הָט גִזָאגְט צוּ זַיין זוּהְן רַבָּה פַר וָואס גֵייסְט דוּא נִיט עֶפְטֶערְס צוּ רַב חִסְדָא . לֶערְנֶען פוּן אִיהְם . זַיינֶע דִינִים וֶוערִין דָאךְ גִילֶערְנְט מִיט אַשָׁארְפִין שֵׂכֶל . הָט רַבָּה גִזָאגְט צוּ זַיין פָאטֶער . וָוס זָאל אִיךְ גֵיין צוּ אִיהְם ; אַז אִיךְ קוּם צוּא אִיהְם פְרֶעגְט עֶר מִיךְ נִיט תּוֹרָה נָאר וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען ; עֶר זָאגְט צוּ מִיר וֶוער עֶס גֵייט אַרַיין אִין אַבֵּית הַכִּסֵּא . זָאל עֶר זִיךְ נִיט זֶעצִין גֶעשְׁווִינְט ; אוּנ עֶר זָאל זִיךְ נִיט קְוֶועטְשִׁין צוּ פִיל . ווָארוּם דִיא קִישְׁקֶע אֵיינְגְט אוֹיף דְרַיי דִינֶע שְׁטִיקְלַאךְ פְלֵיישׁ . אַזוֹי וִויא אוֹיף דְרַייא צֵיין . אַז מֶען וֶועט זִיךְ שְׁטַארְק קְוֶועטְשִׁין קֶענֶען דִיא צֵיין אָפּ גֶערִיסֶען וֶוערִין . אִיז מֶען אִין אַסַּכָּנָה צוּ שְׁטַארְבֶּען . הָט רַב הוּנָא גִזָאגְט צוּ זַיין זוּהְן . רַב חִסְדָא לֶערוּנְט דֶעם מֶענְטְשִׁין וִוי אַזוֹי עֶר זָאל לֶעבִּין . אוּנ דוּ זָאגְסְט עֶר שְׁמוּעֶסְט וֶועלְטְלִיכֶע זַאכֶען ; אוֹיב אַזוֹי דַארְפְסְטוּ גֶעוִויס גֵיין צוּ אִיהְם ;

## פרק תשיעי

א אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא . רַבִּי עֲקִיבָא הָט גִזָאגְט פוּן וַואנֶען ווייסֶען מִיר אַז מֶען טְרָאגְט אַעֲבוֹדָה זָרָה וַאֲפִילוּ עֶר רִירְט נִיט אָן דִיא עֲבוֹדָה זָרָה . דְהַיְינוּ עֶר טְרָאגְט אִיר אוֹיף אַשְׁטִיק

האלץ

דוה וגו' בעבודת כוכבים משתעי :
מחבקה ומנשקה. וזה לשון ביאת הכנס ותצא :
כבנים מטמא זו כל מכבת כלים דתחלת
מה ספינת הירדן טמאה ולא נתגלה הטעם למה :

כוכבים מטמאה במשא [גמרא] אמר רבא (רבה) תזרם כמו דוה דאמר קרא נכרינהו מינך כזר צא תאמר לו הכנס אל תאמר לו :

(דף פג עב) **ב תנינן** (סופכים ח) וישימו להם בעל ברית לאלהים זה זבוב בעל עקרון מלמד שכל אחד ואחד עושה דמות יראתו ומניחה בתוך כיסו כיון שזוכרה מוציאה מתוך כיסו ומחבקה ומנשקה . אמר רבי חנינא בן עקביא מפני מה אמרו ספינת הירדן טמאה מפני שטוענין אותה ביבשה ומורידין אותה למים . אמר רב יהודה אמר רב לעולם אל ימנע אדם את עצמו מבית המדרש אפילו שעה אחת שהרי כמה שנים נשנית משנה זו בבית המדרש ולא נתגלה טעמה עד שבא רבי חנינא בן עקביא ופירשה . אמר רבי יונתן לעולם אל ימנע אדם את עצמו מבית המדרש ומדברי תורה ואפילו בשעת מיתה שנאמר (במדבר יט) זאת התורה אדם כי ימות באהל אפילו בשעת מיתה תהא עוסק בתורה אמר ר"ל אין דברי תורה מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה שנאמר זאת התורה

---

האלץ . וואס די שטיק האלץ ווערט ניט טמא . פון דעסטוועגין ווערט דער מענטש טמא . אזוי ווי דער דין איז ביי אנדה . ווארום עס שטייט אין פסוק ביי עבודה זרה . דוא זאלסט זיא דער ווייטערין אזוי ווי אנדה . דו זאלסט זאגין צו די עבודה זרה גיי ארויס פון מיר : אזוי ווי אנדה איז מטמא אז מען טראגט איר . אפילו מען רירט איר ניט אן . דהיינו זיא זיצט אויף אשטיק האלץ . אזוי איז דיא עבודה זרה אויך מטמא אז מען טראגט איר . אפילו מען רירט איר ניט אן . דהיינו זי זיצט אויף אשטיק האלץ (אזוי וויא פריער) . רבא זאגט וואס דער פסוק זאגט מען זאל דיא עבודה זרה דער ווייטערין אזוי וויא אנדה . מיינט מען ניט זיא איז מטמא אזוי וויא אנדה . נאר מען מיינט דיא עבודה זרה זאל זיין פרעמד פון דיר . דו זאלסט איר ניט דינען . אזוי וויא מען איז דער ווייטערט פון אנדה ; זאל מען זיין דער ווייטערט פון עבודה זרה ; דו זאלסט זאגין צו די עבודה זרה גיי ארויס פון מיר . אונ דו זאלסט ניט זאגין צו דיא עבודה זרה גיי אריין צו מיר :

**ב** תנינן . מיר האבען גילערנט . עס שטייט אין פסוק וישימו להם בעל ברית לאלהים דיא יודען האבען גימאכט אעבודה זרה פר אגאט . דס מיינט מען די פליג וואס זיא איז גיוועזן די עבודה זרה פון עקרון דער פסוק דער ציילט אונז אז יעדער יוד האט גימאכט אפליג נאך זיין ליבער אדער פון גאלד אדער פון אנדערע זאכען אזוי וויא זיין גאט האט אים גיזעהן . אונ ער האט אריין גילייגט די פליג אין זיין בייטול . ווען ער האט זיך דער מאנט אן איר . האט ער איר ארויס גינומען פון בייטיל . אונ האט איר ארום גינומען אונ גיקושט :

רבי חנינא בן עקביא האט גיזאגט פר וואס האט מען גיזאגט די שיף וואס שווימט אויף דעם טייך ירדן קען טמא ווערין . ווייל מען לייגט אין איר אריין סחורה ווען זי איז נאך אויף דיא טריקעניש . דער נאך שטויסט מען איר אויף דעם וואסער . האט רב יהודה גיזאגט פון רבס וועגין אמענטש זאל זיך ניט פאר מיידין פון בית המדרש אפילו איין שעה . ווארום די משנה (ספינת הירדן טמאה) איז שוין גילערנט גיווארין אין בית המדרש פיל יאהרין . אונ מען האט ניט גיוואוסט דעם טעם פון דער זאך . פאר וואס זאל דיא שיף וואס שווימט אויף דעם ירדן קענען טמא ווערין . ביז רבי חנינא בן עקביא איז גיקומען אונ האט גיזאגט דעם טעם פון די זאך . רבי יונתן האט גיזאגט אמענטש זאל זיך קיין מאהל ניט פאר מיידין פון בית המדרש אונ ניט פון לערנען . אפילו ער איז שוין נאנט צום שטארבען אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאת התורה אדם כי ימות באהל . דיא תורה זאל דער מענטש לערנען . אפילו ער איז שוין נאנט צום שטארבען . ריש לקיש האט גיזאגט די תורה האט ניט מער אקיום נאר ביי דעם מענטש וואס לאזט זיך הרגנן פר איר . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאת התורה אדם כי ימות באהל .

ביי

התורה אדם כי ימות באהל:

(דף פה) ג אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן מאי דכתיב (דברים יט) לא תסיג גבול רעך (אשר גבלו ראשונים). גבול שגבלו ראשונים לא תסיג. מאי גבלו ראשונים אמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן (יוחנן) מאי דכתיב (בראשית לו) אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ. אטו כולי עלמא יושבי רקיע נינהו אלא שהיו בקיאים בישובה של ארץ שהיו אומרים מלא קנה זה לזית מלא קנה זה לגפנים מלא קנה זה לתאנה. וחורי שמריחין את הארץ. וחוי אמר רב פפא שהיו טועמים את הארץ כחויא. רב אחא בר יעקב אמר חורי שנעשו בני חורין מנכסיהן:

(דף פו) ד מתני' מנין לפולטת ש"ז ביום השלישי שהיא טמאה שנאמר (שמות יט) היו נכונים

גבול רעך. ליטע סמוך למיצר לכתחלה קרקע כשיעור אשר גבלו הראשונים ומי הם הראשונים אמוריים וחוים שהיו בקיאים בכך כדאמרינן בבני שעיר: מלא קנה זה. קנה שאדם בבו מודדין הקרקע: לזית. ראוי לגדל זיתים וזה לתאנה היו יודעין להפריש את הארץ בין קנה לקנה בריחה וטעמה היכן לזיתים והיכן היא לגפנים ותאנה דבקיאים היו בשיעור ישיבה: שמריחין. טרם את הקרקע ודורשם: חוי. למה נקרא חוי שמטעמים את הארץ לאיזה דבר ידוע ראוים: כחויא. כנחש שמאכלו עפר: שנעשו חורין מנכסיהם. שאבדו מנהלתם ולא מאריס לעבוד אדמתן כדכתיב ובני עשו יירשום: שהיא טמאה ביום הג' אלמא לא מסרחת בבכת זרע ורחייה לקלוט ולהיות ולד מלך הימנה וקריין ש"ז הראוים להזריע: לג' ימים. דהקפיד הכתוב

---

ביי וועמען אין די תורה. ביי דעם מענטש וואס וויל שטארבען פון איהעט וועגין. און וויל נים אוועק גיין פון דעם גיצעלט (פון דעם בית המדרש) וואס מען לערנט דארט תורה:

ג אמר. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין. וואס מיינט דער פסוק לא תסיג גבול רעך אשר גבלו ראשונים. דער גרענעץ וואס די ערשטע האבען גימאכט, זאלסטו נים אפ רוקען. וואס פאר אגרענעץ האבען די ערשטע גימאכט. האט רבי שמואל בר נחמני גזאגט פון רבי יונתן וועגין. וואס מיינט דער פסוק אלה בני שעיר החורי יושבי הארץ דאס זענען די קינדער פון שעיר החורי די זיצער פון דער ערד. איז דאך אקשיא צו וואס זאגט דער פסוק זיי זענען גיזעסען אויף די ערד. ווארום די גאנצע וועלט זיצען אויף דעם הימעל. נאר אזוי מיינט מען. זיי האבען גיוואוסט די באזיצונג פון די ערד. זיי פלעגין מעסטען צוא זאגין. אויף די שטיק ערד איז גוט צו פלאנצין איילבערטען. אויף די שטיק ערד איז גוט צו פלאנצין וויין שטאקין. אויף די שטיק ערד איז גוט צו פלאנצין פייגען. פר וואס האט מען זיי גירופען חורי. ווייל זיי האבען גישמעקט דעם ריח פון די ערד. האבען זיי גיוואוסט וואס מען זאל זייען אדער פלאנצען אויף דעם ארט. און פאר וואס האט מען זיי גירופען חוי. האט רב פפא גזאגט ווייל זיי האבען גינומען א שטיקל ערד אין מויל האבען זיי גיוואוסט דעם טעם פון די ערד. אזוי ווי דער שלאנג ווייס א טעם פון די ערד. אזוי האבען זיי גיוואוסט דעם טעם פון די ערד. דריבער האבען זיי גיוואוסט אויף יעדער ארט וואס צוא פאר זייען. און זיי האבען גיוואוסט ווי ווייט יעדער פאר זייהונג מאכט מאגער די ערד. און אז זיי האבען גזאגט א מענטש דארף מאכען א גרענעץ צווישען זיין פעלד און זיין חברים פעלד. ער זאל אפ רוקען די פאר זייהונג פון זיין פעלד פון זיין חברים פעלד: אזוי ווייט. טאר מען נים גענטער מאכען די פאר זייהונג. ער זאל נים מאגער מאכען זיין חברים פעלד). רב אחא בר יעקב זאגט פאר וואס האט מען זיי גירופען חורי. ווייל זיי זענען פריי גיווארין פון זייערע פעלדער. מען האט זיי פאר טריבען פון זייער לאנד:

ד מתניתין. פון וואנען ווייסען מיר אז עס גייט ארויס פון א אשה שכבת זרע אפילו דעם דריטען טאג ווי דער מאן איז גיוועזען ביי איר. ווערט די אשה טמא. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען גאט האט גיגעבין די תורה צו די יודען. האט מען זיי אן גזאגט איר זאלט זיין אן גיברייט אויף דריי טאג. איר זאלט נים גיגענען צו קיין אשה דריי טעג. ווארום טאמער וועט ארויס גיין די זרע צוריק פון די אשה אפילו דעם דריטען טאג. וועט זיא זיין טמא. וועט זיא נים קענען שטיין ביי דעם בארג סיני. פרעגט די משנה פון וואנען

וויסען

על טימאת קרי במתן תורה: מנין שמרחיצין. אלף ביום הג מסיקן הוא: כמים בקרבו וכשמן בעצמותיו. מקים סיכה לשתיה: בגדי בהדם. דהא דכתיב ויכסהו בעק שנת ימים ויקרא אל משה ביום השביעי סבירא להו כרבי יוסי הגלילי דאמר בפרק קמא דיומא זה היה מפסה אהר עשרת הדברות. ורבי יוסי סבירא ליה דמשה וכל ישראל עומדין לקבל עשרת הדברות ולא בא הכתוב אלא לחלוק כבוד למשה: כתיב

נכון ם לשלשת ימים. מנין שמרחיצין את המילה ביום השלישי שחל להיות בשבת שנאמר (בראשית לד) ויהי ביום השלישי בהיותם כואבים. מנין שקושרין לשון של זהורית בראש שעיר המשתלח שנאמר (ישעיה א) אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו. מנין לסיכה שהיא כשתיה ביוה"כ אע"פ שאין ראיה לדבר זכר לדבר שנאמר (תהלים קט) ותבא כמים בקרבו וכשמן בעצמותיו:

(פ"ג) ה אמר רב אהבה בר אדא משה בהשכמה עלה ובהשכמה ירד. בהשכמה עלה דכתיב (שמות לד) וישכם משה בבקר ויעל אל הר סיני. בהשכמה ירד דכתיב (שם יט) לך רד ועלית אתה ואהרן עמך. מקיש ירידה לעליה מה עליה בהשכמה אף ירידה בהשכמה. ת"ר בו' בחדש ניתנו עשרת הדברות לישראל רבי יוסי אומר בז' בו אמר רבא דכ"ע בר"ח אתו למדבר סיני כתיב הכא (שם) ביום הזה באו מדבר סיני וכתיב התם (שם יב) החדש הזה לכם ראש חדשים מה להלן ראש חדש אף כאן ראש חדש ורכ"ע בשבת ניתנה תורה לישראל כתיב הכא (שם כ) זכור את יום השבת

---

ווייסען מיר אַז מען מעג אָפּ וואַשען די מילה פון אַקינד דעם דריטען טאָג פון מל זיין אויב עס איז שבת. ווארום עס שטייט אין פסוק ביי די מענטשין פון שכם ווען זיי האָבען זיך מל געווען) און עס איז געווען אין דעם דריטען טאָג ווען זייא זענען געווען קראַנק. פרעגט די משנה פון וואַנען ווייסען מיר אַז מען בינדט אָן אַשטיקעל רויטע וואָל אויס געבאַרשטען לאַנג און שמאָל אַזוי ווי אַצונג אויף דעם קאָפּ פון שעיר המשתלח. ווארום עס שטייט אין פסוק. אויב אייערע זינד וועלין זיין רויט אַזוי ווי רויטע פאָדים. וועלין זייא ווייס ווערין אַזוי ווי שניי. פרעגט די משנה פון וואַנען ווייסען מיר אַז שמירען דעם גוף מיט בוימאייל אום יום כפור איז גלייך ווי טרינקען אום יום כפור. ענטפערט די גמרא אַפילו עס איז ניטאַ קיין ריכטיגע באַווייזונג צו דער זאַך. פון דעסטוועגין ווערט די זאַך דער מאַנט אין פסוק אַז שמירען איז גלייך צו טרינקען. ווארום עס שטייט אין פסוק עס איז געקומען אַזוי ווי וואַסער אין איהם. און אַזוי ווי אייל אין זיינע ביינער. זעהן מיר אַז די אייל וואָס ער האָט געשמירט זיינע ביינער איז גלייך ווי די וואַסער וואָס ער האָט געטרונקען אין זיך:

ה אמר. רב אדא בר אהבה האָט געזאָגט. ווען משה איז אַרויף געגאַנגען אויף דעם באַרג סיני. איז ער אַרויף געגאַנגען גאַנץ פריא. און ווען ער איז אַראָפּ געגאַנגען פון באַרג סיני. איז ער אַראָפּ געגאַנגען גאַנץ פריא. פון וואַנען ווייסען מיר אַז ער איז אַרויף געגאַנגען גאַנץ פריא: ווארום עס שטייט אין פסוק. משה האָט זיך געפעדערט אין דער פריא און איז אַרויף געגאַנגען אויף דעם באַרג סיני. און פון וואַנען ווייסען מיר אַז ער איז אַראָפּ געגאַנגען פון באַרג אין דער פריא. ווארום עס שטייט אין פסוק גאָט האָט געזאָגט צו משה. גיי נידער און זאָלסט אויף גיין דו און אַהרן מיט דיר. גלייכען מיר דעם אַראָפּ גיין צוא דעם אַרויף גיין: אַזוי ווי דאָס אַרויף גיין איז געווען גאַנץ פריא. אַזוי דאָס אַראָפּ גיין איז אויך געווען גאַנץ פריא:

תנו רבנן. די רבנן האָבען געלערנט דעם זעקסטין טאָג אין חודש סיון איז געגעבין געוואָרין די עשרת הדברות צו די יודען. רבי יוסי זאָגט דעם זיבעטין טאָג אין חודש סיון איז געגעבין געוואָרין די עשרת הדברות צוא די יודען. רבא זאָגט אַלע אַלטען אַז אום ראש חודש סיון זענען די יודען געקומען צום מדבר סיני. ווארום דא שטייט ביום הזה באו מדבר סיני. אין דעם טאָג זענען די יודען געקומען צום מדבר סיני. און עס שטייט ניט אין וועלכין טאָג. און דאָרט שטייט החודש הזה לכם ראש חדשים. גאָט האָט געזאָגט צו משה און אַהרן דער חודש זאָל זיין ביי אייך דער ערשטער פון אַלע חדשים. אַזוי ווי דאָרטין איז דער החודש הזה געזאָגט געוואָרין

לקדשו וכתיב התם (שם יג) ויאמר משה אל העם זכור את היום וגו׳ מה להלן בעצומו של יום אף כאן בעצומו של יום. כי פליגי בקביעא דירחא רבי יוסי סבר בחד בשבא איקבע ירחא ובחד בשבא לא אמר להו ולא מידי משום חולשא דאורחא בתרי בשבא א״ל (שם יט) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים (דף סז) בתלתא (בשבא) אמר להו מצות הגבלה בד׳ עבוד פרישה. ורבנן סברי בתרי בשבא איקבע ירחא בתרי בשבא לא אמר להו ולא מידי משום חולשא דאורחא ובתלתא אמר להו ואתם תהיו לי בד׳ א״ל מצות הגבלה בה׳ עבוד פרישה.
מיתיבי

הכא. כזה כזה לגזרה שוה: מה להלן. זכור את היום הזה: בעצומו של יום. הזכירה דיציאת מצרים נאמר להו כדכתיב הזה: אף כאן בעצומו של יום. הזכירה דשבת נאמר להן זכור את יום וגו׳: בקביעא דירחא. באיזה יום הוקבע החדש: משום חולשא דאורחא. גרסינן: בתרי בשבא אמר להו ואתם תהיו לי. ומשה עלה ויקרא אליו כל הענין עד אלה הדברים אשר תדבר וגו׳ הדברים האלה נאמרו לו לתחלת ביאתם כדאמרי׳ כל עליותיו בהשכמה היו ואפילו למאן דלית ליה בהשכמה ירד דלא אקים אית ליה בהשכמה עלה דהא בהדיא כתיב קרא: בתלתא א״ל מצות הגבלה. בהדברים שנאמרו לו בב׳ ירד לערב והמרן לישראל דכתיב ויבא משה ויקרא וגומר ולמחרת השכים ועלה וישב משה את דברי העם וגומר כדאמרינן כל עליותיו בהשכמה היו ובו ביום נאמר לו הנה אנכי בא אליך וגומר ומצות הגבלה דהשמרו לכם עלות בהר אע״פ שהיא כתובה אחר וקדשתם היום ומחר מה א׳ מצות פרישה קודם לכן נאמרה דכתיב בההיא עליה בעלה בשניה להשיב לקב״ה דברי העם דנעשה ונשמע הלה אנכי בא גומר וסיפא דקרא ויגד משה את דברי העם וכי מה דברי העם יש כאן אלא מצות הגבלה נאמר לו בו ביום ולקמן מניא לה הכי ולערב אמרה לישראל ולמחרת בד׳ השכים ועלה והגיד שקבלו עליהם מצות הגבלה ונאמר לו מצות פרישה וקדשתם היום ומחר ואע״פ שיש עוד שלשה ימים עד יום השבת הא אמרינן לקמן לרבי יוסי דמשה הוסיף יום אחד מדעתו: היום ומחר. משמע
כה׳

---

אום ראש חודש. אזוי דא מיינט מען ביום הזה אום ראש חודש. אונ אלע האלטען אז דיא תורה איז געגעבין געווארין צו די יודען אום שבת. ווארום דא שטייט זכור את יום השבת לקדשו דוא זאלסט געדיינקין דעם טאג שבת צו הייליגען איהם. אונ דארטין שטייט משה הט גזאגט צום פאלק זכור את היום דוא זאלסט געדיינקין דעם טאג וואס דוא ביסט אין איהם ארויס גיגאנגען פון מצרים. אזוי וויא דארטין איז דאך דער זכור את היום גזאגט געווארין דעם זעלביגען טאג וואס זיי זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים. דעם ערשטין טאג פסח. אזוי איז דער זכור את יום השבת אויך גזאגט געווארין אום שבת: נאר רבי יוסי מיט דיא רבנן קריגען אין וועלכין טאג איז יענם יאהר גיוועזן ראש חודש סיון. רבי יוסי האלט זונטאג איז געווען ראש חודש סיון. אונ זונטאג הט משה גאר ניט גירעט מיט דיא יודען פון דיא תורה ווייל זייא זענען גיוועזן מיד פון וועג. מאנטאג הט משה גזאגט צו דיא יודען דעם פסוק ואתם תהיו לי ממלכת כהנים. דינסטאג הט משה גזאגט צו די יודען זיי זאלען ניט צוא גיין צום בארג: מיטוואך הט משה גזאגט צו די יודען זיי זאלען זיך אפ שיידין פון זייערע ווייבער. אונ דיא רבנן האלטען מאנטאג איז גיוועזן ראש חודש סיון. אונ מאנטאג הט משה גאר ניט גירעט מיט דיא יודען פון די תורה ווייל זיי זענען גיוועזן מיד פון וועג: דינסטאג האט משה גזאגט צו די יודען דעם פסוק ואתם תהיו לי ממלכת כהנים. מיטוואך הט משה גזאגט צו דיא יודען זיי זאלין ניט צו גיין צום בארג. דאנערשטאג האט משה גזאגט צו די יודען זיי זאלען זיך אפ שיידען פון זייערע ווייבער. זאגט די גמרא איך וועל דיך אק שוא פרעגין. עס שטייט אין פסוק גאט הט גזאגט צו משה וקדשתם היום ומחר דוא זאלסט הייליגען דיא יודען היינט אונ מארגין: דס איז אזוי וויא דיא רבנן זאגין מען הט זיי גזאגט דאנערשטאג. זייא זאלען זיך אפ שיידין פון זייערע ווייבער. היינט אונ מארגין. דאנערשטאג אונ פרייטאג. אונ שבת האט מען גיגעבין די תורה. איז דאך אקשיא אוף רבי יוסי. וואס רבי יוסי זאגט מיטוואך הט מען זיי גיהייליגט זייא זאלען זיך אפ שיידין פון זייערע ווייבער. הט מען זיי דאך גיהייליגט אויף דריי טאג. מיטוואך דאנערשטאג פרייטאג. ענפערט די גמרא רבי יוסי וועט דיר זאגען: גאט האט נאר גיהייסען מען זאל זיך אפ שיידין פון די ווייבער צוויי טאג. אונ משה הט צו גיגעבין נאך א טאג. ווארום מיר האבען גילערנט דריי זאכען האט משה גיטאהן מיט זיין דעה. אונ גאט הט איינגעוויליגט צו דיא דריי זאכען. איין זאך איז דא. וואס ער הט צו גיגעבין א טאג. אונ משה אליין הט זיך אפ גישיידט פון זיין ווייב. אונ ער הט צו בראכען די לוחות. זאגט די גמרא וואס הט משה גידרשת ווס ער הט צו גיגעבין א טאג. גאט האט גזאגט מען זאל זיין
הייליג

מיתיבי (שם יט) וקדשתם היום ומחר קשיא לרבי יוסי אמר לך ר"י יום א' הוסיף משה מדעתו דתניא ג' דברים עשה משה מדעתו והסכים הקב"ה עמו הוסיף יום אחד מדעתו ופירש מן האשה ושבר את הלוחות. הוסיף יום אחד מדעתו מאי דרש היום ומחר היום כמחר מה למחר לילו עמו אף היום לילו עמו ולילה דהאידנא נפק ליה ש"מ תרי יומי לבר מהאידנא ומנא לן דהסכים הקב"ה עמו דלא שריא שכינה עד צפרא דשבתא פירש מן האשה מאי דרש נשא ק"ו בעצמו אמר ומה ישראל שלא דברה שכינה עמהם אלא שעה אחת וקבע להם זמן אמרה תורה אל תגשו אל אשה אני שכל שעה ושעה שכינה מדברת עמי ואינו קובע לי זמן על אחת. כמה וכמה. ומנא לן דהסכים הקב"ה על ידו דכתיב (דברים ה) לך אמור להם שובו לכם לאהליכם וכתיב בתריה ואתה פה עמוד עמדי. ואית דאמרי (במדבר יב) פה אל פה אדבר בו. שבר את הלוחות מאי דרש. אמר ומה פסח שהוא אחד מתרי"ג מצות אמרה תורה כל בן נכר לא יאכל בו התורה כולה (כאן) וישראל מומרים עאכ"ו ומנא לן דהסכים הקב"ה ע"י שנאמר אשר

שברת

### פירוש

כו' שאמר לו. לפרוש ה' וו' : אמר לך רבי יוסי . נעולם כד' שאמר לו לפרוש ד' וה' . והוא הוסיף יום אחד והסכים הקב"ה לדעתו : ופירש מן האשה. לגמרי לאחר מתן תורה מיד מתפירש עם חבריו שוב לא חזר לתשמיש : אף היום . צריך להיות לילו עמו והא לא אפשר : וקבע להם זמן . אימתי ידבר עמהם : אמרה תורה והיו נכונים וגו'. פרשו מנשותיכן : ולא קבע לי זמן . לדבורו שאוכל לפרוש קודם לכן : לאהליכם . נסתיר נשותיכם לתשמיש שאסרתן לכם : בן נכר . מומר שנתנכרו מעשיו לאביו שבשמים : התורה כולה . הלויה בלוחות הללו : וישראל מומרים . עאכ"ו שאינם כדי לה : אשר . אישור שאישרו והכתו על שבירתן . ה"ג והיו נכונים ליום השלישי ול"ג היו נכונים לשלשת ימים :

---

היליג היינט און מארגין. האט משה געלערנט אז היינט זאל זיין אזוי וויא מארגין. ביידע טעג זאלין זיין גלייך ; אזוי וויא מארגין וועט זיין די נאכט צום טאג וויא וועלין זיין ביי נאכט אויך היילין אזוי דארף זיין היינט אויך די נאכט צום טאג. און דיא היינטיגע נאכט איז דאך שוין אוועק גינאנגען ניט היליג. איז געוויס אז גאט האט גימיינט צוויי טאג אויסער דעם היינטיגען טאג. און פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט איינגעוויליגט צו משה. ווארום גאט איז ניט גיקומען אויף דעם בארג סיני ביז שבת פריא. פרעגט די גמרא וואס האט משה גידרשת וואס ער האט זיך אפ גישיידט פון זיין ווייב. ענטפערט די גמרא ער האט גילערנט אקל וחומר אויף זיך אליין. ער האט אזוי גזאגט. מאדאך די יודען וואס זייער היילינקייט איז גיוועזן גרינג. ווארום די שכינה האט מיט זיי ניט מער גירעט נאר איין שעה. און מען האט זייא אויס גיזעצט אצייט ווען מען וועט מיט זייא ריידען. פון דעסטוועגין האט די תורה גזאגט צו זייא איר זאלט ניט גינעגען צו קיין ווייב מיט דריי טעג פריער. איך. וואס מיין היילינקייט איז שווערער. ווייל גאט רעט מיט מיר אלע צייטען. און גאט זעצט מיר ניט אויס קיין צייט ווען ער וועט מיט מיר ריידען. איז דאך געוויס אז איך דארף זיין אפ גישייט פון מיין ווייב. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט אויך אזוי גיוואלט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה גיי זאג צו דיא יודען קערט אייך יעדערער צו זיין גיצעלט. צו זיין ווייב. דער נאך האט גאט גזאגט צו משה און דוא זאלסט דא שטיין מיט מיר. דס מיינט מען דוא זאלסט ניט גיין צו דיין ווייב (ועיין בתוספות). און אנדערע זאגען אין פסוק שטייט גאט האט גזאגט צו אהרן און מרים פה אל פה אדבר בו. איך האב אליין גירעט צו משה ער זאל זיין אפ גישיידט פון זיין ווייב (ועיין מהרש"א). פרעגט די גמרא וואס האט משה גידרשת וואס ער האט צו בראכען דיא לוחות. ענטפערט די גמרא. אזוי האט משה גזאגט. מאדאך דער קרבן פסח וואס עס איז איין מצוה פון דיא תרי"ג מצות. האט דיא תורה גזאגט אז דער מענטש וואס איז פרעמד גיווארין צו גאט. ער דינט עבודה זרה. טאר ניט עסין פון איהם. דאס איז דיא גאנצע תורה און דיא יודען זענען פרעמד גיווארין צו גאט. זייא דינען צום עגל. איז דאך געוויס אז איך טאר זיי ניט געבין די תורה. האט ער צו בראכען די לוחות. זאגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז גאט האט אויך אזוי גיוואלט. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט צו משה אשר שברת. האט ריש לקיש גזאגט מען מיינט יישר כחך דוא זאלסט זיין גילויבט ששברת

ווייל

שבת ואמר ר"ל יישר כחך ששברת. ת"ש (שם יט) והיו נכונים ליום השלישי קשיא לרבי יוסי הא אמרינן יום א' הוסיף משה מדעתו:

ו תניא (שמות יט) וישב משה את דברי העם אל ה' וכתיב ויגד משה את דברי העם אל ה' מה אמר ליה הקב"ה למשה ומה אמר משה לישראל ומה אמרו ישראל למשה ומה השיב משה לפני הגבורה זו מצות הגבלה דברי ר' יוסי בר יהודה רבי אומר בתחלה פירש עונשה דכתיב (שם) וישב משה דברים שמשבבין דעתו של אדם ולבסוף פירש מתן שכרה דכתיב ויגד משה דברים שמושכין לבו של אדם כאגדה ואיכא דאמרי בתחלה פירש מתן שכרן דכתיב וישב משה דברים שמשיבין דעתו של אדם ולבסוף פירש עונשה דכתיב ויגד משה דברים שקשין לאדם כגידין ת"ש ששי ששי בחודש ששי בשבת קשיא לרבנן הא נמי ר' יוסי היא

הא אמרי' יום אחד הוסיף. והאי קרא דוהיו נכונים ליום הג' הקב"ה א"ל ומשה א"ל היו נכונים לשלשת ימים ולא אמר ליום השלישי אלא פירשו ג' ימים וקרא דכתיב ויהי ביום השלישי בהיות הבקר שלישי לימים שלמים שלהן עמהם קאמר:
מה אמר הקב"ה למשה. בין וישב משה דעמא ובשוב לויגד משה שיאמר להם לישראל ומה אמרו ישראל למשה על כך שהוצרך משה להגיד למקום והלא לא נאמר בינתים אלא כה תאמר כה וגו':
זו מצות הגבלה. שאע"פ שכתובה אחר מצות פרישה בג' נאמר לו והוצרך להשיב שקבלו עליהם עונשה של תורה: משבבין. כמו ונלך שובב שמושכים מלקבל שאם יקבלו יענשו הדברים הללו משבבין לבם לבם מן המקום ואע"פ כן קבלו עליהם: כגידין. ירק מר: ששי ששי בחדש וכו'. לקמן בעי בשי קמא למאי דהכא ליכא למימר שנה לאותן דברים דבשלמא שלישי דברייתא דלעיל איכא למימר דאיידי בהו דהא כל ג' ימים היה משה מדבר באותן הדברים דע"כ ויגד משה בד' כתיב דברים שקיבלו בג': קשיא לרבנן. דמשמע באחד בשבת איקבע ירחא:

---

ווייל דוא האסט צו בראכען דיא לוחות. זאגט דיא גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגען. עס שטייט אין פסוק נאך האט גזאגט צו משה דיא יודען זאלען זיין אן גיבערייט צו די תורה אויף דעם דריטען טאג. ווען מיר דאך אז מען האט זייא נאר גיהייליגט צוויי טאג. דאנערשטאג אונ פרייטאג. איז דאך אקשיא אויף רבי יוסי. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען דאך שוין גזאגט אז משה האט צוא גיגעבי איין טאג מיט זיין ווילען:

ו תניא. מיר האבען גילערונט אין איין פסוק שטייט וישב משה את דברי העם אל ה'. משה האט צוריק גיקערט די רייד פון פאלק צו גאט. נאך איין פסוק שטייט ויגד משה את דברי העם אל ה' משה האט גזאגט די רייד פון פאלק צו גאט: וואס האט דען גאט גזאגט צוא משה. אונ וואס האט משה גזאגט צו די יודען. אונ וואס האבען דיא יודען גזאגט צו משה. אונ וואס האט משה גיענטפערט צו גאט. דס איז דיא מצוה פון בגרענעצין דעם בארג. די יודען זאלען נים גיין צום בארג סיני. אזוי זאגט רבי יוסי בר יהודה. רבי זאגט אין אנהייב האט גאט גזאגט דעם שטראף וואס זייא וועלין האבען אז זייא וועלין נים היטען דיא תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק וישב משה. וישב איז טייטש ווילד: משה האט גזאגט צו דיא יודען אזעלכע רייד וואס זייא מאכען ווילד דעם שכל פון מענטשין. דער מענטש זאל נים וועלען נעמען אויף זיך אזעלכע זאכען. דער נאך האט גאט גזאגט דעם שכר וואס זייא וועלין האבען אז זיי וועלין היטען דיא תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק ויגד משה. ויגד איז טייטש ציהען. משה האט גזאגט צו דיא יודען אזעלכע רייד וואס זייא ציהען די הארץ פון מענטשין אזוי וויא צוא אדערציילונג. אונ אנדערע זאגען פאר קערט איז גיוועזן אין אנהייב האט גאט גזאגט דעם שכר וואס זייא וועלין האבען אז זייא וועלין היטען די תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק וישב משה. וישב איז טייטש ברוהיגען: משה האט גזאגט צו דיא יודען אזעלכע רייד וואס זייא ברוהיגען דעם שכל פון מענטשין. דער נאך האט גאט גזאגט דעם שטראף וואס זייא וועלין האבען אויב זייא וועלין נים היטען דיא תורה. ווארום עס שטייט אין פסוק ויגד משה. משה האט גזאגט צו די יודען אזעלכע רייד וואס זענען שלעכט אונ ביטער אזוי וויא ביטערע גראז. זאגט דיא גמרא תא שמע איך וועל דיך אקשיא פרעגען ששי דער זעקסטער. דער זעקסטער טאג אין חודש אונ דער זעקסטער טאג אין וואך. איז דאך אקשיא אויף דיא רבנן. זייא זאגען מאנטאג איז גיווען ראש חודש סיון. איז דאך דער זעקסטער טאג אין חודש שבת נים פרייטאג. ענטפערט דיא גמרא

היא ששי למאי רבא אמר לחנייתן רב אחא בר יעקב אמר למסעו וקא מיפלגי בשבת דמרה דכתיב (דברים ה) כאשר צוך ה' אלהיך ואמר רב יהודה א"ר כאשר צוך במרה מר סבר אשבת איפקוד אתחומין לא איפקוד ומר סבר אתחומין נמי איפקוד:

(ע"ב) ז תא שמע ניסן שבו יצאו ישראל ממצרים בי"ד שחטו פסחיהם ובט"ו יצאו ולערב לקו בכורים לערב ס"ד אלא מבערב לקו בכורות ואותו היום ה' בשבת היה. מדחמיסר בניסן ה' בשבת ריש ירחא דאייר שבתא וריש ירחא דסיון חד בשבת קשיא לרבנן. אמרי לך רבנן אייר דההיא שתא עבורי עברוה. ת"ש (שמות מ) ויהי בחדש הראשון בשנה השנית באחד לחדש הוקם המשכן תנא אותו היום נטל י' עטרות.

לחנייתן. בהדי בר"ח חנו וה"ק ששי לחנייתן הוא ששי בחודש הוא ששי בשבת: למסען. אף למסען שביום שבאו למדבר סיני נסעו מרפידים: וקמיפלגי. רב אחא ורבא במצות שבת שנאמר להם במרה אם נצטוו על התחומין בו ביום או לא דכתיב בדברות האחרונות שמור את יום השבת לקדשו כאשר צוך ש"מ קודם הדברות נצטוו בה ואמר רב יהודה במרה דכתיב שם שם לו חק ומשפט: אתחומין לא איפקוד. הלכך כשנסעו מרפידים נסעו בשבת שלא הוזהרו לילך יותר מאלפים אמה: לערב. משמע לערב הבא: ריש ירחא דאייר שבתא. דהדי ניסן מלא הוא לעולם וריש ירחא דסיון בחד בשבת: עשרה עטרות. ראשון למעשה דברים ראשון לבריאת עולם שאחד בשבת

דס זאגט טאקי רבי יוסי (וואס ער זאגט זונטאג איז גיוועזן ראש חודש סיון). פרעגט דיא גמרא אין דער ברייתא שטייט דער זעקסטער. צו וועלכע זאך איז ער דער זעקסטער. רבא זאגט ער איז דער זעקסטער צו זייער רוהונג. (ראש חודש סיון זונטאג) האבען די יודען זיך גישטעלט רוהען. ווייל דעם גאנצען טאג שבת האבען זייא גיצויגען פון רפידים ביז זונטאג). רב אחא בר יעקב זאגט, דס איז דער זעקסטער פון זייער ציהונג. ווארום זייא האבען גיצויגען זונטאג פון רפידים צום בארג סיני. אונ דאס איז דער זעקסטער טאג פון זייער רוהונג אויך. ווארום דעם זעלביגען טאג האבען זייא זיך גישטעלט רוהען. אונ רבא מיט רב אחא בר יעקב קריגען אין דעם שבת פון מרה. ווארום עס שטייט אין פסוק אין דיא עשרת הדברות דוא זאלסט היטען שבת אזוי וויא גאט האט דיך גיבאטען. זעהען מיר אז גאט האט גיבאטען אויף שבת נאך פאר דיא עשרת הדברות. האט רב יהודה גיזאגט פון רב'ס וועגין ווען דיא יודען זענען גיוועזן אין מרה האט גאט גיבאטען אויף שבת. רבא האלט גאט האט נאר גיבאטען אין מרה אויף שבת מען זאל ניט ארבעטין אום שבת. אבער ער האט ניט גיבאטען מען זאל ניט גיין אין וועג מער וויא צווייא טויזענד איילין אום שבת. דריבער זענען דיא יודען גיגאנגען אום שבת פון רפידים צום בארג סיני. אונ רב אחא האלט גאט האט גיבאטען אין מרה מען זאל ניט גיין אום שבת אין וועג מער צוויי טויזענד איילין. דריבער זענען דיא יודען גיגאנגען זונטאג פון רפידים צום בארג סיני:

ז תא שמע. איך וועל דיך אקשיא פרעגין. מיר האבען גילערנט דער חודש ניסן וואס דיא יודען זענען אין איהם ארויס גיגאנגען פון מצרים. איז אזוי גיוועזן דעם פערצעהנטין טאג אין ניסן האבען זייא גישאכטען זייערע קרבנות פסחים. אונ דעם פופצעהנטין טאג זענען זייא ארויס גיגאנגען פון מצרים: אונ צוא דער נאכט הט מען גישלאגען דיא בכורים. פרעגט דיא גמרא. צו דער נאכט מיינט מען. צו דער נאכט ווס וועט זיין נאך דעם פופצעהנטין טאג. וויא אזוי קען דאס זיין. נאר אזוי זאג: פון דער נאכט וואס איז גיוועזן פאר דעם פופצעהנטין טאג הט מען גישלאגין די בכורים. אונ דער טאג איז גיוועזן דאנערשטאג. אונ אז דער פופצעהנטער טאג אין ניסן איז גיוועזן דאנערשטאג. איז גיוועזן ראש חודש אייר. שבת. אונ ראש חודש סיון איז גיוועזן זונטאג. איז דאך אקשיא אויף די רבנן וואס זייא זאגין אז ראש חודש סיון איז גיוועזן מאנטאג. ענטפערט די גמרא די רבנן וועלין דיר זאגען. דר חודש אייר פון דעם יאהר איז גיוועזן דרייסיג טעג. איז גיוועזן ראש חודש סיון מאנטאג. זאגט די גמרא איך וועל דיר אקשיא פרעגין. עס שטייט אין פסוק עס איז גיוועזן דעם ערשטין חודש (ניסן) דעם אנדערין יאהר (וויא די יודען זענען ארויס גיגאנגען פון מצרים) דעם ערשטין

ראשון למעשה בראשית . ראשון לנשיאים . ראשון לכהונה . ראשון לעבודה . ראשון לירידת האש . ראשון לאכילת קדשים . ראשוו לשכון שכינה . ראשון לברך את ישראל . ראשון לאיסור הבמות . ראשון לחדשים . ומדריש ירחא דניסן דהאי שתא חד בשבתא דאשתכר ד' בשבא דתניא אחרים אומרים אין בין עצרת לעצרת ואין בין ראש השנה לר"ה אלא ד' ימים בלבד ואם היתה שנה מעוברת ה' . ה"ל ריש ירחא דאייר מעלי שבתא וריש ירחא דסיון שבתא . קשיא בין לרבי יוסי בין

היה : ראשון לנשיאים . להקרבת נשיאים יחידה היה : ראשון לכהונה . אותו היום שמיני למילואים ועבודתו באהרן ובניו ועד עכשיו היה בבכורות : ראשון לעבודה . לסדר עבודת צבור תמידין ויתר קרבנות של תרומת הלשכה : לירידת אש . ותצא אש מלפני ה' ותאכל על המזבח וגו' : לאכילת קדשים . במחיצה ועד עכשיו היו נאכלין בכל מקום : לשכון בישראל . שנאמר שרתה בה כדכתיב ושכנתי בתוכם מכלל דעד השתא לא שרתה וכן לברך ברכת כהנים כדכתיב וישא אהרן את ידיו וגו' : לאיסור הבמות . מעכשיו נאסרו שהוא ראוי לפתח אהל מועד כדכתיב ואל פתח אהל מועד לא הביאו : דהאי שתא . שנה שנ' ליציאתם הוקם המשכן : ד' ימים . כשאתה קובע כל החדשים כסדרן אחד מלא ואחד חסר אין ד' ימים בין התלת שנה לחבירו אתרת שמנין חדשי השנה (לבנה) כסדרן שנ"ד ימים כלם שבועים חוץ מד' ימים : ואם היתה שנה מעוברת ה' . דקסבר כל החדשים שבינין חסרין ופסח דמוי יום אחד לקמיה : ז' חסרין שבוד . ולא היו אלא ג' בין פסח לפסח הילכך דאישתכר בכ' בשבת

---

טאג אין ת'דש איז אויף געשטעלט געווארן דער משכן . און מיר האבען געהערט דער טאג האט גענומען צעהן קרוינען . וצעהן גרויסע זאכען איז געטאהן געווארן אין דעם טאג . דאס איז זונטאג) . ער איז געוועזן דער ערשטער פון די וועלט בשאפונג זונטאג האט מען אן געהויבען בשאפען די וועלט . ער איז געוועזן דער ערשטער צו די נשיאים . זונטאג האבען די נשיאים אן געהויבען צו ברייגען זייערע קרבנות . ער איז געוועזן דער ערשטער צו די כהנים . זונטאג האבען די כהנים אן געהויבען מקריב צו זיין קרבנות אין משכן . ער איז געוועזן דער ערשטער צו די עבודה . זונטאג האט מען אן געהויבען מקריב צו זיין קרבנות פאר אלע יודינם וועגין . (דס מיינט מען די תמידים) . ער איז געוועזן דער ערשטער צום פייער אראפ נידערונג . זונטאג האט אראפ גענידערט דם ערשטע מאהל דער פייאר פון הימעל אויף דעם מזבח צום פאר ברענען די קרבנות . ער איז געוועזן דער ערשטער צום עסין קרבנות . זונטאג האבען אן געהויבען די כהנים דם ערשטע מאהל צו עסין קרבנות . ער איז געוועזן דער ערשטער צום רוהען די שכינה . זונטאג האט אן געהויבען דם ערשטע מאהל די שכינה צו רוהען אויף די יודען . ער איז געוועזן דער ערשטער צו בענטשין די יודען . זונטאג האבען די כהנים אן געהויבען דם ערשטע מאהל צוא בענטשין די יודען (מיט די פסוקים יברכך) . ער איז געוועזן דער ערשטער צו אסרין די במות . זונטאג איז געוועזן דם ערשטע מאהל ווא עס איז אסור געווארן מקריב צו זיין קרבנות אויף אבמה . ער איז געוועזן דער ערשטער צו חדשים . דער ערשטער ראש חודש איז געוועזן זונטאג . או ראש חודש ניסן פון דעם יאהר איז געוועזן זונטאג . איז געוועזן פאר אהין ראש חודש ניסן מיטוואך . ווארום מיר האבען געלערנט אנדערע זאגען פון איין שבועות אונ פון איין ראש השנה צום אנדערין שבועות צום אנדערין ראש השנה . איז דער ווייטערט מיט פיר טעג . און אויב דער יאהר איז געוועזן מעוברת (צוויי מאהל אדר) איז דער ווייטערט מיט פינף טעג ולמשל אז דער שבועות אדער דער ראש השנה איז געוועזן מיטוואך . וועט זיין איבער איאהר שבועות אדער ראש השנה זונטאג . און אויב דער יאהר וועט זיין צווייי מאהל אדר . וועט זיך דער ווייטערין נאך אטאג שפעטער . וועט זיין מאנטאג) . איז דאך געוועזן פאר איאהרין ראש חודש אייר פרייטאג . און ראש חודש סיון איז געוועזן שבת . איז דאך אקשיא אויף רבי יוסי . וואס ער זאגט ראש חודש סיון איז געוועזן זונטאג . און עס איז אקשיא אויף די רבנן וואס זייא זאגען ראש חודש סיון איז געוועזן מאנטאג . ענטפערט די גמרא רבי יוסי וועט זאגין אז דעם יאהר האט מען געמאכט זיבען חדשים צו זיין אונ צוואנציג טעג . דאט זיך דער ווייטערט היינטיגער פסח פון פר איאהרין פסח נאר מיט דריי טעג . אז דער ערשטער טאג פסח איז געוועזן זונטאג . איז געוועזן פר איאהרין דער ערשטער טאג פסח דאנערשטאג : איז געוועזן ראש חודש אייר פרייטאג און שבת

בין לרבנן . לרבי יוסי ז' חסרין עבוד . לרבנן ח' חסרין עבוד :

(דף פח) **ח דרש** ההוא גלילאה עליה דרב חסדא בריך רחמנא דיהב אוריין תליתאי לעם תליתאי ע"י תליתאי ביום תליתאי בירחא תליתאי . כמאן כרבנן . (שמות יט) ויתיצבו בתחתית ההר אמר רבי אבדימי בר חמא (חסא) מלמד שכפה הקב"ה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם . א"ר אחא בר יעקב מכאן מודעא רבה לאורייתא אמר רבא אע"פ כן הדור קבלוה בימי אחשורוש דכתיב (אסתר ט) קימו וקבלו היהודים קימו מה שקבלו כבר :

**ט אמר** חזקיה מאי דכתיב (תהלים עו) משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה . אם יראה למה שקטה .

ואם

דשבתא ולית ליה דאמרי אין מעברין ואין מחסרין שום חודש לצורך אלא לעולם אחד מלא אחד חסר : לרבנן ח' חסרים עביד . ולא היו בין פסח דאשתקד לפסח דהאידנא אלא בני ימים ונמצא דאשתקד בע"ש :

עליה דרב חסדא . לפני רב חסדא לפי שרב חסדא יושב והדרשן עומד קאמר עליה דדומה כמי שעומד למעלה מן היושב : אוריין תליתאי . תורה נביאים וכתובים : לעם תליתאי . כהנים לוים וישראלים : ע"י תליתאי . (משה) תליתאי לבית: מרים אהרן ומשה : ביום תליתאי . לפרישה : בתחתית ההר . תחת ההר ממש : גיגית . קובא (קובה) שמטילין בה שכר : מודעא רבה . שאם יזמינם לדין למה לא קיימתם מה שקבלתם עליכם יש להם תשובה שקבלוה באונס : בימי אחשורוש . מאהבת הנס שנעשה להם :

בתחלה . קודם שאמרו ישראל נעשה ונשמע: יראה . שמא לא יקבלום ויחזיר העולם לתוהו ובהו

---

און ראש חודש סיון זונטאג . און דיא רבנן זאגין דעם יאהר האט מען גימאכט אכט חדשים צו נין און צוואנציג טעג . האט זיך דער ווייטערט הינטיגער פסח פון פר איהרין פסח נאר מיט צווייא טעג . אז דער ערשטער טאג פסח איז גיוועזן זונטאג . איז גיוועזן פר איאהרין דער ערשטער טאג פסח פרייטאג . איז גיוועזן ראש חודש אייר שבת און זונטאג . און ראש חודש סיון מאנטאג :

**ח** דרש . איינער פון גליל האט גידרשנט פר רב חסדא . גילויבט איז גאט וואס ער האט גיגעבין אגעדריטעלטע תורה (תורה נביאים כתובים) . צוא אגעדריטעלטע פאלק (כהנים לוים ישראלים) . דורך אגעדריטעלטען מענטש וואס ער איז גיבארין גיוואָרין דער דריטער . (מרים אהרן משה) . אין אגעדריטעלטין טאג (דעם דריטען טאג פון זייער אפ שיידונג פון זייערע ווייבער) . און אגעדריטעלטין חודש (ניסן אייר סיון) דאס איז אזוי וויא דיא רבנן וואס זייא זאגען דיא יודען האבען זיך אן גיהויבען אפ צו שיידען פון זייערע ווייבער דאנערשטאג . און שבת איז גיגעבין גיוואָרין דיא תורה . איז דעם דער דריטער טאג פון זייער אפ שיידונג . אין פסוק שטייט די יודען האבען זיך גישטעלט אונטער דעם בארג . האט רבי אבדימי בר חמא גזאגט דער פסוק לערונט אונז אז גאט האט אריבער גידעקט דעם בארג איבער די יודען אזוי ווי אפאס . און ער האט גזאגט צו זייא אויב איר וועט נעמען דיא תורה איז גוט . און אויב ניט וועט איר בגראבען ווערין אונטער דעם בארג . רב אחא בר יעקב זאגט פון דאנען קענען מיר חרטה האבען פון דער תורה : ווייל מען האט אונז גינייט . רבא זאגט פון דעסטוועגין האבען דיא יודען אן גינומען דיא תורה מיט זייער גוטען ווילען אין דיא צייטען פון אחשורוש . ווארום עס שטייט אין פסוק קימו וקבלו היהודים דיא יודען האבען מקיים גיוועזן וואס זייא האבען שוין לאנג אן גינומען :

**ט** אמר חזקיה . חזקיה האט גזאגט וואס מיינט דער פסוק משמים השמעת דין ארץ יראה ושקטה פון הימעל האסטו גימאכט הערין די תורה האט דיא ערד מורא גיהאט און איז שטיל גיוועזן . אויב זיא האט מורא גיהאט פר וואס איז זיא שטיל גיוועזן . און אויב זיא איז שטיל גיוועזן פר וואס האט זיא מורא גיהאט . נאר אין אנהייב איידער דיא יודען האבען גזאגט נעשה ונשמע (מיר וועלין טאהן וואס גאט הייסט און מיר וועלין הערין) . האט דיא ערד מורא גיהאט . דער נאך אז דיא יודען האבען אן גינומען די תורה איז דיא ערד שטיל גיוואָרין . פרעגט דיא גמרא וואס האט די ערד מורא גיהאט אז די יודען וועלין ניט נעמען די תורה . זאגט די גמרא

אזוי

ואם שקטה למה יראה. אלא בתחלה יראה ולבסוף שקטה. ולמה יראה כדריש לקיש דאמר ר"ל מאי דכתיב (בראשית א) ויהי ערב ויהי בקר יום הששי ה"א יתירה למה לי מלמד שהתנה הקב"ה עם מעשה בראשית ואמר להם אם ישראל מקבלין את התורה אתם מתקיימין ואם לאו אני מחזיר אתכם לתוהו ובוהו:

ז דרש ר' סימאי בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע באו ששים רבוא של מלאכי השרת לכל אחד ואחד מישראל וקשרו לו ב' כתרים אחד כנגד נעשה ואחד כנגד נשמע וכיון שחטאו ישראל ירדו ק"כ רבוא מלאכי חבלה ופרקום שנאמר (שמות לג) ויתנצלו בני ישראל את עדים מהר חורב א"ר חמא בר חנינא בחורב טענו ובחורב פרקו בחורב טענו כדאמרינן בחורב פרקו דכתיב ויתנצלו בני ישראל וגו' א"ר יוחנן וכולן זכה משה ונטלן דסמיך ליה ומשה יקח את האהל אמר ר"ל ועתיד הקב"ה להחזירן לנו שנאמר (ישעיה לה) ופדויי ה' ישובון ובאו ציון ברנה ושמחת עולם על ראשם (ששון ושמחה ישיגו ונסו יגון ואנחה) שמחה שמעולם על ראשם. אמר ר"א בשעה שהקדימו ישראל. נעשה

כדר"ל: ולבסוף. כשקבלוה: יום הששי. מאי שנא דכתיב ה' ביום גמר מעשה בראשית: מלמד שהתנה כו'. הששי משמע הששי המיוחד במקום אחר כדאמרינן בעלמא סירכן המיוחדת שבידך אף כאן ויהי ערב ויהי בקר של גמר בראשית תלוי ביום הששי ומאי ניהו ו' בסיון שנתנה בו תורה מרבויה דה' דרשינן נמי הא:

שני כתרים. מזיו השכינה: ק"כ. לכל אחד שנים כתרו: טענו. הכתרים והכי משמע את עדים שהיו להם מהר חורב: בחורב פרקו. דמשמע נמי ויתנצלו את עדים מהר חורב: ומשה יקח. אותו עדי: ל"א את האהל לשון נוי כמו ואנוהו.

---

אזוי וויא ריש לקיש האט געזאגט. ווארום ריש לקיש האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק ויהי ערב ויהי בקר יום הששי. פאר וואס שטייט ניט יום ששי. איז דאך דער ה איבעריג. נאר דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט געזאגט צו דיא אלע זאכען וואס זענען בשאפען געווארין אין דיא ערשטע זעקס טעג. אויב דיא יודען וועלין נעמען דיא תורה וועט איר בלייבען אויף דער וועלט. אונ אויב דיא יודען וועלען ניט נעמען דיא תורה וועט איר אלע ווערין וויסט. ודער ווארט הששי ווערט צו טייטש. ה איז פינף. דיא פינף ספרים פון דיא תורה. ששי מיינט מען דעם זעקסטין טאג אין סיון. אויב דיא יודען וועלין נעמען דיא פינף ספרים פון דיא תורה. דעם זעקסטין טאג אין סיון. וועט דיא וועלט בלייבען שטיין: דאס האט דיא ערד מורא גיהאט טאמער וועלין די יודען ניט נעמען די תורה. וועט די וועלט ווערין וויסט:

ז דרש. רבי סימאי האט גידרשת ווען דיא יודען האבען געזאגט נעשה פאר נשמע. זענען גיקומען זעקס מאהל הונדערט טויזענד מלאכים. אונ זייא האבען אן גיבונדען צו יעדער יוד צווייא קרוינען. איין קרוין פאר וואס ער האט געזאגט נעשה מיר וועלען טאהן וואס גאט הייסט. אונ איין קרוין פר וואס ער הט געזאגט נשמע מיר וועלען הערין וואס גאט וועט זאגען. אונ אז דיא יודען האבען געזינדיגט זענען אראפ גיקומען צוועלף מאהל הונדערט טויזענד שלעכטע מלאכים אונ האבען צו גענומען דיא קרוינען. יעדער מלאך האט גענומען איין קרוין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיא יודען האבען אראפ גענומען פון זיך זייער צירונג פון הר חורב. האט רב חמא בר חנינא געזאגט ביי דעם בארג סיני האבען זייא אן גיטאהן דיא צירונג (דיא צווייא קרוינען) אונ ביי דעם בארג סיני האבען זייא אויס גיטאהן דיא צירונג (דיא צווייא קרוינען). רבי יוחנן הט געזאגט משה הט זוכה גיוועזן אונ הט צו גענומען אלע קרוינען. ווארום עס שטייט אין פסוק אונ משה זאל נעמען דעם אהל. אהל איז טייטש בלייכטונג. פון דיא קרוינען האט גילויכטען דער פנים פון משה. ריש לקיש זאגט אז משיח וועט קומען וועט גאט אונז צוריק געבין דיא קרוינען. ווארום עס שטייט אין פסוק דיא מענטשין וואס גאט וועט זייא אויס לייזין פון גלות וועלין צוריק גיין אין ארץ ישראל. אונ זייא וועלין קומען אין ציון מיט גיזאנג ושמחת עולם על ראשם אונ די שמחה וואס זיי האבען אמאהל גיהאט וועט צוריק זיין אויף זייער קאפ. רבי אלעזר זאגט ווען די יודען האבען געזאגט נעשה ונשמע. פריער נעשה מיר וועלן טאן דך נאך נשמע. מיר וועלן הערין איז ארויס געגאנגען אקול פון הימל אונ הט געזאגט צו זיי.

ווער

נעשה לנשמע יצתה בת קול ואמרה להם מי גילה לבני רז זה שמה"ש משתמשין בו דכתיב (תהלים קג) ברכו ה' מלאכיו גבורי כח עושי דברו לשמוע בקול דברו ברישא עושי והדר לשמוע:

**יא אמר** רבי חמא ברבי חנינא מ"ד (שיר ב) כתפוח בעצי היער וגו' למה נמשלו ישראל לתפוח לומר לך מה תפוח זה פריו קודם לעליו אף ישראל הקדימו נעשה לנשמע. ההוא מינא דחזייה לרבא דקא מעיין בשמעתא ויתבא אצבעתא דידיה תותי כרעיה וקמייץ בהו וקא מבען אצבעתיה דמא א"ל עמא (פחיזא) [פזיזא] דקדמיתו פומיכו לאודנייכו אכתי בפחזותייכו קיימיתו ברישא איבעי לכו למשמע אי מציתו קבליתו ואי לא לא קבליתו. א"ל אנן דסגינן בשלמותא כתיב בן (משלי יא) תומת ישרים תנחם. הנך אינשי דסגן בעלילותא כתיב בהו (שם) וסלף בוגדים ישדם:

(נ"ב) **יב אמר** רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן מאי דכתיב (שיר ד) לבבתני אחותי כלה לבבתני באחת מעיניך בתחלה באחת מעיניך לכשתעשי בשתי עיניך אמר עולא עלובה כלה מזנה בתוך

פירוש

ביה קיון עור פניו: עושי דברו במוש. מוכנים לעשות קודם שישמעו ולא כדרך שאר עבדים שבומעין, שתלה את הדבר לידע אם יכולין לקבל עליהם אם לאו:

פריו קודם לעליו. כך דרכו והלוק משאר אילנות הגפת פירותיו קודם לעליו: אצבעתא דידיה. אצבעות ידיו: וקא מיין בהו. והיה ממעכן ברגליו ואינו מבין מתוך טרדא: עמא פזיזא. נמהר: דקדמיתו פומייכו לאודנייכו. קודם בשמעתם אותה היאך היא קשה ואם תוכלו לעמוד בה קבלתם עליכם לקיימה: דסגיק בשלמותא. בהתהלכנו עמו בתום לב כדרך העושים מאהבה סמכנו עליו שלא יטעננו בדבר שלא נוכל לעמוד בה:

בתחלה. בקבלה שקבלתם אחת היא אצלכם ולבסוף כבקיימתם שתים יה: לבבתני. קרבתני: עלובה. חציפה דעולבנא ליטנא דחוצפא (הלא) [סיא] וכדי אמרינן במסכת גיטין: מזנה בתוך

---

ווער האט געזאגט צו מיינע קינדער דעם סוד. (די בעהאלטענע זאך) וואס די מלאכים ניצען מיט דעם סוד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק לויבט גאט איהר מלאכים וואס איהר זענט שטארק מיט כח. זיי טוהען די רייד פון גאט צוא הערין דעם קול פון זיינע רייד. פריער צו טאהן דער נאך צו הערין:

**יא** אמר. רבי חמא ברבי חנינא האט געזאגט. וואס מיינט דער פסוק אזוי ווי דער עפיל ביים צווישען די ביימער פון וואלד. צו וואס זענען די יודען געגליכען געווארין צו אעפיל בוים. צו זאגען דיר. אזוי ווי אעפיל בוים בריהען די פירות פאר די בלעטער. אזוי האבען די יודען געזאגט נעשה פאר נשמע. אאפיקורוס האט געזעהן וויא רבא קלערט אין אדין. אונ ער האלט דעם פינגער פון זיין האנט אונטער זיין פוס. אונ ער רייבט דיא פוס אויף דעם פינגער. אונ פון פינגער רינט בלוט. אונ רבא ווייס גאר ניט. האט דער אפיקורוס געזאגט צוא רבא איהר יעצט אאיבערגייליכטע פאלק. איהר האט געזאגט מיט אייער מויל פריער ווי אייערע אויערין האבען געהערט ואיהר האט געזאגט מיר וועלין טאהן. איידער איהר האט געהערט וואס איהר זאלט טאהן. טאמער וועט איהר גאר ניט קענען טאהן. אונ איהר זענט נאך היינט אויך איבערגייליכט. פריער האט איהר געדארפט הערין. אויב איהר וועט קענען נעמען דיא תורה זאלט איהר געמען. אונ אויב איהר וועט ניט קענען נעמען. זאלט איהר ניט נעמען. האט רבא געזאגט צום אפיקורוס וייל מיר גייען מיט גאנצקייט אונ מיר האבען אונז פאר לאזין אויף גאט אז ער וועט אונז ניט געבין אזוי אזאך וואס מיר וועלין ניט קענען טאהן שטייט ביי אונז די גאנצקייט פון דיא פרומע וועט זייא פירען. אבער די מענטשין וואס גייען מיט בלבולים שטייט ביי זייא די פאר קריטונג פון די פאלשע ברויבט זיי:

**יב** אמר. רבי שמואל בר נחמני האט געזאגט פון רבי יונתן'ס וועגין וואס מיינט דער פסוק דוא האסט מיך בעהארצט מיין שוועסטער די כלה. דוא האסט מיך בעהארצט מיט איינע פון דיינע אויגען. אין אנהייב ווען דו האסט נאר גענומען די תורה. האסט דוא אויף מיר גיקוקט מיט איין אויג. אז דו וועסט מקיים זיין דיא תורה וועסטו אויף מיר קוקען מיט ביידע אויגען. עולא זאגט ווי פאר שעמט איז די כלה אז זי איז מזנה אונטער די חופה ווען דיא יודען

בתוך חופתה. אמר רב מרי בריה דבת שמואל מאי קראה עד שהמלך במסבו וגו' אמר (רב) [רבא] ועדיין חביבותא היא גבן דכתיב (כס) נתן ולא כתיב הסריח:

יג תנו רבנן הנעלבים ואינם עולבים שומעים חרפתם ואינם משיבים עושים מאהבה ושמחים ביסורים עליהם הכתוב אומר (שופטים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו. אמר רבי יוחנן מאי דכתיב (תהלים סח) ה' יתן אומר המבשרות צבא רב כל דבור ודבור שיצא מפי הגבורה נחלק לשבעים לשונות. תנא דבי רבי ישמעאל (ירמיה כג) וכפטיש יפוצץ סלע מה פטיש זה נחלק לכמה ניצוצות אף כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה נחלק לשבעים לשונות. אמר רב חננאל בר פפא מאי דכתיב (משלי ח) שמעו כי נגידים אדבר למה נמשלו דברי תורה כנגיד לומר לך מה נגיד זה יש בו להמית ולהחיות אף דברי תורה יש בו להמית ולהחיות והיינו דאמר רבא למיימינים בה סמא דחיי למשמאילים בה

סמא

חופתה. ישראל כשעמדו בסיני עשו העגל: במסבו. בחופתו: נתן. עזב ריחו הטוב לאחרים: ועדיין חביבותא היא גבן. דאף על פי שהמקרא מספר בגנותנו כראה לנו לשון חבה מדלא כתיב הסריח: (לכשתעשו וכו'. נ"ל שיש לאדם ראשון תוריה וראייה בכלית וכן הן כב' עיניו בתחלת שיש לכך שלא באתה מעיניך דיינו ראייה בכלית שאמרה נעשה ונשמע ולכשתקיים והעשי יהיה לכך באם שמי בב' עיניה גם בראיה חוזית שמפל בו לבון עשיה. מהרש"א):

הנעלבים ואינן עולבים. אחרים באים עליהם בחוצפה ולא הם על אחרים: עושים מאהבה. המקום: ושמחים ביסורין. על עליהם הבאה עליהם: צבא רב. כל העובדי כוכבים: מה פטיש. מתחלק הסלע על ידו לכמה ניצוצות: למיימינים. עוסקים בכל כחם ומודים לדעת סודה כאדם המשתמש ביד ימינו שהיא עיקר:

זענען נאך געשטאנען ביי דעם בארג סיני האבען זיי שוין געמאכט דעם עגל. רב מרי דער זוהן פון שמואלס טאכטער האט געזאגט וואו שטייט דאס אין פסוק. עד שהמלך במסבו ווען דער מלך (הקדוש ברוך הוא) איז נאך געווען אונטער זיין חופה. האט מיין בשמים אוועק געגעבען זיין גוטען ריח. האט רבא געזאגט דאס איז נאך ביי אונז א ליבשאפט. ווארום עס שטייט ער האט אוועק געגעבען זיין ריח. אונ עס שטייט ניט ער איז פער שטונקען געווארין:

יג תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט דיא מענטשין וואס ווערין פאר שעמט פון אנדערע וואס פער שעמען זייא אונ זייא פער שעמען ניט קיין אנדערין. זייא הערין זייער חרפה אונ ענטפערין ניט צוריק. אפילו זיי קענען יענעם אויך זאגין זיין חרפה. אונ זייא שווייגען אונ זאגען ניט. אונ זיי דינען גאט ווייל זייא האבען איהם ליב. אונ אז גאט שיקט אויף זייא יסורים. פרייען זיי זיך. ווייל זייא גלויבען אז גאט שטראפט זייא אויף דיא וועלט. זייא זאלען האבען מער שכר אויף עולם הבא. אויף די מענטשין זאגט דער פסוק. די מענטשין וואס האבען ליב גאט וועלין לייכטען אזוי וויא דיא זונה לייכט ווען זיא גייט ארויס מיט איר שטארקייט. רבי יוחנן האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק גאט האט געגעבען א זאג וואס דאס האט אן געזאגט פיל פאלק. יעדער ווארט וואס איז ארויס געגאנגען פון גאטס מויל איז צוא טיילט געווארין אויף זיבעציג שפראכין. אלע זיבעציג פעלקער זאלען הערין אונ וויסען וואס גאט האט געזאגט. די תלמידים פון רבי ישמעאל האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק אזוי וויא דער האמער צוא קלאפט דעם שטיין. אזוי וויא דער האמער צוא קלאפט דעם שטיין אויף זייער פיל קליינע שטיקלאך. אזוי יעדער ווארט וואס איז ארויס געגאנגען פון גאט איז צוא טיילט געווארין אויף זיבעציג שפראכין. רב חננאל בר פפא האט געזאגט וואס מיינט דער פסוק שמעו כי נגידים אדבר. איר זאלט הערין ווארום איך וועל ריידען נגידים. פאר וואס איז געגליכען די רייד פון דיא תורה צו נגידים (צו פרנסים). צו זאגען דיר. אזוי וויא דער נגיד (דער מלך) קען הרגענען מענטשין אונ קען איהם לאזין לעבין. אזוי זענען די רייד פון די תורה. זייא קענען הרגענען מענטשין אונ קענען איהם לעבעדיג מאכען. דס איז דאס זעלביגע וואס רבא האט געזאגט די מענטשין וואס די תורה איז ביי זייא דער עיקר אזוי וויא דיא רעכטע האנט ביי דעם מענטשין. איז די תורה צו זייא א סם פון לעבין. אונ דיא מענטשין וואס דיא תורה איז ניט ביי זייא דער עיקר. נאר זיא איז ביי זיי אזוי וויא די לינקע האנט ביי דעם מענטשין. איז דיא תורה

סמא דמותא. דבר אחר נגידים כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה קושרים לו שני כתרים. אמר רבי יהושע בן לוי מ"ד (שיר א) צרור המור דודי לי בין שדי ילין אמרה כנסת ישראל לפני הקב"ה רבש"ע אע"פ שמיצר ומימר לי דודי בין שדי ילין. (שם) אשכול הכפר דודי לי בכרמי עין גדי מי שהכל שלו מכפר לי על עון גדי שכרמתי לי מאי משמע דהאי כרמי לישנא דמיכנש הוא אמר מר זוטרא בריה דרב נחמן כדתנן כסא של כובס שכורמין עליו את הכלים. ואמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שם ה) לחייו כערוגת הבשם כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה נתמלא כל העולם כולו בשמים וכיון שמדבור ראשון נתמלא דבור שני להיכן הלך הוציא הקדוש ב"ה רוח מאוצרותיו והיה מעביר ראשון ראשון שנאמר (שם) שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר אל תקרי שושנים אלא ששונים. ואמר רבי יב"ל כל דבור ודבור שיצא מפי הקדוש ב"ה יצתה נשמתן של ישראל שנאמר (שם) נפשי יצאה בדברו. ומאחר שמדבור ראשון יצאת נשמתן דבור שני היאך קבלו. הוריד טל שעתיד להחיות

## פירוש

קושרים לו שני כתרים. נדמה שהיה בו ממש ונראה כדכתיב רואים את הקולות: אע"פ שמיצר ומימר לי דודי. בעגל שאמר הורד עדיך: בין שדי ילין. אמר מיד לעשות לו משכן ולמלא שכינתו בין בדי הבדים שבלטו במקדש לאחין בב' בדים דוחקין ובולטין בפרוכת כנגד הפתח: עין גדי. עין עגל שהוא מין בהמה. לשון אחר לשון עבודת כוכבים העובדים לגד שולחן: שכרמתי. שאספתי לכסלות אלוהות הרבה כדכתיב אלה אלהיך ישראל: שכורמין עליו. שמאספין עליו את הבגדים והיא דף ארוכה ומנוקבת נקבים הרבה ותלוי המוגמר תחתיו והכלים מתגמרים דרך הנקבים. ליבנא דמיכנש גרסינן. מעביר לאשון לגן עדן. מור

---

צו זיי א סם פון טויט. נאך א טעם איז פאר וואס ווערין גירופען די עשרת הדברות נגידים. ווייל צו יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון דיא מויל פון גאט. האט מען אן גיבונדען צוויי קרוינען. זענען די ווערטער גיוועזן אזוי ווי מלכים מיט קרוינען. רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט וואס מיינט דער פסוק צרור המור דודי לי בין שדי ילין דיא יודען האבען גיזאגט פאר גאט רבונו של עולם אפילו ווען מיין פריינד (גאט) האט מיר גיגעבען צרות אונ האט מיר פאר ביטערט מיין לעבין. פון דעסטוועגין האט ער באלד גינעכטיגט צווישען מיינע בריסט. ער האט באלד גיהייסען באהען א משכן אונ די שכינה האט גירוהט אויף דעם ארון צווישען דיא כרובים. אין פסוק שטייט אשכול הכופר דודי לי בכרמי עין גדי. דער וואס אלץ איז זיינע. האט מיר מוחל גיווען אויף די עבירה פון דעם עגל וואס איך האב מיר פאר זאמעלט. פון וואנען ווייסען מיר אז כרמי איז טייטש פאר זאמלען. האט מר זוטרא דער זוהן פון רב נחמן גזאגט אזוי וויא מיר האבען גילערנט כסא של כובס דער שטוהל פון דיא וועשערס שכורמין עליו את הכלים וואס מען פאר זאמלט אויף איהם דיא קליידער צום וואשען. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט וואס מיינט דער פסוק לחייו כערוגת הבושם זיינע באקען זענען אזוי וויא בייטין (גארטענס) מיט בשמים. יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון דיא מויל פון גאט איז פול גיווארען דיא גאנצע וועלט מיט בשמים. פרעגט די גמרא אז פון דעם ערשטין ווארט איז פול גיווארען די גאנצע וועלט מיט בשמים. וואו אהין איז גיגאנגען דער אנדערער ווארט. ענטפערט די גמרא גאט האט ארויס גענומען א ווינט פון זיינע אוצרות אונ דער ווינט האט ארויס גיבלאזען דיא בשמים פון ערשטין ווארט אין גן עדן: דער נאך איז גיקומען די בשמים פון אנדערין ווארט. איז ווידער גיקומען א ווינט אונ האט ארויס גיבלאזען די בשמים פון אנדערין ווארט. אויך אין גן עדן. אונ אזוי איז גיוועזן צו יעדער ווארט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר זאלסט ניט לייענען שושנים רויזין נאר ששונים זיי לערנען. זאגט דער פסוק דיא לעפצין וואס האבען גילערנט האבען גימאכט רינען בשמים. אונ די בשמים איז אלע מאהל אוועק גיגאנגען: אונ זענען גיקומען אנדערע (אזוי ווי פריער). נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון די מויל פון גאט. איז ארויס גיגאנגען די נשמות פון די יודען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיין נשמה איז ארויס גיגאנגען ווען ער האט גירעדט. פרעגט די גמרא אז ביי דעם ערשטין ווארט איז ארויס גיגאנגען זייערע נשמות אונ זייא זענען

גישטארבע

להיות בו מתים והחיה אותם שנאמר (תהלים כה) גשם נדבות תניף אלהים נחלתך ונלאה אתה כוננתה. ואמר רבי יהושע בן לוי כל דבור ודבור שיצא מפי הקב"ה חזרו ישראל לאחוריהם י"ב מיל והיו מלאכי השרת מדדין אותם שנאמר (שם) מלכי צבאות ידודון ידודון אל תקרי ידודון אלא ידדון:

**יד ואמר** רבי יהושע בן לוי בשעה שעלה משה למרום אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבונו של עולם מה לילוד אשה בינינו אמר להם לקבל התורה בא אמרו לפניו חמדה (גנוזה) [שגנוזה] לך (מששת ימי בראשית) התקע"ד דורות קודם שנברא העולם אתה מבקש ליתנה לבשר ודם (תהלים ח) מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו (שם) ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ אשר תנה הודך על השמים אמר לו הקדוש ב"ה למשה החזר להם תשובה אמר לפניו רבש"ע מתיירא אני שמא ישרפוני בהבל שבפיהם א"ל אחוז בכסא כבודי והחזר להם תשובה שנאמר (איוב כו) מאחז פני כסא פרשז עליו עננו וא"ר נחום (נחום) מלמד שפירש שדי מזיו שכינתו ועננו עליו אמר לפניו רבש"ע תורה שאתה נותן לי מה כתיב בה (שמות כ)

אנכי

שכר. על שמעידים: גשם נדבות. גבי מתן תורה כתיב בספר תהלים: י"ב מיל. זו היא מדת מחנה ישראל והיו מקדימים לדבור החוזים מאחר הקול עד קולו שמחה: מדדין אותם. מסייעין אותם להתקרב מעט מעט כמו אותם כלאם המדדה את בנה בתחלת הלוכו: ידודון. משמע כמו פעמים ידודון ידדון. מדדין אחרים:
התקע"ד דורות. באלפים שנה שקדמה תורה לעולם היו עתידים דורות הללו להבראות כדאמר (דברי ימים) לאלף דור והלא הקב"ה שאין העולם מתקיים בלא תורה כ"כ והעבירן ולא בראן ונתנה לכ"ו דורות כדי שתמלא התקע"ד מאלף: מה אדיר שמך. אדיר הוא כונה בארץ ואין לאו לך ליתן הודך שם כי אם על השמים: פירש שדי

---

גישפארבען. ווי אזוי האבען זיי גיהערט דעם אנדערין ווארט. ענטפערט די גמרא גאט הט אריא געניגערט די טוי וואס ער וועט מיט איר לעבעדיג מאכען דיא מתים ווען משיח וועט קומען. אונ ער הט מיט די טוי לעבעדיג גימאכט די יודען איצט ווען די תורה איז גיגעבען גיווארין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גשם נדבות תניף אלהים נחלתך ונלאה אתה כוננתה. דעם בווילינגטען רעגין האסטו גאט אויף גיהויבען. די יודען וואס זענען גיוועזען מיד. האסטו גיפעסטיגט. נאך הט רבי יהושע בן לוי גזאגט יעדער ווארט וואס איז ארויס גיגאנגען פון די מויל פון גאט. האבען זיך דיא יודען אפ גירוקט צוריק אינטער זיך צוועלף תחום שבת. אונ דיא מלאכים האבען זייא גיהאלפען זייא זאלען צוריק צוא שפרינגען צוא זייער ארט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מלכי צבאות ידודון ידודון. דיא מלאכים זענען גישפרונגען. זאלסט ניט לייענען ידודון זייא זענען גישפרונגען. נאר זאלסט לייענען ידדון זייא האבען גימאכט שפרינגען דיא יודען:

**יד ואמר**: נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט. ווען משה רבינו איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל. האבין דיא מלאכים גזאגט פאר גאט רבונו של עולם וואס טוהט צווישען אונז אזעלכער וואס איז גיבארין פון אאשה: האט גאט גזאגט צו דיא מלאכים דער מענטש איז גיקומען נעמען דיא תורה. האבין דיא מלאכים גזאגט פאר גאט דיא גלוסטיגע זאך וואס זיא איז בעהאלטין אין דיינע אוצרות ניין הונדערט פיר אונ זיבעציג דורות איידער דיא וועלט איז בשאפין גיווארין. ווילסטו זיא געבין צו אמענשין וואס ער איז בלוט אונ פלייש. וואס איז דער מענטש אז דו זאלסט אים גידיינקען. אונ וואס איז דער מענטש דו זאלסט אויף אים אכטונג געבין. גאט אונזער האר וויא שטארק איז דיין נאמען אויף דיא גאנצע וועלט. גיב דיין שיינקייט אויף דעם הימעל. האט גאט גזאגט צו משה ענטפער דיא מלאכים. האט משה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם. איך האב מורא טאמער וועלין זייא מיך פארברענען מיט דיא היץ פון זייער מויל. האט גאט גזאגט צו משה נעם דיך אן אין מיין שטוהל אונ ענטפער זיי. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק מאחז פני כסא פרשז עליו עננו. ער האט אן גינומען דיא שטוהל. אונ ער האט פארשפרייט אויף אים זיין וואלקין. האט רבי נחום גזאגט דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט פארשפרייט אויף משה דיא שיינקייט פון זיין

שכינה

מדו . מסריקון של פרצו : קנאה יש ביניכם . שאתה צהים על ידי גידי רליהה : מכר לו . למדו : כאדם . בשכר שהרפיך וקראוך אדם נולד מאדמה לכון כפליח : מסר לו סודו . להקטיר מההה קטורה בשעת מגפה ולעמוד בין המתים ובין החיים ואי לאו דאמר ליה מלאך המות מנא ידע שלא נהורה לה נכתב :

אנכי ה' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים . אמר להם למצרים ירדתם לפרעה השתעבדתם תורה למה תהא לכם שוב מה כתיב בה לא יהיה לך אלהים אחרים בין העובדי כוכבים אתם שרויים שעובדין כוכבים שוב מה כתיב בה זכור את יום השבת לקדשו כלום אתם עושים מלאכה שאתם צריכין שבות שוב מה כתיב בה לא תשא משא ומתן יש ביניכם . שוב מה כתיב בה כבד את אביך ואת אמך אב ואם יש לכם . שוב מה כתיב בה לא תרצח לא תנאף לא תגנוב קנאה יש ביניכם יצה"ר יש ביניכם מיד הודו לו להקב"ה שנאמ' (תהלים ח) ה' אדונינו מה אדיר וגו' ואילו תנה הודך על השמים לא כתיב . מיד כל אחד ואחד נעשה לו אוהב ומסר לו דבר שנאמר (שם סח) עלית למרום שבית שבי לקחת מתנות באדם בשכר שקראוך אדם לקחת מתנות . ואף מלאך המות מסר לו דבר שנאמר (במדבר יז) ויתן את הקטרת ויכפר על העם ואומר (שם) ויעמוד בין המתים ובין החיים וגו' אי לאו דאמר ליה מנא הוה ידע :

(דף פט) מו ואמר ריב"ל בשעה שירד משה מלפני הקב"ה בא שטן ואמר לפניו רבינו של

---

שכינה אונ ער האט בדערקט אויף אים . האט משה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם די תורה וואס דו גיבסט מיר וואס שטייט אין איר : איך בין דיין גאט וואס איך האב דיך ארויס גיצויגין פון לאנד מצרים . האט משה גזאגט צוא די מלאכים . האט איר דען גענידערט אין מצרים . האט איר דען גיארבעט ביי פרעה . צוא וואס דארפט איר די תורה . וואס נאך שטייט אין די תורה . דוא זאלסט ניט האבין קיין אנדערע געטער . וואהנט איר דען צווישען גוים וואס דינען עבודה זרה . וואס נאך שטייט אין די תורה . דוא זאלסט גידיינקען צוא היילינגען דעם טאג שבת . ארבעט איהר דען אגאנצע וואך וואס איר דארפט שבת רוהען . וואס נאך שטייט אין די תורה . דו זאלסט ניט שווערין . האנדילט איר דען וואס איר זאלט דארפין שווערין . וואס נאך שטייט אין די תורה . דו זאלסט געבין כבוד צו דיין פאטער אונ מוטער . האט איר דען אפאטער אונ אמוטער . וואס נאך שטייט אין די תורה . דו זאלסט ניט הרגנן . דו זאלסט ניט מזנה זיין : דו זאלסט ניט גנבנן : איז דען דא ביי אייך קנאה וואס איר זאלט גנבנן אדער הרגנן : איז דען דא ביי אייך איצר הרע איר זאלט מזנה זיין . האבין די מלאכים באלד מודה גיוועון צו גאט אז די תורה גיהער ניט צו זייא . אזוי ווייא עס שטייט אין פסוק . די מלאכים האבין גזאגט גאט אונזער האר ווייא שטארק איז דיין נאמען אויף די גאנצע וועלט . אונ זייא האבין שוין ניט גזאגט גיב דיין שיינקייט (דיא תורה) אויף דעם הימעל . באלד נאך דיא רייד האט יעדער מלאך ליב גיהאט משהן . אונ יעדער מלאך האט אים אויס גילערנט אזאך . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק . דוא ביסט ארויף גיגאנגען אין הימעל אונ דו האסט גיפאנגען דיין פאנג (דיא תורה) אונ דוא האסט גינומען מתנות וועגין אדם . דאס מיינט מען וייל מען האט דיך פארשעמט אונ מען האט דיך גירופין אדם מענטש . האט מען דיר גיגעבין מתנות . אונ דער מלאך המות האט אויך אויס גילערנט משהן אזאך . אז עס וועט זיין אמגפה זאל מען נעמען אפייער פאן מיט קטרת . אונ מען זאל שטיין צווישען די לעבעדיגע אונ די טויטע . וועט אויף הערין די מגפה : אזוי וויא עס שטייט אין פסוק . ער האט גיגעבין די קטרת אונ ער האט מכפר גיוועזן אויף דעם פאלק . נאך שטייט אין פסוק . ער האט זיך גישטעלט צווישען די טויטע אונ צווישען די לעבעדיגע . האט אויפגיהערט די מגפה . אז דער מלאך המות וואלט אים דאס ניט גזאגט . פון וואנען וואלט ער דאס גיוואסט אז קטרת שטערט די מגפה :

מו ואמר . נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט ווען משה רבינו איז אראפ גיגאנגען פון

של עולם תורה היכן היא א"ל נתתיה לארץ הלך אצל ארץ א"ל תורה היכן היא א"ל (איוב כח) אלהים הבין דרכה וגו' הלך אצל ים ואמר ליה אין עמדי. הלך אצל תהום וא"ל אין בי שנאמר (שם) תהום אמר לא בי היא וים אמר אין עמדי. אבדון ומות אמרו באזנינו שמענו שמעה חזר ואמר לפני הקב"ה רבש"ע חפשתיה בכל הארץ ולא מצאתיה. א"ל לך אצל בן עמרם הלך אצל משה ואמר ליה תורה שנתן לך הקב"ה היכן היא אמר ליה וכי מה אני שנתן לי הקב"ה תורה א"ל הקב"ה למשה משה בדאי אתה אמר לפניו רבש"ע חמדה גנוזה יש לך שאתה משתעשע בה בכל יום אני אחזיק טובה לעצמי אמר ליה הקב"ה למשה הואיל ומיעטת עצמך תקרא על שמך שנאמר (מלאכי ג) זכרו תורת משה עבדי וגו'. ואמר ריב"ל בשעה שעלה משה למרום מצאו להקב"ה שהיה קושר כתרים לאותיות א"ל משה אין שלום בעירך אמר לפניו כלום יש עבד שנותן שלום לרבו א"ל היה לך לעזרני מיד א"ל (במדבר יד) ועתה יגדל נא כח ה' כאשר דברת:

ואמר

בדאי אתה. בתמיה: קושר כתרים. כגון (תגר) דאמרינן בפרק הבונה תגא דקו"ף וגגו רי"ש וכן שעטנ"ז ג"ץ שצריכים כל אות ג' זיינין כדאמר במנחות ראש הזי"ן נמתח לימין ולשמאל כגגו ממש וכן ראש הבי"ת השמאלי וכן כל ראשי ז' אותיות הללו בכל מקום שהם: אין שלום בעירך. אין דרך ליתן שלום במקומך: לעזרני. (גומר) הגלת מלאכתך: מיד. בעליה אחרת אמר ליה יגדל נא כח ה': בא שטן. הוא יצה"ר המחטיא את האדם הוא העולה ומשטין והוא מדת הדין (והאומר דהוא מדת הדין אין הגון בעיני): כשעלה משה להר אמר להם לסוף ארבעים יום אני בא בתוך שש שעות. הם סבורים שאותו יום שעלה בו מן המנין והוא אמר להם ארבעים יום שלמים יום ולילו עמו ויום עלייתו אין לילו עמו שהרי בז' בסיון עלה נמצא יום ארבעים בי"ז בתמוז היה בט"ז בא שטן וערבב את העולם והראה דמות חשך ואפלה דמות ענן וערפל וערבוביא לומר ודאי מת משה שהרי באו כבר ו' ולא בא ואי אפשר לומר שלא טעו אלא ביום המעונן בין קודם חצות לאחר חצות שהרי לא ירד משה עד יום המחרת שנאמר וישכימו ממחרת וגו': באו שש. בוש לבא:

---

פאר גאט: איז גיקומען דער שטן אונ האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם ווא איז דיא תורה. האט גאט גזאגט צום שטן איך האב איר גיגעבין צו דיא ערד. איז דער שטן גיגאנגען צו דיא ערד. אונ ער האט גזאגט צו איר ווא איז דיא תורה. האט דיא ערד גזאגט צום שטן גאט פאר שטייט איר וועג (ווא זיא איז גיגאנגען). איז דער שטן גיגאנגען צום ים: האט דער ים גזאגט דיא תורה איז ניט מיט מיר. איז דער שטן גיגאנגען צום תהום אבגרונד: האט דער תהום גזאגט דיא תורה איז ניט אין מיר: אזוי וויא עס שטייט אין פסוק. דער תהום האט גזאגט דיא תורה איז ניט אין מיר. אונ דער ים האט גזאגט דיא תורה איז ניט מיט מיר. דער גיהנם אונ דער טויט האבין גיזאגט מיט אונזערע אויערין האבין מיר גיהערט איר הערונג (ווא זיא איז וויסין מיר ניט). איז דער שטן צוריק גיקומען פאר גאט אונ האט גזאגט רבונו של עולם איך האב גיזוכט דיא תורה אין דיא גאנצע וועלט אונ איך האב איר ניט גיפונען. האט גאט גיזאגט צום שטן גיי צו עמרמס זוהן. איז דער שטן גיגאנגען צו משה אונ ער האט גזאגט צו אים דיא תורה וואס גאט האט דיר גיגעבין ווא איז זיא. האט משה גזאגט צום שטן. וואס בין איך דען אז גאט זאל מיר געבין אתורה: האט גאט גזאגט צו משה. משה דו ביסט אליגנער. האט משה גזאגט פאר גאט רבונו של עולם דוא האסט אגלוסטיגע זאך וואס זיא איז בעהאלטין אין דיינע אוצרות. אונ דו פרייסט דיך מיט איר אלע טאג. וועל איך זאגין אז דיא גוטע זאך איז בייא מיר. אז איך בין ווערט דו זאלסט זיא מיר געבין. האט גאט גזאגט צוא משה וייל דו האסט דיך קליין גימאכט וועט זיא גירופין ווערין אויף דיין נאמען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גידיינקט די תורה פון מיין קנעכט משה. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט ווען משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל. האט ער גיטראפין גאט מאכט קרוינען צו דיא אותיות. האט גאט גזאגט צו משה. משה אין דיין שטאט זאגט מען ניט שלום אז איינער קומט צום אנדערין. האט משה גזאגט פאר גאט זאגט דען אקנעכט שלום צו זיין האר. האט גאט גזאגט צו משה האסטו מיר גידארפט העלפין. דו האסט גידארפט זאגין דיין ארבעט זאל זיין מיט גליק. באלד ווען משה איז נאך אמאהל ארויף גיקומען אויף דעם הימעל. האט ער גיזאגט צו גאט. איצט זאל גיגרייסט ווערין דער כח פון גאט אזוי וויא דו האסט גירעט:

אמר

שנאה לעובדי כוכבים. שלא קבלו בו תורה: שפרו ורבו. דכל אחד נתעברה אשתו זכר במלים טובו נפש לאכליהם ולא ידענא היכא רמיזא:

טז ואמר רבי יהושע בן לוי מאי דכתיב (שמות לב) וירא העם כי בשש משה אל תקרי בשש אלא בא שש. בשעה שעלה משה למרום אמר להם לישראל לסוף ארבעים יום בתחלת שש אני בא. לסוף ארבעים יום בא שטן וערבב את העולם אמר להם משה רבכם היכן הוא אמרו לו עלה למרום. אמר להם באו שש ולא השגיחו עליו מת ולא השגיחו עליו הראה להם דמות מטתו והיינו דקאמרי ליה לאהרן כי זה משה האיש וגו':

יז אמר ליה ההוא מרבנן לרב כהנא מי שמיע לך מאי הר סיני. אמר ליה הר שנעשו בו נסים לישראל הר ניסאי מיבעי' ליה אלא הר שנעשה בו סימן טוב לישראל הר סימנאי מיבעי' ליה א"ל מאי טעמא לא שכיחת קמיה דרב פפא ורב הונא בריה דרב יהושע דמעייני באגדתא דרב חסדא ורבא [ורבה] בריה דרב הונא דאמרי תרוייהו מאי הר סיני הר שירדה שנאה לעובדי כוכבים עליו והיינו דאמר רבי יוסי בר חנינא חמשה שמות יש לו. מדבר צין שנצטוו ישראל עליו. מדבר קדש שנתקדשו ישראל עליו. מדבר קדמות שנתנה קדומה עליו. מדבר פארן שפרו ורבו עליו ישראל. מדבר סיני שירדה שנאה

---

טז אמר. נאך האט רבי יהושע בן לוי גזאגט וואס מיינט דער פסוק ויַרא העם כי בשש משה). זאלסט ניט לייענען בשש. נאר זאלכט לייענען (באו שש) עס איז שוין גיקומען זעקס שעה אויף דעם טאג. ווארום ווען משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל. האט ער גיזאגט צו דיא יודין אין אויסגאז פון פערציג טעג אין אנהייב זעקסטע שעה וועל איך קומען צוריק צו אייך. צום סוף פערציג טעג איז גיקומען דער שטן אונ האט צו מישט דיא וועלט אונ ער האט גזאגט צו דיא יודין ווא איז אייער רבי משה. האבין דיא יודין גזאגט צום שטן משה איז ארויף גיגאנגען אויף דעם הימעל. האט דער שטן גזאגט צו דיא יודין עס איז שוין גיקומען דיא זעקסטע שעה אונ משה איז נאך ניט גיקומען. האבין דיא יודין ניט גיקוקט אויף דיא רייד פון שטן. דר נאך הט דר שטן גיזאגט צו די יודין משה איז גישטארבין. האבין די יודין אוך ניט גקוקט אויף די רייד פון שטן. דר נאך הט דר שטן גהייזען ווי משה ליגט גשטארבן אין אבעט אונ ער שוועבט מיט דיא בעט אונטער דעם הימעל. דאס איז וואס דיא יודין האבין גזאגט צוא אהרן דאס איז דער מענטש משה. זייא האבין געוויזען צו אהרן וויא משה ליגט גישטארבין:

יז אמר ליה: איינער פון דיא רבנן האט גזאגט צו רב כהנא מאמער האסטו גיהערט פאר וואס רופט מען דעם בארג סיני. האט רב כהנא גזאגט ווייל אויף דעם בארג איז גיטאהן גיווארין נסים צו דיא יודין. פרעגט דער תלמיד האט מען דאך גידארפט רופען דעם בארג ניסא. נאר ווייל דער בארג איז גיוועזן א גוטער סימן צו דיא יודין. דריבער רופט מען אים סיני. פרעגט דער תלמיד האט מען דאך גידארפט רופען דעם בארג סימנא. האט רב כהנא גזאגט צום תלמיד פאר וואס גייסט דו ניט צו רב פפא אונ צו רב הונא דער זוהן פון רבי יהושע זיי לערנען אגדתות. ווארום רב חסדא אונ רבא דער זוהן פון רב הונא זיי ביידע זאגין פאר וואס רופט מען דעם בארג סיני. ווייל דורך דעם בארג איז גיקומען אשנאה. אפיינדשאפט צו די פעלקער וואס האבין ניט גיוואלט נעמען די תורה. אונ דאס איז דיא זעלביגע זאך וואס רבי יוסי בר חנינא הט גזאגט. דער בארג הט פינף נעמען. ער הייסט מדבר צין. ווייל אויף דעם בארג וואס אין דעם מדבר זענען די יודין גיבאטין גיווארין אויף תורה אונ מצות. אונ ער הייסט מדבר קדש. ווייל אויף דעם בארג וואס אין דעם מדבר זענען די יודין גיהייליגט גיווארין. אונ ער הייסט מדבר קדמות. ווייל אויף דעם בארג ווס אין דעם מדבר איז גיגעבין גיווארין די תורה וואס זי הייסט קדומה די פריערדיגע ווייל זי איז בשאפין גיווארין פריער איידער די וועלט איז בשאפין גיווארין. אונ ער הייסט מדבר פארן

לעובדי כוכבים עליו. ומה שמו הורב שמו. ופליגא דרבי אבהו דאמר רבי אבהו הר סיני שמו ולמה נקרא הר חורב שירדה חורבה לעובדי כוכבים עליו:

כשני מיבעי' ליה. דומיא דכשלג שהוא כזית לבנים: אלד עמך. אמתי גם עלה כלו רמז ד' גליות גם רבויה כולה: יהמני כ'. מוכ

(ע"ב) **יח משנה** מנין שקושרין לשון של זהורית בראש שעיר המשתלח שנאמר (ישעיה א) אם יהיו חטאיכם כשנים וגו': **גמ'** כשנים כשני מיבעי' ליה אמר רבי יצחק אמר הקב"ה לישראל אם יהיו חטאיכם כשנים הללו שסדורות ובאות מששת ימי בראשית ועד עכשיו כשלג ילבינו:

**דרש** רבא מאי דכתיב (שם) לכו נא ונוכחה יאמר ה' לכו נא בואו נא מיבעיא ליה יאמר ה' אמר ה' מבעי' ליה לעתיד לבא יאמר להם הקב"ה לישראל לכו נא אצל אבותיכם ויוכיחו אתכם ויאמרו לפניו רבש"ע אצל מי נלך אצל אברהם שאמרת לו (בראש' יה' טו) ידוע תדע ולא בקש רחמים עלינו אצל יצחק שברך את עשו (שם כז) והיה כאשר תריד ולא בקש רחמים עלינו אצל יעקב שאמרת לו (שם מו) אנכי ארד עמך מצרימה ולא בקש רחמים עלינו אצל מי נלך עכשיו יאמר ה' א"ל הקב"ה הואיל ותליתם עצמכם בי אם יהיו חטאיכם כשנים כשלג ילבינו. אמר רבי שמואל בר נחמני א"ר יונתן

---

ווייל בײַ דעם באַרג וואס אין דעם מדבר האבין זיך די יודין גיפרוכטבאַרט אונ גימערט. אונ ער הייסט מדבר סיני. ווייל דורך דעם באַרג וואס אין דעם מדבר איז גיקומען אַשׂנאה אַפיינדשאַפט צו די פעלקער וואס האבין ניט גיוואָלט נעמען די תורה. אונ ווי איז דער נאמען פון דעם באַרג: זײַן נאמען איז חורב. אונ רבי יוסי קריגט אויף רבי אבהו. וואָרום רבי אבהו האט גזאָגט דער נאמען פון דעם באַרג איז סיני אונ פאַר וואס רופט מען אים חורב. ווייל דורך דעם באַרג איז גיקומען אַפּרוויסטונג אויף דיא פעלקער וואס האבין ניט גיוואָלט נעמען די תורה:

יח משנה. פון וואנען ווייסין מיר אַז מען בינדט אָן אַשטיקל רויטע וואָל אויסגיבאַרשטין לאַנג אונ שמאל אַזוי וויא אַצונג אויף דעם קאָפּ פון שעיר המשתלח. וואָרום עס שטייט אין פסוק אם יהיו חטאיכם כשנים אויב אײַערע זינד וועלין זײַן רויט אַזוי ווי רויטע פאָדים. פרעגט די גמרא פאַר וואס שטייט כשנים: עס דאַרף דאָך שטיין כשני. וואָרום כשנים איז טײַטש אַזוי ווי יאָהרין. אונ כשני איז טײַטש אַזוי ווי פאָדים. האט רבי יצחק גזאָגט אַזוי מיינט דער פסוק גאָט האט גזאָגט צו די יודין אַפילו אײַערע זינד וועלין זײַן אַזוי פיל ווי די יאָהרין וואס זענען פון דער צייט וואס די וועלט איז בשאַפין גיוואָרין ביז איצט. פון דעסטוועגין וועלין זיי ווייס ווערין אַזוי ווי שניי (והריף בע"ין). רבא האט גידרשנט וואס מיינט דער פסוק לכו נא ונוכחה יאמר ה'. פאַר וואס שטייט לכו נא גייט נאָר. עס דאַרף דאָך שטיין בואו נא קומט נאָר. אונ פאַר וואס שטייט יאמר ה' גאָט וועט זאָגין. עס דאַרף דאָך שטיין אמר ה' גאָט האט גזאָגט. נאָר אַזוי מיינט דער פסוק. אַז משיח וועט קימען וועט גאָט זאָגין צו די יודין גייט צו אײַערע עלטערין וועלען זיי אײַך שטראָפין. וועלען די יודען זאָגען פאַר גאָט רבונו של עולם צו וועמען זאָלען מיר גיין. מיר זאָלען גיין צו אברהם קענען מיר ניט. וואָרום דו האסט גזאָגט צו אברהם דוא זאָלסט וויסען אַז דיינע קינדער וועלען זיין אין מצרים. אונ ער האט ניט גיבעטען פון אונזערט וועגין דוא זאָלסט מבטל זיין די גזירה. מיר זאָלען גיין צו יצחק קענען מיר ניט. וואָרום יצחק האט גיבענטשט זײַן זוהן עשו אַז ער וועט גיוועלטיגען. אונ ער האט ניט גיבעטען קיין רחמנות אויף אונז. מיר זאָלען גיין צו יעקב קענען מיר ניט. וואָרום דו האסט גזאָגט צו יעקב איך וועל גידערין מיט דיר אין מצרים. אונ ער האט ניט גיבעטין קיין רחמנות אויף אונז. צו וועמען זאָלען מיר גיין. איצט וועט גאָט זאָגען ווייל איר פאַר לאָזט אײַך נאָר אויף מיר. אויב אײַערע זינד וועלין זיין רויט אַזוי וויא רויטע פאָדים וועלין זייא ווייס ווערין אַזוי וויא שניי. רבי שמואל בר נחמני האט גזאָגט פון רבי יונתן וועגין וואס מיינט דער פסוק דוא

ביכט

אמר כשיכלה וכך אמו תולין: ימחו: כולא שלא יתקדש שמך בעולם כשתעשה דין בעוברין על דבריך: קראת להם בני בכורי ישראל. בשעה גלוי לפניך שהם עתידין לומר לפניך נעשה ונשמע לקבל עולך מאהבה כבנים: דל כ' דלא ענשת. שכן מלינו בדור המדבר שלא ענש הקב"ה אלא מכ' שנה ומעלה דכתיב במדבר הזה יפלו פגריכם וגו' מבן עשרים שנה ומעלה אשר הלינותם עלי: כי אתה אבינו. כנגד יצחק אמרו והוא אמר להם שאמרו כנגד הקדוש ברוך הוא שהוא אביכם: בשלשלאות של ברזל. כדרך הגולים שהרי ע"פ גזרת

יונתן מאי דכתיב (ישעיה סג) כי אתה אבינו כי אברהם לא ידענו וישראל לא יכירנו אתה ה' אבינו גואלנו וגו' לע"ל אומר לו הקב"ה לאברהם בניך חטאו (לי) אומר לפניו רבש"ע ימחו על קדושת שמך. אמר איזא ליה ליעקב דהוה ליה צער גידול בנים אפשר דבעי רחמי עלייהו א"ל בניך חטאו אמר לפניו רבש"ע ימחו על קדושת שמך. אמר לא בסבי טעמא ולא בדרדקי עצה. א"ל ליצחק בניך חטאו אמר לפניו רבש"ע בני ולא בניך בשעה שהקדימו לפניך נעשה לנשמע קראת להם (שמות ד) בני בכורי עכשיו בני ולא בניך ועוד כמה חטאו כמה שנותיו של אדם שבעים שנה דל עשרים דלא ענשת עלייהו פשו להו חמשים דל כ"ה דלילותא פשו להו כ"ה דל תרתי סרי ופלגא דצלויי ומיכל ודבית הכסא פשו להו תרתי סרי ופלגא אם אתה סובל את כולם מוטב ואם לאו פלגא עלי ופלגא עלך וא"ת כולהו עלי הא קריבית נפשי קמך פתחו ואמרו כי אתה אבינו אומר להם יצחק עד שאתם מקלסין לי קלסו להקב"ה ומחוי להו יצחק קב"ה בעינייהו מיד נושאים עיניהם למרום ואומרים (ישעיה סג) אתה ה' אבינו גואלנו מעולם שמך. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן ראוי היה יעקב אבינו לירד למצרים בשלשלאות של

---

בִּיסְט אוּנְזֶער פָאטֶער . וָוארוּם אַבְרָהָם וֵוייס אוּנְז נִיט . יַעֲקֹב דֶער קֶענְט אוּנְז נִיט דוּ גָאט בִּיסְט אוּנְזֶער פָאטֶער אוּנ אוּנְזֶער אוֹיס לֵייזֶער . וָוארוּם אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט גָאט זָאגִין צוּ אַבְרָהָם דַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט . וֶועט אַבְרָהָם זָאגֶען פַאר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאלֶען זֵייא אָפּ גִימֶעקְט וֶוערִין פַאר דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען . וֶועט גָאט זָאגֶען אִיךְ וֶועל זָאגֶען צוּ יַעֲקֹב וָוס עֶר הָט גִיהַאט צַעַר בִּיז עֶר הָט דֶער צוֹיגֶען זַיינֶע קִינְדֶער . טָאמֶער וֶועט עֶר בֶּעטִין בַּיי מִיר רַחֲמָנוּת פוּן זֵייעֶרטְווֶועגִין . הָט גָאט גִזָאגְט צוּ יַעֲקֹב דַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט . וֶועט יַעֲקֹב זָאגֶען פַר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זָאלֶען זֵייא אָפּ גִימֶעקְט וֶוערִין פַאר דַיין הֵיילִיגֶען נָאמֶען . הָט גָאט גִזָאגְט דִי רֵייד פוּן דִי אַלְטֶע מֶענְטְשִׁין הָאבֶּען נִיט קֵיין טַעַם . אוּנ דִיא יוּנְגֶע מֶענְטְשִׁין קֶענֶען נִיט גֶעבִּין קֵיין עֵצָה . הָט גָאט גִזָאגְט צוּ יִצְחָק דַיינֶע קִינְדֶער הָאבֶּען גֶעזִינְדִיגְט . וֶועט יַעֲקֹב זָאגֶען פַר גָאט רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זֵיי זֶענֶען מַיינֶע קִינְדֶער אוּנ נִיט דַיינֶע קִינְדֶער . וֶוען דִיא יוּדֶען הָאבֶּען גִזָאגְט נַעֲשֶׂה פַאר נִשְׁמַע נָמִיר וֶועלִין טָאהְן דִי תּוֹרָה אוּנ מִיר וֶועלִין הֶערִין הָאסְטוּ זֵייא גִירוּפֶען מַיין זוּהן מַיין בְּכוֹר . אִיצְט זֶענֶען זֵייא גִיוָוארִין מַיינֶע זִיהְן אוּנ נִיט דַיינֶע זִיהְן . נָאךְ וֶועל אִיךְ דִיר זָאגִין . וִויא פִיל הָאבֶּען זֵיי דֶען גֶעזִינְדִיגְט . וִויא פִיל זֶענֶען דִי יָאהְרִין פוּן אַמֶענְטְשִׁין . זִיבֶּעצִיג יָאהר . נֶעם אַרָאפּ דִי עֶרְשְׁטֶע צְווַאנְצִיג יָאהר פוּן מֶענְטְשִׁינְס לֶעבִּין וָוס דוּא שְׁטְרָאפְסְט נִיט אוֹיף זֵיי . בְּלַייבְּט פוּפְצִיג יָאהר . נֶעם אַרָאפּ פִינְף אוּנ צְווַאנְצִיג יָאר פוּן נֶעכְט . בַּיי נַאכְט אַז אַמֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט זִינְדִיגְט עֶר דָאךְ נִיט . בְּלַייבְּט נָאר פִינְף אוּנ צְוָואנְצִיג יָאהר . נֶעם אַרָאפּ צְווֶעלְף מִיט אַהַאלְבּ יָאהר פוּן דַאווֶנֶען אוּנ עֶסִין אוּנ בֵּית הַכִּסֵּא . אִין דִי צַייט זִינְדִיגְט מֶען נִיט . בְּלַייבְּט צְווֶעלְף מִיט אַהַאלְבּ יָאהר . אוֹיבּ דוּא וֶוילְסְט טְרָאגֶען אִין גַאנְצֶען . אִיז גוּט : אוּנ אוֹיבּ נִיט . וֶועל אִיךְ טְרָאגֶען הֶעלְפְט אוּנ דוּ הֶעלְפְט . אוּנ אוֹיבּ דוּא וֶועסְט זָאגֶען דִי גַאנְצֶע צְווֶעלְף מִיט אַהַאלְבּ יָאהרִין זָאלֶען זַיין אוֹיף מִיר . אִיךְ הָאבּ מִיךְ דָאךְ מַקְרִיב גִיוֶוען פַאר דִיר . פַר דֶעם זְכוּת וָאלְסְטוּ זֵייא מוֹחֵל זַיין זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת . הָאבֶּען דִי יוּדֶען אָן גִיהוֹיבֶּען צוּ זָאגֶען צוּ יִצְחָק דוּ בִּיסְט אוּנְזֶער פָאטֶער : הָט יִצְחָק גִזָאגְט צוּ דִיא יוּדֶען . אֵיידֶער אִיר לוֹיבְּט מִיךְ לוֹיבְּט בֶּעסֶער צוּ גָאט . הָאט יִצְחָק זֵייא גֶעוִויזֶען זֵייא זָאלֶען זֶעהְן גָאט מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען . הָאבֶּען דִי יוּדֶען בַּאלְד אוֹיף גִיהוֹיבֶּען זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען צוּא גָאט אוּנ זֵיי הָאבֶּען גִזָאגְט . דוּא בִּיסְט אוּנְזֶער פָאטֶער אוּנ אוּנְזֶער אוֹיס לֵייזֶער . דַיין נָאמֶען אִיז פוּן אֵייבִּיג . רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָט גִזָאגְט פוּן רַבִּי יוֹחָנָן וֶועגִין יַעֲקֹב אָבִינוּ הָט גִידַארְפְט גֵיין

בזול אלא שזכותו גרמה לו דכתיב (הושע י״א) בחבלי אדם אמשכם בעבותות אהבה ואהי להם כמרימי עול על לחיהם ואט אליו אוכיל:

(דף ל׳) ימ ת״ר הרי עלי ברזל אחרים אומרים לא יפחות מאמה על אמה למאי חזא אמר רב יוסף לכליא עורב ואיכא דאמרי אחרים אומרים לא יפחות מכליא עורב וכמה א״ר יוסף אמה על אמה:

## המצניע פרק עשירי

(דף צ״ג) א אמר רבי אלעזר המוציא משאוי למעלה מעשרה טפחים חייב שכן משא בני קהת ומשא בני קהת מנ״ל דכתיב (במדבר ג) על המשכן ועל המזבח סביב מקיש מזבח למשכן מה משכן עשר אמות אף מזבח עשר אמות ומשכן גופיה מנלן

גנות ירד נחש: בחבלי אדם. בחבלי רזי (היינו) אדם המושכים למלכים בחבלים ולא בבהמות: כמרימי עול על לחייהם. כאדם המוכל ומכוין לבהמתו להרים עולה מעל צוארה בלחיים ובמ־לי־ ואט אליו אוכיל. השיתי להם כ. להכיל את עבודת הפרך:

הרי עלי ברזל. לבדק הבית: לכליא עורב. שבנאות היו עושים של אמה וכן אדין כככין כבינו היכם ומכמרין אדין בכולן ומחפים בהם גגו של היכל למנוע את העורבים מלישב:

כמוליא מנאוי למעלה מי׳ ה. מעבירו בהויר כ דו ואינו על כתפו יגבוה מן הארץ קאמר דאי במונח על כתפו מהניהן היא והא דהגן כזורק ד׳ אמות בכותל למעלה מי׳ כזורק באויר אלמא אין למעלה מי׳ רשות הרבים דוקא זורק אבל מעביר חייב דיליף מבני קהת במשכן: אבר על המשכן וגו׳. בקיעי ההלר מבתעי אף מזבח גבהו עשר אמות והולך לסובב ובקלעים של ששה (י׳) רוחב ומה אני מקיים ושלש אמות קומתו משפת סובב ולמעלה ומה אני מקיים וקומה ה׳ אמות בקלעים משפה מזבח למעלה כך מפורש בזבחים בסוף

מיט אייזערנע קייטען אין מצרים. נאר זיין פרומקייט האט איהם מציל געוועזן. ער זאל גיין אין מצרים מיט כבוד. וואָרום עס שטייט אין פסוק איך האב אייך געצויגען אין מצרים מיט שטריקלאך וויא מען ציהט אמענטשען. מיט שטריקלאך פון ליבשאפט ווייל יעקב האט ליב געהאט זיין זוהן יוסף. [דריבער האט ער געצויגען צו איהם אין מצרים]. איך בין געוועזן צו זיי אזוי ווי מען הייבט אויף דעם יאך פון דיא באקען פון דיא בהמה דיא זאל קענען עסין. און מען דערלאנגט איר דאס עסין. ווייל מען האט רחמנות אויף דיא בהמה. אזוי האב איך רחמנות געהאט אויף יעקב מיט זיינע קינדער. און איך האב זיי געהאלפען אויס האלטען די שווערע ארבעט אין מצרים:

ימ תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר איך זאל געבען אייזען צום בית המקדש. אנדערע זאגען ער מוז ברייננגען אשטיק אייזען וואס איז אאייל די לייננג און אאייל די ברייט. ניט ווייניגער. צו וואס דארף מען די אייזען. האט רב יוסף געזאגט צו פאר מיידען די קראען זיי זאלען ניט שטיין אויף דעם דאך פון בית המקדש. און אנדערע זאגען אזוי איז געלערנט געוואָרען. אנדערע זאגען ער מוז ברייננגען אשטיק אייזען זאל זיין אזוי גרויס צוא פאר מיידען דיא קראען. ניט ווייניגער. וויא גרויס איז דיא שטיק אייזען זאגט רב יוסף אאייל די ברייט און אאייל די לייננג [אויף דעם דאך פון בית המקדש איז געלעגען טאוולען אייזן. אין דיא טאוולען האט געשטעקט שארפע שפיציגע טשוועקים. די קראען זאלען ניט קענען שטיין אויף דעם דאך]:

## פרק עשירי

א אמר. רבי אלעזר האט געזאגט אז איינער טראגט אמשא מיט דיא האנט אין נאם העכער ווי צעהן טפחים פון די ערד. איז ער חייב. וואָרום די בני קהת האבין אויך אזוי געטראגין פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז די בני קהת האבען אויך אזוי געטראגין. וואָרום עס שטייט אין פסוק ארום דעם משכן און ארום דעם מזבח. גלייכען מיר דעם מזבח צו דעם משכן. אזוי ווי דער משכן איז געוועזן הויך צעהן איילין. אזוי דער מזבח איז אויך געוועזן הויך צעהן איילען. און פון וואנען ווייסען מיר אז דער משכן איז געוועזן הויך צעהן איילען. וואָרום עס שטייט אין פסוק צעהן איילען איז געוועזן די לייננג פון אברעט. און די לייננג פון די ברעט

פירוש

גבלוים מ"ו אמות: מכאן אתה למד. ודקא מ"ד באפילו בטל הלוים נמי גביהי כמשה: תלתא מלעיל. וכיון דמזבח י' אמות והוא מושא בכתף דכתיב ולבני קהת לא נתן עגלות והלוים י' אמות כי מדלי ליה תלתא מלמעלה מראשיהן או מכתפת במלא גובה מן הארץ קרוב לשליש של עשר אמות דהוי טובא טפי מי' טפחים: ואיבעית אימא. לא גביהי לוים ולא ממזבח גמרינן דשמא לוים לא גביהי אלא ז' אמות ואין מביא דמזבח גבוה מן הארץ אלא ב' או ג' טפחים ומארון גמר לה רבי אלעזר: אשתכח דלמעלה מעשרה קאי. טובא אפילו אין גובהן של לוים אלא ג' אמות (כרוס) [כמוגו] כדי י"ח טפחים וארון אינו תלוי לגמרי מכתפיהן אלא ד' טפחים וב' עליוני עפת אשתכח דגבוה עשרה ויותר:

מנלן דכתיב (שמות כ) עשר אמות אורך הקרש וגו' וכתיב (שם מ) ויפרוש את האהל על המשכן ואמר רב משה רבינו פ"שו מכאן אתה למד גבהן של לוים י' אמות וגמירי דכל טונא דמידלי במוטות תלתא מלעיל ותרי תלתי מלתחת אשתכח דהוה מידלי טובא. ואי בעית אימא מארון דאמר מר א"ון תשעה וכפ"ית טפח הרי כאן עש"ה וגמירי דכל טונא דמידלי במוטות תלתא מלעיל והרי תלתי מלרע אשתכח דלמעלה מעשרה הוה [קאי]:

ב אין השכינה שורה אלא על חכם גבור ועשיר ובעל קומה חכם דכתיב (משלי כא) עיר גבורים עלה חכם ויורד עוז מבטחה גבור ובעל קומה דאמר רב מרע"ה עשר אמות היתה קומתו שנאמר (שמות מ) ויפרוש את האהל על המשכן. עשיר דכתיב (שם לד) פסל לך משלך:

את

---

איז די הייך פון משכן. און עס שטייט אין פסוק ער האט פארשפרייט דעם געצעלט (די יריעות) אויף דעם משכן. און רב האט געזאגט אז משה רבינו האט זיי פארשפרייט. ווארום משה רבינו איז געוועזן הויך צעהן איילען. פון דאנען לערנען מיר אז די הייך פון די לוים איז אויך געוועזן צעהן איילען. און מיר האבען געלערנט די משא וואס מען טראגט איהר מיט שטעקענס אויף דעם אקסיל. טראגט מען א דריטעל איבער דעם אקסיל. און צוויי דריטעל אונטער דעם אקסיל. למשל די רינגען פון מזבח וואו מען האט אריין געשטעקט דיא שטעקינס. זענען געוועזן צוויי דריטעל הויך פון אונטען. דער מזבח איז געוועזן הויך צעהן איילען. איז געוועזן פון אויבען ביז צו די רינגען דריי איילען מיט א דריטעל. און פון אונטען ביז צו די רינגען איז געוועזן זעקס איילען מיט צוויי דריטעל). און אז דער לוי וואס איז געוועזן הויך צעהן איילען האט געטראגען דעם מזבח מיט שטעקינס אויף דעם אקסיל. איז דאך דער מזבח געוועזן הויך פון דיא ערד פיל העכער ווי צעהן טפחים. און אז דוא ווילסט וועל איך דיר זאגען מיר לערנען אפ פון ארון. ווארום מיר האבען געלערנט די הייך פון ארון איז געוועזן ניין טפחים און דיא גרעב פון כפרת איז געוועזן איין טפח. צו זאמען איז געוועזן הויך צעהן טפחים. און מיר האבען געלערנט דיא משא וואס מען טראגט איהר מיט שטעקינס אויף דעם אקסיל. טראגט מען א דריטעל איבער דעם אקסיל. און צוויי דריטעל אונטער דעם אקסיל. איז דאך דער ארון געטראגען געווארען העכער ווי צעהן טפחים פון די ערד:

ב אין. די שכינה רוהט ניט אויף קיין אנדער מענטש. נאר אויף אזעלכין וואס ער איז קלוג און שטארק און רייך און הויך. פון וואנען ווייסען מיר אז ער דארף זיין קלוג. ווארום עס שטייט אין פסוק אין די שטאט פון גבורים איז ארויף געגאנגען דער חכם און ער האט אראפ געניזערט דיא שטארקע פאר זיכערונג. דאס מיינט מען משה רבינו וואס ער איז געווען ארכם איז ער ארויף געגאנגען אויף דעם הימעל וואס דאס איז אשטאט מיט שטארקע. מיט מלאכים. און ער האט אראפ געניזערט די תורה. פון וואנען ווייסען מיר אז ער דארף זיין שטארק און הויך. ווארום רב האט געזאגט משה רבינו איז הויך געוועזן צעהן איילען. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט פארשפרייט דעם געצעלט (די יריעות) אויף דעם משכן. און דער משכן איז געוועזן הויך צעהן איילען. און אז משה אליין האט געקענט פארשפרייטען די יריעות אויף דעם משכן. איז ער דאך געוועזן שטארק. און פון וואנען ווייסען מיר אז ער דארף זיין רייך אויך. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו משה פסל לך דוא זאלסט דיר אויס האקען

צוויי

[דף צ:] ג משנה את החי במטה פטור אף על המטה. גמרא. לימא מתניתין ר' נתן היא ולא רבנן [דתניא] המוציא בהמה חיה ועוף לר"ה בין חיין בין שחוטין חייב. רבי נתן אומר על שחוטין חייב על חיין פטור שהחי נושא את עצמו. אמר רבה [רבא] אפי' תימא רבנן ע"כ לא פליגי רבנן עליה דרבי נתן אלא בבהמה חיה ועוף דמשרבטי נפשייהו אבל אדם חי דנושא את עצמו אפי' רבנן מודו:

ד אמר רבי יוחנן ומודה רבי נתן בכפות א"ל רב אדא בר מתנא לאביי והא הני פרסאי דכמאן דכפיתי דמו ואמר רבי יוחנן בן בתירא ורבי נתן אמרו דבר אחד התם רמות רוחא היא דנקיט להו דההוא פרדשכא דרתח

דמשרבטי נפשייהו. מגמגמין כלפי מטה ומכבידין עצמם להשמט מיד הנושאם:
בכפות. בין עוף בין אדם: כמאן דכפיתי דמי. שרוכבין מעוטפין בבגדים רחבים וגם הם עצמם מעונגים מלגע על הארץ: ואמר רבי יוחנן בן בתירא ורבי נתן אמרו דבר אחד. והא אמרת מודה רבי נתן בכפות ואי משום דאוקמיה בסוס המיוחד לעופות משום רבנן אוקמיה דפליגי עליה ולמימר דאילו באדם בעלמא מודים לפטור ואי בכפות מודה רבי נתן היכי מיתוקמא דבן בתירא כרבי נתן משום דהחי נושא את עצמו הוא ובן בתירא מתיר אפילו למכור לפרסיים דכמאן דכפיתי דמו דכל העובדי כוכבים קרי להו כך דסבר דכפות נושא את עצמו: רמות רוחא. גסות רוח דלא מסגי בכרעיה גסות הוא: פרדשכא. סרדיוט:

---

צוויי שטיינערנע טאוולען. צו וואס שטייט דער ווארט לך צו דיר. נאר גאט האט געמיינט אז די שטיינער זאל זיין משה'ס אייגענע. אונ אז משה האט גיהאט אזעלכע צוויי טייערע שטיינער. איז ער דאך רייך גיוועזן (ועיין נדרים דף לח):

ג משנה. אז אלעבעדיגער מענטש ליגט אין א בעט אונ מען טראגט ארויס אום שבת די בעט מיט דעם מענטש פון שטוב אין גאס. איז מען פטור אפילו אויף די בעט אויך. זאגט די גמרא וועלין מיר זאגין אז די משנה איז אזוי ווי רבי נתן ניט אזוי וויא דיא חכמים. ווארום מיר האבען גילערונט אז איינער טראגט ארויס פון שטוב אין גאס אום שבת א בהמה אדער אין חיה אדער איין עוף סיי לעבעדיגע אונ סיי גישאכטענע איז ער חייב. רבי נתן זאגט אז ער טראגט ארויס גישאכטענע איז ער חייב. אונ אז ער טראגט ארויס לעבעדיגע איז ער פטור. ווארום דער לעבעדיגער טראגט זיך אליין. האט רבה גיזאגט די משנה קען גילערונט ווערין אפילו ווי די רבנן. ווען קריגען די רבנן אויף רבי נתן נאר ביי א בהמה אדער ביי א חיה אדער ביי א עוף. ווייל זיי ווענדן זיך ארויס אויף דעם מענטשן אונ מאכען זיך שווער. אבער א מענטש א לעבעדיגער טראגט זיך אליין. אונ ער מאכט זיך גרינג אויף דעם מענטש וואס טראגט איהם. זענען דיא רבנן אויך מודה אז מען טראגט אום שבת א לעבעדיגען מענטש פון שטוב אין גאס איז מען פטור.

ד אמר. רבי יוחנן זאגט רבי נתן איז מודה אויב דער לעבעדיגער מענטש אדער איין בהמה אונ א חיה אונ א עוף לעבעדיגע. זענען גיבונדען. אונ מען טראגט זיי אום שבת פון שטוב אין גאס איז מען חייב. האט רב אדא בר מתנא גיזאגט צו אביי די מענטשען פון פרסיא ווען זיי רייטען אויף די פערד זענען זיי אזוי ווי גיבונדין. ווייל זיי גייען פאר ווייקולט אין ברייטע קליידער. אונ רבי יוחנן האט גיזאגט אז בן בתירה אונ רבי נתן האבין גיזאגט איין זאך. זייא האלטין ביידע גלייך. בן בתירה האלט אזוי ווי רבי נתן אז א לעבעדיגער טראגט זיך אליין דריבער זאגט בן בתירא מען מעג פאר קויפען א פערד צו א גוי. אונ מען האט ניט מורא טאמער וועט דער גוי רייטען אויף דעם פערד אום שבת טוהט דאך דיא בהמה א מלאכה אום שבת. זאגט ער א לעבעדיגער מאכט זיך גרינג. אונ בן בתירה זאגט אז אפילו צו א גוי פון פערסיא מעג מען אויך פאר קויפען א פערד. ווייל דער פערסיאנער מאכט זיך אויך גרינג אויף דעם פערד אפילו ער איז אזוי וויא געבונדען. אונ רבי נתן האלט דאך אויך אזוי וויא בן בתירה. ווארום זאגט דא רבי יוחנן אז ביי א גיבונדענעם האלט רבי נתן אז מען איז חייב אז מען טראגט איהם ארויס אום שבת. האט אביי גיענטפערט דער פערסיאנער איז גאר ניט גיט ווי גיבונדען. נאר ווס מיר זעהן ער גייט ניט אראפ פון פערד. איז ניט ווייל ער קען ניט אראפ גיין דורך זיינע קליידער. נאר ער וויל ניט גיין מיט דיא פיס ווייל ער איז גרויס ביי זיך. ווארום עס

איז

ה"ר ואלא הא גמיר ג"ש . וא"כ לא ככתו כתורה הם: לית כמפורש ומשני ר' יהודה בן בתירא לא גמרה ואין אדם דן גזרה שוה מעצמו : ואלא. לדי יפורש מסיכן הוס באיזה חטא מת דכתיב כי בחטאו מת : ממעפילים . ויעפילו לעלות וגומר

דרתח מלכא עלויה ורהיט תלתא פרסי בכרעיה : (דף לב) הגודלת ופוקסת משום בונה וכי דרך בניך בכך אין כדדריש ר"ש בן מנסיא (בראשית ב) ויבן ה' אלהים את הצלע מלמד שקילעה הקב"ה לחוה והביאה אצל אדם שכן בכרכי הים קורין לקלעיתא בניתא :

# הזורק פרק אחד עשר

(דף צו ע"ב) **א תנו** רבנן מקושש זה צלפחד וכן הוא אומר (במדבר טו) ויהיו בני ישראל במדבר וגו' ולהלן הוא אומר (שם כז) אבינו מת במדבר מה להלן צלפחד אף כאן צלפחד דברי רבי עקיבא אמר ליה רבי יהודה בן בתירא עקיבא בין כך ובין כך אתה עתיד ליתן את הדין אם כדבריך התורה כסתו ואתה מגלה אותו ואם לאו אתה מוציא לעז על אותו צדיק (דף צז) ואלא הא גמר גזירה שוה ג"ש לא גמיר אלא מהיכא הוה (שם יד) מויעפילו הוה כיוצא בדבר אתה אומר (שם יב) ויחר אף ה' בם וילך מלמד

שאף

---

אין אמאהל געווען דער מלך איז אין כעס געווארען אויף אעלעצטין און האט אים געהייסען אראפ גיין פון פערד. איז ער געלאפען אין די קליידער דריי מייל מיט די פים. אבער דער מענטש וואס איז טאקי געבונדען. זיצט ער שווער אויף דעם וואס טראגט אים. און אז מען טראגט איהם ארוים פון שטוב אין גאס אום שבת. איז מען טאקי חייב :

ה גודלת ופוקסת. אז מען פלעכט די האר אום שבת. אדער מען צו טיילט דיא האר אום שבת. איין העפט האר צו די רעכטע זייט און איין העפט האר צו די לינקע זייט און אין מיטען אשרונד : איז מען חייב ווייל מען בויט אום שבת. פרעגט די גמרא הייסט דען דס געבויט. ענטפערט די גמרא יא. דס הייסט געבויט. אזוי ווי רבי שמעון בן מנסיא האט גידרשת. עס שטייט אין פסוק ויבן ה' אלהים את הצלע גאט האט געבויט די ריפ וואס ער האט גענומען פון אדם הראשון און האט געמאכט פון איר די ווייב חוה. דער פסוק לערנט אונז אז גאט האט פאר פלאכטען די האר פון חוה און ער האט איר געבראכט פאר אדם הראשון. ווארום אין דיא שטעט פון ים רופט מען אויף פלעכטין באהען :

## פרק אחד עשר

**א** תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט דער וואס האט געקליבען די האלץ אום שבת (אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה שלח) דס איז געוועז צלפחד. און אזוי שטייט אין פסוק די יודען זענען געוועז אין דער מדבר. און דארט זאגט דער פסוק די טעכטער פון צלפחד האבען געזאגט אונזער פאטער איז געשטארבען אין דער מדבר. אזוי וויא דארט מיינט מען צלפחד. אזוי דא מיינט מען אויך צלפחד. אזוי זאגט רבי עקיבא. האט רבי יהודה בן בתירה געזאגט צו רבי עקיבא. עקיבא סיי אזוי און סיי אזוי ביסטו אן גיבריים צו געשטראפט ווערין. אויב עס איז וויא דיינע רייד אז דס איז צלפחד. האסטו ניט גידארפט זאגען. ווארום די תורה האט אים צו גידעקט און זאגט ניט ווער דס איז געוועזן. און דוא דעקסט אויף. און דער ציילכט פאר אלע מענטשין אז דס איז געוועזן צלפחד. און אויב עס איז ניט ווי דוא זאגסט. דאס איז ניט צלפחד. ציהסטו דו דאך אויס שלעכטע רייד אויף דעם צדיק. פרעגט דיא גמרא רבי עקיבא לערנט דאך אגזרה שוה. איז דאך גלייך וויא עס וואלט געשטאנען אין די תורה בפירוש אז דס איז געוועזן צלפחד. ענטפערט די גמרא רבי יהודה בן בתירה האט ניט גילערנט דיא גזרה שוה פון זיין רבי. און אליין טאר מען ניט לערנען אגזירה שוה. פרעגט דיא גמרא וואס זאגט רבי יהודה. וואס איז געוועזן דער זינד פון צלפחד וואס ער איז געשטארבען אין דער מדבר

ענפערט

שאף אהרן נצטרע דברי רבי עקיבא אמר ליה רבי יהודה בן בתירא עקיבא בין כך ובין כך אתה עתיד ליתן את הדין אם כדבריך התורה כסתו ואתה מגלה אותו ואם לאו אתה מוציא לעז על אותו צדיק. ואלא הא כתיב בם ההוא בנזיפה בעלמא. תניא כמאן דאמר אף אהרן נצטרע דכתיב ויפן אהרן אל מרים והנה מצורעת תנא שפנה מצרעתו. אמר ריש לקיש החושד בכשרים לוקה בגופו דכתיב (שמות ד) והן לא יאמינו לי וגו׳ וגליא קמיה דקב"ה דמהימני ישראל אמר אלו הן מאמינים בני מאמינים ואתה אין סופך להאמין הם מאמינים דכתיב ויאמן העם בני מאמינים (בראשית טו) והאמן בה׳ אתה אין סופך להאמין שנאמר (במדבר כ) יען לא האמנתם בי וגו׳ ממאי דלקה דכתיב (שמות ד) ויאמר ה׳ לו עוד הבא נא ידך בחיקך וגו׳. אמר רבא ואיתימא רבי יוסי ברבי חנינא מדה טובה ממהרת לבא ממדת פורענות דאילו במדת פורענות כתיב (שם) ויוציאה והנה ידו מצורעת כשלג ואילו במדה טובה כתיב (שם) ויוציאה מחיקו והנה שבה כבשרו

שלא כרש״י כל כך כחיות בבת : שפנה מצרעתו. קדם והרפה : והנה ידו מצורעת. כיון לוקה בגופו : ויוציאה והנה ידו. אמר שהוציאה מצורעת

---

ענטפערט די גמרא צלפחד איז געווען פון די מענטשען וואס האבען זיך געשמאדקט ארויף צוא גיין אויף דעם בארג (נאך די מעשה פון די מרגלים אזוי וויא עס שטייט אין די סדרה שלח) נאך אזוי אנגעהייבען האבען מיר געלערנט. עס שטייט אין פסוק דער כעס פון גאט האט געברענט אין זיי אונ ער איז אוועק געגאנגען. דער פסוק לערנט אונז אז אהרן איז אויך געווארען מצורע (קרעציג). אזוי זאגט רבי עקיבא. האט רבי יהודה בן בתירה געזאגט צו רבי עקיבא. עקיבא סיי אזוי אונ סיי אזוי ביסטו אן געברייט געשטראפט צו ווערין. אויב עס איז ווי דיינע רייד אז אהרן איז אויך מצורע געווארען. האסטו ניט געבארפט זאגען. ווארום די תורה האט איהם צו געדעקט אונ זאגט ניט אז אהרן איז מצורע געווארען. אונ דוא דעקסט אויף. אונ דער ציילסט פאר אלע מענטשען אז אהרן איז מצורע געווארען. אונ אויב עס איז ניט ווי דו זאגסט. אהרן איז ניט מצורע געווארען. ציהסט דו דאך אויס שלעכטע רייד אויף דעם צדיק. פרעגט די גמרא עס שטייט דאך אין פסוק בם אין זיי. גאט איז אין כעס געווארען אויף ביידע. אויף מרים אונ אהרן. איז דאך אזוי ווי רבי עקיבא. ענטפערט די גמרא געשריגען האט גאט אויף ביידע, אבער מצורע איז נאר געווארין מרים ניט אהרן. זאגט די גמרא מיר האבען געלערנט אזוי ווי דער וואס זאגט אז אהרן איז אויך געווארען מצורע. ווארום עס שטייט אין פסוק אהרן האט זיך געקערט צו מרים אונ זיא איז מצורע. מיר האבען געלערנט אזוי מיינט דער פסוק. אהרן האט זיך אפ געקערט (געהיילט געווארען) פון זיין צרעת האט ער געזעהן אז מרים איז געווארען מצורע. ריש לקיש זאגט אז איינער איז חושד אפרומען מענטש. ווערט זיין גוף געשלאגן. ווארום עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט געזאגט אויף די יודען זייא וועלען מיר ניט גלויבען. אונ גאט האט געוואוסט אז די יודען וועלען יא גלויבען. האט גאט געזאגט די יודען גלויבען. אונ זיי זענען קינדער פון אזעלכע מענטשען וואס גלויבען. דוא וועסט ניט גלויבען. דיא יודען גלויבען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דאס פאלק האט געגלויבט. זיי זענען קינדער פון אזעלכע מענטשען וואס גלויבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט געגלויבט אין גאט. אבער דוא וועסט ניט גלויבען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צוא משה אונ אהרן. ווייל איר האט ניט געגלויבט אין מיר. פון וואנען ווייסען מיר אז משה איז געשלאגען געווארען ווייל ער האט געזאגט דיא יודען וועלען ניט גלויבען. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו משה ברענג דיין האנט אין דיין שויס: איז די האנט געווארן קרעציג. רבא האט געזאגט אונ אנדערע זאגען רבי יוסי ברבי חנינא האט געזאגט. אגוטע זאך קומט געשווינדער ווי א שלעכטע זאך. ביי די שלעכטע זאך ווען די האנט פון משה האט געדארפט קרעציג ווערין שטייט אין פסוק משה האט ארויס גענומען דיא האנט פון שויס: דער נאך איז

כבשרו ·מחיקו הוא ,שבה כבשרו (שם ז) ויבלע מטה אהרן את מטותם אמר רבי אלעזר נס בתוך נס:

(דף לז ע"ב) **ב תניא** רבי אומר דברים הדברים (שמות לה) אלה הדברים אלו ל"ט מלאכות שנאמרו למשה בסיני:

(דף לח) **ג כתיב** במשנה המושיט חייב והזורק פטור שכך היתה עבודת הלוים וכו' אגב זה מפרש בגמרא מעשה המשכן וכתוב בס"פ מאמר זה נראין קרסין בלולאות ככוכבים ברקיע. (דף לט) ת"ר יריעות התחתונות של תכלת ושל ארגמן ושל תולעת שני ושל שש ועליונות של מעשה עזים וגדולה חכמה שנאמרה בעליונות יותר ממה שנאמרה בתחתונות דאילו בתחתונות כתיב (שמות לה) וכל אשה חכמת לב בידיה טוו ואילו בעליונות כתיב (שם) וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה טוו את העזים. ותניא משום רבי נחמיה שטוף בעזים וטוו מן העזים:

פירוש

בבלע ויבלע מטה אהרן כתיב מחיקו וכמה שנה': גם מתוך גם. לאחר שחזר ונעשה מטה בלעו ולא בשעת תנין דלא כתיב ויבלע תנין אהרן:
דברים הדברים אלה הדברים. גבי שבת כתיב ויקהל אלה הדברים אשר צוה וגו' דברים משמע תרין ה"א מרבי חד הא תלת אלה בגימטרי' תלתין ושש הוו ל"ט וכו':
שלאין קרסין בלולאות. בהן מחברות היו היריעות כל חמש וחמש ה' יריעות תפורות זו עם זו ונותן על שפת כל חבר ובחמשה היה מחבר בקרסים מחברת עם מחברת שהיו (לו) לולאות בשפת היריעה של כל מחברת כלחמש גג המשכן אלו כנגד אלו (כדכתיב) מקבילות הלולאות וגו': כשה עזים. יתירות בחכמה משמע:

תניא

---

זיא זיינען געווארען קרעציג ווייס וויא שניי. אונ ביי דיא גוטע זאך ווען דיא האנט האט גידארפט גיהיילט ווערין שטייט אין פסוק. ער האט ארוים גענומען די האנט פון שוים אונ זי איז גיווארן דיין אזוי וויא זיין לייב: פון שוים ארוים געשענדיג איז זיא שוין ריין גיווארען. אין פסוק שטייט דער שטעקין פון אהרן האט איין געשלונגען זייערע שטעקינס. האט רבי אלעזר גזאגט דא איז גיוועזען אנס אין אנס. אז א שלאנג וואלט איין גישלונגען דיא אלע שלאנגען. וואלט דאך אויך גיוועזען אנס: אונ אז א שטעקין האט איין גישלונגען שטעקינס איז דאס א גרעסערער נס:

**ב** תניא. מיר האבען גילערונט רבי זאגט אז אין דיא תורה וואלט גישטאנען דברים וואלט מען מיינען צוויי זאכען. אז עס שטייט הדברים. מיט אה'. מיינט מען נאך איינס. איז דריי זאכין. אז עס שטייט אלה הדברים. דער ווארט אלה בטרעפט זעקס אונ דרייסיג. זעקס אונ דרייסיג אונ דרייא. איז ניין אונ דרייסיג. דאס זענען די ניין אונ דרייסיג מלאכות וואס איז גיזאגט גיווארין צוא משה אויף דעם בארג סיני אז מען טאר זייא ניט טאהן אום שבת:

**ג** תנו רבנן. די רבנן האבין גילערונט דיא אונטערשטע יריעות וואס זענען גיוועזען אין משכן זענען גיוועזען פון תכלת אונ פון ארגמן אונ פון תולעת שני אונ פון שש. אונ דיא אויבערשטע יריעות זענען גיוועזען פון האר פון ציגען. אונ די חכמה וואס איז גיזאגט גיווארין ביי די אויבערשטע יריעות. איז גיוועזען גרעסער וויא די חכמה וואס איז גיזאגט גיווארין ביי די אונטערשטע יריעות. ווארום ביי די אונטערשטע יריעות שטייט אין פסוק אלע קלוגע ווייבער האבין גישפונען מיט זייערע הענט. אונ ביי די אויבערשטע יריעות שטייט אין פסוק אלע ווייבער וואס זייער הארץ איז גיוועזען דער הויבין מיט חכמה וואס זענען גיוועזען די גרעסטע חכמות צו די ארבעטן האבין זיי גישפונען די האר פון ציגען. אונ מיר האבין גילערונט פון רבי נחמיה ווייל מען האט גיוואשין די האר ווען זיי זענען נאך גיוועזען בהעפט צו די ציגען. אונ מען האט זיי גישפונען פון די ציגען:

תניא

# הבונה פרק שנים עשר

(דף קג) **א תניא** ר"י בן בתירא אומר נאמר בשני ונסכיהם בששי ונסכיה בשביעי כמשפטם הרי מ"ם יו"ד מ"ם הרי מים מכאן רמז לניסוך מים מן התורה:

(ע"ג) **ב הנני** צריך לכתוב קצת לשון סוגית הגמרא לכתיבת מאמרים רשומים וז"ל. ומדפתוח ועשאו סתום כשר סתום נמי ועשאו פתוח כשר מי דמי פתוח ועשאו סתום (דף קד) עלויי קמעלי ליה דאמר רב חסדא מ"ם וסמ"ך שבלוחות בנס היו עומדים אלא סתום ועשאו פתוח גרועי קא מגרע ליה ואי תימא רבי חייא בר אבא מנצפ"ך דאמר רבי ירמיה ואיתימא רבי חייא בר אבא מנצפ"ך צופים אמרום ותסברא והא כתיב (במדבר לו) אלה המצות שאין נביא רשאי לחדש דבר מעתה. אלא מיהוה הוה מידע לא הוה ידעינן הי באמצע תיבה הי בסוף תיבה ואתו צופים תקנינהו. ואכתי אלה המצות

מכאן רמז כו'. כלומר מ"ם דנסכיהם דריש ליה בסתומה (ב"מ) דפתוח ועשאו סתום כשר: מדפתוח ועשאו סתום כשר. הוא הדין נמי: סתום ועשאו פתוח. כגון שם משמעון וכשר להקיים במקום שם. וזה היוצר בגמרא לענין שבת הכותב שם קטן משם גדול כגון שם משמעון: עלויי קא מעלי ליה. שהיה מ"ם סתומה בלוחות אבל מ"ם פתוחה לא היתה בלוחות כדמפרש: מנצפ"ך צופים אמרום. וכיון דאמר רב חסדא מ"ם וסמ"ך שבלוחות בנס היו עומדים לא אפשר לאוקמיה אלא בסתומה דאזיל והכתב היה מרובע מפני עבריהם היה לו ליפול אם לא שבנס היה עומד אבל פתוחה אין בה נס ע"כ מנצפ"ך דרבי ירמיה דאמר צופים אמרום בסתומות קאמר: יש שמקשים קושיא זו על סוגיא דאמריק במגילה דרמי' הא דרבי ירמיה אהא דרב חסדא אלמא תרוייהו בסתומות. ואין זו קושיא שכן דרך הגמרא להקשות מספק כאן הסברא כדי שיקשה ובמקום אחר מהפכין לפי הקושיא ואי הוה בעיא הכא לתרוצי כי איתמר דרב חסדא בסתומים ודרבי ירמיה בפתוחין הוה מתרץ ליה אלא תירוצא מעליא שני ליה הכא והכא נמי: מיהוה הוה. תרוייהו ולא ידעי הי באמצע תיבה וכו': ובקרא מנחון. האותיות הסופות והתיבות הפוכה ולא אשמעינן אלא שהיה פסוק נוקב את כל הלות ולפיכך שב מ"ם ופא"ך

## פרק שנים עשר

**א** תניא. מיר האבען געלערנט רבי יהודה בן בתירה זאגט בײַ דעם אנדערן טאג סוכות שטייט ונסכיהם. איז די מ"ם איבעריג. בײַ דעם זעקסטען טאג סוכות שטייט ונסכיה. איז די י' איבעריג. בײַ דעם זיבעטען טאג סוכות שטייט כמשפטם. איז אויך די מ' איבעריג. איז דא איבעריגע מ י מ. דס מאכט מים. פון דאנען ווייסען מיר אז מען דארף גיסען וואסער אויף דעם מזבח אום סוכות: זאגט די גמרא אז מען האט גידארפט מאכען איין אפענע מ. און מען האט גימאכט אפרמאכטע מ איז כשר ומים דארף דאך זיין די ערשטע מ אפענע. און אין די תורה שטייט אפרמאכטע מ. ווארום די מ פון ונסכיהם איז דאך אפרמאכטע מ; און עס איז כשר). ווייסען מיר אז מען האט גידארפט מאכען אפרמאכטע מ און מען האט גימאכט אפענע מ איז אויך כשר. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט גלייך איינס צו דאס אנדערע. אז מען האט גידארפט מאכען אפענע מ און מען האט גימאכט אפרמאכטע מ. האט מען דאך בעסער גימאכט. ווארום רב חסדא האט גיזאגט דער פרמאכטער מ און דער ס וואס איז גיווען אין די לוחות זענען גיווען דורך אנס ווארום אפרמאכטע מ און א ס זענען דאך ארום געשניטען פון אלע פיר זייטען. וויא אזוי האט זיך גיהאלטען די מיטעלסטע שטיק. געווים דורך אנס. אבער אז ער האט גידארפט מאכען אפרמאכטע מ און ער האט גימאכט אפענע מ; האט ער דאך נאך ערגער גימאכט. ווארום רבי ירמיה און אנדערע זאגען רבי חייא בר אבא האט גיזאגט די פינף אותיות מ נ צ פ ך האבען די נביאים גיזאגט. (און אפענע מ איז גאר ניט גיווען אין די לוחות). פרעגט די גמרא ווי פרשטייסטו אז די נביאים האבען אונז גילערנט די פינף אותיות; עס שטייט דאך אין פסוק אלה המצות דם זענען די מצות. און א נביא טאר ניט מאכען קיין נייע זאך. נאר די פינף אותיות זענען אויך גיווען פון גאט. נאר מען האט ניט געוואוסט וועלכע מען זאל שטעלען אין מיטען וואָרט אין אנהייב ווארט. און וועלכע דם מען זאל שטעלען אין סוף ווארט. זענען גיקומען די נביאים און האבען גיזאגט. פרעגט די גמרא אין דאך נאך ווייטער די קשיא אין פסוק שטייט דאך אלה המצות דם זענען די מצות. און

אנביא

המצות שאין נביא רשאי לחדש דבר מעתה אלא שכחום וחזרו ויסדום. גופא אמר רב חסדא מ"ם וסמ"ך וכו' ואמר רב חסדא כתב שבלוחות נקרא מבפנים ונקרא מבחוץ כגון נבוב בובן. רהב בהר. סרו ורס. אמרי ליה רבנן לרבי יהושע בן לוי אתו דרדקי האידנא לבי מדרשא ואמרו מילי דאפילו בימי יהושע בן נון לא אתמר כוותייהו. אלף בית אלף בינה גימל דלת גמול דלים. מאי טעמא פשיט כרעיה דגימל לגבי דלת. שכן דרכו של גומל חסדים לרוץ אחרי דלים. ומאי טעמא פשיט כרעיה דדלת לגבי גימל. דלימציה ליה נפשיה (ולא לצטערן). ומ"ט מהדר אפיה דדלת מגימל. דליתן ליה בצנעא כי היכי דלא ליכסוף מיניה. ה"ו זה שמו של הקב"ה. ז"ח ט"י כ"ל אם אתה עושה כן הקב"ה זן אותך וחן אותך ומטיב לך ונותן לך ירושה וקושר לך כתר לעה"ב. מ"ם פתוחה מ"ם סתומה. מאמר פתוח מאמר סתום. נון כפופה נון פשוטה. נאמן כפוף נאמן פשוט. סמ"ך עיי"ן סמוך עניים לשון אחר סימנין עשה בתורה וקנה אותה פ"א כפופה פ"א פשוטה. פי פתוח פי סתום. צר"י כפופה וצר"י פשוטה צדיק כפוף

כנס: נכיב בספר סרו. לא היו בלוחות אלא תיבות בעלמא נקט: אל"ף בינה. למד תורה: מ"ט פשיט כרעיה דגימ"ל לגבי דל"ת. ולא לגבי בי"ת: מ"ט פשיט כרעיה דדל"ת לגבי גימ"ל. ולא לגבי ה"א שמושכת קצת לצד גימ"ל: דלימציה. שני לנפשים ולא יצריכנו לבעל הבית לרוץ אחריו: ה"ו. כמו אני והו שמות הם: ומטיב לך. סיים טי"ת: ירושה. כיימו יו"ד: כתר. היינו כ': לע"ב: הבא. סיימו למ"ד: מאמר סתום מאמר פתוח. יש דברים שניתן רשות לדורשן ויש שאתה מצווה לסותמן כגון מעשה מרכבה: נאמן כפוף. אדם כשר צריך להיות כפוף ועניו וכוחו להיות פשוט וזקוף לעולם הבא: סימנין. של סדר במועות דהכא או המורא בגירסא דלא משכח אתה מהן כגון אלו שבתלמוד: פה פתוח. בשעת כמכנסים פול: פה סתום. בשעת

---

אנביא טאר ניט מאכען-קיין נייע זאך. נאר אזוי איז גיוועזען. מען האט דס אויך געוואוסט וועלכער מם עס באדארף זיין אין אנהייב און אין מיטען ווארט; און וועלכער מם עס באדארף זיין אין סוף ווארט; נאר מען הט פאר געסען. זענען געקומען דיא נביאים און האבען אונז דער מאנט. נאך הט רב חסדא גזאגט דם געשריפט פון דיא לוחות האט מען גיקענט לייענען פון אינווענייניג און פון אויס ווייניג; נאר פון איין זייט הט מען גילייענט פר קערט ווי פון די אנדערע זייט. למשל אז פון איין זייט הט מען גילייענט נבוב. הט מען פון די אנדערע זייט גילייענט בובן. רהב. הט מען גילייענט בהר. סרו. הט מען גילייענט ורס; די רבנן האבען גזאגט צו רבי יהושע בן לוי קליינע קינדער זענען איצט געקומען אין בית המדרש און האבען גזאגט אזעלכע זאכען וואס אפילו אין דיא צייטען פון יהושע בן נון איז ניט גילערנט גיווארען וויא דיא קינדער האבען גזאגט. זייא האבען אזוי גיזאגט אלף בית איז טייטש אלף בינה. לערנען פר שטאנד. לערין תורה. גימל דלת איז טייטש גמול דלים טוה טובות צו ארעמע מענטשין; פר וואס איז די פוס פון ג גצויגן צום ד. ווייל דער שטייגער פון די גוטע מענטשין איז צו לויפען צו די ארעמע לייט ער זאל זיי טאהן טובות. פר וואס איז דיא פוס פון דלת גיצויגען צו די גימל. דער ארעמאן זאל קומען צום רייכען נעמען זיין צדקה. און ער זאל ניט מטריח זיין דעם רייכין ער זאל אים דארפין גיין זוכען. און פאר וואס איז דער פנים פון דלת אוועק גיקערט פון די גימל. דער רייכער זאל געבין דעם ארעמען זיין צדקה אין דער שטיל. עס זאל קיינער ניט וויסען. דער ארעמאן זאל ניט פרשעמט ווערין. ה' ו' איז דער נאמען פון גאט. ז ח ט י כ ל. די זעלם אותיות מיינט מען אזוי; אז דו וועסט אזוי טאהן ודו וועסט לערנען תורה און געבין צדקה. וועט דיך גאט שפייזין. און וועט דיר געבין חן. און וועט דיר טאהן גוטס; און וועט דיר געבין ירושה. און וועט דיר מאכין אקרוין צו עולם הבא ודער ז מאכט זן. דער ח מאכט חן. דער ט מאכט טובות. דער י מאכט ירושה. דער כ מאכט כתר. דער ל מאכט לעולם הבא. פר וואס שטייט אפענע מ"ם און אפארמאכטע מ"ם; דער אפענער מ"ם מאכט מאמר פתוח אפענע זאג. וום אלע מענטשין מעגין דאס לערנען; דער פרמאכטער מ"ם מאכט מאמר סתום אפארמאכטע זאג. וום ניט אלע מענטשין מעגין דאס לערנען. פר וום שטייט אאיינגעבויגענער נון און אגלייכער נון. דער איינגיבויגענער נון

בכפוף צדיק פשוט היינו נאמן כפוף נאמן פשוט הוסיף לך הכתוב כפיפה על כפיפתי מכאן שנתנה התורה במטד ראש. קו"ף קדוש רי"ש רשע מאי טעמא מהדר אפיה דקו"ף מרי"ש שאמר הקב"ה אין אני יכול להסתכל ברשע ומאי טעמא מהדר תגיה דקוף לגבי ריש אמר הקב"ה אם חוזר בו אני קושר לו כתר כמותי. ומ"ט כרעיה דקו"ף תלויה אי הדר ביה ליעול וליזול בהך. מסייע ליה לריש לקיש דאמר ריש לקיש מאי דכתיב (משלי ג) אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן בא ליטמא פותחין לו בא ליטהר מסייעין אותו. שי"ן שקר תי"ו אמת מאי טעמא שקר מקרבן מיליה אמת מרחקא מיליה. שקרא שכיח קושטא לא שכיח. ומ"ט

שקרא

כמזוי"ן כגם אם יש גדול ממך: כממד ראש. כרכת וענוה יתירה: מ"ם מסדר אפים דקו"ף מרי"ש. ליטנא מעליא הוא שאחוריו של רי"ש לגבי קו"ף שאין הקב"ה רוצה להסתכל בפני רשע: הגא דקו"ף. כמין זי"ן שעושין בסופו של גג קו"ף: כרעיה דקו"ף תלויה. שאינה נדבקת עם הגג: ליעול נהך. יכנס תחת רגלי הקו"ף ויכנס בפתח של ימין: מסייעין אותו. ומכינים לו פתח: הוא ילין. מעצמו יליץ לא יסייעוהו ולא ימנעוהו ואם לענוים ולמדה טובה הוא נמשך: יתן חן. יסייעוהו מן השמים: מקרבן מליה. אותיותיו קרובות שלשתן קרובות כסדרן של אל"ף בי"ת: אמת מרחקן

---

ווייזט אז א בגלויבטער מענטש אצדיק. דארף זיין איינגיבויגין. אונ נידעריג ביי זיך. אונ דער גלייכער נון ווייזט אז דער סוף זיינער וועט זיין גלייך אונ אויף גישטעלט אונ גרוים אויף עולם הבא. סמ"ך עיי"ן מאכט סמוך עניים. לערנט אונטער אונ העלף די ארעמע לייט. אדער סמ"ך עיי"ן מאכט סימנין עשה. דו זאלסט דיר מאכין צייכונס אין די תורה וועסטו איר קויפין. וועסטו איר ניט פארגעסין נאזעלכע סימנים וויא אין די גמרא שטייט. פר וואס שטייט אאיינגיבויגינער פ אונ אגלייכער ף. דאס לערנט אונז אז די מויל זאל זיין אמאהל אפין. אונ אמאהל פר מאכט. צו תורה לערנען אונ דאווענען זאל זיין די מויל אפין. אונ דיין מויל זאל זיין פארמאכט ניט צו ריידין שלעכטע רייד. פר וואס שטייט אאיינגיבויגינער צ אונ אגלייכער ץ. דער איינגיבויגינער צ ווייזט אז אצדיק דארף זיין איינגיבויגין. אונ נידעריג בייא זיך. אונ דער גלייכער ץ ווייזט אז דער סוף זיינער וועט זיין גלייך אונ אויף גישטעלט אונ גרוים אויף עולם הבא. פרעגט די גמרא איז דאך דאס די זעלביגע וואס פריער שטייט ביי נאמן כפוף אונ נאמן פשוט. ענטפערט די גמרא דער פסוק האט גימערט צו זאגין ער זאל זיין נאך מער איינגיבויגין וויא ער איז גיוועז איינגיבויגין. פון דאנען ווייסין מיר אז די תורה איז גיגעבין גיווארין צו דעם וואס האט אאיינגיבויגינעם קאפ. אונ ווס נידעריגער דער מענטש איז ביי זיך איז ער מער זוכה צו די תורה. קוף מאכט קדוש. רי"ש מאכט רשע. פר וואס איז דער פנים פון קוף אוועק גיקערט פון די רי"ש. ווייל גאט זאגט איך קען ניט קוקען אויף דעם רשע. אונ פאר וואס קערט זיך די קריין פון קוף צו די רי"ש. ווייל גאט זאגט אויב דער רשע וועט חרטה האבין פון זיינע שלעכטע מעשים. וועל איך אים מאכין אקריין אזוי וויא איך האב. אונ פר ווס איינגט די פוס פון קוף. זיא איז ניט בהעפט ביז ארויף. צו זאגין אויב דער רשע וועט חרטה האבין אונ וועט תשובה מאהן זאל ער אריין גיין דורך דער זייט. פון הויבען. פון דאנען איז אראיה (אבעווייזונג) צו ריש לקיש. ווארום ריש לקיש האט גיזאגט ווס מיינט דער פסוק אם ללצים הוא יליץ ולענוים יתן חן. אויב דער מענטש וויל גיין צו די רשעים לאזט מען איהם גיין. מען העלפט איהם ניט. אונ מען פאר מיידט איהם ניט. אונ אויב אמענטש וויל גיין מיט פרומע. העלפט מען איהם פרום צו זיין. דס מיינט מען אז דער מענטש וויל טמא ווערין עפינט מען איהם: מען לאזט איהם טמא ווערין. אונ אז אמענטש וויל ריין ווערין פון זיינע עבירות. העלפט מען איהם ריין צו ווערין. ש מאכט שקר. ת מאכט אמת. פאר ווס זענען דיא דריי אותיות פון שקר נאנט איינע צו די אנדערע קרש. אונ דיא דריי אותיות פון אמת זענען וייט איינע פון די אנדערע. דער א איז אין אנהייב אלף בית. דער ם איז אין מיטען אלף בית. דער ת איז אין סוף אלף בית. ווייל פאלשקייט איז נאנט צוא בעקומען אונ אמת איז וייט צו בעקומען. פר וואס דיא אותיות שקר שטייט יעדער אות אויף

איין

שקרא אחורא כרעיה קאי ואמת מלבן לבוני קושטא קאי שקרא לא קאי . א״ת ב״ש אותי תעב אתאוה לו . ב״ש בי לא חשק שכי יחול עליו . ג״ר גופו טמא ארחם עליו . ד״ק דלתותי נעל קרנוהי לא אגדע . ע״כ מדת רשעים אבל מדת צדיקים א״ת ב״ש אם אתה בוש ג״ר ד״ק ה״ץ ו״ף אם אתה עושה כן גור בדוק חציצה הוי בינך לבין אף . ז״ע ח״ס ט״ן ואין אתה כזרעוע מן השטן . י״ם כ״ל אמר שר של גיהנם לפני הקב״ה רבש״ע לים כל אמר הקב״ה את״ם בט״ע גי״ף אני חס עליהם מפני שבעטו בגי״ף . דכ״ץ דכים הם כנים הם צדיקים הם . הל״ק אין לך חלק בהם . ומר״זן ש״ת אמר גיהנם לפניו רבש״ע מרי זניני מזרעו של שת . א״ל א״ל ב״ם ג״ן ד״ם . להיכן אוליכם לגן הדם . ה״ע ו״ף אמר גיהנם לפני הקב״ה רבש״ע עיף אנכי . ז״ץ ח״ק הללו זרעו של יצחק . ט״ר י״ש כ״ת ט״ר יש לי כתות כתות של עובדי כוכבים שאני נותן

תליב. א׳ בתחלת אל״ף כ״ת או באמצע וא׳ בסוף: רפל כרעא. כל אות ואות שבו עומדת על רגל אחד: אמת מלבן לבוני. מושכבין תחתיהן אותיותיו כמין לבנה דאל״ף שרי יש לה אפי׳ רגלים ומושב: קוב ורגל כמי רתב: אתאוה לו. בהמיה וכן כולם: ע״כ מדת רשעים. כך מדה אבל רשעים: אם אתה בוש. מלהטות: ג״ר ד״ק גור בדוק. נסבך תאה לגורס התם כבלי תוך בתים: י״ם כ״ל. גיהנם קרוי ים כל לפי שרוב כולפים שם אמר שר של גיהנם ליש שלי תן את כל העולם ואפי׳ ישראל: את״ם בט״ע גי״ף. אלפא ביתא היא הגל את״ם בט״ע ג״ר ד״ק וכולן מרוזות בספר יצירה: אני חמים עליהם על שבעטו בג״ש. בגיהוף: דכ״ץ. נוטריקון דכים כנים צדיקים: אין לך. גיהנם: חלק בהם. בישראל: ומר״זן ש״ת אמר שר של גיהנם זוגני מן זרעו של שת. כל העובדי כוכבים וישראל: א״ל ב״ם ג״ן ד״ב. אמר הקב״ה לא יהיה לך חלק בהם: אוליכם לגן בדם. לגן עדן: ה״ע ו״ף אמר גיהנם הבני עיף. כרעב: ז״ן ח״ק הללו זרעו של יצחק בם. ונא תתנם לך: ט״ר י״ש כ״ת. כמור נ׳

איין פוס . אונ אויף אשפיציגען פוס . דער ש איז אונטען שפיציג . דער ר איז אונטען שפיציג דער קוף איז אונטען שפיציג . אונ די אותיות אמת זיצען אויף שטארקע פיס אזוי וויא מען מאהערט מיט ציגל . דער א האט אונטען צוויי פיס . דער מם האט אונטען אברייטען כוס . דער ת האט אונטען צוויי פיס . וייל אמת שטייט אויף אייביג . אונ פאלשקייט קען ניט שטיין . דער אלף בית א״ת ב״ש מאכט אזוי . דער א״ת מאכט אותי תעב גאט זאגט מיך האט ער פאר מיאוסט . זאל איך גלוסטען צו איהם . דער ב״ש מאכט בי לא חשק ער גלוסט ניט צוא מיר שכי יחול עליו זאל מיין נאמען רוהען אויף איהם . דער ג״ר מאכט : גופו טמא ארחם עליו אז ער האט זיין גוף מטמא גיוועןזאל איך אויף אים רחמנות האבען . דער ד״ק מאכט . דלתותי נעל קרנוהי לא אגדע . אז ער האט מיינע טירען פאר שלאסען . זאל איך ניט פאר שניידען זיינע שטארקייט : אזוי ווערט גילייענט פאר רשעים . פאר צדיקים ווערט אנדערש גילייענט . א״ת ב״ש מאכט אם אתה בוש . אויב דוא שעמסט דיך פר גאט צו זינדיגען . ג״ר ד״ק מאכט . גור בדוק וועסטו וואוהנען אין הימעל . ה״ץ ו״ף מאכט . חציצה הוי בינך לבין אף . אפאר שיידלונג וועט זיין צווישען דיר אונ דעם כעס . דער כעס פון גאט וועט ניט צו קומען צו דיר . ז״ע ח״ס ט״ן מאכט . ואין אתה מזדעזע מן השטן דוא וועסט ניט ציטערין פאר דעם שטן . י״ם כ״ל מאכט . דער שר פון גיהנם האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם גיב אלץ אין מיין ים . אפילו יודען אויך אין מיין גיהנם וואס ער איז אזוי וויא אים . האט גאט גזאגט את״ם בט״ע גי״ף . אני חס עליהם מפני שבעטו בגיף איך וועל אויף זייא רחמנות האבען וויל זייא האבען ניט גיוואלט מזנה זיין . דכ״ץ מאכט דכים הם כנים הם צדיקים הם . זייא זענען ריין . אונ זיי זענען גירעכט . אונ זייא זענען צדיקים . הל״ק מאכט אין לך חלק בהם . גאט זאגט צום גיהנם דוא האסט ניט קיין חלק אין די יודען . מרז״ן ש״ת מאכט . דער גיהנם זאגט פר גאט רבונו של עולם מרי זניני מזרעו של שת מיין האר שפייז מיך פון דיא קינדער פון שת : דאס מיינט מען פון אלע בעל שין . פון יודען אונ אלע פעלקער . האט גאט גזאגט צום גיהנם א״ל ב״ם ג״ן ד״ם . דוא האסט ניט קיין חלק אין דיא יודען . איך וועל זייא פירען אין גן עדן . ה״ע ו״פ מאכט . דער גיהנם האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך בין מיד פון הונגער . האט גאט גזאגט צו אים . ז״ן ח״ק . דם זענען דיא קינדער פון יצחק . זייא וועל איך דיר ניט געבין : נאך האט גאט גזאגט צום גיהנם ט״ר י״ש כ״ת ; ווארט איך האב פיל שטערין דינערס איך וועל זייא דיר

געבין

נותן לך : (דף קה) אמר רבי (יהודה) ורנן משום רבי יוסי בן זמרא מנין ללשון נוטריקון מן התורה שנאמר (בראשית יז) כי אב המון גוים נתתיך אב נתתיך לעובדי כוכבים בחור נתתיך בעובדי כוכבים המו' חביב נתתיך בעובדי כוכבים מלך נתתיך לעובדי כוכבים ותיק נתתיך בעובדי כוכבים נאמן נתתיך לעובדי כוכבים רבי יוחנן דידיה אמר אנכי נוטריקון אנא נפשי כתבית יהבית רבנן אמרי אמירה נעימה כתיבה יהיבה איכא דאמרי אנכי למפרע יהיבה כתיבה נאמנין אמריה. דבי רבי נתן אמרי (במדבר כב) כי ירט הדרך לנגדי יראה ראתה נטתה דבי רבי ישמעאל תנא (ויקרא ב) כרמל כר מלא רב אחא בר יעקב אמר (מלכים א ב) קללה נמרצת נוטריקון נואף הוא מואבי הוא רוצח הוא צורר הוא תועבה הוא רב נחמן בר יצחק אמר (בראשית מד) מה נדבר ומה נצטדק נכונים אנחנו צדיקים אנחנו טהורים אנחנו דכים אנחנו קדושים אנחנו :

ויזמין יש לו כהוא אחרות : מלך נתתיך . כתיב אנכי אחס : אנכי . מדלא אמר אני : אנא נפשי . הני נעלמי . אמירה . שהיא נעימה : כרמל . גבי מנחת העומר כתיב גרש כרמל שמביאה בשבולת לחה בעוד בהזרע כפוה והכל של קס מלא משמע :

תניא

---

געבין. רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי יוסי בן זמרא וועגן פון וואנען ווייסען מיר אז אין די תורה דרשת מען פון איין ווארט עטליכע ווערטער · יעדער אות זאל זיין א ווארט. ווארום עס שטייט אין פסוק נאט האט גזאגט צו אברהם כי אב המון גוים נתתיך · דער ווארט א"ב איז צוויי ווערטער · דער א מאכט אב נתתיך לעובדי כוכבים איך האב דיך געגעבן צוא א פאטער צו אלע פעלקער · דער ב מאכט בחור נתתיך בעובדי כוכבים איך האב דיך געגעבן דער בעסטער פון אלע פעלקער · דער ווארט המון מאכט חביב נתתיך בעכו"ם איך האב דיך ליב געמאכט ביי אלע פעלקער (אה' אונ אח' ווערין פאר טאהשט). דער מ מאכט מלך נתתיך לעובדי כוכבים איך האב דיך געמאכט פר א מלך צו אלע פעלקער · דער ו מאכט ותיק נתתיך בעכו"ם · איך האב דיך געמאכט דער פרומסטער פון אלע פעלקער. דער נ מאכט נאמן נתתיך לעכו"ם איך האב דיך געמאכט פאר א בגלויבטער ביי אלע פעלקער · רבי יוחנן פון זיינעט וועגין זאגט דער ווארט אנכי איז פיר ווערטער · אנא נפשי כתבית יהבית · איך האב מיך אליין געשריבען אונ בין געגעבין געווארין · די רבנן זאגין אזוי זענען די פיר ווערטער · אמירה נעימה כתיבה יהיבה · אזיסע זאג (זיסע רייד) איז געשריבען אונ געגעבין געווארין · אנדערע זאגען דעם ווארט אנכי לייענט מען צוריק. יהיבה כתיבה נאמנין אמריה. זיא איז געגעבען געווארין אונ געשריבען געווארין אירע רייד זענען בגלויבט. דבי רבי נתן זאגען אין פסוק שטייט כי ירט הדרך לנגדי · דער ווארט ירט איז דריי ווערטער · יראה ראתה נטתה. זי האט געזעהן האט זיא מורא געהאט אונ האט אוועק געבויגט פון וועג ודס שטייט ביי דעם אייזיל פון בלעם · דבי רבי ישמעאל האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק כרמל · דער ווארט איז צוויי ווערטער כר מלא · דיא תבואה וואס מען האט גענומען צום עומר זענען דיא קערנער געווען פייכט · אונ דער זאנג איז געווען פול מיט קערנער אונ גראב וויא אקישעלע · רב אחא בר יעקב זאגט אין פסוק שטייט מען האט געשאלטען דוד קללה נמרצת · דער ווארט נמרצת איז פינף ווערטער · נואף הוא מואבי הוא רוצח הוא צורר הוא תועבה הוא · מען האט גזאגט אויף דוד · ער האט מזנה געווען · אונ ער איז פון מואב · אונ ער איז א רוצח · אונ ער איז א שונא · אונ ער איז פאר מיאוסט ביי גאט · רב נחמן בר יצחק זאגט אין פסוק שטייט דיא ברידער האבן גזאגט צו יוסף מה נדבר ומה נצטדק · דער ווארט נצטדק איז פינף ווערטער · נכונים אנחנו · צדיקים אנחנו · טהורים אנחנו דכים אנחנו קדושים אנחנו · מיר זענען ריכטיגע · אונ מיר זענען צדיקים · אונ מיר זענען ריינע · אונ מיר זענען בשעה · אונ מיר זענען הייליגע :

תניא

בעובד כוכבים. במלמד ומרגיל את יצרו לבא עליו: כך. מצוה יקרעך שלא היה כך שתחזור ותאמר לבסוף: שליף מצבייתא. מן סבכה דהמתי לכרות שהיא כועס ויגורו מפניו: ובהפלה. כמו הכד: מוניני. מין של דגים קטנים: שדי כפרתה אתה. לבון לגוד לו: ויקברו אותו. כיבוסע כתיב: הגפם [שגם] עליכן הכל

## האורג פרק שלשה עשר

(ע"ב) **א תניא** רשב"א אומר משום (חילפא בר אגרא שאמר משום) רבי יוחנן בן (גוריא) [נורי] המקרע בגדיו בחמתו והמשבר כליו בחמתו והמפזר מעותיו בחמתו יהא בעיניך כעובד כוכבים שכך אומנתו של יצה"ר היום אומר לו עשה כך למחר אומר לו עשה כך עד שאומר לו עבוד עבודת כוכבים והולך ועובדה אמר רבי אבין מאי קראה (תהלים פא) לא יהיה בך אל זר ולא תשתחוה לאל נכר איזהו אל זר שיש בגופו של אדם הוי אומר זה יצה"ר ואי עבד למרמא אימתא אאינשי ביתיה שרי כי הא דרבי יהודה שליף מצבייתא רב אחא בר יעקב תבר מני תבירי רב ששת רמי ליה לאמתיה מוניניארישא רבי אבא (מיתבר) ותבר] נכתמא:

**ב אמר** רבי יהושע [ר"ש] בן פזי אמר ריב"ל משום בר קפרא כל המוריד דמעות על אדם כשר הקב"ה סופרן ומניחן בבית גנזיו שנא' (תהלים נו) נודי ספרתה אתה שימה דמעתי בנאדך הלא בספרתך. אמר רב יהודה אמר רב כל המתעצל בהספדו של חכם

---

## פרק שלשה עשר

**א** תניא. מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט פון רבי יוחנן בן נורים װעגען אז איינער צו רייסט זיינע קליידער מיט כעס. אדער ער צו ברעכט זיינע כלים מיט כעס. אדער ער הט פער שאטען זיין געלט מיט כעס. איז גלייך װיא ער װאלט געדינט עבודה זרה. אזוי טוהט דער יצר הרע ער רעט ניט אן דעם מענטשין מיט איין מאהל צו אגרויסע עבירה. נאר היינט זאגט ער צו דעם מענטש טוה אזוי. מארגען זאגט ער צו דעם מענטש טוה אזוי. ביז ער זאגט צו איהם גיי דין עבודה זרה. אונ ער דינט טאקי עבודה זרה. רבי אבין זאגט פון װעלכין פסוק װייזען מיר דס. עס שטייט אין תהלים עס זאל ניט זיין אין דיר קיין פרעמדער גאט אונ דו זאלסט דיך ניט בוקען צו אפרעמדען גאט. װעלכער פרעמדער גאט איז אין דעם מענטשין. דאס איז דער יצר הרע. אונ אויב איינער צוא רייסט זיינע קליידער אדער ער צו ברעכט כלים מיט כעס. װייל ער װיל דאס זיינע שטוב מענטשין זאלען זעהן אז ער איז אבעסן װעלין זיי פר איהם מורא האבען. מעג מען. אזוי װיא רבי יהודה הט ארויס גיצויגען די פאדעם פון זיינע קליידער מיט כעס. דיא שטוב מענטשין זאלען זעהן אז ער איז אבעסן װעלין זייא פאר איהם מורא האבען. רב אחא בר יעקב הט צוא בראכען צו בראכענע כלים מיט כעס. רב ששת האט גיװארפען זיין דינסט אשיסול מיט קליינע פישלאך אויפען קאפ מיט כעס. רבי אבא הט צו בראכען דעם צו דעק פון אקרוג מיט כעס. דס האבען זיי גימאהן דיא שטוב מענטשין זאלען זעהן אז זייא זענען בעסנים װעט מען פר זיי מורא האבען:

**ב** אמר. רבי שמעון בן פזי האט גיזאגט רבי יהושע בן לוי הט גיזאגט פון בר קפרא װעגין. דער מענטש װס װיינט מיט טרערין אויף אפרומען מענטש װס איז גישטארבין. ציילט גאט די טרערין אונ ער לייגט זיי צבין אין זיינע אוצרות. אזוי װיא עס שטייט אין פסוק נודי ספרתה אתה שימה דמעתי בנאדך וגו'. מיין שי קרען מיט דעם קאפ די טרערין זאלין ארא פאלין. האסטו גיציילט. דוא האסט גימאכט מיינע טרערין אין דיינע לאגלען אונ האסטו זייא גילייגט אין דיינע אוצרות. זיי זענען פארשריבען אין דיין בוך: רב יהודה הט גיזאגט פון רבס װעגין דער מענטש װס איז פויל מספיד צו זיין את תלמיד חכם װס איז גישטארבין. אז ער װערט מען זאל איהם בגראבין לעבעדיג. װארום עס שטייט אין פסוק ביי יהושע בן נון. מען הט איהם

חכם ראוי לקוברו בחייו שנאמר (יהושע כד) ויקברו אותו בגבול נחלתו בתמנת סרח [אשר] בהר אפרים מצפון להר געש מלמד שגעש [ערגש] עליהן ההר להרגן. תניא מפני מה בניו ובנותיו של אדם מתים כשהם קטנים כדי שיבכה ויתאבל על אדם כשר כדי שיבכה ערבונא שקלי מיניה אלא מפני שלא בכה והתאבל על אדם כשר שכל הבוכה ומתאבל על אדם כשר מוחלים לו על כל עונותיו בשביל כבוד שעשה (פירש"י ערבונא שקלי קודם שיתפא נטלו משכונו). א"ר חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל המתעצל בהספדו של חכם אינו מאריך ימים מדה כנגד מדה שנא' (ישעיה מ) בסאסאה בשלחה תריבנה איתיביה ר' חייא בר אבא לר"י (שופטים ג) ויעבדו העם את ה' כל ימי יהושע וכל ימי הזקנים אשר האריכו ימים אחרי יהושע א"ל בבלאי ימים האריכו שנים לא האריכו אלא מעתה (דברים יא) למען ירבו ימיכם וימי בניכם ימים ולא שנים ברכה שאני. ואמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן אחד מן האחים

להרגן. שלא הספידוהו כראוי: מדה כנגד מדה. הוא לא נתאבל על שנתקצרו ימי החכם אף לחייו לא יוסיפו מן השמים: בבלאי. דמבבל סליק: ימים האריכו. שלא ימיהם כתיב דתשיב אריכות ימים כדאמרינן בסדר יומא כי אורך ימים ושנות חיים ושלום יוסיפו לך וכי יש שנים של חיים ושנים שאינם של חיים אמר רבי אלעזר אלו שנותיו של אדם שמתהפכות עליו מרעה לטובה:

---

בגראבען אין זיין פעלד אין די שטאט תמנת סרח וואס זיא איז אויף דעם בארג וואס ניהער צו אפרים. פון צפון זייט פון הר געש. פר וואס רופט מען דעם בארג הר געש. ווייל דער בארג האט געשטורעמט אויף די יודין זיי צו הרגנן ווייל זייא האבען ניט מספיד געוועזין יהושע בן נון אזוי ווי מען האט איהם גידארפט מספיד זיין:

תניא. מיר האבען גילערונט פר וואס שטארבין דיא זיהן אונ די טעכטער פון אמענטשין ווען זיי זענען קליין. ער זאל וויינען אונ טרויערין אויף אפרומען יודין אז ער וועט שטארבין. פרעגט די גמרא ער זאל וויינען. נעמט מען דען ביי איהם אמשכון פאראויס די קליינע קינדער ער זאל וויינען אז עס וועט שטארבין אפרומער יוד: זאגט די גמרא אזוי מיינט מען די קליינע קינדער שטארבין ווייל ער האט ניט גיוויינט אונ האט ניט גיטרויערט אויף אפרומען יוד וואס איז גישטארבין. ווארום דער וואס וויינט אונ טרויערט אויף אפרומען יוד וואס איז גישטארבין. איז מען איהם מוחל זיינע אלע עבירות. פאר דעם כבוד וואס ער האט גיטאהן דעם מת. רבי חייא בר אבא האט גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין דער וואס איז פויל מספיד צו זיין א תלמיד חכם. וועט ער ניט לאנג לעבין. איין מדה געגין די אנדערע מדה. ווייל ער זארגט ניט וואס עס איז אפ געקירצט גיווארין דאס לעבין פון תלמיד חכם: וועט מען ניט זארגין פון הימעל אויף זיין לעבין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק בסאסאה בשלחה תריבנה גאט קריגט מיט דעם מענטשין מיט דיא זעלביגע מאס וואס דער מענטש טוהט. אזוי טוהט גאט מיט איהם. רבי חייא בר אבא האט אקשיא גיפרעגט צו רבי יוחנן. עס שטייט אין פסוק דאס פאלק האבין געדינט גאט אלע טעג וואס יהושע האט גילעבט. אונ אלע טעג וואס די אלטע לייט האבין גילעבט וואס זייא האבין דער לייננערט טעג נאך יהושע. זעהן מיר דאך אז דיא יודין האבין לאנג גילעבט אונ זענען ניט גישטראפט גיווארין פאר דעם הספד פון יהושע זייא זאלען אויך באלד שטארבין. האט רבי יוחנן גיזאגט צו רבי חייא וואס ער איז גיוועזען פון בבל. טעג האבען זיי דער לייננערט נאך יהושע. זיי האבען גילעבט נאך יהושע פיל טעג גוטע. אבער יאהרין האבען זיי ניט דער לייננערט. זיי האבין ניט גילעבט פיל יאהרין נאך יהושע. נאר ווייניג. ווייל זייא האבין ניט מספיד גיוועזן יהושע וויא מען האט איהם גידארפט מספיד זיין. האט רבי חייא גיפרעגט אז עס שטייט אין פסוק עס זאל גימערט ווערין אייערע טעג אונ די טעג פון אייערע קינדער. וועסטו אויך זאגין אז נאר טעג וועלין גימערט ווערין אבער ניט יאהרין. האט רבי יוחנן גיענטפערט ביי א ברכה איז אנדערש. ביי א ברכה מיינט מען ניט נאר טעג. נאר מען מיינט יאהרין וועיין במהרש"א ובריט"ף). נאך האט רבי חייא בר אבא גיזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגין. אז איינער פון

האוזים שמת (דף קו) ידאגו כל דאחים כולן אחד מבני חבורה שמת תדאג כל זחבורה כולה אמרי לה דמת גדול ואמרי לה דמת קטן:

(ע"ב) ג אמר רבה בר רב הונא הכא בצפור דרור עסקינן לפי שאינה מקבלת מרות.

ידאגו. ייראו מן המיתה: דמת גדול. יש לדאג כולן ושלטה מדת הדין בכלה סביה: ואמרי לה: דמת קטן. בקללה מתחילין מן הקטן: בצפור דרור. מתני' דקתני לצוד לבית לא בצפור דרור עסקינן שדרכה לדור בבתים וכשמעט מזוית זו לזוית זו: ביצי כנים. קס"ד כנים קטנים כשיוצאין מביציהן:

תנא דבי רבי ישמעאל למה נקראת צפור דרור שדרה בבית כבשרה:

## שמונה שרצים פרק יד

(דף קו) א אמר רב יהודה אמר רב י"ב שעות הוי היום שלשה שעות ראשונות יושב הקב"ה ועוסק בתורה. שניות יושב ודן את כל העולם כולו וכו'. שלישית יושב הקב"ה וזן את כל העולם כולו מקרני ראמים ועד ביצי כנים ע"כ ובמקום הזה לענין דינא דההורג כנה בשבת אמר רב יוסף דאינה פרה ורבה. וא"ל אביי וכנת אין פרה ורבה והאמר מר יושב הקב"ה וזן מקרני ראמים ועד ביצי כנים. מינא הוא דמיקרי ביצי כנים:

(דף קח) ב שמואל וקרנא הוו יתבי אגודא דנהר מלכא חזינהו למיא דקא דלו ועכירי

---

די ברידער איז געשטארבן. זאלין זארגען אלע ברידער. אז איינער פון אחברה איז געשטארבן. זאלין זארגין אלע מענטשין פון די חברה. אנדערע זאגין דם מיינט מען אז דער עלצטער ברודער איז געשטארבן אדער דער עלצטער פון די חברה איז געשטארבן. זאלען אלע זארגין: און אנדערע זאגין דאס מיינט מען אז דער יינגסטער ברודער איז געשטארבן. אדער דר יינגסטער פון די חברה איז געשטארבן. זאלען אלע זארגין:

ג אמר. רבה בר רב הונא הט גיזאגט וואס עס שטייט אין די משנה אז מען פאנגט אום שבת אפויגיל פון גאס אין שטוב. הייסט דם ניט גיפאנגען. דאס שמועסט בייא אפויגיל וואס הייסט דרור. ווייל זיא געמט ניט אן קיין הערשאפט. זיא הט ניט מורא פאר מענטשין. דבי רבי ישמעאל האבין גילערענט פאר וואס רופט מען איהר צפור דרור. ווייל זיא וואהנט אין שטוב אזוי ווי אין פעלד: אזוי ווי מען קען איהר ניט חאפין אין פעלד; אזוי קען מען איהר ניט חאפין אין שטוב. איז זיא דאך גאר ניט גיפאנגען גיווארין דער מיט וואס מען האט איהר גיפאנגען פון גאס אין שטוב. דריבער איז מען ניט חייב:

## פרק ארבעה עשר

א אמר. רב יהודה הט גיזאגט פון רבס וועגין צוועלף שעה איז דער טאג. די ערשטע דריי שעה זיצט גאט און לערענט תורה. די אנדערע דרייא שעה זיצט גאט און משפט דיא גאנצע וועלט. די דריטע דריי שעה זיצט גאט און שפייזט די גאנצע וועלט: פון דעם ראם ווען דעם וויזען וום דאס איז די גרעסטע בשעפעניש. ביז ביצי כנים ווס דאס איז די קלענסטע בשעפעניש: רב יוסף זאגט עכנה [אלויז] האט ניט קיין קינדער. האט אביי גיזאגט צו רב יוסף חיא אזוי זאגסט דוא אז אכנה האט ניט קיין קינדער. דער תנא הט דאך גיזאגט אז גאט שפייזט פון קרני ראמים ביז ביצי כנים. ביצי כנים איז דאך דער טייטש דיא אייער פון די כנים. און אז די כנים זיינין אייער האבין זיי דאך קינדער. האט רב יוסף גיענטפערט ביצי כנים איז ניט דער טייטש דיא אייער פון דיא כנים. נאר עס איז דא אזוי אקליינע בשעפעניש וואס זיא הייסט ביצי כנים:

ב שמואל און קרנא זענען אמאהל גיזעסין אויף דיזם ברעג פון דעם טייך וואס הייסט מלכא. האבין זיי גיזעה, אז די וואלין פון דעם וואסער הייבין זיך אויף גאנץ הויך. און דיא

וואסער

ועכירי אמר ליה שמואל לקרנא גברא רבה קאתי ממערבא וחייש במעיה וקא דלו מיא לאקבולי אפיה קמיה זיל תהי ליה אקנקניה אזל אשכחיה לרב אמר ליה מנין שאין כותבין תפילין אלא על גבי עור בהמה טהורה אמר ליה דכתיב (שמות יג) למען תהיה תורת ה׳ בפיך מן המותר בפיך :

ג מנין לדם שהוא אדום שנאמר (מלכים ב) ויראו מואב כנגד את המים אדומים כדם . מנין למילה שבאותו מקום נאמר כאן ערלתו ונאמר להלן ערלתו מה להלן דבר שעושה פרי אף כאן דבר שעושה פרי אימא לבו דכתיב (דברים י) ומלתם את ערלת לבבכם איכא אזנו דכתיב (ירמיה ו) הנה ערלה אזנם דנין ערלתו תמה מערלתו תמה ואין דנין ערלתו תמה מערלתו שאינה תמה . אמר ליה מה שמך קרנא אמר ליה יהא רעוא

דסו דלו . גליון מגביהין : לאקבולי אפיה . לעשות מחילה סביביו כמהות נפשו על דופני הספינה בלא יראה גלויו . ע״א לקבל : ועכירי . עכן לשר מפום לארו שאף הוא עכור ומפני בלא היה הכוס מכבדה והאה המים נעכיר גליה סכך שלכבוד אדם גדול הוא והנכר היה מוטך מאי לגכל : תהי . הריח לו בקנקנו אם יין הוא או החמיץ . כמו נח היכא דאמר גבי יין נכך כלומר בדקהו אם הכם הוא אם לאו : מנין לדם שהוא אדום . לגבי נדה דם כתיב והכן חמשה דמים יש בנדה טמאים וכולן משום דמראיהן אדומה אע״ג דם ור תנא בכא (כא) אמרינן שהור אדום הוא אלא שלקה : ונאמר להלן ערלהו . גבי נטיעה : תמה . כאותיותיה ערלתו : ואין דנין ערלתו מערלה . דאין זו אמירה תמה באין מפורשה בגוף התיבה

זיאסער איז פאנטנע ניט קלאר . האט שמואל געזאגט צו קרנא אגרויסער תלמיד חכם קומט פון ארץ ישראל אין אשיף אויף דעם טייך . אונ ער איז קראנק אויף זיינע געדערים ועם פירט איהם אפ . היבין זיך אויף די וואסער אונ זעגען ניט ריין צו פארשטעלין פאר איהם מען זאל ניט זעהן זיין ארויס גאנג ווי ער גייט ארויס פון די שיף אין וואסער . ער זאל גיט פאר שעמט ווערין . גיי אונ שמעק דעם קרוג אויב איינווייניג איז דא וויין אדער עסיג , דאס מיינט מען גיי זעה אויב ער איז טאקי אגלערן אדער ניין . איז קרנא געגאנגען אונ ער האט געזעהן אז דאס איז רב . האט קרנא געזאגט צו רב פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר גיט שרייבען תפילין נאר אויף אפעל פון אבהמה וואס מען מעג איהר עסין . האט רב געזאגט צו קרנא ווארום עס שטייט אין פסוק ביי תפילין עס זאל זיין די לערנונג פון גאט אין דיין מויל . אזוי מיינט דער פסוק די לערנונג פון גאט זאל זיין געשריבען אויף אזוי איין זאך וואס דו מעגסט דאס נעמען אין מויל :

ג מנין . פון וואנען ווייסען מיר אז בלוט איז רויט . ואונ אז עס איז ניט רויט איז דאס גיט קיין בלוט . דעם דין דארף מען וויסען געגין אנדה . האט רב געענטפערט עס שטייט אין פסוק מואב האט געזעהן פון ווייטען די וואסער איז רויט אזוי וויא בלוט . זעהן מיר אז בלוט איז רויט . אונ וואס עס איז ניט רויט איז ניט בלוט נאר איין אנדער זאך . פון וואנען ווייסען מיר אז מען דארף מל זיין אויף דעם ארט וואס מיר זענען מל . מאמער מיינט די תורה מיט דעם ווארט מילה איין אנדער זאך . האט רב געענטפערט דא שטייט ערלתו ומען זאל מל זיין די ערלה . אונ דארט ואין די סדרה קדושים ביי א בוים שטייט אויך ערלתו . אזוי וויא דארט מיינט מען דאך די זאך וואס וואקסט פון איר פירות . אזוי דא ביי מל זיין . מיינט מען אויך מען זאל מל זיין די זאך וואס פון איר קומט פירות וקינדער . האט קרנא גיפרעגט מאמער מיינט מען מען זאל מל זיין די הארץ . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומלתם את ערלת לבבכם איר זאלט מל זיין די פאר שטאפונג פון אייער הארץ . אונ טאמער מיינט מען מען זאל מל זיין דעם אויער . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק . זייער אויער איז פאר שטאפט . האט רב געענטפערט מיר לערנען אפ אגאנצען ווארט ערלתו פון אגאנצען ווארט ערלתו . אונ מיר לערנען ניט אפ אגאנצען ווארט ערלתו פון א ווארט ערלתו וואס ער איז ניט גאנץ . ביי מילה שטייט ערלתו . אונ ביי א בוים שטייט אויך ערלתו . לערנען מיר אפ איינס פון דם אנדערע . אבער ביי די הארץ שטייט ערלת . אונ ביי דעם אויער שטייט ערלה . לערנען מיר ניט אפ ערלתו פון ערלת . אונ ניט פון ערלה . האט רב געזאגט צו קרנא . וויא איז דיין נאמען . האט ער געענטפערט מיין נאמען איז קרנא . האט רב געזאגט עס זאל זיין דער ווילען פון גאט עס זאל איהם ארויס וואקסען

רעווא דתיפוק ליה קרנא בעיניה לסוף עייליה שמואל לביתיה אוכליה נהמא דשערי וכסא דהרסנא ואשקייה שכרא ולא אחוי ליה בית הכסא כי היכי דלישתלשל ליט (רב) ואמר מאן דמצערן לא לוקמיה ליה בני וכן הוה :

ד שאל ביתוסי אחד את רבי יהושע הגרסי מנין שאין כותבין תפילין ע״ג עור בהמה טמאה דכתיב למען תהיה תורת ה׳ בפיך מן המותר בפיך אלא מעתה על גבי (עור) נבילות וטרפות אל יכתבו א״ל אמשול לך משל למה הוא דומה לב׳ בני אדם שנתחייבו הריגה למלכות אחד הרגו מלך ואחד הרגו אכספליטור איזה מהם משובח הוי אומר זה שהרגו מלך . אלא מעתה יאכלו א״ל התורה אמרה (דברים יד) לא תאכלו כל נבלה ואתה אמרת יאכל אמר ליה קאלוס :

(ע״ב) ה תני ר׳ יהודה בר חביבא אתרוג צנון וביצה אלמלא קליפתן דחיצונה אינם יוצאים מבני מעים לעולם כי אתא רב דימי אמר מעולם לא טבע גברא בימא דסדום אמר רב יוסף הפוכה סדום והפוכה

צ׳ ל״י מה : היפוך ליה קרנא בעיניה . כגון בו לגביהו נא : אוכליה כהמא דשערא . כדי לשלשל זיפא היה שמואל : ולא אחוי ליה בית הכסא . אכסוך קך מתהפך ומתבלבל הזבל במעיו ומתמוגג כולו :
אכספליטור . שר הטבחים בלשון עובדי כוכבים : זה שהרגו מלך . והלא לקו על ידי כולן : קאלוס . משובח טעם זה :
קליפה חיצונה . דבילה הוא הלבון אלא איידי דתני בכדי אתרוג ולמון [קליפה] נקט נה נמי לבין קליפתו : אין יוצאין מבני מעים . שמתקבצים מתקשים ונעצרים : לא טבע גברא וכו׳ . מפני

---

אהארין אין אויג . דער נאך איז גיקומען שמואל און הט גיבראכט רב צו זיך אין שטוב . און ער הט איהם גיגעבען עסין גירשטענע ברויט . און די פעטס פון קליינע פישלאך . און ער דאט איהם גיגעבען טרינקען ביר . און ער האט איהם ניט געוויזען קיין בית הכסא . דס עסין זאל גוט גיקאכט ווערין אין דיא גידערעם . וועט איהם אפ פיהרען מיט איין מאהל . וועט ער ניט האבען קיין צער אלע מנוט ארויס צו גיין . רב האט אבער ניט געוואוסט וואס שמואל מיינט . האט רב גישאלטען און ער הט גזאגט ווער עס איז מיך מצער זאל ניט האבען קיין קינדער . און אזוי איז גיוועזן . שמואל האט ניט אויף גיצויגען קיין קינדער :

ד שאל . א ביתוסי הט גיפרעגט צוא רבי יהושע הגרסי פון וואנען ווייסען מיר אז מען טאר ניט שרייבען תפילין אויף א פעל פון א בהמה וואס מען טאר איר ניט עסין . הט רבי יהושע גיענטפערט עס שטייט אין פסוק דיא לערנונג פון גאט זאל זיין אין דיין מויל . דער פסוק מיינט דיא לערנונג פון גאט זאל זיין געשריבען אויף א פעל פון אזוי א בהמה וואס מען מעג איר עסין . הט דער ביתוסי גיפרעגט דארף מען דאך ניט טארען שרייבען תפילין אויף א פעל פון א נבלה אדער פון א טרפה . הט רבי יהושע גזאגט צוא דעם ביתוסי איך וועל דיר זאגען א משל צו וואס דיא זאך איז גלייך . צוויי מענטשין זענען פאר שולדיגט גיווארען צום מלך מען זאל זיי הרגנן . איינעם הט דער מלך אליין גיהרגת . און איינעם הט דער שר פון מלך גיהרגת . וועלכער מענטש איז גיוועזן גרעסער . געוויס דער וואס דער מלך אליין האט איהם גיהרגת . און דיא בהמה וואס איז גיפיינערט האט דאך גאט אליין איר גיהרגת . דריבער מעג מען אויף איר פעל שרייבען תפילין . האט דער ביתוסי גזאגט צוא רבי יהושע ; דארף מען דאך מעגין עסין א נבלה . און הט רבי יהושע גזאגט צום ביתוסי דיא תורה האט גזאגט מען זאל ניט עסין קיין נבלה . און דוא זאגסט מען זאל עסין א נבלה . האט דער ביתוסי גילויבט אז רבי יהושע האט גוט גזאגט :

ה תני . רבי יהודה בר חביבא האט גילערנט אתרוג און רעטאך און אייער (אז מען עסט זייא) ווען ניט דיא אויסווייניגסטע שאלאכין וואלטין זייא קיין מאהל ניט ארויס גיגאנגען פון די גידערים . (דיא אויס ווייניגסטע שאלאכין פון אייער מיינט מען דיא ווייסיל) . רב דימי הט גזאגט עס איז קיין מאהל קיין מענטש ניט דער טרונקען גיווארין אין דעם ים פון סדום . ווייל דיא וואסער איז גיזאלצען קען ניט דער מענטש אראפ צום גרונד . האט רב יוסף גזאגט אזוי

והפוכה מיליה גברא הוא דלא טבע כשורא טבע . אמר ליה אביי לא מיבעיא קאמר לא מיבעיא כשורא שאפילו בכל מימות שבעולם לא טבע אלא אפילו גברא דטבע בכל מימות שבעולם בימא דסדום לא טבע :

ו שלח ליה רבי ינאי למר עוקבא לישדר לן מר מהנך קילורין דמר שמואל שלח ליה שדורי משדרנא לך דלא תימא צר עין אנא אלא הכי אמר שמואל טובה טפת צונן שחרית ורחיצת ידים ורגלים (בחמין) ערבית מכל קילורין שבעולם :

תניא נמי הכי אמר רבי מונא משום רב יהודה טובה טפת צונן שהרית ורחיצת ידים ורגלים ערבית מכל קילורין שבעולם הוא היה אומר יד לעין

שהמים מלוחים וכח מליחתן מעככו מלטבוע : והפוכה מליה . דברים האמורים בה הפוכים : כשורא טבע . בתמיה :
מר עוקבא הוה שכיח גבי מר שמואל . ואב בית דין היה בימיו : טפת צונן . לתת בעינים ורחיצת ידים ורגלים (בחמין) ערבית טובה מאיל : את העינים :
הוא היה אומר . רב מונא : יד לעין . שהרי קודם נטול ידיו : תקצץ . נוח לו שתקצץ מרוח רעה שורה על הידים ומכאו וכן כולם : לחסודה . ריבדא דכוסילתא פלימא"ס בלע"ז : לפי טבעה . נקב הדעי בעגול כטבעת : תקצץ . ולא תגע שוב בעין או באזן קודם נטילה : נגינים . שמטילין בה שכר : תקצץ . ולא תיגע קודם נטילה שחרית : יד . לעין מסמא קודם נטילה : יד .



---

וויא סדום איז פאר קערט גיוואָרען . אַזוי דיא רייד וואָס מען רעדט פון איר זענען אויך פאַרקערט פון רב דימים רייד זעהט אוים אַמעגטש איז ניט דער טרונקען גיוואָרין אין ים פון סדום . אָבּער אַבּעלעק איז יא דער טרונקען גיוואָרין . וויא אַזוי קען דאָס זיין . האָט אַבּיי גזאָגט צוא רב יוסף אַזוי מיינט רב דימי אין דעם ים פון סדום איז געווים קיין מאָהל ניט דער טרונקען גיוואָרין קיין בּעלעק . וואָרום אַפּילו אין אַלע וואַסערין פון דער וועלט קען אויך ניט דער טרונקען ווערין קיין בּעלעק . אונ אין ים פון סדום געווים ניט . ווייל ער איז גיזאַלצען . נאָר אַפּילו אַמענטש וואָס אין אַלע וואַסערין פון דער וועלט קען ער דער טרונקען ווערין . אונ אין דעם ים פון סדום איז קיין מאָהל קיין מענטש ניט דער טרונקען גיוואָרין :

ו שלח . רבי ינאי הט געשיקט צו מר עוקבא זאָל אונז דער רבּי שיקען אַבּיסול מעדיצין פון מר שמואל . וואָס עס מאַכט גיזונד דיא אויגען . הט מר עוקבא געשיקט זאָגען צו רבּי ינאי איך וועל דיר שיקען . דוא זאָלסט ניט זאָגען איך בּין אַשלעכטער . נאָר אַזוי האָט שמואל גזאָגט אַז מען זאָל געבּין אַלע פריא אַבּיסול קאַלטע וואַסער אין דיא אויגען . אונ פאַרין נאַכט זאָל מען וואַשען דיא הענט מיט די פים מיט וואַרעמע וואַסער . איז דאָס גוט צו די אויגען בּעסער וויא אַלע מעדיצין :

תניא . מיר האָבּען אויך אַזוי גילערנט רבּי מונא הט גזאָגט פון רב יהודהס וועגין מען זאָל געבּין אַלע פריא אַבּיסול קאַלטע וואַסער אין די אויגען . אונ פאַרין נאַכט זאָל מען וואַשען דיא הענט מיט די פים מיט וואַרעמע וואַסער . איז דאָס גוט צו דיא אויגען בּעסער וויא אַלע מעדיצינען . נאָך הט רבּי מונא גזאָגט אַז מען רירט אָן דיא האַנט צום אויג אין דער פריא אײדער מען הט גיוואַשען די הענט . וואָלט בּעסער גיוועזן די האַנט וואָלט פריער אָפּ גיהאַקט גיוואָרין אונ זיא וואָלט ניט אָן גערירט די אויג . וואָרום די אויג ווערט בּלינד . אַז מען רירט אָן די האַנט צום נאָז אָדער צום מויל אָדער צום אויער אין דער פריא אײדער מען האָט גיוואַשען די הענט . וואָלט בּעסער גיוועזן די האַנט וואָלט פריער אָפּ גיהאַקט גיוואָרין אונ זיא וואָלט ניט אָן גערירט דעם נאָז אונ ניט דיא מויל אונ ניט דעם אויער . אונ אַז מען רירט אָן די האַנט צו אַגיעפּינטען אָדער . אונ אַז מען רירט אָן די האַנט צו דעם גליד וואָס מען איז משתין . אונ אַז מען רירט אָן דיא האַנט צוא דעם אָרט וואו דיא צואה גייט אַרוים אָדער מען רירט אָן די האַנט צו אַפאַס וואָס מען מאַכט אין איר ביר . אין דער פריא אײדער מען הט גיוואַשען די הענט . וואָלט בּעסער גיוועזן די האַנט וואָלט פריער אָפּ גיהאַקט גיוואָרין אונ זיא וואָלט ניט אָנגערירט די אַלע זאַכען . וואָרום די האַנט אין דער פריא אומגיוואַשען אַז זיא רירט אָן דעם אויג . ווערט דער אויג בּלינד . אונ אַז זיא רירט אָן דעם אויער . ווערט

תקצץ יד להוטם תקצץ יד לפה תקצץ יד לאזן תקצץ יד לחסודה תקצץ יד לאמה תקצץ יד לפי טבעת תקצץ (דף קט) יד לגיגית תקצץ יד מסמא יד מתרשת יד מעלה פוליפוס . תניא רבי נתן אומר בת חורין היא זו ומקפדת עד שירחוץ ידיו ג' פעמים א"ר יוחנן פוך מעביר בת מלך ופוסק את הדמעה ומרבה שער בעפעפים :

(ק"י) **ז ההוא** בר קשא דפומבדיתא דטרקיה חויא הוה תליסר חמרי חיורתא בפומבדיתא קרעינהו לכולהו אשתכחו טריפה הואי חדא בההוא גיסא דפומבדיתא עד דאולי מיתי לה אכלה אריא . אמר ליה אביי דילמא חויא דרבנן טרקיה דלית ליה אסותא דכתיב (קהלת י) ופורץ גדר ישכנו נחש אמר ליה אין רבי דכי

לאזן מתרשת : יד . לפה או להוטם : מעלה פוליפוס . ריח הרוטם והפה : ול"כ דיד לאמה לאו לענין נטילת שחרית נקט לה אלא משום דמביאת לידי קרי ובמסכת נדה אמרינן תקצץ משום האי שעמא ומשום דהכי בה נמי נטוחא דתקצץ תני נמי הכי גבי הכך וכן יד לפי טבעת למסמס בה מדיר ומביאתו לידי התחתונות : בת חורין היא . הרוח השורה על הידים לפני נטילה ומקפדת בנטילתו למטלו יפה עד שישפוך מים יפה בלבה פעמים על ידיו : פוך . אם נותנו (בין עיניו) [בעיניו] מעביר הכה מלך אם הזיקה לעיניו :
בר קשא . ממונה למלך ויברלא כ"ה : דילמא הויא דרבנן . שעבר על גדוי חכמים וכתם הנושכת על כך אין לו רפואה לפיכך לא נמצא לו רפואה :

דֶער אוֹיֶער טוֹיב . אוּנ אַז זִיא רִירְט אָן דִיא מוֹיל אָדֶער דֶעם נָאז . גֵייט אַרוֹיס אַשְׁלֶעכְטֶער רֵיחַ פוּן מוֹיל אוּנ פוּן דֶעם נָאז . אוּנ אַז זִיא רִירְט אָן דֶעם אוֹיפְגֶעפִּינְטֶען אָדֶער : אִיז אַסַכָּנָה דֶער רוּחַ רָעָה פוּן דִי הַאנְט זָאל נִיט אַרַיין גֵיין אִין דִי אָדֶער . וְאוּנ אַז מֶען רִירְט אָן מִיט דִיא הַאנְט דֶעם אָרְט וְוִיא דִי צוֹאָה גֵייט אַרוֹיס . אֲפִילוּ מִיט אַגִיוַואשֶׁענֶע הַאנְט . בְּעסוּמְט מֶען עֶמַארִידֶען . אוּנ אַז מֶען רִירְט אָן מִיט דִיא הַאנְט דֶעם גְלִיד וָואס אִיז מַשְׁתִּין . אֲפִילוּ מִיט אַגִיוַואשֶׁענֶע הַאנְט אִיז אוֹיךְ אַעֲבֵירָה טָאמֶער וֶועט אַרוֹיס גֵיין זֶרַע . אוּנ אַז מֶען רִירְט אָן אִין דֶער פְרִיא מִיט אַאוּמְגִיוַואשֶׁענֶע הַאנְט אַפַּאס בִּיר וֶועט דִי בִּיר קַאלְיֶיע וֶוערִין :

תַּנְיָא . מִיר הָאבֶּען גִילֶערוּנְט רַבִּי נָתָן זָאגְט דֶער שְׁלֶעכְטֶער גַייסְט וָואס רוּהט אוֹיף דִיא הֶענְט פוּן מֶענְטְשִׁין אִין דֶער פְרִיא אֵיידֶער מֶען הָט זֵיי גִיוַואשֶׁען . עֶר הֵייסְט בַּת חוֹרִין אַפְרַייֶער גַייסְט . אוּנ עֶר גֵייט נִיט אַרָאפּ פוּן דִיא הֶענְט . בִּיז מֶען וַואשְׁט דִיא הֶענְט ; יֶעדֶער הַאנְט דְרַיי מָאהל . רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט אוֹיב מֶען הָט אָן גֶערִירְט דֶעם אוֹיג מִיט אוּמְגִיוַואשֶׁענֶע הֶענְט . אִיז דָאךְ דֶער שְׁלֶעכְטֶער גַייסְט גִיקוּמֶען אוֹיף דִי אוֹיג אוּנ הָאט אִיר בְּלִינְד גִימַאכְט [אַזוֹי וְוִיא פְרִיעֶר שְׁטֵייט] . זָאל מֶען בַּשְׁמִירֶען דֶעם אוֹיג מִיט אַזוֹי אַפַּארְבּ וָואס הֵייסְט פוּךְ וֶועט דִיא אוֹיג גִיזוּנְד וֶוערִין . אוּנ עֶס וֶועט אוֹיף הֶערִין צוּ גֵיין טְרֶערִין פוּן דִי אוֹיגֶען . אוּנ אוֹיף דִיא בְּרֶעמֶען וַואקְסְט פִיל הָאר :

ז הַהוּא . דֶער עֶלְצְטֶער פוּן דִי שְׁטָאט פוּמְבְּדִיתָא הָאט אִיהם אַבִּיס גִיטָאהן אַשְׁלַאנְג . אוּנ אִין פוּמְבְּדִיתָא אִיז גִיוֶוען דְרַייצֶעהן ווַייסֶע אֵייזְלֶען וָוס זֶענֶען גִיוֶוען מְעוּבֶּרֶת הָט מֶען אַלֶע צֶערִיסֶען . אוּנ מֶען הָט גִיזֶעהן אַז אַלֶע אֵייזְלֶען הָאבֶּען גִיהַאט אִינְוֶוייניגְסְטֶע פֶעלֶערְס וָואס זֵייא וָואלְטֶען נִיט גִיקֶענְט לֶעבִּין . אוּנ אוֹיף דִיא אַנְדֶערֶע זַייט פוּמְבְּדִיתָא אִיז גִיוֶוען נָאךְ אַוַוייסֶער אֵייזִיל . וָוס אִיז גִיוֶוען מְעוּבֶּרֶת אֵיידֶער מֶען אִיז אִיר גִיגַאנְגֶען בְּרֵיינְגֶען הָט אִיר אוֹיף גִיגֶעסִין אַלֵייבּ . אִיז נִיט גִיוֶוען מִיט וָואס צוּא הַיילֶען דֶעם בִּיס פוּן שְׁלַאנְג וָוארוּם אַז מֶען צֶערַייסְט אַלֶעבֶּעדִיגֶען אֵייזִיל אַגִיזוּנְטֶען וָוס אִיז מְעוּבֶּרֶת , אוּנ מֶען נֶעמְט אַרוֹיס פוּן אִיר דָם קִינְד אוּנ מֶען צֶערַייסְט דָם קִינְד אוּנ מֶען לֵייגְט דִי פְלֵייש פוּן קִינְד אוֹיף דֶעם אָרְט וואו דֶער שְׁלַאנְג הָט גֶעבִּיסֶען . וֶוערְט פַאר הֵיילְט דֶער אָרְט אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט גִיזוּנְד . אָבֶּער אַז דִיא טוֹבֶער אִיז אַקְרַאנְקֶע הֶעלְפְּט דָם נִיט] . הָט אַבַּיֵי גִיזָאגְט צוּא דֶעם עֶלְצְטִין טָאמֶער הָאט דִיךְ גֶעבִּיסֶען רֶער שְׁלַאנְג וַוייל דוּ הָאסְט אַעֲבֵירָה . דוּ הָאסְט עוֹבֵר גִיוֶוען חֵרֶם וָואס דִיא רַבָּנָן הָאבֶּען מַחְרִים גִיוֶוען . דְרִיבֶּער גֶעפִינְט מֶען נִיט פַר דִיר קֵיין רְפוּאָה . אַזוֹי וְוִיא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק רער וָוס בְּרֶעכְט אוֹיף דֶעם צָאם וָוס דִי רַבָּנָן הָאבֶּען פַּר צָאמְט . וֶועט אִיהם בַּייסֶען אַשְׁלַאנְג . הָט דֶער עֶלְצְטֶער גִיזָאגְט צוּ אַבַּיֵי רֶבִּי עֶס אִיז אֱמֶת אִיךְ הָאבּ טַאקִי עוֹבֵר גִיוֶוען אַחֵרֶם וָואס

דִי

דכי נח נפשיה דרב גזר רב יצחק בר (ביזנא) [ביסנא] דליכא דלימטיא אסא וגדמי לבי הילולא וטבלא ואזל איהו אמטי אסא וגדמי לבי הילולא וטבלא טרקיה חויא ומית :

## ואלו קשרים פרק טו

(דף קיג) א וכבדתו מעשות דרכיך וגו׳. וכבדתו שלא יהא מלבושך של שבת כמלבושך של חול וכי הא דרבי יוחנן קרי למאניה מכבדותי : גם בב״ק פרק החובל (ופעי׳ כח) מעשות דרכיך שלא יהא הלוכך של שבת כהלוכך של חול ממצוא חפצך חפציך אסורים חפצי שמים מותרים ודבר דבר שלא יהא דבורך של שבת כדבורך של חול. דבור אסור הרהור מותר. בשלמא כולהו לחיי אלא שלא יהא הלוכך של שבת כהלוכך של חול מאי היא כדבעא מיניה [רבי] מרבי ישמעאל ברבי יוסי מהו לפסיע פסיעה גסה בשבת א״ל וכי בחול מי הותרה שאני אומר פסיעה גסה נוטלת א׳ מת״ק ממאור

עיניו

הין רבי. אין רבים כך היה : דכי נח נפשיה דרב גזר רב יצחק. שיהיו ממעטין בשמחה אותה שנה ולא יהא אדם מביא אסא וגידמי להילולא ומגלא שהיו רגילין להביא הדס ועושי דקלים לשמות לפני החתן והכלה וכשמביאין אותם לפניהם מקשקשין לפניהם בשוק בכואס בהוסים וזגים : טבלא : איבקליט״א וגזר שלא יקשקשו לפניהם עוד עכ״ל רש״י. ומ״ש בתחלת שמאמר כוס תליסר תמרי חיורתא וכו׳ ואישתכחו טרפה כוא קשור עם מאי דאיתמר לעיל בגמרא האי מאן דטרקיה חויא ליתי עוברא דחמרא חיורתא וליקרעיה ולותביה עילויה פירוש עובר הנמצא במעי חמורה לבנה. וס״ה דלא אשתכח ההוא טרפה. ובעבור זה אמר כי קדם מקרה רע להוא בר קשא שנמצאו טריפות כל תליסר תמרי דפומבדיתא ולזה לא הועילו לרפואתו. ואמרו שהיתה בההוא גישא אכלה איה ובזה הפיל אביי כי מה׳ היתה לו להעניש על שעבר על גזרי חכמים :

מכבדותי. שמכבדין בעליהן : ממצוא חפצך. פי׳ הא דאמרינן בעירובין לא יטייל אדם בסוף שדהו בשבת לראות מה היא צריכה (אמר השבת) : חפצי שמים מותרין. כגון פוסקים צדקה ומשדכין על התינוקת ליארס : שלא יהא דבורך של שבת כו׳. כגון מקח וממכר וחשבונות : הרהור מותר. להרהר בלבו כך וכך יצאה אני צריך להוציא על שדה זו : מהו לפסוע פסיעה גסה. מי עבר משום מעשות דרכיך. פסיעה גסה יותר

---

די רבנן האבען מתרים געווען. ווארום ווען רב איז געשטארבען האט רב יצחק בר ביסנא גוזר געווען מען זאל ניט ברייגען קיין הדסים און ניט קיין צווייגען פון בוימער און מען זאל ניט שפילען אויף קיין חתונה אנאנדער יאהר. איז דער עלצטער פון די שטאט פומבדיתא געגאנגען און האט געבראכט הדסים און צווייגען פון בוימער צו א חתונה און מען האט געשפילט. האט איהם אביס געטאהן אשלאנג און ער איז געשטארבען :

## פרק חמשה עשר

א וכבדתו מעשות דרכיך. דו זאלסט הערליך האלטען שבת, דיינע קליידער פון שבת זאלען ניט זיין אזוי ווי דיינע וואכעדיגע קליידער. רבי יוחנן פלעגט רופען זיינע קליידער דס איז מיין כבוד. אין פסוק שטייט מעשות דרכיך דו זאלסט ניט טאהן דיינע וועגין. דאס מיינט מען דוא זאלסט ניט גיין אום שבת אזוי וויא דו גייסט אום דער וואכין. אין פסוק שטייט ממצוא חפצך פון צו געפינען דיינע בדערפעניש. דיינע בדערפעניש טארסטו ניט טאהן אום שבת. אבער די הימעלשע בדערפעניש וצדקה צו זאגין. שדוכים צו טאהן, אקינד אן דינגען צו אמלמד. אדער צו אבעל מלאכה מעג מען טאהן אום שבת. אין פסוק שטייט ודבר דבר צו ריידין רייד. דו זאלסט ניט ריידין אום שבת. אזוי ווי דוא רעדסט אום דער וואכין. דוא זאלסט ניט ריידין אום שבת פון קיין האנדיל. אבער נאר ריידין טאר מען ניט אום שבת פון אהאנדיל. טראכטין פון האנדיל מעג מען אום שבת. זאגט די גמרא אלע זאכען ווייסען מיר וואס דער פסוק מיינט, נאר וואס דער פסוק זאגט דו זאלסט ניט גיין אום שבת אזוי ווי דוא גייסט אום דער וואכין. ווייסען מיר ניט וואס דער פסוק מיינט. ענפערט די גמרא דאס איז אזוי די רבי האט געפרעגט ביי רבי ישמעאל ברבי יוסי אויב מען מעג גיין גרויסע טריט אום שבת אגרויסער טריט הייסט אשפרייז מער ווי אאייל. האט רבי ישמעאל געזאגט צו רבי ווארום אום דער וואכין מעג מען גיין גרויסע טריט. ווארום איך זאג אז אגרויסער טריט נעמט צו א פינף הונדערט חלק פון די לעכטיגקייט פון די אויגין פון מענטש. און די ליכטיגקייט קען צוריק

קומען

מלתה ססימס כיעוניה אמה : קידושא דבי שמשי . בשותה מיין של קידוש בלילי שבתות : מבשר אמותיו . שמתו שם בגולה : שקלים ורמשים . אמרו בגמרא דודאי אמתמויי אמתתו ולא נמתו עפר והאוכל עפר אינו כאוכל שקץ מתורת דיקא אלא מגזירת חכמים לפי שהעפר מוליד חולי גזור בה משום אוכל שקצים ורמשים : שמלותיך . וכי ערומה היתה אלא שמלות מיוחדות והיינו דשבת : ותרד הגורן והדר ותעש. שם כתה ולבשה שמלות נאות שלא יפגעו בה כשהיא מקושטת ויאמרו שזו היא : כמוה"ל. שהיתה שכינה קוראה לו מתוך ההיכל ולא היה יודע מי קורא לו . וכתיב התם ויבן עלי כי ה' קורא לנער ויאמר לו לך שכב והיה אם יקרא אליך ואמרת דבר ה' כי שומע עבדך והוא לא כתב להזכיר ה' שמא אין זו שכינה :

עיניו של אדם ומהדר ליה בקדושא דבי שמשי . אמר רבי אמי האוכל מעפ־ה של בבל כאילו אוכל מבשר אבותיו וי"א כאילו אוכל שקצים ורמשים דכתיב (בראשית ז) וימח את כל היקום וגו' . אמר ריש לקיש למה נקרא שמה שנער שכל מתי מבול ננערו לשם (אמר רבי יוחנן) ולמה נקרא שמה מצולה שכל מתי עולם נצללו לשם (רות ג) ורחצת וסכת (ושמת שמלותיך) וגו' אמר רבי אלעזר אלו בגדים של שבת :

(ע"ב) **ב תן** לחכם ויחכם עוד (משלי ט) אמר רבי אלעזר זו רות המואביה ושמואל הרמתי. רות דאילו נעמי קאמר לה (רות ג) ורחצת וסכת וגו' וירדת הגורן ואלו בדירה כתיב ותרד הגורן והדר ותעש בכל אשר צותה המותה. שמואל דאילו עלי קא"ל (שמואל א ג) שכב והיה אם יקרא אליך ואמרת דבר ה' כי שומע עבדך ואילו בדידיה כתיב ויבא ה' ויתיצב ויקרא כפעם בפעם שמואל שמואל ויאמר שמואל דבר כי שומע עבדך ולא אמר דבר ה' . (רות ב) ותלך ותבא ותלקט בשדה אמר רבי אלעזר שהלכה ובאתה הלכה ובאתה עד שמצאה

בני

---

קומען אז ער טרינקט וויין פון קידוש שבת ביי נאכט . רבי אמי זאגט אז איינער עסט די ערד פון בבל . איז גלייך ווי ער וואלט גיגעסין די פלייש פון זיינע עלטערין . ווייל אונזערע טויטע עלטערין זענען געבליבען אין די ערד פון בבל נאך דעם מבול . אונ אנדערע זאגין אז מען עסט די ערד פון בבל איז גלייך וויא מען וואלט גיגעסין אלע מיאוסע גיפיינערטע זאכין וואס קריכט אויף די ערד . ווארום עס שטייט אין פסוק דער מבול האט אפ גימעקט דאס גאנצע באשטאנד פון די ערד . אלץ וואס עס איז גאר געפונען גיווארין אויף דיא ערד האט דער מבול פאר פלייצט אונ עס איז גיפיינערט אונ עס איז אריין אין דיא ערד . ריש לקיש זאגט פאר וואס רופט מען בבל שנער . ווייל אלע גישטארבענע פון מבול זענען דארט איין גיזונקען גיווארען . אין פסוק שטייט נעמי האט גיזאגט צו רות דוא זאלסט דיך וואשען אונ שמירען מיט בוימאייל אונ זאלסט אן טאהן דיינע קליידער . וועלכע קליידער . האט רבי אלעזר גיזאגט די קליידער פון שבת :

**ב** תן לחכם ויחכם עוד . שלמה האט גיזאגט גיב אביסעל חכמה צום חכם וועט ער נאך קליגער זיין . האט רבי אלעזר גיזאגט דאס מיינט מען רות המואביה אונ שמואל הרמתי . ווארום נעמי האט גיזאגט צו רות דוא זאלסט דיך וואשען אונ שמירען אונ אן טאהן שיינע קליידער דער נאך זאלסטו גיין אין שייער צו בועז . אונ רות האט ניט אזוי גיטאהן : פריער איז זי גיקומען אין שייער . אונ דארט האט זי גיטאהן אזוי ווי איהר שוויגער האט איהר גיהייסען : אין שייער האט זי זיך גיוואשען אונ געשמירט אונ אן גיטאהן אנדערע קליידער . ווארום זי האט מורא גיהאט טאמער וועט איהר איינער טרעפין ווי זי גייט אויס געצירט וועט מען איהר חושד זיין אז זי גייט כזונה זיין : ביי שמואל איז אזוי גיוועזען . עלי האט גיזאגט צו שמואל ליג אונ אז מען וועט דיך רופען זאלסטו זאגין רייד גאט ווארום דיין קנעכט הערט . אונ ביי שמואל שטייט אזוי . גאט איז גיקומען אונ ער האט זיך גישטעלט אונ ער האט גירופען אזוי וויא אלע מאהל שמואל שמואל . האט שמואל גיזאגט רייד ווארום דיין קנעכט הערט . אונ ער האט ניט גיזאגט רייד גאט . ווארום ער האט מורא גיהאט צו דערמאנען דעם נאמען גאט . טאמער איז דאס ניט גאט . ביי רות שטייט זיא איז גיגאנגען אונ גיקומען אונ האט געקליבען אין

פעלד

בני אדם המהוגנים לילך עמהם ויאמר בועז וגו' למי הנערה הזאת וכי דרכו של בועז לשאול בנערה אמר רבי אליעזר (אלעזר) דבר חכמה ראה בה ב' שבלים לקטה שלשה שבלים אינה לקטה במתניתא תנא דבר צניעות ראה בה עומדות מעומד נופלות מיושב וכה הדבקין עם נערותי וכי דרכו של בועז לדבק עם הנשים אמר רבי אלעזר כיון דחזא (שם א) ותשק ערפה לחמותה ורות דבקה בה אמר שרי לארבוקי בה. (שם ב) ויאמר לה בועז לעת האוכל גשי הלום אמר רבי אלעזר רמז רמז לה עתידה מלכות בית דוד לצאת ממנה דכתיב ביה הלום שנ' מי (שמואל ב) ויבא המלך דוד וישב לפני ה' ויאמר מי אנכי ה' אלהים ומי ביתי כי הביאתני עד הלום. (רות ב) וטבלת פתך בחומץ אמר רבי אלעזר מכאן שחומץ יפה לשרב רבי שמואל בר נחמני אמר רמז לה עתיד בן לצאת ממך שמעשיו קשים כחומץ ומנו מנשה. ותשב מצד הקוצרים אמר רבי אלעזר מצד הקוצרים ולא בתוך הקוצרים רמז רמז לה

בני אדם המהוגנים. הבקוצרים ללך עמהם: למי הנערה. כל הנערות הרואה היה דרכו לשאול בה אלא ע"כ משכל כאן היה: ב' שבלים לקטה. כשהיתה רואה ב' שבלים שנפלו מן הקוצרים ליקטתן אבל ג' שוכבות יחד אינה לוקטת דהכי היא מתני' ב' שבלים לקט ג' אינו לקט: עומדות. שבלים שעמדות שבכת בועז לוקטת מעומד דרכתה קמה כמו כוס שכתה: נופלות. אותן של לקט שנשרו מן הקציר לוקטת מיושב ואינה שוחה ליטלן משום צניעות: רמז רמז לה. רוה"ק מזקה בו: מצד הקוצרים. כל הקוצרים הפסיקו בינו לבינה ולא הושיבה בתוך אז אלו רוה"ק מזקה בו ונרמז למלכות בית דוד

---

פעלד. פריער האט זי דען געקליבען דער נאך איז זי געקומען. האט רבי אלעזר געזאגט זי איז געגאנגען אין פעלד און האט ניט געקליבען און איז געקומען אהיים. און זי איז נאך אמאהל געגאנגען אין אפעלד און האט ניט געקליבען און איז געקומען אהיים; ווייל זי האט ניט געפונען אין די פעלדער קיין פרומע מענטשין. ביז זי איז געקומען אין די פעלד פון בועז דארט האט זיא געפונען פרומע מענטשין וואס מען מעג גיין מיט זיי. אין די פעלד האט זי שוין געקליבען די זאנגען. אין פסוק שטייט בועז האט געפרעגט צו וועמען געהער די נערה. פרעגט דיא גמרא פאסט דאס פאר בועז ער זאל פרעגין אויף אאשה ווער זי איז. האט רבי אלעזר געזאגט בועז האט געזעהן אז זי איז קלוג. זי ווייס די דינים. אז זי האט געזעהן ליגען צוויי זאנגען בעזאמען האט זי זיי גענומען. און אז דריי זאנגען זענען געלעגין בעזאמען. האט זיא זיי ניט גענומען. אין אברייתא האבין מיר געלערנט בועז האט געזעהן זי איז פרום. די שטייענדיגע זאנגען וואס זענען פאר געסין געווארען אפ צו שניידען. האט זיא גענומען שטייענדיג. און די זאנגען וואס זענען געלעגין אויף די ערד האט זיא זייא גענומען זיצענדיג. און האט זיך ניט איינגעבויגין. אין פסוק שטייט בועז האט געזאגט צו רות און אזוי זאלסטו דיך בהעפטין מיט מיינע יונגפרויען; פרעגט די גמרא פאסט דען פאר בועז ער זאל זיך בהעפטין מיט ווייבער ועיין מהרש"א ורי"ף. האט רבי אלעזר געזאגט ווייל בועז האט געזעהן אז ערפה האט געקושט איהר שווינער נעמי און איז אוועק געגאנגען פון איהר. און רות האט זיך בהעפט צו איהר שווינער און איז מיט איהר מיט געגאנגען. האט בועז געזאגט מיט איהר מעג מען זיך בהעפטין. אין פסוק שטייט בועז האט געזאגט צו רות אז עס וועט זיין די צייט פון עסין זאלסטו גיינען הלום צו דעם ארט. האט רבי אלעזר געזאגט בועז האט געוויזען צו רות אז די מלוכה פון דוד איז אן גיברייט ארויס צו גיין פון איהר. ווארום ביי דעם מלך דוד שטייט אויך דער ווארט הלום. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דער מלך דוד איז געקומען און האט זיך געזעצט פר גאט. און האט געזאגט. גאט. ווער בין איך. און ווער איז מיין שטוב. וואס דו האסט מיך געבראכט ביז הלום. ביז צו דעם ארט. ביז צו די מלוכה. אין פסוק שטייט בועז האט געזאגט צו רות. דו זאלסט איינטונקען דיין ברויט אין עסיג. האט רבי אלעזר געזאגט פון דאנען ווייסען מיר אז אין אהייסען טאג איז גוט צו טרינקען עסיג. רבי שמואל בר נחמני זאגט בועז האט געוויזען צוא רות אז פון איהר וועט געבאהרין ווערין אזוהן וואס זיינע מעשים וועלין זיין זאהער ווי עסיג. ער וועט זיין ארשע. דאס איז מען מנשה דער מלך. אין פסוק שטייט רות האט זיך געזעצט ביי דער זייט פון דיא

לה עתידה מלכות בית דוד שתתחלק. ויצבט לה קלי ותאכל וגו' אמר רבי אלעזר ותאכל בימי דוד ותשבע בימי שלמה ותותר בימי חזקיה ואיכא דאמרי ותאכל בימי דוד ובימי שלמה ותשבע בימי חזקיה ותותר בימי רבי דאמר מר אהורייריה דרבי הוה עתיר משבור מלכא במתניתא תנא ותאכל בעה"ז ותשבע ליםות המשיח ותותר לעתיד לבא:

(ישעיה י) ג ותחת כבודו יקד יקוד כיקוד אש אמר רבי יוחנן ותחת כבודו ולא כבודו ממש רבי יוחנן לטעמיה דקרי למאניה מכבדותי רבי אלעזר אומר ותחת כבודו תחת כבודו ממש רשב"נ אמר תחת כבודו כשריפת בני אהרן מה להלן שריפת נשמה וגוף קיים אף כאן שריפת נשמה וגוף קיים.

אבר

כי לא מצינו שעתידה ליחלק דאילו ישבה בתוכם לא היה זה רומז הפסקה בין שניהם: ותאכל ותשבע. לשון עושר הוא דוד ושלמה וחזקיהו כתיב בהם עושר שהיו מביאין להם כל מלכי ארץ מנחה:

אהורייריה. ממונה על סוסים ופרדות שלו:

גמ'. גרסינן: רבי יוחנן אומר תחת כבודו ולא כבודו ממש רבי יוחנן לטעמיה כו'. ככתוב בגמרא וה"פ בין לרבי יוחנן בין לרבי אלעזר גופו נשרף אלא רבי יוחנן משמע ליה תחת כבודו כמו תחת רגליו לשון תחתית וכבודו היינו בגדיו וה"ק תחת בגדיהם של חיילותיו של סנחריב יקד יקוד ולא בגדיהם נשרפו ורבי אלעזר משמע ליה תחת לשון חליפין כמו ישלם תחת השור מאמא דרבי אלעזר לא קרי למאניה מכבדותיה הילכך ע"כ כבודו היינו גופו וה"ק כבודו ממש נשרף ותחתיו ישאר האפר ונשרפה כיקוד אש. ורבי שמואל משמע ליה תחת כרבי יוחנן וכבודו כרבי אלעזר הילכך קרא כרבי יוחנן מדרש ותחת כבודו נשרף ולא כבודו ממש והאי כבודו גופו הוא והילכך כשריפת בני אהרן שרפת נשמה וגוף קיים כדאמרי' בסנהדרין;

---

שניטערס. די אַלע מענטשין וואָס האָבען געשניטען די תבואה זענען געזעסען צווישען בועז אונ רות. האָט רבי אלעזר געזאָגט. ווייל זיא איז געזעסען בייא דער זייט פון אַלע שניטערס. אונ זיא איז ניט געזעסען צווישען די שניטערס. דאָס האָט מען איהר געוויזען אַזוי ווי זיא איז אָפּ געטיילט פון בועז; אַזוי וועט די מלוכה פון דוד צו טיילט ווערין. צו רחבעם אונ צו ירבעם. אין פסוק שטייט בועז האָט געגעבין צו רות געריקונטע זאַנגען אונ זיא האָט גיגעסין אונ איז זאַט געוואָרען; אונ האָט איבער געלאָזען. האָט רבי אלעזר געזאָגט. אַזוי מיינט מען. זיא האָט געגעסין אין די צייט פון דוד. אונ זיא איז זאַט געוואָרען אין די צייט פון שלמה. אונ זיא האָט איבער געלאָזען אין די צייט פון חזקיה. אונ אַנדערע זאָגען אַזוי. זיא האָט געגעסין אין די צייט פון דוד אונ אין די צייט פון שלמה. אונ זיא איז זאַט געוואָרען אין דיא צייט פון חזקיה. אונ זיא האָט איבער גילאָזען אין די צייט פון רבי עסין ווייזט אויף רייכקייט. זאַט זיין ווייזט אויף גרעסערע רייכקייט. אונ איבערלאָזען ווייזט אויף גאַנץ גרויסע רייכקייט. אונ דער תנא האָט געזאָגט דער וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף דיא פערד פון רבי איז געווען רייכער וויא דער מלך פון פרס. אין אַברייתא האָבען מיר געלערנט. זיא האָט געגעסין אויף דער וועלט; אונ זיא איז זאַט געווען אין דיא צייט פון משיח. אונ זיא האָט איבער געלאָזען אויף די צייט וואָס עס וועט קומען. מען האָט איהר געוויזען אַז איהר וועט גוט זיין אין אַלע דרייא צייטין:

ג ותחת כבודו יקד יקוד כיקוד אש. ביי די חיל פון סנחריב שטייט דער פסוק: רבי יוחנן זאָגט אונטער זיין כבוד האָט געברענט. אָבער זיין כבוד האָט ניט געברענט. וואָרום רבי יוחנן רופט זייגע קליידער דאָס איז מיין כבוד. מיינט דער פסוק דער גוף פון די חיל פון סנחריב האָט געברענט אָבער די קליידער זייערע האָבען ניט געברענט. אונ רבי יוחנן טייטשט דעם וואָרט תחת אונטען. אונ כבוד מיינט מען קליידער. רבי אלעזר זאָגט תחת כבודו מיינט מען דעם גוף. כבוד ווערט גירופען דער גוף. אונ תחת איז טייטשי אום געטאַהשט. מיינט דער פסוק דיא קערפער פון אַלע חיל פון סנחריב זענען פאַר ברענט געוואָרען; אונ דיא קערפער זענען אום געטאַהשט געוואָרען אויף אַש; אונ די קליידער זייערע איז געבליבען. רבי שמואל בר נחמני זאָגט תחת מיינט מען אונטען. אונ כבודו מיינט מען דעם גוף. זאָגט דר פסוק די חיל פון סנחריב זענען פאַר ברענט געוואָרען אונטער דעם גוף אַזוי וויא די קינדער פון אהרן נדב ואביהוא זענען פאַר ברענט געוואָרען. אַזוי וויא זייערע נשמות זענען פאַר ברענט געוואָרען אונ זייערע קערפערס זענען געבליבען. בייא דעם חיל פון סנחריב איז אויך אַזוי געווען; זייערע נשמות זענען פאַר

ברענט

אמר רב אחא בר אדא [אבא] אמר רבי יוחנן (דף קיד) מנין לשינוי בגדים מן התורה שנאמר (ויקרא ו) ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים. ותנא דבי רבי ישמעאל לימדה תורה דרך ארץ בגדים שבישל בהן קדירה לרבו אל ימזוג בהם כוס לרבו. אמר רבי חייא בר אבא א"ר יוחנן גנאי הוא לת"ח שיצא במנעלים המטולאים לשוק. א"ר חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל תלמיד חכם שנמצא רבב על בגדיו חייב מיתה שנאמר (משלי ח) כל משנאי אהבו מות אל תקרי משנאי אלא משניאי רבינא אמר רבד [איתמר] (שנא' (שם ז) מרבדים רבדתי ערשי) ולא פליגי הא בגלימא הא בלבושא. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מ"ד (ישעיה כ) כאשר הלך עבדי ישעיהו ערום ויחף ערום בבגדים

ארבע מיתות ע"כ: מנין לשנוי בגדים. שזהו דרך כבוד לפני המקום: ולבש בגדים אחרים והוציא את הדשן הזקיקו הכתוב ללבוש בגדים פחותים בשעת הוצאת הדשן שהיא עבודה מבזה כדי שלא ימאסו בגדיו המשובים שעובד בהן עבודת אכילה ושתיה כגון קטור ונסוך: ותנא דבי רבי ישמעאל. בדרשה דהאי קרא: בגדים שבישל בהם קדרה לרבו. דומיא דהוצאת הדשן אל ימזוג בהן כוס לרבו לפיכך הוזקק ללבוש בגדים פחותים: רבב. שומן וחלב: חייב מיתה. שצריך להיות הטוב והגון לכבוד תורתו: משניאי. שממאיסין עצמן בעיני הבריות והבריות אומרים אוי להם ללומדי התורה שהם מאוסים ומגואלים נמצא זה משניא את התורה: רבד איתמר. שכבת זרע לשון מרבדים רבדתי ערשי רפדתיו וקשטתיו במצעים וזיכים המכניסים האור והזקק לו: בגלימא. שהוא עליון אפילו רבב: בלבושא. בהוא תחתון רבד

---

ברענט געווארין אונ זייערע קערפערס זענען געבליבען: רב אחא בר אדא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגן וואו שטייט אין דיא תורה אז עס איז אכבוד פר גאט מען זאל ענדערין די קליידער פון מיאוסה אויף שענערע: ווארום עס שטייט אין פסוק דער כהן ווס גייט אראפ נעמען דיא אש פון מזבח. זאל ער אויס טאהן דיא שיינע קליידער אונ זאל אנטאהן אנדערע קליידער פראסטערע. ווייל די קליידער וועלין פאר שטויבט ווערין מיט אש. אונ איז ניט שיין ער זאל גיין טאהן דיא עבודה מקריב זיין קרבנות מיט פר שטויבטע קליידער: אונ רבי רבי ישמעאל האבין גילערונט דיא תורה לערנט אונז דרך ארץ דיא קליידער וואס דער קנעכט גייט אן גיטאהן ווען ער קאכט דעם טאפ עסין פאר זיין בעל הבית. זאל ער ניט גיין אין זייא ווען ער דער לאנגט אכוס צום בעל הבית צום טרינקען. נאר ער זאל אן טאהן אנדערע קליידער שענערע. ביי שבת איז אויך אזוי. ער זאל ניט גיין אום שבת אין די וואכעדיגע קליידער. נאר ער זאל האבין אויף שבת באזונדערע קליידער שענערע. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגן עס איז ניט שיין פאר אתלמיד חכם ער זאל ארויס גיין אין גאס מיט גילאטעטע שיך. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגן אז עס ווערט גיפונען אשמיקול פעטס אויף אקלייד פון אתלמיד חכם. איז ער ווערט מען זאל איהם הרגנן ווארום עס שטייט אין פסוק כל משנאי אהבו מות זאלסט ניט לייענען משנאי דיא וואס האבין מיך פיינט. נאר זאלסט לייענען משניאי די ווס מאכען מענטשין זאלען מיך פיינט האבין. ווארום אז אתלמיד חכם גייט ארויס אין גאס מיט מיאוסה קליידער. זאגט מען וויא פאר מיאוסע זענען די מענטשין ווס לערנען תורה. האט מען פיינט דיא תורה. דיא תלמידי חכמים האבין ליב דעם טויט. זיי זענען ווערט מען זאל זיי הרגנן. רבינא זאגט מיר האבין ניט גילערונט רבב פעטס. נאר מיר האבין גילערונט רבד שכבת זרע. אז מען געפינט אויף אקלייד פון אתלמיד חכם שכבת זרע איז ער ווערט מען זאל איהם הרגנן. אבער אז מען געפינט אשמיקול פעטס אויף זיינע קליידער קומט איהם ניט מען זאל איהם הרגנן. זאגט די גמרא רבי חייא אונ רבינא קריגען ניט. די אויבערשטע קלייד אפילו עס ווערט נאר גיפונען אויף איר אשמיקול פעטס. איז ער אויך ווערט מען זאל איהם הרגנן. אונ אז עס ווערט גיפונען אשמיקול פעטס אויף די אונטערשטע קליידער. קומט איהם ניט מען זאל איהם הרגנן. אבער אז עס ווערט גיפונען שכבת זרע אפילו אויף די אונטערשטע קליידער איז ער אויך ווערט מען זאל איהם הרגנן. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגן ווס מיינט דער פסוק אזוי ווי מיין קנעכט ישעיהו איז גיגאנגען נאקעט אונ באָרוועס. קען דען זיין אז ישעיהו הנביא איז גיגאנגען נאקעט אונ

בארוועס

בבגדים בלואים ויחף במנעלים המטולאים. א"ר יוחנן תלמידי חכמים נקראים בנאין מפני שעוסקים בבנינו של עולם כל ימיהם ואמר רבי יוחנן איזהו ת"ח שמחזירין לו אבדה בטביעת העין זה המקפיד על חלוקו להפכו. ואמר רבי יוחנן איזהו תלמיד חכם שממנין אותו פרנס על הצבור זה ששואלין אותו דבר הלכה בכל מקום ואומרה ואפי' במסכת כלה. ואמר רבי יוחנן איזהו ת"ח שבני עירו מצווין לעשות לו מלאכתו זה שמניח חפציו ועוסק בחפצי שמים וה"מ למטרח בריפתיה. וא"ר יוחנן איזהו תלמיד חכם כל ששואלין אותו הלכה בכל מקום ואומרה למאי נפקא מינה למנוייה פרנס על הצבור אי בחדא מסכת באתריה אי בכוליה תנוייה בריש מתיבתא:

(דף קטו) **ד אמר** רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן יום כפור שחל להיות בשבת מפצעין באגוזים ומפרכסים ברמונים מן המנחה ולמעלה מפני עגמת נפש דבי

פירוש

אין רבב לו: (ת"ח נקראין בנאין): שמחזירין לו אבידה בטביעת עין. כיון שאמר אני מכירה אף על פי שאינו נותן בה סימן: המקפיד על חלוקו להפכו. אם לבשו כשהיא הפוכה מקפיד עליו והופכו שמקפיד עליו שלא יראו התפירות המגונות ואימרי החלוק: בכל מקום. בכל הגמרא: ואפי' במסכת כלה. דלא רגילי בה אינשי וזה נתן לבו ונכנס. מסכת כלה ברייתא היא כלה בלא ברכה אסורה לבעלה כנדה: לעשות מלאכתו. כדאמרינן בפ"ק דיומא כתוב אחד אומר ועשית לך ארון עץ וכתוב א' אומר ועשו ארון וגו': למטרח בריפתיה. דבר שאינו יכול לטרוח בו והיינו הלויין בו: אי בחדא וכו'. אם יודע להשיב במסכת שהוא עוסק בה ממנין אותו פרנס באתריה: ואי בכוליה ש"ס. דקאי בהא מסכת ומסדר במסכת אחריני:

---

בארוועס. קען דען זיין אז ישעיהו הנביא איז גיגאנגען נאקעט אונ בארוועס אין גאס. נאר נאקעט מיינט מען אין אלטע קליידער. אונ בארוועס מיינט מען אין גילאטעטע שיך. רבי יוחנן זאגט תלמידי חכמים ווערין גירופען באהערס. זיי באהען. ווייל די גאנצע צייט וואס זייא לעבין בעשעפטיגען זיי זיך אויף צו באהען די וועלט. ווארום אז זייא וואלטען ניט גילערנט דיא תורה וואלט דיא וועלט חרוב גיווארין. נאך האט רבי יוחנן גזאגט דער תלמיד חכם וואס גיט אכטונג ער זאל ניט גיין פר קערט אין די העמד מיט די נעט אויס ווייניג: אונ אז ער זעהט ער האט אן גיטאהן די העמד פארקערט. טוהט ער זיא אויס. ער זאל איר צוריק גוט אן טאהן. אז מען געפינט אזאך אונ ער זאגט דס איז מיינע. אפילו ער וויים ניט צוא זאגין א סימן: נאר ער זאגט איך דער קען אז די זאך איז מיינע. גיט מען איהם אוועק די זאך. אונ מיר האבען ניט מורא טאמער האט ער א טעות. ווייל מיר זעהן אז דער תלמיד חכם קוקט גוט אויף א זאך. ווארום ער קוקט דאך אויף זיין העמד אויך צו וויסען אוף וועלכע זייט ער גייט איר אן גיטאהן. געוויס הט ער אויף די זאך אויך גוט גיקוקט אונ ער דער קענט זי אז דס איז זיינע. נאך הט רבי יוחנן גזאגט וועלכין תלמיד חכם נעמט מען אויף ער זאל פירען דיא שטאט. אז ער וויים צו זאגין אדין אויף וועלכין ארט מען וועט איהם פרעגין. אפילו אין די מסכת כלה. נאך הט רבי יוחנן גזאגט דער תלמיד חכם וואס לייגט אוועק זיינע זאכען אונ ארבעט נאר הימעלשע זאכען. ער לערנט טאג אונ נאכט. אונ ארבעט גיט קיין מלאכה אונ האנדילט ניט. זענען די מענטשין פאר באטען זיי זאלען ארבעטין פון זייגעט וועגין אונ איהם געבין צו עסין. אבער נאר ברויט דארפין זיי איהם געבין. אונ אנדערע נייטיגע לעבענס זאכען. ניט מער. נאך הט רבי יוחנן גזאגט ווער הייסט א תלמיד חכם. אז ער וויים צו זאגין אדין אויף וועלכין ארט מען וועט איהם פרעגין. וואס איז דען אז ער איז א תלמיד חכם. מען זאל איהם מעגין מאכען פאר א רב. אויב ער וויים נאר צוא פרעגין אונ ענטפערין אין דיא מסכתא וואס ער לערנט איצט. מעג ער זיין א רב אין זיין שטאט. אונ אויב ער וויים צו פרעגין אונ ענטפערין אין גאנץ ש"ס. מעג ער זיין א ראש ישיבה:

ד אמר. רבי חייא בר אבא הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז יום כפור גיפאלט אום דער שאבען. נאך מנחה מעג מען צו קלאפען ניס אונ אפ שיילען מילגרוימען. ער זאל האבין

רבי רב יהודה יכקנבי כרבא דבי רבא (רבה) גרדי קארי כיון דחזי דהוו קא מחרפי א"ל אתא איגרתא ממערבא משמיה דרבי יוחנן דאסור :

## כל כתבי פרק טז

**א כל** כתבי הקדש מצילין אותן מפני הדליקה בין שקורין בהם ובין שאין קורין בהם ואף על פי שכתובין בכל לשון טעונין גניזה ומפני מה אין קורין בהם מפני בטול בית המדרש :

**ב אמר** ר' יוסי מעשה באבא חלפתא שהלך אצל ר"ג ברבי לטבריא ומצאו שהיה יושב על שלחנו של יוחנן הנזוף ובידו ספר איוב תרגום והיה קורא בו אמר ליה זכור אני בר"ג אבי אביך שהיה עומד על גב מעלה בהר הבית והביאו לפניו ספ איוב תרגום ואמר לבנאי שקעהו תחת הנרבך אף הוא צוה עליו וגנזו :

תני

כיון דחזי דהוו קא מחרפי. מקדימים לפני המנחה דסהתא לאו עגמת נפש הוא : א"ל. לאיכפי ביתיה : אתא וכו'. כי היכי דליקבלו מיניה : כל כתבי הקדש. כגון תורה נביאים וכתובים ולא תימא תורה לחוד הוא דשרי למטרח ולאצולי ולא שאר ספרים : מצילין אותם. כדקתני לקמן למבוי שאינו מפולש ועירוב בעלמא הוא דשרי בה בחסרון עירוב כדמפרש בגמרא : בין שקורין בהן. כגון נביאים שמפטירין בהן בבית הכנסת בשבת : בין שאין קורין בהן. כגון כתובים. ורבינו הלוי אמר דאפילו יחידים אין קורין בהן כדקתני טעמא משום בטול בה"מ דמשכי לבא ובשבת היו דורשים דרשה לבעלי בתים שעסוקים במלאכה כל ימי החול ובתוך הדרשה היו מורים להם הלכות איסור והיתר וטוב להם לשמוע מלקרות בכתובים : ואע"פ שכתובים בכל לשון. ואיכא למאן דאמר לקמן לא ניתנו לקרות בהן מצילין אותם : טעונין גניזה. אסור להניחם במקום הפקר ובגמרא מתרץ לה ורבותי פירשו דהאי בכל לשון דקאמר אכתובים קאי ולא אנביאים ומדומה אני מפני שמצינו ביונתן בן עוזיאל שאמרו תרגום הם מפרשים כך ואני אומר אף בנביאים אם אמר יונתן לא כתבו ולא נתנו ליכתב והכי מפרש במסכת מגילה דמאן דאמר בכולהו אסור בר מס"ת יונית משום מעשה דתלמי המלך ולא מפליג התם בין נביאים לכתובים : מפני ביטול בה"מ. שהיה קבוע בשבת כדפרישית :

---

צֵער · עֶר הַאלְט עֶסִינְגְוואַרְג אִין הַאנְט אוּנ קֶען זֵייא נִיט עֶסִין : דִיא שְׁטוּב מֶענְטְשִׁין פוּן רַב יְהוּדָה פְּלֶעגִין שְׁנַייְדְעֶן קְרוֹיט · דִי שְׁטוּב מֶענְטְשִׁין פוּן רָבָא פְּלֶעגִין שְׁנַיידְעֶן פְּלוֹיצֶערִין · אַז רַב יְהוּדָה אוּנ רָבָא הָאבֶּען גִיזֶעהֶן זֵיי שְׁנַיידְעֶן צוּ פְרִיא אִין מִיטֶען טָאג · וֶוען זֵייא הָאבִּין נָאךְ נִיט קֵיין צַער פוּן הוּנְגֶער · הָאבֶּען זֵייא גְזָאגְט צוּא זֵייעֶרֶע שְׁטוּב מֶענְטְשִׁין עֶס אִיז גִיקוּמֶען אַבְרִיף פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל פוּן רַבִּי יוֹחָנָם וֶוענִין אַז מֶען טָאר נִיט שְׁנַיידִין קֵיין עֶסִינְוואַרְג אוּם יוֹם כִּפּוּר · אֲפִילוּ נָאךְ מִנְחָה אוֹיךְ נִיט :

## פרק ששה עשר

**א** כָּל כִּתְבֵי הַקוֹדֶשׁ · אַלֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים · תּוֹרָה נְבִיאִים כְּתוּבִים : מֶעג מֶען אַרוֹיס גֶעמֶען אוּם שַׁבָּת פוּן דֶעם אָרְט וָוס עֶס בְּרֶענְט אוּנ אַרַיין טְרָאגֶען אִין אַנְדֶערִין הוֹיף · אֲפִילוּ דִיא בֵּיידֶע הוֹיפִין הָאבֶּען נִיט גִיזַיינְט צוּ זַאמֶען קֵיין עֵירוּב · סַיי נְבִיאִים וָואס מֶען לֵייעֶנְט אִין זֵיי מַפְטִיר אוּם שַׁבָּת · אוּנ סַיי כְּתוּבִים וָואס מֶען לֵייעֶנְט נִיט אִין זֵיי אוּם שַׁבָּת · אוּנ אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אַנְדֶערֶע שְׁפְּרַאכִין נִיט אוֹיף לְשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ · אוּנ מֶען דַארְף זֵיי בֶּעהַאלְטֶען זֵיי זָאלֶען נִיט לִיגֶען אוֹיף מִיאוּסֶה אֶרְטֶער · פַר וָואס טָאר מֶען נִיט לֵייעֶנֶען כְּתוּבִים אוּם שַׁבָּת · מֶען זָאל נִיט זִיצֶען אִין שְׁטוּב לֵייעֶנֶען כְּתוּבִים נָאר מֶען זָאל קוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ הֶערִין דִי דְרָשָׁה :

**ב** אָמַר · רַבִּי יוֹסִי הָט גְזָאגְט מַיין פָאטֶער חֲלַפְתָּא אִיז אַמָאהל גִיגַאנְגֶען אִין טְבֶרְיָא צוּ רַבָּן גַמְלִיאֵל בְּרַבִּי · הָט עֶר גִיטְרָאפִין רַבָּן גַמְלִיאֵל זִיצְט בַּייא דֶעם טִישׁ פוּן יוֹחָנָן הַנָזוּף · אוּנ עֶר הַאלְט אִין הַאנְט אַסֵפֶר אִיוֹב גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף תַּרְגוּם לָשׁוֹן אוּנ עֶר לֵייעֶנְט אִין אִיהם · הָט מַיין פָאטֶער גְזָאגְט צוּ רַבָּן גַמְלִיאֵל אִיךְ גִידֵיינְק אַז דַיין זֵיידֶע רַבָּן גַמְלִיאֵל אִיז גִישְׁטַאנֶען אוֹיף אַטְרֶעפּ פוּן דֶעם בַּארְג וָוס דֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז אוֹיף אִיהם גִישְׁטַאנֶען · הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט פַאר אִיהם אַסֵפֶר אִיוֹב גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף תַּרְגוּם לָשׁוֹן · הָאט עֶר גְזָאגְט צוּא דֶעם וָואס הָט גִימָאהֶערְט לֵייג אִיהם אַרַיין צְווִישֶׁען דִי צִיגֶול : הָט דֶער רַבָּן גַמְלִיאֵל אוֹיךְ גִיהֵייסֶען מֶען זָאל אִיהם בֶּעהַאלְטִין :

(ע"ב) ג תנו רבנן הברכות והקמיעין אע"פ שיש בהן אותיות של שם ומענינות הרבה שבתורה אין מצילין אותן מפני הדליקה אלא נשרפין במקומן (הן ואזכרותיהן) מכאן אמרו כותבי ברכות כשורפי תורה. מעשה באחד שהיה כותב בצידן באו והודיעו לרבי ישמעאל והלך לבדקו כשהיה עולה בסולם הרגישו בו ונטל טומוס של ברכות ושקען בספל של מים ובלשון הזה א"ל רבי ישמעאל גדול העונש האחרון מן הראשון:

ד תנו רבנן (במדבר י) ויהי בנסוע הארון ויאמר משה פרשה זו עשה לה (הקב"ה) סימניות מלמעלה ומלמטה לומר שאין זו מקומה (קט"ז) רבי אומר לא מן השם הוא זה אלא מפני שספר חשוב הוא בפני עצמו. כמאן אזלא הא דאמר רבי שמואל בר נחמן (נחמני) א"ר יוחנן (יונתן) (משלי ט) חצבה עמודיה שבעה אלו שבעה ס"ת כמאן כרבי מאן תנא דפליג עליה דרבי רשב"ג היא דתניא רבי שמעון ב"ג אומר עתידה

פירוש

שנא חלפתא. אביו של רבי יוסי חלפתא שמו: ר"ג בגבי. לא שהיה בנו של רבי אלא אדם גדול קרי גברי: בר"ג אבי אביו. הוא ר"ג הזקן שהיה בדורו של חלפתא וזהו אבי אביו של רבינו הקדוש: על גבי מעלה. שבהר הבית היו מעלות כשהוא הולך וגבוה כדתנן במסכת מדות: נדבך. שורת אבני הבנין:

הברכות. מטבע הברכות שטבעו חכמים כגון י"ח ושאר ברכות: ומעניינות הרבה. מפרשיות שהיו כותבין בקמיעין פסוקים ללחש כגון כל המחלה וכגון לא תירא מפחד לילה: נשרפין במקומם. אם נפלה דליקה בשבת: כשורפי תורה. שהרי לא יצילום בשבת: לבודקו: אם אמת היה הדבר: טומוס. קבוצת קונטרסים היו כותבין תורה נביאים וכתובים:

עשה לה סימניות מלמעלה ומלמטה. להבדילה מן הסמוכות לה: מלמעלה ומלמטה. בתחלה ובסוף ויהי בנסוע הארון: שאין זה מקומה. שאינה ראויה לכאן דלאו בהלכות מסעות משתעי לעיל מיניה אלא בדגלים וראויה ליכתב בפרשת במדבר סיני: לא מן השם הוא זה. לא זו השם של טעמי הסימניות דמקומה הוא בפרשה זו בתחלת מסעות שנסעו מהר סיני דאיירי לעיל מיניה ויהי בחדש השני וגו' נעלה הענן: ז' ספרי תורה.

---

ג תנו רבנן: די רבנן האבען גילערנט אז אויף אפאפיר איז געשריבען דיא ברכות שמונה עשרה אדער אנדערע ברכות. אדער אקמיע איז געשריבען. אפילו עס איז דא אין זיי אותיות פון שם (משל י ה ו). אונ עס איז דא אין זייא פיל עניני פון דיא תורה. (דיא פסוקים כל המחלה אשר שמתי במצרים אדער אנדערע פסוקים). פון דעסטוועגין טאר מען זיי ניט מציל זיין פון אפייער אום שבת נאר זייא ווערין פאר ברענט אויף דעם ארט וואו זייא ליגען, זיי מיט דיא שמות. פון דאנען האט מען גיזאגט דיא וואס שרייבין ברכות איז גליך: זייא זיי וואלטין פאר ברענט אספר תורה. עס האט גיטראפין אין דיא שטאט צידן האט איינר געשריבען ברכות אויף פאפיר. איז מען גיקומען צו רבי ישמעאל אונ מען האט דם איהם גזאגט. איז רבי ישמעאל גיגאנגען זעהן אויב דם איז אמת: אז רבי ישמעאל איז גיגאנגען אויף דעם לייטער. האט דער שרייבער גיהערט וויא מען גייט: האט ער גינומען אפעקיל פאפיר געשריבענע ברכות אונ האט זיי אריין גילייגט אין אבעקין וואסער. מיט דעם לשון האט רבי ישמעאל צוא איהם גזאגט. דער שטראף פון די אנדערע זאך וואס דו האסט גילייגט די פאפירען אין וואסער, איז גרעסער פון די ערשטע זאך וואס דו האסט זיי געשריבען:

ד תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט די פרשה ויהי בנסע הארון ויאמר משה האט מען גימאכט צו איר צייכונס פון אנהייב אונ צום סוף. פון אנהייב אפארקערטע נון אונ צום סוף אפארקערטע נון. צו זאגין אונז אז דא איז ניט דער ארט פון די פרשה. דיא פרשה דארף שטיין אויף איין אנדער ארט. אין די סדרה במדבר. רבי זאגט ניט דם איז דער טעם פון די פארקערטע נונין. די פרשה ויהי בנסע דארף טאקי דא שטיין: נאר וויל די פרשה ויהי בנסע ווערט גירעכענט אבאזונדער ספר. דריבער האט מען גימאכט צייכונס פר קערטע נונין פון אנהייב אונ צום סוף: כדי צו טיילען די פרשה פון פריער אונ פון שפעטער. זאגט דיא גמרא וואס רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן ווענין אז דער פסוק חצבה עמודיה שבעה (די תורה האט אוים גיהאקט זיבען זיילען) דם מיינט מען דיא זיבען ספרים פון דיא תורה. דאס איז אזוי וויא רבי. וואס ער זאגט אז ויהי בנסע איז אבאזונדער ספר. וועלכער תנא קריגט אויף רבי: דם איז רבן שמעון בן גמליאל. ווארום מיר האבען גילערנט רבן שמעון בן גמליאל האט גזאגט

עתידה פרשה זו שתעקר מכאן ותכתב במקומה ולמה נכתבה כאן כדי להפסיק בין פירענות ראשונה לפורענות שניה פורענות שניה מאי היא (במדבר יא) ויהי העם כמתאוננים פורענות ראשונה ויסעו מהר ה' ואמר רבי חמא בר חנינא שסרו מאחרי ה' והיכן מקומה אמר רב אשי ברגלים :

**ת"ר** תניא הגליונין וספרי צדוקים אין מצילין אותם מפני הדליקה ר' יוסי אומר בחול קודר את האזכרות שבהן וגונזן והשאר שורפן אמר רבי טרפון אקפח את בני שאם יבאו לידי שאני אשרוף אותן ואת האזכרות שבהן שאפילו אדם רודף אחריו להרגו ונחש רץ להכישו נכנס לבית עבודת כוכבים ואין נכנס לבתיהם של אלו שהללו מכירין וכופרים והללו אין מכירין וכופרין ועליהם הכתוב אומר (ישעיה נז) ואחר הדלת והמזוזה שמת זכרונך . א"ר ישמעאל ק"ו ומה לעשות שלום בין איש לאשתו אמרה תורה שמי שנכתב בקדושה ימחה על המים הללו שמטילים קנאה ואיבה ותחרות בין ישראל לאביהם שבשמים . עאכ"ו

דפרשה זו ספר לעצמו נמצא של מעלה ספר לעצמו ושל מטה ספר לעצמו הואיל וזה מקומה ונמצא ספר וידבר נחלק לג' ספרים : עתידה פרשה זו . לעתיד שיהו כל הפורעניות בטלים ולא ידלגו לפורענות ויצה"ר בטל : מאחרי ה'. בתוך שלשה ימים למסעם התאוו האספסוף תאוה להתרעם על הבשר כדי למרוד בהקב"ה :

הגליונים . קלפים חלקים ונראה מסוגיא דגמרא דה"ק ספרי צדוקים הרי הן כגליונים כקלפים חלקים שלא נכתב בהם מעולם : ספרי צדוקים . שכתבו להן תורה נביאים כתובים כתב אשורית ולשון הקודש : קודר את האזכרות . חותך סביבות הקלף מקום השם : שאפילו רודף אדם להרגו . על עצמו קאמר : שהללו . עובדי כוכבים העובדים עבודת כוכבים אינם מכירים שהרי בכך גדלו וכך למדום אבותם : אחר הדלת והמזוזה שמת זכרונך . זכרון הוא בידך ואינם עושים לך אלא

---

**גמרא** די פרשה ויהי בנסע וועט אמאהל צו גינומען ווערין פון דעם ארט . אונ זיא וועט גישריבען ווערין אויף דעם ארט וואו זיא דארף שטיין געשריבען . אונ פר וואס איז דיא פרשה ויהי בנסע ביז איצט איז געשריבען . מפסיק צו זיין (אפ צו טיילען) צווישען די פורענות אונ די אנדערע פורענות . וואס איז געוועזען די אנדערע פורענות . ויהי העם כמתאוננים . איז אראפ גיקומען אפייער פון הימעל אונ האט פר ברענט פיל מענטשען . אונ וואס איז געוועזען דיא ערשטע פורענות . ויסעו מהר ה' . האט רבי חמא בר חנינא גיזאגט זיי האבען אפ גיקערט פון גאט . אונ וואו איז דער ארט פון דיא פרשה ויהי בנסע . האט רב אשי גיזאגט ביי דיא דגלים אין דיא סדרה במדבר :

**ת"ר** תניא . מיר האבען גילערנט דיא תורה נביאים כתובים וואס דיא אפקורסים האבען געשריבען אויף לשון קודש אונ יודישע אותיות . פון דעסטוועגין זענען זייא גלייך וויא גראמע ליידיגע פאפיר . אונ מען . טאר זיי ניט מציל זיין פון אשרפה אום שבת . רבי יוסי זאגט אום דער וואכען זאל מען אויס שניידען דיא שטיקלאך פאפיר וואס אויף זייא זענען די שמות געשריבען : אונ מען זאל זייא בעהאלטען . אונ דם איבעריגע זאל מען פאר ברענען . רבי טרפון האט גיזאגט איך זאל פאר שניידען מיינע קינדער אויב איך וועל ניט אזוי טאהן . אויב עס וועט קומען אין מיינע הענט אתורה נביאים כתובים פון די אפקורסים . וועל איך פאר ברענען זייא מיט די שמות זייערע ווארום אפילו אמענטש וואלט מיך נאך יאגין צו הרגנן . אדער אשלאנג וואלט מיך נאך יאגין צו בייסען . וואלט איך בעסער אריין גיגאנגען אין אשטוב פון אעבודה זרה . אונ וואלט ניט אריין גיגאנגען אין דיא שטוב צו די אפקורסים . ווארום דיא אפקורסים קענען גאט זייא ווייסען איהם אונ לייקענען איהם . אונ דיא וואס דינען עבודה זרה לייקענען גאט ווייל זייא קענען איהם ניט . אונ אויף די אפקורסים זאגט דער פסוק אינטער די טיר אונ אינטער דיא מזוזה האסטו גיטאהן דיין גידיינקין . דם מיינט מען דוא גידיינקסט אן גאט . אונ ווייסט איהם . נאר דו האסט איהם אוועק געווארפען אזוי וויא מעןווארפט אוועק אזאך אונטער די טיר . רבי ישמעאל זאגט מאראך צו מאכען שלום צווישען מאן אונ ווייב האט דיא תורה גיזאגט מיין נאמען וואס איז געשריבען געווארען מיט הייליגקייט זאל ער אפ גימעקט ווערען אויף דיא וואסער . דיא אפקורסים וואס זייא מאכען אפיינטשאפט צווישען דיא יודין אונ זייער פאטער וואס אין הימעל . איז געווים אז מען מעג אפ מעקין זייערע ספרים מיט זייערע שמות . אויף

דיא

עאב"ז . ועליהם אמר דוד (תהלים קלט) הלא משנאיך ה' אשנא וגו' תכלית שנאה וגו' וכשם שאין מצילים אותם מפני הדליקה כך אין מצילין אותם לא מן המפולת ולא מן המים ולא מדבר המאבדן :

ן בעא מיניה יוסף בר חנין מר' אבהו הני ספרי דבי אבידן מצילין אותן מפני הדליקה או אין מצילין אין ולאו ורפיא בידיה. רב אזיל לבי אבידן וכ"ש לבי נצרפי שמואל לבי נצרפי לא אזיל לבי אבידן אזיל. אמרו ליה לרבא מ"ט לא אתית לבי אבידן אמר להו דיקלא פלניא איכא באורחא וקשי לי ונעקריה דוכתיה קשי לי מר בר יוסף אמר אנא מינייהו אנא ולא מסתפינא מינייהו זימנא חדא אזיל בעו לסכוניה אימא שלום דביתהו דרבי אלעזר (אליעזר) אחתיה דרבן גמליאל הואי הוה ההוא פילוסופא בשבבותיה דהוה שקיל שמא דלא מ-בל שוחדא בעו לאחוכי ביה עיילא ליה שרגא דדהבא אזלא לקמיה אמרה ליה בעינא דנפלגי לי בנכסי דבי נשא אמר להו פלוגו אמר ליה כתיב לן במקום ברא ברתא לא תירות אמר ליה מן

שמצלת אותי מאחרי כולת : כך אין מצילין אותם . אפי' בחול :
דבי אבידן. ספרים שכתבו להם הצדוקים לספוכת עם ישראל ומקום שהיו הצדוקים מתוכחים שם קרי ליה בי אבידן : אין ולאו . זימנין א"ל אין וזימנין א"ל לא : לבי נצרפי . כך שמו : וקשי לי. שהכתן עמו בכשופים ולדחותן בקש הא : אמרי ליה נעקריה קשי לי דוכתיה . שהכא שם גומא. או נשי בתיהו וקשה לי כיהו וכל זה שהיו מתירלאין רב ורבא מלבוא לבי אבידן שמא מתוך שיתוכחו יעמדו עליהם ויהרגום : מינייהו אנא . מכירי הם : פילוסופא . צדוקי (ובתוספות בלשון יון פילוסופוס אוהב חכמה) : דהוה שקיל שמא כו'.

---

דיא אפיקורסים האט דוד המלך גיזאגט דיינע פיינט האב איך אויך פיינט . איך האב זייא פיינט אין טיפען הארצען ; אונ אזוי וויא מען איז ניט מציל דיא תורה נביאים כתובים פון דיא אפיקורסים פון אפייער . אזוי איז מען זייא ניט מציל אויב אוואנט איז אויף זייא ארויף געפאלען . אונ מען איז זייא ניט מציל פון וואסער . אונ מען איז זייא ניט מציל פון אנדערע זאכען וואס זיי ווערין דארט פר לארין . נאר מען לאזט זיי ליגען זיי זאלין פר לארין ווערין :

ן בעא . יוסף בר חנין האט גיפרעגט ביי רבי אבהו די ספרים פון בי אבידן ודיא שטוב וואס דארטין פלעגין צו זאמען קומען די יודען מיט די אפיקורסים צו שמועסין פון די אמונה . האט גיהייסען בי אבידן . אונ דארט פלעגט ליגען די ספרים וואס די אפיקורסים פלעגין שרייבען די קשיות מיט די תירוצים פון זיי אונ פון די יודען) . מעג מען זיי מציל זיין פון אפייער אדער ניט . אמאהל האט רבי אבהו גיזאגט יא . מען מעג זיי מציל זיין . אונ אמאהל האט ער גיזאגט ניין . מען טאר זיי ניט מציל זיין . ער האט אליין ניט גיוואוסט דעם דין : רב פלעגט גיין לבי אבידן . אונ לבי נצרפי אויך . שמואל איז לבי נצרפי ניט גיגאנגען . לבי אבידן פלעגט ער גיין . (אין בי נצרפי פלעגין אויך זיין אפיקורסים) : די אפיקורסים האבען אמאהל גזאגט צו רבא פר וואס קומסטו ניט לבי אבידן . האט רבא גזאגט צו זיי אין וועג שטייט א בוים אונ איך קען ניט ביידען זיין ביים . האבען די אפיקורסים גיזאגט מיר וועלין אויסרייסען דעם בוים . האט רבא גיזאגט דעם וועט מיר שווער זיין צוא גיין אויף דעם ארט ווא דער בוים איז גישטאנען . ווארום עס וועט זיין א גרוב . מר בר יוסף האט גיזאגט איך בין פון זיי , איך קען מיך מיט די אפיקורסים אונ איך האב ניט מורא פאר זיי . אמאהל איז מר בר יוסף גגאנגען צו זיי , איז ער גיוועז אין סכנה . אימא שלום די ווייב פון רבי אליעזר די שוועסטער פון רבן גמליאל . האט גיוואהנט (א פילוסוף (אפיקורוס) נאנט פון זיי . אונ דער אפיקורוס האט גימאכט אויף זיך א נאמען אז ער נעמט ניט קיין שוחד אז מען קומט פאר איהם צום משפט . אונ אין אמת פלעגט ער נעמען שוחד אונ פלעגט פאלש משפטן . נאר אין דער שטיל קיינער זאל ניט וויסען . האבען זייא גיוואלט לאכען פון איהם אונ ווייזען אז ער נעמט שוחד . די ווייב פון רבי אליעזר האט גיגעבין דעם אפיקורוס א גאלדענעם לייכטער . אונ זיא האט גיזאגט צו איהם איך וויל מיין ברודער זאל מיר געבין א חלק אין מיין פאטערס ירושה . האט דער אפיקורוס גיזאגט צו רבן גמליאל ער זאל איהר געבין א גלייכען חלק פון די ירושה : האט רבן גמליאל גיזאגט צו דעם אפיקורוס עס שטייט אין

מו יומא דגליתון מארעכון אתנטלית אורייתא דמשה ואתיהיבת אורייתא אחריתא וכתיב ביה ברא וברתא כחדא ירתון למחר הדר עייל ליה איהו חמרא לובא אמר להו שפילית לסיפיה דספרא וכתיב ביה אנא לא למיפק מאורייתא דמשה אתיתי (אלא) [ולא] לאוספי על אורייתא דמשה אתיתי וכתיב ביה במקום ברא ברתא לא תירות אמרה ליה נהיר נהוריך כשרגא א"ל ר"ג אתא חמרא ובטש לשרגא:

(דף קיז ע"ב) ז אמר רב חסדא לעולם ישכים אדם להוצאת שבת שנא' (שמות יז) והיה ביום הששי והכינו את אשר יביאו לאלתר אמר רבי אבא בשבת חייב אדם לבצוע על ב' ככרות דכתיב לחם משנה אמר רב אשי חזינא לרב כהנא דנקט תרתי ובצע חדא אמר לקטו כתיב. ר' זירא הוה בצע אכולה שירותיה א"ל רב כהנא לרב אשי והא מיחזי כרעבתנותא כיון דכל יומא לא עביד והאידנא הוא דעביד לא מיחזי כרעבתנותא:

ח תנו רבנן כמה סעודות חייב אדם לאכול בשבת שלש רבי חידקא אומר ארבע אמר ר"י ושניהם

היה מוליא עליו שם שאינו מקבל שוחד שבשעה דיינן הכאין לפניו והיה מקבלו בסתר: אמר ליה. פילוסופא לרבן גמליאל מיומא דגליתון וכו': שפילית. כל כוף הדבר הוא התחיה שנו ושייך למימר שפילית לסיפיה: נהור נהוריך כשרגא. הכתר אורך כהרגא רמזה שנתנה לו פמוט בשחד: א"ל. ר"ג: אתא חמרא ובטש. דהפסו לארץ כלומר אני נתתי בשחד [גי' רש"ל והכל כדי שישתמשו המתפלספים נבלותו ומי הוא]:

ישכים אדם. ערב שבת לערות ולזמן סוצאת שבת: והכינו את אשר יביאו לאלתר. בשעה שבאה הכנה והבאה בהשכמה הוא דכתיב [וילקטו אותו] בבקר בבקר: לבצוע. ברכת המוציא: נקיט תרתי. אותן בידו: לקטו (כתיב). דמשמע אתרוייהו אבל בליעה לא כתיב משנה: בצע אכולה שירותיה: פרוסה גדולה ודי לו בה לאותה סעודה ולכבוד שבת ונראה דמתכנב סעודת שבת להפסיק ולאכול ריפה:

---

אין אונזער תורה אַז עס איז דאַ אַזוהן ירשת ניט קיין טאָכטער. האָט דער אַפּיקורוס גיזאָגט צו רבן גמליאל פון דער צייט וואָס איהר זענט פערטריבען געוואָרען פון אייער לאַנד. איז שוין גינומען געוואָרען די תורה פון משה. און עס איז גיגעבין געוואָרען איין אַנדער תורה. און עס שטייט אין איהר אַז אַטאָכטער ירשת גלייך מיט אַזוהן. אויף מאָרגין איז גיגאַנגען רבן גמליאל צום אַפּיקורוס און האָט איהם גיגעבין אַמתנה איין אייזיל פון לוב. און רבן גמליאל מיט דיא שוועסטער זענען נאָך אַמאָהל גיקומען פאַר דעם אַפּיקורוס צום משפט וועגין די ירושה. האָט דער אַפּיקורוס צו זיי גיזאָגט זעהט נאָר וואָס עס שטייט אין סוף פון דעם ספר. און דאָרט איז אַזוי גיווען געשריבען. איך בין ניט גיקומען אוים צו ציהען פון די תורה פון משה. און ניט צו מערין אויף דער תורה פון משה. און עס שטייט ווא עס איז דאַ אַזוהן זאָל אַטאָכטער ניט ירשנען. האָט אימא שלום גזאָגט צום אַפּיקורוס דיין ליכטיגקייט זאָל לייכטען אַזוי ווי די ליכט האָט רבן גמליאל גזאָגט אַיין אייזיל איז גיקומען און האָט צו טרעטין דיין לייכטער. דער וועלט האָבען אַלע מענטשין גיהערט אַז ער האָט גינומען שוחד ביי זיי ביידע:

ז אָמַר. רב חסדא האָט גזאָגט יעדער מענטש זאָל זיין פריטאָג גאַנץ פריא קויפען אויף שבת (עיין רש"י). רבי אבא האָט גיזאָגט אַמענטש דאַרף מאַכען המוציא אום שבת אויף צוויי חלות. וואָרום עס שטייט אין פסוק לחם משנה טאָפּעלע ברויט. צווייא ברויט. רב אשי האָט גיזאָגט איך האָב גיזעהן רב כהנא האָט גיהאַלטען אין האַנט צווייא חלות ווען ער האָט גיזאָגט די ברכה המוציא און ער האָט צו שניטען נאָר איין חלה. און ער האָט גיזאָגט אין פסוק שטייט מען זאָל קלויבען (נעמען) טאָפּעלע ברויט. אָבער עסין זאָל מען צו יעדער סעודה נאָר איין ברויט. רבי זירא ווען ער האָט גימאַכט המוציא האָט ער אָפּ געשניטען פון די חלה אַגרויסע שטיק: צו ווייזען אַז ער האָט ליב די סעודה פון שבת און ער וויל פיל עסין פון דיא סעודה. האָט רב כהנא גיזאָגט צו רב אשי ער האָט דאָך אוים גיזעהן וויא אַפרעסער. האָט רב אשי גיענטפערט ווייל אַלע טאָג האָט ער ניט גיטאהן אַזוי. נאָר שבת האָט ער אַזוי גיטאָהן. האָט ער ניט אוים גיזעהן ווי אַפרעסער:

ח תנו רבנן. די רבנן האָבען גירעדט ווי פיל סעודות דאַרף אַמענטש עסין אום שבת. דריי

ושניהם מקרא אחד דרשו (שמות טז) ויאמר משה אכלוהו היום כי שבת היום לה' היום לא תמצאוהו בשדה ר' חידקא סבר הני תלתא היום לבר מאורתא ורבנן סברי בהדי דאורתא. (ד' קיח) א"ר שמעון בן פזי א"ר יהושע בן לוי משום בר קפרא כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול משלש פורעניות מחבלו של משיח ומדינה של גיהנם וממלחמת גוג ומגוג מחבלו של משיח כתיב הכא יום וכתיב התם (מלאכי ג) הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא לפני בוא יום ה' וגו'. מדינה של גיהנם כתיב הכא יום וכתיב התם (צפניה א) יום עברה היום ההוא. ממלחמת גוג ומגוג כתיב הכא יום וכתיב התם (יחזקאל לח) ביום בוא גוג:

**ט אמר** רבי יוחנן משום רבי יוסי כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלא מצרים שנאמר (ישעיה נח) אז תתענג על ה' וגו' והאכלתיך (ע"ב) נחלת יעקב אביך וגו' לא כאברהם שכתוב בו (בראשית יג) קום התהלך בארץ לארכה ולרחבה ולא כיצחק

שכתוב

תלתא היום. למנין ג' סעודות קא (ואשמעינן ר"י דלא נאמר דרבנן סברי שלש סעודות ביום ורבי חידקא סבר ד' לא"ה תלתא היום כתיבי ורבנן סברי בהדי דאורתא איירי קרא ור"ח סבר לא איירי קרא בדאורתא. הרי"ף): חבלו של משיח. כשאומרין בכהונות דור שבן דוד בא בו קטיגוריא הפשה שנאמר ועוד בר עשירים: חבלו. לשון חבלי יולדה:

בלא מצרים. כלומר אין להם קץ: אז תתענג על ה'. בתר וקראת לשבת עונג כתיב: נחלת יעקב. ולא נחלת אברהם ויצחק: לארכה ולרחבה.

---

דרייא. רבי חידקא זאגט פיר. רבי יוחנן זאגט ביידע דרשנן איין פסוק עס שטייט אין פסוק ויאמר משה אכלוהו היום (משה האט געזאגט איר זאלט עסין דעם מן היינט) כי שבת היום לה' (ווארום היינט איז שבת צו גאט) היום לא תמצאוהו בשדה (היינט וועט איר ניט געפינען דעם מן אין פעלד). רבי חידקא האלט די דריי מאהל היום וואס ווייזט אז מען דארף עסין דריי סעודות אום שבת; די דריי סעודות דארפין זיין שבת ביי טאג אויסער די סעודה פון שבת ביי נאכט. צו זאמען איז פיר סעודות. אונ די רבנן האלטין מיט די סעודה פון שבת ביי נאכט איז דריי סעודות. איינע ביי נאכט אונ צוויי ביי טאג. רבי שמעון בן פזי האט געזאגט רבי יהושע בן לוי האט געזאגט פון בר קפראס וועגין דער וואס האלט די מצוה צו עסין דריי סעודות שבת וועט ער בשערעמט ווערין פון דריי צרות: פון די צרות וואס עס וועט זיין אין די צייט ווען משיח וועט קומען. אונ פון די יסורים פון גיהנם. אונ פון די מלחמה פון גוג אונ מגוג. פון וואנען ווייסין מיר אז ער וועט בשערעמט ווערין פון די צרות וואס עס וועט זיין אין די צייט ווען משיח וועט קומען. ווארום דא שטייט יום (מען זאל עסין א סעודה היינט אום שבת). אונ דארט ביי משיח שטייט איך וועל שיקען צו אייך אליה הנביא איידער עס וועט קומען יום ה'. דער טאג פון גאט. דער יום פון די סעודה פון שבת בשערעמט פון די צרות פון דעם יום וואס עס וועט זיין ווען משיח וועט קומען. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז ער וועט בשערעמט ווערין פון די יסורים פון גיהנם. ווארום דא שטייט יום (מען זאל עסין א סעודה היינט אום שבת). אונ דארט ביי דעם גיהנם שטייט יום עברה היום ההוא דער טאג איז א טאג פון צארין. דער יום פון די סעודה פון שבת בשערעמט פון דעם צארין פון דעם יום פון גיהנם. אונ פון וואנען ווייסין מיר אז ער וועט בשערעמט ווערין פון די מלחמה פון גוג אונ מגוג. ווארום דא שטייט יום (מען זאל עסין א סעודה היינט אום שבת) אונ דארט ביי די מלחמה פון גוג אונ מגוג שטייט ביום בוא גוג אין דעם טאג וואס גוג אונ מגוג וועט קומען. דער יום פון די סעודה פון שבת בשערעמט פון דעם יום וואס די מלחמה פון גוג אונ מגוג וועט זיין:

**ט אמר.** רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי יוסיס וועגין דער וואס האט פארגעניגען שבת פון עסין אונ טרינקען אונ נאך אנדערע זאכין. וועט אים גאט געבין א נחלה אן אגרענעץ. אן אסוף. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז דו וועסט האבין פערגעניגען פון דעם שבת (וואס גאט האט געבאטין. וועט מען דיר געבין עסין די נחלה פון דיין פאטער יעקב. ניט אזוי וויא אברהם וואס ביי אים שטייט שטיי אויף אונ גיי אין דיא לאנד דיא לענג אונ דיא ברייט. האט מען

אים

שכתוב בו (שם יג) כי לך ולזרעך אתן את כל הארצות האל אלא כיעקב שכתוב בו (שם כח) ופרצת ימה וקדמה וצפונה ונגבה רב נחמן בר יצחק אמר ניצול משיעבוד עובדי כוכבים כתיב הכא והרכבתיך על במתי ארץ וכתיב התם (דברים לג) ואתה על במותימו תדרוך. ואמר רב יהודה אמר רב כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו שנאמר (תהלים לז) והתענג על ה' ויתן לך משאלות לבך עונג זה איני יודע מה הוא כשהוא אומר (ישעיה נח) וקראת לשבת עונג הוי אומר זה עונג שבת. אמר רבי חייא בר אבא אמר רבי יוחנן כל המשמר שבת כהלכתו אפילו עובד כוכבים (כדור) אנוש מוחלין לו שנאמר (שם נו) אשרי אנוש יעשה זאת וגו' מחללו אל תקרי מחללו אלא מחול לו. א"ר יהודה אמר רב אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון שנאמר (שמות טז) ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט ולא מצאו וכתיב בתריה ויבא עמלק. א"ר יוחנן משום רבי שמעון בן יוחאי אלמלי משמרים ישראל ב' שבתות כהלכתן מיד נגאלים שנאמר (ישעיה נו) כה אמר ה' לסריסים אשר ישמרו את שבתותי וכתיב בתריה והביאותים אל הר קדשי וגו'

אמר

הארץ הזו ולא יותר: הארצות האל. וזו לא: כדור אנוש. דור אנוש שהתחילו לעבוד עבודת כוכבים דכתיב אז הוחל וגו': בתריה. בתר ההיא פרשתא:

---

אים נאר צו געזאגט דיא לאנד. ניט מער. אונ ניט אזוי וויא יצחק וואס ביא אים שטייט צוא דיר אונ צוא דיינע קינדער וועל איך געבין די אלע לענדער. ניט מער. נאר אזוי וויא יעקב וואס ביי איהם שטייט דו וועסט דיך שטארקן אין מערב זייט: אונ אין מזרח זייט. אונ אין צפון זייט. אונ אין דרום זייט. רב נחמן בר יצחק זאגט דער וואס איז מקיים די מצוה צו עסן דריי סעודות אום שבת וועט ער בשערעמט ווערין ער זאל ניט בדארפן דינען צו דיא שטערין דינער. ווארום דא ביי שבת שטייט נאך זאגט איך וועל דיך מאכען טרעטין אויף די הייך פון די ערד. אונ דארטין ביי די שטערין דינער שטייט דו וועסט טרעטין אויף זייערע הייך. דער וואס היט שבת וועט טרעטין אויף די געצין דינער. נאך האט רב יהודה געזאגט פון רבס וועגין דער וואס האט פערגעניגען פון שבת. גיט מען איהם אלץ וואס זיין הארץ פערלאנגט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אז דו וועסט האבען פערגעניגען ווייל גאט האט גיהייסען. וועט דיר גאט געבין וואס דיין הארץ וועט פערלאנגען. איך ווייס אבער ניט וועלכין פערגעניגען דער פסוק מיינט. אז דער פסוק זאגט דו זאלסט רופען פערגעניגען צו שבת: ווייסען מיר אז דער פסוק שמועסט פון דעם שבתדיגען פערגעניגען. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין דער וואס היט שבת אזוי ווי דער דין איז אפילו ער האט געדינט עבודה זרה אזוי ווי דער דור אנוש. איז מען איהם מוחל. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וואוהל דעם מענטש וואס ער טוהט די זאך. ער היט שבת. מחללו. זאלסט ניט לייענען מחללו. נאר מחול לו. מען שענקט איהם אלע עבירות. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין ווען די יודען וואלטען געהיט דעם ערשטין שבת. וואלט קיין פאלק ניט געוועלטיגט אויף זיי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אונ עס איז גיוועזען דעם זיבעטין טאג. שבת. זענען ארויס גינאנגען יודען פון דעם פאלק קלייבען מן אונ זיי האבען ניט גיפונען. האבען זיי ניט גיוואלט היטען שבת. שטייט דער נאך עמלק איז גיקומען מיט זיי מלחמה האלטען. אבער אז זיי וואלטען געהיט שבת וואלט עמלק ניט גיקומען. רבי יוחנן האט געזאגט פון רבי שמעון בן יוחאים וועגין ווען די יודען זאלען היטען צוויי שבתים ווי דער דין איז וואלטען זיי באלד אוים גילייזט גיווארין. ווארום עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט גזאגט צו די סריסים וואס וועלין היטן מיינע שבתים. דער נאך שטייט איך וועל זיי ברייגגען צוא מיין הייליגען בארג צום בית המקדש. אז דער פסוק זאגט זייא וועלין היטען שבתים. ביינט מען צוויא. וועט מען זייא באלד אויס לייזען אונ ברייגגען אין ארץ ישראל צום בית המקדש:

אמר

(ע"ב) י **אמר** רבי יוסי יהא חלקי מאוכלי שלשה סעודות בשבת וא"ר יוסי יהא חלקי מגומרי הלל בכל יום. איני והאמר מר הקורא הלל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף כי קאמרינן בפסוקי דזמרה. ואמר רבי יוסי יהא חלקי מהמתפללין עם דמדומי חמה. (אמר רבי חייא בר אבא) אמר רבי יוחנן מצוה להתפלל עם דמדומי חמה אמר רבי זירא מאי קראה (תהלים עב) ייראוך עם שמש ולפני ירח דור דורים. א"ר יוסי יהא חלקי ממתים בחולי מעים דאמר מר רובן של צדיקים מתים בחולי מעים. ואמר רבי יוסי יהא חלקי ממתים בדרך מצוה. ואמר רבי יוסי יהא חלקי ממכניסי שבת בטבריא וממוציאי שבת בצפורי. וא"ר יוסי יהא חלקי ממושבי בית המדרש ולא ממעמידי בית המדרש. וא"ר יוסי יהא חלקי מגבאי
צדקה

הרי זה מחרף ומגדף. שהנביאים הראשונים תקנום לומר לפרקים לשבח והודאה כדאיתא בערבי פסחים וזה הקורא תמיד בלא עתו אינו אלא כאומר שיר ומהלתן: בפסוקי דזמרה. שני מזמורים של הלולים הללו את ה' מן השמים הללו אל בקדשו: דמדומי חמה. כשהיא אדומה שחרית לאחר הנץ מיד היא אדומה וערבית סמוך לשקיעתה: עם שמש. (עם) זריחתה: ולפני ירח. קודם אור הירח בעוד החמה לא שקעה: ממתים בחולי מעים. שמכפרין ביסורים ומתמרקין עונותיהם. וכתבו בתוספות ר"י אומר כי יש מדרש למתק החולה מן המעיים להיותם נקיים כשהולך כמלאכי השרת: ממכניסי שבת בטבריא. לפי שהיא עמוקה ומתכסה מבעוד יום וסבורים שחשכה: וממוציאי שבת בצפורי. שיושבת בראש ההר ונכנס שהחמה שוקעת נראים שם אור גדול שלהבת גראה: ממושבי בהמ"ד. תגים מאספים תלמידים בכל יום [לגה] לב"ס: ממעמידי

י אמר. רבי יוסי האט געזאגט הלואי וואלט איך געהאט אזוי אטייל אויף עולם הבא ווייא
די וואס עסן דריי סעודות אום שבת. נאך האט רבי יוסי געזאגט הלואי וואלט איך געהאט אזוי
אטייל אויף עולם הבא. ווייא די וואס זאגען אלע טאג גאנץ הלל. פרעגט די גמרא עס איז
דאך ניט אזוי דער תנא האט דאך געזאגט דער וואס לייענט הלל אלע טאג לעסטערט ער גאט.
ענטפערט די גמרא רבי יוסי מיינט ניט הלל. נאר הללויה: דער וואס זאגט הללויה אלע טאג
האט ער עולם הבא. נאך האט רבי יוסי געזאגט הלואי וואלט איך געהאט אזוי אטייל אויף עולם
הבא ווי די וואס דאווענען ווען די זוהן איז רויט. שחרית דאווענען זיי באלד ווייא די זוהן קומט
ארויס ווען זיא איז נאך רויט. אונ פארין נאכט דאווענען זיי ווען די זוהן איז רויט נאנט צום
אונטער גיין. רבי יוחנן זאגט עס איז א מצוה צוא דאווענען ווען דיא זוהן איז רויט. רבי זירא
זאגט פון וועלכין פסוק ווייסען מיר די מצוה. דוד המלך האט געזאגט ייראוך עם שמש. זייא
געמען אויף זיך דיין מורא אונ זענען מתפלל פאר דיר גלייך ווען די זוהן שיינט אויף. ולפני
ירח דור דורים. אונ ווען די זוהן גייט אונטער איידער די לבנה קומט אויף זענען זיי אויך
מתפלל פאר דיר. האט רבי יוסי געזאגט הלואי וואלט איך געהאט אזוי אטייל אויף עולם הבא.
ווייא די וואס שטארבען פון א מאגין קראנקייט. ווארום דער תנא האט געזאגט דאס מערסטע
צדיקים שטארבען פון א מאגין קראנקייט. זיי זאלען קומען אויף עולם הבא מיט א ריינעם מאגין.
נאך האט רבי יוסי געזאגט הלואי וואלט איך געהאט אזוי אטייל אויף עולם הבא ווייא דיא וואס
שטארבען אין וועג ווען זיי גייען טאהן א מצוה. נאך האט רבי יוסי געזאגט הלואי וואלט איך
געהאט אזוי אטייל אויף עולם הבא ווייא די וואס נעמען צו שבת אין טבריא. אונ ווייא די וואס
לאזען אויס שבת אין ציפורי ווייל טבריא איז אין א טאהל ווערט פרייטאג פארין נאכט פריא
פינסטער. נעמט מען צו פריא שבת אונ צפורי איז געווען אויף א בארג. ווערט שבת פארין
נאכט שפעט פינסטער. גייט מען שפעט ארויס פון שבת] נאך האט רבי יוסי געזאגט הלואי וואלט
איך געהאט אזוי אטייל אויף עולם הבא ווי די מענטשין וואס פאר זאמלען תלמידים זייא זאלען
קומען אלע טאג אין בית המדרש לערנען. אונ ניט ווייא די מענטשין וואס זאגען צו די תלמידים
שטייט אויף פון לערנען עס איז געקומען די צייט צו גיין עסין. נאך האט רבי יוסי געזאגט מיין
חלק זאל זיין אויף עולם הבא ווייא די מענטשין וואס נעמען צו זאמען געלט אויף צדקה. אונ
ניט ווייא די מענטשין וואס צו טיילען די צדקה צו דיא ארעמע לייט. ווארום א מאהל האבען
די אפשות דעם ארעם מאן וואס מען דארף געבין פיל. געבען זיי איהם ווייניג. גזלען זיי דאך
דעם

צדקה ולא ממחלקי צדקה. וא"ר יוסי יהא חלקי ממי שחושדין אותו ואין בו אמר רב פפא לדידי חשדן ולא הוה בי. ואמר רבי יוסי מימי לא נסתכלתי במילה שלי איני והאמרו ליה לרבי מ"ט קרי לך רבינו הקדוש אמר להם מימי לא נסתכלתי במילה שלי רבי מילתא אחריתי הוה ביה שלא הכנים ידו תחת אבנטו. ואמר ר' יוסי מימי לא ראו קורות ביתי אימרי חלוקי. ואמר רבי יוסי מימי לא עברתי על (דעת) ודברין חברי יודע אני בעצמי שאיני כהן ואם אומרים לי חברי עלה לדוכן אני עולה. וא"ר יוסי מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי:

יא **אמר** רבי נחמן תיתי לי דקיימית ג' סעודות בשבת וא"ר יהודה תיתי לי דקיימית עיון תפלה אמר רב הונא בריה דרב יהושע תיתי לי דלא מסגינא ד' אמות בגלוי הראש. אמר רב ששת תיתי לי דקיימית מצות תפילין ואמר רב נחמן תיתי לי דקיימית מצות ציצית. אמר ליה רב יוסף לרב יוסף בריה דרבא אבוך במאי זהיר טפי אמר ליה בציצית

יומא

ממונים לגבות מהכל לומר תנו עם לעמוד ולחלוק: מתחלקי. לעניים צדקה דאמרינן פ"ק (דב"ב) דגביית צדקה גובים בב' ומתחלקת בשלשה והמתחלקים אותה עליהם לבדוק לפי הצריך לכל אחד ואחד ופעמים שקרובה דעתם לרחם על זה לחלקו יותר מן הצורך שאומדים לו בכרתם ואומרים את חברו נגמלום: לא נסתכלתי וכו'. מרוב צניעות: והאמרו ליה וכו'. ואמ"ל לר' יוסי מפי כ"ל למיקרייה רבינו הקדוש: תחת אבנטו. מן אבנט ולמטה: לא ראו קורות וכו'. כשפשט חלוקו (לא היה מביט מרוב צניעות כשפושטו) שפשטו כמו שהיה לובשו דרך ראשו מכסה את עצמו תחלה משום צניעות בסדינו (מתחת) ויושב בתוכו: אלו היו חברי אומרים עלה. וכתבו בתוספות לא ידע ר"י מה איסור יש בזר העולה לדוכן אם לא משום ברכה לבטלה שלכהנים אמרה תורה לברך את ישראל עד כאן: לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי. אם לא פי שאמרתי עליו דבר ובלא אם אמרתי (כן) עליו לא חזרתי כי לומר איני כדברי לפי שמתחלה אמת אמרתי וקסבר כל מילתא דמתאמרא באפי תלתא לית בה משום לישנא בישא וכן מפרש במסכת ערכין:

דקיימית מצות תפילין. בלא הלך ד' אמות בלא

---

דעם ארעם מאן. נאך האט רבי יוסי געזאגט מיין חלק זאל זיין אויף עולם הבא וויא דער מענטש וואס מען איז איהם חושד. אונ עס איז ליגען. רב פפא האט געזאגט מיך האט מען חושד געווען. אונ עס איז געוועזן ליגען. נאך האט רבי יוסי געזאגט אזוי לאנג וויא איך לעב האב איך ניט געקוקט אויף מיין מילה. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי. ווארום מען האט געפרעגט ביי רבי פאר וואס רופט מען דיך רבינו הקדוש. האט רבי געזאגט ווייל אזוי לאנג וויא איך לעב האב איך ניט געקוקט אויף מיין מילה. אז מיר וועלין זאגען רבי יוסי האט אויך אזוי געטאהן. האט מען דאך איהם אויך געדארפט רופען רבי יוסי הקדוש. זאגט די גמרא רבי האט געטאהן נאך אמעלה. ער האט ניט געהאלטען די האנט נידעריגער ווי דער גארטיל. דריבער האט מען איהם גערופען רבינו הקדוש. נאך האט רבי יוסי געזאגט אזוי לאנג וויא איך לעב האבען די בעלקעס פון מיין שטוב ניט געזעהן דעם זוים פון מיין העמד. נאך האט רבי יוסי געזאגט אזוי לאנג ווי איך לעב בין איך ניט אריבער געגאנגען מיין חברים רייד. איך וייס ביי מיר אז איך בין ניט קיין כהן אונ אויב מיינע חברים וואלטען צו מיר געזאגט גיי דוכנען. וואלט איך געגאנגען דוכנען. נאך האט רבי יוסי געזאגט אזוי לאנג וויא איך לעב האב איך ניט געזאגט אזוי אזאך איך זאל דארפען דער נאך חרטה האבען אונ זאגען איך האב ניט אזוי געזאגט. נאר איך האב אייביג געזאגט דעם אמת. אז מען האט מיך געפרעגט צו איך האב אזוי געזאגט האב איך געזאגט יא:

יא אמר. רב נחמן האט געזאגט זאל מיר ביי שטיין דער זכות פון די מצוה וואס איך האב מקיים געוועזן צו עסין דריי סעודות אום שבת. רבי יהודה האט געזאגט מיר זאל ביי שטיין דער זכות וואס איך דאווין פרום. רב הונא דער זוהן פון רב יהושע האט געזאגט מיר זאל ביי שטיין דער זכות פון דיא מצוה וואס איך בין קיין מאהל ניט געגאנגען פיר איילען מיט דעם בלויזען קאפ. רב ששת האט געזאגט מיר זאל ביי שטיין דער זכות וואס איך האב מקיים געווען די מצוה פון תפילין. איך בין ניט געגאנגען פיר איילען אן תפילין. רב נחמן האט געזאגט מיר זאל ביי שטיין דער זכות וואס איך האב מקיים געווען די מצוה פון ציצית. איך בין ניט געגאנגען פיר איילען אן ציצית. רב יוסף האט געזאגט צו רב יוסף דער זוהן פון רבא אין וועלכע מצוה איז דיין

פאטער

יומא חד הוה קא סליק בדרגא איפסיק ליה חוטא ולא נחית ואתא כמה דלא רמייה. ואמר אביי תיתי לי דכי חזינא צורבא מרבנן דשלים מסכתיה (דף קיט) עבידנא יומא טבא לרבנן. אמר רבא תיתי לי דכי אתא צורבא מרבנן לקמאי לדינא לא מזיגנא רישא אבי סדיא כמה דלא מהפיכנא בזכותיה אמר מר בר רב אשי פסילנא ליה לצורבא מרבנן לדינא מ"ט דחביב עלי כגופאי ואין אדם רואה חובה לעצמו ר' חנינא מיעטף וקאי בפניא דמעלי שבתא אמר בואו ונצא לקראת שבת מלכתא. ומאמרים אחרים במצות כבוד שבת ע"כ:

יב רבי ינאי לביש מאניה מעלי שבתא ואמר בואי כלה בואי כלה רבה בר רב הונא איקלע לבי רבה בר רב נחמן קריב ליה תלת סאוי טחיי א"ל מי הוה ידעיתון דאתינא א"ל מי עדיפת לן מינה (דכתיב וקראת לשבת עונג). רבי אבא זבן בתליסר אסתירי פשיטי בשרא מתליסר טבחי ומשלים להו אצינורא דדשא ואומר להם אשור הייא אשור הייא רבי אבהו הוה

תפילין וכן לענין ציצית: עד דרמיה. שתקנה והוא לשון תליה כדאמרינן בעלמא לא דמי תולין: דשלים מסכתיה. שגומרה: עבידנא יומא טבא לרבנן. לתלמידים ראש ישיבה היה: תיתי לי. ישולם שכרי: דכי אתא צורבא דרבנן כו'. שחייבים ס"ח עלי: דלא מזיגנא רישא אבי סדיא. איני מניח ראשי על הכר: כמה דלא מהפיכנא ליה בזכותיה. עד שאמצא אם יש בדבריו זכותו: מיעטף. בבגדים נאים:
בואי כלה. הוי קרי לה לשבינתא שבת מתוך חביבות: טחיי. רקיקים שחים פניהם בשומן אלא או בשמן: מי עדיפת לן מינה. כלום אתה חשוב לנו מן השבת לכבוד שבת הכנתם ולא היינו יודעים שתבא: מתליסר טבחי. לטעום בשבת מן המובחר: איסתרי. סלעים: איסתרי פשיטי. בלשון מדינה והם אחד מח' בסלע צורי והיינו חלי דינר: ומשלים להו אצינורא דדשא. לפני בואה לשבת לו שהבשר היה מזומן לכך מעותם על עצמו: ואומר להם אשור הייא. כשאמרו והתחיל מכר בשהמוכרים למכר ולחזור ולמכור ולהתעסק בצרכי שבת ולי נראה ומשלים להו אצינורא כשהיה מביא לאשתו היה נותנה לשמשים המכינים סעודתו אל פתח ביתו ולא היה נכנס אלא ממהר לחזור ולהביא אחרת ואמר להם לשמשים אשור הייא

---

פאטער געזעען מער געהיט. האט ער איהם גיגעבען פערד. אין ציצית. אמאהל איז מיין פאטער ארויף גיגאנגען אויף א לייטער. איז אם געריסען געווארען אפאדעם פון א ציצה. האט ער ניט גיוואלט אראפ גיין פון לייטער. ביז מען האט איהם גיגעבען אנייע ציצה אונ ער האט איר איין גיבונדען אין קלייד אזוי וויא דער דין איז. אביי האט גיזאגט מיר זאל ביי שטיין דער זכות פון די מצוה אז איך זעה אלמדן ענדיגט איום אמסכת. מאך איך איום טוב פאר די רבנן. רבא האט גיזאגט מיר זאל ביי שטיין דער זכות פון דיא מצוה אז אלמדן קומט פאר מיר צו אדין תורה. לייג איך ניט מיין קאפ אויף אקישען. ביז איך זוך אונ זעה טאמער וועל איך געפינען פאר איהם אזכות. איהם גירעכט צו מאכען. מר בר רב אשי האט גיזאגט איך בין פסול צו זיצען ביי אדין תורה פון אלמדן. ווייל איך האב ליב דעם למדן אזוי וויא זיך: אונ אזוי וויא אמענטש קען זיך ניט שולדיג מאכען אזוי קען איך ניט שולדיג מאכען דעם למדן. רבי חנינא פלעגט זיך איין וויקלען אין שיינע קליידער ערב שבת פארין נאכט. אונ ער האט גיזאגט צו דיא תלמידים קומט מיר וועלען ארויס גיין נעגין שבת המלכה:

יב רבי ינאי פלעגט אן טאהן זיינע שבת קליידער ערב שבת פארין נאכט אונ ער פלעגט זאגען צום שבת קום כלה קום כלה. רבה בר רב הונא איז אמאהל גיקומען אויף שבת צו רבה בר רב נחמן. ווען מען האט גיגעסען די סעודה פון שבת האט מען גיבריינגט צום טיש דריי מאס קיכלאך בשמירט פון הויבען מיט בוימאייל אדער מיט שמאלץ. האט רבה בר רב הונא גיפרעגט צו רבה בר רב נחמן פון וואגען האט איר גע וואוסט אז איך וועל קומען וואס איר האט אזוי פיל אן גיגרייט. האט רבה בר רב נחמן גיענטפערט ביסטו דען בעסער ביי אונז ווי שבת. מיר האבען ניט געוואוסט אז דו וועסט קומען. אונ די קיכלאך האט מען אן גיגרייט אויף שבת: רבי אבא האט גיקויפט פלייש אויף שבת פאר דרייצעהן אסתירים (דאס איז אזוי אכטבען) פון דרייצעהן קצבים. ער זאל האבען אויף שבת די בעסטע פלייש. אונ איידער דיא קצבים פלעגען קומען מיט די פלייש. פלעגט ער שוין אן גרייטען דאס געלט ביי דיא טיר. אונ אז דיא קצבים זענען געקומען. פלעגט ער זאגען צו זייא געשווינד טראגט אריין פלייש. איר זאלט ניט

אויף

הוה יתיב אתכתקא דשינא ומושיף נורא רב ענן לביש גונדא דתנא דבי רבי ישמעאל בגדים שבשל בהם קדרה לרבו אל ימזוג בהם כוס לרבו רב ספרא מחריך רישא רבא מלח שיבוטא רב הונא מדליק שרגי רב פפא גדיל פתילתא רב חסדא פרים סלקא רבה ורב יוסף מצלחי ציבי רבי זירא מצתת צתותי רב נחמן בר יצחק מכתף ועייל מכתף ונפיק אמר אילו מקלעין לי ר' אמי ורבי אסי לא מכתפינן כמיהו ואיכא דאמרי רבי אמי ורבי אסי מכתפי ועיילי מכתפי ונפקי אמרו אילו מקלע לן ר' יוחנן מי לא מכתפינן קמיה:

יג יוסף מוקיר שבי הוה ההוא עובד כוכבים בשבבותיה דהוו נפישי נכסיה טובא אמרו ליה כלדאי כולהו נכסי יוסף מוקיר שבי אכיל להו אזיל זבנינהו לכולהו נכסי זבן בהו מרגניתא אותבה

כהאשרו מהר לסכין את זו בשעה שאני לבושה את זו: אתכתקא דשינא. פלטשאה"ו בל"ע של שן שהשוב כיס ועשיר: ומושיף נורא. נופח משם מלא לכבוד שבת: ורבינו בלי גריס אתכתקא דשאגא פרוכי: לביש גונדא. כלי שחור להודיע שהיום אינו כחלוי להתענג בחשיבות מלהתעסק בתבשילי שבת ולא יטנף בגדיו בבישול קדרות: דתנא דבי רבי ישמעאל וכו'. דבשול קדרה מטנף בגדים: מחריך רישא. אם היה שם ראש בהמה לחרוך מחרכו הוא בעצמו: פרים. לשון פרומים מחתך: מצתת צתותי. מלית מלח בכלים דקים: מכתף ועייל מכתף ונפיק. בע"ש יוצא ונכנס ומביא תמיד משאות כלי תשמיש ובגדי חופש ומגדים כאדם שמקבל את רבו בביתו ומראה לו שכוונת הטוב עליו וחרד לכבודו לפרוס ולסרבות בשבילו:

מוקיר שבי. מכבד שבתות: א"ל כלדאי. לפי שהוא עובד כוכבים. כלדאי חוזים בכוכבים: אכיל להו. סופם ליפול בידו: תותביה בסייניה. עשה לו כובע של לבד ונתנו במצבלת של שבב

אויה האלטען קיין מענשין. מען זאל גיט מחלל שבת זיין. רבי אבהו פלעגט זיצען פרייטאג אויף אשטוהל פון עלפאנדביין ווייל ער איז געווען רייך אונ פלעגט בלאזען דעם פייער. דאס עסין וואס אויף שבת זאל געשווינד פערטיג ווערין. מען זאל ניט מחלל שבת זיין. רב ענן פלעגט אן טאהן פרייטאג אפראסטע קלייד. צוא וייזען אז היינט דארף ער זיין בשעפטיגט ביי דעם קוימען צו קאכען דס עסין אויף שבת. אונ דבי רבי ישמעאל האבען גילערונט די קליידער וואס מען קאכט מיט זייא אמאל פאר אבעל הבית. זאל ער ניט דער לאנגען אכוס צוא זיין בעל הבית ווייל ביי דעם קאכען ווערין בעשמוצט די קליידער. דריבער האט רבי ינאי אן גיטאהן פרייטאג פראסטע קליידער צו קאכען מיט זיי. רב ספרא אז ער האט גיהאט אויף שבת אקאפ פון אבהמה. האט ער אליין אפ גיזענגט די האר פון קאפ. רבא האט גיזאלצען דיא פיש אויף שבת. רב הונא האט אן גיצונדען די ליכט אויף שבת. רב פפא האט גימאכט קניטלאך אן צו צינדען אויף שבת. רב חסדא האט גיבראקט קרויט אויף שבת: רבה אונ רב יוסף פלעגין שפאלטען האלץ אויף שבת. רבי זירא פלעגט אן צינדען פרייטאג פייער צו קאכען אויף שבת: רב נחמן בר יצחק פלעגט פרייטאג אריין טראגען אין שטוב אלע זאכען וואס מען דארף אויף שבת. אונ אלע וואכעדיגע זאכען פלעגט ער ארויס טראגען פון שטוב. רב נחמן האט גזאגט ווען רבי אמי אונ רבי אסי וואלטען גיקומען צו מיר וואלט איך דען ניט גיראמט די שטוב פון זייערטוועגין. פון שבת וועגין דארף איך געוויס ראמען די שטוב. אנדערע זאגען רבי אמי אונ רבי אסי פלעגין פרייטאג אריין טראגען אין שטוב אלע זאכען וואס מען דארף אויף שבת. אונ אלע וואכעדיגע זאכען פלעגין זיי ארויס טראגען פון שטוב. זיי האבען גזאגט ווען צו אונז האלט גיקומען רבי יוחנן וואלטען מיר דען ניט גיראמט די שטוב פון זייןעטוועגין. פון שבת וועגין דארפען מיר געוויס ראמען די שטוב:

יג יוסף מוקיר שבי. עס איז גיוועזען איינער יוסף וואס שבת איז גיוועזען ביי איהם טייער. אונ ער פלעגט געבין גרויס כבוד צו דעם טאג שבת מיט אלע פערגעניגענס וואס ער האט נאר גיקענט: דריבער האט מען איהם גירופען יוסף מוקיר שבי ווייל וואס ער האט טייער שבת. נעבין איהם האט גיוואהנט אגוי וואס ער איז גיוועזען זייער רייך. האבען די שטערינזעהר גזאגט צו דעם גוי. דיין גאנץ פערמעגין וועט עסין יוסף מוקיר שבי. דיין גאנץ פארמעגין וועט קומען צו דעם יוסף מוקיר שבי: איז דער גוי גיגאנגען אונ האט פערקויפט זיין גאנץ פארמעגין. אונ ער האט גיקויפט פאר דעם געלט איין פעריל אטייערין. אונ ער האט בעהאלטין דאס פעריל.

וקבע בו מרגליות וקבע את זו שמתק : כיימיה . שובע . ורבינו הלוי גריס כסדינין כבודרו והאשון הבגן לי והוא לבון דרבינו יצחק ברבי יסודה : תליסר עיליתא . עליות מלאות דינרי זהב וגוזמא בעלמא הוא כלומר סין עסק מאד כך פי' רבינו כלוי וכן בכל מקום כגון הליסר גמלי ספיקי טריפתא וכן הליסר טבחי דלעיל : במה הם זוכים . לעושר גדול הזה : לה' הארץ . דאין אנו רשאים ליהנות עד שנברך כמו בברכת כלהם : והארץ נתן לבני אדם .

אותבה בסייניה בהדי דקא עבר מברא אפרחיה זיקא שדייה בימא [במיא] בלעיה כוורא אסקוה אייתוה אפניא דמעלי שבתא אמרי מאן זבין כי השתא א"ל זילו אמטיוהו לגבי יוסף מוקיר שבי דרגיל דזבין אמטיוה ניהליה זבניה קרעיה אשכח ביה מרגניתא זבניה בתליסר עיליתא דדינרי דדהבא פגע ביה ההוא סבא אמר מאן דיזיף שבתא פרעיה שבתא. בעי מיניה דבי מרבי ישמעאל ברבי יוסי עשירים שבארץ ישראל במה הם זוכים אמר ליה בשביל שמעשרין שנאמר (דברים יד) עשר תעשר עשר בשביל שתתעשר שבבבל במה הן זוכין א"ל בשביל שמכבדין את התורה. ושבשאר ארצות במה הן זוכין אמר ליה בשביל שמכבדים את השבת. דאמר רבי חייא בר אבא פעם אחת נתארחתי אצל ב"ה בלודקיא והביאו לפניו שלחן של זהב משוי ט"ז בני אדם וט"ז שלשלאות של כסף קבועות בו וקערות וכוסות וקיתוניות וצלוחיות קבועות בו ועליו כל מיני מאכל וכל מיני מגדים ובשמים וכשמניחין אותו אומרים (תהלים כד) לה' הארץ ומלואה וגו' וכשמסלקים אומרים (שם קטו) השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם אמרתי לו בני במה זכית לכך א"ל

---

פֿעריל אין זיין היטיל. אַמָאהל איז דער גוי גֶעפֿאָרין אויף אַשיף. איז גיקומען אַווינט אונ הָאט אַראָפּ גיבלאָזין דיא היטעל אין וואַסער. איז געקומען אַגרויסער פֿיש אונ האט איין געשלונגען דעם פֿעריל וואָס איז געווען אין דיא היטיל. אַמָאהל פֿרייטיג פֿארין נאַכט האָבין פֿישערס גיפֿאנגען דעם פֿיש; האָבין דיא פֿישערס גיזאָגט איצט אַזוי שפּעט פֿארין נאַכט. וואָס אַלע האָבין שוין פֿיש אויף שבת. ווער וועט קויפֿין דעם פֿיש. האט איין פֿישער גיזאָגט גייט טראָגט אַוועק דעם פֿיש צו יוסף מוקיר שבי, אונ ער האָט אים גיקויפֿט. וויא ער האָט אויף גישניטין דעם בויך פֿון פֿיש. האָט ער גיפֿינען אינווייניג דעם פֿעריל. האָט ער פֿערקויפֿט דעם פֿעריל פֿאַר דרייצעהן בוידימס פֿול מיט געלט. אַמָאהל האט איין אַלטער מאַן בּעגעגינט דעם יוסף מוקיר שבי. האָט ער גיזאָגט צוא אים. דער וואָס פֿאַר בּאָרגט דעם שבת. בּצאָהלט אידם שבת. רבי האָט גיפֿרעגט בּיי רבי ישמעאל בּרבי יוסי דיא רייכע מענטשין פֿון ארץ ישראל מיט וואָס האָבין זייא זוכה גיוועזען צו זייער עשירות. האָט רבי ישמעאל גיזאָגט צו רבי ווייל זייא גיבען מעשר. אַזוי וויא עס שטייט אין פּסוק עשר תעשר. צוויי מאָהל דער וואָרט מעשר. נאָר דער פּסוק מיינט דוא זאָלסט געבין מעשר. דוא זאָלסט רייך ווערין. אונ דיא רייכע מענטשין פֿון בּבל מיט וואָס האָבין זייא זוכה גיוועזן צוא זייער עשירות. האָט רבי ישמעאל גיזאָגט צו רבי. ווייל זייא גיבען כבוד צו די תורה. אונ דיא רייכע מענטשין פֿון אַנדערע לענדער מיט וואָס האָבען זייא זוכה גיוועזן צו זייער עשירות. האָב רבי ישמעאל גיזאָגט צו רבי. ווייל זייא גיבען גרויס כבוד צום שבת. וואָרום רבי חייא בּר אבּא האָט דערציילט אַמָאהל בּין איך גיוועזן אַגאַסט בּיי אַבעל הבית אין דיא שטאָט לודקיא. האָט מען גיבּראַכט פֿאַר אים אַגאָלדענעם טיש. זעכצעהן מענטשין האָבען אים געטראָגען. בּיי דעם טיש איז געווען זעכצעהן זילבערנע קייטין. אונ אויף דעם טיש איז געשטאַנען שיסלען אונ כוסות גרויסע קריג אונ קליינע קריג. פֿון זילבּער אונ פֿון גאָלד. אונ אויף דעם טיש איז גישטאַנען אַלע ערליי שפּייזן. אונ אַלע ערליי גוטע פּירות. אונ בשמים. אַז מען האָט געשטעלט דעם טיש האָט מען געזאָגט דעם פּסוק לה' הארץ ומלואה. אונ אַז מען האָט צוא גענומען דעם טיש נאָך דעם עסין. האָט מען גיזאָגט דעם פּסוק השמים שמים לה' והארץ נתן לבני אדם: דער ציילט רבי חייא איך האָב גיזאָגט צוא דעם בעל הבית מיין זון מיט וואָס האָסטו זוכה געוועזן צו אַזוי אַרייכקייט. האָט דער בעל הבית צוא מיר געזאָגט איך בּין גיוועזן אַקצב. אונ

א"ל קצב הייתי וכל בהמה שהיתה נאה אמרתי תהא לשבת אמרתי לו [אשריך שזכית] וברוך המקום שזיכך לכך. א"ל קיסר לרבי יהושע בן חנניא מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף א"ל תבלין אחד יש לנו ושבת שמו שאנו מטילין לתוכו וריחו נודף א"ל תן לנו הימנו. א"ל כל המשמר את השבת מועיל לו ושאינו משמר את השבת אינו מועיל לו:

יד אמר ליה ריש גלותא לרב הבנונא מאי דכתיב (ישעיה נח) ולקדוש ה' מכובד א"ל זה יום הכפורים שאין בו לא אכילה ולא שתיה אמרה תורה כבדהו בכסות נקיה. וכבדתו רב אמר להקדים ושמואל אמר לאחר. א"ל בני רב פפא בר אבא לרב פפא כגון אנן דשכיח לן בישרא וחמרא כל יומא במאי נשנייה א"ל אי רגיליתו לאקדומי אחרוה אי רגיליתו לאחרוה אקדמוה רב ששת בקייטא מותיב להו לרבנן היכא דמטיא שמשא בסיתוא מותיב להו לרבנן היכא דמטיא טולא כי היכי דליקומו הייא:

ע"י מתנתו נכנים גמ:כב ו:לה: מאי דכתיב ולקדוש ה' מכובד. מדכתיב וקראת לשבת עונג מכלל דלקדוש ה' לאו אשבת קאי: וכבדתו. אשבה מהדר דאי בי"כ הא כתיב מכובד: להקדים. זמן סעודת שבת לזמן סעודת הול תכו כבידו: לאחר. וזהו כבודו בכות מתאוה להכול: במאי נשנייה. מאלו סימים: אי רגיליתו לאקדומי. כסעודתכם בבקר אחרוה: רב ששת. סגי נהור היה ואינו רואה עת האכילה ובכבוד דרש בשבת מותיב התלמידים במקום שבגיע שם החמה לעת האוכל כדי שילטערו וימהרו לקום: דמטי טולא. שילטערו בצל. מהר:

---

גָאר אַז איך הָאבּ גְעהַאט אַשֵׁיינֶע בְּהֵמָה צוּם שֶׁעכְטִין. הָאבּ איך גִיזָאגְט דִיא בְּהֵמָה זָאל זַיין אויף שַׁבָּת: דֶער צֵיילְט רַבִּי חִיָּיא. הָאבּ איך גְעזָאגְט צוּא דֶעם קַצָב. וואוּל צוּא דִיר אַז דוּא הָאסְט זוֹכֶה גִיוֶועןצוּ אַזוֹ אַרייכְקֵייט. אוּנ גִילוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט גְעמַאכְט דִיךְ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי רַייכְקֵייט. דֶער קֵיסָר הָאט אַמָאל גִיזָאגְט צוּ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן חֲנַנְיָא פַאר וָואס שְׁמֶעקְט דָאס עֶסִין פוּן שַׁבָּת. הָאט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיזָאגְט צוּם קֵיסָר מִיר הָאבִּין אַזוֹי אַמִין בְּשָׂמִים וָואס דָאס הֵייסְט שַׁבָּת לֵייגִין מִיר אַרַיין דִי בְּשָׂמִים אִין דֶעם עֶסִין. שְׁמֶעקְט דָאס עֶסִין. הָט דֶער קֵיסָר גְזָאגְט צוּ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיבּ מִיר אויךְ אַבִּיסוּל פוּן דִיא בְּשָׂמִים. הָט רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ גִיזָאגְט צוּם קֵיסָר. דֶער וָוָאס הִיט שַׁבָּת הֶעלְפְט דִי בְּשָׂמִים דָם עֶסִין זָאל גוּט שְׁמֶעקִין. אוּנ דֶער וָוָאס הִיט נִיט שַׁבָּת הֶעלְפֶען נִיט דִי בְּשָׂמִים צוּ זַיינֶע עֶסִין:

יד אָמַר. דֶער רֵישׁ גָלוּתָא הָט גְזָאגְט צוּ רַב הַמְנוּנָא וָוָאס מֵיינְט דֶער פָסוּק וְלִקְדוֹשׁ ה' מְכוּבָּד דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג פוּן גָאט זָאלְט אִיר גֶעבִּין כָּבוֹד. הָט רַב הַמְנוּנָא גְזָאגְט דָם מֵיינְט מֶען דֶעם הֵיילִיגֶען טָאג יוֹם כִּפּוּר. מֶען עֶסְט נִיט אוּנ מֶען טְרִינְקְט נִיט דֶעם טָאג. הָאט דִיא תּוֹרָה גְזָאגְט מֶען זָאל גֶעבִּין כָּבוֹד דֶעם טָאג מִיט שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער. אִין פָסוּק שְׁטֵייט בַּיי שַׁבָּת וְכִבַּדְתּוֹ מֶען זָאל גֶעבִּין כָּבוֹד צוּם טָאג שַׁבָּת. רַב זָאגְט מֶען זָאל עֶסִין שַׁבָּת פְרִיעֶר וִוי מֶען עֶסְט אוּם דֶער וָואכְן. שְׁמוּאֵל זָאגְט מֶען זָאל עֶסִין שַׁבָּת שְׁפֶּעטֶער וִויא מֶען עֶסְט אוּם דֶער וָואכְן. דִיא קִינְדֶער פוּן רַב פָּפָּא בַּר אַבָּא הָאבֶּען גְזָאגְט צוּא רַב פָּפָּא. עֶר זָאל זַיין מֶער הוּנְגֶערִיג. מִיט אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשִׁין וִויא מִיר זֶענֶען וָוָאס מִיר עֶסִין אַלֶע טָאג פְלֵייש אוּנ מִיר טְרִינְקֶען וַויין. וָוָאס קֶענֶען מִיר שַׁבָּת פַר עֶנְדֶערִין פוּן אַלֶע טָאג: הָאט רַב פָּפָּא צוּא זַייא גְזָאגְט אוֹיבּ אִיר זֶענְט גִיוואוֹהנְט צוּ עֶסִין אַלֶע טָאג פְרִיא. זָאלְט אִיר שַׁבָּת עֶסִין שְׁפֶּעט: אוּנ אוֹיבּ אִיר זֶענְט גִיוואוֹהנְט צוּ עֶסִין אַלֶע טָאג שְׁפֶּעט. זָאלְט אִיר עֶסִין שַׁבָּת פְרִיא. רַב שֵׁשֶׁת אִיז גִיוֶועןבְּלִינְד הָאט עֶר נִיט גִיזֶעהְן אויף דִי זוּהְן וֶוען אִיז צַייט צוּ גֵיין עֶסִין שַׁבָּת. אַז עֶר הָט גְזָאגְט שַׁבָּת פְרִיא אַדְרָשָׁה. פְלֶעגְט עֶר אַזוֹי טָאהְן. זוּמֶער הָט עֶר גִיהֵייסֶען דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלֶען זִיצֶען אויף דֶעם אָרְט וואוּ דִי זוּהְן וֶועט צוּ קוּמֶען וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִי צַייט פוּן עֶסִין. ווייל דִי זוּהְן וֶועט זַיי בְּרֶענֶען וֶועלִין זֵיי מִיר זָאגֶען אִיךְ זָאל אויף הֶערִין דִי דְרָשָׁה. ווִינְטֶער הָט עֶר גִיהֵייסֶען דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלֶען זִיצֶען אויף דֶעם אָרְט וואוּ דֶער שָׁאטֶען וֶועט צוּ קוּמֶען וֶוען עֶס וֶועט זַיין דִיא צַייט פוּן עֶסִין וֶועט זֵיי קָאלְט וֶוערִין הֶערִין זֵיי מִיר זָאגֶען אִיךְ זָאל אויף הֶערִין דִיא דְרָשָׁה. אוּנ זַייא וֶועלִין גֶעשׁווינְד אויף שְׁטֵיין אוּנ וֶועלִין גֵיין עֶסִין:

(ע"ב) **מן אמר** רב המנונא כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכלו מעלה עליו הכתוב כאי' נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית שנא' ויכלו אל תקרי ויכולו אלא ויכלו. א"ר (אלעזר) [אליעזר] מנין שהדבור כמעשה שנאמר (תהלים לג) בדבר ה' שמים נעשו. א"ר חסדא אמר מר עוקבא כל המתפלל בערב שבת ואומר ויכלו שני מלאכי השרת המלוין לו לאדם מניחין ידיהם על ראשו ואומרים לו (ישעיה ו) וסר עונך וחטאתך תכופר. תניא ר' יוסי בר' יהודה אומר שני מלאכי השרת מלוין לו לאדם בערב שבת מבית הכנסת לביתו אחד טוב ואחד רע וכשבא לביתו ומצא נר דלוק ושלחן ערוך ומטתו מוצעת מלאך טוב אומר יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך ומלאך רע עונה אמן בע"כ. ואם לאו מלאך רע אומר יהי רצון שתהא לשבת אחרת כך ומלאך טוב עונה אמן בע"כ. ראוי לחבר אל זה מאמר אחד המזכיר ג"כ ענין מלאכים המלוין לו לאדם והוא בב"ר על אודות מלאכי יעקב אבינו עליו השלום וז"ל. א"ר מאיר עשה אדם מצוה אחת נותנין לו מלאך אחד. עשה שתי מצות נותנין לו שני מלאכים. מצות הרבה נותנין לו מלאכים הרבה שנאמר (תהלים צא) כי מלאכיו יצוה לך ולמה כדי לשמרו מן המזיקים שנאמר יפול מצדך אלף וגו'. אמר רבי יצחק למה מן הימין רבבה ומן השמאל אלף אלא שהשמאל אינה צריכה מלאכים הרבה לפי ששמו של הקב"ה כתוב בתפילין שנתונין בשמאל א"ר חנינא

ויכלו. סנ"ם וזה נסיפר בכתנו על מקום שבנת בשבת ע"כ :

---

**מן אמר** · רב המנונא האט געזאגט דער וואס דאווענט שבת ביי נאכט און ער זאגט ויכלו . רעכענט אויף איהם דער פסוק גלייך וויא ער וואלט געוועזן אשותף צו גאט אין דיא בשאפונג פון דער וועלט : ווארום עס שטייט אין פסוק ויכלו . אין אנא"ו . זאלסטו ניט לייענען ויכלו . נאר זאלסטו לייענען ויכלו . זיי האבען פאר ענדיגט . גאט מיט דעם מענטשן וואס גלויבט אז גאט האט בשאפען די וועלט . ואיז גלייך וויא ביידע צו זאמען האבען די וועלט בשאפען און האבען איר פאר ענדיגט פרייטאג פארין נאכט ; רבי אלעזר זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז רעדען איז גלייך ווי טאהן ; ווארום עס שטייט אין פסוק מיט דיא רייד פון גאט זענען דיא הימלען גימאכט גיווארין . רב חסדא האט געזאגט פון מר עוקבאס וועגין דער וואס דאווענט שבת ביי נאכט און זאגט ויכלו די צוויי מלאכים וואס בגלייטען אלע מאהל דעם מענטשן לייגען זייערע הענט אויף זיין קאפ און זאגען צו איהם דיינע זינד וואס דו האסט גיטאהן במזיד וועלען אפ גיטאהן ווערין און דיינע זינד וואס דו האסט גיטאהן בשוגג וועלען פאר געבין ווערין . רבי יוסי ברבי יהודה זאגט מיר האבען גילערענט צוויי מלאכים בגלייטען דעם מענטשן שבת ביי נאכט ווען ער גייט פון שוהל אהיים . איינער אגוטער און איינער אשלעכטער : און אז דער מענטש קומט אהיים און ער געפינט ליכט ברענען . און דער טיש איז גיגרייט צום עסין . און דיא בעט איז שיין פאר דעקט . זאגט דער גוטער מלאך דער ווילען פון גאט זאל זיין אז דעם אנדערין שבת זאל אויך אזוי זיין . און דער שלעכטער מלאך מוז ענטפערין אמן . און אויב דער מענטש קומט אהיים און ער געפינט ניט קיין ליכט ברענען . און דער טיש איז ניט גיגרייט צום עסין . און די בעט איז ניט בדעקט . זאגט דער שלעכטער מלאך דער ווילען פון גאט זאל זיין אז דעם אנדערין שבת זאל אויך אזוי זיין . און דער גוטער מלאך מוז ענטפערין אמן . רבי מאיר זאגט אז א מענטש האט גיטאהן איין מצוה גיט מען איהם איין מלאך . אז ער האט גיטאהן צוויי מצות גיט מען איהם צוויי מלאכים : אז ער האט גיטאהן פיל מצות גיט מען איהם פיל מלאכים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבויטען דיינע מלאכים זיי זאלען זיין מיט דיר . צו וואס דארף דער מענטש די מלאכים . זיי זאלען איהם היטען פון מזיקים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט פאלען פון דיין זייט טויזענד מזיקים . רבי יצחק זאגט פר וואס אין די רעכטע זייט וועט זיין צעהן טויזענד מלאכים און אין די לינקע זייט טויזענד מלאכים . נאר די לינקע זייט דארף ניט אזוי פיל מלאכים . ווייל דער נאמען פון גאט איז געשריבען אין דיא תפילין וואס אויף די לינקע האנט און דאס

לא כתיב יהא מצדך אלף אלא יפול. שמאל שאינה פשוטה במצות שאינה שולטת אלא במצות תפילין לבד אינה מפלת אלא אלף מזיקין אבל ימין שהיא שולטת בכל המצות מפלת רבוא מזיקין:

טז **אמר** רבי אלעזר לעולם יסדר אדם שולחנו בערב שבת אף על פי שאינו צריך אלא לכזית וא"ר חנינא לעולם יסדר אדם שלחנו כמוצאי שבת אע"פ שאינו צריך אלא לכזית. חמין במוצאי שבת מלוגמא פת חמה במוצאי שבת מלוגמא. רבי אבהו הוו עבדין ליה באפוקי שבתות עיגלא תילתא הוה אכיל מיניה כוליתא כי גדיל אבימי בריה א"ל לכה לך לאפסודי כולי האי נשבוק כוליתא ממעלי שבתא שבקוה ואתא ארי אכליה:

יז **אמר** רבי יהושע בן לוי כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כחו קורעים לו גזר דינו שנא' (שופטים ה) בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'. מה טעם בפרוע פרעות משום דברכו ה'. רבי חייא בר אבא א"ר יוחנן אפילו יש בו שמץ של עבודת כוכבים מוחלים לו כתיב הכא בפרוע פרעות וכתיב התם (שמות לב) כי פרוע הוא.

אמר

יסדר אדם שלחנו בע"ש. [לאו דוקא] : נמ"ב. ימי כבוד שבת ללוותו כשיוצא דרך כבוד כאדם המלוה את המלך בצאתו מן העיר : חמין. לשתות ולרחוץ : מלוגמא. רפואה : תכליה ארי'. נעגל הראוי לשחטו :
בכל כחו. בכל כוונתו : בפרוע פרעות. ביטול פורעניות כגון פרוע דמתרגמינן בטיל : בהתנדב עם ברכו. כשמתנדבין ישראל לברך את ה' : כי פרוע. הוא עבודת כוכבים וסו"ק

---

היט דעם מענטשן אין זיין לינקע זייט. רבי חנינא זאגט עס שטייט ניט אין פסוק עס וועט זיין אין דיין זייט בוועגנד מלאכים. נאר עס שטייט עס וועט פאלען פון דיין זייט טויזענד. מיינט מען טויזענד מזיקים וועלען פאלען פון דיין לינקע זייט. און צעהן טויזענד מזיקים וועלען פאלען פון דיין רעכטע זייט) · די לינקע האנט ווייל זי טוהט ניט קיין מצות. זי טוהט ניט מעהר נאר די מצוה פון תפלין אליין. קען זי ניט מאכען פאלען נאר טויזענד מזיקין. אבער די רעכטע האנט ווייל זיא טוהט אלע מצות. קען זי מאכען פאלען צעהן טויזענד מזיקין:

טז אמר. רבי אליעזר זאגט אמענטש זאל גרייטען זיין טיש ערב שבת אויף שבת ביי נאכט. אפילו ער וועט ביי נאכט ניט מעהר עסין נאר אזוי גרויס וויא אאיילבירט. רבי חנינא האט גזאגט אמענטש זאל גרייטען זיין טיש שבת צו נאכט. צו דער סעודה מלוה מלכא. אפילו ער וועט ניט מעהר עסין נאר אזוי גרויס וויא אאיילבירט. צו טרינקען ווארעמס וואסער שבת צו נאכט איז ארפואה. צו עסין ווארעמע ברויט שבת צו נאכט איז ארפואה. רבי אבהו פלעגט מען מאכען ושעכטן פון ווייגעט וועגין שבת צו נאכט אקאלב דיא דריטע פון געבורט. און רבי אבהו פלעגט נאר עסין פון די קאלב איין ניר וויין קישקע אקליינע. אז אבימי דער זוהן פון רבי אבהו איז גרויס געווארין. האט ער געזאגט צום פאטער צו וואס זאלסטו שאדין מאכען אגאנצע קאלב. מען וועט פאר דיר איבער לאזען אקליינע קישקעלע פון ערב שבת אויף שבת צו נאכט. האט מען אזוי געטאהן און מען האט דיא קאלב גילאזען. און מען האט איר ניט געשאכטען שבת צו נאכט. איז געקומען אלייב און האט אויף געגעסען דיא קאלב:

יז אמר. רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס ענטפערט אמן יהא שמיה רבא מברך מיט כוונה. צו רייסט מען זיין שלעכטען גזר דין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק בפרוע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה. פאר וואס איז גאט מבטל די פורענות פון יודען. ווייל דאס פאלק בווילליגט צו לויבען גאט. רבי חייא בר אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגין אפילו דער מענטש האט אביסעל געגלויבט אין עבודה זרה. אז ער ענטפערט אמן יהא שמיה רבא מברך מיט כוונה. איז מען איהם מוחל. ווארום דא שטייט בפרוע פרעות. און דארט ביי דעם עגל שטייט כי פרוע הוא. אזוי וויא פרוע הוא מיינט מען ער דינט עבודה זרה. דעם עגל. אזוי בפרוע פרעות

אר"ל כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן שנא' (ישעיה כו) פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים אל תקרי שומר אמונים אלא שאומרים אמן.

מאי אמן א"ר חנינא אל מלך נאמן:

**ית אמר** רב יהודה בריה דרב שמואל משמיה דרב אין הדליקה מצויה אלא במקום שיש חילול שבת שנאמר (ירמיה יז) ואם לא תשמעו אלי לקדש את יום השבת ולבלתי שאת משא וגו' והצתי אש בשעריה ואכלה ארמנות ירושלים ולא תכבה. מאי ולא תכבה אמר רב נחמן בר יצחק בשעה שאין בני אדם מצויין לכבותה. אמר אביי לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בו את השבת שנאמר (יחזקאל כב) ומשבתותי העלימו עיניהם ואחל בתוכם. א"ר אבהו לא חרבה ירושלים אלא בשביל שבטלו ק"ש שחרית וערבית שנאמר (ישעיה ה) הוי משכימי בבקר שכר ירדפו (וגו') וכתיב והיה כנור ונבל תוף וחליל ויין משתיהם ואת פעל ה' לא יביטו וכתיב לכן גלה עמי מבלי דעת. א"ר (כהנא; המנונא) לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביטלו בה תינוקות של בית רבן שנא' (ירמיה ו) שפוך על עולל בחוץ מה טעם

שפוך

בשביל פרעות עבודת אלילים בעקבא ותשתכח אלא יזכר עונה מבוש כתנדב עד כוא: אל מלך נאמן. כן מעידים על כורלן שהוא אל מלך נאמן. ע"כ:
שאין בני אדם מצויין לכבותה. כשבת: בבקר. בזמן ק"ש וכן מאחרי בנשף: והיה כנור ונבל. וסיפיה דקרא ואת פעל ה' לא יביטו לא שמו לב ליתר שמו על ברואיו: שפוך על עולל. סיפיה דקרא ואת חמת ה' מלאתי נלאתי הכיל שפוך על עולל בחוץ שפוך החמה בנקמה בשביל שעולל בחוץ בטלים מבית רבן:

---

מיינט מען אויך ער דינט עבודה זרה. זאגט דער פסוק ווען וועט גאט מבטל זיין דיא עבירה פון עבודה זרה. ער זאל ניט שטראפען אויף די עבירה. אז ער וועט בוויליגען צו לויבען גאט מיט כוונה. ריש לקיש האט געזאגט דער וואס ענטפערט אמן מיט כוונה עפינט מען פאר אים דיא טירען פון גן עדן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עפינט די טוערין זאל אריין קומען דיא פרומע פאלק שומר אמונים. זאלסט ניט לייענען שומר אמונים. נאר שאומרים אמן. וואס זיי זאגען אמן. וואס איז טייטש דערווארט אמן. האט רבי חנינא געזאגט אמן איז דרייא ווערטער אל מלך נאמן:

**ית אמר**. רב יהודה דער זוהן פון רב שמואל האט געזאגט פון רבם וועגין עס ברענט ניט אין קיין אנדער ארט נאר אין דעם ארט וואס מען איז מחלל שבת. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט אויב איר וועט ניט הערין מיינע רייד צו הייליגען דעם טאג שבת איר זאלט ניט טראגען קיין משא אום שבת. וועל איך אן צינדען אפייער אין אירע טויערין אונ דער וועט פר ברענען די גרויסע הייזער פון ירושלים אונ זי וועט ניט פר לאשען ווערין. וואס מיינט קען זי וועט ניט פר לאשען ווערין. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט מען מיינט דער פייער וועט זיין אין אזוי אצייט וואס מען געפינט ניט קיין מענטשין צום פאר לעשין. דאס איז שבת ביי נאכט. ווענען אלע מענטשין אין זייערע הייזער אונ מען גייט ניט אין גאס. אביי האט געזאגט ירושלים איז חרוב געווארין נאר ווייל מען האט אין איר מחלל שבת געוועזן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט פון מיינע שבתים האבען זיי פר הוילען זייערע אויגען. האט מיין הייליגקייט אויף געהערט ביי זיי. דער בית המקדש אונ ירושלים זענען חרוב געווארין. רבי אבהו האט געזאגט ירושלים איז חרוב געווארין נאר ווייל מען האט ניט געלייענט קריאת שמע. ניט אין דער פריא אונ ניט ביי נאכט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דער נביא זאגט זייא שטייען אויף פריא אונ זוכען וואו מען בעקומט שטארקין וויין. אונ זיי זיצען שפעט ביי נאכט ביז דער וויין ברענט אין זיי. אונ זיי שפילען אויף אפידול אונ אהארף אונ אפויק אונ אפייפול אונ זייא טרינקען וויין. אונ אויף די ווערק פון גאט קוקען זיי ניט. זיי לויבען ניט גאט אונ זאגען ניט או גאט איז איינער אונ ער האט אלץ בשאפען אויף דער וועלט. דאס מיינט מען זיי לייענען ניט קריאת שמע זאגט דער פסוק דריבער וועט מיין פאלק פאר טריבען ווערין ווייל זייא ווייסען זיך ניט. רב המנונא זאגט ירושלים איז חרוב געווארין נאר ווייל קינדער זענען ניט געגאנגען

שפוך משום דעולל בחוץ :

**יומא אמר** עולא לא חרבה ירושלים אלא בשביל שלא היה להם בושת פנים זה מזה שנא' (ירמיה ו) הובישו כי תועבה עשו גם בוש לא יבושו וגו'. אמר רבי יצחק לא חרבה ירושלים אלא בשביל שהשוו קטן וגדול שנאמר (ישעיה כד) והיה כעם ככהן וכתיב בתריה (שם) הבוק תבוק הארץ. א"ר עמרם בריה דר"ש בר אבא אמר ר"ש בר אבא א"ר חנינא לא חרבה ירושלים אלא בשביל שלא הוכיחו זה את זה שנאמר (איכה א) היו שריה כאילים לא מצאו מרעה מה איל זה ראשו של זה בצד זנבו של זה אף ישראל שבאותו הדור כבשו פניהם בקרקע ולא הוכיחו זה את זה. א"ר יהודה לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביזו בה תלמידי חכמים שנא' (דה"ב ל) ויהיו מלעיבים במלאכי אלהים ובוזים דבריו ומתעתעים בנביאיו עד עלות חמת ה' בעמו עד (אין) [לאין] מרפא מאי עד (אין) (לאין) מרפא אמר רב יהודה (אמר רב) כל המבזה ת"ח אין לו רפואה למכתו. א"ר יהודה א"ר מאי דכתיב (תהלים קה) אל תגעו במשיחי ובנביאי אל תרעו אל תגעו במשיחי אלו תינוקות של בית רבן ובנביאי אל תרעו אלו תלמידי חכמים. אמר ריש לקיש משום רבי יהודה נשיאה אין העולם מתקיים אלא בשביל הבל תינוקות של בית רבן. א"ל רב פפא לאביי דידי ודידך מאי. אמר ליה אינו דומה הבל שיש בו חטא להבל שאין בו חטא. ואמר ר"ל משום רבי יהודה נשיאה

הובישו כי תועבה וגו'. סיפא דקרא גם בוש לא יבושו: במשיחי אלו התינוקות של בית רבן. שדרך התינוקות למשחן כבמן: ובנביאי אלו תלמידי

---

אין חדר לערנען ביי זייער רבי. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק שפוך על עולל בחוץ. פאר וואס האט גאט אויס גיגאסען זיין כעס אויף ירושלים. ווייל דיא קליינע קינדער זענען גיווען אין גאס. אונ זענען ניט גיווען אין חדר לערנען תורה :

יומא אמר. עולא האט גזאגט ירושלים איז חרוב גיווארין נאר ווייל זייא האבען זיך ניט גישעמט איינער פר דעם אנדערין צו טאהן עבירות. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. זיי האבען זיך דאך נידארפט שעמען מיט זייערע עבירות וואס זייא האבען גיטאהן. אונ זיי האבען זיך ניט גישעמט. רבי יצחק האט גזאגט ירושלים איז חרוב גיווארין נאר ווייל ביי זייא איז גיווען קליין מיט גרויס גלייך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דס פאלק מיט דעם כהן זענען גיווען גלייך. דער נאך זאגט דער פסוק פר דער זינד וועט וויסט ווערין די לאנד. רב עמרם דער זוהן פון רבי שמעון בר אבא האט גזאגט. רבי שמעון בר אבא האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין ירושלים איז חרוב גיווארין נאר ווייל זיי האבען ניט גישטראפט איינער דעם אנדערין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אירע גרויסע לייט זענען גיווען אזוי ווי די הינדען (דש איז אזוי אחיהן) וואס האבען ניט געפונען קיין פיטערונג: אזוי וויא די הינדען אז זיי שטייען צוזאמען שטייען זייא איינער אינטער דעם אנדערין. דער קאפ פון דעם שטייט ביי דעם וויידיל פון דעם. אזוי די יודען פון דעם דור האבען בעהאלטען זייער פנים אין די ערד אונ האבען ניט גישטראפט איינער דעם אנדערין. רב יהודה זאגט ירושלים איז חרוב גיווארין נאר ווייל זיי האבען פאר שעמט די תלמידי חכמים. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק זיי האבען פאר שעמט דיא מלאכים פון גאט (די תלמידי חכמים). אונ האבען פאר שעמט זיינע רייד. אונ האבען גילאכט פון זיינע נביאים. ביז עס איז אויף גיגאנגען דער כעס פון גאט אויף זיין פאלק ניט צו היילען. וואס מיינט מען ניט צו היילען. האט רב יהודה גזאגט דער וואס פאר שעמט א תלמיד חכם וועט ער אזוי גישלאגען ווערין פון גאט אז עס וועט ניט זיין קיין היילונג צוא זיינע שלעק. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין וואס מיינט דער פסוק איר זאלט ניט אן רירען מיינע גיזאלבטע. מיינע נביאים זאלט איר ניט טאהן קיין שלעכץ. איר זאלט ניט אן רירען מיינע גיזאלבטע. ווער זענען די גיזאלבטע. דס מיינט מען די קינדער וואס גייען אין חדר אונ לערנען תורה ביא זייער רבי. אונ מיינע נביאים זאלט איר ניט טאהן קיין שלעכץ. דס מיינט מען תלמידי חכמים. ריש לקיש

חכמים. בנה' ונכיה לבב חכמה: מחריבין. היכה בייד: מחרימין. ליכה ביור: מהככין נכס כשמלה. כשאלין אותם טעמי תורה הללו עיבין עלמן כמעלימים את דבריהם מפני שאין יודעין להשיב: ידך כידך. אים נקי לפיכך קלין תהיה לנו והלמדנו תכנם: דברים שאין אדם עומד כהן. על בוריין לאומרן כהלכתן: אא"כ נכשל בהן. עד שאומרן ב' וג' פעמים בשבוש דהיינו טעמי תורה כמסוגרין: לא אהיה חובש. איני רגיל להיות

נשיאה אין מבטלין תינוקות של בית רבן אפילו לבנין בית המקדש. ואמר ליה ר"ל לר' יהודה נשיאה כך מקובלני מאבותי ואמרי לה מאבותיך כל עיר שאין בה תינוקות של בית רבן מחריבין אותה רבינא אמר מחרימין אותה. ואמר רבא לא חרבה ירושלים אלא בשביל שפסקו ממנה אנשי אמנה שנאמר (ירמיה ה) שוטטו בחוצות ירושלים (ודעו נא וראו) [וראו נא ודעו וגו'] אם יש עושה משפט מבקש אמונה וגו'. איני והאמר רב קטינא אפילו בשעת כשלונה של ירושלים לא פסקו ממנה אנשי אמנה שנאמר (ישעיה ג) כי יתפש איש באחיו בית אביו שמלה לכה קצין תהיה לנו דברים שבני אדם מתכסין בהם כשמלה ישנן תחת ידך. (שם) והמכשלה הזאת תחת ידך (דף קכ) דברים שאין בני אדם עומדין עליהם אלא אם כן נכשלים בהם ישנן תחת ידך קצין תהיה לנו ישא ביום ההוא לאמר לא אהיה חובש וגו' אין ישא אלא לשון שבועה וכן הוא אומר (שמות כ) לא תשא את שם ה' לא אהיה

ודש

---

האט געזאגט פון רבי יהודה נשיאהס וועגן. די וועלט שטייט ניט מער נאר וועגן דעם לופט וואס גייט ארויס פון די מיילער פון די קליינע קינדער ווען זיי לערנען תורה ביי זייער רבי. רב פפא האט געזאגט צו אביי דער לופט פון מיין מויל און פון דיין מויל ווען מיר לערנען תורה איז אויך אזוי טייער ביי גאט. האט אביי געזאגט צו רב פפא עס איז ניט גלייך דער לופט פון מויל פון דעם מענטשן וואס האט געזינדיגט צו דעם לופט פון מויל פון די קינדער וואס זייא האבען נאך ניט געזינדיגט. נאך האט געזאגט ריש לקיש פון רבי יהודה נשיאהס וועגן די קינדער וואס לערנען אין חדר ביי זייער רבי טאר מען זיי ניט שטערען פון זייער לערנען אפילו צוא העלפען באהען דעם בית המקדש. ריש לקיש האט געזאגט צו רבי יהודה נשיאה אזוי האט מען מיר דער ציילט פון מיינע עלטערין. און אנדערע זאגען אזוי האט ריש לקיש געזאגט צו רבי יהודה מען האט מיר דער ציילט פון דיינע עלטערין. די שטאט וואס די קליינע קינדער גייען ניט אין חדר צו א רבי לערנען תורה. וועט די שטאט חרוב ווערן. עס וועט פון איר בלייבען נאר א ביסעל רבינא זאגט די שטאט וועט ווינכט ווערין. עס וועט פון איר גאר ניט בלייבען. נאך האט רבא געזאגט ירושלים איז חרוב געווארין נאר ווייל עס האט אויף געהערט צו זיין אין איר בגלויבטע מענטשין. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר זאלט שוועבין אין די גאסען פון ירושלים זעהט און ווייסט אויב עס איז דא אמענטש וואס זאל טאהן משפט און ער זאל באגערין דעם אמת. פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי געווען. רב קטינא האט דאך געזאגט אפילו ווען ירושלים איז געשטרויכעלט ותרוב געווארין פון דעסטוועגין האבען ניט אויף געהערט צו זיין אין איר אמתה מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק עס וועט אן נעמען אמענטש זיין ברודער פון זיין פאטערס הויז געזינד ואיין מענטש דעם אנדערין. און ער וועט זאגען צו איהם דוא האסט אשיינע קלייד. דוא וועסט זיין אונזער האר. דיא זאכען וואס מענטשין בדעקין זיך מיט זיי אזוי וויא מיט אקלייד. זענען דא אונטער דיין האנט ואז מען פרעגט איינעם ער זאל זאגען אזאך אין די תורה בעהאלט ער זיך אין זיין קלייד. ווייל ער ווייס ניט צו ענטפערין. און דו דארפסט דיך ניט בעהאלטען. ווייל דוא קענסט לערנען תורה. די שטרויכלונג איז אונטער דיין האנט. דיא זאכען וואס מענטשין ווייסען זייא ניט נאר סיידין זיי ווערין געשטרויכלט אויף זיי. זענען זיי דא אונטער דיין האנט. דאס מיינט מען דיא דינים פון די תורה וואס אמענטש קען זיי ניט זאגען ריכטיג סיידין ער זאגט פריער צוויי דרייא מאהל שלעכט. אבער דו ווייסט זיי צו זאגען ריכטיג אזוי וויא דער דין איז. דריבער וועסטו זיין אהאר ביי אונז. ישא ביום ההוא לאמר לא אהיה חובש. ישא איז טייטש שווערין. אזוי

וגו'

חובש לא אהיה מחובשי עצמן בבית המדרש ובביתי אין לחם ואין שמלה שאין בידי לא מק"א ולא משנה ולא גמרא. ממאי דילמא שאני התם דאי אמר להו נמרינא אמרי ליה אימא לן הוה ליה למימר גמר ושכח מאי לא אהיה חובש כו' ל"ק כאן בד"ת כאן בכשא ובמתן:

(דף קכ"ה) ב ת"ר מעשה ונפלה דליקה בחצרו של יוסף בן סימאי בשאן ובאו אנשי גסטרא של צפורי לכבותה מפני שאפוטרופוס של מלך היה ולא הניחן מפני כבוד השבת ונעשה לו נס וירדו גשמים וכבו. לערב שגר לכל א' מהם ב' סילעין ולאפרכוס שבהם ג' וכששמעו חכמים בדבר אמרו לא היה צריך לכך שהרי שנינו עובד כוכבים שבא לכבות אין אומרין לו כבה ואל תכבה כפני שאין שביתתו עליהם:

(ע"ב) כא אבא בר מרתא דהוא אבא [בר] מניומי הוו מסקי ביה דבי ריש גלותא עזי איירתוהו

הוכב הכוא כבית המדרש: אהיה. מנוגלתי פשם שחוק לרעהו אהיה אני כווה: וממאי. דמשום דיש כהם אמנה היא דילמא ע"כ נכיכין שיודו האמת דאי א"ל גמרינא טעמי טעמי טורה אמרי ליה סואלין אימא לן. ומשני הוה"ל גמר ושכח: שאני לא אהיה חובש. מודה הוא על האמת שלא יצא נפוכה: בדברי תורה. היו נאמנין ואין מתכללין על שקר:

גבסטרא. שלטון: אפוטרופוס. ממונה של ממונו; אין אומרין לו כבה. דכבן גזור על אמירה לעובד כוכבים משום שבות: ולא תכבה. אין צריך למחות בידו אלא יניחם ויכבה: שאין שביתתו. של עובדי כוכבים עליהם דישראל אינו מוזהר על שביתתו של עובד כוכבים באינו עבדו:

ווי עס שטייט אין פסוק לא תשא את שם ה': דו זאלסט ניט שווערין ביא דעם נאמען פון גאט. לא אהיה חובש מיינט מען. איך בין קיין מאהל ניט גיוועזן פון דיא מענטשין וואס האלטען זיך אויף אין בית המדרש און לערנען. אין מיין שטוב איז נישא קיין ברויט און ניט קיין קלייד. דס מיינט מען איך קען ניט לערנען תנ"ך און ניט משניות און ניט גמרא. ווען מיר דאך אז יעדער מענטש האט געזאגט דעם אמת. ענטפערט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר אז ער האט אזוי געזאגט ווייל ער האט געוואלט זאגען דעם אמת. טאמער איז נאר ווייל ער האט גיטוזט זאגען דעם אמת. ווארום אז ער וואלט זאגען איך האב גילערונט. וואלט מען זאגען צו איהם זאג אונז וואס דו האסט גילערונט. ענטפערט די גמרא ניין. ער וואלט וועלין זאגען ליגען. וואלט ער זאגען איך האב גילערונט: און אז מען וואלט זאגען צו איהם ער זאל זאגען וואס ער האט גילערנט. וואלט ער גיקענט זאגען ער האט פר געסין. צו וואס האט ער געזאגט ער האט גאר ניט גילערונט: איז געווים ווייל ער האט געוואלט זאגין דעם אמת. ווען מיר דאך אז די מענטשין פון ירושלים זענען גיוועזן מענטשין מיט אמת איז דאך אקשיא אויף רבא. ענטפערט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא ביי די זאכען פון דער תורה פלעגין זייא זאגען דעם אמת. אז איינער האט ניט גיקענט לערנען. האט ער געזאגט דעם אמת איך קען ניט. אבער אין האנדיל פלעגין זיי זאגין ליגען:

ב תנו רבנן. די רבנן האבין גילערנט. עס האט אמאהל גיטראפין עס האט גיברענט אום שבת אין דעם הויף פון יוסף בן סימאי אין די שטאט שאן. זענען גיקומען דער חיל פון צפורי פארלעשין דעם פייער. ווייל דער יוסף איז געוועזן אשר אויף די אוצרות פון מלך. נאר יוסף ניט גילאזין דעם חיל זיי זאלין פארלעשין. ווייל עס איז שבת. איז געשעהן א נס און עס האט גיגאסין א רעגין. און דער רעגין האט פארלאשין דעם פייער ביי נאכט נאך שבת האט ער גיגעבין צו יעדער וועלכער צווי טאלער און דעם עלצטין האט ער גיגעבין דריי טאלער. אז די חכמים האבין גיהערט די זאך. האבין זיי געזאגט יוסף האט ניט גידארפט ווארטין אויף דעם נס. ווארום מיר האבין גילערנט אז א גוי קומט פאר לעשין א פייער אין ער אליכט. טאר מען ניט זאגין צו אים פארלעש. און מען דארף ניט זאגין פארלעש ניט: ווייל דער יוד איז ניט פארבאטין דער גוי זאל רוהען שבת. סיידין דער גוי איז אקנעכט ביי דעם יוד. מוז דער יוד היטען דעם גוי ער זאל ניט ארבעטין שבת (ועיין בש"ע):

כא אבא בר מרתא דאס איז אבא בר מניומי האבין די מענטשין פון ריש גלותא גמאנט

ביי

איתותו קא מצערי ליה הוה שדי רוקא א"ל ריש גלותא אייתו מנא סחיפו עלוית. א"ל לא צריכיתו הכי אמר רב יהודה רוק דורסו לפי תומו א"ל צורבא מרבנן הוא שבקוהו:

פיר' בדי רוקא. היה רוק מוטל לפניהם ובפני היכה: רוק דורסו. באין מתכוין למרח שלאמווי גומות דלא על גב דממילא ממרח הוא כי לא מיכוין שרי משום מאיסותא: כהשכמת בית המדרש. מדמפי להו כמתניתין כי הדדי: מהשכמת בה"מ. דתנא דידן אקדמה ברישא: אל נא תעבור. וכיתו והלך

## מפנין פרק שמונה עשר

(דף קכז) **א אמר** רבי יוחנן גדולה הכנסת אורחים כהשכמת בית המדרש דקתני מפני האורחים ומפני ביטול בית המדרש. ורב דימי מנהרדעא אמר יותר מהשכמת בית המדרש דקתני מפני האורחים והדר מפני ביטול ב"ה. אמר רב יהודה א"ר גדולה הכנסת אורחים כהקבלת פני השכינה דכתיב (בראשית יח) ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך אל נא תעבור וגו'. אמר רבי אלעזר בוא וראה שלא כמדת הקב"ה מדת בשר ודם מדת בשר ודם אין קטן יכול לומר לגדול המתן עד שאבא אצלך ואילו בהקב"ה כתיב

---

ביי אים געלט. אונ מען האט אים געבראכט צום ריש גלותא אונ מען האט אים מצער געווען. דאס איז געווען אום שבת. אונ עס איז געווען שפייאכץ אויף די ערד. האט דער ריש גלותא געזאגט ברענגט אכלי אונ דעקט אריבער די שפייאכץ: האט אבא בר מרתא געזאגט איר דארפט ניט ברענגען קיין כלי. ווארום רב יהודה האט געזאגט אז עס ליגט שפייאכץ אויף דיא ערד אום שבת מעג מען גייענדיג פארטרעטין די שפייאכץ. האט דער ריש גלותא געזאגט ווייל ער איז א למדן לאזט אים גיין אהיים. אונ איר זאלט אים ניט מצער זיין:

## פרק שמונה עשר

**א** אמר. רבי יוחנן האט געזאגט אז מען נעמט אפרעמדין מענטש צו זיך אהיים אונ מען גיט אים עסין איז דיא מצוה אזוי גרויס גלייך וויא מען גייט פריא אין בית המדרש לערנען. ווארום עס שטייט אין דער משנה מען מעג אפראמען אום שבת דיא בינטלאך תבואה אויב מען דארף דעם ארט צו זעצין פרעמדע מענטשין צום עסין. אדער צו זעצין תלמידים צום לערנען. זעהן מיר אז פרעמדע מענטשין געבין עסין אונ תורה לערנען זענען ביידע גלייך. רב דימי פון נהרדעא זאגט דיא מצוה צו געבין אפרעמדין מענטשין עסין איז גרעסער וויא די מצוה צו גיין פריא אין בית המדרש לערנען. ווארום דער תנא לערנט מען מעג אפ ראמען אום שבת די בינטלאך תבואה פאר פרעמדע מענטשין צום עסין. אדער פר תלמידים צום לערנען. פריער זאגט דער תנא פרעמדע מענטשין. דער נאך זאגט ער צום לערנען. דאס מיינט מען פאר פרעמדע מענטשין מעג מען געווים אפ ראמען. נאר אפילו צום לערנען מעג מען אויך. זעהן מיר דאך אז די מצוה פון פרעמדע מענטשין געבין עסין איז גרעסער וויא די מצוה פון לערנען. רב יהודה האט געזאגט פון רבס וועגין פרעמדע מענשין צו געבין עסין. איז גרעסער וויא צו פאר נעמען דעם כבוד פון גאט. ווארום עס שטייט אין פסוק אברהם אבינו האט געזאגט צו גאט אויב איך האב געפונען חן אין דיינע אויגן בעט איך דיך דו זאלסט ניט אוועק גיין פון דיין קנעכט (פון מיר) איך וועל נאר לויפין ברענגען דיא דריי פרעמדע מענטשין צו מיר אין שטוב. האט אברהם אבינו פארלאזין גאט אונ איז געלאפין צו דיא פרעמדע מענטשין. רבי אלעזר האט געזאגט קום זעה אז דיא מדה פון גאט איז ניט וויא די מדה פון א מענטשין. די מדה פון א מענשין איז ניט אז א קלענערער זאל זאגין צו א גרעסערין ווארט ביז איך וועל קומען צו דיר. אונ ביי גאט שטייט אין פסוק אברהם האט גז.גט צו

כתיב ויאמר אדני אם נא מצאתי חן בעיניך וגו' (אמר רב יהודה בר שילא) אמר רב אסי (אמר רבי יוחנן) ששה דברים אוכל אדם פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא ואלו הן הכנסת אורחים ובקור חולים ועיון תפלה והשכמת בית המדרש והמגדל בניו לתלמוד תורה והדן את חבירו לכף זכות. איני והתנן אלו דברים שאדם עושה אותן אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא ואלו הן כבוד אב ואם וגמילות חסדים והבאת שלום בין אדם לחבירו ותלמוד תורה כנגד כולם (הני אין מידי אחרינא לא) הני נמי ובגמילות חסדים שייכי ל"א הני) בהני שייכי.

לקבל האורחים: ועיון תפלה לכוין בתפלתו: ה"ג הני נמי בהני שייכי: הכנסת אורחים ובקור חולים. היינו גמילות חסדים ועיון תפלה בכלל גמילות חסדים דכתיב גומל נפשו איש חסד השכמת בית המדרש וגידול בנים לתלמוד תורה היינו ת"ת והדן את חבירו לכף זכות בכלל הבאת שלום דמאחר שהוא מכריעו לזכות ואומר לא חטא לי בזאת אנוס היה או לטובה נתכוין יש שלום ביניהם. ורבי יוחנן לפרש לן אתא דבכלל ג' דמתניתין איתנהו לסך ו' ואיכא נמי לכבוד אב ואם ורבי יוחנן לא פליג עליה: וכתבו בהוב' "ויאמר אדני" וגו' קסבר כמ"ד בשבועות דהאי פס קדש דאיכא מ"ד כתם שהוא חול שלמלאכים היה מדבר שהיה מזומנים: אוכל מפירותיהם בעולם הזה. בפרק קמא דקדושין מפרש דהיינו אם היה שקול מכרעת דבכר מגוח

(ע"ב) תנו רבנן הדן את חבירו לכף זכות דנין אותו לזכות. ומעשה באדם אחד שירד מגליל העליון ונשכר אצל ב"ה אחד בדרום ג' שנים. ערב י"ה אמר ליה תן לי שכרי ואלך

---

גאָט אויב איך האָב געפֿונען חן אין דיינע אויגן זאָלסטו ניט אַוועק גיין פֿון דיין קנעכט (פֿון מיר) ביז איך וועל צוריק קומען מיט דיא דריי פֿרעמדע מענטשין. רב אַסי האָט געזאָגט זעקס מצוה זענען דאָ אַז אַמענטש איז זייא מקיים עסט ער זייערע פּירות ווען איז אים גוטן אויף דער וועלט אונ דער קרן (דער שכר) בלייבט אין גאַנצין אויף עולם הבא. דאָס זענען דיא זעקס מצות. הכנסת אורחים אַריין צו ברייִנגען פֿרעמדע מענטשין צוא זיך אין שטוב אונ זייא געבין עסין. וביקור חולים אונ גיין צו קראַנקע מענטשין זעהן וואָס זיי פֿעלט. טאָמער קען ער זיי עפּעס העלפֿין צו דער וועלט אָדער צו יענע וועלט. ועיון תפלה אונ ווען ער דאַווינט זאָל ער אין זינען האָבין יעדער וואָרט וואָס ער רעט. אונ ער זאָל שטיין פֿאַר גאָט מיט מורא. והשכמת בית המדרש אונ ער זאָל גיין אַלע טאָג פֿריא אין בית המדרש לערנען תורה. והמגדל בניו לתלמוד תורה אונ ער זאָל דער ציהען זיינע קינדער צו תורה לערנען. והדן את חברו לכף זכות אונ אויב ער וועט זעהן פֿון זיין חבר אַעולה. זאָל ער אויף אים לערנען אַזכות. אַז ער איז גירעכט אָדער ער האָט אַטעות גיהאַט. פֿרעגט די גמרא עס איז דאָך ניט אַזוי. וואָרום מיר האָבין גילערנט. דיא זאַכין אַז אַמענטש טוהט זיי עסט ער זייערע פּירות ווען איז אים גוטן אויף דער וועלט אונ דער קרן (דער שכר) בלייבט אין גאַנצין אויף עולם הבא. אונ דאָס זענען דיא זאַכין. כיבוד אב ואם מען זאָל געבין כבוד צוא פֿאָטער אונ מוטער. וגמילות חסדים מען זאָל טאָהן טובות צו מענטשין. והבאת שלום בין אדם לחברו מען זאָל מאַכין שלום צווישען מענטשין וואָס האָבין זיך געקריגט. ותלמוד תורה כנגד כולם אונ תורה לערנען איז נעגין אַלע זאַכין. ענטפֿערט די גמרא די דריי זאַכין וועגען די זעלביגע וואָס די זעקס זאַכין. נאָר איינס קומט צו אַניים. מען זאָל געבין כבוד צו פֿאָטער אונ מוטער. וואָרום הכנסת אורחים אונ בקור חולים איז גמילות חסדים צו איין אַנדערין. אונ עיון תפלה איז גמילות חסדים צו זיך אַליין. הדן את חברו לכף זכות איז הבאת שלום. השכמת בית המדרש אונ מגדל בניו לתלמוד תורה. איז תלמוד תורה:

תנו רבנן. דיא רבנן האָבין גילערנט אַז איינער משפּט זיין חבר אַז ער איז גירעכט. משפּט מען אים פֿון הימעל אויך אַז ער איז גירעכט. עס האָט אַמאָהל גיטראָפֿין אַמענטש האָט געוואוינט פֿון אויבערשטין גליל (עס זענען געווען צוויי שטעט וואָס האָבין גיהייסין גליל. איינע איז גישטאַנען אויף אַבאַרג. דאָס האָט גיהייסין דער אויבערשטער גליל: אונ איינע איז גישטאַנען אין אַטאָהל. דאָס האָט גיהייסין דער אונטערשטער גליל) אונ ער האָט זיך פֿאַרדונגען צום אַרבּעטין ביי אַבעל הבית אין דרום זייט דריי יאָהר. ערב יום כפּור האָבין זיך אויסגילאָזט די דריי יאָהר. האָט ער גיזאָגט צום בעל הבית גיב מיר מיין לוין געלט וועל איך גיין אַהיים

שפייזן

ואלך ואזון את אשתי ובני אמר לו אין לי מעות אמר ליה תן לי פירות אמר ליה אין לי תן לי קרקע אין לי תן לי בהמה אין לי תן לי כרים וכסתות אין לי הפשיל כליו לאחוריו והלך לביתו בפחי נפש. לאחר הרגל נטל ב"ה שכרו בידו ועמו משוי ג' חמורים אחד של מאכל ואחד של משתה ואחד של מיני מגדים והלך לו לביתו אחר שאכלו ושתו נתן לו שכרו. אמ' ליה בשעה שאמרת לי תן לי שכרי ואמ"תי אין לי מעות במה חשדתני אמרתי שמא פרקמטיא בזול נזדמן לך ולקחת מהן ובשעה שאמרת לי תן לי בהמה ואמרתי אין לי בהמה במה חשדתני אמרתי שמא מושכרת ביד אחרים. בשעה שאמרת לי תן לי קרקע ואמרתי לך אין לי קרקע במה חשדתני אמרתי שמא מוחכרת ביד אחרים ובשעה שאמרתי לך אין לי פירות במה חשדתני אמרתי שמא אינן מעושרין. ובשעה שאמרתי לך אין לי כרים וכסתות במה חשדתני אמרתי שמא הקדיש כל נכסיו לשמים. אמר ליה העבודה כך היה הדרתי כל נכסי בשביל הורקנוס בני שלא עסק בתורה וכשבאתי

כהאי טלאה ליכא ע"כ: בכהי נפש. בדלמון נפש: מיהכרא. שוית.ס ל:.בלו בכך וכך כורים לבנה. כל כיכה דלמריין מעבה בהסיד אחד או כ"י בן.

---

שפייזן מיין ווייב אונ קינדער. האט דער בעל הבית גיזאגט צו אים. איך האב ניט קיין געלט האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר פירות. האט דער בעל הבית גיזאגט צו אים איך האב ניט קיין פירות. האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר אשטי זיר פעלד. האט דער בעל הבית גיזאגט איך האב ניט קיין פעלד. האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר א בהמה. האט דער בעל הבית גיזאגט איך האב ניט קיין בהמה. האט ער גיזאגט צום בעל הבית גיב מיר בעטגיוואנט. האט דער בעל הבית גיזאגט איך האב ניט קיין בעט גיוואנט. האט ער גינומען זיינע כלים אויף די פלייצעס אונ איז גיגאנגען אהיים טרויעריג. נאך יום טוב האט דער בעל הבית גינומען זיין לוין געלט אונ ער האט מיט זיך גינומען דריי אייזלען בלאדענע איינעם מיט עסינווארג, אונ איינעם מיט משקה. אונ איינעם מיט זיסע שפייזן. אונ ער איז גיגאנגען מיט דיא אייזלען צו דעם ארבעטער אהיים. דער נאך ווי זיי האבן גיגעסן אונ גיטרונקען. האט ער אים גיגעבן זיין לוין געלט. האט דער בעל הבית גיזאגט צום ארבעטער. ווען דו האסט גיזאגט צו מיר גיב מיר מיין לוין געלט. אונ איך האב גיזאגט איך האב ניט קיין געלט. וואס האסטו מיך חושד גיוועזן. האט דער ארבעטער גיזאגט איך האב גימיינט מאמער האט זיך דיר גיטראפן סחורה וואלוול צו קויפן. האסטו אויסגיגעבן דיין גאנצע געלט אויף דיא סחורה. האט דער בעל הבית גיזאגט צום ארבעטער אונ ווען דו האסט גיזאגט צו מיר גיב מיר א בהמה. אונ איך האב גיזאגט איך האב ניט קיין בהמה. וואס האסטו מיך חושד גיוועזן. האט דער ארבעטער גיזאגט איך האב גימיינט מאמער האסטו פאר דונגען דיינע בהמות צוא אנדערע מענטשין. האט דער בעל הבית גיזאגט צום ארבעטער. ווען דו האסט גיזאגט צו מיר גיב מיר אשטיקול פעלד. אונ איך האב גיזאגט צו דיר איך האב ניט קיין פעלד. וואס האסטו מיך חושד גיוועזן. האט דער ארבעטער גיזאגט איך האב גימיינט מאמער האסטו פאר דונגען דיינע פעלדער צו אנדערע מענטשין. האט דער בעל הבית גיזאגט צום ארבעטער. ווען דוא האסט גיזאגט צו מיר גיב מיר פירות. אונ איך האב גיזאגט צו דיר איך האב ניט קיין פירות. וואס האסטו מיך חושד גיוועזן. האט דער ארבעטער גיזאגט. איך האב גימיינט מאמער זענען די פירות ניט גימעשרת. האט דער בעל הבית גיזאגט צום ארבעטער. ווען דוא האסט גיזאגט צו מיר גיב מיר בעטגיוואנט. אונ איך האב גיזאגט צו דיר איך האב ניט קיין בעטגיוואנט. וואס האסטו מיך חושד גיוועזן. האט דער ארבעטער גיזאגט. איך האב גימיינט מאמער האסטו גיהייליגט דיין גאנץ פאר מעגין צו גאט. האט דער בעל הבית גיזאגט צום ארבעטער. איך שווער אז אזוי איז גיוועזן. איך האב גיהייליגט מיין גאנץ פאר מעגין צו גאט. מיין זוהן הורקנוס זאל ניט הנאה האבין פון מיין פארמעגין. ווייל ער האט ניט גיוואלט לערנען תורה. אונ אז איך

בין

וכשבאתי אצל חבירי בדרום התירו לי כל נדרי ואתה כשם שדנתני לזכות כך המקום ידין אותך לזכות. תנו רבנן מעשה בחסיד אחד שפדה ריבה אחת בת ישראל ולמלון השכיבה תחת מרגלותיו למחר ירד וטבל ושנה לתלמידיו אמר להו בשעה שהשכבתיה תחת מרגלותי במה חשדתוני. אמרנו שמא יש בנו תלמיד שאינו בדוק לרבי. בשעה שירדתי וטבלתי במה חשדתוני אמרנו שמא מפני טורח הדרך אירע קרי לרבי. אמר להן העבודה כך היה ואתם כשם שדנתוני לכף זכות כך המקום ידין אתכם לכף זכות. תנו רבנן פעם אחת הוצרך דבר אחד לתלמידי חכמים אצל מטרוניתא אחת שכל גדולי רומי מצויין אצלה אמרו מי ילך אמר להם רבי יהושע אני אלך. הלך רבי יהושע ותלמידיו כיון שהגיע לפתח ביתה חלץ תפיליו ברחוק ד' אמות ונכנס ונעל הדלת בפניהם אחר שיצא ירד וטבל ושנה לתלמידיו ואמר להם בשעה שחלצתי תפילין במה חשדתוני אמרנו כסבור רבי אל יכנסו דברי קדושה במקום טומאה בשעה שנעלתי בפני חשדתוני אמרנו שמא דבר מלכות יש בינו לבינה בשעה שירדתי וטבלתי במה חשדתוני אמרנו שמא ניתזה צנורא מפיה על בגדיו

בגמ' או ר"י כר' אלעאי: ריבה. נערה: בתלמיד בדוק לו'. בלוני הכיר במדותיו לסמוך עליו ולהכניסה אללנו: מטרוניתא. כותים: דבר מלכות. וצריך להעלימו: צנורא. רוק וגזרו על הכותיים כותיות שיהיו כזבים לכל דבריהם:

---

בין געקומען צו מיינע חברים וואס וואוהנען אין דרום זייט האבען זיי מתיר געווען מיינע אלע נדרים. אונ אזוי וויא דוא האסט מיך געמשפט גערעכט צוא מאכען. אזוי זאל גאט דיך אויך משפטין גערעכט צו מאכען:

תנו רבנן. די רבנן האבין געלערנט עס האט אמאהל געטראפען א חסיד האט אויס געלייזט איודישע מיידיל פון געפיינקענים. ע"ש נאכט ווען זיי זענען געוועזען אין גאסט הויז. האט דער חסיד געזאגט צו די מיידיל זי זאל ליגען נעבין זיינע פיס. מארגין פריא האט זיך דער חסיד טובל געוועזען. דער נאך האט ער געלערנט מיט זיינע תלמידים אין דער פריה ווען זייא זענען אויף געשטאנען האט דער חסיד געזאגט צוא זיינע תלמידים ווען איך האב געלייגט די מיידיל נעבין מיינע פיס וואס האט איר מיך חושד געוועזען. האבין די תלמידים געזאגט. מיר האבען געמיינט טאמער איז דא צווישען אונז א תלמיד וואס דער רבי האט איהם נאך ניט געפרובט צוא ער איז פרום. דריבער האט דער רבי געגומען די מיידיל נעבין זיך. האט דער חסיד געזאגט צו די תלמידים ווען איך האב מיך טובל געוועזען. וואס האט איר מיך חושד געוועזען. האבען דיא תלמידים געזאגט. מיר האבען געמיינט טאמער ווייל דוא ביסט געוועזען אפ געמאטערט פון וועג האסטו געזעהן קרי. האט דער חסיד געזאגט צו זיינע תלמידים איך שווער אז אזוי איז געוועזען. אונ אזוי וויא איר האט מיך געמשפט גערעכט צוא מאכען. אזוי זאל גאט אייך אויך משפטין גערעכט צוא מאכען:

תנו רבנן. די רבנן האבען געלערנט אמאהל האבען דיא רבנן געבארפט אזאך ביא אפירשטין וואס די גרעסטע מענטשין פון רוים פלעגין צו איר קומען. האבען די רבנן געזאגט ווער פון אונז וועט גיין צו איר. האט רבי יהושע געזאגט איך וועל גיין. איז געגאנגען רבי יהושע מיט זיינע תלמידים. ווי ער איז געקומען ווייט פון איר טיר פיר איילען. האט ער אויס געטאהן די תפלין אונ איז אריין געגאנגען צו איר. אונ ער האט פאר שלאסען די טיר. אונ רבי יהושע מיט דיא פירשטין זענען געבליבען אליין אין שטוב. דער נאך וויא רבי יהושע איז ארויס געגאנגען האט ער זיך טובל געוועזען אונ האט געלערנט מיט די תלמידים. האט רבי יהושע געזאגט צו די תלמידים. ווען איך האב אויס געטאהן די תפלין. וואס האט איר מיך חושד געוועזען. האבען די תלמידים געזאגט: מיר האבען געטראכט דער רבי וויל ניט אריין גיין מיט א הייליגע זאך אין אאומריינעם ארט. אונ ווען איך האב פאר שלאסען די טיר. וואס האט איר מיך חושד געוועזען. האבען די תלמידים געזאגט מיר האבן געטראכט טאמער האסטו צו שמועסין מיט איר א קעניגליכע

זאך

בישא מי הוי טבא. אם השמש הכאה קשה לאדם כלום מטיב לו:
אכל ועמד. מיהר לעמוד פתאום אחר האכל שבעו:
פורסא דדמא. זמן הקזה כמו פרוס הפסח: בין הפרקים. פרקי שמתיו כגון לאחר ארבעים ימעט בהקזה לא יקיז בכל חודש אלא מג' חדשים לג' חדשים: ובין הפרקים יחזור וימעט. לאחר ס' יקיז לג' חדשים לפי שאין כחו עליו ואין

בגדיו של רבי. אמר להם העבודה כך היה ואתם כשם שדנתוני לזכות כך המקום ידין אתכם לזכות:

(דף קכט) **ב אבלט** אשכחיה לשמואל דגני בשמשא אמר ליה חכימא דיהודאי בישא מי הוה טבא אמר ליה יומא דהקזה הוא. ולא היא אלא איכא (יומא) דמעלי בה שמשא בכולי שתא יומא דנפלה ביה תקופת תמוז (ס"א סנט) וסבר לא איגלי ליה. רב ושמואל דאמרי תרוייהו כל המיקל בסעודת הקזת דם מקילין לו מזונותיו מן השמים ואומרים הוא על חייו לא חס אני אחוס עליו:

**ג אמר** מר ה' דברים קרובים למיתה יותר מן החיים ואלו הן אכל ועמד שתה ועמד ישן ועמד הקיז דם ועמד שימש מטתו ועמד:

**ד אמר** שמואל פורסא דדמא כל תלתין יומין בין הפרקים ימעט ובין הפרקים יחזור וימעט וא"ש פורסא דדמא חד בשבא ארבעה ומעלי שכתא אבל שני וחמישי לא דא"מ מי שיש לו זכות

---

זאך וואס קיינער מאר ניט וויסען . אונ ווען איך האב מיך מובל גיוועזן . וואס האט איר מיך חושד גיוועזן . האבען די תלמידים גזאגט מיר האבען גיטראכט טאמער האט אשפיץ גיטאהן שפייאכץ פון איר מויל אויף די קליידער פון רבי . האט רבי יהושע גזאגט צו דיא תלמידים איך שווער אז אזוי איז גיוועזן . אונ אזוי ווי איר האט מיך געמשפט גירעכט צו מאכען . אזוי זאל גאט אייך אויך משפטין גירעכט צו מאכען :

**ב** אבלט האט גיט־אפען שמואל איז גישלאפען אויף די זוהן . האט אבלט גזאגט צוא שמואל . דו ביסט דאך דער קלוגער פון די יודען ; ווס שלעכט איז קען ווערין גוט . קען דען די היץ פון די זוהן זיין גוט צו אמענטשין . האט שמואל גזאגט צו אבלט דעם טאג (היינט האב איך מיר גילאזין בלוט פון אאדער . איז מיר קאלט גיווארין . דריבער האב איך מיך גיהייצט אויף די זוהן . זאגט די גמרא עס איז ניט אזוי גיוועזן . שמואל האט ניט גילאזען בלוט פון אאדער דעם טאג . נאר פר ווס דען איז ער גישלאפען אויף די זוהן . נאר עס איז דא איין טאג אין גאנצען יאהר . ווס די זוהן איז נוט דעם טאג . דער טאג ווס אין איהם גיפאלט דיא תקופה פון תמוז . דעם טאג איז שמואל גישלאפען אויף די זוהן אונ שמואל האט גיטראכט איך וויל דאס ניט זאגען פר אבלט . דריבער האט שמואל גזאגט ער האט גילאזען בלוט פון אאדער . רב אונ שמואל זאגען ביידע אז איינער האט גילאזען בלוט פון אאדער . אונ דיא ערשטע סעודה וואס ער עסט דער נאך . זאלעוועט ער צוא עסין אגוטע סעודה . אזוי וויא ער האלט גרינג די סעודה . אזוי מאכט מען איהם גרינג זיין פרנסה פון הימעל . מען שיקט איהם צו ווייניג פרנסה . גאט זאגט אז דער מענטש האט ניט רחמנות אויף זיין לעבין ; זאל איך אויף איהם רחמנות האבען :

**ג** אמר מר . דער רבי האט גזאגט פינף זאכען בריינגען דעם מענטשין נעענטער צום טוט ווי צום לעבין . דס זענען די פינף זאכען . אז ער האט גיגעסען צו זעט . אונ האט זיך באלד נאך דעם עסין גישטעלט . ער האט גיטרונקען צוא זעט אונ האט זיך באלד נאך דעם טרינקען גישטעלט . ער איז גישלאפען . אונ וויא ער האט זיך נאר אויף גיוואכט האט ער זיך באלד גישטעלט . מען האט איהם גילאזען בלוט פון אאדער אונ ער האט זיך באלד גישטעלט . ער האט משמש המטה גיוועזן אונ ער האט זיך באלד גישטעלט :

**ד** אמר . שמואל האט גזאגט די צייט פון בלוט לאזען איז איין מאל אין דרייסיג טעג . אונ אז ער איז עלטער וויא פערציג יאהר . זאל ער ווייניגער בלוט לאזען . איין מאהל אין צוויי חדשים . אונ אז ער איז עלטער וויא זעכציג יאהר . זאל ער נאך ווייניגער בלוט לאזען , איין מאהל אין דריי חדשים . נאך האט שמואל גזאגט דיא צייט פון בלוט לאזען איז זונטאג . אדער מיטוואך אדער פרייטאג . אבער מאנטאג אונ דאנערשטאג ניט . ווארום דער רבי האט גזאגט

אבות יקיז דם בשני ובחמישי שבית דין של מעלה ושל מטה שוין כאחד. בתלתא בשבא מאי טעמא לא משום דקיימא (לן) מאדים בזווי. מעלי שבתא נמי קימא בזווי כיון דדשו ביה רבים (תהלים קטז) שומר פתאים ה'. אמר שמואל ד' דהוא ארבע דהוא ארביסר ד' דהוא כ"ד ד' דליכא ד' בתריה סכנתא. ר"ח ושני לו חולשא ג' לו סכנתא מעלי יומא טבא חולשא. מעלי יומא טבא דעצרתא סכנתא וגזרו רבנן אכולהו מעלי יומא טבא משום מעלי יומא טבא דעצרתא דנפק ביה זיקא ושמיה טבוח דאי לא קבלו ישראל תורה הוה טבח להו לבשרייהו ולדמייהו:

דמו חם וגופו מלוכלך כשמתמלא דמו: שבית דין של מעלה ושל מטה שוין. אדם נדון בכל יום וב"ד יושבים בעיירות בב' וה' מהתקנת עזרא ואילך וכיון דיום הדין ופקידה הוא עונותיו נזכרים: דקיימא מאדים בזווי. במזל מאדים משמש בו בשעה זוגות ומזל מאדים ממונה על החרב ועל הדבר וכל הפורעניות והזוגות קשין שכן רשות לשדים כדאיתא בפסחים והפורעניות מצויים. סל"ם חנכ"ל כסדר השעות כשנתלו המאורות והמזלות בשעה א' של ד' בשבת שמש שבתאי ושבתאי לצדק ואחריו מאדים ואחריו חמה ואחריו נוגה ואחריו כוכב ואחריו לבנה נמצאו ז' המזלות לז' שעות וחוזרים חלילה נמצא בסדר זה לעולם סימני מזלות משמשים בתחלת ליל השבוע כלנ"ש חצ"מ מוצאי שבת שעה א' שלו כוכב תחלת ליל שני צדק וכן בסדר הזה וסדר תחלת סימני הימים חל"ש כלנ"ם שעה א' של א' בשבת חמה ושל שני בשבת לבנה ושל ג' בשבת מאדים נמצא מאדים חוזר בו הלילה בשעה ח' ביום וזוגות זוגות אבל שאר ימים אין מאדים בזוגות שלהם לא בלילה ובלילה אין דרך להקיז: מעלי שבתא נמי קיימא מאדים בזווי. שהרי בשעה א' של יום נוגה לפי הסדר של חל"ש כלנ"ם תחלת הימים וכיון בתחלתו נוגה וסדר בניכתם סל"ם חנכ"ל נמצאו מתחילים נחזור הלילה בשעה ד' נמצא מאדים בשעה ו': כיון דדשו ביה רבים. הורגלו בו מפני דוחק שיהיו קרובים לסעודת שבת והמרקן בפרקין דלעיל דגדול כבוד שבת בדגים גדולים ונמשכת עבודת כוכבים המריק פני לדם דג: ארבע דהוא ד'. ד' בשבת שהוא ד' לחדש או ארביסר לחדש: או כ"ד. לחדש כלהו קשיא להקזה: ד' דליכא ד' בתריה. שאין ד' ימים עד סוף החדש ואיכא דאמרי דליכא ד' בשבת בתריה באותו חדש ואינו כן. ס"א ושני לו חולשא אליבי לו סכנתא:

ווער עס האט זכות אבות ווער עס האט גיהאט עלטערין גרויסע צדיקים וואס זייער זכות קען אויף איהם בשיצען דער מעג עפענען אדער צום בלוט לאזין. מאנטאג אדער דאנערשטאג. אבער קיין אנדער מענטש ניט. ווייל מאנטאג און דאנערשטאג משפט דער בית דין פון הימעל. און דער בית דין וואס אויף דער ערד. און ווייל דאס איז טעג פון משפט. דארף ניט דער מענטש זיך ברייננגען אין אסכנה דיא טעג. פאר וואס טאר מען ניט לאזען אדער דינסטאג. ווייל דער מזל מאדים איז דינסטאג אין די שעה וואס איז זוגות והער מזל מאדים קומט אוים דינסטאג ביי טאג שעה צוויי. און צוויי איז זוגות און דער מזל מאדים ווייזט אויף שלעכט. און זוגות איז אויך שלעכט. אז מען לאזט אדער אין די שעה איז אסכנה. דריבער דארף מען ניט לאזין אדער דעם גאנצען טאג דינסטאג. טאמער וועט מען פאר געסין און מען וועט לאזען אדער די שעה. פרעגט די גמרא פרייטאג איז דאך אויך דער מזל מאדים אין דיא שעה וואס איז זוגות והער מזל מאדים קומט אוים פרייטאג ביי טאג שעה זעקס. ענטפערט דיא גמרא ווייל פיל מענטשין זענען געוואוהנט צוא לאזין אדער פרייטאג. ווייל עס איז נאנט צוא שבת וועלין זיי האבען אגוטע סעודה נאך דעם אדער לאזין. און זייא וועלין אפ רוהען פון זייער ארבעט. היט שוין גאט די נארין. עס זאל זיי ניט טרעפין קיין שאדין דורך דעם מזל מאדים. שמואל האט גזאגט דער פערטער טאג אין וואך (מיטוואך) אויב ער איז דער פערטער טאג אין חודש. אדער מיטוואך איז דער פערצעהנטער טאג אין חודש. אדער מיטוואך איז דער פיר און צוואנציגסטער טאג אין חודש. אדער פון מיטוואך ביז צום סוף חודש איז שוין גיטא קיין פיר טאג. די אלע מיטוואכין זענען אסכנה צו לאזין בלוט פון אאדער. אז מען לאזט בלוט פון אאדער אום ראש חודש. אדער דעם אנדערין טאג אין חודש. ווערט מען שוואך. דעם דריטען טאג אין חודש איז אסכנה. אז מען לאזט בלוט פון אאדער ערב יום טוב. ווערט מען שוואך. ערב יום טוב פון שבועות איז אסכנה און דיא רבנן האבען גוזר גיווען אויף אלע ערב יום טוב מען זאל ניט לאזין בלוט פון אאדער. טאמער וועט מען ערב יום טוב פון שבועות אויך לאזין אדער. און ערב יום טוב פון שבועות איז ארויס גיגאנגען אווינט. זיין נאמען איז טבוח שלכטין. ווען די יודען וואלטען ניט גענומען דיא תורה וואלט דער ווינט גישאכטען זייער פלייש און בלוט. און דער ווינט איז דא אלע ערב שבועות. דריבער איז ערב שבועות אסכנה צו לאזין בלוט.

ה אמר רב נחמן (בר יצחק) אמר רבה בר אבוה אמר רב כל האמור בפרשת תוכחה עושין לחיה בשבת שנאמר (יחזקאל טז) ומולדותיך ביום הולדת אותך לא כרת שרך ובמים לא רחצת למשעי והמלח לא המלחת והחתל לא חותלת ומולדותיך ביום הולדת מכאן שמילדין את הולד בשבת. לא כרת שרך מכאן שחותכין הטבור בשבת. ובמים לא רחצת למשעי מכאן שרוחצין הולד בשבת. והמלח לא המלחת מכאן שמולחין הולד בשבת. והחתל לא חותלת מכאן שמלפפין הולד בשבת:

## ר"א דמילה פרק יט

(דף קל) א משנה רבי אליעזר אומר אם לא הביא כלי מע"ש מביאו בשבת מגולה ובסכנה מכסהו על פי עדים: גמ' א"ר יצחק עיר אחת היתה בארץ ישראל שהיו עושים כרבי אליעזר והיו מתים בזמנם ולא עוד אלא שפעם אחת גזרה

פרשת תוכחה. שהוכיח יחזקאל לישראל את חסדי הקב"ה עמהן. תוכחה. לשון לכו נא ונוכחה להוכחה ולהודיע מי הוא שברח על שכנגדו: למשעי. לשון ולהחליק בשרו: במולחין. ובשרו מתקשה: מלפפין. הגמליו"ן בלעז ואלמי היינו הכותי יתיקא דאמרן לעיל פרק כל כלים דהא במעיק ליה לרב נחמן דאסר אלא לפופי בעלמא כמו שעושים בתגורים ופסיקיות:

ר"א אם לא הביא כלי. איזמל למול את התינוק וקאי אמתני' דפרקין דלעיל דקתני מילה וכל צרכי מילה עושין בשבת: מגולה. בגמרא מפרש אמאי מצריך ליה לגלויי דאיבעי' לכו אי משום חבובי מצוה או דילמא משום חשדא פירוש משום חשדא שלא יחשדוהו שאינו נושא אלא תפליו וסיפא דמתני' דקתני ובסכנה מכסהו ע"פ עדים ודאי משום חשדא הוא אלא רישא מיבעיא לן דוקא מגולה קאמר אבל מכוסה ע"פ עדים שלא בשעת הסכנה לא ומשום חבוב מצוה או לאו דוקא מגולה דטעמא משום חשדא וכ"ש למכוסה ע"פ עדים ואפסיפא דלא אמר ר"א אלא לחבובי מצוה: ובסכנה. שגזרו עובדי כוכבים על המילה: מכסהו ע"פ עדים. בעידן שאיזמל של מילה הוא מגיה

ה אמר. רב נחמן האט געזאגט רבה בר אבוה האט געזאגט פון רבס וועגן אז וואס עס שטייט אין דעם קאפיטל וואס יחזקאל הנביא האט געשטראפט די יודין. און ער האט זיי דער מאנט די אלע טובות וואס גאט האט מיט זיי געטאהן. דיא טובות מעג מען טאהן צו אגעווינערין אום שבת. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא וואס האבען דיך געבארין. אין דעם טאג וואס דוא ביזט געבארין געווארען. האט מען ניט אפגעשניטען דיין נאפיל. און מען האט דיך ניט געוואשין מיט וואסער דו זאלסט ריין ווערן. און מען האט דיך ניט באזאלצין. און מען האט דיך ניט געוויקולט. ווייל עס שטייט די וואס האבען דיך געבאהרין. אין דעם טאג וואס דו ביזט געבארין געווארין. פון דאנען ווייסן מיר אז מען מעג העלפען אום שבת דס קינד צו געבארן. און ווייל עס שטייט מען האט ניט אפ געשניטען דעם נאפל. ווייסן מיר אז מען מעג אפ שנייהן דעם נאפל אום שבת און ווייל עס שטייט מען האט דיך ניט געוואשען מיט וואסער דוא זאלסט ריין ווערין. פון דאנען ווייסען מיר אז מען מעג אפ וואשען אקינד וואס איז געבארען געווארען אום שבת. און ווייל עס שטייט מען האט דיך ניט באזאלצין. פון דאנען ווייסען מיר אז מען מעג באזאלצין אקינד אום שבת. און ווייל עס שטייט מען האט דיך ניט געוויקולט. פון דאנען ווייסען מיר אז מען מעג וויקלען אקינד אום שבת ועיין בשלחן ערוך:

## פרק תשעה עשר

א משנה. רבי אליעזר זאגט אויב מען האט ניט געבראכט דעם מוהל מעסער ערב שבת. מעג מען איהם ברייגגען אום שבת: אויף געדעקט. אלע זאלען זעהן אז ער טראגט איין מוהל מעסער. מען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער טראגט איין אנדער זאך (דא שטעהט ווא עס איז ניטא קיין עירוב און מען טאר ניט טראגין שבת). און ווען עס איז אסכנה צו טראגין א מוהל מעסער. (ווי פרצייטען איז געווען דער מלך האט גוזר געווען מען זאל ניט מל זיין) זאל ער צודעקין דער מוהל מעסער. נאר עדות זאלען זעהן אז ער טראגט איין מוהל מעסער. מען זאל איהם ניט חושד זיין אז ער טראגט איין אנדער זאך:

אמר. רבי יצחק האט געזאגט עס איז געווען איין שטאט אין ארץ ישראל וואס זיי פלעגין טאהן אזוי ווי רבי אליעזר און זיי פלעגין שטארבין צו זייער צייט. אז זיי זענען אלט געווארין. און

נאך

המלכות גזרה על ישראל על המילה ועל] אותה. העיר לא נזרה. תניא רשב"ג אומר כל מצוה שקבלו ישראל עליהם בשמחה כגון מילה דכתיב (תהלים קיט) שש אנכי על אמרתך וגו' עדיין עושין אותה בשמחה וכל מצוה שקבלו עליהם בקטטה כגון עריות דכתיב (במדבר יא) וישמע משה את העם בכה למשפחותיו על עסקי משפחותיו עדיין עושין אותה בקטטה דליכא כתובה דלא רמו בה תיגרא:

ב תניא רבי שמעון בן אלעזר אומר כל מצוה שמסרו ישראל עצמן עליה למיתה בשעת הגזרה כגון עבודת כוכבים ומילה עדיין היא מוחזקת בידם וכל מצוה שלא מסרו ישראל עצמן עליה למיתה כגון תפילין עדיין היא מרופה בידם. דאמר רבי ינאי תפילין צריכין גוף נקי כאלישע בעל כנפים מאי היא (אמר אביי) שלא יפיח בהם רבא אמר שלא יישן בהם ואמאי קרו ליה אלישע בעל כנפים שפעם אחת גזרה המלכות גזרה על ישראל שכל המניח תפילין על ראשו יקרו את מוחו והיה אלישע מניח תפילין ויצא לשוק וראהו קסדור אחד ורץ מלפניו ורץ אחריו כיון שהגיע אצלו

ולא יתמרדו: שש אנכי על אמרתך. אמירה ישנה בקדמה נאמר אמירה היא מילה שישראל עושין ושמים עליה דכל שאר מצות אינם מוליכות כל כך שמה כגון תפילין ומזוזה וציצית אינם כשבא בבית וערום בבית המרחץ אבל זו מעידה עליהם לעולם כדאמרינן במנחות כדוד שראה עצמו ערום בבית המרחץ ונצטער ואמר אוי לי שאני ערום מכל מצות כיון (שנסתכל) [שנזכר] במילה נתיישבה דעתו: בשמחה. שעושין משתה: על עסקי משפחותיו. שנאסר להם קרובות:

מרופה. רפויה: דאמר רבי ינאי תפילין צריכין גוף נקי. שלא יפיח אלמא לא זהירי בהו ושמעינן מינה דלא מסרו עליה אלא אלישע לבדו: יקרו. לשון יקרוהו עורבי נחל ולשון תנקר את עיניהם: את מוחו. שכנגד תפילין: קסדור.

מער איז גיווען. אמאהל האט אמלך גוזר גיוועז אגזרה אויף די יודען זיי זאלען ניט מל זיין זייערע קינדער. אונ אויף די יודען פון די שטאט האט ער ניט גוזר גיוועז:

תניא. מיר האבען גילערנט רבן שמעון בן גמליאל זאגט אלע מצות וואס די יודען האבען זיי אן גינומען מיט שמחה. אזוי וויא מילה, ווי עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט איך פריי מיך אויף דיין זאג [אויף דיין ערשטע געבאט. דאס איז מילה]. טוהען נאך די יודען היינט אויך די מצוה מיט שמחה. אז מען איז מל אקינד פרייען זיך אלע. אונ דיא אלע מצות וואס די יודען האבען זיי אן גינומען מיט קריג. אזו וויא אחתונה ווי עס שטייט אין פסוק משה האט גיהערט דם פאלק וויינט צו זייערע משפחות. פון וועגן זייערע משפחות. ווייל מען האט זיי גיאסרת חתונה צו האבען מיט זייערע פריינד. [אשוועסטער מיט אברודער; אדער מיט איין מומע אדער מיט די איבעריגע פריינד וואס שטייט אין דיא סדרה אחרי מות]. זייא מוזען נאר חתונה האבען מיט פרעמדע. מאכט מען נאך היינט אויך אחתונה מיט קריג - ווארום עס איז ניטא קיין כתובה [קיין חתונה] עס זאל ניט זיין ביי איהר אקריג:

ב תניא. מיר האבען גילערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט אלע מצות וואס דיא יודען האבען זיך גילאזט הרגנן ווען עס איז גיוועז אגזרה מען זאל ניט טאהן דיא מצוה. אזוי וויא עבודה זרה אונ מילה. אז עס איז גיוועז אגזרה מען זאל ניט מל זיין. אדער מען זאל דינען עבודה זרה. האבען דיא יודען זיך גילאזט הרגנן אונ האבען ניט געדינט עבודה זרה. אונ האבען זיך גיבראכט אין סכנות נפשות אונ האבען מל גיוועז זייערע קינדער. איז נאך היינט אויך שטארק די מצוה ביי די יודען. אונ די אלע מצות וואס דיא יודען האבען זיך ניט גילאזט הרגנן פון זייערטוועגן. אזוי ווי תפילין. די מצות האלטען ניט די יודען שטארק פון זיי ווארום רבי ינאי האט גזאגט דער מענטש וואס האט תפלין אויף זיין האנט אונ אויף זיין קאפ. דארף ער האבען אריינעם גוף אזוי ווי אלישע בעל כנפים האט גיהאט. וואס מיינט מען אריינעם גוף. אביי זאגט ער זאל זיך היטען עס זאל ניט ארוים גיין פון איהם אשלעכטער ריח פון אינטען. רבא זאגט ער זאל ניט שלאפען אין דיא תפלין. פאר וואס האט מען איהם גירופען אלישע בעל כנפים. אמאהל האט אמלך גוזר גוועז אגזרה אויף יודען. דער וואס וועט לייגען תפלין אויף זיין קאפ זאל מען איהם דעבערין זיין מוח אונ אלישע האט גילייגט תפלין אונ איז ארוים גיגאנגען אין גאס. האט איהם גיזעהן אקסדור [אייגער פון דיא פאליציע]. איז אלישע אנטלאפען פאר

אצלו נטלם מראשו ואחזן בידו אמר ליה מה בידך א"ל כנפי יונה פשט את ידו ונמצאו בה כנפי יונה ולפיכך היו קורין אותו אלישע בעל כנפים ומ"ש כנפי יונה דא"ל ולא א"ל שאר עופות משום דדמיא כנסת ישראל ליונה שנאמר (תהלים סח) כנפי יונה נחפה בכסף ואברותיה בירקרק חרוץ מה יונה זו כנפיה מגינות עליה אף ישראל מצות מגינות עליהם:

מגינות: מגינות עליה. אינה נלחמת בחרטומה אלא בכנפיה ע"כ:

כוי דומה לו. ולשון ואנוהו אני והוא אעשה עצמי כמותו לדבק בדרכיו (ועי"ל דה"ס והנוהו כהולה לפניו במעשים מהרש"א):

שב מינאי תרבא. ז' מנות של חלב: וחד קירא.

בעוה: קירא וקלבא רישינא. והוא זפת של עץ

שמילחין ממנו בלא ע"י האור והיא לבנה:

קרעינהו למניינו. שהספיד להם לגלות רפואה זו בנקה

(דף קלג ע"ב) **ג תניא** (שמות טו) זה אלי ואנוהו התנאה לפניו במצות עשה לפניו סוכה נאה ולולב נאה ושופר נאה ציצית נאה ס"ת נאה וכתוב (ס"ת) (בו) לשמו בדיו נאה בקולמוס נאה בלבלר אומן וכורכה בשיראין נאין אבא שאול אומר ואנוהו הוי דומה לו כה הוא חנון ורחום אף אתה היה חנון ורחום:

**ד אמר** אביי אמרה לי אם אספלניתא דכולהו כיבי שב מינאי תרבא והדא קירא רבא אמר קירא וקלבא (רישינא) דרשה רבה בכחוזא קרעינהו בני מניומי אסיא למניינהו א"ל שבקי לכו חדא דאכר שמואל האי מאן דמשי אפיה ולא נגיב טובא נקטרו ליה

---

איהם. אונ דער קסדור איז געלאפען אינטער איהם. ווי דער קסדור איז געקומען ביז צו אלישע' האט אלישע אראפ גענומען די תפלין פון קאפ אונ האט זיי געהאלטען אין האנט. האט דער קסדור געזאגט צוא אלישע וואס האסטו אין דיין האנט. האט אלישע געזאגט צום קסדור איך האב אין זאנט פליגעל פון אטויב. האט אלישע אויף גימאכט זיין האנט האט מען געפונען אין האנט פליגעל פון אטויב. דריבער פלעגט מען איהם רופען אלישע בעל כנפים. אונ פר וואס האט אלישע געזאגט צום קסדור ער האט אין האנט פליגעל פון טויבען. אונ ער האט ניט געזאגט אנדערע עופות. ווייל די יודען זענען געגליכען צו אטויב. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק די יודען וועלען אזוי שיין זיין ווי די פליגעל פון אטויב וואס זענען בדעקט מיט זילבער. אונ וויא די פליגעל וואס זענען בדעקט מיט גרין גאלד. אזוי וויא אטויב בשיצען אויף איהר איהרע פליגעל. אזוי די יודען בשיצען אויף זיי די מצות:

**ג** תניא. מיר האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק דיא יודען האבען געזאגט זה אלי ואנוהו. דער איז מיין גאט אונ איך וועל איהם בשיינען. דוא זאלסט מאכען פאר איהם שיינע מצות. דוא זאלסט מאכען אשיינע סוכה. אשיינעם לולב. אשיינעם שופר. שיינע ציצית. איין שיינע ספר תורה. אונ זיא זאל זיין געשריבען מיט שיינע טינט מיט אשיינע פעדער. אונ דער סופר זאל זיין דער בעסטער שרייבער. די אותיות זאלען זיין שיין געשריבען. אונ ער זאל איין וויקלען דיא ספר תורה מיט שיינע זיידענס. ואזיידענע מפה. אונ איין זיידענע מענטעלע. אבא שאול זאגט ואנוהו איז צוויא ווערטער. אני והוא. איך אונ ער. דער מענטש זאל גלייכען זיינע מדות צו דיא מדות פון גאט. אזוי ווי גאט האט רחמנות אויף אלע בשעפעניש. זאל דער מענטש אויך האבען רחמנות אויף אלע בשעפעניש:

**ד** אמר. אביי האט געזאגט מיין מוטער האט מיר געזאגט דער פלאסטער וואס היילט אלע שמערצין. זאל מען נעמען זיבען חלקים חלב אונ איין חלק וואקס. אונ צו מישען צו זאמען אונ בשמירען אויף אטיכול. דאס היילט אלע וואונדען. רבא זאגט מען זאל נעמען וואקס אונ ווייסע זיווייצע פון אבוים. אונ מען זאל אויס מישען צו זאמען אונ בשמירען אויף אטיכול. דאס היילט אלע וואונדען. רבה האט געזאגט אדרשה אין מחוזא. אין דער דרשה האט ער געזאגט דיא רפואה. האבען דיא קינדער פון דעם דאקטאר מניומי צעריסען זייערע קליידער. ווייל מען האט אויס געזאגט דיא רפואה. וועלין זייא דאך האבען שאדען פרנסה. האט רבה צו זייא געזאגט איך האב נאך גילאזען איין רפואה וואס איך האב ניט געזאגט. ווארום שמואל

האט

ליה חספניתא מאי תקנתיה לימשי טובא במיא דסילקא :
(דף קלד) **הּ תניא** אין טורפין יין ושמן להולה בשבת .
אמר רבי שמעון בן אלעזר משום
רבי מאיר אף טורפין יין ושמן . אמר רבי שמעון בן
אלעזר פעם אחת חש רבי מאיר במעיים ובקשנו
לטרוף לו יין ושמן ולא הנחנו אמרנו לו דבריך יבטלו
בחייך אמר לן אע"פ שאני אומר כך וחביריי אומרים כך
מימי לא מלאני לבי לעבור על דברי חבירי . הוא ניהו
דאחמיר אנפשיה אבל לכ"ע שרי :
**ו ואמר** אביי אמרה לי אם האי ינוקא דלא מייץ
מיקר הוא דקר פומיה מאי תקנתיה ליתי
כסא גומרי ולינקטיה ליה להדי פומיה דהיים פומיה
ומייץ . ואמר אביי אמרה לי אם האי ינוקא דלא מינשתי' לינפפיה בנפוותא ומנשתי' . **ואמר**
אביי (אמרה לי אם) האי ינוקא דלא מעוי לייתי שלייתא דאימיה ולשרקיה עלויה ומעוי .

ואמר אביי אמרה לי אם האי ינוקא

שבקא לבו חדא . שלא גליתי : חספניתא . פיר מתבקעות ואני אומר שהוא מין שחין שקורין אינכ"א והוא [בגרב ובחרס] שכתוב בתורה ותספניתא הוא תרגום של חרס : במיא דסילקא . מרק תרדין : לחולה . שאין בו סכנה ולכ"ע שרי ר"מ ולעצמו החמיר :
דלא מייץ . שלא יכול לינק : מיקר הוא דקר פומיה . נלטננו שפתיו ואין בו כח למייץ בהם : ליתי כסא דגומרי . (מסטת) גחלים על דף או על כלי : ולנקטיה להדי פומיה . ויעמיד נגד פיו אצל פיו : דחיים פומיה . שיתחמם פיו : ומייץ . ויינק : דלא מנשתי' . שאין נשמה ניכרת בו שאינו דופק כנגד לבו כדרך כל אדם : לינפפיה בנפוותא . יניפו עליו בנפה שקורין וואנ"ן : דלא מעוי . אין רוחו נכנס ויוצא יפה אלינ"א בלעז : שלייתא דאימיה . שליא שנולדה עמו : ולישרקה עליה . יחליקנה על בדיו כמו איסתרקו איסתריקו

דקטין

האט גיזאגט דער וואס וואשט זיין פנים און ער האט ניט אפ געוואשט . בעקומט ער אזעלכע קרעץ אויף זיין פנים . מיט וואס היילט מען די קרעץ . ער זאל וואשען דעם פנים פיל מאהל מיט די וואסער וואס מען האט אין זיי גימאכט תרדין :

**ה** תניא : מיר האבען גילערנט מען טאר ניט צו מישען ויין מיט בוימאייל אום שבת פאר אקראנקין . מען זאל אריין גיסען אין אכלי ויין מיט בוימאייל . און מיט אלעפיל : אדער מיט איין אנדער כלי . גוט צו קלאפען די ויין מיט די בוימאייל זאל ווערין איין משקה . דאס טאר מען ניט אום שבת . רבי שמעון בן אלעזר האט גזאגט פון רבי מאירס וועגין מען מעג צו קלאפען ויין מיט בוימאייל אום שבת פאר אקראנקין . רבי שמעון בן אלעזר האט גזאגט אמאהל אום שבת האט רבי מאיר גזאגט די גידערעם שמערצין איהם . האבען מיר גיוואלט אוים מישען ויין מיט בוימאייל און צו קלאפען ער זאל דאס טרינקען . האט רבי מאיר אונז ניט גילאזט אזוי טאהן . האבען מיר גזאגט צו רבי מאיר דיינע רייד זאלען בטל ווערין ווען דוא לעבסט . דוא האסט דאך אליין גזאגט אז מען מעג צו קלאפען ויין מיט בוימאייל אום שבת פאר אקראנקין . האט רבי מאיר צו אונז גזאגט . איך זאג מען מעג . נאר מיינע חברים זאגען מען טאר ניט . און מיין הארץ לאזט מיך ניט צו טאהן אנדערש ווי מיינע חברים זאגען . זאגט די גמרא רבי מאיר האט נאר שווער גימאכט פאר זיך . אבער פאר אלע מענטשין האט ער גזאגט מען מעג צו קלאפען ויין מיט בוימאייל פאר אקראנקין אום שבת :

**ו** ואמר . נאך האט אביי גזאגט מיין מוטער האט מיר גזאגט אקינד וואס קען ניט זייגין . דאס איז ווייל די לעפצין (די ליפפען) זיינע זענען קאלט . האט ער ניט קיין כח צו ציהען מיט זייא . וואס זאל מען טאהן . זאל מען נעמען הייסע קוילען אויף אברעטיל אדער אויף אכלי און מען זאל דאס האלטען גיגען זיין מויל . וועלען די ליפען ווארעם ווערין וועט ער קענען זייגין . נאך האט אביי גזאגט מיין מוטער האט מיר גזאגט דער קינד וואס מען דערקענט ניט אין איהם אלעבעדיגען אטעם . זאל מען פאחען אויף איהם מיט אפאחער . וועט ער בעקומען דעם אטעם . נאך האט אביי גזאגט מיין מוטער האט מיר גזאגט דער קינד וואס ציהט ניט גוט דעם אטעם . זאל מען ברייגען די שליא פון זיין מוטער . (די בייטול וואס דאס קינד איז אין איר גילעגין אין דער מוטערס בויך און איז מיט איר גיבארען גיווארין) . און מען זאל מיט דיא שליא גלעטין דאס גאנצע לייב פון קינד . וועט ער ציהען דעם אטעם . נאך האט אביי גזאגט מיין מוטער האט

דקטין לייתו לשלייתא דאימיה ולשרקיה עלויה מקוטנא לאולמא ואי אלים מאולמא לקוטנא:

**ז ואמר** אביי אמרה לי אם האי ינוקא דסומק דאבתי לא איבלע ביה דמא ליתרחו ליה עד דאיבלע ביה דמא (ולימהליה) דירוק דאבתי לא נפל ביה דמא ליתרחו עד דנפל ביה דמא ולימהליה דתניא אמר רבי נתן פעם אחת הלכתי לכרכי הים ובאתה אשה אחת לפני שמלה בנה ראשון ומת שני ומת שלישי הביאתו לפני ראיתיו שהוא אדום אמרתי לה המתיני לו עד שיבלע בו דמו (המתינה לו עד שנבלע בו דמו) ומלת אותו וחיה והיו קורין אותו נתן הבבלי על שמי. שוב פעם אחת הלכתי למדינת קפוטקיא ובאתה אשה אחת לפני שמלה בנה ראשון ומת שני ומת שלישי הביאתו לפני ראיתיו שהוא ירוק הצצתי בו ולא ראיתי בו דם ברית אמרתי לה המתיני לו עד שיפול בו דמו והמתינה לו ומלה אותו וחיה

לשלייתא: דקטין. שהוא דק: מקוטנא לאולמא. שהשליא ראשה אחת קצר וראשה אחת רחב ויתליהו עליו מצד הקצר יתחילו וימשכו לצד הרחב כלומר כן ירחיב זה ויתעבה: ואי אלים. ולא מחמת בריאות אלא נפוח לישרקיה עליה מאולמא לקוטנא: [דסומק כל בשרו אדום: לא איבלע ביה דמיה. בבשרו דעכשיו כל דמו מגוי גין עור נבשר וכשמוהלין אותו יוצא כל דמו: ליתרחו ליה: ימתינו מלמולו]: לא נפיל ביה דמא. [לא בא בו דם] ומתוך כך חלש הוא ואין בו כח וממהר לחנוק ולמות: לכרכי הים. הכי גרסינן ראיתיו שהיה ירוק הצצתי בו ולא היה בו דם ברית תרתי גריעותא הדא דאי מטיל ליה לא נפיק מיניה דמא וספפת דם ברית מצוה כדכתיב גם את בדם בריתך ועוד דמסוכן הוא מפני חולשא שלא נולד בו עדיין דם:

---

מיר גזאגט. אקינד וואס איז דין זאל מען ברייגגען די שליא פון זיין מוטער: ודי בייטיל וואס דאס קינד איז אין איר גילעגין אין דער מוטערם בויך אונ איז מיט איר גיבארען גיווארין). אונ מען זאל גלעטין מיט די שליא דס גאנצע לייב פון קינד. פון די דיגע זייט זאל מען אנהייבען. אונ מען זאל ציהען צו די גראבע זייט: ווערין ווארום די שליא איז איין עק שמאל אונ איין עק ברייט): אונ אויב דאס קינד איז גראב. ווייל ער איז אן גיבלאזען. זאל מען ציהען די שליא אויף דס לייב פון קינד פון די גראבע זייט צו די דיגע זייט:

**ז ואמר.** נאך הט אביי גזאגט מיין מוטער הט מיר גזאגט דער קינד וואס איז רויט (זיין גאנצע לייב איז רויט) דס איז ווייל די בלוט זייגע איז נאך גיט איין גיזאפט גיווארען אין זיין לייב. די בלוהט איז אונטער די הויט. אונ אז מען וועט איהם מל זיין וועט ארוים גיין די גאנצע בלוט. קען דס קינד שטארבען: זאל מען ווארטען ביז דיא בלוט וועט איינגיזאפט ווערין אין די פלייש. דער נאך וועט מען איהם מל זיין. אונ אויב דער קינד זעהט אויס גרין אדער געל. דס איז ווייל ער הט נאך גיט קיין בלוט אין זיך. אונ אז מען וועט איהם מל זיין וועט ער פר חלשות ווערין אונ וועט שטארבען ווייל ער הט נאך גיט קיין כח: זאל מען ווארטען ביז ער וועט בעקומען בלוט אין זיך: דער נאך וועט מען איהם מל זיין. ווארום מיר האבען גילערונט רבי נתן האט גזאגט איך בין אמאהל גיגאנגען אין דיא שטעט פון ים איז גיקומען פר מיר אאשה וואס מען הט גימלת איר ערשטין קינד אונ ער איז גישטארבען. אונ מען הט גימלת דעם אנדערין קינד אונ ער איז אויך גישטארבען. דעם דריטען קינד האט זיא גיבראכט פאר מיר. אונ איך האב גיזעהן אז דער קינד איז רויט. האב איך גזאגט צוא איר ווארט ביז די בלוט וועט אין איהם איינגיזאפט ווערין. הט זיא גיווארט ביז דיא בלוט איז איין גיזאפט גיווארען אין דעם קינד. אונ מען הט איהם מל גיוועזן. אונ ער האט גילעבט. האט מען גירופען דעם קינד נתן הבבלי אויף מיין נאמען. נאך אמאהל הט גיטראפען איך בין גיגאנגען אין די מדינה קפוטקיא. איז גיקומען פר מיר אאשה וואס מען הט גימלת איר ערשטין קינד אונ ער איז גישטארבען. אונ מען הט גימלת דעם אנדערין קינד אונ ער איז אויך גישטארבען. דעם דריטען קינד הט זי גיבראכט פר מיר. אונ איך האב גיזעהן אז דער קינד איז געל אונ איך האב גוט געקוקט אויף דעם קינד האב איך גיזעהן אז מען וועט איהם מל זיין וועט גיט גיין קיין בלוט. האב איך גזאגט צו די אשה ווארט ביז ער וועט בעקומען בלוט אין זיך: האט זיא

והיה והיו קורין אותו נתן הבבלי על שמי :

(דף קלז) **ח אמר** רבי שמעון בן אלעזר לא נחלקו בית שמאי ובית הלל על נולד כשהוא מהול שצריך להטיף ממנו דם ברית מפני שערלה כבושה היא על מה נחלקו על מי שנתגייר כשהוא מהול שבית שמאי אומרים צריך להטיף ממנו דם ברית ובית הלל אומרים אינו צריך להטיף ממנו דם ברית :

צריך להטיף. חיישינן שמא ערלה כבושה היא : על שנתגייר כשהוא מהול. דליכא שום ספק ערלה כגון ערבי מהול :

(דף קלז ע״ב) **ט המל** את הגרים אומר ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה והמברך אומר אשר קדשנו במצותיו וצונו למול את הגרים ולהטיף מהם דם ברית שאלמלא דם ברית לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר (ירמיה ל) אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי. ברוך אתה ה׳ כורת הברית . המל את העבדים אומר אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה . והמברך אומר אשר קדשנו במצותיו וצונו למול את העבדים ולהטיף מהם דם ברית. שאלמלא דם ברית לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי. ברוך אתה ה׳ כורת הברית:

אמר

---

גיווארט אונ מען האט איהם מל גיוועזן אונ ער האט גילעבט. האט מען גירופען דעם קינד נתן הבבלי אויף מיין נאמען :

**ח** אמר. רבי שמעון בן אלעזר האט גיזאגט בית שמאי מיט בית הלל קריגען ניט אויף דעם קינד וואס איז גיבארען גיווארען גימהלת אז מען דארף עפענען דיא הויט פון דיא מילה עס זאל ארויס גיין פון איהם אביסל בלוט. ווייל מיר זאגען דיא ערלה איז בעהאלטען. אזו ער נאך גאר ניט גימהלת גיווארען. דריבער מוז ארויס גיין פון דעם קינד אביסל בלוט פון דיא מילה. אויף וואס דען קריגען זיי אז א גוי איז גיוועזן גימהלת (אזוי ווי די טערקין וואס זיי זענען גימהלת) אונ ער האט זיך מגייר גיוועזן : בית שמאי זאגען מען דארף עפענען די הויט פון די מילה עס זאל ארויס גיין אביסל בלוט. אונ בית הלל זאגען מען דארף ניט עפענען די הויט פון די מילה עס זאל ארויס גיין אביסל בלוט :

**ט** המל. אז מען מלת גרים זאל מען זאגען ברוך אתה ה׳ אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה. אונ דער וואס זאגט די ברכה זאל זאגען אשר קדשנו במצותיו וצונו למול את הגרים ולהטיף מהם דם ברית. ער האט אונז גיהייליגט מיט זיינע מצות אונ ער האט אונז גיבאטען מען זאל מל זיין די מענטשן וואס ווערען זיך מגייר. אונ עס זאל גיין בלוט פון די הויט וואס אויף די מילה. שאלמלא דם ברית לא נתקיימו שמים וארץ. ווארום ווען ניט די בלוט פון די מילה וואלט די הימעל מיט די ערד ניט גיבליבען שטיין. שנאמר אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען ניט דער ברית מילה) וואס די יודען זענען מקיים טאג אונ נאכט. וואלט איך די הימעל מיט די ערד ניט גימאכט. ברוך אתה ה׳ כורת הברית. דער וואס איז מל א עבד פון א גוי זאל ער זאגען אשר קדשנו במצותיו וצונו על המילה. אונ דער וואס זאגט די ברכה זאל זאגען אשר קדשנו במצותיו וצונו למול את העבדים להטיף מהם דם ברית שאלמלא דם ברית לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי ברוך אתה ה׳ כורת הברית (דער טייטש פון די ווערטער שטייט שוין פריער) :

טפלה ופלה. כיפלו דקלה ולבדה חכמת חכמיו : לכרם. על שם שהיו יושבים שורות שורות ככרם : זו הלכה. כדכתיב ויגד לעם [להגיד לכסן את דבר ה׳ דסיום תורה : זו נבואה. כדכתיב דבר ה׳ אשר היה אל הושע וגומר : זה הקץ. לא ידעתי מהיכא. וכתבו בתוספות „זה הקץ" דכתיב גבי גלות שבעים לכלות דבר ה׳ מפי ירמיה. ע״כ : בהדיא כתיב. וחורה נבכתב כרי כתובה ומונחת

# תולין פרק עשרים

**א אמר** רב עתידה תורה שתשתכח מישראל שנאמר (דברים כ) והפלא ה׳ את מכותך הפלאה זו איני יודע כה הוא כשהוא אומר (ישעיה כט) לכן הנני יוסיף להפליא את העם הזה הפלא ופלא ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר הוי אומר הפלאה זו תורה :

(דף קלח) **תנו** רבנן כשנכנסו רבותינו לכרם ביבנה אמרו עתידה תורה שתשתכח מישראל שנאמר (עמוס ח) הנה ימים באים נאם ה׳ והשלחתי רעב בארץ לא רעב ללחם ולא צמא למים כי אם לשמוע את דבר ה׳. וכתיב (שם) ונעו מים עד ים (מסזרח וממערב) [ומצפון ועד מזרח] ישוטטו לבקש את דבר ה׳ ולא ימצאוהו. דבר ה׳ זו הלכה דבר ה׳ זה הקץ דבר ה׳ זו נבואה. ומאי ישוטטו לבקש את דבר ה׳ אמרו עתידה אשה שתטול ככר של תרומה ותחזור בבתי כנסיות ובבתי מדרשות לידע אם טמאה היא אם טהורה היא ואין מבין. אם טמאה היא אם טהורה היא בהדיא כתיב ביה (ויקרא יא) מכל האוכל

אשר

---

# פרק עשרים

**א** אמר. רב האט געזאגט די תורה וועט אמאהל פר געסין ווערין פון די יודען : ווארום עס שטייט אין פסוק והפלא ה׳ את מכותך גאט וועט וואונדער מאכען דיינע מכות. אונ איך וייס ניט וועלכע מכה הייסט וואונדערליך. אז עס שטייט אין פסוק לכן הנני יוסף להפליא את העם הזה הפלא ופלא ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר. דריבער וועל איך מעריין צו מאכען וואונדערין דעם פאלק אגרויסען וואונדער אונ דיא חכמה פון זיינע חכמים וועט פאר לארין ווערין. אונ דער פאר שטאנד פון זיינע פערשטאנדיגע וועט פאר בארגין ווערין. ווייסען מיר אז די וואונדערליכע מכה וועט זיין ווס די תורה וועט פר געסין ווערין :

תנו רבנן. די רבנן האבען גילערנט אז די רבנן זענען אריין גיגאנגן אין זיין גארטען [אין בית המדרש] אין די שטאט יבנה. האבען זייא גזאגט דיא תורה וועט אמאהל פאר געסין ווערין פון די יודען. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט זאגט עס וועלען אמאהל קומען טעג אונ איך וועל שיקען אהונגער אין דער וועלט, מען וועט ניט זיין הונגעריג צו ברויט. אונ מען וועט ניט זיין דארשטיג צו וואסער. נאר צו הערין די רייד פון גאט. נאך אפסוק שטייט מען וועט גיין פון איין ים צום אנדערין ים אונ מען וועט שוועבין פון צפון זייט ביז צוא מזרח זייט צו זוכען די רייד פון גאט אונ מען וועט ניט געפינען. דיא רייד פון גאט מיינט מען אדין [מען וועט וועלין וויסען אדין אונ מען וועט ניט געפינען : קיינער וועט ניט וויסען] די רייד פון גאט מיינט מען דעם סוף [מען וועט וועלין וויסען ווען עס וועט זיין דער סוף פון דעם גלות אונ מען וועט ניט וויסען] . די רייד פון גאט מיינט מען נבואה. [מען וועט וועלין הערין אנבואה פון גאט אונ עס וועט ניט זיין קיין נבואה] . וואס מיינט דער פסוק מען וועט שוועבין זוכען די רייד פון גאט. די חכמים זאגען עס וועט אמאהל זיין אאשה וועט נעמען אברויט פון תרומה אונ זיא וועט גיין מיט דעם ברויט אין די שולען אונ אין די בתי מדרשים אונ זיא וועט וועלין וויסען ווס דער ברויט איז. טמא אדער טהור. אונ קיינער וועט ניט וויסען איר צו ענטפערין. פרעגט די גמרא: טמא אונ טהור שטייט דאך אין פסוק. אלע עסינווארג ווס ווערין גיגעסין אז זיי רירען אן אטומאה ווערין זייא טמא. נאר אזוי מיינט מען : דיא אשה וועט וועלען וויסען אויב דער ברויט איז דער ערשטער פון דיא טומאה אדער דער אנדערער פון דיא טומאה.

אשר יאכל . אלא לידע אם ראשונה היא ואם שניה היא זאין מבין . הא נמי מתניתין היא וכו' . תניא רבי שמעון בן יוחאי אומר חס ושלום שתשתכח תורה מישראל שנאמר (דברים לא) כי לא תשכח מפי זרעו . אלא מה אני מקיים ישוטטו לבקש את דבר ה' ולא ימצאו . שלא ימצאו (דף קלט) הלכה ברורה ומשנה ברורה במקום אחד :

יקראו ויראו : הלכה ברורה . בטעמים שלא יהא בה מחלוקת עד כאן : שלשה עבירות. כנגד ישפוטו במחיר יורו ונביאיה בכסף יקסומו : שלש פורעניות . שדה תחרש עיים תהיה ולבמות יער : ויועציך כבתחלה . ומגד

ב תניא רבי יוסי בן אלישע אומר אם ראית דור שצרות רבות באות עליו צא ובדוק בדייני ישראל שכל פורענות שבאה לעולם לא בא אלא בשביל דייני ישראל שנאמר (מיכה ג) שמעו נא זאת ראשי בית יעקב וקציני בית ישראל המתעבים משפט ואת כל הישרה יעקשו וכתיב (שם) בונה ציון בדמים גו' ראשיה בשוחד ישפוטו וכהניה במחיר יורו ונביאיה בכסף יקסומו (ועל ה' ישענו וגו') רשעים הם אלא שתלו בטחונם במי שאמר והיה העולם . לפיכך מביא הקב"ה עליהם שלשה פורעניות כנגד שלש עבירות שבידם שנאמר (שם) לכן בגללכם ציון שדה תחרש וירושלים עיין תהיה והר הבית לבמות יער ואין הקב"ה משרה שכינתו על ישראל עד שיכלו שופטים ושוטרים רעים מישראל שנאמר (ישעיה א) ואשיבה ידי עליך ואצרוף כבור סיגיך וגו' ואשיבה שופטיך כבראשונה ויועציך כבתחלה

---

אונ דאס וועט קיינער ניט וויסען איר צו זאגען . פרעגט די גמרא דאס שטייט דאך אויך אין א משנה :

תניא . מיר האבען געלערנט רבי שמעון בן יוחאי זאגט חס ושלום די תורה וועט ניט פאר געסין ווערין פון די יודען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיא וועט ניט פאר געסין ווערין פון דיינע קינדערס מויל . נאר וואס דען מיינט דער פסוק מען וועט שוועבין צו זוכען די רייד פון גאט אונ מען וועט ניט געפינען . מען וועט ניט געפינען אקלארען דין אונ אקלארע משנה אויף איין ארט . דאס מיינט מען אין יעדער משנה אונ אין יעדער דין וועט מען קריגען . איינער וועט זאגען אזוי דער אנדערער וועט זאגען אנדערש :

ב תניא . מיר האבען געלערנט רבי יוסי בן אלישע זאגט אויב דו זעהסט פיל צרות קומען אויף יודען . זאלסטו גיין זוכען עבירות ביי די דיינים פון די יודען . ווארום אלע צרות וואס קומט אויף דער וועלט קומט ניט מער גאר פון וועגין די יודישע דיינים . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק הערט נאר אויס איר קעפ פון יעקב אונ איר גרעסטע פון די יודען וואס זיי פר מיאוסען דעם משפט . אלע גלייכע זאכען פאר קרימען זיי . נאך שטייט אין פסוק אירע עלצטע משפטין פר שוחד . ווער עס גיט זיי געלט דעם מאכען זייא גירעכט . אירע כהנים פסקנען דינים פר געלט . אונ אז מען גיט זיי ניט קיין געלט ווילען זייא ניט פסקנען קיין דין : אונ אירע נביאים מאכען כישוף פאר געלט . אונ זיי לעגען זיך אן אויף גאט . זיי זענען רשעים נאר זיי איינגען אן זייער פאר זיכערונג אויף גאט וואס ער הט בשאפען די וועלט . דריבער וועט גאט אויף זיי ברייננען דריי צרות געגין די דריי ערליי עבירות וואס זייא טוהען . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דריבער פון אייערט וועגין וועט ציון צוא האקערט ווערין אזוי ווי אפעלד . פון ירושלים וועט זיין בערג . אונ דער בארג וואס דער בית המקדש שטייט אויף אירם וועט ווערין אוואלד . אונ גאט וועט ניט מאכען רוהען זיין שכינה אויף די יודען ביז עס וועלין פר לענד ווערין די שלעכטע שופטים אונ די שלעכטע שוטרים פון די יודען ושופטים זענען דיינים . שוטרים זענען די מענטשין וואס נייטען מען זאל האלטען דעם דין וואס דער דיין האט גיפסקנט . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט זאגט איך וועל צוריק קערין מיין האנט אויף דיר אונ איך וועל ארויס נעמען פון דיר דיין צוא מישונג . אזוי וויא מען נעמט ארויף אפרעק פון אקליד מיט זייף . אונ איך וועל צוריק קערין דיינע דיינים אזוי וויא עס איז גיוועזען

בבתחלה. אמר עולא אין ירושלים (ישראל) נפדה אלא בצדקה שנאמר ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה (שם) אמר רב פפא אי בטלי יהירי בטלי אמגושי דכתיב ואצרוף כבור סיגיך וגו' אי בטלי דייני בטלי גזירפטי דכתיב (צפניה ג) הסיר ה' משפטיך פנה איבך. אמר רבי מ:אי משום רבי אלעזר ברבי שמעון מאי דכתיב (ישעיה יד) שבר ה' מטה רשעים שבט מושלים שבר ה' מטה רשעים אלו הדיינים שנעשו מקל לחזניהם שבט מושלים אלו תלמידי חכמים שבמשפחות הדיינים. מר זוטרא אמר אלו תלמידי חכמים שמלמדים הלכות צבור לדייני בור. אמר רבי אלעזר בן מלאי משום ריש לקיש מאי דכתיב (שם נט) כי כפיכם נגואלו בדם ואצבעותיכם בעון שפתותיכם דברו שקר לשונכם עולה תהגה. כי כפיכם נגואלו בדם אלו הדיינים. ואצבעותיכם בעון אלו

סופרי

ם יקרא לך עיר הצדק לאחרים מן שבים : אי בטלי יהירי. ישראל המתייהרים בגדולים ומתלבשין יהירות כפרסיים כלנו : בטלי אמגושי. יבטלו המינין המכשפים : סיגיך. הם גסי הרוח המגדלין עצמן כסיג יפה מהן ולא"כ והסירה כל בדיליך אלו האפיקורסים המבדילין בוללי ישראל מן הקב"ה בשקריהם ובפחזותם : בטלי דייני. רשעים מישראל שופטין דין : בטלי. מעל ישראל : בנעשו מקל לחזניהם. לשמשיהם נותנין יד ואין להם לחזק לומר לא אביא בעלי ולוזמין את פלוני לבית דין אם לא הרבה שכר ואחר פסק דין לא ארדנו ליכם לשכמו : שבט מושלים. מקל החזנים של מושלים היינו דיינים רשעים שבמשפחותם להם למקל ולאגרוף שעל ידיהם היו מעמידים אותם ומתפין עליהם ועושים סינגרון לדבריהם : לדייני בור. שבכנסת אותן ת"ח מעמידים דייני בור לדון את כל הבא והרגה דיינין שאין מנהלין בהם ומטין לשם : כפיכם נגואלו בדם אלו הדיינים. שהשופטים לקבל שוחד ומטין את הדין ונוטלים ממון מן הבעלים שלא כדין ומהנין להכנגדו והרי הוא כשופך דמו : סופרי הדיינים. שכותבים בתרום

---

צום ערשטין מאהל. און דיינע עצה געבערס וועלין זיין אזוי וויא עס איז געוועזן אין אנהייב. אלע וועלין זיין צדיקים און וועלען דיך פירען אין גוטען וועג. עולא האט גזאגט דיא יודען וועלען אנדערש ניט אויס געלייזט ווערין פון גלות נאר אז זייא וועלין געבין צדקה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ציון וועט אויס געלייזט ווערין אז זיי וועלין טאהן וויא דער דין איז. און אירע זיצער וועלען אויס געלייזט ווערין אז זיי וועלען געבין צדקה. רב פפא האט גזאגט אויב דיא יודען וועלען ניט זיין גרויס ביי זיך. זיי וועלען זיך ניט גלייכען צו די אומות. וועלען זיי ניט האבען קיין פיינד. ווארום עס שטייט אין פסוק נאט האט גזאגט ואצרוף כבור סיגיך וגו'. פריער וועל איך ארויס נעמען פון אייך די מענטשין וואס זענען גרויס ביי זיך. דער נאך וועל איך אפ טאהן פון אייך די אפיקורסים וואס שיידען אייך אפ פון גאט. אויב דיא שלעכטע דיינים וואס פסקנן פאלשע דינים וועלין אפ גיטאהן ווערין פון די יודען. וועלען אויך אפ גיטאהן ווערין די שונאים פון דיא יודען. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז גאט וועט האבען אפ גיטאהן דיא פאלשע דינים. וועלין אפ גיטאהן ווערין דייגע פיינד. רבי מלאי האט גזאגט פון רבי אלעזר ברבי שמעון וועגין וואס מיינט דער פסוק גאט האט צוא בראכען דיא שטיצונג פון דיא רשעים. די רוט פון גיוועלטיגקייט. וועלכע שטיצונג פון רשעים האט גאט צו בראכען. דאס זענען די פאלשע דיינים. דיא דיינים זענען אשטעקין (אשטיצונג) צו זייערע שמשים (בדינטע). די דיינים העלפען זייערע בדינטע זייא זאלען גוזלן ביי דעם פאלק. וואס מיינט מען די רוט פון גיוועלטיגקייט. דאס זענען די תלמידי חכמים וואס זענען קרובים צוא די פאלשע דיינים. און זיי מאכען גירעכט די דיינים. און דורך די תלמידי חכמים גיוועלטיגען די דיינים אויף דעם פאלק. וועט גאט צו ברעכין די תלמידי חכמים. מר זוטרא האט גזאגט דאס מיינט מען די תלמידי חכמים וואס לערנען אויס די דינים וואס עס קען טרעפין אין שטאט צו פראסטע מענטשין און מען מאכט די פראסטע מענטשין פאר דיינים. רבי אלעזר בן מלאי האט גזאגט פון ריש לקיש וועגין וואס מיינט דער פסוק אייערע הענט זענען פאר מיאוסט מיט בלוט. אייערע פינגער זענען מיט זינד. אייערע לעפצין ריידען ליגען. אייער צונג רעדט אומרעכטע רייד. אייערע הענט זענען פאר מיאוסט מיט בלוט. דאס מיינט מען די פאלשע דיינים. זייא ציהען אויס די הענט מען זאל זייא עפעס געבין. און ווער עס גיט זייא דער ווערט גירעכט און מען נעמט ביי דעם אנדערין געלט ניט וויא דער דין איז. און דאס איז גלייך וויא מען וואלט ביי איהם גענומען דיא נשמה. אייערע פינגער זענען מיט זינד דאס מיינט מען דיא שרייבערס פון די דיינים. וואס זייא שרייבען פאלשע הסכמות.

אייערע

כופרי הדיינין. שפתותיכם דברו שקר אלו עורכי הדיינין. ולשונכם עולה תהגה אלו בעלי דינין:

ג ואמר רבי מלאי משום רבי יצחק מגדלאה כיום שפירש יוסף מאחיו לא טעם טעם יין דכתיב (בראשית מט) ולקדקד נזיר אחיו. רבי יוסי בר חנינא אומר אף הם לא טעמו טעם יין דכתיב (שם מג) וישתו וישכרו עמו מכלל דעד האידנא לא הוה שכרות. ואידך שכרות הוא דלא הוה שתיה מיהא הוה. ואמר רבי מלאי בשכר (שמות ד) וראך ושמח בלבו זכה לחשן המשפט על לבו:

(דף קמ ע"ב) ד אמר רב חסדא לא ליכול בר בי רב ירקא משום דגריר לבא. ואמר רב חסדא אנא לא בעניותי אכלי ירקא ולא בעתירותי אכלי ירקא בעניותי משום דגריר בעתירותי דאמינא היכא דעייל ירקא ליעול בשרא וכוורי. ואמר רב חסדא האי מאן דאפשר ליה למיכל נהמא דשערי ואכל חיטי קעבר משום בל תשחית. ואמר ר"פ האי מאן דאפשר

על רמיה: עורכי הדיינין. מלמדין את בעלי דינין לטעון. עד כאן:
עמו. מכלל דעד השתא לא: זכה לחושן המשפט. שכנגד הלב שהיה גדול ממנו וקודם לשמח בגדולת שכינה על אהרן כדכתיב הנגלה נגליתי אל ב"ח אביך ונאמרה לו נבואה של מצרים שהזהירה ביחזקאל עד וימרו בי ואף על פי כן לא נתקנא בו בזאת. עד כאן:
לא ליכול ירקא. ירק חי כרישים מרכיי"ל ובחלוים:
משום דגריר לבא. ומאכילו לחם הרבה: ואין לו:

אייערע לעפצין רעדע ליגען דאס מיינט מען די אדוואקאטין וואס לערנען די מענטשין וואס קומען צום דין תורה פאלשע טענות. אייער צונג רעדט אומרעכטע רייד דאס זענען די מענטשין וואס האבען דיא דין תורה. יעדער זאגט דיא פאלשע טענות וואס מען האט איהם אויס גילערונט:

ג ואמר. נאך האט רבי מלאי גזאגט פון רבי יצחק מגדלאהם וועגין פון דעם טאג וואס יוסף האט זיך אפ גישיידט פון זיינע ברידער האט ער גיט פאר זוכט קיין ווין. ווארום עס שטייט אין פסוק ווען יעקב האט גיבענשט זיין זוהן יוסף האט ער גזאגט ולקדקוד נזיר אחיו צו דעם קאפ פון דעם מענטש וואס ער איז גיוועזן אנזיר פון זיינע ברידער. אונ אנזיר טרינקט גיט קיין ווין: רבי יוסי בר חנינא זאגט דיא ברידער פון יוסף האבען אויך גיט פאר זוכט קיין ווין פון דעם טאג וואס יוסף איז פון זייא אוועק גיגאנגען. ווארום עס שטייט אין פסוק זייא האבען גיטרונקען אונ זענען שיכור גיווארין מיט איהם (מיט יוסף). אבער ביז איצט זענען זייא גיט שיכור גיוועזן. (אונ האבען גיט גיטרונקען קיין ווין). אונ רבי מלאי זאגט שיכור זענען זיי גיט גיוועזן ביז איצט. אבער גיטרונקען ווין האבען זיי יא. נאך האט רבי שמלאי גזאגט ווייל ווען אהרן האט גיזעהן זיין ברודער משה גייט אויס לייזען די יודען פון מצרים. האט ער זיך גיפרייט אין הארצען. אונ האט אים גיט מקנא גיוועזן אויף זיין גרויסקייט. אונ איז גיט אין בעס גיוועזן פאר וואס נאט האט איהם גיט געשיקט: דריבער האט אהרן זוכה גיוועזן ער זאל טראגען דעם חשן המשפט אויף זיין הארץ:

ד אמר: רב חסדא האט גזאגט דער ארעמאן וואס זיצט אין בית המדרש אונ לערונט זאל ער גיט עסין קיין רויע ירק (גרינוואארג וואס וואקסט אין גארטין אזוי וויא כרישים אדער שחליות) ווייל די זאכען מאכען אפעטיט צום עסין. אונ ער האט גיט וואס צום עסין. נאך האט רב חסדא גזאגט ווען איך בין ארעם גיוועזן האב איך גיט גיגעסען קיין ירק. אונ ווען איך בין רייך גיווארען האב איך גיט גיגעסען קיין ירק. ווען איך בין ארעם גיוועזן האב איך גיט גיגעסען קיין ירק ווייל דאס מאכט אפעטיט צום עסין אונ איך האב גיט גיהאט וואס צום עסין. אונ ווען איך בין רייך גיווארען האב איך גיט גיגעסען קיין ירק ווארום איך האב גזאגט וואו עס זאל אריין גיין ירק זאל בעסער אריין גיין פלייש אונ פיש. נאך האט רב חסדא גזאגט דער וואס קען עסין ברויט פון גערשטענע מעהל. אונ ער עסט ברויט פון ווייצענע מעהל. איז ער עובר אויף דעם לאו בל תשחית זאלסט גיט פר דארבען. ער מאכט שאדין געלט רב פפא האט גזאגט דער וואס קען טרינקען ביר אונ ער טרינקט ווין. איז עובר אויף דעם

דאפשר למשתי שיכרא ושתה חמרא עובר משום בל תשחית. ולא היא בל תשחית דגופיה עדיף. עוד סמוך לזה כאמרי רב חסדא בדרך עצה בדברים קלים לא ראיתי לכותבם וגם מה שהיה מצוה לבנותיו דברים רבים ומהם לקטתי ב׳ מוסרים חשובים כתבתים כאן. אמר להו רב חסדא לבנתיה תיהוי צניעתן באפי גברייכו לא תיכלון נהמא באפי גברייכו לא תיכלון ירקא בליליא לא תיכלון תמרי בליליא ולא תשתון שכרא בליליא ולא תפנון היכא דמפני גברייכו וכי קא קרי אבבא איניש לא תימרון מנו אלא מני נקיט מרגניתא וכו׳ עיין בגמרא:

לא תיכלון נהמא באפי גברייכו. שמא תאכל הרבה ותתגנה עליו: לא תיכלון ירקא בליליא. מפני ריח הפה: תיכרא ותמרי. משלשלין ומביאין לידי הפחה: היכא דמפני גברייכו. נגלוי בפניהם בשעת תשמיש ואפילו בלא בפניהם במכיר מקומו ומקימה ומגלסה לו בזוכרו: לא תימרון מנו. מי הוא לבן אבל לא תרגילו לשונכם לדבר עם זכרים: אלא מני. מי היא:

מפני מה עופות שבבבל שמנים. משל הוא: כלך. נכה לך אלא שקילך סלכון: למדבר עזה. וכלו מארץ ישראל: מועדים שבבבל שמחים. רגילין לשמוח במועדים יותר מא״י: מפני שהן עניים. וכל השנה אין להם שמחה במאכל ומשתה ואין להם שרגום מפלאכה לפיכך במועדים כל שמחתם: תלויינין. מלוינין עצמן בלבושים נאים: מצויינין.

# הביה פרק שנים ועשרים

(דף קמה ע״ב) א יתיב רבי חייא בר אבא ורבי אסי קמיה דרבי יוחנן ויתיב רבי יוחנן וקא מנמנם אמר ליה רבי חייא בר אבא לרבי אסי מפני מה עופות שבבבל שמנים אמר ליה כלך למדבר עזה ואראך שמנים מהם מפני מה מועדים שבבבל שמחים מפני שהם עניים מפני מה תלמידי חכמים שבבבל מצויינים לפי שאינן בני תורה מפני

---

נאר בל תשחית זאלסטו ניט פאר דארבען ער מאכט שאדין געלט. זאגט די גמרא עס איז ניט אזוי וויא זיי זאגען. דם ווס ער פאר דארבט זיין גוף איז ערגער. אונ אויב ער קען עסין ווייצען ברויט אונ טרינקען וויין. מעג ער נאר פר זיין אייגענע געלט אויב ער פרדינט אזוי פיל. רב חסדא האט געזאגט צוא זיינע טעכטער איר זאלט זיין גערהיט פאר אייערע מאנען איר זאלט ניט עסין ברויט (אדער עסינווארג) פאר אייערע מאנען ווארום ווען איר ווערט זיין הונגעריג אונ איר וועט פיל עסין וועט דער מאן מיינען זיא איז א פרעסערין. איר זאלט ניט עסין ביי נאכט אזעלכע זאכען וואס עס גיט א שלעכטען ריח פון מויל. איר זאלט ניט עסין טייטלען ביי נאכט. איר זאלט ניט טרינקען ביר ביי נאכט. ווארום טייטלען אונ ביר מאכען שלאף דעם מאגען. ווען זיי דארפין ביי נאכט ארויס צו גיין דם מענשליכע גיברויך. ווען זיי פאר מיאוסט ווערין ביי זייערע מאנען. איר זאלט ניט גיין טאהן דאס מענשליכע גיברויך אויף דעם ארט וואו אייערע מאנען גייען זייער גיברויך צו טאהן. ודאס איז נאר געווען פאר צייטען וואס מען פלעגט ארויס גיין אויף דעם פעלד. אונ אז א מענטש וועט רופען ביי די טיר. אדער ער וועט אן קלאפען ביי די טיר. מען זאל איהם עפענען. זאלט איר ניט פרעגען ווער איז ער. נאר איר זאלט פרעגען ווער איז זי:

## פרק שנים ועשרים

א יתיב. רבי חייא בר אבא אונ רבי אסי זענען געזעסען פאר רבי יוחנן אונ רבי יוחנן איז געזעסען אונ האט געדרימלט. (אביסעל געשלאפען). האט רבי חייא בר אבא געזאגט צו רבי אסי פאר וואס זענען די עופות וואס אין בבל פעטער וויא אין אנדערע ארטער. האט רבי אסי געזאגט גיי אין מדבר עזה וועל איך דיר ווייזען פעטערע עופות וויא די עופות פון בבל. נאך האט רבי חייא געפרעגט פאר וואס זענען די ימים טובים אין בבל פרייליכער וויא אין ארץ ישראל. האט רבי אסי געענטפערט ווייל אין בבל זענען זיי ארעמע לייט. אונ א גאנץ יאהר האבין זייא ניט קיין שמחה אונ האבין ניט קיין רוה פון זייער ארבעט. דריבער איז זייער גאנצע שמחה נאר יום טוב. נאך האט רבי חייא געפרעגט פאר וואס גייען די

מפני מה בבליים (עכו"ם) מזוהמים מפני שאוכלים שקצים ורמשים. איתער בהו רבי יוחנן אמר להו דרדקי לא כך אמרתי לכם (משלי ז) אמור לחכמה אחותי את אם ברור לך הדבר כאחותך שהיא אסורה לך אמרהו ואם לאו אל תאמרהו. אמרי ליה ולימא לן (מר) איזה מהם מפני מה עופות שבבבל שמנים כפני שלא גלו שנאמר (ירמיה מח) שאנן מואב מנעוריו ושקט הוא אל שמריו ובגולה לא הלך והכא כנלן דגלו דתניא רבי יהודה אומר נ"ב שנה לא עבר איש ביהודה שנאמר (שם ט) על ההרים אשא בכי ונהי וגו' (שם) מעוף השמים ועד בהמה נדדו הלכו בהמה בגימטריא נ"ב אמר רבי יעקב א"ר יוחנן כולם חזרו חוץ מקולייס האיספנין דאמר רב הני מדרי דבבל מהדרי מיא לעין עיטם והאי כיון דלא שריר שריר

שקצים: שאין בני תורה. כל כך לכבדם כבני א"י מחמת תורתם ומכבדים אותם מחמת לבושיהן שמלבושין השוכין: דרדקי. נתורים בלא בנים לסברא: מפני שלא גלו. העופות כמו אותן של א"י כדאמרינן לקמן: שאנן מואב וגו'. סיפא דקרא ע"כ עמד טעמו בו אלמא הגלו ; מפיגין טעמן וזמנן: נ"ב שנה. משגלו בימי צדקיהו כתרבות ירושלים עד שנפקדו בימי כורש ואז עלו מהם ליסד את הבית י"ח שנה קודם גמר הבנין שהיה נכ"ף ע' שנה בשנת שתים לדריוש כדאמרינן במגילה: וכונן רזו. הבהמות והעופות ואף הדגים: חוץ מן קוליים האספנין. כולם חזרו דהא עד בהמה כתיב מכלל דמכאן ואילך הדור חוץ מקוליים כדמפרש: הני מדרי דבבל מהדרי מיא לעין עיטם. מדרונות שבבבל מחזירין מים המשפכים בהם לעין עיטם שהוא מקום גבוה שבא"י שאותו מעיין מביא מים לבית טבילת כהן גדול ביה"כ שמתיקן בחומת עזרה ע"ג שער המים כדאמרינן בסדר יומא עין עיטם גבוה מקרקע העזרה כ"ג אמות וסילך מחזירין בים בפרת סילונות וסולמות למטה מן הים ודרך אותן סולמות הוזרין המים לארץ ישראל וחוזרין ומנען במעייתם והדגים הזרו דרך אותן סולמות שמחין לשלוחן יותר מדרך פרת עצמו: והאי. קוליים האספנין: כיון דלא שריר

הלמידי חכמים פון בבל אין שיינע קליידער. האט רבי אסי גיענטפערט ווייל זיי זענען ניט קיין גרויסע לומדים. פאר זייער לערנען אליין וועט מען זיי ניט געבען קיין כבוד. נאר אז זייא גייען אין שיינע קליידער אונ זיי זעהן אויס ווי רייכע מענטשין אויך. וועט מען זיי געבין כבוד. אבער די תלמידי חכמים פון ארץ ישראל ווייל זייא זענען גרויסע לומדים ניט מען זייא כבוד פאר זייער לערנען אליין אפילו זיי גייען ניט אין שיינע קליידער אונ זיי זעהן אויס ווי ארעמע לייט. נאך האט רבי חייא גיפרעגט פאר וואס זענען דיא גוים פון בבל פאר מיאוסת. האט רבי אסי גיענטפערט ווייל זייא עסין אלע מיאוסע זאכען וואס קריכט אויף די ערד. דער ווייל איז רבי יוחנן אויף געוועקט געווארען פון זיין שלאף. האט ער צו זייא גיזאגט קינדער האב איך דען אייך ניט גיזאגט עס שטייט אין פסוק זאג צו די חכמה דו ביסט מיין שוועסטער. דער פסוק מיינט אזוי אויב די זאך וואס דוא ווילסט זאגען איז ביי דיר אזוי געווים. אזוי ווי עס איז געווים אז דיינע אשוועסטער איז אסור צו זיין דיין ווייב. זאלסטו דיא זאך זאגען. אונ אויב עס איז דיר ניט געווים זאלסטו ניט זאגען. האבין זייא גיזאגט צו רבי יוחנן זאל דער רבי אונז זאגען עטליכע זאכען. פאר וואס זענען די עופות פון בבל פעט. האט רבי יוחנן גיזאגט ווייל די עופות פון בבל זענען ניט פארטריבען גיווארען. אונ מיר געפינען אז די וואס ווערען ניט פארטריבען זענען פעט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מואב איז גיוועסען רוהיג אויף זיין ארט פון זיין יוגענד. אזוי ווי ווייץ וואס שטייט רוהיג אויף זיינע הייוון את מען מישט אים ניט. אונ אין גלות איז מואב ניט געגאנגען. דריבער איז געבליבען ביי מואב זיין גישמאק. זיין געזונד אונ זיין חכמה אונ זיין רייכקייט. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז די עופות פון ארץ ישראל זענען פארטריבען געווארען ווארום מיר האבען גילערנט רבי יהודה זאגט צוויי אונ פופציג יאהר איז קיין מענטש ניט געגאנגען דורך די לאנד יהודה. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק. ירמיהו הנביא האט גיזאגט אויף די בערג הייב איך אויף אגיוויין אונ קלאג. ווייל די פייגלען וואס פליהען אונטער דעם הימל אונ די בהמות זענען אלע אוועק געגאנגען פון דעם לאנד. דערווארט בהמה בטייטש צוויי אונ פופציג. ווייל צוויי אונ פופציג יאהר זענען זייא ניט גיווען אין דעם לאנד. רבי יעקב האט גיזאגט פון רבי יוחנן וועגין אלע בהמות אונ עופות אונ פיש זענען צוריק געקומען אין ארץ ישראל. נאר דער פיש וואס הייסט קוליים האיספנין איז ניט צוריק געקומען. ווארום רב האט גיזאגט אין טייך פרת איז דא טאהלען אונ בערג. אונ די וואסער גייט ארא אונ ארויף. אונ די וואסער גייט פון בבל אין א"י

שדריה לא מצי סליק. מפני מה מועדים שבבבל שמחים מפני שלא היו באותה קללה דכתיב (הושע ב) והשבתי כל משושה חגה חדשה ושבתה וכל מועדה וכתיב (ישעיה א) חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי היו עלי לטורח. מאי היו עלי לטורח אמר רבי אלעזר אמר הקב"ה לא דיין לישראל שחוטאין לפני אלא שמטריחין אותי לידע איזו גזרה קשה אביא עליהן. אמר רבי יצחק אין לך כל רגל ורגל שלא באתה בולשת לציפורי. ואמר רבי חנינא אין לך כל רגל ורגל שלא בא לטבריא הגמון וקסטון ובעל זמורה. מפני מה תלמידי חכמים שבבבל מצויינין לפי שאינן בני מקומן דאמרי אינשי במתא שמאי בלא מתא תותבאי:

(ישעיה כז) **הבאים** ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל. תנא רב יוסף אלו תלמידי חכמים שבבבל שעושין ציצין ופרחין לתורה. מפני מה בבליים מזוהמין מפני שלא עמדו על הר סיני שבשעה (דף קמו) שבא נחש על חוה הטיל בה זוהמא. ישראל שעמדו

שדריה. אין קשה מדרש שלו: לטבריא. גבוה ולהטיל עליהם עול ולא שמתכוונין לגנות משמחת הרגל אלא קללה גרמה להם: קמטון. לשון לעז הוא שלמין: בולשת. חיל המלך: שאינן במקומן. שמאחר שגלו כאן וכגולה למקום נכרי מגין עצמו במלבושים ביכא חשוב: במתא שמאי. בעירי אני צריך והכבוד אלא בשמי שאני מכיר בה: בלא מתא. במקום שאינה עירי: תותבאי. כבודי תלוי במלבושי שמלתו מתרגמינן תותביה:

ציצין: לבלבין: פרחים. אותם של יעקב שיבאו לבבל ישרשו ויעשו ציצין ופרחין לתורה וסייעתא אמיה לרבי יוחנן דספמא דמצויינין לאו לפי שאינן בני תורה כדרבי אסי אלא לפי שאינן במקומן: כשבא נחש על חוה. כשנתן לה עצה לאכול מן העץ בא עליה דכתיב הנחש השיאני

---

ישראל ביז איף דעם ארט עין עיטם: אונ די פיש וואס זענען צוריק גיגאנגען פון בבל אין ארץ ישראל זענען אויך גיגאנגען דורך די טאהלין אונ בערג וואס זענען גיוועזן אין דעם וואסער. אונ אלע פיש האבין גיקענט אהין גיין. נאר דער קרייס האט גיהאבין ווייל זיין רוקען איז ווייך האט ער ניט גיקענט קומען אין ארץ ישראל. נאך האבין זיי גיפרעגט ביי רבי יוחנן פאר וואס זענען די ימים טובים אין בבל פרייליכער וויא אין ארץ ישראל. האט רבי יוחנן גיענטפערט ווייל זייא זענען ניט גיוועזן אין די קללה וואס עס שטייט אין פסוק גאט האט גיזאגט איך וועל פארשטערין אלע פרייד איר יום טוב איר חדש איר שבת אונ אירע אלע ימים טובים. אונ נאך שטייט אין פסוק. גאט האט גיזאגט אייערע חדשים אונ אייערע ימים טובים האב איך פיינדט. זייא זענען מיך מטריח. וואס זענען זייא מיך מטריח. האט רבי אלעזר גיזאגט גאט האט גיזאגט צו הושע הנביא ניט גינוג וואס די יודין זינדיגען פאר מיר. זענין זייא מיך נאך מטריח איך זאל טראכטין וועלכע שלעכטע גזרה איך זאל ברייגגען אויף זייא. רבי יצחק האט גיזאגט עס איז ניטא קיין יום טוב וואס עס איז ניט גיקומען קיין חיל אין צפורי צו פארשטערין דעם יום טוב. רבי חנינא האט גיזאגט עס איז ניטא קיין יום טוב וואס עס איז ניט גיקומען אין טבריא אהגמון אדער אקמטון אדער אבעל זמורה צו פארשטערין דעם יום טוב (די דרייא נעמען הגמון. קמטון. בעל זמורה. דאס זענען אזעלכע שרים פירשטען). נאך האבין זיי גיפרעגט ביי רבי יוחנן פאר וואס גייען די תלמידי חכמים פון בבל אין שיינע קליידער. האט רבי יוחנן גיענטפערט ווייל זייא זענען ניט פון בבל. נאר זיי זענען גיקומען פון ארץ ישראל לערנען אין בבל. אונ מענטשין זאגין אין מיין שטאט גיט מען מיר כבוד ווייל מען קען מיין נאמען. אונ אז איך בין אין אפרעמדע שטאט וואס מען קען ניט מיין נאמען. גיט מען מיר כבוד ווייל מען זעהט איך גיי אין שיינע קליידער:

ב הבאים ישרש יעקב יציץ ופרח ישראל (אזוי שטייט אין פסוק). האט רב יוסף גילערנט דאס מיינט מען די תלמידי חכמים פון בבל וואס זייא מאכין שיינע בלומען (זיי לערנען שיינע חכמות) צו די תורה. (דער פסוק מיינט אזוי. די קינדער פון יעקב וואס זיי וועלין קומען פון ארץ ישראל אונ וועלין זיך איין ווארצלען אין בבל וועלין זייא מאכען שיינע בלומען צו די תורה). נאך האבין זייא גיפרעגט ביי רבי יוחנן פאר וואס זענען די גוים פון בבל פאר מיאוסת. האט רבי יוחנן גיענטפערט ווייל זיי זענען ניט געשטאנען אויף דעם בארג סיני. ווארום

שעמדו על הר סיני פסקה זוהמתן בבליים שלא עמדו על הר סיני לא פסקה זוהמתן. אמר ליה רב אחא בריה דרבא לרב אשי גרים מאי. אמר ליה אף על גב דאינהו לא הוו מזלייהו הוה דכתיב (דברים כט) את אשר ישנו פה עמנו עומד היום וגו' ואת אשר איננו פה וגו' ופליגא דרבי אבא בר כהנא דאמר רבי אבא בר כהנא עד שלשה דורות לא פסקה זוהמא מאבותינו אברהם הוליד את ישמעאל יצחק הוליד את עשו יעקב הוליד את י"ב שבטים שלא היה בהם שום דופי:

(דף קמז ע"ב) ג **אמר** רבי חלבו חמרא דפרוגיתא ומיא דדיומסית קפחו עשרת השבטים מישראל רבי אלעזר בן ערך איקלע להתם אימשיך בתרייהו איעקר תלמודיה כי הדר אתא קם למקרי בסיפרא בעא למקרי החדש הזה לכם אמר החרש היה לבם. בעו רבנן רחמי עליה והדר תלמודיה. והיינו דתנן רבי נהוראי אומר הוי גולה למקום תורה ואל תאמר

שהיא

לשון כשואין: גרים מאי. שלא היו על הר סיני מהיכן פסקה זוהמתם: מזלייהו הוה. בסיני והא שעמדו על הר סיני נתקדשו ונטהרו ונתרחקו מכל מום ואף עורים ופסחים שהיו בישראל נתרפאו בספרי: ופליגא. הא דאמרן דלא פסקה זוהמתם עד סיני:

חמרא דפרוגיתא. שם מדינה שיינה משובח: ומיא דדיומסית. שם נהר שמימיו מלוחין ואמרינן בגמרא במשמלה ומרפא פי' מחממת ומרפא שהמים מלוח: קפחו עשרת השבטים. שהיו נעלי כמהם ועסוקים בכך ולא היו עסוקים בתורה ויצאו לתרבות רעה: להתם. לפרוגיתא ודיומסית: אימשיך בתרייהו. אחר היין והרחיצה: איעקר תלמודיה. נעקר תלמודו ושכחו: הוי גולה למקום תורה. אם רבך אתה אל תשב אלא במקום ת"ת הצריך

---

ווען דער שלאנג האט מזנה געווען מיט חוה. האט ער איר פארמיאוסט. נאר די יודען וויל זיי זענען געשטאנען אויף דעם בארג סיני האט אויפגעהערט זייער מיאוסקייט. און די צווייט פון בבל וואס זיי זענען ניט געשטאנען אויף דעם בארג סיני. האט ניט אויפגעהערט זייער מיאוסקייט. רב אחא דער זוהן פון רבא האט געזאגט צו רב אשי. וויא אזוי האט אויפגעהערט די מיאוסקייט פון די גרים. זיי זענען דאך אויך ניט געשטאנען אויף דעם בארג סיני: האט רב אשי געזאגט אפילו זיי זענען ניט געווען אויף דעם בארג סיני. אבער זייער מזל זייערע נשמותו זענען געווען אויף דעם בארג סיני. ווארום עס שטייט אין פסוק משה רבינו האט געזאגט די שבועה פון גאט איז מיט די מענטשין וואס שטייען דא היינט מיט אונז. און מיט די מענטשין וואס זענען נישטא מיט אונז. וואס זיי זענען נאך ניט געבארין געווארין. און רבי יוחנן וואס ער זאגט אז די מיאוסקייט פון שלאנג האט גערויערט ביז די יודען זענען געקומען צום בארג סיני קריגט ער אויף רבי אבא בר כהנא. ווארום רבי אבא בר כהנא זאגט ביז דרייא דורות האט ניט אויפגעהערט די מיאוסקייט פון שלאנג פון אונזערע עלטערין. אברהם האט געבארין ישמעאל. יצחק האט געבארין עשו וישמעאל און עשו זענען געווען פון די מיאוסקייט פון שלאנג. אבער יעקב האט געבארין די צוועלף שבטים. וואס אין זיי איז ניט געווען קיין שלעכץ. זיי זענען אלע געווען צדיקים:

ג אמר. רבי חלבו האט געזאגט די וויין פון די מדינה פרוגיתא און די וואסער פון טייך דיומסית האבין פארשניטען די צעהן שבטים פון די יודען; וויל זייא פלעגין זוכען פאר גענינגענס און פלעגין טרינקען דעם גוטען וויין פון די מדינה פרוגיתא און די וואסער פון טייך דיומסית וואס די וואסער דער ווארעמט און מאכט געזונד דעם מענטשין. דריבער האבין זיי ניט געלערנט תורה און זייא זענען פארטריבען געווארין אין גלות. רבי אלעזר בן ערך איז אמאהל געקומען אין די מדינה פרוגיתא. האט ער אויך געזוכט דעם פערגניגען צו טרינקען פיל וויין און וואסער פון דיומסית. דער וויל האט ער ניט געלערנט. און ער האט פארגעסין וואס ער האט געלערנט. אז ער איז צוריק געקומען אהיים און האט זיך געשטעלט לייענען אין דיא ספר תורה. האט ער בדארפט זאגען החדש הזה לכם. האט ער געזאגט החרש היה לבם; ער האט פארגעסין די אותיות. האבען די רבנן געבעטין ביי גאט פון זיינעטוועגין. איז אים צוריק געקומען דאס לערנען. דאס איז וואס מיר האבען געלערנט רבי נהוראי זאגט א תלמיד חכם דארף צוועק גיין פון זיין היים און זאל נאר גיין צו דעם ארט וואו עס איז דא נאך תלמידי חכמים. און

זאלסט

עהיא תבא אחריך שחביריך יקיימוה בידך (משלי ג) ואל בינתך אל תשען. תנא לא רבי נהוראי שמו אלא רבי נחמיה שמו ואמרי לה רבי אלעזר בן ערך שמו ולמה נקרא שמו רבי נהוראי שמנהיר עיני חכמים בהלכה:

(דף קמח) **ד רבה** בר בר חנה אקלע לפומבדיתא לא על לפירקיה דרב יהודה שדריה לאדא דיילא אמר ליה זיל גרביה אזל גרביה אתא אשכחיה דקא דריש אין מחזירין את השבר אמר ליה הכי אמר רב חנא בגדתאה אמר שמואל הלכה מחזירין את השבר אמר ליה הא חנא דידן והא שמואל דידן ולא שמיע לי (א"ל) לאו בדינא גרבתיך:

ואל הימ': תלמידים הם יבואו אלי ודי לך בכך למיהוי גולה: שחביריך יקיימוה בידך. שתהא רגיל אצלם וכשתשנה מסכת אחת והם אחרת תשמענה ותהא סדורה בפיך ואל תשתכח הימנה: ואל בינתך אל תשען. לומר חכם גדול אני וזכרן ובתלמוד פרק זה או מסכת זו לא תשתכח חברתה ממני: אדא דיילא. מנשטר"ל ממונה: גרביה. קח כנגדו עד שיבא: אתא. רבה: אשכחיה. לרב יהודה וגו': הא תנא דידן. ממקומו הוא ולא שמענו זאת מפיו עד הנה: לאו בדינא גרבתיך. בתמיה שאילו לא באת לא למדנו:

כתב המהלך תחת הצורה ותחת הדיוקנאות. כגון בני אדם הצרים בכותל חיות משונות או דיוקנאות של בני אדם של מעשים כגון מלחמות דוד וגלית וכותבים תחתיה זו צורת חיה פלונית או דיוקנים פלונים: אסור לקרותה בשבת. שמא

## שואל פרק שלשה ועשרים

(דף קמט) **א תנו** רבנן כתב המהלך תחת הצורה ותחת הדיוקנאות אסור לקרותה בשבת ודיוקנא עצמה אף בחול אסור להסתכל בה משום שנאמר (ויקרא יט) אל

תפנו

---

זאלסט ניט זאגען עס איז גינוג פאר מיר וואס מיינע תלמידים קומען צו מיר. אונ איך לערין מיט זייא וועל איך אויך ניט פארגעסין דאס לערנען. ווארום נאר דיינע חברים וועלין דערהאלטען ביי דיר די תורה מעהר וויא דיינע תלמידים. אונ דו זאלסט דיך ניט אן לעגען אויף דיין פארשטאנד צו זאגען אז מיינע חברים וועל איך אויך קענען לערנען אונ וועל ניט פאר געסין. מיר האבען גילערונט זיין נאמען איז ניט גיוועזען רבי נהוראי. נאר רבי נחמיה. אונ אנדערע זאגין זיין נאמען איז גיוועזען רבי אלעזר בן ערך. נאר פאר וואס האט מען איהם גערופען רבי נהוראי. ווייל ער האט געמאכט לייכטען דיא אויגען פון דיא חכמים אין דינים (נהורא איז טייטש אליכטונג):

ד רבה בר בר חנה איז אמאהל געקומען אין פומבדיתא. אונ ער איז ניט געגאנגען צו די דרשה פון רב יהודה. האט רב יהודה געשיקט אעלצטין אונ ער האט גיזאגט צו אים גייא נעם אמשכון ביי רבה בר בר חנה. איז דער עלצטער געגאנגען אונ האט גענומען בייא אים אמשכון. איז רבה געקומען צו רב יהודה פרעגין פאר וואס האט מען ביי אים גינומען אמשכון: האט רבה געטראפען וויא רב יהודה האט גילערונט דעם דין אז איינער האט צובראכען אהאנט אדער אפוס טאר מען ניט צוזאמען שטעלען דעם בראך אום שבת. האט רבה גיזאגט צו רב יהודה אזוי האט גיזאגט רב חנא בגדתאה שמואל זאגט דער דין איז מען מעג צוזאמען שטעלען דעם בראך אום שבת. האט רב יהודה גיזאגט צו רבה חנא וואהנט אין אונזער שטאט. שמואל וואהנט אויך אין אונזער שטאט. אונ איך האב קיין מאהל ניט גיהערט פון זיי דעם דין: בין איך דען ניט גירעכט גיוועזען וואס איך האב גינומען ביי דיר אמשכון. ביסטו געקומען אפ געטען דעם משכון. האב איך גיהערט פון דיר דעם דין:

## פרק שלשה ועשרים

**א** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט. מען טאר ניט לייענען אום שבת דיא געשריפט וואס איז געשריבען אונטער דיא פאטרעטין מען זאל וויסען וועלכע מענטשין אדער וועלכע חיות עס זענען גימאלט אויף דעם פאטרעט. אונ אפילו אום דער וואכין טאר מען ניט קוקען אויף די מענטשין וואס זענען גימאלט אויף אוואנט אדער אויף אפאטרעט. ווארום עס שטייט אין פסוק אל תפנו אל האלילים איר זאלט אייך ניט קערין צו דיא אלילים. ווס

תפנו אל האלילים מאי תלמודא אמר רבי חנין אל תפנו אל מדעתכם:

(ע"ג) **ב אמר** רבי יעקב ברה דבת יעקב כל שחברו נענש על ידו אין מכניסין אותו במחיצתו של הקדוש ברוך הוא מנ"ל אילימא משום דכתיב (מלכים א כב) ויאמר ה' מי יפתה את אחאב ויעל ויפול ברמות גלעד ויאמר זה בכה וזה אומר בכה ויצא הרוח ויעמוד לפני ה' ויאמר אני אפתנו וגו' ויאמר אצא והייתי רוח שקר בפי כל נביאיו ויאמר תפתה וגם תוכל צא ועשה כן ואמרינן מאי רוח אמר רבי יוחנן זה רוח של נבות ומאי צא אמר רב צא ממחיצתי. ודלמא התם היינו טעמא דכתיב (תהלים קא) דובר שקרים לא יכון לנגד עיני. אלא מהכא (חבקוק ב) שבעת קלון מכבוד שתה גם אתה והערל וגו' שבעת קלון מכבוד זה נבוכדנצר שתה גם אתה והערל זה צדקיהו. חדא דכוליה קרא בנבוכדנצר כתיב. ועוד צדקיהו צדיקא מאי הוי ליה למעבד ליה דאמר רב יהודה אמר רב בשעה שבקש נבוכדנצר

יקרא באמרי כדוזות: אל מדעתכם: אל תפנו אחר עובדי עבודה זרה מדעת לבבכם והלל שלהם: אלילים. מלשון הללים:

זה בכה: אני אפתנו בכה: שבעת קלון. בנבוכדנצר מבהדעי פסוק מטיל משכב זכור על המלכים וכשהגיע יומו של צדקיהו נמשכה ערלתו ג' ואמה וטיינו שבעת קלון: דחא דכוליה קרא בנבוכדנצר כתיב. בפיר מליה להוקמי כוליה בנבוכדנצר והכי קאמר שתה גם אתה כאותם בטיית מלקה אותן: והערל. והתערל והמנגה: בשעה שבקש לו אותו רשע וכו'. (לקמן) מדקאמר לאותו צדיק ש"מ אמם

---

מיינט מען אלילים. האט רבי חנין געזאגט דער פסוק מיינט איר זאלט אייך ניט קערין צו די צורות וואס איר ווערט מאכין פון אייערע גידאנקען:

ב אמר: רבי יעקב דער זוהן פון בת יעקב האט געזאגט דער מענטש וואס זיין חבר ווערט גישטראפט דורך איהם. לאזט מען איהם ניט אריין גיין פאר גאט. פרעגט די גמרא פון וואנען ווייסען מיר דאס. זאלען מיר זאגין ווייל עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט ווער וועט איבער רעדין דעם מלך אחאב ער זאל אויף גיין אין רמות גלעד אונ זאל דארט פאלין דער האט געזאגט איך וועל אים איבער רעדין. אונ דער האט געזאגט איך וועל אים איבער רעדין. איז ארויס גיגאנגען א נשמה אונ האט זיך גישטעלט פאר גאט. אונ האט געזאגט איך וועל איהם איבער רעדין. די נשמה האט אזוי געזאגט איך וועל ארויס גיין אונ וועל זיין א פאלשע נביאה אין די מויל פון זיינע אלע נביאים. זייא זאלען אלע זאגין פאלשע נביאות. האט גאט געזאגט רייד איהם איבער וויא דו זאגסט. אונ דוא וועסט קענען אויס פירען: גיי ארויס אונ טוה אזוי. ווער איז גיוועין די נשמה. האט רבי יוחנן געזאגט דאס איז גיוועין די נשמה פון נבות (מלכים א כא) אונ וואס האט גאט גימיינט גיי ארויס. האט רב געזאגט גאט האט גימיינט גיי ארויס פון מיין ארט. ווייל די נשמה גייט שטראפין א מענטשין דריבער טאר זיא ניט זיין נאענט פון גאט. אזוי וויא רבי יעקב האט געזאגט. זאגט די גמרא טאמער איז גאר איין אנדער זאך פאר וואס גאט האט גיהייסען די נשמה זאל ארויס גיין. ווייל עס שטייט אין פסוק דער וואס רעדט פאלשע רייד טאר ער ניט זיין פאר מיינע אויגען. אונ די נשמה פון נבות איז דאך גיגאנגען זאגען פאלשע נביאות. אבער עס קען זיין אז איינער ווערט גישטראפט דורך דעם אנדערין מעג ער פון דעסטוועגין זיין פאר גאט. אונ ניט ווי רבי יעקב זאגט. ענטפערט די גמרא פון דאנען ווייס רבי יעקב. עס שטייט אין פסוק דו ביסט זאט מיט שאנד מער וויא מיט כבוד. טרינק דוא אויך אונ ווער פאר מיאוסט. דוא ביסט זאט מיט שאנד מער וויא מיט כבוד דם מיינט מען נבוכדנצר. טרינק דוא אויך אונ ווער פאר מיאוסט דם מיינט מען צדקיהו. איז דאך די קשיא פאר וואס זאל צדקיהו פאר מיאוסט ווערין. געווים ווייל נבוכדנצר איז דורך איהם גישטראפט גיווארין. ענטפערט די גמרא צוויי תירוצים: איין מאהל דער גאנצער פסוק שמועסט פון נבוכדנצר. אונ צדקיהו איז דא גאר ניט דער מאנט ער זאל גישטראפט ווערין. אונ דאס אנדערע דער צדיק צדקיהו וואס האט ער גיזאלט מאכן אז נבוכדנצר האט גיוואלט מיט איהם מזנה זיין. ווארום רב יהודה האט

קיג: ענוש לצדיק לא טוב. וכיון דאינו טוב הרי הוא רע וכתיב לא יגורך רע אלמא אינו נכנס במחיצתו: חולש על גוים. בנבוכדנצר כתיב: ושעירים ירקדו שם. ולא אנשים ובשביל שהבריות יתלוצצו המזיקין ונמצא מבטל גזרת המלך: המסבה.

נבוכדנצר לעשות לאותו צדיק כך נמשכה ערלתו שלש מאות אמה. אלא מהכא (מ״לי יז) גם ענוש לצדיק לא טוב אין לא טוב אלא רע וכתיב (תהלים ה) כי לא אל חפץ רשע אתה לא יגורך רע צדיק אתה ה' לא יגור במגורך רע. (בב"ב סימן ל"ז מאמר מקושר עם זה) מאי דכתיב (ישעיה יד) איך נפלת משמים הילל וגו' חולש על גוים. אמר רבה בר רב הונא שהיה מטיל פור על גדולי מלכות לידע אי זה בן יומו של משכב זכור וכתיב (שם) כל מלכי גוים כולם שכבו בכבוד איש בביתו. אמר רבי יוחנן שנחו ממשכב זכור. ואמר רבי יוחנן כל ימיו של נבוכדנצר לא נמצא שחוק בפי כל בריה שנאמר (שם) נחה שקטה כל הארץ פצחו רנה מכלל דעד השתא לא הוה רנה. ואמר רבי יצחק אמר רבי יוחנן אסור לעמוד בביתו של נבוכדנצר שנאמר (שם יג) ושעירים ירקדו שם. אמר רב יהודה אמר רב בשעה שבקש נבוכדנצר לעשות לאותו צדיק כך נמשכה ערלתו שלש מאות אמה והיתה מחזרת על כל המסיבה כולה שנאמר (חבקוק ב) שבעת קלון מכבוד שתה גם אתה והערל. ערל בגימטריא שלש מאות הוו. ואמר רב יהודה אמר רב בשעה שירד נבוכדנצר לגיהנם רעשו כל יורדי גיהנם אמרו שמא למשול עלינו (עליהם)

הוא

---

זאָגט פון רבם ווען נבוכדנצר האָט גיוואָלט מזנה זיין מיט דעם צדיק צדקיהו. איז זיין ערלה גיוואָרין לאנג דריי הונדערט איילין. אָבער צדקיהו איז ניט גישטראָפט גיוואָרין. נאר זאָגט דיא גמרא פון דאגען לערונט אפ רבי יעקב. עס שטייט אין פסוק אז אצדיק שטראָפט איז ער ניט גוט. אז מען איז ניט גוט איז מען שלעכט. אז אצדיק שטראָפט הייסט ער שלעכט. אונ עס שטייט אין פסוק דוד המלך האָט גזאָגט צו גאט דוא ביסט אגאט וואס דוא ווילסט ניט קיין שלעכץ. מיט דיר וואוהנט ניט קיין שלעכץ. גאט וויל דוא ביסט אצדיק דריבער וועט ניט וואוהנען אין דיין וואוהנונג קיין שלעכטער: אין פסוק שטייט ישעיה הנביא האט גזאגט אויף נבוכדנצר וויא אזוי ביסטו אראפ גיפאלען פון אזוי הויך וויא פון הימעל. דו. וואס דוא האָסט גילויכטען וויא דער מארגינשטערין. דוא האסט גיוואָרפען גורל אויף דיא פעלקער. רבה בר רב הונא האט גזאגט ער פלעגט וואָרפען גורל אויף דיא גרעסטע קיניגען וועלכין טאג ער זאל מיט דעם מזנה זיין; אונ וועלכין טאג מיט דעם אנדערין. אזוי פלעגט זיין יעדע טאג. דער נאך אז נבוכדנצר איז גישטארבען זאגט דער פסוק אלע קיניגען פון די פעלקער זענען אלע גילעגין מיט כבוד יעדער אין זיין שטוב. זאגט רבי יוחנן זיי האבען גירוהט פון דעם זנות וואס נבוכדנצר פלעגט מיט זיי מזנה זיין. נאך האט רבי יוחנן גזאגט דיא גאנצע צייט וואס נבוכדנצר האט גילעבט איז ניט גיפונען גיוואָרען קיין גילעכטער אין דיא מויל פון קיין מענטשין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אז נבוכדנצר איז גישטארבען האט גירוהט די גאנצע וועלט זיי האבען גיעפינט די מיילער מיט גיזאנג. אבער ביז איצט ווען נבוכדנצר האט גילעבט האט קיינער ניט גיזונגען. נאך האט רבי יצחק גזאגט פון רבי יוחנן'ס ווענין מען טאר ניט שטיין אין דיא שטוב וואו נבוכדנצר האט גיוואוהנט. ווארום עס שטייט אין פסוק שדים וועלין שפרינגען אין זיין שטוב. אבער ניט מענטשין. רב יהודה האט גזאגט פון רבם ווענין ווען נבוכדנצר האט גיוואָלט מזנה זיין מיט דעם צדיק צדקיהו. איז זיין ערלה אויס גיצויגען גיוואָרין אויף דריי הונדערט איילין דיא לענג. אונ דיא ערלה איז ארום גיגאנגען צווא אלע קיניגען וואס זענען דארטין גיזעסען; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוא ביסט זאט גיוואָרין מיט שאנד מער וויא כבוד. טרינק דוא אויך והערל. אונ וועסט פאר מיאוסט ווערין. דער ווארט ערל בטרעפט דריי הונדערט ווייל דיא ערלה זיינע איז גיוואָרין לאנג דריי הונדערט איילין. נאך האט רב יהודה גזאגט פון רבם ווענין ווען נבוכדנצר איז אראפ גיקומען אין גיהנם. האבען אלע רשעים פון גיהנם געציטערט. זייא האבען גזאגט טאמער איז ער גיקומען

הוא בא או ליחלש (ליחלות) כמותם הוא בא שנאמר (ישעיה יד) גם אתה חולית כמונו אלינו נמשלת. יצתה בת קול ואמרה (יחזקאל לב) ממי נעמת רדה והשכבה את ערלים. (ישעיה יד) איך שבת נוגש שבתה מדהבה אמר רב יהודה אמר רב שבתה אומה זאת שאמרה מדוד והבא. איכא דאמרי שאמרה מאד כאד הבא בלא מדה (דניאל ד) ורבו יתירה הוספת לי אמר רב יהודה אמר רב ירמיה בר אבא מלמד שרכב על ארי זכר וקשר תנין בראשו לקיים מה שנאמר (ירמיה כז) וגם את חית השדה נתתי לו לעבדו:

מלכים שהיו מסובין ויושבין לפניו: גם אתה חולית וכו'. בירדי גיהנם כדכתיב דכתיב לעיל מיניה שאול מתחת רגזה לך לקראת בואך וגו': חולית כמונו אלינו נמשלת. לבין ממשלה: נעמת. שכור אתה להיות נטעם מן האחרים: מדוד: מעות ודימוי זהב וכסף: ורבו יתירה הוספת לי. לאחר שהיה ז' שנים בהמה וחזר למלכותו היה משתכח קן ופסק כתוספת שקשר תנין גדול בראשו של ארי כמין אפסר:

ודבור מי אסיר והא רב חסדא וכו'. וכל כמי דבור הוא: פיקוח נפש. בדבר שיש בו סכנה: פיקוח. דיקומבימונ"ם: ופיקוח דרבים. כגון לרשות: טרטראות וקרקסאות ובסילקאות.

(דף קנ) ג ודבור מי אסיר והא רב חסדא ורב המנונא דאמרי תרוייהו חשבונות של מצוה מותר לחשבן בשבת ואמר רבי אלעזר פוסקים צדקה לעניים בשבת ואמר רבי יעקב בר אידי אמר רבי יוחנן מפקחין פקוח נפש ופקוח רבים בשבת והולכין לבתי כנסיות לפקח על עסקי רבים בשבת ואמר רבי שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן הולכים לטרטראות ולקרקסאות ולבסילקאות לפקח על עסקי רבים בשבת ותנא דבי מנשיא משדכין על התינוקות ליארס בשבת ועל התינוק ללמדו

---

גיוועלטיגען אויף אונז. אָדער ער איז גיקומען צו זיין אין גיהנם אזוי וויא מיר זענען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דוא ביסט אויך קראנק גיווארין אזוי וויא מיר זענען. אונ דוא וועסט זיין אין גיהנם גלייך מיט אונז. אָדער דוא ביסט גיקומען גיוועלטיגען אויף אונז. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל אונ האט גזאגט צו נבוכדנצר פר וועמען ביסטו זיסער אונ בעסער נידער אין גיהנם אונ בלייב ליגען מיט אלע ערלים ורשעים. אלע לעבעדיגע מענטשין האבן גזאגט וויא איז פאר שטערט גיווארען דער בעצווינגער עס איז פאר שטערט גיווארען מדהבה. וואס מיינט מען מדהבה. האט רב יהודה גזאגט פון רבם וועגין עס איז פאר שטערט גיווארען דיא פאלק וואס האט גזאגט מען זאל מעסטין געלט מיט אבאם אונ מען זאל צו איר ברייגגען: אנדערע זאגען אזוי האט זיא גזאגט זייער פיל געלט זאלסטו ברייגגען ניט גימאסטען. אין פסוק שטייט נבוכדנצר האט גזאגט אונ פיל גרויסקייט האסטו מיר גימערט. וואס איז גיווען דיא גרויסקייט. האט רב יהודה גזאגט רבי ירמיה בר אבא האט גזאגט דער פסוק לערונט אונז אז נבוכדנצר האט גערייטען אויף א לייב א זכר אונ ער האט אן גיבונדען א שלאנג אויף דעם קאפ פון לייב פר א צאם. צו מקיים זיין דעם פסוק דיא חיות פון פעלד האב איך גיגעבען צו נבוכדנצר זיי זאלען איהם דינען:

ג ודבור. פרעגט דיא גמרא טאר מען דען ניט ריידען אום שבת. רב חסדא אונ רב המנונא זאגען דאך ביידע מען מעג רעכענען אום שבת ארעכענונג וואס איז א מצוה. אונ רבי אלעזר זאגט מען מעג צו זאגען צדקה צו ארעמע לייט אום שבת. אונ רבי יעקב בר אידי האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין אז איינער איז אין א סכנה מעג מען איהם ראטעווען אום שבת. אונ אז פיל מענטשין זענען אין א סכנה מעג מען גיין צוא א שר אום שבת בעטין פון זייערט וועגין אונ מען מעג גיין אין שוהל אום שבת מאכען א אסיפה נאפאר זאמלונג צו האלטען א עצה וואס מען זאל טאהן וויא אזוי מען זאל ראטעווען דיא מענטשין וואס זענען אין א סכנה. אונ רבי שמואל בר נחמני האט גזאגט פון רבי יונתן וועגין מען מעג גיין אום שבת אין טרטראות אונ אין קרקסאות אונ אין בסילקאות דאס זענען אזעלכע ארטער וואס דארט ווערין פרזאמעלט פיל מענטשין צו האלטען. א עצה וואס מען זאל טאהן וויא אזוי מען זאל ראטעווען דיא מענטשין וואס זענען אין א סכנה. דבי מנשיא האבען גילערונט מען מעג ריידין שדוכים אום שבת. אונ מען מעג אן דינגען א קינד ביי א מלמד אדער ביי א בעל מלאכה אום שבת. מעג

מען

ללמדו ספר וללמדו אומנות אמר קרא (ישעיה נח) ממצוא חפצך ודבר דבר חפצך אסורים וחפצי שמים מותרים:

(ע"ב) **ד תנו** רבנן מעשה בחסיד אחד שנפרצה לו פרצה בתוך שדהו ונמלך עליה לגודרה ונזכר ששבת היתה ונמנע אוהו חסיד ולא גדרה ונעשה לו נס ועלתה בו צלף וממנה היתה פרנסתו ופרנסת אנשי ביתו:

(דף קנא ע"ב) **ה עד** אשר לא ירתק חבל הכסף (קהלת יב) זה חוט השדרה והרוץ גלת הזהב זה אמה ותשבר כד על המבוע זה הכרס ונרוץ הגלגל אל הבור זה פרש וכה"א (מלאכי ב) וזריתי פרש על פניכם פרש חגיכם אמר רב הונא (ואמרי לה אמר רב הגא) אלו בני אדם שמניחין דברי תורה ועושים כל ימיהם כחגים. אמר רבי לוי אמר רבי פפי אמר רבי יהושע לאחר שלשה ימים כרסו נבקעת ונופלת לו על פניו ואומרת לו טול מה שנתת בי. תניא רבי שמעון בן אלעזר אומר עשה עד שאתה מוצא ומצוי לך ועודך בידך: ואף שלמה אמר בחכמתו (קהלת יב) וזכור את בוראך בימי בחורותיך עד אשר לא יבאו ימי הרעה אלו ימי

מיני פלמין שהם יוצאים לבית כופר : ללמדו לאומנות . דהא מני מהור ביה דלא שאינו מלמדו אומנות מלמדו לסטות ומהיכא ילפינן מקרא בקדושין בהלכתא :
פרצה . אינו גדול כולו ובעל ענפים הרבה וג' מיני אוכל יש בפירותיו אביונות קפריסין ולולבין :
זה חוט השדרה . שהוא כמין חבל ולבן ככסף :
זו אמה . שהוא מעין של הולדה כמו גולות :
זה פרש . וגלגל לשון גלל : אל הבור .
שמטיל לתוך פיך : כחגים . כזוגגים : עשה .
מצא : עד שאתה מוצא . למי לעשות : ומצוי . לך ממון : ועודך בידך . עודך כשעודך קודם שתמות :

---

מֶען דַארְף רֵיידֶען אוּם שַׁבָּת. עֶנְטְפֶערְט דִיא גְמָרָא דֶער פָּסוּק זָאגְט פוּן צוּא גֶעפִינֶען דַיינֶע זַאכֶען אוּנ רֵיידֶען רֵייד: דַיינֶע זַאכֶען אוּנ דַיינֶע רֵייד וָואס דוּא דַארְפְסְט פַאר זִיךְ טָארְסְטוּ נִיט טָאהן אוּנ נִיט רֵיידֶען אוּם שַׁבָּת: אָבֶּער דִיא רֵייד וָואס זֶענֶען אַמִצְוָה מֶעג מֶען רֵיידֶען אוּם שַׁבָּת:

**ד** תָּנוּ רַבָּנָן. דִיא רַבָּנָן הָאבֶּין גִילֶערְנְט עֶס הָאט אַמָאהל גִישְׁרָאפֶען בַּייא אַחָסִיד אַז אַוַואנְט פוּן זַיין פֶעלְד אִיז צוּ בְּרָאכֶען גִיוָוארִין אוּם שַׁבָּת: הָאט עֶר גִיהוֹיבֶּען אוּוַאסֶער אַרַיין צוּא גֵיין אִין פֶעלְד. הָאט עֶר גִיוָואלְט גֶעמֶען פַארִיכְטֶען דִיא וַואנְט. הָאט עֶר זִיךְ דֶער מָאנְט אַז הַיינְט אִיז שַׁבָּת. הָאט עֶר נִיט פַארִיכְט. אִיז פַאר פְרֵייצְט גִיוָוארִין דִיא פֶעלְד. אִיז אִיהם גִישֶׁעהן גִיוָוארִין אַנֵס אוּנ עֶס אִיז אַרוֹיס גִיוַואקְסֶען פוּן דִיא עֶרְד אַבּוֹים וָואס הֵייסְט צָלָף. אוּנ פוּן דִי פֵּירוֹת פוּן דֶעם בּוֹים הָט עֶר גִישְׁפֵּייזְט זִיךְ אוּנ זַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער:

**ה** שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גִיזָאגְט וָואלְסְט גִידֵיינְקִין גָאט אֵיידֶער דֶער זִילְבֶּערְנֶער שְׁטְרִיק וֶועט צוּ רֵיסֶען וֶוערִין דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם פָארִים וָואס אִין דִיא שְׁדְרָה נָאִין דִיא שְׁדְרָה פוּן אַמֶענְטְשׁ אוּנ פוּן אַבְּהֵמָה אוּנ פוּן אַעוֹף אִיז דָא אַשְׁנִירוּל חַיִים וִויא זִילְבֶּער. אַז דֶער שְׁנִירוּל וֶוערְט צוּ רִיסֶען קֶען מֶען נִיט לֶעבִּין. אוּנ אֵיידֶער עֶס וֶועט צוּ בְּרָאכֶען וֶוערִין דֶער גָאלְדֶענֶער קְוַואל. דָאס מֵיינְט מֶען דֶער גְלִיד וָואס אִיז מְשַׁתִּין. אוּנ אֵיידֶער עֶס וֶועט צוּא בְּרָאכֶען וֶוערִין דֶער קְרוּג וָואס אוֹיף דֶעם קְוַואל. דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם בּוֹיךְ. אוּנ אֵיידֶער עֶס וֶועט צוּא בְּרָאכֶען וֶוערִין דִיא קִישְׁקֶע פוּן בְּרוּנֶען. דָאס מֵיינְט מֶען דִיא קִישְׁקֶע וָואס דָארְט לִיגְט דִיא מִיסְט וִדִיא צוֹאָה פוּן מֶענְטְשִׁין. אוּנ אַזוֹי שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיךְ וֶועל פַאר שְׁפְּרֵייטִין דִיא מִיסְט אוֹיף אֵייעֶר פָּנִים דִיא מִיסְט פוּן אֵייעֶר יוֹם טוֹב. הָאט רַב הוּנָא גִיזָאגְט דָאס מֵיינְט מֶען דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס זַייא לֵייגֶען אַוֶועק דִי רֵייד פוּן דִיא תּוֹרָה אוּנ זַייא מַאכֶען זֵייעֶרֶע אַלֶע טֶעג אַזוֹי וִויא יוֹם טוֹב. רַבִּי לֵוִי אוּנ רַב פַּפִּי אוּנ רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ הָאבֶּען גִיזָאגְט נָאךְ דְרַייא טֶעג וִויא דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גִישְׁטָארְבֶּען וֶוערְט צוּא שְׁפָּאלְטִין זַיין בּוֹיךְ אוּנ דִיא קִישְׁקֶעס פַאלֶען אוֹיף זַיין פָּנִים אוּנ זַייא זָאגֶען צוּ אִיהם נֶעם דִיר צוּרִיק וָואס דוּא הָאסְט אוּנְז גִיגֶעבִּין. מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן אֶלְעָזָר זָאגְט טוּה צְדָקָה וֶוען דוּא גֶעפִינְסְט נָאךְ וֶועמֶען צוּ גֶעבִּין צְדָקָה. אוּנ דוּא הָאסְט נָאךְ גֶעלְט. אוּנ דוּא לֶעבְּסְט נָאךְ. אוּנ שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ מִיט זַיין חָכְמָה הָאט אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט. גִידֵיינְק דַיין בַּשֶׁעפֶער אִין דִיא טֶעג פוּן דַיין יוּגֶענְד אֵיידֶער דִיא שְׁלֶעכְטֶע טֶעג וֶועלִין

ימי הזקנה והגיעו שנים אשר תאמר אין לי בהם חפץ אלו ימי המשיח שאין בהם לא זכות ולא חובה ופליגא דשמואל דאמר שמואל אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שעבוד עובדי כוכבים בלבד שנאמר (דברים טו) כי לא יחדל אביון מקרב הארץ:

• **תניא** רבי אלעזר הקפר אומר לעולם יבקש אדם רחמים על מדה זו שאם הוא לא בא בא בנו ואם בנו לא בא בא בן בנו שנאמר (שם) כי בגלל הדבר הזה תנא דבי רבי ישמעאל גלגל הוא שחוזר בעולם. אמר רב יוסף נקטינן האי צורבא מרבנן לא מיעני. והא קא חזינא דמיעני אם איתא דמיעני אהדורי אפתחא לא מיהדר. אמר ליה רבי חייא לדביתהו כי אתא עניא אקדים ליה ריפתא כי היכי דלקדמו לבניך אמרה ליה מילט קא לייטת להו אמר לה קרא כתיב כי בגלל הדבר הזה ותנא דבי רבי ישמעאל גלגל הוא שחוזר בעולם. תניא רבן גמליאל ברבי אומר (שם יג) ונתן לך רחמים ורחמך והרבך כל המרחם על הבריות מרחמין

לא זכות. לא דבר לזכות בו שכולם עשירים: ולא חובה. לאמץ לב ולקפוץ יד: (עשה עד שלאם מולא כו'. דהיינו שלאם מולא עני ולך מכי ולאפוקי ימות המשיח דלין אתה מולא עני: ועורך בידך. ר"ל בכחך לעשות ולאפוקי ימי הזקנה ת"ש ואף שלמה כו' ורש"י פי' בע"א ודו"ק. מהרש"א): על מדה זו. שלא יבא לידי עניות דהדבר המבואר הוא לבא או עליו או על בנו או על בן בנו: ונתן לך רחמים. שתרחם על הבריות:

---

קומען. דאס מיינט מען דיא טעג פון דער אלטער. אונ עס וועלען קומען יאהרין וואס דוא וועסט זאגען איך קען אין זייא גאר גיט טאהן. דאס מיינט מען דיא טעג ווען משיח וועט קומען. אין דיא צייטען וועט מען ניט קענען טאהן קיין מצות אונ ניט קיין עבירות, אונ רבי שמעון בן אלעזר קריגט אויף שמואל. וואָרום שמואל האט גזאגט פון דיא צייט וואס איז איצט. צו דיא צייט ווען משיח וועט קומען איז ניט מער קיין אונטער שייד. נאר אין דעם גלות. היינט זענען מיר אין גלות אונ אז משיח וועט קומען וועט מען אויס גיליזט ווערין פון גלות. אבער אין אלע איבעריגע זאכען וועלען דיא צייטען זיין גלייך. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק עס וועט ניט פאר מיטען ווערין קיין ארעם מאן פון די וועלט. וועט מען דאך קענען טאהן די מצות צדקה:

ך תניא. מיר האבען גילערנט רבי אלעזר הקפר זאגט אמענטש דארף אייביג בעטין פאר גאט ער זאל אויף איהם רחמנות האבען ער זאל ניט קומען צו ארעמקייט, וואָרום די ארעמקייט איז אייביג אן גיבדייט צו קומען אויף דעם מענטשין. אונ אויב ער איז ניט גיקומען צו ארעמקייט. וועט זיין זוהן קומען צו ארעמקייט. אונ אויב דער זוהן איז ניט גיקומען צו ארעמקייט, וועט דעם זוהנס זוהן קומען צו ארעמקייט. וואָרום עס שטייט אין פסוק כי בגלל הדבר הזה. האט רבי ישמעאל גילערנט בגלל איז טייטש אראד גלייך ווי עס וואלט גישטאנען גלגל אראד: דיא ארעמקייט דרייט זיך אויף דיא וועלט אזוי ווי אראד אמאהל קומט זיא צו דעם מענטש. אונ אמאהל קומט זיא צו דעם מענטש. רב יוסף האט גזאגט עס איז געווים אז אלמדן ווערט ניט ארעם. פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז אלמדן ווערט יא ארעם. ענטפערט דיא גמרא אויב ער ווערט ארעם אבער גיין אין די הייזער בעטין. גייט ער ניט. גאט שיקט איהם זיין ארעמע פרנסה אין שטוב אריין. ער זאל ניט דארפין פאר שעמט ווערין. רבי חייא האט גזאגט צו זיין ווייב אז אארעם מאן וועט קומען אין שטוב. זאלסטו איהם געשווינט געבין אשטיקל ברויט. מען זאל דיינע קינדער אויך געשווינט געבין אשטיקל ברויט. אז זייא וועלין גיין בעטין ברויט. האט די ווייב גזאגט צו רבי חייא דוא פלוכסט אונזערע קינדער. האט רבי חייא צו איר גזאגט עס שטייט אין פסוק כי בגלל הדבר הזה. אונ דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט אז דער וואָרט בגלל איז גלייך ווי עס וואלט גישטאנען גלגל. אראד. די ארעמקייט גייט ארום אין דיא וועלט אונ קיילערט זיך אזוי ווי אראד. פון איין מענטשין גייט זיא אוועק אונ צום אנדערין קומט זיא:

תניא. מיר האבען גילערנט רבן גמליאל ברבי זאגט עס שטייט אין פסוק נאט וועט

מרחמין עליו מן השמים וכל שאינו מרחם על הבריות אין מרחמין עליו מן השמים :

ז תניא רבן שמעון בן גמליאל אומר תינוק בן יומו חי מחללין עליו את השבת אמרה תורה חלל עליו שבת אחד כדי שישמור שבתות הרבה דוד מלך ישראל מת אין מחללין עליו כיון שמת אדם בטל מן המצות והיינו דאמר רבי יוחנן (תהלים פח) במתים חפשי כיון שמת אדם נעשה חפשי מן המצות . ותניא ר"ש בן אלעזר אומר תינוק בן יומו חי אין צריך לשומרו מן החולדה ומן העכברים שנאמר (בראשית ט) ומוראכם וחתכם יהיה כל זמן שאדם חי אימתו מוטלת על הבריות כיון שמת בטלה אימתו . אמר רב פפא נקטינן אריה אבי תרי לא נפיל הא קא חזינן דנפיל ההוא כדרמי בר אבא דאמר רמי בר אבא אין חיה שולטת באדם עד שנדמה לו כבהמה שנאמר (תהלים מט) אדם ביקר בל ילין נמשל כבהמות נדמו . א"ר חנינא אסור לישן בבית יחידי וכל הישן בבית יחידי אחזתו לילית :

(קהלת יב) ח עד אשר לא תחשך השמש והאור זו פדחת והחוטם והירח זו נשמה והכוכבים

ותהכם . לבין הייתכם : הריה אבי פרי לא נפיל . להזלגו כדכתיב ומוראכם תרי וכתיב על כל חית הארץ ואפילו ארי : כדרמי בר אבא . דנקנסה עליהם מיתה ונדמין לאריה כבהמה: נמשל. פי' בהיה מושלת בו בידוע שכבהמה נדמה. ע"כ : ש פרחת . המלא שהוא חנק ומאדיב יותר מכל כס־לף : והחוטם . שהוא תואר פני אדם : זו

---

דיר געבין רחמנות אונ ער וועט אויף דיר רחמנות האבען אונ ער וועט דיך טעהין. דער וואס האט רחמנות אויף דיא בעשעפעניש פון גאט. האט גאט אויף איהם רחמנות אונ דער וואס האט ניט קיין רחמנות אויף דיא בעשעפעניש פון גאט. האט גאט אויף איהם אויך ניט קיין רחמנות :

ז תניא . מיר האבען גילערנט רבן שמעון בן גמליאל זאגט אקינד וואס איז נאר אלט איין טאג אז ער לעבט . מעג מען פון זיינעט וועגין מחלל שבת זיין . ווארום דיא תורה האט גזאגט מען זאל מחלל זיין פון זיינעטוועגין איין שבת . ער זאל לעבין וועט ער היטען פיל שבתים . אבער אז דוד דער מלך פון יודען איז גישטארבען איז מען פון זיינעטוועגין ניט מחלל שבת . ווארום אז אמענטש שטארבט דארף ער שוין ניט טאהן קיין מצות . דאס איז וואס רבי יוחנן האט גזאגט עס שטייט אין פסוק במתים חפשי : דיא טויטע זענען פריי . אז אמענטש שטארבט ווערט ער פריי פון מצות . נאך האבען מיר גילערנט רבי שמעון בן אלעזר זאגט אקינד וואס איז אלט איין טאג אז ער לעבט דארף מען איהם ניט היטען פון קעץ אונ פון מייז . אבער עוג מלך הבשן אז ער איז טויט דארף מען איהם היטען פון קעץ אונ פון מייז זיא זאלען איהם ניט עסין ; אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ומוראכם וחתכם יהיה. אזוי לאנג וויא דער מענטש לעבט איז זיין מורא אויף אלע בעשעפעניש . (וחתכם איז טייטש אייער לעבין) . אונ אז דער מענטש שטארבט הערט אויף זיין מורא . רב פפא האט גזאגט מיר ווייסען אז אלייב (און אלע אנדערע חיות) פאלען ניט אריף אויף צוויא מענטשין מיט איין מאהל . פרעגט דיא גמרא מיר זעהן דאך אז אלייב פאלט יא אפילו אויף צוויי מענטשין אויך . ענטפערט די גמרא דאס איז אזוי וויא רמי בר אבא האט גזאגט . אחיה פאלט ניט אריף אויף אמענטשין איהם צו הרגנן סיידין דער מענטש זעהט ביי איר אויס וויא אבהמה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק נמשל כבהמות נדמו . ווען גיוועלטיגט אחיה אויף אמענטשין צוא הרגנן איהם . אז ער זעהט בייא איר אויס וויא אבהמה . רבי חנינא זאגט אמענטש טאר ניט שלאפען אליין אין אשטוב . אונ דער וואס שלאפט אליין אין אשטוב קומט צו איהם די ווייב פון דיא שדים וואס זיא הייסט לילית :

ח שלמה המלך האט גזאגט אמענטש זאל טאהן תשובה איידער עס ווערט פינסטער די זהן אונ דיא ליכטיגקייט . דאס מיינט מען דעם שטערין אונ דיא נאז . זייא זענען דיא ליכטיגקייט אונ דיא שיינקייט פון פנים . דיא לבנה מיינט מען דיא נשמה . די שטערין מיינט

זיכבים אלו הלסתות ושבו העבים אחר הגשם זו מאור עיניו של אדם שהולך אחר הבכי אמר שמואל האי דמעתא עד ארבעין שנין הדרא מכאן ואילך לא הדרא. ואמר רב נחמן האי כוחלא עד ארבעין שנין מרווח מכאן ואילך אפילו מליא כאביסנא דגירדאי אוקומי מוקים ארווחי לא מרווח. רבי חנינא שכיבא ליה ברתיה לא הוה קא בכי עילוה. אמרה ליה דביתהו תרנגולתא אפקת מביתך אמר לה תרתי תיכלא ועוירא סבר לה כי הא דאמר רבי יוחנן משום רבי יוסי בן קצרתה שש דמעות הן שלשה יפות ושלשה רעות של עשן ושל בכי (דף קנג) ושל בית הכסא רעות של סם ושל שחוק ושל פירות יפות. (סס) ביום שיזועו שומרי הבית והתעותו וגו' שומרי הבית אלו הכסלים והצלעות. והתעותו אנשי החיל אלו שוקים. ובטלו הטוחנות אלו שינים וחשכו הרואות בארובות אלו עינים. אמר ליה קיסר לרבי יהושע בן חנניה מ"ט לא אתית לבי אבידן אמר ליה טור תלג סחרנוהי גלידין כלבוהי לא נבהין מתנוהי

כנמס. כדכתיב ע' אלהים נשמת אדם: סלסתות. לחיים: ושבו העבים. השפיות עינים יבא וילכם כמאור אחר שירכה בבכיה כוקגותו מהמת תשות כחו ולחות רבות עליו מרווח. מאיר עינים: אפילו מליא. כתלא במוקים כמכחול גדול: כאביסנא. של גרדאי כוכד של גרדיים: אוקומי מוקים. כמאור מוקים שלא יהא (יותר) ממה שהוא: תיכלא ועוירא. שיכול בנים ועורון מדמעם של בכי מתוך אבל וצרה: של בית הכסא. מתוך יכובין: של פירות. כגון ריח חרדל: הכסלים. פלנקס: והצלעות. שהם שומרים גוי כמצויים ותוכו של אדם וסוגרים בעדם: אלו שוקים. שכחו של אדם נסמך עליהם: טור תלג. ההר נעשה שלג כלומר ראשו לבן: סחרנוהי גלידין. סביבותיו של הר מלא קרח כלומר כפני וזקני הלבינו: כלבוהי לא נבהין. קולי אינו נשמע: מתנוהי.

מען דיא באקין. דיא וואלקינס וועלין צוריק קערין נאך דעם רעגין. דאס מיינט מען דיא ליכטיגקייט פון דעם מענשינס אויגען וואס זייא גייען אוועק פון איהם נאך דעם פיל וויינען וואס ער וויינט אויף דער עלטער פון שוואכקייט אונ פון צרות. שמואל זאגט דיא טרערין וואס גייט ארויס פון דיא אויגען. אז דער מענטש איז אלט פאר פערציג יאהר קומט צוריק דיא ליכטיגקייט אין דיא אויגען. אונ אז דער מענטש איז עלטער וויא פערציג יאהר קומט ניט צוריק דיא ליכטיגקייט. רב נחמן זאגט אז מען שמיט אריין כוחלא אין דיא אויגען ובוחלא איז א רער מיט אזוי אפארב וואס מאכט ליכטיג דיא אויגען. אז מען איז אלט פאר פערציג יאהר. ווערין די אויגען ליכטיגער. אונ אז מען איז עלטער וויא פערציג יאהר. אפילו ער וועט אריין שמיטען אין די אויגען פארב פון אפולע רער וואס איז גרויס וויא דער קלאץ פון די וועבערס. וועט דאס נאר העלפין דיא אויגען זאלען ניט טונקעלער ווערין. אבער ליכטיגער וועלין זייא ניט ווערין. ביי רבי חנינא איז געשטארבען א טאכטער. האט רבי חנינא ניט געוויינט אויף איר. האט די ווייב גזאגט צו רבי חנינא אהון איז אוועק געגאנגען פון דיין שטוב. וואס דוא וויינסט ניט. האט רבי חנינא גזאגט צום ווייב צוויא זאכען זאל זיין קיין קינד ניט האבען אונ בלינד ווערין: ווארום רבי חנינא האלט אזוי וויא רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי יוסי בן קצרתה וועגין זעקס ערליי טרערין זענען דא. דריי ערליי טרערין זענען גוט. אונ דריי ערליי טרערין זענען שלעכט. די טרערין וואס גייט פון רויך אונ פון וויינען אונ פון בית הכסא זענען שלעכט. אונ דיא טרערין וואס גייט פון די אויגען פון דעם פארב וואס מען האט אריין געשאטען אין דיא אויגען נאזוי וויא פריער שטייט) אונ פון געלעכטער. אונ פון דעם ריח פון פירות דיא טרערין זענען גוט. שלמה המלך האט גזאגט אין דעם טאג וואס וועלין ציטערין די וואס היטען די שטוב. אונ עס וועלין פאר קרימט ווערין די זעלנער. די וואס היטען די שטוב מיינט מען די פלאנקען אונ דיא ריפען. זיי היטען דיא גידערים וואס דאס איז דער לעבין פון מענטשין. אונ עס וועלין פאר קרימט ווערין דיא זעלנער דאס מיינט מען די פיס. אונ דיא וואס מאלען וועלען בטל ווערין. דאס מיינט מען דיא ציין וואס מאלען דאס עסין וועלין ארויס פאלען. עס וועלען פינסטער ווערין דיא וואס זעהן דורך דיא פענסטער. דאס מיינט מען דיא אויגין וועלען טונקעל ווערין. דער קיסר האט גזאגט צו רבי יהושע בן חנניא פאר וואס קומסטו ניט צום בי אבידן (עיין גרש בר בתבי סימן ו). האט רבי יהושע גזאגט צום קיסר דער בארג איז ווייס ודיא האר פון

מתנוהי לא מחנין . דבי רב אמרי אדלא אבידנא בחישנא . תניא רבי יוסי בן קיסמא אומר טבא תרי מתלת ווי לה לחדא דאזלא ולא אתיא מאי היא אמר רב חסדא ינקותא כי אתא רב דימי אמר ינקותא כלילא דוורדא סיבותא כלילא דחילפי תנא משמיה דר' מאיר דוק בבכי ותשכח בנגרי שנאמר (ירמיה מד) ונשבע לחם ונהיה טובים ורעה לא ראינו אמר ליה שמואל לרבי יהושע (יהודה) שיננא שרי שקיך ועייל לחמא עד ארבעין שנין מיכלא מעלי מכאן ואילך משתי מעלי . אמר ליה האי גוזאה לרבי יהושע בן קרחה מהכא לקרחינאה כמה הוה אמר ליה כמהכא לגוזניא אמר ליה מינאי ברחא קרחא בארבע אמר ליה עיקרא שליפא בתמניא . חזייה דלא סיים מסאניה אמר ליה דעל סוס מלך דעל חמור בן חורין ודמנעלי ברגלוהי בר איניש דלא הא ולא הא דחפיר וקביר טב מיניה . אמר ליה גוזא גוזא תלת אמרת לי תלת אמרי לך . הדרת פנים זקן

בפניהם : אדלא אבידנא בחישנא . אמר מה שלא אבד ממני אני מפשפש מרוב זקנה אני הולך בקומה מנענע ונראה כמו שמבקש דבר כמאבד לו : טבא תרי מתלת . טובים ב' הרגלים של ימי הבחרות משל זקנה שצריך משענת עם רגליו : ווי לה . תכל עליה כלומר יש לי להתאונן ולצעוק ווי ההולכת ואינה חוזרת : כלילא דורדא . נזר . של ורד : חילפי . אורדיגא"ש : דוק בבכי ותשכח בנגרי . אכול הרבה ותמצא בפסיעותיך מיתוק כמו אכלה מדקה לשון כוסס : שרי שקיך . פתח פיך ואכול פת הרבה : גוזא . הרים ומין הוא : מהכא לקרחינאה כמה הוי . כמה מהלך יש מכאן עד הקרח להקניטו על קרחתו נתכוין : כמהכא לגינזיא . כמה שמכאן עד הסריס : ה"ל מינאי ברחא קרחא בד' . שהקרח לקוח בד' : ברחא קרחא . כוא עז על שם שאינו מלובש כלומר כרחל קוצהו קרח : ואמר ליה . רבי יהושע : עיקרא שליפא . שהבגליו עקורין והעוקין לוקחין במ' זוזים : חזייה .

קאפ איז ווייס ווי א שניי) . ארום דעם בארג איז אייז (דיא באָרד אונ דיא וואנסעס זענען ווייס ווי אייז) . דיא הינט בילען ניט . מען הערט ניט וואס איך רייד . דיא מילגע מאָלען ניט . דיא ציין קענען ניט קייען . דבי רב זאגען איך האב ניט פאר לאָרין . אונ איך זוך . איך גיי איינגעבויגען פון עלטער זעהט אויס ווי איך וואלט עפעס געזוכט . מיר האבען געלערנט רבי יוסי בן קיסמא זאגט עס איז בעסער צווייא ווי דרייא (דיא צווייא פיס פון דער יוגענד איז בעסער ווי דיא דרייא פיס פון דער עלטער . די דריטע פוס איז דער שטעקן) . עס איז וויי אויף איין זאך וואס זיא גייט אוועק אונ זיא וועט ניט צוריק קומען . וואס איז די זאך . האט רב חסדא געזאגט דאס איז די יוגענד . רב דימי זאגט די יוגענד איז ווי א קרוין פון רויזין ; די עלטער איז ווי א קרוין פון דערנער . מיר האבען געלערנט פון רבי מאירס ווערין מאל מיט די ציין וועסטו געפינען אין די טריט . עס פיל וועסטו האבען כח צו גיין . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק מיר וועלין זיין זאט מיט ברויט וועלין מיר זיין גוט אונ מיר וועלין ניט זעהן קיין שלעכץ . שמואל האט געזאגט צו רב יהודה דו למדן בינד אויף דיין זאק אונ לייג אריין דיין ברויט . העפין אויף דיין מויל אונ עס ברויט . ביז פערציג יאהר איז גוט מען זאל פיל עסין . אונ פון פערציג יאהר אונ ווייטער איז גוט מען זאל פיל וויין טרינקען . אמענטש וואס האט ניט גיהאט קיין קינדער (דער הייסט אסריס) האט געזאגט צו רבי יהושע בן קרחה . ווי ווייט איז פון מיר ביז צו דיין גאלין קאפ . (רבי יהושע האט גיהאט א גאלין קאפ . האט רבי יהושע צו איהם געזאגט אזוי ווייט ווי עס איז פון מיר ביז צו דעם סריס . האט דער סריס וואס ער איז גיוועזן א אפיקורוס געזאגט צו רבי יהושע דער שעפס וואס איז גאל ער האט גיט קיין וואהל אויף זיך (דאס מיינט מען אקאזע וואס זיא האט ניט קיין וואל גאר האר) . דער ווערט פארקויפט וואלוול פאר פיר גילדין . האט רבי יהושע געזאגט צום סריס דער שעפס וואס זיינע אייער זענען אויסגעריסען . ער קען ניט האבין קינדער . קויפט מען אים פאר אכט גילדין . דער וויל האט דער סריס גיזעהן אז רבי יהושע גייט און שיך האט ער געזאגט צו רבי יהושע דער וואס רייט אויף א פערד איז א מלך . דער וואס רייט אויף א אייזיל איז א פרייער מענטש . דער וואס האט שיך אויף די פיס איז א מענטש . דער וואס האט ניט די אלע דרייא זאכין . דער וואס איז באגראבין איז אים בעסער פון דעם לעבעדיגען . האט רבי יהושע געזאגט צו אים . סריס סריס . דריי זאכין האסטו מיר געזאגט . דריי זאכין וועל איך דיר זאגין .

וזקן שנחת לב אשה נחלת ה' בנים ברוך המקום שמנעו לאותו האיש מכולם אמר ליה קרחא מציינא אמר ליה עיקרא שליפא תוכחה. אמר ליה רבי לרבי שמעון בן חלפתא מפני מה לא הקבלנו פניך ברגל כדרך שהקבילו אבותי לאבותיך אמר ליה סלעים קטנים נעשו גבוהים קרובים נעשו רחוקים משתים נעשו שלשה משים שלום בבית בטל. (קהלת יב) וסוגרו דלתים בשוק אלו נקביו של אדם. בשפל קול הטחנה בשביל קורקבן שאינו טוחן. ויקם לקול הצפור שאפילו צפור מנערתו משנתו. וישחו כל בנות השיר שאפילו קול שרים ושרות דומות עליו כשוחה. ואף ברזילי הגלעדי אמר לדוד (שמואל ב יט) בן שמונים שנה אנכי היום האדע בין טוב לרע מכאן שדעתן של זקנים משתנות. אם יטעם עבדך את אשר אוכל ואת אשר אשתה מכאן ששפתותיהם של זקנים מתרפטות. (שם) אם אשמע עוד (קול שירים ושירות) [בקול שרים ושרות] מכאן שאזניהם של זקנים מתכבדות

מילה לרבי יהושע דלא הוה מסתפיה : קרחא מציינא. אתה הקרח במריבה אתה בא עמדי כאמירה: א"ל. רבי יהושע : עיקרא שליפא תוכחה. אתה הסריס להקניטני ולהתוכח עמי בא : לא הקבלנו פניך. לא הקבלת פני ודרך ענוה קאמר ליה : סלעים קטנים נעשו לי גבוהים. שזקנתי: קרובים נדמו לי כרחוקים: משתים נעשו לי שלשה. שצריך אני משענת : משים שלום בבית. אבר תשמיש. ל"א קרובים נעשו רחוקים מרוב חלשות של אדם כשמזקין צריך להרחיק רגליו זה מזה : שאינו טוחן שאין כרי מעיו טוחנין אכילתו : קורקבן. המסס שקורין גוזי"ר : כל בנות השיר. כל קולות של שיר הויין לי שוחה : שדעתן של זקנים משתנים. דכתיב האדע בין טוב לרע ובזקנה מרובה קאמר : מתרפטות. מתבקעות כמו מנעל המרופט: מתכבדות.

---

די שיינקייט פון פנים איז אבארד. די פרייד פון הארצן איז אווייב. אפארמעגען פון גאט זענען קינדער. גילויבט איז גאט וואס ער האט פאר היטען דעם מענטשין (רעם סריס) פון די אלע דרייא זאכין. האט דער סריס גיזאגט צו רבי יהושע גאלער קאפ ווילסט דיך קריגען מיט מיר. האט רבי יהושע גיזאגט צום סריס דו אויסגעריסענע אייער ווילסט מיך דערצערענען. רבי האט גיזאגט צו רבי שמעון בן חלפתא פאר וואס זענען מיר ניט גיקומען זעהן דיין פנים אום יום טוב. אזוי וויא מיינע עלטערין פלעגין קומען צו דיינע עלטערין. (אין אמת האט רבי גימיינט פאר קערט. ער האט גיוואלט וויסען פאר וואס קומט ניט שמעון בן חלפתא צו אים אום יום טוב. אזוי וויא די עלטערין פון רבי שמעון בן חלפתא פלעגין קומען צו די עלטערין פון רבין האט רבי שמעון בן חלפתא גיענטפערט די קליינע שטיינער זענען גיווארין הויכע בערג. וואס ביי מיר איז אמאהל גיוועזן נאהנט איז היינט ווייט. ווייל איך בין אלט איז מיר יעדער ארט צו הויך. אונ יעדער ארט צו ווייט. פון צוויי פיס איז גיווארין דרייא פיס. איך טו זאגין אשטעקין. דער וואס מאכט שלום צווישען מאן אונ ווייב איז שוין ניטא. איך קען שוין ניט משמש המטה זיין. שלמה המלך האט גיזאגט עס וועט קומען אצייט אויף אמענטשין וואס די טירען פון גאס וועלין פאר שלאסען ווערין. דאס מיינט מען פון אלטער וועט ער ניט קענען ארויס גיין דאס מענשליכע ארויס גאנג. דאס אינווייניגסטע קראפט וואס שטויסט ארויס די השגחה אונ די צואה וועט שוואך ווערין. עס וועט נידעריג ווערין דער קול פון דעם מאכין. דאס מיינט מען דער פופיק מיט די קישקעס וועלין שוין ניט מאהלין דאס עסין. פון אלטער וועלין זיי שוין ניט האבין קיין כח צו פארדייען דאס עסין. ער וועט אויף שטיין אום קול פון אפויגיל. אפילו אפויגיל מיט איר שוואכער שטימע וועט אים אויף וועקין פון זיין שלאף. עס וועלין איינגיבויגען ווערין אלע טעכטער וואס זינגען. דאס מיינט מען אלע קולות פון דיא זינגער אונ פון די זינגערינס וועלין ביי אים זיין איינגיבויגין. פון אלטער וועט ער זיין טויב אז דאס גרעסטע גישרייא וועט ער קוים שפיל הערין. ברזילי הגלעדי האט אויך אזוי גיזאגט צו דוד המלך. איך בין היינט אלט אכציג יאהר ווייס איך דען פון גוט צו שלעכט. ווען מיר אז דער שכל פון דעם מענטש ווערט פארענדערט אויף דער עלטער. נאך האט ברזילי גיזאגט צו דוד האט דען דיין קנעכט אגישמאק אין דעם וואס ער עסט אונ טרינקט. פון דאנען זעהן מיר אז די לעפצין פון די אלטע לייט ווערין צו שפאלטין. נאך האט ברזילי גיזאגט צו דוד וועל איך דען נאך הערין דעם קול פון די זינגער אונ פון די זינגערינס. פון דאנען ווייזין מיר אז דיא

אויערין

מתכברות. אמר רב ברזילי הגלעדי שקרא הוה דההיא אמתא דהואי בי רבי בת תשעים ותרתין שנין והות טעמא קידרא. רבא אמר ברזילי הגלעדי שטוף בזמה הוה וכל השטוף בזמה זקנה קיפצת עליו:

ט **תניא** רבי ישמעאל ברבי יוסי אומר תלמידי הכמים כל זמן שמזקינין חכמה נתוספת בהם שנאמר (איוב יב) בישישים חכמה ואורך ימים תבונה ועמי הארץ כל זמן שמזקינין טפשות נתוספת בהם שנאמר (שם) מסיר שפה לנאמנים וטעם זקנים יקח. גם מגבוה ייראו שאפילו גבשושית קטנה דומה עליו כהרי הרים. וחתחתים בדרך בשעה שמהלך בדרך נעשה לבו (לו) תוהים. וינאץ השקד זו קליבוכת ויסתבל החגב אלו עגבות ותפר האביונה זו תאוה. רב כהנא הוי פסיק סידרא קמיה דרב כי מטא להאי קרא נגיד ואיתנח אמר ש"מ בטיל ליה המדיה דרבי אמר רב כהנא כאי דכתיב (תהלים לג) כי הוא אמר ויהי זו אשה הוא

כמו ולוחמי ככנד: בטוף. כמו כסוס שוטף במלחמה לשון אהל סדבר ורודף:
מסיר זקנים יקח. וע"כ מדקנו קראי ההדדי חד מיהוקם בחכמים וחד בזקני הסוק: מגבוה ייראו. ירלים כם הזקנים מגבשושית שבדרכים ותומרים גבוהים הם: תוהים. פחדים: וינאץ השקד. אילן של שקדים אין ויהיו נולטין מלים שלו: זו קליבוסת. עלם של אנקא שהיבך תקוע בו בולט ויולא מרוב תשות כחו: ויסתבל החגב. דומה עליו (כמשא) [כסובל משא] כבד: ותפר האביונה. שבטל התאוה תמדת נשים: פסיק סדרא. מסדר פרשיות של פסוקים: נגיד ואהנה. רב: המדיה. פחדו: זו אשה. אם לא ע"ס גזירת המלך לא היתה רלויה להתאות לה שהיא כחמת מלאה מיאוס והכל רלין אחריה. ע"כ:

---

אויגען פון די אַלטע מענטשן ווערן שוואַך. מען ווערט טויב אויף דער עלטער. רב זאָגט ברזילי הגלעדי איז געווען אַליגנער. וואָרום ביי רבי איז געווען אַדינסט זיא איז אַלט געווען צוויי און ניינציג יאָהר און זיא פלעגט נאָך פאַר זוכען דעם טאַם עסין צו וויסען אויב דאָס עסין האָט אָנגעטען גישמאַק אָדער ניין. און וועלכע בשמים מען דאַרף געבין אין דאָס עסין צו פאַרבעסערין דעם גישמאַק פון עסין. רבא זאָגט ברזילי הגלעדי האָט זייער פיל משמש המטה געווען. און דער מענטש וואָס איז פיל משמש המטה קומט אויף איהם די עלטער פאַר דער צייט:

ט תניא. מיר האָבען געלערנט רבי ישמעאל ברבי יוסי זאָגט תלמידי חכמים וואָס עלטער זיי ווערין קלוגער ווערין זיי. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק איוב האָט געזאָגט ביי די אַלטע תלמידי חכמים איז דאָ חכמה און וואָס לענגער זייא לעבין מער פאַר שטאַנד האָבען זיי. אָבער די עמי הארצים (די פּראָסטע מענטשין) וואָס עלטער זייא ווערין נאַרעשער ווערין זיי. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק ער טוהט אָפּ די לעפצין פון די בגלויבטע מענטשין וואָר זיי זענען עמי הארצים האָבען זיי ניט קיין שכל וואָס צו ריידין. און די עצה פון די אַלטע נייט געמט ער אַוועק. די אַלטע עמי הארצים האָבען שוין ניט קיין שכל צו געבין אַ עצה. שלמה המלך האָט געזאָגט פאַר אַלטע זאַך האָבען זיי מורא. אפילו אַקליינער באַרג זעהט אויס ביי דעם אַלטען מאַן וויא עס וואָלט געווען עטליכע גרויסע בערג איינער אויף דעם אַנדערין. אפילו אויף אַקליינעם בערגיל איז איהם שווער אַרויף צו גיין. ער האָט שרעק אין וועג. ווען דער אַלטער מאַן גייט אין וועג שרעקט איהם זיין הארץ. עס זאָל איהם ניט טרעפען קיין אומגליק. עס וועט בליהען דער מאַנדלען בוים. און די בליאַכץ וועט אַרויס גיין אין דיא ווייטע פון בוים. דאָס מיינט מען די ביינער פון דעם אַלטען מאַן וועהט מען אַרויס ווייל ער גייט איינגיבויגען. דער חגב וועט זיין אַמשא. דאָס מיינט מען ביי דעם אַלטען מאַן זענען די פיס אַמשא. עס איז איהם שווער צו שלעפין זיינע אייגענע פיס. די גלוסטונג וועט געשטערט ווערין. ער וועט שוין ניט גלוסטען צוא ווייבער. רב כהנא האָט אַמאָהל גיריידענט פסוקים פאַר רב. אַז רב כהנא איז געקומען צו דעם פסוק ותפר האביונה. די גלוסטונג וועט גאַר שטערט ווערין. האָט רב אַזיפץ געטאָהן. האָט רב כהנא געזאָגט איצט מיין איך אַז ביי דעם רבי האָט שוין אויף געהערט די גלוסטונג פון ווייב. רב כהנא האָט געזאָגט וואָס מיינט דער פסוק גאָט האָט געזאָגט און עס איז געוואָרין. דאָס מיינט מען אַאשה. גאָט האָט גיבאָטען און עס איז אַזוי געבליבען. דאָס מיינט מען קינדער. וואָרום דער מענטש מיט זיין שכל וואָלט ניט

הוא צוה ויעמוד אלו בנים תנא אשה חמת מלא צואה ופיה מלא דם והכל רצין אחריה:

(קהלת יב) י כי הולך האדם אל בית עולמו. אמר רבי יצחק מלמד שכל צדיק וצדיק (עושים) [נותנין] לו מדור לפי כבודו. משל למלך בשר ודם שנכנס הוא ועבדיו לעיר כשהם נכנסין כולם בשער אחד נכנסין כשהן לנין כל אחד ואחד נותנין לו מדור לפי כבודו. ואמר רבי יצחק מאי דכתיב (שם יא) כי הילדות והשחרות הבל דברים שאדם עושה בילדותו משחירים פניו לעת זקנתו. ואמר רבי יצחק קשה רמה למת כמחט בבשר החי שנאמר (איוב יד) אך בשרו עליו יכאב. אמר רב חסדא נפשו של אדם מתאבלת עליו כל שבעה שנאמר (שם) ונפשו עליו תאבל וכתיב (בראשית נ) ויעש לאביו אבל שבעת ימים. א"ר יהודה מת שאין לו מנחמין הולכים עשרה בני אדם ויושבים במקומו. ההוא דשכיב בשכבותיה דרב יהודה לא היה ליה מנחמין (ע"ב) כל יומא הוה דבר רב יהודה בי עשרה ויתבי בדוכתיה (לאחר שבעת ימים) אתחזי ליה בחלמיה דרב יהודה.

מדור לפי כבודו. מדלא כתיב אל בית עולם משמע כל אחד ואחד לפי המוכן לו: כבשר חי. אף כאן הכל מתים בענין אחד: באדם שעשה בילדותו. רוב החטאים: משחירים פניו. ל' נוולים כמו: שאין לו מנחמין. אין לו אבלים שיהיו מוליכין לנחמו: במקומו. במקום שמת שם: כל יומא.

---

גענומען קיין ווייב און וואלט ניט וועלען האבען קינדער. ווארום צו וואס דארף ער פראגע אויף זיך די לאסט צו שפייזען ווייב און קינדער: נאר ווייל גאט האט אזוי געוואלט דריבער האט ער געשטארקט די תאוה פון מענטשען צו א ווייב מער וויא צו אלע פערגעניגונגען. און ער האט געשטארקט די ליבשאפט פון פאטער און מוטער צו זייערע קינדער. זייא זאלען ליב האבען זייערע קינדער מער וויא זייער אייגענעם לעבען. מיר האבען געלערנט די אשה איז א פאס פול מיט צואה. און איר מויל איז פול מיט בלוט. און אלע מענטשען לויפען נאך איר און ווילען האבען איר פערגעניגען:

י שלמה המלך האט געזאגט דער מענטש גייט צו זיין וועלט. וואס מיינט מען זיין וועלט האט רבי יצחק געזאגט דער פסוק לערענט אונז אז מען גיט אין גן עדן צו יעדער צדיק אבזונדערע וואוהנונג אזוי וויא זיין כבוד דארף זיין. האט יעדער מענטש זיין וועלט אזוי וויא ער איז ווערט. דאס איז גלייך צו א משל מיט איינע קעניג וואס זענען אריין געקומען אין א שטאט. ווען זייא גייען אריין אין שטאט גייען אלע אריין דורך איין טויער: אבער אז זייא נעכטיגען אין שטאט גיט מען יעדען אבזונדערע וואוהנונג אזוי וויא זיין כבוד איז. אזוי אלע צדיקים גייען אריין אין גן עדן דורך איין טויער. אבער אין גן עדן גיט מען צו יעדער צדיק אבזונדערע וואוהנונג אזוי וויא זיין כבוד איז. נאך האט רבי יצחק געזאגט וואס מיינט דער פסוק די יוגענד און די שווארצקייט איז נארעש. די זאכען וואס דער מענטש טוהט אין זיין יוגענד. אז עס גייט ארויס פון איהם פיל זרע אין דער יוגענד. דאס מאכט שווארץ זיין פנים אויף דער עלטער. ווייל אויף דער עלטער האט ער ניט קיין כח. נאך האט רבי יצחק געזאגט אז דער ווארעם בייסט דעם טויטען אין קבר. איז איהם אזוי שלעכט. וויא שלעכט עס איז דעם לעבעדיגען אז מען שטעכט איהם מיט א נאדעל. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיין פלייש שמערצט איהם. רב חסדא זאגט די נשמה טרויערט אויף דעם גוף זיבען טאג. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זיין נפש טרויערט אויף איהם. נאך שטייט אין פסוק יוסף האט געמאכט א טרויער אויף זיין פאטער זיבען טאג. רב יהודה זאגט דער טויטער וואס האט ניט וועמען מען זאל טרייסטען. ער האט ניט געלאזען קיין קינדער. איז א מצוה צעהן מענטשען זאלען זיין אין די שטוב וואו ער איז געשטארבען. און זייא זאלען דארט זיצען די גאנצע זיבען טאג פון נאך זיין שטארבען. איינער האט געוואוינט נאענט פון רב יהודה און ער איז געשטארבען. און עס איז ניט געבליבען וועמען מען זאל טרייסטען: אלע טאג האט רב יהודה געפירט צעהן מענטשען און זיי זענען געזעסען דארט אין שטוב. אזוי האט רב יהודה געטאהן זיבען טאג: נאך די זיבען טאג איז דער

שי לגלג : גולל. הוא כיסוי שנותנים על הארון : וכפשו עליו תתאבל. כ"ז שיש לו בשר יש לו נפש לו חיות להבין : וישוב העפר. גופו קרוי עפר ומשכב אל הארץ כבתחלה מיד והרוח תשוב שאין בו רוח עוד : אשר נתנה. קרא יתירא הוא לידרש כוי זכור שהשיבנה אליו כמו שנתנה לך נקיה בלא עון: כלים יגהו נהולי. לכביעון אף זו הנתן תחה ככא כבוד : לכביסה. ללבן רף ז. נגינות נלושם שם:

יהודה ואמר ליה תנוח דעתך שהנחת את דעתי . אמר רבי אבהו כל שאומרים בפני המת יודע עד שיסתם הגולל פליגי בה רבי חייא ורבי שמעון בר אבא (ברבי) חד אמר עד שיסתם הגולל וחד אמר עד שיתעכל הבשר מ"ד עד שיתעכל הבשר דכתיב (איוב יד) אך בשרו עליו יכאב גו' מ"ד עד שיסתם הגולל דכתיב (קהלת יב) וישוב העפר על הארץ כשהיה :

**תנו** רבנן והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה תנה לו כאשר נתנה לך בטהרה אף אתה בטהרה משל למלך בשר ודם שחלק בגדי מלכות לעבדיו פקחים שבהם קפלום והניחום בקופסא טפשים שבהם הלכו ועשו בהם מלאכה לימים בקש המלך את כליו פקחים שבהם החזירום לו כשהם מגוהצים טפשים שבהם החזירום לו כשהם מלוכלכין שמח המלך לקראת פקחים וכעס לקראת טפשים על הפקחים אמר ינתנו כלים לאוצר והם ילכו לבתיהם לשלום ועל הטפשים אמר כלים ינתנו לכביסה והם יתחבשו בבית האסורים אף הקב"ה על גופם של צדיקים אומר (ישעיה נז) יבא שלום ינוחו על משכבותם ועל נשמתם הוא אומר

---

מענטש געזעהן געוואָרין אין חלום צו רב יהודה . אונ ער האָט געזאָגט צו איהם דו זאָלסט זיין בערוהיגט ווייל דוא האָסט מיך בערוהיגט . רבי אבהו זאָגט אַלץ וואָס מען זאָגט פאַר דעם מת . ווייס דער מת . ביז מען שיט אַרויף אויף איהם די ערד . רבי חייא אונ רבי שמעון ברבי קריגען . איינער זאָגט דער מת הערט ביז מען שיט אַרויף אויף איהם דיא ערד . אונ איינער זאָגט דער מת הערט ביז דיא פלייש זיינע ווערט פאַר פוילט . דער וואָס זאָגט דער מת הערט ביז דיא פלייש זיינע ווערט פאַר פוילט . וואָרום עס שטייט אין פסוק זיין פלייש שמערצט אים . אַזוי לאַנג וויא ער האָט פלייש הערט ער וואָס מען טוהט מיט איהם . אונ דער וואָס זאָגט דער מת הערט ביז מען שיט אַרויף אויף איהם ערד . וואָרום עס שטייט אין פסוק דיא ערד ווער נוך וואָסיער איז ערד] ווערט זיך קערין צוא ערד . [צוא דיא ערד וואָס מען בגראָבט איהם . אונ באַלד וויא די ביידע ערד קומען צו זאַמען גייט שוין פון איהם אַוועק די נשמה אין גאַנצן אונ ער איז שוין אָמתה ערד :

**תנו רבנן** . דיא רבנן האָבען געלערנט עס שטייט אין פסוק דיא נשמה וועט צוריק קערין צו גאָט וואָס ער האָט איר געגעבין . גיב צוריק די נשמה צו גאָט אַזוי וויא ער האָט דיר געגעבין אַ ריינע נשמה זאָלסטו איהם צוריק געבין אַ ריינע נשמה . דאָס איז גלייך צוא אמלך וואָס ער האָט געטיילט קיניגליכע קליידער צו זיינע קנעכט זייא זאָלין דאָס היטען . דיא קלוגע קנעכט האָבין איין געוויקלט די קליידער אונ האָבין זייא אַריין געלייגט אין אַקאַסטין . די נאַרישע קנעכט האָבין אָן געטאָהן די קליידער אונ האָבין געאַרבעט זייער אַרבעט . אין אַצייט לאַנג האָט דער מלך געזאָגט מען זאָל אים צוריק געבין זיינע קליידער . די קלוגע קנעכט האָבין צוריק געגעבין די קליידער אונ זיי האָבין געגלאַנצט אַזוי וויא מען האָט זייא געגעבין . די נאַרישע קנעכט האָבין צוריק געגעבין בשמוצטע קליידער . האָט זיך דער מלך געפרייט געגין די קלוגע קנעכט אונ איז אין כעס געווען געגין די נאַרישע קנעכט . אויף די קלוגע קנעכט האָט דער מלך געזאָגט די קליידער זאָל מען אַריין לייגן אין קאַסטין . אונ זייא זאָלין גיין לשלום אהיים . אויף די נאַרישע קנעכט האָט דער מלך געזאָגט די קליידער זאָל מען געבין וואַשין אונ זיי זאָל מען האַלטען אין געפענקעניס . גאָט טוהט אויך אַזוי . אויף דעם גוף פון די צדיקים זאָגט ער אַזוי וויא ישעיה הנביא האָט געזאָגט . דער גוף זאָל קומען בשלום אונ זאָל רוהען אויף זייי געלעגער . אונ אויף זייערע נשמות זאָגט ער . אַזוי וויא אביגיל האָט געזאָגט צו דוד די נשמה פון מיין האַר וועט זיין פאַרבונדען מיט דאָס לעבעדיגע פאַר בינדונג מיט גאָט . אויף

רעם

אומר (ש"א כה) והיתה נפש אדני צרורה בצרור החיים. על גופו של רשעים הוא אומר (ישעיה מח) אין שלום אמר ה' לרשעים ועל נשמתן הוא אומר (שמואל א כה) ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע. תניא רבי אליעזר אומר נשמתן של צדיקים גנוזות תחת כסא הכבוד שנא' והיתה נפש אדוני צרורה בצרור החיים. ושל רשעים זוממות והולכות שנאמר ואת נפש אויביך יקלענה בתוך כף הקלע. אמר ליה (רבא) [רבה] לרב נחמן של בינונים מאי. אמר ליה איכא שכיבנא לא אמרי לכו האי מילתא הכי אמר שמואל אלו ואלו לדומה נמסרים. הללו יש להם מנוחה והללו אין להם מנוחה. אמר ליה רב מרי עתידין צדיקים דהוו עפרא דכתיב (קהלת יב) וישוב העפר (אל) [על] הארץ כשהיה. הנהו קפולאי דהוו קפלי בארעא דרב נחמן נחר בהו רבי אחאי בר יאשיה אתו ואמרי ליה לרב נחמן נחר בן גברא אתא ואמר ליה מאן ניהו מר אמר ליה אנא אחאי בר יאשיה. אמר ליה ולאו אמר רב מרי עתידי צדיקי דהוו עפרא א"ל ומנו מרי דלא ידענא ליה א"ל והא קרא כתיב וישוב

בנים האסורין. במחבש בלא אורה ושלום: כף הקלע. רוחב הקלועה שמתן האבן לתוכה לקלע עשויה כעין כף: בצרור החיים את ה' אלהיך. שמו בכתלו: זוממות. כמו בזממא דפרזלא חבושות בבית הסוהר: אלו ואלו. רשעים ובינונים: לדומה. מלאך הממונה על הרוחות: דהוו עפרא. אפילו צדיקים נרקבים ונעשים עפר: קפולאי. חופרים: נחר בהו. געל בהו: רב אחאי שהיה נקבר שם: דלא

---

דעם גוף פון די רשעים זאגט ער. אזוי וויא ישעיה הנביא האט געזאגט. גאט האט געזאגט עס וועט ניט זיין קיין שלום צו די רשעים: אונ אויף דייערע נשמות זאגט ער. אזוי ווי אביגיל האט געזאגט צו דוד די נשמות פון דיינע פיינד וועט מען ווארפן אזוי ווי מען ווארפט שטיינער וועם איז געמאכט אברייטער פאס אונ אינווייניג איז דא אזוי וויא א לעפיל. אין דעם לעפיל לייגט מען אריין דעם שטיין צום ווארפן אים. דאס הייסט כף הקלע. דיא לעפיל פון ווארפען:

תניא. מיר האבן געלערנט רבי אליעזר זאגט די נשמות פון די צדיקים זענען באהאלטן אונטער דעם כסא הכבוד. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אביגיל האט געזאגט צו דוד די נשמה פון מיין הער וועט זיין פארבונדען מיט דאס לעבעדיגע פארבינדונג מיט גאט. (אונטער זיין שטוהל). אונ די נשמות פון די רשעים ווערן אלע מאהל מעהר פארשלאסין אין גיהנם. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק אביגיל האט געזאגט צו דוד די נשמות פון דיינע פיינט וועט מען ווארפן אזוי וויא מען ווארפט שטיינער וויא פריער שטייט. רבא האט געזאגט צו רב נחמן וואו זענען די נשמות פון די מיטעלע מענטשין. וואס זענען ניט צדיקים אונ ניט רשעים. האט רב נחמן געזאגט ווען איך וואלט געשטארבן וואלט איך דאך אייך ניט געזאגט דיא זאך. אזוי האט שמואל געזאגט די נשכות פון די רשעים אונ די נשמות פון די מיטעלע מענטשין ווערין געגעבן צום מלאך דומה. די נשמות פון די מיטעלע מענטשין האבין רוה. אונ דיא נשמות פון די רשעים האבין ניט קיין רוה. רב מרי האט געזאגט די צדיקים וועלין ווערין ערד ווי וועלין פארפוילט ווערין אין קבר אונ זיי וועלין ווערין ערד. ווארום עס שטייט אין פסוק די ערד וועט זיך צוריק קערין צו די ערד אזוי וויא עס איז געווען דער גוף וואס ער איז געמאכט געווארין פון ערד. וועט ער צוריק ווערען ערד. גרעבער האבין אמאהל געגראבין די ערד אין די פעלד פון רב נחמן. אונ אין די פעלד איז געווען באגראבין רבי אחאי בר יאשיה. האט ער געשריגען פון קבר אויף די גרעבער זייא זאלין ניט גראבין. זענען די גרעבער געשיקט צו רב נחמן אונ האבין געזאגט אמענטש האט אויף אונז געשריגען פון קבר מיר זאלין ניט גראבין. איז רב נחמן געקומען אין פעלד צום קבר. אונ האט געזאגט רבי זאג ווער דו ביזט. האט ער געזאגט איך בין אחאי בר יאשיה. האט רב נחמן געזאגט צו רבי אחאי רב מרי האט דאך געזאגט אפילו צדיקים וועלען אויך פארפוילט ווערען אין קבר אונ זייא וועלען ווערען ערד. האט רבי אחאי געזאגט ווער איז דער רב מרי איך ווייס גאר ניט פון אים. האט רב נחמן געזאגט עס שטייט דאך אזוי אין פסוק דער גוף וואס ער איז געמאכט געווארען פון ערד וועט ער צוריק

וישוב העפר (אל) [על] הארץ כשהיה אמר ליה דאקריך קהלת לא אקרייך משלי דכתיב (משלי יד) ורקב עצמות קנאה כל מי שיש לו קנאה בלבו עצמותיו מרקיבין [כל שאין לו קנאה בלבו אין עצמותיו מרקיבין . גששיה חזייה דאית ביה מששא אמר ליה ליקום מר לגוית דביתא אמר ליה גלית אדעתיך דאפילו נביאי לא קרית דכתיב (יחזקאל לז) וידעתם כי אני ה' בפתחי את קברותיכם ובהעלותי אתכם מקברותיכם עמי (אמר ליה) והכתיב (בראשית ג) כי עפר אתה ואל עפר תשוב . אמר ליה ההוא שעה אחת קודם תחיית המתים :

יתגאה ליה . ואיני חש נדבריו : מי שיש לו קנאה. וסמבוק על חברו : עצמותיו מרקיבין . ועליו נאמר וישוב אל העפר כמו שהיה: ליקום מר לגויה דביתא. יבא אדוני לביתו : בפתחי ובהעלותי . עד שיעלנו הקב"ה מקברותינו אין לנו רשות לעלות : והכתיב ואל עפר תשוב . והאי ליכא למימר ברשעים למוריינו דכל קללותיו של אדם הראשון כל דורותיו בוין בכם :

הוכא שמיה . דפל הוב במשמש בעצמות . טמיא בלשון ארמי עצמות וכן פירש רב האי בפירושו בל קברות כים בגולה טמיא מלא עצמות : בנגידא . כך קורין למכשפות של הוב בלשון ארמי : אם בן העוה"ב הוא . שאם כשר היה ככל בוכן

**יא אמר** ליה ההיא מינאה לרבי אבהו אמריתו נשמתן של צדיקים גנוזות תחת כסא הכבוד אובא טמיא היכי אסקיה לשמואל בנגידא אמר ליה התם בתוך י"ב חודש הוה דתניא כל י"ב חודש גופו קיים ונשמתו עולה ויורדת לאחר י"ב חודש הגוף בטל (דף קנג) ונשמתו עולה ושוב אינה יורדת . אמר רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת משמיה דרב מהספדו של אדם ניכר אם בן העה"ב הוא אם לאו . איני והאמר

---

קערין צו די ערד אזוי וויא ער איז געוועזן . האט רבי אחאי געזאגט צו רב נחמן דער וואס האט דיר געזאגט דעם פסוק פון קהלת האט דיר ניט געזאגט דעם פסוק פון משלי ; ווארום אין משלי שטייט פון קנאה פוילען די ביינער . דער וואס איז מקנא זיין חבר ווען ער זעהט מענטשין זענען רייכער פון אים פאר דריסט אים . ער וואלט גערין קיינער זאל ניט האבען נאר ער) . וועלען זיינע ביינער פארפוילט ווערין אין קבר ; אונ דער וואס איז ניט מקנא וועלען זיינע ביינער ניט פארפוילט ווערען אין קבר . דער נאך האט רב נחמן אן געטאפט דעם גוף פון רבי אחאי האט ער געזעהן אז זיין גוף איז גאנץ אזוי ווי ער האט געלעבט . האט רב נחמן געזאגט צו רבי אחאי זאל דער רבי אויף שטיין אונ גיין אהיים . האט רבי אחאי געזאגט צו רב נחמן דו האסט געוויזען אז אפילו נביאים האסטו אויך ניט געלייענט . ווארום עס שטייט אין פסוק איהר זאלט וויסען אז איך בין גאט איך וועל עפענען אייערע קברים אונ איך וועל אויף ברייגען אייך פון פאקט פון אייערע קברים . האט רב נחמן געזאגט צו רבי אחאי עס שטייט דאך אין פסוק די ביסט באשאפען געווארען פון ערד אונ דו וועסט צוריק קערען צו ערד . האט רבי אחאי געזאגט צו רב נחמן דאס איז איין שעה פאר תחיית המתים ; איין שעה פריער איידער די טויטע וועלען לעבעדיג ווערען . וועט פון . אלע טויטע ווערען ערד . דער נאך וועלען זייא לעבעדיג ווערען :

**יא אמר** . א אפיקורס האט געזאגט צו רבי אבהו איהר זאגט אז די נשמות פון די צדיקים זענען באהאלטען אונטער דעם כסא הכבוד . וויא אזוי האט געקענט א כישוף מאכער אויף ברייגגען די נשמה פון שמואל הנביא מיט כישוף . האט רבי אבהו געזאגט צו דעם אפיקורס דאס איז געוועזן אין די צוועלף חדשים פון שמואלס שטארבען . ווארום מיר האבען געלערנט גאנצע צוועלף חדשים נאך דעם מענטשינס שטארבין איז דער גוף אין גאנצען אונ די נשמה גייט ארויף אין הימל אונ קומט אראפ אין קבר צום גוף קען מען זיא ברייגגען אויף דער וועלט מיט כישוף . נאך די צוועלף חדשים ווערט דער גוף פארפוילט אונ די נשמה גייט ארויף אין הימעל אונ זיא קומט שוין ניט מעהר צום גוף . רב יהודה בריה דרב שמואל בר שילת האט געזאגט פון רבס וועגין פון דעם הספד וואס מען מאכט אויף דעם מת קען מען וויסען אויב דער מת וועט האבען עולם הבא אדער ניין . אויב אלע וויינען בייא זיין הספד איז אסימן אז ער איז געוועזן אפרומער ייד אונ ער וועט האבען עולם הבא אונ אויב מען וויינט ניט וועט ער ניט האבען עולם הבא . פרעגט די גמרא עס איז דאך ניט אזוי . ווארום רב האט געזאגט צו רב שמואל בר שילת אז איך

וועל

ליה רב לרב שמואל בר שילת אחים הספדאי דהתם קאימנא לא קשיא הא דמחמו ליה ואחים הא דמחמו ליה ולא אחים אמר ליה אביי לרבה כגון מר דסנו ליה כולהו פומבדיתאי מאן אחים הספדיה א״ל מיסתאי את ורבה בר רב חנן. בעא מיניה רבי אלעזר מרב איזהו בן העולם הבא אמר ליה (ישעיה ל) ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר זה הדרך (תלכו) [לכו] בו. רבי חנינא אמר כל שדעת רבותיו נוחה הימנו (קהלת יב) וסבבו בשוק הסופדים בני גלילאה אמרי עשה דברים לפני מטתך בני יהודה אמרי עשה דברים לאחר מטתך ולא פליגי מר כי אתריה ומר כי אתריה:

יב תנן התם רבי אליעזר אומר שוב יום אחד לפני מיתתך שאלו תלמידיו את רבי אליעזר וכי אדם יודע איזה יום ימות. אמר ליה וכל שכן ישוב היום שמא ימות למחר ונמצא כל ימיו בתשובה ואף שלמה

עליו ומורידין דמעות ומכפרין עונתו: אחים בהספדאי דהתם קאימנא. בשעת מיתתי תאמינן בהספד כלו שיתחממו ויבכו דתנים כעומדים שם ויבכו. דהתם קאימנא בשעת הספד ואשמע אך תחחמם אמא איצטריך נרב לחזורים אהספדים וכיון דרב גברא רבה ובן העוה״ב למה ליה לחזוריה הא אמר מספדו ניכר: הא דמחמו ליה. להספד: ואחים כו׳. לעולם תמומי בפיק שאין בני אדם נכמרים כ״כ על זקן ומיהו לאדם חסיד כי מתממש בהספדא מחממי ובכו כולהו ולמי שאינו חסיד כ״כ מחממו ליה ולא מחממי: דסנו ליה כולהו פומבדיתאי. מפני דמוכח להו במילי דשמיא וכל פומבדיתאי רמאין הם כדאמרינן בחזקת הולך פומבדיתאי לוייך שני אושפיזך: ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר זה הדרך לכו בו. מלאמרי מעשיך כשתמות תשמע כשיאמרו זה הדרך שהלך בה זה לכו בה מוכחת לו שהוא בן העוה״ב: הימנו סימנו. דעתם נוחה עליהם מפני שהומעין עליו ורואין בו: עשה דברים. שיאמרו לפני מטתך בהספדך: לאחר מטתך. שזה היה הוה שבגליל היו הספדין לפני המטה וביהודה לאחר המטה: וכל שכן. מפני שאינו יודע זה איזה יום ימות ושוב בתשובה יום אחד לפני מיתתו נמצא כל

שלמה

ווער שטארבן זאלסטו זאגען אשטארקען הספד אז אלע מענטשן וואס וועלען דארט זיין ביי דעם הספד זאלין דער וואַרעמט ווערען אונ זאגען וויינען אויף מיין שטארבן. ווארום איך וועל אויך זיין ביי דעם הספד אונ וועל הערין ווי דו וועסט דער וואַרימען די אלע מענטשן. אונ רב איז דאך געווים געווען פרום אונ האט גיהאט עולם הבא. האט מען דאך גידארפט פון זיך אליין וויינען אויף זיין הספד. צו וואס האט ער גיבעטין רב שמואל בר שילת זאל דער וואַרעמען דעם הספד. זאגט די גמרא עס איז ניט קיין קשיא. דער וואַרעמען דעם הספד טו מען אייביג נאר אויב דער מת איז גיוועזן פרום אז מען דער וואַרעמט דעם הספד וויינט מען. אונ אז דער מת איז ניט פרום גיוועזן אפילו מען דער וואַרעמט וויינט מען אויך ניט. אביי האט גיזאגט צו רבה דעם רבי האבין פיינט אלע מענטשן פון פומבדיתא. ווער וועט וויינען ביי דיין הספד. האט רבה גיזאגט צו אביי עס איז גינוג אז דו מיט רבה בר רב חנן וועלין וויינען. רבי אלעזר האט גיפרעגט פון רב ווי אזוי קען מען וויסען וועלכער מת וועט האבין עולם הבא. האט רב גיזאגט צו רבי אלעזר אז דיינע אויערן וועלין הערין מען זאגט אויף דעם מת אין די וועג וואס דער מענטש איז גיגאנגען וועט ער האבין עולם הבא. זאל מען וויסען אז דער מענטש האט גילעבט דארפין אלע גיין. אונ אז דו וועסט שטארבן אונ דו וועסט הערין מען וועט אזוי זאגין אויף דיר. וועסטו וויסען אז דו וועסט האבין עולם הבא. רבי חנינא זאגט די תלמידים וואס זייער רבי האט נחת פון זייא ווייל זייא גייען אין גוטען וועג. די תלמידים וועלין האבין עולם הבא. שלמה המלך האט גיזאגט די ספדנים וואס זאגין הספדים וועלין ארום גיין אין די גאסן מספיד צו זיין. די מענטשין פון גליל האבין גיזאגט מענטשין זאלין טאהן גוטע מעשים מען זאל זיי קענען לויבין אין דעם הספד וואס מען וועט זאגין פאר זייער מטה. די מענטשין פון יהודה האבין גיזאגט מענטשין זאלין טאהן גוטע מעשים מען זאל זייא קענען לויבין אין דעם הספד וואס מען וועט זאגין נאך זייער מטה. אונ די מענטשין פון גליל קריגען ניט מיט די מענטשין פון יהודה. אין גליל פלעגין גיין די ספדנים פאר דער מטה. אונ אין יהודה פלעגין גיין די ספדנים נאך דער מטה:

יב תנן. מיר האבין גילערונט רבי אליעזר זאגט דו זאלסט טאהן תשובה איין טאג פאר דיין שטארבן. האבין די תלמידים גיפרעגט ביי רבי אליעזר ווייסט דען א מענטש ווען ער וועט שטארבן. האט רבי אליעזר גיזאגט צו די תלמידים איז נאך בעסער ווען ער ...

שלמה אמר בחכמתו (קהלת ט) בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך אל יחסר. אמר רבן יוחנן בן זכאי משל למלך שזימן את עבדיו לסעודה ולא קבע להם זמן פקחים שבהם קשטו את עצמן וישבו על פתח בית המלך אמרו כלום חסר לבית המלך טפשין שבהם הלכו למלאכתן אמרו כלום יש סעודה בלא טורח. פתאום בקש המלך את עבדיו פקחים שבהם נכנסו לפניו כשהן מלובלכין נכנסו לפני המלך כשהו מקושטים והטפשין שבהן נכנסו לפניו כשהן מלוכלכין שמח המלך לקראת פקחין וכעס לקראת טפשים אמר הללו שקשטו את עצמן לסעודה ישבו ויאכלו וישתו הללו שלא קשטו את עצמן לסעודה יעמדו ויראו. חתנו של רבי מאיר היה אומר משום רבי מאיר והלואי שיהיו הללו עומדין ונראין כמשמשין אלא אלו ואלו יושבין הללו אוכלין והללו רעבים הללו שותים והללו צמאים שנאמר (ישעיה סה) כה אמר ה' הנה עבדי יאכלו ואתם תרעבו הנה עבדי ישתו ואתם תצמאו הנה עבדי ירונו כטוב לב ואתם תצעקו מכאב לב דבר אחר בכל עת יהיו בגדיך לבנים אלו

פירוש

ימיו יהיה בתשובה: בגדיך לבנים: נשמתך טהורה נקיה: כלום חסר לבית המלך. בתמיה ככל מוכן יכולה לבא פתאום ואנו צריכין להכנס לסעודה מקושטין: כלום יש סעודה בלא טורח. עדיין יתעסקו בטורח צרכי סעודה של בית המלך ויש לנו שהות הרבה להתקשט: יעמדו ויראו. ואף לעולם הבא צדיקים יושבין ואוכלין ורשעים עומדין רואין ר"מ אומר אין עומדין ורואין דא"כ אף הם היו נראין מן הקרואים ולשמש שכן דרך המשרתים

---

טאהן היינט טאמער וועט ער מארגן שטארבן ; וועט ער אלע טאג תשובה טאהן . אונ שלמה המלך מיט זיין חכמה האט אויך אזוי געזאגט אלע צייטן זאלן זיין דיינע קליידער ווייס וויין נשמה זאל זיין אייביג ריין אונ בוימאייל אויף דיין קאפ זאל ניט פעלן . רבן יוחנן בן זכאי האט געזאגט דאס א גלייך ווי א מלך האט אמאהל געזאגט צו זיינע קנעכט איר זאלט זיין אנגעגרייט צו קומען צו מיר אויף א סעודה ; אונ ער האט ניט געזאגט ווען די סעודה וועט זיין . די קלוגע קנעכט האבן זיך שיין אן געקליידט אונ האבן זיך געזעצט ביי די טיר פון מלך . זיי האבן געזאגט פעלט דען עפעס ביי דעם מלך ; דער מלך קען מאכן די גרעסטע סעודה אין איין טאג . טאמיר וועט מאכי זיין היינט די סעודה . אונ מען וועט אונז קומען רופען פלוצלונג צו די סעודה אונ מען וועט אונז הייסן מיר זאלין שוין גיין . מוזין מיר זיין אנגעגרייט אונ אן געקליידט מיט שיינע קליידער מען זאל שוין קענען גיין ווען מען וועט אונז רופען . די נארישע קנעכט זענען געגאנגען צו זייער ארבעט . ווארום זיי האבן געזאגט קען מען דען מאכן א סעודה מען זאל ניט ארבעטן ביי איר . האבן מיר נאך צייט צו ארבעטן אונזער ארבעט אונ שפעטער אן צו קליידען אויף די סעודה . פלוצלונג האט דער מלך געזאגט אלע קנעכט זאלין קומען צו די סעודה . די קלוגע זענען באלד אריין געגאנגען פאר דעם מלך אן געצירט אין שיינע קליידער . די נארין האבן ניט צייט געהאט אן צו טאהן אנדערע קליידער . ווייל דער מלך האט געאיילט צו די סעודה . זענען זיי געקומען אין שמוציגע קליידער . האט זיך דער מלך געפרייט געגין די קלוגע אונ איז אין כעס געווען געגין די נארין . האט דער מלך געזאגט די וואס זענען אריין געקומען צו די סעודה אין שיינע קליידער זאלען זיצען אונ עסין אונ טרינקען . די וואס זענען געקומען צו די סעודה אין בעשמוצטע קליידער זאלין שטיין אונ זעהן ווי די עסין . דער איידים פון רבי מאיר האט געזאגט פון רבי מאירס וועגין הלואי וואלט אזוי געווען אז די נארין זאלין שטיין . וואלט אויס געזעהן ווי זיי באדינען . נאר אלע וועלין זיצען די קלוגע וועלין עסין אונ די נארען וועלין זיין הונגעריג . די קלוגע וועלין טרינקען אונ די נארין וועלין זיין דארשטיג . אויף עולם הבא וועט אויך אזוי זיין די צדיקים וועלין זיצען אונ עסין אונ טרינקען . אונ די רשעים וועלין זיצען אונ וועלין זיין הונגעריג אונ דארשטיג . אזוי ווי עס שטייט אין פסוק אזוי האט גאט געזאגט מיינע קנעכט וועלין עסין אונ איר וועט זיין הונגעריג . מיינע קנעכט וועלין טרינקען אונ איר וועט זיין דארשטיג . מיינע קנעכט וועלין זינגען פון זייער גוט הארץ . אונ איר וועט שרייען פון הארץ שמערצין . נאך אזוי קען מען זאגין וואס שלמה

המלך

אלו ציצית ושמו על ראשך אלו תפילין :

## מי שהחשיך פרק כד

(מ"ג) א מי שהחשיך (לו) בדרך נותן כיסו לנכרי אם אין עמו נכרי מניחו על החמור . ושאלו בגמרא על משנה זו אין שם לא נכרי ולא חמור ולא חרש שוטה וקטן מאי אמר רבי יצחק עוד אחרת היתה ולא רצו חכמים לגלותה . מאי עוד אחרת היתה . מוליכו פחות פחות מארבע אמות . אמאי לא רצו חכמים לגלותה משום (משלי כה) כבוד אלהים הסתר דבר וכבוד מלכים חקור דבר והכא מאי כבוד אלהים איכא דילמא אתי לאתויי ד' אמות ברשות הרבים . תניא רבי אליעזר אומר בו ביום גדשו סאה . רבי יהושע אומר בו ביום מחקו סאה . הגיא משל דרבי אליעזר למה הדבר דומה לקופה מלאה קישואין ודלועין אדם נותן

עומדין ואין כאן מוסף : אלו ציצית . במלוכן הבגד . אלו תפילין . בהם כם משמן טוב דכתיב וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך וגו' והגיא רבי אליעזר הגדול אומר אלו תפילין שבראש : עוד אחרת היתה . הקנה לנכים לא נוט : ולמאי לא רצו לגלותה . להעלים דברי תורה : כבוד אלהים הסתר דבר . מוהר להסתיר דבר תורה לכבוד שמים : וכבוד מלכים חקור דבר . אין להסתיר לכבוד עובר אדם ותשובתו אלא שב והתקרהו : בו ביום גדשו סאה . ביום שעלו לעליית חנניה בן חזקיה וגזרו י"ח דברים וזו אחת מהן היתה כדאמרינן בפ"ק נותן כיסו לעובד כוכבים בו ביום גזרו שלא יוליכנו פחות מד' אמות אם יש עובד כוכבים אע"פ יום הרבה טרג לתורה במדה גדושה ויפה מדדו להרבות גדר בישראל : מחקו סאה . במדה מחוקה מדדו בו ביום שגזרו לגזור יותר מדאי ואין יכולין לעמוד בגזירתם ומתוך כך עוברים על דברי תורה נמצא מדתם מחוקה

הקב"ה האט געזאגט אלע צייט זאלין זיין דיינע קלייגער ווייס . דאס מיינט מען ציצית . אייך אויף דיין קאפ זאל ניט פעלין . דאס מיינט מען תפלין :

## פרק ארבעה ועשרים

א מי . ווען איינער איז געגאנגען ערב שבת אין וועג . אונ עס איז שפעט געווארין . עס ווערט שוין שבת . זאל ער געבין זיין ביישיל געלט צו דעם גוי וואס גייט מיט איהם ; אונ אויב מיט איהם גייט ניט קיין גוי . זאל ער לייגען די געלט אויף זיין אייזיל . אונ אויב מיט איהם איז ניטא קיין גוי אונ ניט קיין אייזיל אונ ניט קיין טויבער . אונ ניט קיין משוגענער . אונ ניט קיין קינד וואס זאל ער טאהן מיט זיין געלט . האט רבי יצחק געזאגט נאך אדין איז דא מציל צו זיין דאס געלט . נאר די חכמים האבען ניט געוואלט אויס זאגען . וואס איז דער דין . ער זאל טראגען דאס געלט ווייניגער ווי פיר איילען אונ זאל זיך שטעלין . דער נאך זאל ער ווייטער גיין מיט דעם געלט ווייניגער ווייא פיר איילען אונ זאל זיך שטעלין . אונ אזוי זאל ער טאהן ביז ער וועט קומען אהיים . פאר וואס האבען די חכמים ניט געוואלט אויס זאגען דעם דין . ווייל עס איז א כבוד פר גאט צו פאר בארגין אונ ניט אויס צו זאגין אלע זאכען וואס מען מעג . אונ פר א מלך איז א כבוד אויס צו זאגין פר אלע מענטשין זיין שטארקייט אונ זיין רייכקייט . וואס פאר א כבוד איז דא אז מען וועט פר בארגין דעם דין . ווייל מען האט מורא טאמער וועט ער פר געסין אונ וועט טראגין אין גאס פיר איילין :

תניא . מיר האבען געלערנט רבי אליעזר זאגט אין דעם טאג וואס מען האט געזאגט אז ער האט א גוי זאל ער ניט טראגען אליין די געלט ווייניגער ווי פיר איילין . נאר ער זאל געבין דעם גוי . האט מען גוט געמאסטן . מען האט גוט געזאגט . עס איז גרייכר דער גוי זאל טראגן איידר ער זאל אליין טראגן ווייניגער ווי פיר איילין . טאמער וועט ער פאר געסין אונ וועט טראגין מיט איין מאהל מער ווי פיר איילין . רבי יהושע זאגט דעם טאג האט מען אפ געמעקט די מאס . מען האט נאך ערגער געמאכט . וואָרום טאמער וועט ער ניט האבען קיין גוי וועט ער אליין טראגין מיט איין מאהל ווי פיל ער וועט קענען :

תניא . מיר האבען געלערנט די רייד פון רבי אליעזר צו וואס איז גלייך . צו א קארב וואס אין איר ליגט גרויסע פירות . אז מען שיט אריין אין די קארב צביסול וועניגער . בלייבט דאס אין די קארב וואָרום די קערנער פאלען אריין צווישען די פירות . אזוי דער דין וואס

נותן לתוכה הרדל והיא מחזקת . כשל דרבי יהושע למה"ד לעריבה מלאה דבש נתן לתוכה רמונים ואגוזים והיא מקיאה :

(דף קנה ע"ב) **ב דרש** רבי יונה אפתחא דבי נשיאה מאי דכתיב (משלי כט) יודע צדיק דין דלים יודע הקב"ה בכלב שמזונותיו מועטים לפיכך שוהה אכילתו במעיו שלשה ימים כדתנן כמה תשהה אכילתו במעיו ויהא טמא בכלב שלשה ימים מעת לעת ובעופות ובדגים כדי שתפול לאור ותשרף אמר רב המנונא שמע מינה אורח ארעא למשדא אומצא לכלבא וכמה אמר רב מרי משח אודניה וחוטרא אבתריה הני מילי בדברא אבל במתא לא דאתא למסרך . אמר רב פפא לית דעני מכלבא ולית דעתיר מחזירא :

(דף קנו) **ג כתוב** אפינקסיה דרבי יהושע בן לוי האי מאן דבחד בשבא יהא גבר ולא

בעיסה וטוב היה להם להיות מדהם עפופה ולא הבא לידי מהק מרוב גודלם : והיא מחזקת . את החרדל מיפה החרדל בין הקישואים אף כאן יפה תקנו והוסיפו דבר המתקיים : והיא מקיאה . את הדבש כך רמונים דף אלו ע"י גזרתם גרמו לעצור דבאה לא יאמין את העובד כוכבים והם לא פתרו לכולי כה פחות פיות מד' ואדם אינו מעמיד עצמו על ממונו ואתי לאיתויי ד' אמות . ע"כ :
שמזונותיו מועטים . שאין אדם חס עליו לתת לו מזונות הרבה : כמה תשהה במעיו .
בכלב שאכל בשר מת ומת הכלב בבית תוך שלשה ימים מטמא באהל שאכל אכל במעיו לא מטמא דטומאה בלועה בבעלי חיים לא מיטמא כדאמרינן בבהמה המקשה : ש"מ . מדקאמר שהקפיד הקב"ה על מזונותיו : משח אודניה . מעט כמו אזנו (מדה מתרגמינן משחתא) : וחוטרא אבתריה . יכנו במקל מיד שלא יהא מרגילו אצלו : אבל במתא לא . ליתיב ליה מידי אי לאו דידיה הוא : משום דאתי למסרך . בתריה ויפסידו : ולית דעתיר מחזירא . בכל מאכל ראוי לו ומוצא לאכול ואף מאכילין לו הרבה :
אפינקסיה . לוחות קשורות זו עם זו כאותם של כותבים : האי מאן דבחד בשבא .

---

מֶען האט גֶזאגְט דֶער גוי זָאל טְרָאגֶען אוּנ מֶען זָאל נִיט אַליין טְרָאגֶין וֶוייניגֶער ווי פִיר אֵיילֶען בְּבֵייבְּט דֶער דִין צְווִישֶׁען אַלֶע דִינִים . דִי רֵייד פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ צוּ וָואס אִיז גְלַייךְ , צוּ אַמוּלְטֶער פוּל מִיט הָאנִיג . אַז מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי הָאנִיג מִילְגְרוֹיְמֶען אָדֶער נִיס גֵייט אַרוֹיס דִיא הָאנִיג פוּן דִיא מוּלְטֶער . אַזוֹי דוּרְךְ דֶעם דִין וֶועט מֶען טָאהן אַגְרוֹיסֶע עֲבֵירָה . מֶען וֶועט אַליין טְרָאגֶען אִין גַאס מֶער ווי פִיר אֵיילִין מִיט אֵיין מָאהל :

**ב** דָרַשׁ . רַבִּי יוֹנָה אִיז גִישְׁטַאנֶען בַּיי דִיא טִיר פוּן נָשִׂיא אוּנ הָאט גִידְרָשֶׁת . וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק דֶער צַדִּיק ווייס דֶעם מִשְׁפָּט פוּן דִי אָרֶעמֶע לַייט . ווייל גָאט ווייס אַז דֶער הוּנְט גִיט מֶען וֶוייניג עֶסִין . דְרִיבֶּער לִיגְט דָס עֶסִין בַּייא דֶעם הוּנְט אִין בּוֹיךְ דְרַיי טֶעג . אַזוֹי ווִיא מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט אוֹיבּ אַהוּנְט הָט גִיגֶעסִין אַשְׁטִיקוּל פְלֵייש פוּן אַטוֹיטֶען מֶענְטְשׁ . אוּנ דֶער הוּנְט אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין אַשְׁטוּבּ אוּנ אִיז גִיפַּייגֶערְט . וִויא לַאנְג זָאל זַיין דָס עֶסִין אִין זַיינֶע גִידֶערִים אוּנ עֶר זָאל מְטַמֵּא זַיין אַלְץ וָוס אִין שְׁטוּבּ . זָאגְט דִי גְמָרָא דְרַייא מֵעֵת לְעֵת . אוֹיבּ דֶער הוּנְט אִיז גִיפַּייגֶערְט אִין דִי דְרַיי מֵעֵת לְעֵת פוּן זַיין עֶסִין . אִיז עֶר מְטַמֵּא אַלְץ וָואס אִין שְׁטוּבּ . אָבֶּער אַז עֶר אִיז גִיפַּייגֶערְט נָאךְ דְרַיי מֵעֵת לְעֵת . אִיז עֶר נִיט מְטַמֵּא . אוּנ אוֹיבּ אַעוֹף אָדֶער אַפִישׁ הָאבֶּען אַיין גִישְׁלוּנְגֶען אַשְׁטִיקוּל פְלֵייש פוּן אַמֵּת . אוֹיבּ עֶס הָאט גִידֶערְט אַזוֹי לַאנְג וֶוען דִי שְׁטִיקוּל פְלֵייש פוּן מֵת וָואלְט אַרַיין גִיפַאלֶען אִין פַייעֶר וָואלְט זִיא פַאר בְּרֶענְט גִיוָואְרִין . דֶער נָאךְ אִיז דֶער עוֹף אָדֶער דֶער פִישׁ גִיפַּייגֶערְט . אִיז נִיט טָמֵא . אָבֶּער אַז דֶער עוֹף אָדֶער דֶער פִישׁ וָואלְטִין גִיפַּייגֶערְט דִיא מִנוּט וִויא זֵייא הָאבֶּען נָאר אַרַיין גִישְׁלוּנְגֶען דִי שְׁטִיקוּל פְלֵייש פוּן מֵת . וָואלְט אַלְץ וָואס אִין שְׁטוּבּ גִיוֶועֶן טָמֵא . רַב הַמְנוּנָא הָט גִזָאגְט ווייל מִיר זֶעהן אַז גָאט הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם הוּנְט . דַארְף אַמֶענְטְשׁ אוֹיךְ רַחֲמָנוּת הָאבֶּען אוֹיף אִיהם . אוּנ עֶר זָאל אִיהם וַוארְפֶען אַשְׁטִיקוּל פְלֵייש . וִויא פִיל פְלֵייש . הָט רַב מָרִי גִזָאגְט אַשְׁטִיקוּל אַזֶער . אוּנ עֶר זָאל אִיהם בַּאלְד שְׁלָאגִין מִיט אַשְׁטֶעקִין . עֶר זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן אִיהם . עֶר זָאל אִיהם נִיט נָאךְ לוֹיפֶען . דָס אִיז נָאר אִין פֶעלְד . אָבֶּער אִין שְׁטָאט זָאל עֶר אִיהם גָאר נִיט גֶעבִּין . וָוארוּם טָאמֶער וֶועט דֶער הוּנְט נִיט וֶועלֶען אַוֶועק גֵיין פוּן אִיהם אוּנ עֶר וֶועט אִיהם נָאךְ גֵיין . רַב פָּפָּא זָאגְט עֶס אִיז נִיטָא אָרֶעמֶער וִויא אַהוּנְט אִיז . ווייל זַיין עֶסִין אִיז פְלֵייש אוּנ דָאס גֶעפִינְט עֶר נִיט אוֹיף יֶעדֶער אָרְט . אוּנ עֶס אִיז נִיטָא רַייכֶער וִוי אַחֲזִיר . ווייל עֶר עֶסְט אַלְץ וָוס עֶר גֶעפִינְט :

**ג** כָּתוּב . עֶס אִיז גִיוֶועֶן גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיף דֶעם בּוּךְ פוּן רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי דֶער מֶענְטְשׁ

וואס

חדא ביה מאי (ולא חדא ביה) אילימא ולא חדא לטיבותא והאמר רב אשי אנא בהד בשבא הואי אלא לא חדא לבישו והאמר רב אשי אנא ודימי בר קוזיתא (בר קקיזתא) הוין בהד בשבא אנא מלך והוא הוה ריש גנבי. אלא או כוליה לטיבו או כוליה לבישו. (מ"ט דאיברו ביה אור וחשך) האי מאן דבתרי בשבא יהא גבר רגזן מ"ט משום דאפליגו ביה מיא האי מאן דבתלתא בשבא יהא גבר עתיר וזנאי יהא מ"ט משום דאיברו ביה עשבים האי מאן דבד' בשבא יהא גבר חכים ונהיר מ"ט דאיתלו ביה מאורות. האי מאן דבה' בשבא יהא גבר גומל חסדים מאי טעמא משום דאיברו ביה דגים ועופות האי מאן דבמעלי שבתא יהא גבר חזרן. אמר רב נחמן בר יצחק חזרן במצות. האי מאן דבשבתא בשבתא ימות על דאחילו עלוהי יומא רבה דשבתא אמר רבא בר רב שילא וקדישא רבא יתקרי אמר להו רבי חנינא פוקו אמרו ליה לבר ליואי לא מזל יום גורם אלא מזל שעה גורם. האי מאן דבחמה יהא גבר זיותן יהא אכיל מדיליה ושתי מדיליה ורזוהי גליין

הנולד באחד בשבת : יהא גבר ולא חדא ביה . יהא אדם שלם במדה אחת ולא אחת בו ממדה אחרת לקמן מפרש לה ואזיל : והוא הוה ריש גנבי . דמין דבאחד בשבת יהא ראש כמו שהוא ראש למעשה בראשית מיהו ש"מ דנולדים בו צדיקים ורשעים : דאפליגו מיא . כך הוא יבדל מכל אדם : ועניו . מ"פ : דאיברו ביה עשבים . דכתיב תדשא הארץ והוא דבר שפרה ורבה מאד וממהר לגדל ולצמוח דהוא ענין פריצות אבויימ"א בלע"ז דלא כתיב למינהו בעשבים באוויס (ועוד) שיוצאים בערבוביא ויונקים זו מזו : עשיר . זיותן : דאיתלו ביה מאורות. וכתיב ותורה אור : דאיברו ביה דגים ועופות . שאין טורחין לאוכלין אלא ניזונין בחסדו של הקדוש ב"ה : חזרן . מחזר אחר מצות : חזרן במצות . שכן דרך ערב שבת לחזר אחר מצות שבת : וקדישא רבה יתקרי . שיהא פרוש וקדוש כנאמר ויקדשהו : אמר להו רבי חנינא . לתלמידים שקבלו פנקסו של רבי יהושע : מזל שעה . ז' מזלות הן המשמשין את השעות (שצ"ם) חנכ"ל (שצ"ם) : חמה . היינו חמה ממש והוא אחד מן המזלות וכן הלבנה והשאר כוכבים : זיותן . כשמש המאיר : אכיל

---

וואס ווערט געבארין זונטאג. וועט ער זיין אמענטש וואס וועט אין איהם איין מדה ניט זיין. זאגט די גמרא וואס מיינט מען איין מדה וועט ניט זיין אין איהם. זאלען מיר זאגן מען מיינט עס וועט אין איהם ניט זיין איין גוטע מדה. רב אשי האט דאך געזאגט איך בין געבארען געווארין זונטאג. און רב אשי איז דאך געווען אצדיק. וועלען מיר זאגן מען מיינט עס וועט אין איהם ניט זיין איין שלעכטע מדה. רב אשי האט דאך געזאגט איך און דימי בר קוזיתא זענען מיר געבארען געווארין זונטאג. איך בין געווארין אראש ישיבה. און ער איז געווארין אעלצטער ביי גנבים. נאר אזוי מיינט מען ער וועט נאר האבען איין נאטור אדער אין גאנצען גוט אדער אין גאנצען שלעכט. ווייל זונטאג איז בשאפען געווארין די ליכטיגקייט און די פינסטערניש. דער וואס ווערט געבארין מאנטאג. וועט ער זיין אכעסן. ווייל מאנטאג איז אפ געטיילט געווארין דיא אויבערשטע וואסער פון דיא אונטערשטע וואסער. אזוי וועט דער מענטש אויך זיין אפ געטיילט פון אלע מענטשין דורך זיין כעס. דער וואס ווערט געבארען דינסטאג. וועט ער זיין רייך און ער וועט פיל מזנה זיין. ווייל דינסטאג זענען בשאפען געווארין די גראז און גראז וואקסט זייער פיל און געשווינד און אויס געמישט אלע מינים צו זאמען. דער וואס ווערט געבארין מיטוואך. וועט ער זיין קלוג און שיין: ווייל מיטוואך זענען געווארין אין הימעל די זוהן מיט דיא לבנה. דער וואס ווערט געבארען דאנערשטאג. וועט ער זיין אגוטער מענטש צו טאהן טובות צו אלע מענטשין. ווייל דאנערשטאג זענען בשאפען געווארען דיא פיש און דיא עופות. און זיי ארבעטין ניט אויף זייער שפייז נאר זייא ווערין געשפייזט פון דעם חסד וואס גאט טוהט מיט זיי. דער וואס ווערט געבארען פרייטאג. וועט ער זוכען. וואס וועט ער זוכען. האט רב נחמן בר יצחק געזאגט ער וועט זוכען צו טאהן מצות. דער וואס ווערט געבארען שבת: וועט ער שטארבען שבת. ווייל מען האט פון ווייגעט וועגין מחלל שבת געווען ווען ער איז געבארען געווארען. רבא בר רב שילא זאגט דער וואס ווערט געבארען שבת וועט ער זיין אהייליגער מענטש:

אמר. רבי חנינא האט געזאגט צו זיינע תלמידים וואס האבען געלייענט דעם בוך פון רבי יהושע בן לוי. גייט זאגט צו לוים זוהן. צו רבי יהושע. נישט דער מזל פון טאג גיט דיא נאטור אין מענטשין נאר דער מזל פון די שעה וואס דער מענטש ווערט אין איר געבארען. גיט

ע"י ה"א

אי גניב לא מצלח . האי מאן דבכוכב נוגה יהא גבר עתיר וזנאי יהא מ"ט משום דאיתלי ביה נורא . האי מאן דבכוכב יהא גבר נהיר וחכים משום דספרא דחמה הוא . האי מאן דבלבנה יהא גבר סביל מרעין בנאי וסתיר סתיר ובנאי אכיל דלא דיליה ושתי דלא דיליה ורזוהי כסיין אם גנב מצלח האי מאן דבשבתאי יהא גבר מחשבתיה בטלין . ואית דאמרי כל דמחשבין עלוהי בטלין . האי מאן דבצדק יהא גבר צדקן . אמר רב נחמן בר יצחק צדקן במצות . האי מאן דבמאדים יהא גבר אשיד דמא . אמר רב אשי אי טבחא אי אומנא אי גנבא אי מוהלא . אמר רבה אנא במאדים הואי אמר אביי מר נמי עניש וקטיל . איתמר רבי חנינא אומר מזל מחכים מזל מעשיר ויש מזל לישראל . רבי יוחנן

אמר

מזליה . כשמש שאינו מסיג גבול רעהו לעשות לילה : ורזוהי גליין . אין לו רשות לכסות סודיו ומסתרותיו אלא כשמש הזה שהוא שומשי לכל : דתלי ביה מרא . אם הלוי בלוחו מזל ויגר על השמים נוער כתנור : מזל כוכב . הוא סופר של מזל חמה לכתוב דרך הלוכו ותקופותיו ומלוי אלאו תמיד : סבל מרעין . הלבנה זו שמתענה (שמתנוונה) והולכת : בנאי וסתיר . הלבנה זו שגדילה ומתמעטת : אכיל דלא דיליה . הלבנה המסגת גבול החמה לשמש אף ביום : ורזוהי כסיין . הלבנה שאינה מאירה : דבשבתאי . מזל שעה (כוכב) ששמו שבתאי : בטלין . כמו לא ישבותו : צדקן . במצות צדקה לעניים דקרי ליה מצוה בכל לשון אגדה : גנבא . לכהים הורג נפשות : אומנא . מקיז דם : עניש . בני אדם העוברים על דבריו : מזל מחכים . נפי (בהמזל) [המזל] היא ההכמה כדאמרינן דבחמה עשיר וחכים : ויש מזל לישראל . שאין תפלה וצדקה משנה את המזל : אין מזל לישראל . דע"י תפלה וצדקה וזכות משתנה מזלו לטובה :

---

די גאטור אין דעם מענטשין . זאין הימער זענען דא זיבען מזלות . שבתאי . צדק . מאדים . חמה . נוגה . כוכב . לבנה . יעדער שעה איז איין אנדער מזלו דער וואס ווערט געבארען אין מזל חמה . וועט ער זיין שיין . ער וועט עסין פון זיין אייגענע געלט . אונ וועט טרינקען פון זיין אייגענע געלט . אונ זיינע סודות (בעהאלטענע זאכען) וועלין דער וואוסט ווערין צו אנדערע מענטשין : אויב ער וועט גנבענן וועט ער ניט בגליקען : דער וואס ווערט געבארין אין מזל נוגה . וועט ער זיין רייך אונ וועט מזנה זיין . ווייל דער פייער איינגט אין דעם מזל נוגה . דריבער וועט אין איהם ברענען דער יצר הרע צו זנות . דער וואס ווערט געבארין אין מזל כוכב . וועט ער זיין שיין אונ קלוג . ווייל דער מזל כוכב איז דער שרייבער פון דיא זוהן : ער בצייכונט דיא ארטער וואו די זוהן זאל גיין . אונ ער איז אייביג נעבין דיא זוהן . דער וואס ווערט געבארין אין מזל לבנה . וועט ער ליידין פיל קראנקייט . ער וועט באהען אונ צו ווארפען . צו ווארפען אונ באהען . ער וועט עסין ניט זיינע . ער וועט טרינקען ניט זיינע . זיינע סודות (די בעהאלטענע זאכען) וועלען זיין צו גידעקט . קיינער וועט ניט וויסען : אויב ער וועט גנבענן וועט ער בגליקען : דער וואס ווערט געבארין אין מזל שבתאי . וואס ער וועט טראכטען צו טאהן . וועט פון זיין טראכטען גאר ניט ווערין . אנדערע זאגין אזוי מיינט מען וואס אנדערע מענטשין וועלין טראכטען אויף איהם . איהם צו טאהן . וועט פון זייער טראכטען גאר ניט ווערין . דער וואס ווערט געבארין אין מזל צדק . וועט ער זיין א צדקן : האט רב נחמן בר יצחק גזאגט ער וועט געבין פיל צדקה . דער וואס ווערט געבארען אין מזל מאדים . וועט ער פאר גיסען בלוט . רב אשי זאגט ער וועט זיין אדער א שוחט : אדער ער וועט אפ ציהען בלוט פון קראנקע . דורך פיאווקעס . אדערין עפענען . אדער ער וועט זיין א גנב . ער וועט הרגנן מענטשין אונ וועט נעמען זייער פאר מעגין . אדער ער וועט זיין א מוהל . רבה האט גזאגט איך בין דאך געבארין געווארין אין מזל מאדים אונ בין ניט איינער פון דיא זאכין . איך פאר גיס גאר ניט קיין בלוט . האט אביי גזאגט צוא רבה דער רבי שטראפט אויך דיא מענטשין וואס פאלגין איהם ניט אונ הרגעט זייא :

איתמר . מיר האבין גילערנט רבי חנינא זאגט דער מזל (כוכב) מאכט קלוג דעם מענטש וואס ווערט אין איהם געבארין : אונ דער מזל (נוגה) מאכט רייך דעם מענטש וואס ווערט אין איהם געבארין . אונ די יודין זענען אויך אונטער דעם מזל . יעדער יוד אין וועלכין מזל ער ווערט געבארין . אזוי בלייבט ער . אונ אפילו מיט תפלה אונ מיט צדקה קען מען אויך ניט ענדערין דעם מזל . רבי יוחנן זאגט עס איז ניטא קיין מזל ביי יודין . מיט תפלה אונ מיט צדקה קען מען



ענדערין

אמר אין מזל לישראל ואזדא רבי יוחנן לטעמיה דאמר רבי יוחנן מנין שאין מזל לישראל שנאמר (ירמיה י) כה אמר ה׳ אל דרך הגוים אל תלמדו ומאותות השמים אל תחתו כי יחתו הגוים מהמה עובדי כוכבים יחתו ולא ישראל. (אמר רב) [ואף רב סבר] אין מזל לישראל דאמר רב יהודה אמר רב מנין שאין מזל לישראל שנא׳ (בראשית טו) ויוצא אותו החוצה אמר אברהם לפני הקב״ה רבש״ע (טס)׳ בן ביתי יורש אותי אמר לו לאו כי אם אשר יצא ממעיך. אמר לפניו רבש״ע נסתכלתי באיצטגנינות שלי ואיני ראוי להוליד בן. אמר לו צא מאיצטגנינות שלך שאין מזל לישראל מאי דעתיך (ע״ג) דקאי צדק במערב מהדרנא ומוקמינא ליה במזרח והיינו דכתיב (ישעיה מא) מי העיר ממזרח צדק יקראהו לרגלו. ומדשמואל נמי אין מזל לישראל דשמואל ואבלט הוו יתבי והוו קאזלן הנך אינשי לאגמא. אמר ליה אבלט לשמואל האי גברא אזיל ולא אתי דטריק ליה חויא ומית אמר ליה שמואל אי בר ישראל הוא אזיל ואתי. אדיתבי אזל ואתי וקם אבלט שרי לטוניה אשכח ביה הויא

אצטגנינות. חכמת המזלות: לא מאצטגנינותיך. היינו דכתיב ויוצא אותו החוצה מאצטגנינותיו: דקאי צדק. שהוא מזל שלך: במערב. שהוא (מקום) מצנן ואין ראוי להוליד. כך מצאתי בגמרא רבינו הלוי: במזרח. שהוא מקום חום: צדק. הקב״ה: יקראהו. להביאו למזרח: לרגלו. בשבילו: אבלט. גם הכם עובד כוכבים היה וחוזה בכוכבים: אזיל ואתי. דאין מזל לישראל ויועיל לו תפלה:

ענדערין דעם מזל פון שלעכט צו גוטין. ווארום רבי יוחנן הט גזאגט פון וואגען ווייסען מיר אז ביי יודין איז ניטא קיין מזל. ווארום עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא הט גזאגט. אזוי האט גאט גזאגט איר זאלט אייך ניט לערנען דעם וועג [דעם פירוש] פון די פעלקער; וועט איר ניט דארפין מורא האבין פאר די צייכונגס פון הימעל. די פעלקער האבין מורא פאר די צייכונגס פון הימעל. נאר די וואס דינען צוא שטערין דארפין מורא האבין פאר די צייכונגס ומזלות פון הימעל. אבער די יודין דארפין ניט מורא האבין פאר די צייכונגס [מזלות] פון הימעל ווארום מיט זייערע תפלות אונ צדקות קענען זייא ענדערין דעם מזל פון שלעכט צו גוטין. אונ רב האלט אויך אז די יודין זענען ניט אונטער דעם מזל. ווארום רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין פון וואגען ווייסען מיר אז די יודען זענען ניט אונטער דעם מזל. ווארום עס שטייט אין פסוק גאט הט ארויס גיצויגען אברהם פון דעם ארט וואו ער איז גיוועזען; אברהם הט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם מיין הויז מענטש וועט מיך ירשנען. ודאס מיינט מען מיין קנעכט אליעזר] הט גאט גזאגט צו אברהם. ניין. נאר דער וואס וועט ארויס גיין פון דיינע גידערים. [דיין קינד וואס וועט פון דיר גיבארין ווערין וועט דיך ירשנען] האט אברהם גזאגט פאר גאט רבונו של עולם איך האב גיקוקט אין די שטערין אונ איך האב גיזעהן אז איך וועל ניט גיבארין קיין קינד. הט גאט גזאגט צו איהם גיי ארויס פון דיינע שטערין זעהערס. ווארום די יודען שטייען ניט אונטער די שטערינס. [די מזלות]; וואס מיינסטו פאר וואס וועסטו ניט האבין קיין קינדער ווייל דער מזל צדק שטייט אין מערב זייט. אונ דוא ביסט גיבארין אין מזל צדק. אונ מערב זייט איז א קאלטער ארט. דריבער קענסטו ניט גיבארין קיין קינדער. איך וועל אומקערין דעם מזל צדק אונ וועל איהם שטעלין אין מזרח זייט. דארט איז ווארעם. וועסטו שוין קענען האבען קינדער. דאס מיינט דער פסוק ווער הט דער וועקט פון מזרח זייט. דעם מזל צדק האט גאט גירופען פון מערב ער זאל קומען אין מזרח. פון אברהמס וועגין. זאגט די גמרא אונ פון שמואל ווייסען מיר אויך אז די יודען זענען ניט אונטער דעם מזל. ווארום שמואל אונ אבלט זענען אמאהל גיזעסין. האבען זיי גיזעהן ווי מענטשין גייען אויף דעם גראז. הט אבלט גזאגט צו שמואל דער מענטש גייט אונ ער וועט ניט צוריק קומען. ווארום א שלאנג וועט איהם אביס געבין אונ ער וועט שטארבין. הט שמואל גזאגט צו אבלט אויב דער מענטש איז א יוד וועט ער צוריק קומען. ווי זייא זענען אזוי גיזעסען איז דער מענטש צוריק גיקומען. איז אבלט אויף גישטאנען אונ הט אויף גיבונדען די משא וואס דער מענטש האט גיטראגען אונ ער האט גיפונען אינווייניג דעם שלאנג צוא האקט אויף

בהרתי גובי : בב׳ חתיכות שקלנו עם הקנים בלא (ידוע) : מרמיק בכודי . מטינן פת (לם) לכל הכבורה כאחת ואוכלין יחד והאחד גובה מכולם : אנא קאימנא ומרמינא . אגבה ואשים . סלי : שואי נפשאי כמאן דשקלי מיניה . עשיתי עצמי כגובה מימנו ונתתי משלי הלקי : לא ממיתה רע כו . ומיכו מיתה כגונה ימות אלא ממיתה שמת מאליה ומוכנת תיים : כלדאי . חוזה בכוכבים: (דלתה . המבהה) : למכבנתא . מזקה בל זהב שים באש סם כראשה : דיסתנאי . אמכבעדיישון : ובפי

חויא דפסיק ושדי בהרתי גובי . אמר ליה שמואל מאי עבדת אמר ליה כל יומא הוי מרמינן ריפתא בהדי הדדי ואכלינן האידנא הוה איכא חד מינן דלא הות ריפתא בהדיה והוה קא מכסיף אמינא להו אנא קאימנא ומרמינא . כי מטאי לגביה שואי נפשאי כמאן דשקילי מיניה כי היכי דלא ליכסף . אמר ליה מצוה עבדת נפק שמואל ודרש (משלי יא) וצדקה תציל ממות . ולא ממיתה משונה אלא ממיתה עצמה . ומדרבי ע[קי]בא נמי אין מזל לישראל דרבי עקיבא הויה ליה ברתא אמרי ליה כלדאי ההוא יומא ד[עיי]לא לבי גננא טריק לה חויא וכיתא . הוה דאיגא (מילתא) [אמילתא] טובא ההוא יומא [ש]קלתה למכבנתא דצתא בגודא איתרמי איתיב בעיניה דחויא . לצפרא כי קא שקלה לה [ה]וה קא סריך ואתי חויא בתרה אמר לה אבוה מאי עבדת אמרה ליה בפניא אתא עניא קרא אבבא והוו טרידי כולי עלמא בסעודתא וליכא דשמעיה קאימנא שקלתי ריסתנאי דיהבית לי יהבתיה ניהליה . אמר לה מצוה קעבדת נפק רבי עקיבא ודרש וצ[ד]קה תציל ממות ולא

ממיתה

---

צווייי שטיקער . אזוי וויא ער האט גיהאקט דיא הארץ הט ער צו האקט דעם שלאנג און ער האט אריין ניט גיוואוסט . הט שמואל גזאגט צו דעם מענטש וואס פאר א מצוה האסטו איצט גיטאהן . הט דער מענטש גזאגט צו שמואל אלע טאג גייט איינער פון אונז און נעמט צוא זאמען פון יעדען א שטיקל ברויט און מען לייגט אריין דיא ברויט אין איין קארב און מיר עסין אלע צו זאמען . איצט איז גיוועזן איינער פון אונז וואס ער הט ניט גיהאט קיין ברויט . און איך האב גיוואוסט אז ער האט ניט קיין ברויט . און ער וואלט געווים פאר שעמט גיווארין . האב איך גזאגט איך וועל גיין צו זאמען נעמען די ברויט . אז איך בין גיקומען צו דעם מענטש וואס האט ניט גיהאט קיין ברויט . האב איך מיך גימאכט גלייך ווי איך נעם פון איהם ברויט און איך האב גיגעבין פון מיין ברויט זיין חלק אויך . ער זאל ניט פאר שעמט ווערין . האט שמואל גזאגט צו דעם מענטש ווייל דוא האסט גיטאהן א מצוה דריבער האט דיך גאט מציל גיוועזן פון דעם שלאנג . איז שמואל ארויס גיגאנגען און הט גידרשנט עס שטייט אין פסוק צדקה איז מציל פון טויט . ניט נאר פון א מיתה משונה (פון א אום נאטירליכען טויט) איז צדקה מציל . נאר אפילו פון א נאטירליכען טויט איז אויך צדקה מציל . און אז מען גיט צדקה לעבט מען לאנג . זאגט די גמרא פון רבי עקיבא ווייסען מיר אויך אז יודין זענען ניט אונטער דעם מזל . ווארום רבי עקיבא הט גיהאט א טאכטער . דיא שטערין זעהער האבין גזאגט צו רבי עקיבא דעם טאג וואס דיין טאכטער וועט גיין צו דיא חופה וועט איר בייסען א שלאנג און זי וועט שטארבען . האט רבי עקיבא שטארק גיזארגט אויף דער זאך . דעם טאג פון איר חופה הט זי גינומען איר נאדעלע ברעך פון איר קאפ און הט אריין גישטעקט אין וואנט . הט זיך גיטראפען זיא הט אריין גישטעקט דיא ברעך אין דעם אויג פון א שלאנג . אין דער פריה וויא זיא הט ארויס גינומען די ברעך פון וואנט . הט זיך נאך גישלעפט דער שלאנג נאך איר . האט דער פאטער רבי עקיבא גזאגט צוא זיין טאכטער . וואס פאר א מצוה האסטו גיטאהן וואס גאט הט דיך מציל גיוועזן פון דעם שלאנג . הט זיא גזאגט צום פאטער פארין נאכט איז גיקומען א ארעם מאן און האט גירופען בייא דיא טיר מען זאל איהם עפענען . און אלע מענטשין פון שמחה זענען גיוועזן באשעפטיגט מיט דער סעודה . און קיינער האט ניט גיהערט וויא דער ארעם מאן הט גירופען . בין איך אויף גישטאנען און האב גינומען מיין חלק עסין וואס דוא האסט מיר גיגעבין און האב דאס גיגעבין דעם ארעם מאן . הט רבי עקיבא גזאגט צו זיין טאכטער ווייל דוא האסט גיטאהן א מצוה דריבער הט דיך גאט מציל גיוועזן פון ד..ב

שלייונ

סמיתה משונה אלא ממיתה עצמה. וסודב נחמן בר יצחק נמי אין מזל לישראל דאימיה דרב נחמן בר יצחק אמרי לה כלדאי בריך גנבא הוה. לא שבקתיה גלויי רישיה אמרה ליה כסי רישיך כי היכי דתיהוי עלך אימתא דשמיא ובעי רחמי. לא הוה ידע אמאי קאמרה ליה. יומא חד יתיב קא גרים תותי דיקלא נפל גלימא מעילוי רישיה דלי עיניה חזייה לדיקלא אלמיה יצריה סליק פסקיה לקיבורא בשיניה:

רחמי. נקב רחמים שלא ישלוט בך יצר הרע: קיבורא. אשכול תמרים ודקל לא היה שלו. ע"כ:

# סליק מסכת שבת

שלאנג. איז רבי עקיבא ארויס גיגאנגען אונ האט גידרשת עס שטייט אין פסוק צדקה איז מציל פון טויט. ניט נאר פון מיתה משונה (פון אאום נאטירליכען טויט) איז צדקה מציל. נאר אפילו פון אגייאיינגליכען טויט איז אויך צדקה מציל. אונ אז מען ניט צדקה לעבט מען לאנג. זאגט דיא גמרא פון רב נחמן בר יצחק ווייסען מיר אויך אז יודין זענען ניט אונטער דעם מזל. ווארום דיא שטערין זעהער האבין גזאגט צוא דיא מוטער פון רב נחמן בר יצחק דיין זוהן ווערט זיין א גנב. האט די מוטער ניט גילאזין רב נחמן זאל גיין אויף גידעקט דעם קאפ. דיא מוטער פלעגט אלע מאהל זאגען צו רב נחמן דעק צו דיין קאפ דיא מורא פון גאט זאל זיין אויף דיר. אונ זאלסט בעטין ביי גאט דער יצר הרע זאל ניט גיוועלטיגען אויף דיר. רב נחמן פלעגט ניט וויסען פאר וואס דיא מוטער זאגט אזוי צו איהם. ער האט אמאהל גיטראפין אטאג איז רב נחמן גיזעסין אונטער אטייטל בוים אונ האט גילערינט. איז אראפ גיפאלען דיא קליידער פון זיין קאפ. האט רב נחמן אויף גיהויבין זיינע אויגין אונ האט גיזעהן דעם טייטל בוים מיט דיא טייטלען. האט דער יצר הרע זיך גישטארקט אויף איהם אונ ער איז ארויף גיגאנגען אויף דעם בוים אונ האט אפ גערייסען אצווייגיל טייטלען מיט דיא ציין. אונ דער בוים איז גיווען אפרעמדער. איז מקוים גיווארין די רייד פון די שטערין זעהער אז רב נחמן וועט זיין א גנב:

מבצע לו . צלא יהיה אלא לפי דבריו: ולאתגה מפל. משמע דכטל כיה יורד כנר כדרכו : מין . לשון כיכן : נרתקו . כלי שמניח כרופא

**א אמר** רבי יהושע בן לוי אם עשו שפתותיו של אדם תנובה מבושר שנשמעת תפלתו שנאמר (ישעיה נז) בורא ניב שפתים וגו'. כשם שתחיית המתים חיים הם לעולם כך ירידת גשמים חיים לעולם. רבי חייא שמע לה מן הדא (הושע ו) יחיינו מיומים וגו' וסמיך ליה ונדעה נרדפה לדעת את ה' וכתיב (שם) ויבא כגשם וגו' מכאן ראיה. כתיב (מלכים א יז) ויאמר אליהו התשבי מתושבי הגלעד אל אחאב חי ה' אלהי ישראל אשר עמדתי לפניו אם יהיה השנים האלה טל ומטר כי אם לפי דברי רבי ברכיה ורבנן חד אמר על המטר נשמע לו ועל הטל לא נשמע לו וחד אמר בין על הטל בין על המטר נשמע לו כאן דאמר על המטר נשמע לו על הטל לא נשמע לו מן הדא (שם יח) לך הראה וגו' ואתנה מטר וגו'. ומ"ד בין על הטל ובין על המטר נשמע לו איכן הותר נדרו של טל אמר רבי תנחומא אדעתיה סבורין לומר נדר שהותר מקצתו הותר כולו. ואי בעית אימא בבנה של צרפית שנאמר (שם יז) ויקרא אל ה' וגו' הגם על האלמנה אשר אני וגו' אמר רבי יונה לאחד שגנב נרתקו של רופא עד שהוא יוצא נפצע בנו חזר אצלו ואמר לו אדוני הרופא רפא את בני אמר ליה

---

**א** אמר רבי יהושע בן לוי אויב די לעפצען פון מענטשין ריידין די תפלה בסדר און ער האט ניט קיין טעות איז ער אנגיזאגט אז זיין תפלה איז גיהערט געווארען ווארום עס שטייט אין פסוק גאט האט בשאפען די רייד פון מענטשין. אז ער רעדט אן אטעות. זאל ער וויסען אז עס איז שלום. אזוי ווי אז די מתים וועלען לעבעדיג ווערען. איז דאך דאס לעבין אויף די וועלט. אזוי אז עס גיהערט רעגין. איז דאס לעבען אויף די וועלט. רבי חייא ווייס דאס פון דעם פסוק. הושע הנביא האט גזאגט ער זאל אונז לאזען לעבען פון צוויי טעג נאהענט צו דעם פסוק שטייט נאך אפסוק מיר וועלין וויסען מיר וועלען נאך יאגין צו וויסען גאט און נאך שטייט אין פסוק ער וועט קומען צו אונז אזוי וויא ארעגין. פון דאנען ווייסען מיר אז רעגין איז גלייך מיט לעבען. ווייל עס שטייט יחיינו מיומים ויבא כגשם. עס שטייט אין פסוק אליהו התשבי דאס איז אליהו הנביא פון די איינוואהנער פון גלעד האט גזאגט צו אחאב אזוי וויא גאט לעבט. וואס איך בין געשטאנען פאר אים אויב אין די יאהרין וועט זיין טאה און רעגין. נאר אז איך וועל זאגען עס זאל זיין רעגין. וועט זיין רעגין. רבי ברכיה ורבנן קריגען איינער זאגט אויף רעגין האט מען גיפאלגט אליהו הנביא. און עס איז ניט גיוועןקיין רעגין. און אויף טאה האט מען אים ניט גיפאלגט. נאר טאה איז יא גיוועןן. און איינער זאגט סיי אויף טאה און סיי אויף רעגין האט מען אים געפאלגט. און עס איז ניט גיוועןקיין טאה און ניט קיין רעגין. דר וואס זאגט אויף רעגין האט מען אים גיפאלגט און אויף טאה האט מען אים נישט גיפאלגט ווייס ער פון דעם פסוק ווייל גאט האט גיזאגט צו אליהו. גיי ווער גיזעהן צו אחאב. וועל איך געבין רעגין. און גאט האט ניט גזאגט רעגין און טאה. ווייל טאה האט ניט אויפגיהערט צו גיין. און דער וואס זאגט סיי אויף טאה און סייא אויף רעגין האט מען אים געפאלגט ווא האט מען אים מתיר גיוועןדעם נדר פון טאה האט רבי תנחומא גזאגט נאך דעם תנא וועלין מיר מוזין זאגען אנדר וואס מען האט מתיר גיוועןאביסול פון אים. איז ער מותר געווארען אין גאנצען. ווייל מען האט מתיר גיוועןרעגין. איז שוין טאה אויך מותר געווארן. אויב דו ווילסט וועל איך דיר זאגען איין אנדער תירוץ ווען אליהו האט גיוואלט לעבעדיג מאכען דעם זוהן פון די צרפית. האט מען אים מתיר גיוועןדעם נדר פון טאה. ווארום עס שטייט אין פסוק אליהו האט גערופען צו גאט אויף די אלמנה וואס איך וואהן מיט איהר האסטו אויך שלעכטס גיטאהן צו טייטען איר זוהן: האט רבי יונה גזאגט דאס איז גלייך איינער האט גיגנבת אקעסטיל מיט מעדיצין פון אדאקטאר. ווי דר גנב איז נאר ארויס געגאנגען מיט די קעסטעל מעדיצין האט דער זוהן פון גנב בעקומען אמכה איז דער גנב אריין געגאנגען צום דאקטאר און זאגט צום דאקטאר

ליה לך והחזר את הנרתק שכל מיני רפואות נתונין שם ואני מרפא את בנך כך אמר הקב"ה לאליהו לך והתר גדרו של טל שאין המתים חיים אלא בטללין ואני מחיה ב:ה של צרפית. ומנין שאין המתים חיים אלא בטללין דכתיב (ישעיה כו) יהיו מתיך נבלתי יקומון וגו' כי טל אורות טלך. אמר רבי יעקב דכפר חנין בשעה שעשה אברהם זקנך רצוני נשבעתי לו שאיני מזיז טל מבניו לעולם מ"ט (תהלים קי) לך טל ילדותך וכתיב בתריה נשבע ה' ולא ינחם ואין ילדותך אלא עולם של הבל כמה דאת אמרת (קהלת יא) כי הילדות והשחרות הבל ואף על פי כן לך טל ילדותך. אמר רבי יהודה בן פזי נתתיו לאברהם מתנה דכתיב (בראשית כז) ויתן לך האלהים כטל השמים וגו'. אמר רבי שמואל בשעה שישראל באין לידי עבירות וכעשים רעים הגשמים נעצרים והם מביאין זקן אחד כגון רבי יוסי הגלילי והוא מפגיע בעדם והגשמים יורדים אבל הטל אינו יורד בזכות בריה לעולם ומאי טעמא (מיכה ה) כטל מאת ה' גו' אשר לא יקוה לאיש ולא ייחל לבני אדם. אמר רבי יוחנן ברית כרותה הלומד הגדה מתוך הספר לא במהרה הוא משכחה. רבי תנחומא אמר הסובר תלמודו לא במהרה הוא משכח ומאי טעמא (דברים ד) פן תשכח את הדברים אשר ראו עיניך וגו'

אמר

כלי אומנתו לתוכו: כנל. עיני עוה"ז שכבר נתונים בהם כוכבים ומזלות אבל זרע אבינים

---

מיין האר דאקטאר הייל מיין זוהן. זאגט דער דאקטאר צום נגב גיב מיר צוריק די קעסטיל וואס אלע ערליא מעדיצינען ליגען דארט וועל איך היילין דיין זוהן. אבער אז דו האסט צו גענומען די מעדיצינען מיט וואס וועל איך היילין דיין זוהן. אזוי האט גאט גזאגט צו אליהו דו האסט אנדר געטאהן עס זאל ניט זיין קיין טאה. אונ דו ווילסט איך זאל לעבעדיג מאכין דאס קינד גיי זיי מתיר דעם נדר פון טאה וואָרום מתים קענען אנדערש ניט לעבעדיג ווערין נאר מיט טאה וועל איך לעבעדיג מאכען דעם זוהן פון די צרפית. אונ פון וואנען ווייסען מיר אז די מתים ווערען אנדערש ניט לעבעדיג נאר מיט טאה וואָרום עס שטייט אין פסוק דיינע מתים וועלין לעבען די טויטע וועלין אויף שטיין. וואָרום א טאה פון ליכטיגקייט איז דיין טאה. רבי יעקב פון דארף חנין האט גזאגט גאט האט גזאגט צו אליהו ווען דיין זיידע אברהם האט געטאהן מיין ווילען האב איך געשווארען צו אים אז איך וועל קיין מאהל ניט אוועק נעמען טאה פון זיינע קינדער. וואס איז דער טעם. פון וואנען ווייסען מיר אז עס איז אזוי. ענטפערט דער ירושלמי. ווייל דוד המלך האט גזאגט. גאט האט גזאגט צו אברהם צו דיר וועט זיין דער טאה פון דיין יוגענד. דער נאך שטייט אין פסוק גאט האט געשוואָרין אונ ער וועט ניט חרטה האבען. דיין יוגענד מיינט מען די וועלט. וואס זיא איז אין נאנצען נאַרעש אזוי ווי שלמה המלך האט גזאגט די יונגע אונ די פריהע יאהרען זענען נארעש פון דעסטוועגען אפילו זיי זענען נאַרעש צו דיר וועט זיין דער טאה פון דיין יוגענד. דער טאה פון די וועלט וועט אייביג זיין ביי דיינע קינדער איך וועל זיי געבין די וועלט די נארעשע אויך. רבי יהודה בן פזי האט גזאגט גאט זאגט דעם טאה האב איך געגעבען אמתנה צו אברהם אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט וועט דיר געבין דיא טאה פון הימל. רבי שמואל האט גזאגט ווען יודען קומען צו עבירות אונ צו שלעכטע מעשים ווערען די רעגין אויף געהאלטען אונ זיי ברייגען א אלטען מאן. אזוי ווי רבי יוסי הגלילי אונ ער בעט פון זייערטוועגען נידערט רעגין. אבער טאה נידערט ניט אין דעם זכות פון אמענטש קיין מאל. פאר וואס. ווייל אין פסוק שטייט אזוי. אזוי ווי טאה וואס עס קומט נאר פון גאט. וואס דער טאה האפט ניט אויף אמענטש. אונ ווארט ניט אז אמענטש זאל בעטען פון זיינעטוועגען ער זאל קומען. רבי יוחנן האט גזאגט גאט האט כורת ברית געווען. ער האט צו גזאגט ווער עס לערנט אגדתות פון אספר. ניט אויסווייניג. ניט געשווינד וועט ער פארגעסען. רבי תנחומא זאגט דער וואס לערנט אונ פאר שטייט גוט וואס ער לערנט וועט ער ניט געשווינד פארגעסן. פאר וואס. אזוי ויא עס שטייט אין פסוק טאמער וועסטו פארגעסין די זאכען וואס דיינע

# ירושלמי ברכות

אמר רבי יוחנן כל המציע תלמודו בצנעא לא במהרה הוא משכח שנאמר (משלי יא) ואת צנועים חכמה. ריש לקיש מהגי באורייתא סגיא הוה נפיק ליה לבר מן תחומא דשבתא ולא ידע לקיים מה שנאמר (שם ה) באהבתה תשגה תמיד. רבי יודן ברבי ישמעאל הוה מהגי באורייתא כניא הוה נפיק וגלתיה שרעא מיניה והוא לא ידע לקיים מה שנאמר באהבתה תשגה תמיד:

הקב"ה בעצמו מגין עליהם : ונולדה צרעת ממנו. לבוש שהיה מתגולל בו נפל כיצד ולא היה מגין בו:

# סליק סדר שבת

---

אזוינֶען הָאבֶּען גִיזֶעהֶן. דְרִיבֶּער טוּז דֶער מֶענְטְשׁ טָאהְן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען אַז דִי תּוֹרָה זָאל פוּן איהם נִיט פַארְגֶעסֶען וֶוערֶען. רַבִּי יוֹחָנָן הָאט גִזָאגְט דֶער וָואס פַארְשְׁפְּרֵייט זַיין לֶערְנֶען וֶוער לֶערְנְט[ו] אִין אַבֶּעהַאלְטֶענֶעם אָרְט. קֵיינֶער זָאל נִיט ווִיסֶען. וֶועט עֶר נִיט גֶעשְׁווִינְד פַרְגֶעסֶען. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִי חָכְמָה אִיז מִיט דִי בֶּעהַאלְטֶענֶע. רֵישׁ לָקִישׁ אִיז אַמָאהְל גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַאר טְרַאכְט אִין דֶער תּוֹרָה. אוּנ דָאס אִיז גִיוֶוען אוּם שַׁבָּת אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט ווַייטֶער וִויא אַתְּחוּם שַׁבָּת אוּנ עֶר הָט נִיט גֶעווָאסְט. צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק. דוּרְךְ אִיר לִיבְּשַׁאפְט (פוּן דִי תּוֹרָה) זָאלְסְטוּ זַיין פַאר אִירְט. זָאלְסְט אַלֶע מָאהְל זַיין פַארְטְרַאכְט אִין דִי תּוֹרָה אַז דוּ זָאלְסְט הָאבֶּען אַטָעוּת אִין אַנְדֶערֶע זַאכֶען. רַבִּי יוּדָן בְּרַבִּי יִשְׁמָעאֵל אִיז אַמָאהְל גִיוֶוען שְׁטַארְק פַארְטְרַאכְט אִין דֶער תּוֹרָה עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס אוּנ זַיין מַאנְטִיל אִיז פוּן אִים אַרָאפּ גֶעפַאלֶען אוּנ עֶר הָט נִיט גֶעווָאסְט. צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִין דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן דִי תּוֹרָה זָאלְסְטוּ אַלֶע מָאל טְרַאכְטֶען. אַז דוּ זָאלְסְט אָפִּילוּ אִיבֶּערְזֶעהֶן וִוי אַשׁוֹטֶה. דֶער מַאנְטִיל זָאל פוּן אִים אַרָאפּ פַאלֶען אִין גַאס. אוּנ עֶר זָאל גָ[אר]
נִיט ווִיסֶען: